STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00592

ESEYEN

Itshe Goldberg

Permanent preservation of this book was made possible by
Elyse Beth Silverberg
in memory of
my father, Arthur Silverberg

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ע ס י י ע ן

איטשע גאָלדבערג

נסיונות

איקוף פאַרלאַג

1981

ITCHE GOLDBERG

ESEYEN (ESSAYS)

Copyright

ITCHE GOLDBERG

Publishers:

YIDISHER KULTUR FARBAND

1123 Broadway, New York, N. Y. 10010

הילע געצייכנט פון נחום אַלפּערט

געדרוקט אין:

KNIGHT PRINTING CORPORATION

382 Lafayette Street, New York, N. Y. 10003

96

געהייליקט דעם אָנדענק
פֿון אייגענע און נאָענטע, וואָס וואָלטן
זיך געפֿרייט מיט אָט־דעם ספֿר מײַנעם:

**יודל גאָלדבערג, שׂרה קאַגאַן, נאָנאַ
קאַפּלאַנסקי, דבֿורה ווילענסקי־זאַלצבערג,
ביילקע ווילענסקי, עטל גאָלדבערג, גיטל קאַגאַן.**

א. ג.

אַ וואָרט פֿריִער

די עסייען וואָס קומען אין דעם בוך זײַנען אַ טייל פֿון די, וואָס איך האָב געשריבן במשך די לעצטע פֿופֿצן יאָר. ס׳רובֿ זײַנען געווען געדרוקט אין דער „ייִדישע קולטור״. דאָס אויססדרן זיי אין באַזונדערע אָפּטיילן איז גיכער טעמאַטיש ווי כראָנאָלאָגיש.

אַ סך פֿון מײַנע אַרבעטן זײַנען געווען רעפֿעראַטן, אָדער לעקציעס, וואָס איך האָב געלייענט אין פֿאַרשיידענע שטעט בײַ פֿאַרשיידענע געלעגנהייטן. אין דער אמתן, דאַרף אפֿשר דער פּשט געלערנט ווערן פֿאַרקערט: מײַנע רעפֿעראַטן זײַנען כּמעט אַלע מאָל געווען געלייענטע עסייען. דאָך איז, דאָ און דאָרט, נאָך אַלץ ניכּר דער בעל־פּה נוסח. איך האָב אין טייל פֿאַלן איבערגעלאָזט אָט דעם טראָפּ פֿון בעל־דרשן.

הגם אַלע עסייען זײַנען רעדאַגירט געוואָרן, האָב איך בעצם איבערגעלאָזט די אָריגינעלע ווערסיע, אַזוי אַז עס באַקומט זיך פֿון־צײַט־צו־צײַט אַ שאָטן פֿון אַ סתּירה מיט זיך אַליין. אָן סכּנות. פֿאַרקערט: ס׳איז בלויז אַ ראיה, אַז נישט נאָר ווערט די זעלבע דערשײַנונג געזען אַנדערש פֿון פֿאַרשיידענע מענטשן, נאָר, אַז דער זעלבער מענטש זעט און שפּירט די זעלבע דערשײַנונג אַנדערש אין פֿאַרשיידענע צײַטן — אַנדערש און טיפֿער, מחמת ער אַנטפּלעקט פֿאַר זיך נײַע היילן און נײַע סודות, וואָס יעדער קינסטלער און יעדעס קונסטווערק באַהאַלטן געוויינטלעך אין זייערע סופּלאָזע פֿאַלדן.

בדרך כּלל, אָבער, זײַנען מײַן מאָס און אויסטײַטש פֿון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור געווען און געבליבן די זעלבע: איך האָב זי אויפֿגעפּאַסט ווי דער ווירקנדיקער כּוח, דער גורם — אין דער מאָס וואָס ליטעראַטור קאָן עס זײַן — וואָס האָט געהאָלפֿן געשטאַלטן און אויסקנעטן די פֿיזיאָנאָמיע פֿון אַשכּנזישן ייִדנטום במשך די לעצטע 100 יאָר — די ייִדיש־ייִדישע ליטעראַטור מער ווי וועלכע עס איז ליטעראַטור געשאַפֿן פֿון ייִדן אויף אַלע אַנדערע שפּראַכן, העברעיִש אַרײַנגערעכנט. מער ווי איין מאָל שטרײַך איך אונטער אין בוך, אַז ייִדיש גופֿא,

אַט דער וווּנדערלעכער קאָנצענטראַט פֿון אונדזער פֿאָלקישער דערפֿאַרונג, האָט גורם געווען די קרובֿהשאַפֿט פֿון פֿאָלק מיט זײַן ליטעראַטור. בלויז אויף ייִדיש האָט די אינערלעכע קעגנאַנאַנ־דיקע השפּעה געקאָנט רעאַליזירט ווערן. בלויז ייִדיש איז געווען ביכולת צו וועבן אַט די פֿאָלק־און־ליטעראַטור פֿעדעם, בלויז ייִדיש האָט געקאָנט ווערן די לאַנדשאַפֿט פֿון אונדזער פֿאָלקי־שער נשמה. פֿאָלקיש אין כּוללדיקסטן נאַציאָנאַלן אַרומנעם — היסטאָריש און גײַסטיק, אַ קווערשניט פֿון עפּאָכעס און אידעיִשע שטרעמונגען — פֿון צאנה־וראינה־לשון ביז די ערשטע סאָציאַ־ליסטישע בראָשורן, פֿון פֿאָלקסליד ביז דער ראַפֿינירטקייט פֿון אונדזער מאָדערנער דיכטונג.

עס איז ניט געווען מײַן כּוונה צו שרײַבן די געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, אַזוי אַז ס'איז ניט שײַך זיך צו וווּנדערן, הלמאי איך האָב ראובֿנען אַרײַנגענומען און שמעונען ניט. עס זײַנען בײַ מיר געבליבן ניט באַאַרבעטע עסייען פֿון מער ווי אַ צענדליק ייִדישע שרײַבערס פֿון דער אַלטער און פֿון דער נײַער ליטעראַטור. אַ שאָד. דווקא אויף טייל פֿון די אויס־געלאָזטע בין איך אויסגעוואַקסן (אויף בערגעלסאָנען, אויף לייב ניידוסן, אויף משה לייב האַלפּערנען, אויף לייוויקן), און צו טייל פֿון די שפּעטערע — ווי עלי שעכטמאַן, ווי אַבֿרהם סוצקעווער — האָב איך ספּעציעלע געפֿילן פֿון קרובֿהשאַפֿט.

די אָפּטיילן „ג" און „ד" — אי די אַרבעט וועגן די אַמעריקאַנער אַרבעטער־פּאָעטן און אי די אַרבעט וועגן דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור — זײַנען זיך אין תּוך סומך אויף איין עיקרדיקן פּאָסטולאַט: ניט קוקנדיק אויף אַלע אָפּטע בלאָנ־דזשענישן און אויבנאויפֿיקע נאַציאָנאַלע אויסגעהוילטקייטן — במזיד צי בשוגג צי בהכרח — איז די ייִדישע ליטעראַטור, אין אַלע אירע געשטאַלטיקונגען און מאַניפֿעסטאַציעס, אין אַלע אירע אויסשטראַלונגען, געווען און געבליבן אַ גאַנצקייט. און יעדער קאָמפּאָנענט אין אַט דער שעפֿערישער השלמה האָט זײַן ווערט. איך זאָג דאָס, מחמת דער טענדענץ וואָס איז אָנגעוואַקסן — און האַלט נאָך אָן עד־היום — ניט אַרײַנצונעמען אין חשבון פֿון אונדזער נאַציאָנאַלער יצירה, אָפֿט אַפֿילו צו פֿאַרחרמען, די אַמעריקאַנער ייִדישע אַרבעטער־דיכטערס אָדער די סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראַטור. ניטאָ כּמעט קיין איין אַנטאָלאָגיע פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע אויף ענגליש, וואָס זאָל מיט היסטאָרישער פֿאַר־שטענדעניש און אחריות האָבן אַרײַנגענומען אַ ווערטיקן אָפּקלײַב פֿון דער פּאָעזיע, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, סוף־נײַנצנטן אָנהייב־צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט, פֿון די פֿיר פּראָלעטאַרישע דיכטערס. די אַנטאָלאָגיסטן

זיינען, משמעות, אפילו ניט באקאנט מיט די גרינטלעכע ווערק פון נ. ב. מינקאוו, ב. י. ביאלאסטאצקי, קלמן מרמר און אנדערע, און זיי איז דעריבער פרעמד די רעוויזיע, וואס די דערמאנטע האבן דורכגעפירט און זייער ישוב־הדעתדיקער און סענסיטיווער איבערשאץ פון דער פיאנערישער יידישער ארבעטער־פאעזיע אין אמעריקע. דאס זעלבע איז אויך חל אויף דעם פארקרימטן צוגאנג צו דער סאוועטיש־יידישער ליטעראטור ביי די ענגלישע אנטא־לאגיסטן (און ביי טייל יידישע קריטיקערס). מיין כוונה אין ביידע פאלן איז געווען: ארויסהייבן זייער נאציאנאלן באטייט.

מהאי טעמא, האב איך אריינגענומען די גאנצע אפטיילונג „ז". איך האב ניט געוואלט, אז די מענטשן (און עס זיינען געווען א סך מער!) זאלן פארגעסן ווערן אין דער יידישער ליטעראטור, כאילו לא היו — ווי זיי וואלטן אויף דער וועלט ניט געווען, כאטש די נעמען פון טייל זיינען יא פארצייכנט אין א צאל לעקסיקאנען. אמת, פאראן אויך א פערזענלעכער מאמענט: דאס זיינען אלץ מענטשן מיט וועמען מיר איז אויסגעקומען ארבעטן א סך יארן, בעיקר אין יידישע שולן, אדער ווי דער רעדאקטאר פון „יונגווארג" (1951—1937). די כוונה מיינע: למען יזכרו, זיי זאלן געדענקט ווערן, ניט פארגיין אן א סליאד. אין דער קאטע־גאריע גייען אויך אריין עטלעכע אין אפטייל „ד".

* * *

לאמיך צוטראגן מיין הארציקן דאנק דעם וואונדערלעכן בוך־קאמיטעט (אט די מאדערנע פאטראנען־און־פאטראנעסעס, ביי־העלפערס און באשיצערס פון אונדזער ליטעראטור), וואס האט זיך מיט איבערגעגעבנקייט און אחריות, מטפל געווען און מיגלעך געמאכט, אז דאס בוך זאל דערשיינען. איך בעט די אנשי־קאמיטעט זיי זאלן מיר מוחל זיין, הלמאי דער פראיעקט האט זיך פארצויגן — מיין שולד. זאלן זיי צוזאמען מיטן דאנק, צונעמען מיין חברשאפט און ליבשאפט.

איטשע גאלדבערג

ניו־יארק, אקטאבער, 1981.

דער תוכן

א

ארחם את המענטש (דער גרונטמאָטיוו פֿון דער
יִידישער קלאַסיק) — — — — — — — — — — 13
„בלוט און גאַל, טרייסט און האָפֿענונג" (צום 100סטן יובֿל
פֿון דער מאָדערנער יִידישער ליטעראַטור) — — — — 24
די יִידישע קלאַסיקערס — זייער השפּעה אויפֿן יִידישן לעבן 33
די לויטערע ירושה פֿון שלום עליכם — — — — — — — — 46
יצחק לייבוש פּרץ — דער גאַנצסטער ייִד פֿון אונדזער עפּאָכע 63
דער דויערנדיקער יצחק לייבוש פּרץ — — — — — — — 80
נוסח רייזען — — — — — — — — — — — — — 89

ב

נאָך 60 יאָר (די טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ) — — — — — 99
דער שטורעם־פֿויגל פֿון יִידישן קולטור־רענעסאַנס
(חיים זשיטלאָווסקי) — — — — — — — — — — — 111
נחמן מייזיל דער קריטיקער — — — — — — — — — 123
אחריות און ליבשאַפֿט (צו נחמן מייזילס דריטער יאָרצײַט) 134
דער תּנא פֿון מיישאַגאָלע (קלמן מרמר) — — — — — — 143
קלמן מרמר — — — — — — — — — — — — — 151

ג

דאָס נאַציאָנאַלע פּנים פֿון די ערשטע אַרבעטער־פּאָעטן
אין אַמעריקע — — — — — — — — — — — — 163
אויף דער שוועל פֿון צווייטן יאָרהונדערט (100 יאָר יִידישע
ליטעראַטור און פּרעסע אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן) 189

ד

וועגן דעם נאַציאָנאַלן מהות פֿון דער יִידישער ליטעראַטור
אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד — — — — — — — — — — 209

דער נאַציאָנאַלער אָדער אין דער סאָוועטיש-ייִדישער ליטעראַטור — — — — — — — — — — — — — — — 220

ה

איציק מאַנגער — סינטעז פֿון וויזיע און מוזיק — — — — 237
איציק מאַנגערס „דאָס בוך פֿון גן־עדן" — — — — — — — — 253
מאַנגערס „מגילה" אין טעאַטער — — — — — — — — — 259
זישע ווײַנפּער — — — — — — — — — — — — — — — — 264
בער גרינס „אייביק גרין" — — — — — — — — — — — — — 282
בער גרין דער קריטיקער — — — — — — — — — — — — — 292
קלאָרקייט, עכטקייט און פּשטות (וועגן כאַוועער פּאַווער) — 299
כאַוועער פּאַווער, דער שרײַבער פֿאַר קינדער — — — — — — 302
ל. מילער — דער דיכטער וואָס זינגט שירה צום לעבן — 308
מאַרטין בירנבוימס „לידער פֿון הײַנט און נעכטן" — — — 315

חיים סלאָוועס — — — — — — — — — — — — — — — — 326

ו

די געטאָ-טעמע אין דער ייִדישער פֿאָלק שאַפֿונג — — — — — 337

ז

משה שיפֿרים — — — — — — — — — — — — — — — — 371
ישׂראל בער ביילין — איינער פֿון די לעצטע פּראָלעטאַרישע משׂכּילים — — — — — — — — — — 375
משה סטרוגאַטש — — — — — — — — — — — — — — — 381
שׂרה באַרקאַן — — — — — — — — — — — — — — — 383
ש. דייקסל — צו זײַנע 85 יאָר — — — — — — — — — 389
נחום ווײַסמאַן — — — — — — — — — — — — — — — 396
אהרן מייזעל — — — — — — — — — — — — — — — — 402

ח

יצחק באַשעוויס-זינגער און די ייִדישע ליטעראַטור — — — 409

א

ארחם את המענטש —
אָדער
דער גרונטמאָטיוו פֿון דער ייִדישער קלאַסיק

(צום 100־יאָריקן יובֿל פֿון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור 1864—1964)

הונדערט יאָר מאָדערנע ייִדישע ליטעראַטור איז ניט קיין אָפּגעריסענע קולטור־דאַטע אין ייִדישן פֿאָלקס לעבן. עס גייט ניט וועגן אַ ליטעראַטור, וואָס איז פֿריִער ניט געווען און איז פּלוצעם געוואָרן. מיר פֿאַרצייכענען אַ וויכטיקן עטאַפּ אין אַ דריי־פֿיר טויזנטיאָריקער אַנטוויקלונג פֿון אונדזער פֿאָלקס־קולטור. דער פֿירגייער פֿון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור איז ניט נאָר די השׂכּלה־ליטעראַטור, ניט נאָר די חסידישע מעשׂה, ניט נאָר די שאַפֿונגען אויף ייִדיש אין משך פֿון אַכט־ניין הונדערט יאָר פֿאַר מענדעלען, ניט נאָר די שאַפֿונגען אין אַנדערע שפּראַכן — נאָר דער תּנ״ך גופֿא און די נאָכתּנכישע ליטעראַטור זיינען די אורערד אויף וועלכער ס׳האָט אויפֿגעשפּראָצט די מאָדערנע ייִדישע ליטעראַטור. די מאָדערנע ייִדישע ליטעראַטור איז אַ טרעפּ אין נאַציאָנאַלן לייטער פֿון אונדזער פֿאָלקס־קולטור, אַ טרעפּ, וואָס אָן אים איז דער לייטער קיין לייטער ניט.

דאָס איז אָבער נאָך ניט אַלץ: דאָס איז בלויז אין דער נאַציאָנאַלער טיף. אין דער אוניווערסאַלער ברייט — וואָלט די מאָדערנע ייִדישע ליטעראַטור ניט מיגלעך געווען אָן סערוואַנטעס און אָן גאָגאָל, אָן הוגאָ, אָן טשעכאָוו, אָן דיקענס און אַפֿילו אָן טאָמאָס הוד — אָן דעם קריטישן און סאָציאַלן הומאַניזם פֿון ניינצנטן יאָרהונדערט און זיינע פֿירגייערס.

מיר זעען, דעריבער, פֿאַר זיך אַ קולטור־דערשיינונג, וואָס האָט פֿאַרסכהכּלט טויזנטעריאָריקע קולטור־ווערטן, זיי איבערגעזעצט אין דעם אידיאָם פֿון אונדזער צייט און אין דער שפּראַך אין וועלכער דאָס פֿאָלק האָט געלעבט, אָפּגעקליבן און צוגעפּאַסט די קולטור־ווערטן צו אַ נייער געזעלשאַפֿטלעכער קאָניונקטור און איבערגעגאָסן אַלטע ווײַנען אין נייע קריגלעך, און גלייכצייטיק זיך איבערגעוואונקען מיטן מענטשלעכן פּאָרויסגאַנג, מיטן פֿרייען געדאַנק און דעם הומאַניזם פֿון ניינצנטן יאָרהונדערט.

מענדעלע האָט געלערנט סיי פֿון די נבֿיאים פֿון אַמאָל און סיי פֿון

די גרויסע קריטישע ראַליסטן פֿון 19טן יאָרהונדערט ווי דיקענס אָדער הוגאָ, ער איז אַפֿילו געווען באַקאַנט מיט פֿילדינגן, דעם מחבר פֿון „טאָם דזשאָונס, די פֿאָונדלינג״; און ווינטשעווסקי האָט איבערגעזעצט טאָמאַס הוד, און באָווּשאָוער — עמערסאָנען.

אויפֿן קליגסטן, דינסטן און רחמימדיקסטן אופֿן האָט די מאָדערנע ייִדישע ליטעראַטור — בעיקר די קלאַסיקער, און זיי האָבן געשטעלט דעם טאָן אויף ווײַטער — ניט בלויז רעגיסטרירט די דערפֿאַרונג פֿון פֿאָלק, נאָר געגעבן אויסדרוק צו דער פּסיכיק און צו דער לעבנס־חכמה פֿון אונדזער פֿאָלק, צו דעם ספּעציפֿיש ייִדישן אופֿן פֿון רעאַגירן אויף דער וועלט, צו דעם איינציקמיניקן אופֿן אונדזערן פֿון דורכרײַסן זיך מחושך לאורה — פֿון דער פֿינצטערניש צו ליכט. די קלאַסיקערס האָבן ניט בלויז פֿאַרסכהפֿלט די נאַציאָנאַלע דערפֿאַרונג, נאָר זי גלײַכצײַטיק דערהויבן צום אוניווערסאַלן. זיי האָבן ניט בלויז פֿאַרצייכנט אַ באַשטימטע עפּאָכע, נאָר אָנגעכאַפּט דעם איבערצײַט־עלעמענט אין דער עפּאָכע. מחמת דעם טראָגט זיך אין זייער שאַפֿן דער אָטעם אי פֿון המשך און אי פֿון דויער, אי פֿון פֿריִער און אי פֿון מאָרגן.

וואָס, אייגנטלעך, זײַנען געווען די שטראָמען, וואָס זײַנען געפֿלאָסן אין דער ליטעראַטור און וואָס האָבן זי אָנגעפֿילט מיט אַזוי פֿיל נאַציאָנאַלע זאַפֿטן און אַזוי פֿיל געזעלשאַפֿטלעכן האַפֿט, אַז זי זאָל ווערן איינער פֿון די סאַמע ווירקנדיקסטע איבערדערצי־כּוחות אין ייִדישן לעבן? וואָס האָט די ליטעראַטור פֿאַרמאָגט אין זיך, אַז זי זאָל פֿאַרפֿעסטיקן דעם מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדישן ישובֿ, ווו די ליטעראַטור איז געבוירן געוואָרן, ווי דעם צענטער פֿון דער גײַסטיקער אויסגעשטאַלטונג פֿון אונדזער פֿאָלק די לעצטע הונדערט יאָר? („מזרח־אייראָפּע״, אין אונדזער קאָנטעקסט, איז אויך כּולל די צפֿון־אַמעריקאַנישע ייִדישע פֿאָלקס־קולטור, וואָס איז אַ טייל פֿון אונדזער מאָדערנער אַשכּנזישער קולטור־ספֿערע, און אויך די יצירה פֿון מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדישן עמיגראַנט אין אַנדערע לענדער).

לאָמיר פּרוּוון ענטפֿערן, ייִדישלעך, מיט אַ פֿראַגע אויף אַ פֿראַגע:

אין וואָסער ליטעראַטור האָט זיך די אונטערדריקטע, צעטומלטע, ייִדישע פֿאָלקמאַסע, געכאַפּט אין קלעם פֿון היסטאָרישע געשעענישן, רדיפֿות און טראַנספֿאָרמאַציעס, געניייטיקט? וואָס האָט די פֿאָלקמאַסע, דער רובֿ מנין פֿון אונדזער פֿאָלק אין יענער צײַט, אייגנטלעך, באַדאַרפֿט האָבן? דאָס פֿאָלק האָט באַדאַרפֿט ברויט, בילדונג, אַ געפֿיל פֿון זעלבווערטיקייט, גלויבן אין זיך און אַ געפֿיל פֿון ביטחון אין דער וועלט, ניט קוקנדיק אויף דער אומיושרדיקייט און די עוולות. מער נאָך: דאָס פֿאָלק האָט באַדאַרפֿט, אַז מ׳זאָל עס באַפֿרײַען, לויזמאַכן פֿון די פּענטעס, וואָס האָבן עס צוריקגעהאַלטן, אַראָפּקראַצן דעם שימל פֿון דעם טראַגישן מיטלעלטער, און אים העלפֿן ווידערגעבוירן ווערן, כּדי צו באַגעגענען דעם אַנפֿלי פֿון שינויים און איבערגעשטאַלטונגען.

די פאָלקמאַסע האָט באַדאַרפֿט, אַז מ׳זאָל זי ליב האָבן, זי לערנען, און פֿלאַנצן אין איר ביטחון און אַ געפֿיל פֿון זעלבחשיבות.

דאָס האָט זי באַדאַרפֿט און דאָס האָט איר די קלאַסיק צוגעטראָגן — ווי עס וואָלט געווען אַ פֿאַל פֿון היסטאָרישער באַשטעלונג, ווײַל ניט אַלע מאָל רײַפֿן די קולטור־כּוחות אַזוי שנעל און געטנוי לויט דער נויט פֿונעם פֿאָלק. ווײַט ניט אַלע פֿעלקער, וואָס באַפֿרײַען זיך פֿון יאָך און שטייען ערבֿ גרויסע היסטאָרישע טראַנספֿאָרמאַציעס, ווערן שנעל באַזאָרגט מיט די נייטיקע קולטורעלע און קינסטלערישע כּלי־זיין. אָט דער פֿאַקט גופֿא באַשטעטיקט ווידער אַ מאָל, אַז די ייִדישע ליטעראַטור איז אַרויסגעוואַקסן פֿון טויזנטער יאָרן קולטור־טראַדיציע, אַז איר רוי־מאַטעריאַל האָט זיך געצײַטיקט אין משך פֿון דורות אין די קולטור־אינגעווײדן פֿון פֿאָלק. וואָס די סיבות זאָלן ניט האָבן געווען, איז דאָס באַווײַזן זיך אויף איין מאָל פֿון מענדעלע, שלום עליכם און פּרץ (מ׳טאָר אויך ניט פֿאַרגעסן מ. ספּעקטאָרן, און י. י. לינעצקין און דינעזאָנען און ש. פֿרוגן און די אַמעריקאַנער אַרבעטער־דיכטער) אַ דערשײַנונג פֿון אַ היסטאָרישער דימענסיע, וואָס זאָגט עדות אויף דער זעלטענער קולטור־שעפֿערישער פּאָטענץ פֿון פֿאָלק, און אויף דעם גאַנצן אַרומנעם פֿון דער הונדערטעריאָריקער שאַפֿונג אויף ייִדיש.

וואָס זײַנען געווען די שטראָמען וואָס האָבן געפֿלאָסן אין דער ליטעראַטור, וואָס האָבן זי באַלעבט, און וואָס האָבן באַוואָסערט דעם טראַגיש־טונקעלן מדבר פֿון ייִדישן לעבן אין דער מיט פֿון נײַנצנטן יאָרהונדערט?

דער הויפּטשטראָם, וואָס האָט געפֿלאָסן אין דער ליטעראַטור, כּסדר אויפֿגעפֿרישט און דערוואָרעמט סײַ די ברעגן און סײַ די וואַסערן גופֿא, איז געווען דער שטראָם פֿון גרויסן הומאַניזם. דער הויפּט־טאָן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס האָט אויסגעדריקט דעם תּמצית פֿון דער פֿאָלקישער פּסיכיק, איז געווען די ליבשאַפֿט צום מענטשן און די פֿאַרגלייבטקייט אין אים. אָן די צוויי תּוך־עלעמענטן בלײַבט גאָרניט, בלויז ביכלעך וואָס האָבן געשילדערט דעם ייִדישן לעבן־שטייגער אין 19טן יאָרהונדערט. דאָס איז נאָך ווײַט נישט קיין ליטעראַטור, קיין נאַציאָנאַלע ליטעראַטור אַוודאי נישט. די ליבשאַפֿט, געפּאָרט מיט גלויבן, האָט זיך אויסגעדריקט אין פֿאַרשיידענע גראַדאַציעס — פֿון זיסן סענטימענטאַליזם און דער פֿאַרטערטקייט פֿון יעקבֿ דינעזאָן ביזן אַקטיוון הומאַניזם, וואָס שטעלט זיך אײַן פֿאַרן מענטש, וואָס שטורעמט ניט בלויז די ערד, נאָר אויך די הימלען, כּדי דעם מענטש פֿון נויט, יסורים, פֿאַרגרעבטקייט און פֿאַרלוירנקייט אַרויסצוהייבן פֿון יצחק לייבוש פּרצן.

אין סאַמע צענטער פֿון דער גאַנצער ייִדישער מאָדערנער ליטעראַטור שטייט דער מענטש. ארחם את המענטש — איך וועל זיך דערבאַרעמען איבערן מענטשן איז דער לייטמאָטיוו פֿון דער ייִדישער קלאַסיק,

וואָס איז געבליבן, אין אַלגעמיינע שטריכן, ווי דער לייטמאָטיוו פֿון דער ליטעראַטור אין משך פֿון הונדערט יאָר.

אָט דער רחמימדיקער הומאַניזם איז אַ קאָמפּליצירטע אידעאָלאָגישע און פּסיכאָלאָגישע דערשיינונג. ער גייט אַרויס פֿון דער הנחה, אַז אויב דער מענטש איז דאָס איבערשטע פֿון שטייסל, דאַרף די ליטעראַטור זיך מיִען פֿאַר אים, און זיך איינשטעלן פֿאַר אים און זיך קעגנשטעלן די וואָס פּייניקן אים, מחמת זיי זיינען די רשעים פֿון דער וועלט. דער גוואַלד־געשריי קעגן דער עוולה, וואָס קייקלט זיך דורך דער ייִדישער ליטעראַטור, פֿון מענדעלעס „טאַקסע", ווינטשעווסקיס „פֿריינהייט־גייסט" און פּרצעס „מיין ניט" ביז לייוויקס „חתונה אין פֿערענוואַלד" און פּעפּערס „שאַטנס פֿון וואַרשעווער געטאָ" און מאַרקישעס „מלחמה" איז דער קעסלפּויק אין אַן אָרקעסטער, וואָס שטילט קיין מאָל ניט איין, וואָס פּאַרטויבט אָפֿט די פֿידלען און וואָס רייסט אויף און לאָזט ניט איינשלאָפֿן ניט די שפּילערס און ניט די צוהערערס. עס טראָגט זיך אַן אומרו איבער דער ייִדישער ליטעראַטור, מחמת עס טראָגט זיך אַן אומרו איבערן פֿאָלק, מחמת עס טראָגט זיך אַן אומרו איבערן מענטש אין משך פֿון די דורות זינט מענדעלעס „דאָס קליינע מענטשעלע" האָט זיך באַוויזן, אין 1864.

„אָ, מיין ניט, לית דין ולית דיין", בייזערט זיך פּרץ. „אַרבעטער ברידער, וואַכט אויף" בעט זיך עדעלשטאַט. „עס וועט ניט זיין געשענקט" — וואָרנט בערגעלסאָן.

אָבער דאָס אַליין — דער גוואַלד קעגן דער עוולה איז נאָך ניט גענוג. דער סאָציאַלער אויפֿרייס און דער פּראָטעסט איז נאָך פֿאַר זיך אַליין קיין גרויסע ליטעראַטור ניט. אָפֿט דאַרף מען ניט נאָר באַפֿרייען דעם מענטש פֿון אַ בייזן און רשעותדיקן אַרום, מען דאַרף דעם מענטש באַפֿרייען פֿון זיך אַליין. באָרושאָווער, אַ טאַלאַנטפֿולער דיכטער, אָבער אַ קינד פֿון אַן עפּאָכע וואָס האָט סימפּליפֿיצירט קאָמפּלעקסע געשעענישן, זיי געזען אין צוויי דימענסיעס — שוואַרץ און ווייס — גלייבט אַז מ'דאַרף בלויז אויסרייסן די דערנער און די בלומען וועלן שוין פֿון זיך אַליין זיך צעבליִען. מענדעלע, שלום עליכם און פּרץ זעען נאָך ניט קיין בלומען. זיי זעען קנאָספּן, זיי זעען קערנער, זיי גלייבן, אַז מען דאַרף די בלומען אַליין ערשט צום לעבן אויפֿוועקן. עס איז ניט גענוג צו באַפֿרייען „פֿישקע דער קרומער" פֿון די שמאַטעס — ער וועט נאָך אַלץ בלייבן אַ קרומער און אַ שטאַמלדיקער. עס איז ניט גענוג צו באַפֿרייען בנימינען פֿון דער אילוזיע פֿון די רויטע ייִדעלעך, מען דאַרף אים ניט נאָר ווייזן וווּהין צו גיין, מע דאַרף אים לערנען גיין. און כּדי צו קאָנען גיין, דאַרף ער ניט מורא האָבן שטעלן טריט און גלייבן, אַז ער קאָן גיין. די ייִדישע פֿאָלקמאַסע אין דער מיט פֿון 19טן יאָרהונדערט האָט גייסטיק געשטעקט אין 17טן יאָרהונדערט. מען האָט געמוזט אויסקעמען דעם אַנוווקס פֿון דורותדיקע קאָלטענעס

אויפֿן באַוווסטזיניק, כּדי זי זאָל קאָנען אַרײַנשטעלן אַ טראָט אין צוואַנ־ציקסטן יאָרהונדערט אַרײַן. עס איז נייטיק געווען די מאָסן באַפֿרײַען פֿון היגטערשטעליקייט, צוריקגעשטאַנענקייט און פֿאַנאַטיזם. עס איז נייטיק געווען באַפֿרײַען זיי פֿון פּענטעס וואָס האָבן געשלעפּט אויף צוריק. אַזוי, אַז די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור איז געווען ניט נאָר אַ נאַ־ציאָנאַלער דערצי־אינסטרומענט פֿון היסטאָרישן באַטײַט, נאָר אויך אַ באַפֿרײַונג־פּראָצעס, וואָס האָט מיט אַ שנעלן טעמפּאָ געהאָלפֿן טראַנס־פֿאָרמירן אַ מיטלאַלטערלעך פֿאָלק אין אַ דיפֿערענצירטן, פֿאַרשיידנאַר־טיקן, זיך־אַליין־באַוווסטזיניקן נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם.

רחמים און ליבע זײַנען געווען בלויז איין אויסדרוק פֿון דער ליטע־ראַטור. געפּאָרט מיט די איז געגאַנגען די באַפֿרײַערישע זיך־באַוווסטזי־ניקע זעלבסט־קריטיק. די יידישע ליטעראַטור האָט שאַרף קריטיקירט די אַכזריות פֿון דעם אָרום, פֿון דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער אונטערדריקונג. זי האָט אָבער גלײַכצײַטיק פּונקט אַזוי אַנפּניותדיק קרי־טיקירט די אינערלעכע צוריקגעשטאַנענקייט און די מורא צו גיין פֿאָרויס. אָבער בעת די קריטיק אויפֿן דרויסן איז אַרויסגעגאַנגען פֿון שינאה קעגן דעם אומיושר און דער רישעות, האָט די קריטיק אויף אינע־ווייניק אַרויסגעקוואָלט פֿון געלײַטערטער פֿאַרליבטקייט אין פֿאָלק און אין דעם מענטש. אָבער זי איז ניט געווען קיין מילדער פּירוואָרף־און אויסרייד־קריטיק, די אויף אינעווייניק, זי איז געווען אַ שאַרפֿע און אַן אַנפּניותדיקע. אמת, ווען טייל מענדעלעס ווערק — אָדער שלום עליכמס — וואָלט געשריבן געוואָרן פֿון אַ ניט־יידן, וואָלטן זיי פֿאַר־שריגן געוואָרן — און מיט רעכט — ווי אַנטי־יידיש, אויב ניט אַנטי־סעמיטיש. אָבער — די היפּאָטעזע גופא, די סברה איז אַ פֿאַלשע און מוז פֿירן צו פֿאַלשע פּועל־יוצאס: אַ ניט־ייד, אַ גאַנצער מנין ניט־יידן, די גרעסטע קינסטלערס, וואָלטן ניט קאָפּאַבל געווען אָנצושרײַבן איין בלעטל פֿון „פֿישקע", אָדער פֿון „בנימין", אָדער פֿון „מנחם מענדל", שוין אָפּגערעדט פֿון „טביהן".

[מחמת דעם איז די מאָדע, וואָס האָט זיך לעצטנס פֿאַרשפּרייט, צו דערקלערן מענדעלען ווי אַ שונא־ישראל, אין זיך אַליין אַ שטיק טפּשות און רישעות. למשל: דער ישראל־שרײַבער וואָס דערקלערט, אַז מענדעלע האָט אָנטפּלעקט „את נשמת הבהמה, הצפרדע והפשפש" (די נשמה פֿון דער בהמה, דער זשאַבע און דער וואַנץ), אַן ענלעכע חכמה ווערט אי־בערגעזאָגט פֿון אַן אַנדערן יידישן שרײַבער אין אַמעריקע: ער דער־קלערט — אין אַ ברִיוו צו דער „ניו־יאָרק טײַמס", אַז שלום עליכם איז אַ מין פּרימיטיווער פֿאָלקשרײַבער, און ער שטעלט פֿאַר די „גויים" די אידעלע און כּלומרשט אומשולדיקע פֿראַגע: „צי קאָן אַ פֿאָלקשרײַבער זײַן אַ גרויסער געניוס"?]

די קריטיק אויף אינעווייניק פֿון דער קלאַסיק האָט אַרויסגעקוואָלט פֿון דער טיפֿסטער ליבע. עס איז געווען אַ באַוווסטזיניקער פּראָצעס פֿון

אויפֿבויען, אויפֿשטעלן דעם גלויבן אין זיך ביי אַ פֿאָלקמאַסע, וואָס מען האָט זי אין משך פֿון דורות פֿאַרגרעבט, אַנטמענטשלעכט, פֿאַרגוואַל־דיקט, פֿאַרפֿאָלגט. בלויז דער גלויבן, אַז מען קאָן אויפֿהייבן און אויס־בעסערן דעם מענטש, אַז ער טראָגט אין זיך קערנער פֿון דער אייגענער גאולה, האָט געשפּייזט די נאַציאָנאַלע קריטיק פֿון די קלאַסיקערס. זייער כּוונה איז געווען אַרויסצובאַפֿרייען, אַרויסצוכישופֿן דעם ניצוץ אדם ואלהים פֿון אונטער די שמאַטעס. מענדעלע וויל באַפֿרייען דעם פּרינץ וואָס איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קליאַטשע, דעם מענטש, וואָס מ׳האָט פֿון אים געמאַכט אַ בעטלער. אָבער כּדי צו באַפֿרייען דעם פּרינץ און דעם מענטש דאַרף מען זיי דערזען אונטער דער פֿערדישער פֿעל און אונטער די בעטלערישע טראַנטעס. מער ווי דאָס: „פֿישקע דער קרו־מער״ איז גאָר קיין פּרינץ ניט, ער איז בפּועל ממש אַ בעטלער, אָבער אינעם בעטלער דרעמלט אַ געלײַטערטע מענטשלעכקייט, די פֿעיִקייט אויף זעלטענער, רייַנער ליבע. ווען ניט אָט דער אוממיטלבאַרער גלויבן אין מענטשן, וואָלט דער קאָלעקטיווער אויסדרוק פֿון דער קריטיק פֿון די קלאַסיקערס געווען אַ בייזוויליקער, אַנפֿאַלערישער, וואָס וואָלט קיין סך ניט אויפֿגעטאָן. אַדאַנק דעם גלויבן ווערט זייער סאָציאַלער אויס־געשריי קעגן דרויסן און אינעווייניק, אַ קולטור־דערשײַנונג פֿון אַזאַ היסטאָריש־נאַציאָנאַלן פֿאַרנעם, אַז ער פֿאַרגלײַכט זיך מיט דעם קאָ־לעקטיוון תּנכישן פּראָטעסט פֿון די נביאים לטובֿת דעם געפּײַניקטן מענטש. עס איז ניט געגאַנגען בלויז אין מצדיק זײַן, זאָגן „כּי טובֿ״ איפֿן מענטש ווי ער איז. עס איז אין אמתן שווער צו גלאָריפֿיצירן דעם טונעיאַדעווקער, דעם כּתריליק — פֿישקען אָדער מנחם מענדלען.

עס איז אָבער יאָ געגאַנגען אין אַנטיציפּירן דעם מענטש, אים פֿאָ־רויסזען, ווי ער וועט זײַן, באַפֿרײַט פֿון קלעם פֿון אונטערדריקונג און באַליידיקונג, דעהומאַניזאַציע און פֿאַרוואָרלאָזטקייט.

„און וועלטן בוי איך אויף״ — זאָגט פּרץ — „וועלטן שענערע, בעסערע, ווו דער וואָס מען טרעט אים ווי אַ וואָרעם, ווערט דער מענטש — דער בעל דעה...״

גייען מיר אַ ביסל ווײַטער. די ייִדישע ליטעראַטור איז פֿול מיט באַפֿרײַערישן זעלבחוזק. דער זעלבחוזק שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ מדרגה פֿון דערהייבענעם משפּטן זיך אַליין. מנחם מענדל וואָלט געווען ניט מער ווי אַ קאַריקאַטור, אַן אָפּלאַכערישע באַשרײַבונג פֿון אַ שלימזלדיקן ייִד, וואָס פֿאַרלאָזט ווײַב און קינד און יאָגט זיך נאָך ניט־געשטויגענע גליקן. אָבער אַ מנחם מענדל, וואָס משפּט זיך אַליין, ווערט שיער ניט אַ טראַ־גישע פֿיגור, אַ מענטש, וואָס ווערט געכאַפּט אין צוואַנג און תּהום פֿון אַ לעבן וואָס ער קען ניט גובֿר זײַן, פֿון תּנאים וואָס צעמאָלן און דע־הומאַניזירן אים און ער ראַנגלט זיך אַ הילפֿלאָזער און לאָזט זיי דאָך ניט אים בײַקומען. בעל־מחשבֿות האָט אַמאָל געזאָגט, אַז מנחם מענדל איז „די ייִדישע משוגעת אין געשטאַלט פֿון אַ ייִדיש סוחרל״. צו שמאָל

אויפֿגעפּאַסט. עס איז ניט בלויז קיין ייִדישע משוגעת, די משוגעת איז אַפֿילו ניט דווקא קיין ייִדישע. עס איז גיכער די היסטאָרישע ייִדישע פֿאַרביטערונג, די ייִדישע טרער און דער צאַפּל קעגן דער עוולה, דאָס ייִדישע קלאַמערן זיך אין אַ שטרוי פֿון האָפֿענונג כּדי לעבן צו בלײַבן, די פֿאָלקישע פֿעיִקייט לעבן צו בלײַבן דורך אַלע אוממעגלעכע וועגן און פֿאַרטלען, די מידה פֿון פֿאָלקמענטש, וואָס משפּט זיך ווען ער הייבט אָן פֿאַרלירן דעם צלם־אלהים (גיכער, דעם צלם־אָדם), אַפֿילו די פֿעיִקייט זיך צו שפּײַזן מיט אַן אויסגעטראַכטן ביטחון, מיט אַן אילוזיע, פֿאַרפֿירט ווערן פֿון אַ השגה — אַבי ניט אונטערגיין. אָט דער זעלבּ־חוזק, אָט דער זעלבמשפּט, ווען אונטערגעשפּאַרט מיט אַ דויערנדיקן ביטחון, ווערט אײַגנטלעך טבֿיה דער מילכיקער. טבֿיה איז בלויז איין טריט ווײַטער פֿון מנחם מענדל, אָבער מען האָט פֿריִער באַדאַרפֿט אָפּקראַצן דאָס ווילדפֿלייש פֿון מנחם מענדל, כּדי זיך דערשלאָגן צו טבֿיהן.

דאָס איז ניט קיין אַנזאַמל פֿון צופֿעליקע טעמעס, נאָר אַן אויסגעהאַלטענער, זיך אַליין־באַוווּסטער און ציל־באַוווּסטער נוסח, וואָס די קלאַסיק האָט געשאַפֿן. וואָס איז דער נוסח? אַ סינטעז פֿון אַ שטראָפֿנדיקן טאַטן און פֿון דער טרייסטנדיקער ליבהאָבנדיקער מאַמען. דער רעזולטאַט איז אַ ליטעראַטור, וואָס באַוועגט זיך אויף טאָפּלטע רעלסן — ניט בלויז ליבשאַפֿט, נאָר ליבשאַפֿט צוזאַמען מיט קריטיק; ניט סתּם רעאַליזם, נאָר לירישער רעאַליזם, גלײַכצײַטיק קריטישער רעאַליזם; ניט סתּם געבייזער, נאָר גוטמוטיקע, אַפֿילו האַרבע שטראָפֿרייד, וואָס דאַרף העלפֿן דעם געשטראָפֿטן; ניט סתּם סקעפּטיציזם, צוליב די צרות פֿון לעבן אַרום, נאָר סקעפּטיציזם געמישט מיט גלויבן. אַפֿילו ווען די ליטעראַטור גליטשט זיך אַרײַן אין טרויער, ווי אָפֿט בײַ שלום עליכמען, איז דאָס נאָך אַלץ טרויער געפּאָרט מיט דער פֿאַרגלייבטקייט, אַז ערגעץ וואַרט אַ גוטע שעה; ניט סתּם געלעכטער, נאָר געלעכטער וואָס איז אַזוי דין, אַז מ׳קאָן עס ניצן אַנשטאָט טרערן. אָט דאָס געלעכטער, אַנשטאָט טרערן, איז געוואָרן איינער פֿון די סאַמע סובטעלסטע און אייגנאַרטיקסטע שעפֿערישע אויסדרוקן אין דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס האָט כּמעט ניט זײַן גלײַכן אין וועלכער עס איז אַנדער ליטעראַטור און וואָס איז בפֿירוש ניט באַגרענעצט בלויז צו זײַן מײַסטערישן שאַפֿער שלום עליכם, נאָר האָט זיך אויסגעדריקט אין יעדן דור וואָס איז געקומען נאָך אים, האָט געפֿונען זײַן אָפּקלאַנג אין משה לייב האַלפּערנען, אין משה קולבאַקן, אין משה בראָדערזאָנען, אין איציק מאַנגערן, אין משה נאַדירן, אין איציק קיפּניסן, אין דוד בערגעלסאָנען.

אמת, מענדעלע איז ניט געקומען פֿון זיך אַליין — ער האָט אָבער פֿאַרקערעוועט די ליטעראַטור אינעווייניק אין פֿאָלק אַרײַן — פֿון איר געמאַכט אַ מאַסן־ליטעראַטור, פֿון דער שפּראַך — אַ ראַפֿינירטן קולטור־אינסטרומענט, ווײַל אָן ייִדיש וואָלט די ליטעראַטור ניט מעגלעך געווען.

א. מ. דיק, וועמעס הונדערט טויזנט ביכלעך זײַנען זיך צעגאַנגען אין די 50ער יאָרן פֿון נײַנצנטן יאָרהונדערט; אליקום צונזער, וועמעס לידער האָבן זיך געוואַרעמט אין מויל פֿון פֿאָלק: ריב״לס „הפקר וועלט", אַקסענפֿעלדס „ערשטער יידישער רעקרוט", עטינגערס „סערקעלע" — די אַלע זײַנען געווען וויכטיקע מײַל־צייכנס אין גרויסן, שווערן און לאַנגן פּראָצעס, לעמפּלעך אויף אַ ניט־ברוקירטן און פֿינצטערן וועג. דער קריטישער רעאַליזם, כאָטש אָפֿט פּרימיטיוו, האָט שוין געווירן און זיך געפּיקט בײַ די השׂכּלה־שרײַבער.

אָבער דער מאָסן־לייענער איז געקומען ערשט מיט דער קלאַסיק. דאָס האָט סיגנאַליזירט דעם אָנהייב פֿון אַ נײַעם פֿאָלק־באַוווסטזײַן, אַ נײַעם רײַף־פּראָצעס, וואָס האָט באַווירקט און געהאָלפֿן אויסגעשטאַלטן דאָס יידישע לעבן.

שלום עליכמס ייִד פֿון אַ גאַנץ יאָר, י. ל. פּרצעס פּשוטער ייִד, דוד פּינסקיס בעל־מלאכות, עדעלשטאַטס „אַרבעטער ברידער", ה. ד. נאָמבערגס אינטעליגענטן, שלום אַשס צעלאָזע פֿאָלקמענטשן — די אַלע האָבן זיך אַרײַנגעקליבן אין דער יידישער ליטעראַטור להשתקע. דער „קטנתי" האָט זיך צעלייגט אין דער ליטעראַטור ווי בײַם טאַטן — ניין, ניט אין ווײַנגאָרטן — אין האַרצן.

די ווערטן וואָס זיי האָבן געשאַפֿן זײַנען געווען דורכויס נאַציאָנאַל־וועלטלעכע, פֿאָרגעשריטן־מענטשלעכע, הומאַנע. פֿאַרוואָרצלט אין דער געשיכטע און טראַדיציע פֿון פֿאָלק, ווי אַלע גרויסע קינסטלער, האָבן זיי געאָטעמט מיט הײַנטצײַטיקייט, מיט מאָרגנצײַטיקייט (אָפֿט — פֿריִשער ווי טייל הײַנטיקע יידישע שרײַבער וואָס ווערן פֿאַרלוירן אין מיסטיציזם און דעמאָניזם). אין נאַציאָנאַל סעקולערן האָבן זיי אָנשפּאַר געפֿונען. ניט סתּם קיין אַפּיקורסים זײַנען דאָס געווען, נאָר זיי האָבן די הימלען געשטורעמט, כּדי דעם מענטש צו דערהייבן. הלל צײַטלין האָט אַ מאָל געזאָגט וועגן פּרצן: „אַ הימל האָט ער פּרץ, נאָר קיין גאָט אין הימל ניט" — קאָן זײַן. אָבער אַז ער האָט דעם מענטש ניט נאָר אין הימל נאָר „נאָך העכער" פֿון הימל געוואָלט דערהייבן — איז קיין ספֿק ניט.

די דרײַ קלאַסיקערס זײַנען געווען דער קאַמערטאָן, וואָס האָט אָנגעשטעלט דעם טאָן פֿאַר אַ גאַנצער ליטעראַטור. זיי זײַנען ניט נאָר געווען דער פֿונדאַמענט, דער קעלער — נאָר אויך די זײַלן פֿון דער געבײַדע. עד־היום אַזוי.

(אַגבֿ: די אַרבעטער־דיכטערס אין אַמעריקע זינגען אין זעלבן טאָן. דער פֿאָדעם פֿון אהבת־המענטש גייט דורך ווינטשעווסקין, באָווּשאָווערן, עדלשטאַטן, ראָזענפֿעלדן. לעאָן קאָברין שאַצט ריכטיק אָפּ, אַז די שרײַבערס פֿון זײַן דור שאַפֿן אין אַמעריקע אַ „יש מאַין", עפּעס פֿון גאָרניט, כּדי דאָס פֿאָלק פֿון פּלאָנטער, פֿון גרינקייט, פֿון אומגליק, פֿון פֿאַרלוירנקייט אַרויסצושיילן).

און געדרייט האָט זיך דאָס ראָד אַזוי: אַ דאַנק דער ליטעראַטור איז דאָס פֿאָלק רײַפֿער געוואָרן, אָבער די גרונטלייגער זײַנען קיין מאָל ניט פֿאַרעלטערט געוואָרן. דער הומאַניזם און דער דראַנג נאָך יושר, וואָס האָט געלעבט אין פֿאָלק פֿון די נביאים אָן, האָבן געפֿונען אַ נײַעם אידיאָם, זיך אָנגעטאָן ניט נאָר אין די בגדים, נאָר אין בלוט און פֿלייש פֿון דער נײַער צײַט.

און דער טאָן האָט בפֿירוש אָנגעהאַלטן. ער האָט זיך כמעט קיין מאָל ניט איבערגעריסן, ניט קוקנדיק אויף אָפֿטע פֿאַרווירונגען און בלאָנדזשענישן. מען האָט דאָך ניט געקאָנט בלײַבן שטיין בײַ מענדעלעס ברייטע לײַוונטן, ווי פֿנימער זײַנען ניט אַלע מאָל געווען קלאָר און אינדיווידואַליזירט גענוג געצייכנט. דער טאָן איז ניט פֿאַרלוירן געגאַנגען. דער צווייטער דור נאָך די קלאַסיקער האָט אָן אָטעם געטאָן מיט דער זעלטענער רייזענישער מאַמעדיקייט (ווי ווײַט איז רייזען פֿון די ערשטע?), מיט אַשס גלויבן אין הייליקן פֿונק פֿון מענטש, מיט בערגעלסאָנס אָפֿט עלעגישן, טרויער־אָנגעפֿילטן אײַנשטעלן זיך פֿאַרן מענטש, אַפֿילו מיט נאָמבערגס הילפֿלאָזן געבייזער — דער ניגון, אין נײַע תּנאים און מער דיפערענצירט, איז ניט פֿאַרלוירן געגאַנגען. דאָס שטעטל, ווי אַן אָרעם הונגעריק קינד, איז זיי אַלעמען נאָכגעגאַנגען און געזוכט אַ תּיקון — פֿון מענדעלעס קבצאַנסק ביז בערגעלסאָנס ראַקיטנע, ביז איזי כאַריקס: „...שטעטעלע, פֿאַרשווינד", ביז משה נאַדירס „נאַראַיעוו — קרוינשטאָט פֿון מײַן לעבן" — אַלץ וואַריאַציעס אויף אַ גרונט־טעמע פֿון גאולת־המענטש.

גענוי דאָס זעלבע איז געשען מיט די יונגע אין אַמעריקע, וואָס דאַרפֿן אַרײַנברענגען אַ טאָלק אין דעם חשבון מיטן נײַעם לאַנד, וואָס ווילן אָפּוואַרפֿן דאָס שאָלעכץ פֿון צעטומלטקייט און פֿאַרלוירנקייט און פֿאַרהיטן דעם קערן פֿון מענטש. פֿון ראָזענפֿעלדס שאַפּ־אַרבעטער אָדער לייוויקס שמאַטע־קלײַבער ביז דער צעטומלטקייט פֿון איגנאַטאָווס אינטעליגענטן, אָפּאַטאָשוס גאָריק־סטריט איינוווינער, ראַבאָיס זוכער פֿון גאולה אין אַמעריקעס ווײַטער וועסט, און די זעלטן לירישע געזאַנגען וואָס האָבן נאָך אַלץ געזוכט דעם מענטש צו פֿאַרשטיין און דערהייבן פֿון מאַני לייבן, יוסף ראָלניקן, אָדער שוואַרצעס ייִד יהושע, וואָס ווערט „דזשאַש" אין קענטאָקי, און טראָגט מיט זיך זיידעשע טראַדיציעס אין אַמעריקעס דרום — און, משה לייב האַלפּערנס געברום קעגן דער שטאָט פֿון גראַניט און שטאָל, און משה נאַדירס זעלבחוזק, ווײַל אויב ניט קאָן אַ מענטש צעגיין פֿון טרערן אויף אָט דער נײַער ערד.

וואַריאַציעס, וואַריאַציעס אויף אַ גרונט־טעמע, וואָס האָט נאָך אַלץ געברומט מיטן זעלבן ניגון, מיטן זעלבן מאָטיוו: ווי לייזט מען פֿאָרט אויס דאָס פֿאַרלוירענע בן־אָדמל? און אויך דאָ, ווי אויף יענער זײַט ים, האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן די טעמעס פֿון נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער גאולה.

און דער גרונט־טאָן האַלט אָן אין דער ייִדישער ליטעראַטור אין פּוילן צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, אין דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע אין דער זעלבער צײַט, אין דער אָטעם־פֿאַרכאַפּנדיקער שאַפֿונג אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד ביז 1948.

לאָמיר נישט מאַכן קיין טעות. דאָרט, ווו אונדזער ליטעראַטור האָט פֿאַרלוירן איר גרונט־טאָן, וואָס דאָס האָט געמיינט דורך נאַציאָנאַל־ייִדישן אידיאַם זיך דערשלאָגן צום אוניווערסאַלן, דאָרט האָט זי קיין האָפּט ניט געהאַט. אָבער זי האָט דעם טאָן ווי אַ קאָלעקטיווע שאַפֿונג זעלטן פֿאַרלוירן, כּמעט קיין מאָל ניט פֿאַרלוירן. נעמט, למשל, דעם נאַ־ציאָנאַלן כאַראַקטער פֿון דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור: ניט נאָר בערגעלסאָן און דער נסתּר, וואָס האָבן געשריבן פֿריִער, נאָר אויך קול־באַק און פֿעפֿער, כאַריק און האַלקין, מאַרקיש און גאָדינער, קוויטקאָ און האָפֿשטיין וואָלטן ניט מיגלעך געווען — אָן מענדעלען און פּרצן, אָדער רייזענען — און טיפֿער, אָן דעם תּנ״ך. כאַריק האָט געטרונקען פֿון רייזענען, און קולבאַק פֿון שלום עליכמען, און מאַרקיש פֿון פּרצן און ביאַליקן, און האַלקין פֿון תּנ״ך און פֿון דער רעוואָלוציע. ס׳איז שוואַכזעיִקייט ניט צו זען דעם גרויסן נאַציאָנאַלן באַטײַט פֿון דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטע־ראַטור, אירע אינערלעכע קנופּן מיט דער אַלגעמיינער ייִדישער וועלט־ליטעראַטור און דער עיקר — איר קנאַכיקע פֿאַרוואָרצלטקייט אין דער טראַדיציע.

דער קאַמף פֿאַרן כּסדרדיקן ווידערגעבורט פֿון פֿאָלק — און דאָס פֿאָלק האַלט אין איין ווידערגעבוירן ווערן — שפּיגלט זיך אָפּ, ווערט קינסטלעריש באַזיניקט אין דער ליטעראַטור. די טראַדיציע פֿון די קלאַסיקער פּולסירט כּסדר. ווען עס זײַנען געקומען די יאָרן פֿון גרעסטן און טראַגישסטן ניסיון, ווען מ׳האָט פֿון דאָס נײַ באַדאַרפֿט מאָביליזירן דעם גײַסט פֿון פֿאָלק קעגן זײַן גרעסטן שונא, דעם פֿאַשיזם — איז די ליטעראַטור אונדז ווידער בײַגעשטאַנען, אונדז פֿון דאָס נײַ דערהויבן צום גרעסטן קידוש־השם און צום איבערמענטשלעכסטן העראָיזם. קאַ־צענעלסאָנס „ליד פֿון אויסגעהרגעטן ייִדישן פֿאָלק״ און רינגעלבלומס „מילך־קאַנען״ און פֿעפֿערס „שאָטנס״ און ה. גליקס „זאָג ניט קיין מאָל״ — דורך זיי אַלע האָט זיך פֿון דאָס נײַ דערהערט שלום עליכמס „אַ מענטש איז אַ מענטש״, אַפֿילו אין די מטורפֿע פֿאַרצוקנדיקע נעגל פֿון פֿאַשיזם.

אין לייוויקס „חתונה אין פֿערנוואַלד״, ווו ער דערקלערט, אַז „נאָך דאַכאַו דאַרף מען זאָגן יאָ צום לעבן״, אין פֿעפֿערס „ייִנגל פֿון געטאָ״, וואָס פֿאַלט ניט אַראָפּ, אָן אײַנגעוויקלטער אין דער געטאָ־פֿאָן, און מאַר־קישעס גור אריה, וואָס קריכט אַרויס פֿון מאַסן־קבֿר, מחמת „די גע־שאָכטענע געמיינדע האָט אים אַרויסגעשיקט פֿון גרוב, ער זאָל די אויפֿגעוויקלטע מגילה פֿון בראָך זײַן״ און סוצקעווערס שורות ווי גאָטס טרערן — אין זיי אַלע האָט געברומט דער אַלטער ניגון פֿון דער קלאַסיק.

די פֿאַבריקן אין לאָדזשער געטאָ, ווו די דײַטשן האָבן געצוווּנגען ייִדן אַרבעטן אויף נאַצי־מונדירן, האָט מען אָנגערופֿן רעסאָרטן, און וואָסער ליד האָבן זיי געזונגען אין די רעסאָרטן און וועגן די רע־סאָרטן? אָ ליד וואָס הייבט זיך אָן מיט אָט די צוויי שורות: „עס רוישט אין דעם רעסאָרט אַזוי ווילד די מאַשין, אַז אָפֿט מאָל פֿאַרגעס איך אין רויש, אַז איך בין". דאָס איז ניט קיין פּאַראָדיע, נאָר אַן אי־בערדזינג פֿון מאָריס ראָזענפֿעלדס „עס רוישן אין שאַפּ אַזוי ווילד די מאַ־שינען, אַז אָפֿט מאָל פֿאַרגעס איך אין רויש, אַז איך בין" (געשריבן אין ניו יאָרק אין די 1890ער יאָרן).

* * *

אָט איז אונדזער יחוס, אונדזער טראַדיציע, און דער געבֿרום פֿון דורות, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט 100 יאָר צוריק, ווען עס האָט זיך אין דער אָדעסער צײַטונג „קול מבֿשׂר" אָנגעהויבן דרוקן אין המשכים די מעשׂה פֿון אבֿרהם תּקיף — „דאָס קליינע מענטשעלע" — פֿון שלום יעקבֿ אַבראַמאָוויטש, וואָס האָט געוואָלט, אַז דאָס פֿאָלק זאָל אים רופֿן מענדעלע מוכר ספֿרים.

וואָס־זשע וועט זײַן ווײַטער? ניין, ניט מיט מענדעלען, ער וועט שוין, ווי מיר זײַנען זיך משער, זײַן היסטאָריש שטעטל אַליין באַשטיין, — וואָס וועט אָבער זײַן מיט אונדזערע אייניקלעך און אור־אייניקלעך? וועלן זיי דערפֿילן און באַרײַכערט ווערן פֿון דעם וווּנדערלעכן שטראָם פֿון ליבע פֿון מענטש צו מענטש און צו וועלט, צו יושר און אויסלייזונג, צום גערעכגלע קעגן עוולה און קעגן רשעות, וואָס די מאָדערנע ייִדישע ליטעראַטור שטעלט מיט זיך פֿאָר?

קאָן מען אַרײַנשפּרײַזן אין דער צוקונפֿט אַרײַן אָן זיי? וואָס זײַנען זיי — ביכלעך בלויז? בלעטלעך? היסטאָרישע שמות וואָס האָבן בלויז פֿאַר אונדז געהאָט אַ באַטײַט?

אויב איך גלייב אין אַ צוקונפֿט וואָס וועט זײַן אַן אָרקעסטער פֿון פֿעלקער — אין וועלכן יעדער אינסטרומענט איז גלײַך וויכטיק — קאָן איך זיך ניט פֿאָרשטעלן די ייִדישע פֿידל, אָדער וויאָלאָנטשעל, אָן דעם המשך פֿון דער ליטעראַטור (און המשך מיינט סײַ דאָס שאַפֿן אויף ייִדיש, סײַ דאָס איבערגיסן אין דער טיף אירע ווערטן אין אַנדערע שפּראַכן, העברעיִש אַרײַנגערעכנט).

אָן אַזאַ המשך וועט ניט נאָר פֿעלן אַ סטרונע, דער גאַנצער אינסטרו־מענט וועט כּריפּען.

(1964)

„בלוט און גאַל, טרייסט און האָפֿענונג"

(צום 100סטן יובֿל פֿון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור)

א.

אין 1910, איז אין אָדעס פֿאָרגעקומען אַ פֿײַערונג לכּבֿוד מענ־דעלעס 75סטן געבוירן־טאָג. סוף־אָוונט, נאָך אַלע וואַרעמע און שיינע רעדעס, האָט דער זיידע געזאָגט: „איך גלייב באמונה שלימה, אַז די אייניקלעך מײַנע וועלן מיך דערמאָנען אין פֿרײַערע צײַטן... זיי וועלן דערמאָנען דעם, וועלכער ס'האָט דעם וואָגן אַ שטופּ געטאָן פֿון דער בלאָטע".

דער זיידע האָט זיך ניט דערשאָצט. ער איז געווען מער ווי בלויז אַ וואָגן־שטופּער. גיכער: אַ וועג־דורכברעכער, ווי שמעון פֿרוג האָט זיך אויסגעדריקט בײַם זעלבן יום־טובֿ. פֿרוג האָט דעמאָלט געזאָגט: „דער גרעסטער בעל־מופֿת, דער זעלטענער מכשף זײַט איר בײַ אונדז. דורך דעם... פֿאַרחושכטן ייִדישן וואַלד האָט איר דער ערשטער אַ שטעגעלע דורכגעטראָטן, און פֿונעם שטעגעלע איז אַ גרויסער און ברייטער שליאָך געוואָרן. אין שטאָקפֿינצטערע נעכט זײַט איר איבער די גלופּסקער בלאָטעס, איבער די קבצנסקער סמעטניקעס, מיט אַ לאָמטערנדל אין דער האַנט אַרומגעקראָכן, ייִדישע שמאַטעס און טראַנטעס געקליבן און פֿון די שמאַטעס האָט איר די אײדלסטע זײַד און סאַמעט געוועבט, פֿאַר־באָרגענע ייִדישע טרערן אין העלע דימענטן און פּערל פֿאַרוואַנדלט..."

און נאָך האָט ער צוגעגעבן, דער זעלבער קלוגער שמעון פֿרוג, אַז די ייִדישע מענטשן „רינגלען אײַך אַרום, בלעטערן, מישן, קערן היך־און־צוריק די גאָלדענע קאַפּיטלען פֿון אײַערע מיט בלוט און גאַל גע־שריבענע מעשׂיות, און אַ שטראָם פֿון טרייסט און האָפֿענונג באַפֿרישט און באַגײַסט די אויסגעקרענקטע צעבראָכענע ייִדישע נשמה..."

אָט אין וואָס עס גייט: טרערן און גאַל און בלוט, און — אַ שטראָם פֿון טרייסט און האָפֿענונג. דאָס זײַנען פֿעדעם פֿון וועלכע גרויסע קונסט ווערט אויסגעוועבט; פֿון וועלכע ס'ווערט אויסגעוועבט אַ פֿאָן, וואָס קאָן פֿירן פֿון סמעטניקעס צו גרינע לאָנקעס.

אין דעם, אייגנטלעך, ליגט דער סוד פֿון הונדערט יאָר מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור. דער מהות פֿון דער ייִדישער קלאַסיק איז געווען דאָס לאָמטערנדל אין דעם זיידנס האַנט, אין דער מיט פֿון חשכות, פֿאַר־לוירנקייט און אונטערדריקונג.

אינטערעסאַנט, פֿאַרבײַגייענדיק, אַז נאָך עד־היום געפֿינען זיך די וואָס האָבן דעם זיידן ניט מוחל געווען אַט דאָס לאַמטערנדל זײַנס, מחמת עס האָט אַנטפּלעקט אַזוי פֿיל אומגליקלעכע צוריקגעשטאַנענקייט און קבצנות. זיי פֿאַרשטייען ניט, אָדער ווילן ניט פֿאַרשטיין, אַז ווען ניט דאָס לאַמטערנדל, וואָלט דער חושך לענגער געדויערט און די הינטער־שטעליקייט זיך לענגער געהאַלטן. זיי פֿאַרשטייען ניט דעם גאַנצן נאַ־ציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערן מהות פֿון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, די קלאַסיק בעיקר, וואָס איז באַשטאַנען פֿון גנזעלשאַפֿטלעכער קריטיק און נאַציאָנאַלער זעלבקריטיק, אָן וועלכע מען האָט ניט געקאָנט העלפֿן און דערהייבן דאָס פֿאָלק.

עס קומט אַ צײַט ווען דאָס פֿאָלק דערגרייכט צו אַ צעשייד־פּונקט אין זײַן פֿאַרויסגאַנג, ווען עס דאַרף מאַכן אַ היסטאָרישן סך־הכּל מיטן פֿאַרגאַנגענעם, אָפּקלײַבן און אָפּוואַרפֿן ווערטן, כּדי צו קאָנען גיין פֿאָ־רויס. דער עבֿר קאָן אַ מאָל ווערן אַ קייט וואָס האַלט צוריק. פּונקט אַזאַ קייט קאָן ווערן די מורא פֿאַר דעם נײַעם, דער געפֿל פֿון אונטער־דריקונג, דאָס געפֿיל פֿון שיפֿלות. אין אַזאַ צײַט ווערט נייטיק אַ גרויס־אַטעמדיקע, גרויסצוגיקע ליטעראַטור, וואָס זאָל דיסטילירן — ניט אַוועק־וואַרפֿן! — די פֿאַרגאַנגענהייט, איבערהאַקן דעם פּלאָנטער פֿון צעטומ־לעניש, אָפּקראַצן דעם שימל און אויסדרייען דאָס פֿאָלק מיטן פּנים צום הײַנט און צום מאָרגן. ניט קיין לײַכטער פּראָצעס. אַט דעם ציל האָט זיך די קלאַסיק געשטעלט.

(אינטערעסאַנט, דורך מענדעלען גופֿא האָבן זיך געקרייצט דאָס אַלטע מיטן רעוואָלוציאָנערן, נײַעם. מע דערציילט, אַז ווען מענדעלע האָט באַ־זוכט ווילנע, האָט מען אים אַנטקעגנגעטראָגן פֿון איין זײַט — אַ ספֿר־תּורה, פֿון דער אַנדערער — אַ רויטע פֿאָן).

ב.

ניין, עס זײַנען ניט געשען קיין ניסים. מענדעלע איז טאַקע געווען אַ בעל־מופֿת, אָבער די מופֿתים זײַנען געווען רעאַליסטישע, קאָנקרעטע, טאָגטעגלעכע, נאַטירלעכע, קלאָרע, דער עיקר — נייטיקע. אַ פֿאָלק האָט באַדאַרפֿט האָבן אַ ליטעראַטור — און די ליטעראַטור איז געבוירן גע־וואָרן, אַ פֿאָלק האָט באַדאַרפֿט אַ מורה־דרך — האָט ער זיך באַוויזן. אַ פֿאָלק, אויפֿן שיידוועג, האָט באַדאַרפֿט וויסן ווי און וווּ צו גיין — האָבן זיך געיאָוועט די ווײַזערס, אַ פֿאָלק האָט באַדאַרפֿט אַרויסגיין פֿון יאָרהונדערטער פֿאַרחושכטקייט און הינטערשטעליקייט — האָבן די שרײַבערס זײַנע אָנגעצונדן לאַמטערנדל נאָך לאַמטערנדל, ביז ס׳איז געוואָרן אַ גרויס ליכט. „מיר דאַרפֿן העלפֿן — זאָגט שלום עליכם — שטייגן דעם גײַסט פֿון פֿאָלק“.

וואָלטן זיי, די גאונים, ניט געקומען, וואָלטן געקומען אומצאָליקע

האַלבע, פּערטל־און אַכטל־גאונים. אַנדערש האָט עס ניט געקאָנט געשען. דער חילוק: דער גאון שניידט איבער קנופּן מיט אַ מעסער, ער האָט הן חכמה און הן קוראַזש. דער ניט־גאון — דער קלענערער שרייבער — צענעמט דעם קנופּ פּאָדעם נאָך פּאָדעם. דער גאון הייבט אויף דאָס פֿאָלק מיט פֿליגל צום באַרגשפּיץ און באַווייזט אים דאָס ליכט פֿון יענער זייט. דער ניט־גאון קלעטערט — מעטער נאָך מעטער. אין דעם זין איז עס געווען אונדזער „גליק", און איך באַניץ זיך מיט דעם אידיאָם אין אַנגעגומענעם פֿאָלק־באַטייט, וואָס די גרופּע גאונים האָט זיך כמעט מיט אַ מאָל, כמעט גלייכצייטיק באַוויזן און געאָגראַפֿיש — זיך קלוג פֿאַרשפּרייט: מענדעלע — אין דער ליטע, שלום עליכם — אין דער אוקראַיִנע, פּרץ — אין פּוילן.

ג.

וואָס, אייגנטלעך, האָט די יידישע פֿאָלקמאַסע מיט הונדערט יאָר צוריק „באַדאַרפֿט" האָבן? אַז מ׳זאָל זי פֿאַרשטיין, טרייסטן, ליב האָבן, לערנען און אויסקעמען דעם שויבער פֿון יאָרהונדערטער. איז געבוירן געוואָרן אַ ליטעראַטור וועמעס הויפּט־שטריכן זיינען געווען — ליבע און קריטיק, מחמת איינס אָן צוויטן וואָלט ניט מיגלעך געווען. שוין דער יונגער שלום עליכם, רעדנדיק וועגן דער „בערדיטשעווער גאָס" (אַ סימבאָל פֿאַר אַלע יידישע גאַסן), זאָגט, אַז זי איז אים איינגעבאַקן, טיף אין האַרץ, און טאַקע מחמת דעם רעדט ער מיט איר „האַרבע רייד און לאַכט אויס אירע גענג, אירע ווילדע פֿאַסטעמקעס". זיין ליבע צו איר איז אַזוי גרויס אַז ער זעט די יכולת פֿון דעם גוטן און שיינעם אונטער דער אויסערלעכער העסלעכקייט — ווי וויקטאָר הוגאָ האָט געזאָגט — און ער ניצט די קריטיק, כּדי דאָס מיאוסע אָוועקצושאַרן. מענדעלע דעמאַסקירט דעם מיטלעלטער אָן רחמנות, פּרץ פֿאַרחוזקט אים.

ליבע אַליין וואָלט ניט געטויגט, פּונקט ווי רחמנות אַליין איז ניט גענוג. צוליב דעם איז דינעזאָן ניט געבליבן אין דער ערשטער ריי פֿון די יידישע ליטעראַטור־שאַפֿערס. קריטיק אַליין איז ניט גענוג — צוליב דעם האָבן די משׂכּילים וויניקער געווירקט, צוליב דעם איז נאָמבערג ניט אין דער ערשטער שורה פֿון אונדזערע ליטעראַרישע גרונטלייגערס.

אַחוץ קריטיק און ליבע האָבן זיך אויך געניטיקט האָפֿערדיקייט און גלויבן, אַז דאָס פֿאָלק וועט ניט אונטערגיין. אויך די שטריכן פֿילן זיך אין דעם שאַפֿן פֿון די קלאַסיקערס. אַ האָפֿערדיקייט, וואָס נערט זיך פֿון זייער, די שרייבערס, טיפֿן גלויבן אין מאַסעמענטש, אין „יידן פֿון אַ גאַנץ יאָר". דאַכט זיך, אַז קיין שום אייראָפּעיִשע ליטעראַטור האָט ניט געאָטעמט מיט אַזוי פֿיל ביטחון און אָפּטימיזם ווי די יידישע ליטעראַטור — אין מיטן פֿון נגישות, פּאָגראָמען און רדיפֿות. „דער כתריליק איז אַזאַ מין" — זאָגט שלום עליכם — „וואָס פֿאָלט נישט חס־ושלום

אַראָפּ בײַ זיך מיט זײַן אָרעמקייט...", די כּתריליקס זײַנען "אָרעמע נאָר פֿריילעכע".

משמעות: ניט די קלאַסיקערס האָבן די שטריכן געבראַכט צום פֿאָלק, נאָר זיי האָבן זיי אַרויסגעגראָבן פֿון די טיפֿענישן פֿון פֿאָלק.

ד.

די קלאַסיקערס זײַנען געווען צילבאַוווסטע און פֿאַרשטענדיקע איבער־דערצײַערס. מע דאַרף ראַטעווען דאָס פֿאָלק פֿון ניוועץ. "דאָס פֿאָלק דאַרף וויסן וואָס פֿאַר אַ כּוחות עס געפֿינען זיך בײַ אים, וואָס פֿאַר אַן אַנטיק־לעך עס וואַלגערן זיך צווישן אים און גייען אין ניוועץ" — זאָגט שלום עליכם.

אין 1908, רעדנדיק אויף דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפֿערענץ, האָט פּרץ געפּרוווט אָנווײַזן די דרײַ עלעמענטן, וואָס האָבן צום לעבן געבראַכט די ייִדישע ליטעראַטור: "עס הויבט זיך אָן באַפֿרײַען דער ייִדישער המון, דער אָרעמער עם־הארץ. ער פֿאַרלירט זײַן צוטרוי אי צום גרויסן למדן, אי צום גרויסן גבֿיר... עס ווערט געבוירן די חסי־דישע מעשׂה... עס האָט אויך דערוואַכט און פֿאַרלאַנגט עפּעס פֿאַר זיך די ייִדישע פֿרוי, דאָס ייִדישע ווײַבל, דאָס ייִדישע מיידל — עס באַ־ווײַזן זיך ווײַבערשע ביכלעך, פֿון עבֿרי־טײַטש ווערט אַ מאַמע־לשון... אָבער פֿון דעם אַלעם וואָלט נאָך קיין ליטעראַטור ניט געוואָרן... דאַן באַווײַזט זיך דער ייִדישער אַרבעטער, דער ייִדישער פּראָלעטאַריאַט און שאַפֿט זיך זײַן אינסטרומענט פֿאַרן קאַמף פֿאַר זיין לעבן... און עס באַווײַזט זיך דאָס ייִדישע בוך אין דער ייִדישער שפּראַך..." אָט די דרײַ פֿאָלק־עלעמענטן האָבן די ליטעראַטור געשאַפֿן און די ליטעראַטור האָט זיי צוריקגעגעבן, וואָס זיי האָבן באַדאַרפֿט: "וואָרעמקייט און זון", אין פּרצעס ווערטער.

עס איז אָנגעגאַנגען אַן איבערדערצי־פּראָצעס, וואָס האָט צו זיך כּמעט קיין גלײַכן ניט אין אונדזער מאָדערנער געשיכטע — אַ פּראָצעס, וואָס האָט גײַסטיק און פּסיכאָלאָגיש געהאָלפֿן דעם פֿאָלק אויסוואַקסן און באַ־שטעטיקט, אַז דער "עם־הארץ", דאָס ווײַבל און דער אַרבעטער זײַנען געקומען איבערגעשטאַלטן דאָס ייִדישע לעבן.

דורך אַלע שפּאַרעס האָט דאָס פֿאָלק גענומען שפּאַרן אין דער ליטע־ראַטור אַרײַן. דורך טיר און פֿענצטער און קוימען. שלום עליכם האָט פֿאַר זיי אַלע טויערן צעעפֿנט: "די העראָען דאַרפֿן זײַן גענומען פֿון זײַן ספֿערע, דאָס הייסט פֿון זײַן גראַד, טאַקע פֿון דעם פֿאָלק אַליין..." (פֿון זײַן נאָכוואָרט צו "סטעמפּעניו").

דאָס פֿאָלק איז געוואָרן ניט נאָר די "העראָען", נאָר אויך די אָפּנע־מער פֿון דער ליטעראַטור.

און כּדי עס זאָל געבוירן ווערן אַ גרויסע ליטעראַטור, האָט צוזאַמען

מיט גרויס־טאַלאַנט, מיט גרויס־געלערנטקייט אויך געמוזט זײַן גרויסער באַוווסטזײַן.

אַ דרײַ־פיר טויזנטיאַריקע יִדישע פאָלקקולטור האָט באַדאַרפט אָנ־הייבן רעדן אין אַ נײַעם אידיאָם און אין אַ נײַ לשון. דעם נביאס „הוי, בונה עיר בדמים וכונן קריה בעונה" („ווי, דער וואָס בויט אַ שטאָט מיט בלוט און שטעלט אויף אַ כּרך מיט אומרעכט") — האָט באַדאַרפט ווערן י. ל. פּרצעס „ווי שלאָגט עס אַ ברודער דעם צווייטן אין קאָרק", שלום עליכמס „וואָרפט זיך ניט מיט קיין מענטשן" און באַוושאָוועס „הייב אויף דײַנע אויגן".

זיי האָבן געגנוי געוווסט וווהין זיי גייען און וואָס דאָס פאָלק דאַרף. ווען ווינטשעווסקי שאַצט אָפּ פּרצעס ווירקונג און באַטייט, קומט ער צו אַזאַ סך־הכּל: „די ירושה פון דער השׂכּלה, וואָס איז געווען דאָ, ווי אומעטום, אַסימילאַציע אין כּפל־שמונהדיקן פאָרמאַט, האָט מיט זיך גע־בראַכט אַ פאַראַכטונג צו זיך, אַ פאַראַכטונג הייסט עס צו זיך, ווי ווען מען האָט אויסגעזען, איידער מ'איז „ציוויליזירט" געוואָרן, אַ פאַראַכטונג צום געוועזענעם איך. און פּרץ האָט באַוויזן אַז אין דער אַמאָליקער יִדיש־קייט איז אויך געווען שיינקייט, הערלעכקייט".

דאָס הייסט, נאָך אַ מאָל, ציל־באַוווסטזײַן און טיפע פאַרשטענדעניש פאַר צוויי קערנדיקע עיקרים פון דער ליטעראַטור — געבן דעם פאָלק אַ געפיל פון ווערטיקייט, און זיך אײַנגורען אין אים אינעווייניק. די איני־טימקייט און קרובֿהשאַפט — דאָס וואָס ש. ניגער האָט אַ מאָל, רעדנדיק וועגן שלום עליכמען, אָנגערופן דאָס געפיל פון ניט־דיסטאַנץ צווישן שרײַ־בער און לייענער — איז געווען איינער פון די עיקר־שטריכן פון דער ליטעראַטור.

שלום אַש דערציילט, אַז בעת מען האָט אין 1901, געפײַערט פּרצעס 50סטן יובילײ און דאָס הויז איז געווען פול מיט די פירער פון דער יִדישער גמינע אין וואַרשע, די פּני וואָס זײַנען געקומען באַגריסן פּרצן, האָט זיך אַרײַנגעשטעלט אַ דעלעגאַציע פון צוויי יונגעלײַט, אַרבעטער, פאַרטרעטער פון „בונד". „פּרץ איז מיט זיי אַריין אין אַ באַזונדער חדר און זיי האָבן אים געגעבן אַ מתּנה, וואָס איז אים געווען הייליק זײַן גאַנץ לעבן. די מתּנה איז געווען אַן עקזעמפּליאַר פון דער „יִדישער ביבליאָטעק", דאָס זאַמלבוך, וואָס פּרץ האָט אַרויסגעגעבן אין 1891 (נאָך פאַר די „יום־טובֿ בלעטלעך" — א. ג.). דער עקזעמפּליאַר האָט זיך געהאַט אויפגעהאַלטן אין „צענטן פּאַוויליאָן" פון דער וואַרשעווער פעסטונג, ווו ער איז אין געהיים איבערגעגאַנגען פון איין פּאָליטישן אַרעסטירטן צום צווייטן. די בלעטער פון בוך זײַנען געווען פאַרפעטסט, אויסגעשמירט און צעריסן פון אויסגעלייענטקייט. פיל אותיות פון בוך זײַנען געווען אונטערגעשטראָכן מיט בלײַשטיפט. די אונטערגעשטראָכענע אותיות האָבן צוזאַמענגעשטעלט מיטטיילונגען, וואָס איין אַרעסטירטער האָט מיטגע־טיילט דעם אַנדערן".

ניט צופֿעליק שרײַבט שכנא עפשטיין, אַז „פּרצעס 'די פֿרומע קאַץ' האָט געמאַכט אויף די אַרבעטער אַ סך אַ גרעסערע ווירקונג ווי די שטאַרקסטע אַגיטאַציע־רעדע".

ניט סתּם אַ ליטעראַטור איז געבוירן געוואָרן, נאָר אַ ליטעראַטור, וואָס האָט אַ גאַנץ פֿאָלק אַרומגענומען. פֿון אָנהייב זײַנען עס געווען גרויסע ברייטע לייוונטן — מענדעלעס וואַנט־מאָלערייען, וואָס כאַפּן אויף דאָס גאַנצע לעבן; שלום עליכמס גרויסע אוניווערסאַלע פֿיגורן; פּרצעס מענטשן־אַלעגאָריעס, מענטשן־סימבאָלן, מענטשן־פּראָבלעמען, וואָס בלאָנדזשען און געפֿינען זיך, וואָס וואַקלען און אַנטשליסן זיך. עס איז געווען אַ ליטעראַטור, אַן אַרומנעמעדיקע, ווו דינעזאָן שטעלט זיך אײַן פֿאַרן יידישן קינד און מרדכי ספּעקטאָר פֿאַרן יידישן פּויער און פֿאַרן אָרעמען מיידל, און דוד פּינסקי עפֿנט דער ערשטער אויף די טיר פֿאַרן יידישן אַרבעטורער און די אַמעריקאַנער פֿאַרן יידישן פּראָלעטאַריער, און הערש דוד נאָמבערג און דוד בערגעלסאָן פֿאַרן פֿאַרלוירענעם אינטעליגענט. און יעדער דערגאַנצט און יעדער גיט צו אַ שטריך, און אַ טייל בלאָנדזשען, אָבער עס גייט אָן אַ פֿאָדעם פֿון המשך — אַ המשך־ליטעראַטור וואָס פֿירט אַ חשבון מיטן לעבן.

למשל, דער חשבון מיטן שטעטל: מענדעלע לאַכט עס אויס, שלום עליכם פֿאַרמישפּט עס, פּרץ באַדויערט עס, בערגעלסאָן באַוויינט דעם שטעטלס „אָפּגאַנג", איטשע מאיר ווייסנבערג באַווײַזט די קלאַסן־צעטיילונג, שלום אַש פּרוואווט עס ראַטעווען דורך אידעאַליזאַציע און פֿירט סוף־כּל־סוף אַוועק גאַנץ קוזמין קיין אַמעריקע, און דער יונגער איזי כאַריק, מיט מער ווי אַ דור שפּעטער, טענהט נאָך אַלץ: „ווי לאַנג איז דער שיעור זיך בעטן: שטעטעלע, פֿאַרגיי".

ה.

דער נאַציאָנאַלער קולטור־חשבון אין יידישן לעבן די לעצטע 100 יאָר, דאָס הייסט קנאַפּע פֿינף דורות, איז געפֿירט געוואָרן פֿון דער יידישער ליטעראַטור גלײַכצײַטיק אויף צוויי קאָנטינענטן — אין אייראָפּע און אַמעריקע.

אַ ליטעראַטור אַן אַרומנעמעדיקע, וואָס גיט אויסדרוק צו אַלע פּראָבלעמען און דערשײַנונגען און צײַט־ענדערונגען, האָט זי רעפֿלעקטירט דאָס גאַנצע יידישע לעבן. אליקום צונזער באַזינגט „שיבֿת ציון" — „וואָס זע איך דורך די שויבן, עס פֿליִען אָן ווי טויבן" (אַזוי זינגט די „מאַמע־ציון"). און די יידישע אַרבעטער זינגען: „אין דעם זאַלציקן ים פֿון די מענטשלעכע טרערן געפֿינט זיך אַ שרעקלעכער תּהום". און דאָס פּשוטע וואָרט „סײַ־ווי־סײַ" רײַסט אויף טראַציק־טונקל בײַ משה לייב האַלפּערינען: „סײַ ווי סײַ, מיטן שפּרונג גייט אַלץ פֿאַרבײַ", און אין האַלבן דור שפּעטער צעזינגט זיך עס בײַם יונגן יוסף גרינשפּאַן: „סײַ־ווי־סײַ איז אונדזערע די ערד".

דער גערانגל פֿאַר רעכט, בילדונג, ברויט און מענטשלעכער ווערדע איז געווען איר היסטאָרישער תּוך. דער מענטש — איר הויפּט־טעמע, דאָס אײַנשטעלן זיך פֿאַר אים — איר גרונטמאָטיוו.

אָבער — זאָגן אַנדערע — ניט געווען קיין גלײַכמעסיקער שטראָם; די ליטעראַטור איז אָפּט אוועק פֿון ברייטן דרך־המלך פֿון די קלאַסיקערס, צו מאָל אוועק פֿון פֿאָלק.

ניין, ניט די ליטעראַטור, בלויז איינצלנע שרײַבערס אירע. אַ פֿאָלק איז ניט קיין איינהייטלעכער אָרגאַניזם און זײַן וועג איז אָפּט אַ זיגזאַגישער. געווען פֿאָלק־לייקענונג, בלאָנדזשעניש, עסטעטיציזם, פֿאַרלוירן ווערן אין זיך. אין משך פֿון אַלע יאָרן אַזוי. פֿון זינט דוד פֿרישמאַן האָט פֿאַרחוזקט פּרצן אין די 90ער יאָרן ביז אַן אַרטיקל אין דער ניו יאָרקער „טײַמס" — אין וועלכן דער שרײַבער באַגייט זיך קאַרג און שלאַבערדיק מיט שלום עליכמען, אָדער אַנדערע — מיט מענדעלען, ביז שפּאָגל־נײַע אַטאַקעס אויף שלום אַשן.

אַן סכּנות. דער גרונט־שטראָם פֿון די פֿאָלקישע טענדענצן האָט אָנגעהאַלטן אַלע יאָרן. די ליבע צום מענטש פֿון דער קלאַסיק האָט דאָמינירט — דורך מערסטע יונגע אין אַמעריקע, דורך די „אינזיכיסטן", דורך די פּראָלעטאַרישע שרײַבערס אין די 20ער יאָרן, אין דער יידישער ליטעראַטור צווישן צוויי וועלט־מלחמות אין פּוילן, אין דער ברייטער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור (ביז 1948!).

אָבער — טענהן אַנדערע ווידער, דאָס איז אַלץ געווען אַמאָל, אין עבֿר. וואָס הערט זיך וועגן איצט?

מיר רעדן טאַקע וועגן איצט. די ייִדישע ליטעראַטור איז בײַגעשטאַנען אין אַלע צײַטן. ווען ס'איז געקומען צום העלדיש־טראַגישן חשבון מיט דעם נאַציזם, אין די טעג פֿון געטאָ — האָט די ייִדישע ליטעראַטור אויף ייִדיש געפֿירט דעם חשבון, מער ווי דער ייִדישער חשבון אין אַלע לשונות צוזאַמענגענומען. ניט נאָר הירש גליקס געטאָ־הימן, ניט נאָר קאַצענעלסאָנס „איכה", וואָס איז האַרצרײַסנדיקער פֿון ירמיהוס — ווײַל דער חורבן איז געווען גרעסער, ניט נאָר רינגעלבלום — נאָר די געטאָ־געשטאַלטן וואָס די ייִדישע ליטעראַטור האָט געשאַפֿן: פֿון ה. לייוויקס שטיין אויפֿן „גאַניק פֿון טרעבלינקע און מאַידאַנעק", ביז איציק פֿעפֿערס ייִנגל וואָס פֿליט אין די הייכן, אײַנגעוויקלט אין דער געטאָפֿאָן, און פֿאָלט ניט אַראָפּ, ביז דער פֿיגור פֿון מאַרקישעס גור־אריה (אין „מלחמה"), ביז גלאַטשטיינס און סוצקעווערס לידער, ביז עלי שעכטמאַן און חיים גראַדע.

יאָ, זי האָט אויסגעהאַלטן, די ליטעראַטור אונדזערע. זי האָט מאָביליזירט דעם גײַסט פֿון פֿאָלק צו גרויסער קדושה און צו גרויסער גבֿורה אין גערانגל קעגן נאַציזם. זיי האָבן געהייליקט און דערהויבן די קלאַסיקערס, ווי די קלאַסיקערס האָבן דערהויבן די נבֿיאים.

עס איז אַ קרעפֿטיקע ליטעראַטור. זי האָט לעבנסזאַפֿטן, כאָטש זי

איז פֿול מיט יסורים, דער פֿאַשיזם האָט אירע לייענערס צוזאַמען מיט די שאַפֿערס אומגעבראַכט.

זי האָט אויסגעהאַלטן דעם ניט־דערוואַרטן בראָך פֿון די סטאַלין־יאָרן, וואָס האָט די קרוין פֿון ייִדישן שאַפֿן אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד צע־טראָטן — אַ בראָך וואָס ווער ווייסט צי ער וועט, ווען ניט איז, פֿאַרהיילט ווערן.

אָבער — יום־טובֿן אַליין איז ניט גענוג. קולטור — ספּעציעל לי־טעראַטור און דערציִונג — איז ניט לעקעך מיט בראָנפֿן, נאָר אַ פּראָסט שטיקל ברויט מיט הערינג, וואָס האָט אַלע טעמען פֿון לעקעך און בראָנפֿן.

ניט מיט איבערזעצונגען אַליין וועלן מיר זי ראַטעווען. פֿײַער־לעשערס אין פֿאַפּירענע קאַסקעס וועלן זי ניט ראַטעווען. אונטערשטעלן אַ קריגל און אָפּמעלקן אַ שלום־עליכם מעשׂה אויף ענגליש, אָדער אַ קושניראָוו־ליד אויף רוסיש, אָדער אַ בערגעלסאָן־דערציילונג אויף העברעיִש איז ניט גענוג. דער גאַנצער באַגריף ווערט צו פֿלאַך. אַוודאי דאַרף מען זי אין דער ברייט און אין דער טיף איבערזעצן אין די אַנדערע שפּראַכן — בײַ אונדז אין ענגליש, כּדי העלפֿן דער אַמעריקאַנער ייִדיש־ענגלישער ליטעראַטור ווערן אַ נאַציאָנאַלע ליטעראַטור, וואָס אָן דעם גײַסט פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור וועט זי עס קיין מאָל ניט ווערן.

אָבער ביינדלעך צוואָרפֿן איז ניט גענוג. אַ פֿאָלק־סבֿיבֿה דאַרף מען שאַפֿן מיט אַ נאַציאָנאַלער אַטמאָספֿערע דורך אַלע קולטור־אויסדרוקן, וואָס זאָל די ליטעראַטור צו דורות קאָנען איבערגעבן. איבערזעצונגען וועלן קיין פֿאָלק בײַם לעבן ניט דערהאַלטן.

און דער אַזוי גערופֿענער רעליגיעזער רענעסאַנס אין אַמעריקע וועט ניט פֿאַרהיטן אײַזיק ראַבאַי און כאַוועך־פּאַווער און י. ל. פּרץ און מאַני־לייב און אַבֿרהם רייזען, און אויב זיי וועלן ניט פֿאַרהיט ווערן — וועט אויך מענדלע פֿאַרמישפּט ווערן צו אונטערגאַנג.

אָן פּילנעווען דאָס ייִדישע לשון, אָן אַ פֿאַרצווײַגטער ליטעראַטור־שאַפֿונג אויף ייִדיש, דער עיקר, אָן אַ וועלטלעך־פֿאַרגעשריטענער דער־ציִונג — וועלן מיר קיין דורות, וואָס זאָלן ווערט זײַן די קלאַסיקערס, ניט צוגרייטן.

אויב מען דאַרף „קינסטלעך צעבלאָזן די מאַסשטאַבן פֿון דער קולטור־אַרבעט אין ייִדיש" (מיטן תּירוץ אַז מע קאָן „קינסט־לעך ניט צעבלאָזן" האָט דער רעדאַקטאָר פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" געפּרוווט פֿאַרענטפֿערן דעם טרויעריקן מצבֿ פֿון דער ייִדישער קולטור אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד) לאָמיר זי „קינסטלעך" צעבלאָזן. אין געטאָ און אין צאַרישע טורמעס און אין אונדזערע גרינע יאָרן אין שאַפּ האָט מען אונדז אויך געזאָגט, אַז מיר צעבלאָזן „קינסטלעך", און זאַנגוויל האָט אונדז געסטראַשעט מיט כּרת אין דעם נישט־געשטויגענעם שמעלצטאָפּ, וואָס כּלומרשט דער רבונו־של־עולם אַליין איז דער הויפּטקוכער זײַנער געווען.

עס גייט אין אַ לעבנס־נוסח, וואָס די קלאַסיק האָט געגרונטפּעסטיקט.

עס גייט ניט אין זיידן מענדעלע. עס גייט אין זײַנע אור־אייניקלעך.

„ליטעראַטור און פֿאָלק" איז געווען דער נוסח פֿון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור. „אָן פֿאָלק קאָן קיין ליטעראַטור ניט זײַן" — האָט פּרץ געזאָגט. און אַ פֿאָלק אָן ליטעראַטור קאָן יאָ זײַן? מיסתּמא. אָבער אַ בלוט־אָרעם, אַ בדלותדיק, אַ נעבעכדיק, אַ סטעריל, אַ שטאַמלדיק פֿאָלק.

פּונקט ווי מ'דאַרף דאָס נבֿיאישע וואָרט אין מאָרגן אַרײַנטראָגן, אַקו־ראַט אַזוי דאַרף מען דאָס שעפּערישע, הומאַנע ייִדישע וואָרט און ליטע־ראַטור אין מאָרגן מיטנעמען.

בלויז אַזוי קאָן מען — מעג מען — זאָגן אַ „גוט מאָרגן" צום צווייטן יאָרהונדערט פֿון אונדזער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור.

(יאַנואַר, 1965)

די ייִדישע קלאַסיקערס — זייער השפּעה אויפֿן ייִדישן לעבן

א.

די מאָדערנע ייִדישע ליטעראַטור האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ קולטור־געשעעניש פֿון אַזאַ היסטאָרישן פֿאַרנעם, אַז זי האָט געהאָלפֿן בײַטן דאָס פּנים פֿון ייִדישן לעבן.

אויב עס איז אמת — און עס איז אמת — אַז קונסט דאַרף ניט נאָר ווײַזן און אָפּשפּיגלען, נאָר אויך פֿאַרטײַטשן און העלפֿן ענדערן דאָס לעבן, ניט פֿאַרלירנדיק דערבײַ איר אייגענעם שעפֿערישן מהות און כּישוף — האָט דאָס די ייִדישע ליטעראַטור געטאָן מיט היסטאָרישן טעמפּאָ און מיט אַ דויערנדיקער ווירקונג. קיין נס איז עס ניט געווען. בלויז די ייִדישע פֿאָלק־ליטעראַטור אויף ייִדיש איז, אין היסטאָרישער פּערספּעקטיוו, געווען מסוגל שאַפֿן אַ נאַציאָנאַלן קולטור־אינסטרומענט, וואָס זאָל סינטעזירן גרויס־קינסטלערישע קוואַליטעט מיט געזעלשאַפֿטלעכער סענסיטיווקייט און פֿאַרשטענדיקונג, כּדי צו העלפֿן פֿאַרקערעווען און ענדערן דאָס ייִדישע לעבן.

אַ היסטאָרישער פֿאַקטאָר אין דער ווירקונג איז געווען די עצם־שפּראַך, אויף וועלכער די ליטעראַטור איז געשאַפֿן געוואָרן — ייִדיש. ייִדן־קינסטלערס האָבן געווירקט אויך אויף אַנדערע שפּראַכן. טייל פֿון זיי האָבן פֿאַרמאָגט דעם כּישוף פֿון קונסט אין זיך, זיי האָבן אָבער ניט געוואָרצלט אין ייִדישן לעבן, כּדי עס קאָנען פֿאַרטיפֿן און בײַטן. אַנדערע האָבן יאָ געוואָרצלט אין לעבן און האָבן עס אַפֿילו געוואָלט באַשיצן, פֿאַרטיידיקן אָדער בײַטן צום גוטן, זיי האָט אָבער געפֿעלט די אוממיטלבאַרע פֿאַרבינדונג מיטן פֿאָלק, וואָס בלויז ייִדיש האָט זיי געקאָנט געבן, און זייער קונסט, פּונקט ווי זייער ווירקונג, איז געבליבן צווייטוועריטיק און בלוטאָרעם. זי האָט זיך ניט געשפּײַזט פֿון די אורקוואַלן, וואָס שפּײַזן גרויסע קינסטלערס. דאָס איז אמת ניט נאָר וועגן די, וואָס האָבן געשריבן אין פֿרעמדע שפּראַכן, נאָר אויך, מיט קליינע אויסנאַמען, וועגן טייל וואָס האָבן געשריבן אין העברעיִש. אין מײַנסטע פֿאַלן האָט זיך באַקומען מוסר, שטראָף־רייד אָדער רחמנות — ספּקדיקע קונסט־כּלים, וואָס האָבן ניט געקענט האָבן קיין היסטאָרישע ווירקונג אויף דער אונטערדריקטער ייִדישער פֿאָלקמאַסע אין דער צווייטער העלפֿט פֿון 19טן יאָרהונדערט.

אויב די ייִדישע ליטעראַטור איז געווען אַ דערשיינונג אייִנציק אין איר מין אין דער קולטור־אַנטוויקלונג פֿון ייִדישן פֿאָלק אין משך פֿון יאָרהונדערטער, האָט דאָס בלויז געקענט געשען אין ייִדיש, אין אָט דעם עקספּרעסיוון און סובטעלן קולטור־און לעבן־קאָנצענטראַט פֿון דער מאָ־דערנער ייִדישער געשיכטע. ניט אין וועלכער עס איז אַנדערער שפּראַך האָבן זיך די קאָנוואָלסיעס, ראַנגלענישן און האָפֿענונגען אין ייִדישן פֿאָלק־לעבן געקאָנט קינסטלעריש רעאַליזירן. „אין דער שפּראַך”, האָט פּרץ געזאָגט, „ליגט באַהאַלטן דאָס געוויין פֿון אונדזערע עלטערן, דער ווײ־געשריי פֿון פֿיל דורות, דער גיפֿט און די פֿאַרביטערטקייט פֿון דער געשיכטע”. די גרונטשטריכן פֿון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור — איר אָפּטימיזם און רחמימדיקייט (ניט רחמנות!) זיינען כמעט ניט בנמצא אין ייִדישע שאַפֿונגען אויף אַנדערע שפּראַכן. און וואָס עס פֿעלט, דער עיקר, די אַנדערש־שפּראַכיקע ייִדישע ווערק פֿון יענער צייט, העברעיִש אַרייַנגערעכנט, איז די זעלבקריטיק און דער קינסטלערישער זעלבחוזק — די סאַטירע, וואָס האָט געשפּילט אַ היסטאָריש־באַפֿרייִערישע ראָלע אין דער אויסגעשטאַלטונג פֿון דער פֿאָלקפּסיכיק.

הייסט עס, אַז די דאַטע פֿון 100 יאָר מאָדערנער ייִדישער ליטעראַ־טור, וואָס מיר צייכענען איצט אָפּ, איז גלײַכצײַטיק אויך אַ הויכפּונקט אין דער אַנטוויקלונג פֿון אונדזער פֿאָלקלשון, אָן וועלכן דער וווּנדער פֿון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור וואָלט ניט מיגלעך געווען. פֿון דעם דרינגען אַרויס באַשטימטע היסטאָרישע פּועל־יוצאס אי בשייכות דער ראָלע פֿון ייִדיש אין אונדזער ווײַטערדיקן קולטורגאַנג און אי וואָס שייך דעם ספּעציעלן אָרט פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אונדזער לעבן. הונדערט יאָר מענדעלע מוכר ספֿרים איז ניט סתּם קיין ליטעראַרישע דאַטע, נאָר אַ דאַטע פֿון נאַציאָנאַלער חשיבֿות און באַטײַט, וואָס שפּרייט אַריבער די שפּראַך־ספֿערעס, אין וועלכע עס באַוועגט זיך דאָס הײַנטצײַ־טיקע ייִדישע לעבן, מחמת קיינעמס השפּעה אויפֿן ייִדישן לעבן און אויף דער ייִדישער קולטור איז ניט געווען פֿון אַזאַ גרויסן היסטאָרישן באַ־טײַט און דויער.

דער שליסל אין וועלכן עס האָט געשאַפֿן די ייִדישע קלאַסיק האָט געשטעלט דעם טאָן אויף דורות. די קלאַסיקער האָבן ניט אויפֿגעשלאָסן בלויז איין באַשטימטע רגע אין דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פֿון פֿאָלק און אָפּגעשפּיגלט איין באַשטימטע עפּאָכע אין ייִדישן לעבן און זיי ווערן דעריבער מיט דער צייט פֿאַרעלטערט. אין רעטראָספּעקט איז אַפֿילו ניט אין גאַנצן געניגנדיק די אַליין־כאַראַקטעריזירונג, וואָס מענדעלע האָט געגעבן דובנאָוון: „איך בין אויך אַ היסטאָריקער... ווען איר וועט קומען צו דער געשיכטע פֿון נײַנצנטן י. ה. ... וועט איר זיך מוזן באַניצן מיט מײַנע ווערק...” ניין, מענדעלע איז בשום אופֿן ניט געווען קיין שטייגער־שילדערער, וואָס האָט אָנגעכאַפּט איין געגעבענעם געשיכטלעכן מאָמענט.

דער חוש פֿאַר זייער צײַט איז בײַ די קלאַסיקערס געווען אַזוי סענ־סיטיוו און פֿאַרשפּיצט, אַזוי קינסטלעריש אַנטפּלעקנדיק, אַז זיי דער־גרייכן צײַטלאָזיקייט. כאָטש זיי שילדערן דעטאַלן פֿון אַ געגעבענער סבֿיבֿה, כאַפּן זיי אָן אַזעלכע גרונט־דעטאַלן און עיקרדיקע פּרטים אין לעבן פֿון פֿאָלק, אַז זיי גרייכן ווײַט מחוץ די גרענעצן פֿון זייער אייגענער סבֿיבֿה, זייער צײַט און אָרט. די קלאַסיק האָט אַנגעכאַפּט נאַציאָנאַלע און סאָ־ציאַלע מאָמענטן וואָס דויערן, וואָס גייען אָן אין פּראָצעס פֿון פֿאָלקס באַרגאַרויפֿיקן גאַנג, אַפֿילו ווען די היסטאָרישע קאָניונקטורן בײַטן זיך. דאָס גובֿר זײַן דאָס אָפּגעלעבטע און אַלטע, דאָס באַנעמען און באַזיניקן די שינויים אין לעבן, דאָס דערוועקן אין מענטש אַ חוש פֿון זעלבדער־קענטעניש, דער גלויבן, אַז „אויסגעלייזט מוז ווערן די וועלט" און אַז „אַ מענטש איז אַ מענטש" — דאָס זײַנען ניט קיין פֿאַרגייענדיקע היסטאָרישע קאַטעגאָריעס, וואָס זײַנען בלויז כאַראַקטעריסטיש און אַנזעיִק בײַם אײַ־בערגאַנג פֿון איין באַשטימטער סאָציאַל־היסטאָרישער פֿאָרמאַציע אין אַן אַנדערער. דער זעלבער שלום עליכם־ברונעם האָט דערהאַלטן בײַם לעבן די ייִדן אין צאַרישן רוסלאַנד און דעם אימיגראַנט אין צופֿאָס־פּראָצעס אין אַמעריקע. דער זעלבער מענדעלע, וואָס ראַנגלט זיך קעגן מיטלאַלטער, רופֿט אין יוני, 1917, די „ברידער ייִדן", זיי זאָלן אַריין אין „ים פֿון דער רעוואָלוציע", ווײַל צוריק טאָר מען ניט גיין.

(ס'איז גענוג צו זען די באַציִונגען צו מענדעלען, למשל, אין פֿאַר־שיידענע שפּעטערדיקע עפּאָכעס אין ייִדישן לעבן צו פֿאַרשטיין זײַן סאָ־ציאַל־אויפֿרײַסערישן און איבער־צײַט כאַראַקטער: די „יונגע" האָבן צו אים טענות געהאַט, הלמאי ער האָט, ווי אָפּאַטאַשו דערציילט אונדז, „ישׂראליקן אָנגעהאָנגען אַ טאָרבע ווי אַ לונג און לעבער"; אייב קאַהאַן האָט געהאַלטן „פֿישקע" און „מסעות" ווערק „אונטער דער ווירדע פֿון אירגענד וועלכן שרײַבער"; אַ ייִד אין ישׂראל, די לעצטע יאָרן, מאַכט פֿון אים אַש און פּאָרעך; אַ שרײַבער אין אַ ייִדישער צײַטונג, ערשט די לעצטע וואָכן, אַטאַקירט מענדעלען און רופֿט אים איצט אַ שונא־ישׂראל — אַ ניט־אויפֿהעריקע קייט פֿון נעגאַציעס עד היום, מחמת ער איז אַזוי הײַנטיק).

ב.

דער עיקר דערגרייך פֿון דער ייִדישער קלאַסיק איז געווען דאָס וואָס זי האָט געלערנט דאָס פֿאָלק ווי אַריבערצוגיין אַ היסטאָרישע שוועל, און ווײַל, צוליב אַ פֿאַרגרעסערטן געשיכטלעכן טעמפּאָ, האָבן זיך שוועלן שנעל געביטן אין ייִדישן לעבן — איז די זעלבע ליטעראַטור נאָך אַלץ געבליבן די וועגווײַזעריך, די מאַמע, וואָס האָט געהאָלפֿן אַריבערטרעטן שוועל נאָך שוועל. אין דעם איז געלעגן איר זיך כּסדר באַנײַענדיקע היס־טאָרישע דינאַמיק.

אַלע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אויסדרוקן אין ייִדישן לעבן אין משך

פֿון די לעצטע 100 יאָר זײַנען, אין אַ באַשטימטן זין, געהייבאַמט געוואָרן פֿון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור. וויכטיקע פּאָליטישע און געזעלשאַפֿטלעכע תּנאָים האָבן רײַף געמאַכט גרויסע שינויים אין ייִדישן לעבן, די טראַנספֿאָרמאַציעס האָבן צום לעבן געבראַכט די מאָדערנע ייִדישע ליטעראַטור, די ליטעראַטור פֿון איר זײַט האָט געהאָלפֿן די ענדערונגען זיך פֿאַרוואָרצלען און אַזוי אַרום בײַטן דאָס לעבן. זי האָט געפֿירט דעם גערעַנגל קעגן דער סטיכיע, זי האָט אָפּגעראַמט דאָס אַלטע, געריסן שפּינוועבס, געקראַצט שימל (ווי פּרץ דריקט זיך אויס וועגן שלום עליכמען), אָפּגערייניקט דעם ווילדוווקס פֿון עבֿר און די צוריקגעשטאַנענקייט, און געמאַכט אָרט פֿאַר דעם נײַעם. און אין משך פֿון דעם גאַנצן שטורמישן פּראָצעס פֿון טראַנספֿאָרמאַציע געהיט דעם מענטש, ער זאָל אין איבערגאַנג, חלילה, ניט געשעדיקט און ניט געניזקט ווערן.

דערצו איז נייטיק געווען אַ גרויסצוגיקע און ברייטאָטעמדיקע ליטעראַטור. אַ קליינע ליטעראַטור וואָלט געזען בלויז די צאַפּלענישן, די טעגלעכע וויטיקן, דעם קרעכץ און אָכץ קעגן דער עוולה — זי וואָלט פֿאַרפֿעלט דערשפּירן און דעשיפֿרירן דעם גאַנצן נאַציאָנאַלן, סאָציאַלן און אוניווערסאַלן אָטעם פֿון דעם פֿאָלקס קאָנוולסיעס. מער נאָך: אַ קורצאָטעמדיקע ליטעראַטור וואָלט ניט געווען קאַפּאַבל אָפּצוזאָגן זיך שרעקלאָז פֿון אַלטן, עס פֿאַרחוזקן און דערשפּירן, אַז מען דאַרף זאָגן יאָ צו דעם נײַעם, וואָס דאַרף קומען.

די ליטעראַטור איז געווען די הייבאַם פֿון מאָדערנעם ייִדישן לעבן אויפֿן בראָכשטול פֿון עפּאָכעס. ווען „די צײַט", ווי מאָריס ווינטשעווסקי האָט געזאָגט, „איז געווען אויף דער צײַט". די ייִדישע ליטעראַטור האָט געהאָלפֿן דאָס האָבן, אָפּגענומען דאָס קינד, עס צום ערשטן מאָל אַרײַנגעלייגט אין מולטער — צו ציִען ווײַטער ווינטשעווסקיס מעטאַפֿאָר — און עס אַרומגעוואַשן. נאָך דעם איז די ליטעראַטור נאָכגעגאַנגען פֿוסטריט דעם עופֿהלע און עס אין דער וועלט אַרײַנגעפֿירט.

אַלע היסטאָרישע אַנטוויקלונגען אין מאָדערנעם ייִדישן לעבן האָבן ניט נאָר געפֿונען זייער אָפּקלאַנג, נאָר זײַנען קינסטלעריש באַזיניקט און רעאַליזירט געוואָרן אין דער ייִדישער ליטעראַטור: דער גערעַנגל קעגן מיטלעלטער, דאָס אויפֿוואַכן פֿון נאַציאָנאַלן פֿאָלק־באַוווסטזײַן און דער קאַמף פֿאַר נאַציאָנאַלע רעכט — דער נאַציאָנאַליזם; דער סאָציאַליזם, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט אין דער ייִדישער סבֿיבֿה; דער אָפּגאַנג און דאָס געבורט פֿון נײַע קלאַסן און די גאַנצע געזעלשאַפֿטלעכע מעטאַמאָרפֿאָזע פֿון דעם ייִדישן אָרגאַניזם — דער אָפּגאַנג פֿון דער פֿעדעראַלער בורזשואַזיע, דאָס געבורט פֿון דער נײַער בורזשואַזיע, דאָס געבורט פֿון ייִדישן אַרבעטער, דאָס פֿאַרלוירענע קליינבירגערטום, דער נײַער מיטלקלאַס; דאָס געבורט פֿון אַ נײַער אינטעליגענץ, — איר פֿאַרלוירנקייט, איר שלום מיט דער בורזשואַזיע און איר רעוואָלט קעגן איר; דער חשבון מיט דער פֿאַרגאַנגענהייט, דער אָפּקלײַב פֿון רעליגיעזע און נאַ־

ציאָנאַלע ווערטן און דאָס געבורט פֿון וועלטלעכקייט; דאָס בײַקומען די סטיכיע פֿון אַמעריקע און דאָס פֿאַרוואָרצלען זיך דאָ אין לאַנד (דאָס זעלבע איז חל אויף קאַנאַדע, אַרגענטינע, א. אַז. וו.); די קלאַסן־דיפֿע־רענציאַציע אין אַמעריקע; דאָס אָנקומען פֿון סאָציאַליזם אין סאָוועטנ־פֿאַרבאַנד; דער קאַטאַקליזם פֿון פֿאַשיזם אין ייִדישן לעבן — די טראַגיק און הערא:ק; דער פֿאַלעסטיניזם און דאָס געבורט פֿון ישׂראל — אין די אַלע באַוועגונגען, וואָס האָבן אויפֿגעטרייסלט, צעקאַרבט און געענ־דערט דאָס ייִדישע לעבן, איז די ייִדישע ליטעראַטור מיטגעגאַנגען טראָט נאָך טראָט, דור נאָך דור, לאַנד נאָך לאַנד און ניט קוקנדיק אויף אָפֿטע בלאָנדזשעניש, געהאָלפֿן דעם פּראָצעס פֿון איבערגאַנג, פֿון גובֿר זײַן די סטיכיע, פֿון צופּאַסונג און באַנײַונג. עס איז זיך ניט פֿאַרצושטעלן דאָס ייִדישע לעבן אָן דער ייִדישער ליטעראַטור. צום בעסטן האָט זי אויסגע־דריקט אַלע פֿאָלקישע זיגזאַגן, אַרויף־אַראָפּן, די פֿילגעשטאַלטיקייט און די פֿילפֿורעמדיקייט. זי האָט רעגיסטרירט און באַזיגיקט ניט נאָר דעם סכום געשטאַלטן פֿון ייִדישן זײַן, נאָר וואָס איז נאָך וויכטיקער, די פֿילגעשטאַלטיקייט פֿון ייִדישן ווערן אין פּעריאָדעס פֿון גרויסע היסטאָ־רישע טראַנספֿאָרמאַציעס.

ג.

עס איז אָבער אויך נייטיק אונטערצושטרײַכן, אַז די מאָדערנע ייִדי־שע ליטעראַטור איז ניט געקומען פֿון זיך אַליין, ניט קוקנדיק אויף איר גאַנצער פּיאָנערישקייט, אויף איר קינסטלערישער אַרויסרופֿערישקייט צו די אָנגענומענע קונסט־שאַבלאָנען און געזעצן, אויף איר געזעלשאַפֿט־לעך נײַער אויפֿפֿאַסונג פֿון די גרונט־פּראָבלעמען אין ייִדישן לעבן — ניט קוקנדיק אויף דער סאָציאַל־קינסטלערישער אינאָוואַטאָרישקייט אי־רער, האָט אונדזער קלאַסיק געהאַט פֿאַר זיך אַ וויכטיקן פֿאָרגייער, וואָס האָט צוגעגרייט דעם באָדן און, ביז אַ מאָס, אַפֿילו צעאַקערט די רויערד, כּדי מענדעלע זאָל קאָנען געשען, כּדי שלום עליכם און פּרץ זאָלן קאָנען ווערן.

די דירעקטע פֿאָרגייערס פֿון דער ייִדישער קלאַסישער ליטעראַטור זײַנען געווען די משׂכּילישע שרײַבערס, וואָס האָבן דער עיקר געשריבן אין ייִדיש. ווייניקער די, וואָס האָבן געשריבן אין העברע:ש. מ. ווינער ווײַזט ריכטיק אָן, אַז די מאָדערנע העברייער, ווי מאַפּו, סמאָלענסקין, י. ל. גאָרדאָן זײַנען ערשט געקומען אין די 50ער יאָרן, בעת די פֿאָר־גייערס פֿון דער ייִדישער קלאַסיק האָבן זיך שוין באַוויזן אין די 20ער יאָרן פֿון 19טן יאָרהונדערט, און אַפֿילו פֿר:ער. (די אַנאָנימע פּיעסע „די גענאַרטע וועלט” איז מיסתּמא דערשינען אַרום 1816). בכּלל, איז די העברע:שע ליטעראַטור אין דעם צײַטאָפּשניט פֿון קנאַפּע 150 יאָר (פֿון 1700 ביז 1850) — מיט ווייניק אויסנעמען — געווען סטעריל, פֿאַר־

זונקען אין ראָמאַנטיק און אין מליצהשע גענעראַליזאַציעס, מיט ווייניק שייכות צום לעבן. (אַפילו די וואָס זײַנען געקומען אין די 50ער יאָרן זײַנען נאָך היפּשלעך געווען פאַרוועבט אין ראָמאַנטיק און מליצה). די יידישע ליטעראַטור, אַזוי פּרי ווי אין די 20ער יאָרן פון 19טן י״ה, האָט זיך שוין געהאַט באַפרײַט פון דעם מליצהדיקן, פון דעם רעטאָריש־אַבסטראַקטן, וואָס האָט באַשווערט די העברעיִשע ליטעראַטור. נאָך אַ מאָל: אַז דאָס אַלץ איז באַווירקט געוואָרן פון דער עצם שפּראַך איז קיין ספק ניט. די שפּראַך האָט דער ליטעראַטור געגעבן וואָרצלען אין מאַסנלעבן.

אמת: אויך די העברעיִשע משׂכּילים־שרײַבער האָבן געהאַט אויס־צושטיין פונעם חסידישן פאַנאַטיזם, אָבער צו די רדיפות אויף יידיש קאָן מען עס ניט פאַרגלײַכן. אונטערן דרוק פון די צאַרישע צענ־זאָרן און די חסידישע דרוקערײַ־אייגנטימערס איז כמעט קיין יידישן שרײַבער ניט געלונגען אָפּצודרוקן זײַנס אַ בוך. שלמה עטינגער איז גע־שטאָרבן, ניט האָבנדיק געזען קיין איינציקס פון זײַנע ווערק אָפּגעדרוקט. ישׂראל אַקסענפעלד האָט אויף אייגענע הוצאות געלאָזט דרוקן צוויי פון זײַנע דראַמעס אין לייפּציג און זיי זײַנען פאַרלעגן געוואָרן בײַם רוסישן צענזאָר. קנאַפּע 30 טעאַטער־שטיק, וואָס אַקסענפעלד האָט אָנ־געשריבן, זײַנען פאַרפאַלן געוואָרן אויף אייביק אין דעם אָדעסער פּאָגראָם פון 1871. ניט קוקנדיק אויף דעם אַלעם, האָבן די לידער, די דערציילונגען, די דראַמעס, די עפּיגראַמען פון די פאָרגייערס געלאָזט אַ טיפן אײַנדרוק אויף דעם קערנדל פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט געקײַמט אין פאָלק. שוין בײַ זיי, בײַ די ערשטע פירגייערס זײַ־נען קענטיק געווען אויסגעשפּראָכענע, פאָלקנאָענטע און דעמאָקראַטישע טענער, וואָס האָבן באַווירקט די ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער יידי־שער פאָלקס־ליטעראַטור און צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דער קלאַסיק.

שוין די ערשטע משׂכּילישע שרײַבער, דער עיקר אַקסענפעלד, עטינ־גער און גאָטלאָבער האָבן זיך געשטעלט קעגן מאַגיסטראַט און קהל, קעגן דעם וווּיט און דעם פּרנס־חודש, קעגן סכאָלאַסטיציזם און פּילפּול, קעגן חסידות און קבלה און געפירט אַ קאַמף קעגן דעם אָפּגעשטאַנענעם לעבן. עס מערקט זיך בײַ זיי שוין דער אָנהייב סײַ פון דער געזעלשאַפטלעכער קריטיק און סײַ פון דעם אָפּטימיזם — באַזישע גרונט־שטריכן פון דער יידישער קלאַסישער ליטעראַטור. די הונדערטער האַנט־געשריבענע קאָ־פּיעס פון אַקסענפעלדס „די גענאַרטע וועלט״ (געשריבן אין 1842), אָדער פון עטינגערס „סערקעלע״, האָבן געהאַט אַ טיפן רושם אויפן פאָלק און משפּיע געווען די שפּעטערדיקע שאַפער פון אונדזער מאָדערנער ליטע־ראַטור. גאָטלאָבערס צענדליקער לידער אין מויל פון פאָלק, שוין אָפּ־גערעדט פון אייזיק מאיר דיקס אַן ערך 100 טויזנט ביכלעך, וואָס זײַנען זיך צעגאַנגען אין די 50ער יאָרן — די אַלע האָבן צוגעגרייט דעם באָדן

פאַר דעם מאַסן־לייענער, וואָס האָט אַ הונגעריקער געוואָרט אויף מענ־דעלען און שלום עליכמען.

רעדנדיק וועגן ישראל אַקסענפעלד, זאָגט י. צינבערג: „אַקסענפעלדס שאַפן, דאָס איז אַ באַדייטנדיקער עטאַפּ אין דער אַנטוויקלונג פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. דער ערשטער ברייטער פּרווו צו פירן אַ ברייטן, עקשנותדיקן קולטור־קאַמף פאַר אויפקלערונג, פאַר נייע לעבנס־פאָרמען אויף דער שפּראַך פון המון, פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן... ער ווערט ניט מיד בלויז צו שטעלן און צו באַגיסן מיט שפּאָט און ביטול דעם אַלטפרענקישן קליינשטעטלדיקן שטייגער־לעבן מיט די לופט־פּרנסות, מיטן ווילדן איבערגלויבן, מיט דער אומבאַהאָלפנקייט, וואָס שטאַמט פון מאויםדיקן אומוויסן און אָפּגעשטאַנענקייט" (ישראל צינבערג, „די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן", באַנד 8־ב, זייט 183).

אַט ווי אַקסענפעלד אַליין פאַסט־אויף זיין שרייבערישע עבֿודה: „שרייבן אויף אַזאַ שפּראַך, וואָס איז פאַרשטענדלעך דעם פּשוטן יידישן עולם, אַרויסגעפינען קאָמישע און צו גלייך באַלערנדיקע געשעענישן פוןווירקלעכן לעבן, צוציען דעם לייענער מיט אַ מעשה, אַזוי אַז אומעטום זאָל אַרויסטרעטן דער אמת, אָבער אין אַ פיינער פאָרם פון אַן אינטע־רעסאַנטער דערציילונג. אַט די שווערע אַרבעט האָב איך גענומען אויף זיך".

לייענט מען מיט ישובֿ־הדעת אַקסענפעלדס פאָרמולירונג, ווערט קלאָר, אַז דאָ האָבן מיר פאַר זיך די באַזישע עלעמענטן, וואָס האָבן שוין געטראָגן אין זיך די קערנער פון דעם געזעלשאַפטלעכן רעאַליזם פון דער קלאַ־סישער יידישער ליטעראַטור.

ד.

די ענדערונג, וואָס די קלאַסיקער האָבן גורם געווען אין דער יידי־שער ליטעראַטור איז דער עיקרשט באַשטאַנען ניט אין דעם, וואָס דער פאָלקמענטש איז געוואָרן דער העלד און די טעמע פון דער ליטעראַטור, ווייל דאָס איז ער שוין טיילווייז געווען ביי די משׂכּילישע שרייבער, נאָר דאָס וואָס ער איז געוואָרן דער אַדרעסאַט צו וועמען די ליטעראַטור האָט זיך געווענדט. ער איז געוואָרן דער „קורא נכבד", דער אָפּנעמער, דער קאָנסומענט פון דער ליטעראַטור. (זע, מענדעלעס און שלום עלי־כמס אַריינפיר־ווערטער צום לייענער). דאָס יאָר 1864, ווען מענדעלעס „דאָס קליינע מענטשעלע" איז דערשינען, האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם אָנהייב פון אַ מאַסן־ליטעראַטור אין יידיש. דאָס איז געווען דער אָנהייב פון איינעם פון די היסטאָרישסטע איבערדערצי־פּראָצעסן אין לעבן פון אונדזער פאָלק, אַ פּראָצעס וואָס האָט באַווירקט דאָס יידישע לעבן מער ווי וועלכע עס איז אַנדערע קולטור־געשעעניש, זינט דער

תּלמוד איז געשלאָסן געוואָרן. עס האָט סיגנאַליזירט דעם אָנהייב פֿון אַ נײַעם באַוווּסטזײַן אין לעבן פֿון אונדזער פֿאָלק.

וואָס זײַנען געווען די כּוללדיקע שטריכן פֿון דער ייִדישער קלאַסיק, וואָס האָבן איר געגעבן דעם אָטעם פֿון דויער און דעם כּוח צו באַווירקן דורות?

פּרץ האָט אַ מאָל געזאָגט וועגן מענדעלען: „געווען אַ מאַן, וואָס האָט אַנטדעקט דאָס ראָד און זײַן נאָמען איז פֿאַרגעסן געוואָרן, אָבער אין אַלע שפּעטערדיקע אַנטדעקונגען דרייט זיך אַלץ דאָס ראָד ביז אויף הײַנטיקן טאָג. מענדעלע האָט אַנטדעקט דאָס ראָד אין אונדזער ליטעראַטור, און יעדער איינער פֿון אונדז — ביזן ייִנגסטן פֿון די יונגע, דרייט אָט דאָס ראָד".

וואָס זײַנען געווען די שפּאַכטן, די ראָד־שטאַנגען פֿון מענדעלעס אַנטדעקונג, וואָס דרייען זיך עד היום אין דער ייִדישער ליטעראַטור? וואָס האָבן זיי, די קלאַסיקערס, און די אַנדערע מיט זיי, פּועל געווען?

זיי האָבן פּראָקלאַמירט די סוווערעניטעט, דאָס אויבערשטע־פֿון־שטייסלדיקייט, פֿון פּשוטן מענטש, געזוכט אין אים די מענטשלעכע גוטסקייט, דערהויבנקייט און יום־טובֿדיקייט. זיי האָבן באַוויזן, אַז אמתער געלײַטערטער הומאַניזם און קרבן־גרייטקייט קאָן מען נאָר בײַ אים געפֿינען. „העלדן געפֿינען זיך צווישן אונדזער המון־עם אַ סך מער אַלס בײַ אונדזער העכערע קלאַסע" — זאָגט שלום עליכם. זיי האָבן דערהויבן דעם טאָגטעגלעכן ווי פֿון קליינעם מענטש צו אוניווערסאַלן טראַגיזם און גרויסקייט.

זיי האָבן פֿאַרטיידיקט דאָס „קליינע מענטשעלע מיט דער קליינער השגה", אים מצדיק געווען, אים אַרויסגעהויבן פֿון די שמאַטעס, ניט מחמת רחמנות צו אים, (פֿון אויבן אַראָפּ, הייסט עס), נאָר ווײַל זיי האָבן אים פֿאַרויסגעזען, אַנטיציפּירט, ביט ווי ער איז איצט, נאָר ווי ער וועט אומפֿאַרמײַדלעך ווערן — אָן פּײַן, אָן האַרצווייטיק, אָן אונטערדריקונג, ניט געכאַפּט אין קלעם פֿון צרות און פּורעניותן.

זיי האָבן געהילט דאָס פֿאָלק אין ליבע און אין רחמים, און גלײַכצײַטיק עס שאַרף און אָנפּניותדיק קריטיקירט, געריסן פֿון דעם דעם ווילדוווּקס פֿון צוריקגעשטאַנענקייט און פֿאַנאַטיזם, אויסגעקעמט די קאָלטענעס פֿון מיטלאַלטער און אַפֿילו געהאָלפֿן צעשטרײַען די צעטומלונג פֿון דער נײַער צײַט.

זיי האָבן אָפּגעטיילט דאָס אָפּגעלעבטע פֿון דעם טראַדיציאָנעל נייטיקן, אַרויסגעשיילט דעם פֿאָלקישן יאָדער פֿון פֿאַרעלטערטן שאָלעכץ.

אין דעם פּרט — אין פּרט פֿון פּאָזיטיוון אויסשיילן דעם יאָדער פֿון טראַדיציע און פֿאַרוואַרפֿן דאָס שאָלעכץ פֿון קאָנפֿאָרמיזם און דאָגמע, זײַ־

נען זיי געווען די געלײַטערטסטע פּירלויפּערס פון אונדזער הײַנטצײַטי־קער וועלטלעכקייט.

(דער קטיגור פון דאָגמאַטיזשן און רעאַקציאָנערן „שטרײַמל" — פּרץ, ווערט דער וואַרעמער פּאַרטיידיקער פון רבין אין אַ סערמיענגע, אין „אויב נישט נאָך העכער", ד. ה. פון דעם הומאַניסטיש־אוניווערסאַלן אין דער טראַדיציע).

זיי זײַנען דעם פאָלק בײַגעשטאַנען, ווען יעהופּעץ האָט געמאַניעט כּתרילעווקע און — אָפּגענאַרט, און אַמעריקע האָט — אָנשטאָט די צו־געזאָגטע „חלה אין דער וואָכן", אַנטקעגנגעטראָגן סלעק (אַרבעטלאָזיקייט), מיט טענעמענטס, מיט שווינדזוכט.

די קלאַסיק האָט דערהויבן דעם פאָלקס עקשנות און ביטחון צו אַ געלײַטערטן גלויבן אין זיך, געלערנט לאַכן, כּדי צו ראַטעווען פון טרערן, געהאָלפן דורך געלײַטערטן הומאָר און סאַטירע, — וואָס האָבן ווי שע־פעריש מיטלען דערגרייכט קינסטלערישע שלימות און גײַסטיקע און גײַסטלעכע עקספּלאָזיווקייט אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, מער, דאַכט זיך, ווי אין וועלכער עס איז אַנדער מאָדערנער ליטעראַטור — אַוועקשאַרן דאָס אָפּגעלעבטע און צוריקגעשטאַנענע.

די קלאַסיקערס האָבן דעם פאָלקמענטש, וואָס איז געווען געכאַפּט אין קאָשמאַר פון רישעות און פּיין, געלערנט לאַכן פון זיך און פון זײַנע שונאים. אָפּגעקראַצט דורך געלעכטער די בייזע אָנוווקסן אויף נשמה און גוף, פאַרהוזקט דאָס אַלטע און עס געהאָלפן אומוואַרפן. די סאַטירע — דער חוזק פון זיך אַליין — אין דער יידישער ליטעראַטור, איז געווען אַן אַקט פון שוץ, בליץ־אַפּלייטעריי און באַפרײַונג.

י. ציגבערג זאָגט וועגן מענדעלען: „מענדעלעס שפּאָט און סאַר־קאַזם פאַר דער יידישער ליטעראַטור איז געווען אַ באַפרײַונג־אַקט... אַ מוז זאַך, בכדי בײַקומען און גובר זײַן די שליטה פון דעם פאַרגליווערטן לעבנשטייגער, אַ מוז זאַך פאַר די שפּעטערדיקע קינסטלערס, זיי זאָלן אימשטאַנד זײַן פרײַ צו שאַפן..." („אַבראַמאָוויטש און מענדעלע").

זיי האָבן באַפרייט דעם פאָלקמענטש פון געפיל פון שולד און שלי־מזלדיקייט, און פאַרקערעוועט זײַן צאָרן פון זיך אויף די אומשטענדן אַרום און אויף זײַנע פאַרפאָלגערס און אים געלערנט זיך קלאַמערן אין לעבן. זיי האָבן באַזיגיקט און סימפּליפיצירט דעם פלאָנטער פון די נײַע גע־זעלשאַפטלעכע און עקאָנאָמישע באַדינגען און געלערנט דאָס פאָלק זיך ספּראַווען מיט זיי.

זיי האָבן אַ דורותדיקע קולטור פון פריער און נאַציאָנאַלע קולטור־אוצרות — ביבלישע, תּלמודישע, סעקולערע — אָפּגעקליבן און זיי אַ נײַעם תּיקון געגעבן. דער עבֿר פון פאָלק, אַן אָפּגעקליבענער, אָטעמט

אין זיי, אָבער זיי אַליין אָטעמען מיט היינטצייטיקייט, מיט מאָרגנצײַ־טיקייט.

זיי האָבן געזוכט נאַציאָנאַלע ווערטן אין דעם נאַציאָנאַל־סעקולערן און געצויגן זייערע זאַפטן פֿון די הינטערגעסלעך און ניט פֿון בית־מדרש, פֿון די נײַע אַרבעטער־בערזעס און ניט פֿון דער שול הינטערן אויוון.

אַפֿילו זייערע רעליגיעזע כאַראַקטערן ווערן דערהויבן דער עיקר דורך זייער טיף־מענטשלעכן מהות — ר׳ יויזיפֿל בײַ שלום עליכמען, דער נעמעראָווער און ר׳ שלמה בײַ פּרצן.

געבוירן אין צאַרישן תחום המושב — אין אַ סבֿיבֿה פֿון רעכטלאָזי־קייט, פּאָגראָמען און צוריקגעשטאַנענקייט; געבוירן אין דער פּאַרפּעס־טעטער אַטמאָספֿער פֿון סוועט־שאַפּ און טענעמענט — האָט די ליטע־ראַטור געגעבן אויסדרוק צו אַ תּקופֿה פֿון דער גרעסטער צערודערונג אין ייִדישן לעבן, פֿון וויטיקדיקן איבערגאַנג, ווען דאָס אַלטע איז אײַנ־געפֿאַלן און דאָס נײַע האָט געשראָקן און דעהומאַניזירט. כּדי צו ווירקן האָט די ייִדישע ליטעראַטור, מחמת היסטאָרישער נויטווענדיקייט, גע־מוזט ווערן דאָס קול פֿון דער הילפֿלאָזער פֿאָלקמאַסע, וואָס האָט געזוכט עקאָנאָמישע זיכערקייט און אַ געפֿיל פֿון זעלבווערט, אַ דערקענטעניש פֿון זיך אין אַ געענדערטער וועלט. עס איז געווען די צײַט, ווי פּרץ האָט זי פֿאַרגעשטעלט, ווען „עס הייבט זיך אָן צו באַפֿרײַען דער ייִדישער המון, דער אָרעמער ייִדישער עם־הארץ. ער פֿאַרלירט זײַן צוטרוי אי צום גרויסן למדן, אי צום גרויסן גבֿיר... דער המון הייבט אָן אַליין צו בענקען, צו פֿילן, וויל לעבן זײַן אייגן אָרעם לעבן פֿאַר זיך".

דאָס האָט גורם געווען דעם גרונט־טאָן אין דער ייִדישער ליטעראַ־טור, דעם באַוווסטזײַן וועגן דער געזעלשאַפֿטלעכער אחריות פֿון דער ליטעראַטור — „אָן פֿאָלק איז ניטאָ קיין ליטעראַטור" (י. ל. פּרץ), און געשאַפֿן די אינטימע שייכות צווישן דעם לייענער און שרײַבער, אַן אינטימקייט, וואָס איז זעלטן צו געפֿינען אין וועלכער עס איז אַנדערער ליטעראַטור. מחמת זיי זײַנען געווען אַזוי נאָענט אידענטיפֿיצירט מיטן פֿאָלק, האָבן זיי צעעפֿנט פֿענצטער צו דער וועלט פֿון אינעווייניק, ניט ווי די משׂכּילים — פֿון דרויסן. זיי האָבן זיך אויפֿגעלייזט אין כּלל און דעם כּלל דערהויבן און געלײַטערט.

פֿון דעם שרײַבן ווי אינעווייניקסטע האָט געקוואָלט זייער קלאָרע פֿאַרשטענדעניש פֿאַר די סיבות פֿון פֿאָלקליידן. זיי האָבן אָפּגעוואָרפֿן די משׂכּילישע רפֿואות פֿון איראָפּעיִזאַציע און בילדונג ווי די לייזונג פֿון פֿאָלק־יסורים און אָנגעוויזן אויף די עקאָנאָמישע פֿאַרפֿאָלגונגען (מענדע־לעס „אַ טאַנץ גייט ניט פֿאַרן עסן") און רעכטלעכע אונטערדריקונגען (מענדעלעס „קליאַטשע", שלום עליכמס „גימנאַזיע") ווי די אמתע סיבות פֿון צוריקגעשטאַנענקייט און דעם פֿאָלקס מאַטערנישן.

אינטערעסאַנט ווי י. צינבערג שאַצט עס אָפּ (אין דערמאָנטן אַרטיקל): „גאָגאָל האָט אין ניקאָלאַיִשן רוסלאַנד געזען קודם־כּל ׳טויטע נפֿשות׳

און 'חזירישע פּיסקעס' און אונדזער מענדעלע, בעת ער האָט אַלס קינסט־לער געוואָלט שילדערן דאָס ייִדישע לעבן — האָט זיך אים קודם כּל געוואָרפן אין די אויגן ניט דאָס, וואָס ער האָט צו טאָן מיט פאַנאַטישע איבערגלייבערישע פאַרשוינען — נאָר מיט בעטלערס, קבצנים".

דער גראַנגל פאַר רעכט, ברויט, בילדונג און מענטשלעכער ווער־דע זײַנען געווען דער קווינטעסענץ פון דער ייִדישער קלאַסיק, דער תמצית אירער, די שפּאַכטן פון דעם ראָד, וואָס מענדעלע האָט אַנטדעקט.

דער גרונט־טאָן פון דער קלאַסיק איז דעריבער אַ קריגערישער, אַן אַקטיווער הומאַניזם, וואָס שטעלט זיך אײַן פאַרן מענטש — ניט בלויז מיטלייד און טרערן, נאָר מיליטאַנטער אַקטיוויזם לטובת דעם מענטש.

זיי האָבן אויסגעדרייט דאָס פאָלק מיטן פּנים אַוועק פון מיטלאַלטער („מסעות בנימין השלישי"), זיי האָבן אים באַשיצט פון דער אילוזיע און זעלבנאַרערײַ פון דעם נײַעם לעבן („מנחם מענדל"), און האָבן אים גע־געבן דאָס געפיל פון אייגענער ווערט און דעם שטאָלץ צו פאָדערן („די קליאַטשע", „באַנטשע").

דער מאָראַל־עטישער לײַטמאָטיוו פון דער קלאַסיק איז געווען דער רוף צום גרויסן מישפּט איבער דער רישעות פון דער וועלט. אַ רוף, וואָס איז אַזוי אימפּאָזאַנט ווי דער נביאישער געוואַלט־געשריי קעגן דער סאָציאַלער עוולה. פּרצעס „געמישפּט און אויסגעלייזט מוז ווערן די וועלט" גייט־אויף צוזאַמען מיט דעם גלויבן אין מענטש און זײַן פּאָטענץ זיך צו ענדערן און צו ענדערן די וועלט.

כּדי דאָס דערגרייכן דאַרף מען דעם פאָלקמענטש העלפן אויסוואַקסן, העלפן ווערן באַלעבאָס איבערן אייגענעם לעבן, העלפן אים זאָגן „יאָ", באַיאָען דאָס לעבן און דעם מענטשנס גראַנגל דאָס לעבן צו דערהייבן און פאַרבעסערן.

דאָס, בעיקר, האָט די קלאַסיק געטאָן. מחמת דעם האָט זי, צוזאַמען מיט קריטיק און ליבע, אויך געערדט אין שליסל פון גרויסער האָפער־דיקייט און געמאָלן וויזיעס פון אַ צעלויכטענעם מאָרגן.

אַ דאַנק איר איז דאָס פאָלק רײַף געוואָרן — דער דראַנג נאָך סאָ־ציאַלן יושר און גלײַכהייט, וואָס האָט געלעבט אין פאָלק פון די נביאים אָן, האָט געפונען אַ נײַעם אויסדרוק, זיך אַנגעטאָן אין בלוט און פלייש פון דער נײַער צײַט, זיך רעאַליזירט אין אידיאַם פון הײַנטיקייט.

מענדעלע האָט עס קלאָר פאַרשטאַנען נאָך מיט 100 יאָר צוריק. אין „עין משפּט" שרײַבט ער: „אַזוי גייט דאָס פאָלק פאָרויס פון מדרגה צו מדרגה, מיט דער הילף פון זײַנע שרײַבערס, וואָס קומען איינער נאָכן אַנדערן צו דער פּאַסיקער צײַט, כּדי צו פאַרגרעסערן די בילדונג און זי שטאַרקן, כּדי צו שאַפן נײַע באַגריפן פון די אורקוואַלן פון פאָלק־לעבן און זיי אַרויסברענגען פון טונקלקייט צו שײַן..."

ה.

אַט דעם טאָן האָט די קלאַסיק געשטעלט פֿאַר דער ייִדישער קולטור, לדור־דורות. אַ טאָן, וואָס ניט קוקנדיק אויף אַלע אָפּטע בלאָנדזשע־נישן און אָפּווייכונגען, האָט ער אָנגעהאַלטן ווי אַ גרונט־מאָטיוו אין דער ייִדישער ליטעראַטור. זיי, די קלאַסיקערס, האָבן געעפֿנט אַ שפּונט צום אָנזאַמל פֿון פֿאָלק־שעפֿערישקייט, וואָס האָט זיך דורך זיי, אַרום זיי, מיט זיי אַדורכגעריסן. די שפּע פֿון שאַפֿערס און ווערק אין געצײַלטע צענדלי־קער יאָרן האָט בפֿירוש קיין פֿאַרגלײַך ניט אין אונדזער געשיכטע. אַלע שליוזן פֿון אַ זעלטענער און פֿאַרצווײַגטער קרעאַטיווקייט האָבן זיך גע־עפֿנט: גאָלדפֿאַדן און יעקבֿ גאָרדין; יצחק יואל לינעצקי און אליקום צונזער און מרדכי ספּעקטאָר און ש. פֿרוג און יעקבֿ דינעזאָן און דוד פּינסקי.

ס'האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ געבײַ פֿון וועלכן זיי זײַנען געבליבן סײַ די זײַלן און סײַ דער פֿונדאַמענט. די אַמעריקאַנער ייִדישע שרײַבערס — סײַ די אַרבעטער־דיכטערס, סײַ די שפּעטערע — וואָלטן אָן זיי היסטאָ־ריש ניט מעגלעך געווען. ניט צופֿעליק האָט י. ל. פּרץ געדרוקט דערציי־לונגען אין דער אַמעריקאַנער ייִדישער אַרבעטער־פּרעסע אין די 90ער יאָרן, טייל פֿון זיי, צוליב דער צאַרישער צענזור, נאָך איידער זיי זײַנען געדרוקט געווען אין אייראָפּע.

זיי האָבן סײַ קינסטלעריש, סײַ אידעיִש סיגנאַליזירט דעם פּרימאַט פֿון ייִדישן שאַפֿן פֿון מזרח־אייראָפּע אין ייִדיש איבער דעם גאַנצן סכום פֿון דער ייִדישער נאַציאָנאַלער קרעאַטיווקייט די לעצטע 100 יאָר.

וואָס ברייטער די קאַנווע איז געוואָרן אַלץ מער האָבן זיך געמערט יחידישע בלאָנדזשענישן, די סטעזשקעלעך פֿון פֿאַרלוירנקייט, פֿון פֿאַר־יאושטע בין השמשותן, פֿון אַנטרונען ווערן פֿון דער וועלט און פֿאַר־לייקענען די געזעלשאַפֿט, פֿון נעגירן דעם מענטש און טוליען זיך צום אייערנעכטן, אַפֿילו פֿון צוריקרופֿן אין בית־המדרש אַרײַן — אָבער דאָס זײַנען אַלץ נאַטירלעכע שאָטן־ווינקלען אויף אַ ליכטיקער קאַנווע.

דער הויפּט־שטראָם פֿון הומאַניזם און אהבֿת־המענטש איז געבליבן. טייל מאָל אפֿשר אין שאָטן, אָבער אַלע מאָל האָבן די קלאַסישע אור־קוואַלן געשלאָגן און באַשטימט דעם טאָן פֿון דער ליטעראַטור.

דוד בערגעלסאָן האָט דעם טאָן באַשטעטיקט אין זײַן פֿאַרסאָוועטישן פּעריאָד און שפּעטער אין „פּענעק". רייזען, מיט זײַן שטילער ליבע צום מענטש, שלום אַש מיט זײַן זוכן דעם געטלעכן פֿונק אין מענטש — אַלע פֿאַרהיטן זיי די טראַדיציע.

פֿונקט אַזוי די אַרבעטער־דיכטערס אין אַמעריקע און די שפּע־טערדיקע נאָך זיי — די „יונגע", משה לייבס סאַטירע און ה. לייוויקס גאולה־זוכענישן, און זײַן באַלאַדע פֿון דענווער־סאַניטאַריום און אָפּאַ־טאָשו און ראַבאַי און נאָך דעם די אינזיכיסטן און די שפּעטערע פּראָלע־

טאַרישע שרײַבערס (און די וואָס מ׳קאָן זיי ניט קלאַסיפֿיצירן — ביאַ־לאָסטאָצקי, ווײַנפּער) און די נאָכקומענדיקע, ביז דעם נײַעם פּאַרטיפּטן שטראָם פֿון דער סאָוועטישער שאַפֿונג (ביז 1948) — זיי אַלע האָבן געוואָרצלט טיף אין דער קלאַסיק.

דער קאַמף פֿאַרן כסדרדיקן ווידערגעבורט פֿון פֿאָלק איז אָנגעגאַנגען. די טראַדיציע פֿון די קלאַסיקערס האָט פּולסירט. און אין די יאָרן פֿון טראַגישסטן ניסיון, ווען מ׳האָט פֿון דאָס נײַ באַדאַרפֿט מאָביליזירן דעם גײַסט פֿון פֿאָלק קעגן דעם פֿאַשיזם — האָט ער זיך פֿונאַנדערגעגליט ווידער אויף ס׳נײַ בײַ קאַצענעלסאָנען, בײַ פֿעפֿערן, בײַ הירש גליקן, בײַ מאַרקישן.

די טענער פֿון די ראשונים האָבן זיך צעברומט פֿון דאָס נײַ.

און איצט ווערן מיר ווידער געשטעלט צו דער פֿראַגע: ווען מיר פֿעיִק זײַן צו פֿאַרהיטן דאָס פֿאָלקפּאַרמעג, וואָס מען האָט אונדז אָנגעטרויט.

מיר דאַרפֿן:

פֿאַרהיטן דעם הומאַניזם און גלויבן זייערן, דאָס לשון און די שאַ־פֿונגען זייערע און זיי ווײַטער ציִען אין ייִדיש.

אָפּקלײַבן און אַריבערגיסן זיי אין אַנדערע שפּראַכן — מיר דאָ, אין ענגליש — כּדי זיי זאָלן באַווירקן די אַנדערש־שפּראַכיקע ליטעראַטורן אויף וועלכע ייִדן שאַפֿן און זיי פֿאַרהיטן פֿון בלוט־אַרעמקייט און נאַציאָ־נאַלער טומטומדיקייט; און — איבערגעבן, דורך דערציִונג, די אוצרות צו נײַע דורות.

דער צאַפּל פֿון קלאַסישן בראשית מוז בלײַבן אַן אייביקער אָנהייב, אַ מעין המתגבר פֿאַר דער צוקונפֿט.

אמר ר׳ מענדעלע, נאָך אַ מאָל אין „עין־משפּט": „דער אמת איז, אַז אַ פֿאָלק און זײַן ליטעראַטור פֿאַרבינדן זיך אין איינעם צו זײַן סײַ אַ ווירקונג, סײַ אַ באַווירקטס, און זײַענדיק אַ רעזולטאַט, ווערט די לי־טעראַטור אויך צוריק אַ ווירקנדיקער פֿאַקטאָר, און דערין ליגט איר קראַפֿט פֿון זיך אַליין צו ווערן אַ נויטווענדיקייט און אַן אייגנס פֿון גאַנצן פֿאָלק".

(1965)

די לויטערע ירושה פֿון שלום עליכם

מער ווי ליטעראַטור

שלום עליכם איז אַ קולטור־דערשײַנונג פֿון איבער־ליטעראַרישע דימענסיעס — ער איז מער ווי ליטעראַטור. זײַן שאַפֿן איז אײַנגעוועבט ווי אַ פֿאָדעם אין דער מאַטעריע פֿון פֿאָלקישן אָרגאַניזם (צו ניצן דעם זיידן מענדעלעס אַן אימאַזש) און ער איז געוואָרן אַ טייל פֿון דעם געוועב, פֿון דער אייגנאַרט און דער פּסיכיק פֿון פֿאָלק.

פֿאַראַן רגעס אין קולטור־לעבן פֿון אַ פֿאָלק, דער עיקר אין מאָמענטן פֿון איבערבראָך און איבערגאַנג, ווען איין ליטעראַרישע פּערזענלעכקייט (אָדער אַ גרופּע פּערזענלעכקייטן) כאַפּט אויף דעם אָנזאַמל פֿון אַ סך פֿאָלקשטריכן פֿון פֿריִער, רייניקט און שײַערט זיי אַרום, ברענגט אַרויס פֿון דאָס נײַ דעם ריינעם קלאַנג און דעם דויערנדיקן גלאַנץ, וואָס ווערן בטבֿע קיין מאָל ניט פֿאַרלוירן, כאָטש זיי ווערן צײַטנווײַז פֿאַרטעמפּט און פֿאַרטונקלט, און ברענגט זיי צוריק צום פֿאָלק, ווי אַן אָפּגעקליבענע, אויסגעלײַטערטע ירושה. עס איז אָפֿט אַפֿילו שווער צו וויסן ווו דאָס אַלטע הערט אויף און דאָס נײַ־צוגעגעבענע הייבט זיך אָן. אָט די היסטאָרישע מיסיע האָבן די קלאַסיקער דורכגעפֿירט, אָט די געשיכטלעכע אויפֿגאַבע האָט שלום עליכם צום טיפֿסטן און צום סובטעלסטן רעאַליזירט.

שלום עליכם נעמט צוזאַמען, רעפֿלעקטירט מיט דראַמאַטישער שפּאַנונג און שטײַגונג די גאַנצע ייִדישע ליטעראַטור — די פֿריִערדיקע ווי די שפּעטערדיקע, די פֿאָרגייערס ווי די נאָכגייערס.

אָבער ניט נאָר די ליטעראַטור רעפֿלעקטירט ער, נאָר דאָס גאַנצע פֿאָלק וועמען די ליטעראַטור האָט אָפּגעשפּיגלט. שוין יהואָש האָט, אין זײַן הספּד נאָך שלום עליכמען, אים אָנגערופֿן דער „זעיר אַנפּין" — דער מיקראָקאָסם, דער איינצל־טראָפּן, וואָס שפּיגלט־אָפּ דאָס גאַנצע — פֿון ייִדישן פֿאָלק.

די שלום עליכם־שטריכן זײַנען נאַציאָנאַל פֿאַרמעגן פֿאַר וועלכע מ'דאַרף זיך ראַנגלען, אײַנשטעלן און אָפּהיטן. אַ ייִד, וואָס קאָן ניט שלום עליכמען, איז אויף אַזוי פֿיל אָרעמער און די פֿעדעם וואָס פֿאַרבינדן אים מיטן פֿאָלק זײַנען אויף אַזוי פֿיל שוואַכער און גרויער. צוליב דעם דאַרפֿן מיר פֿון דאָס נײַ מאַכן אַ סך־הכּל, וואָס וויפֿל מאָל מיר זאָלן אים שוין ניט האָבן געמאַכט, ווערט ער פֿון מאָל צו מאָל אַלץ גרעסער און אימפּאָזאַנטער.

אפֿשר ליגט אין דעם דער הויפּט שׂכל פֿון דער שלום עליכם־ירושה: דער חשבון מיט אים איז בפֿירוש ניט קיין פֿאַרענדיקטער. די באַציִונגען מיט אים זײַנען ניט קיין פֿאַרסכּהכּלטע — זיי זײַנען אַ קייט פֿון נײַע און זיך באַנײַענדיקע דערפֿאַרונגען. זײַן אײַנדרוק אויף אונדז ווערט אַנדערש, זײַן פֿאַרבן־גאַמע ווערט אַנדערש, זײַן מיין — אָפּט אַנדערש, אונדזער אופֿן פֿון רעאַגירן — אַנדערש, אָבער די צווישן־השפּעה פֿון שרײַבער און לייענער האַלט אָן. יעדער ייִדישער דור זעט עפּעס אַנדערש אין אים, יעדער ישובֿ אַנטפּלעקט עפּעס נײַס און אייגנס אין אים. זײַנע וואָרצלען אין פֿאָלק ווערן אַלץ טיפֿער און אײַנצײַטיק ווערט ער אַלץ נײַער און מער אוניווערסאַל.

דער וווּנדערלעך צעהעלטער טאַטעדיקער שלום עליכם פֿון אונדזערע יונגע יאָרן איז געוואָרן אונדזער אַלעמענס וווּנדערקינד מיט אַ דור שפּעטער.

דאָ און דאָרט פֿאַלן אָפּ שטייגער־פּרטים. אונדזערע קינדער וועלן מסתּמא פֿאַרפֿעלן דעם הומאָר פֿון „קדלת וקדשת". אָבער דאָס עיקרדיקע אין אים — דאָס טיף־מענטשלעכע, דאָס אוניווערסאַלע, דאָס פֿאָלק־נאָענטע און דאָס האָפֿערדיקע — און דאָס איז דער תּוך פֿון שלום עליכמען — דאָס שפּרײַזט אַריבער דורות מיט דער פֿלינקייט פֿון מאַטלען און מיט דער צײַטלאָזיקייט פֿון טבֿיהן און קומט אונדז צו מעלדן: הננו, מיר זײַנען דאָ.

„דער פֿאָלק־שרײַבער" — האָט שלום עליכם געזאָגט — „איז פֿאַר זײַן צײַט דער שפּיגל אין וועלכן עס טוען זיך אָפּבילדן, אָפּשפּיגלען די שטראַלן פֿון לעבן". אמת. עס ווענדט זיך בלויז אויף וואָסערע ווינקלען פֿון לעבן דער שפּיגל איז געווען אָנגעשטעלט.

שלום עליכם האָט זיך דערגרונטעוועט צו די אורקוואַלן פֿון פֿאָלק־לעבן, וואָס די צײַט פֿאַרווישט זיי נישט און דער לויף פֿון די יאָרן טריקנט זיי ניט אויס. דאָס בילד פֿון אַ לײַדנדיק פֿאָלק וואָס, ניט קוקנדיק אויף אַלע פּורעניותן און פֿאַרפֿאָלגונגען צו וועלכע עס איז אויסגעשטעלט, לײַכט עס נאָך אַלץ מיט זײַן אינערלעכן, טיף־מענטשלעכן רײַסן זיך צו שעפֿערישקייט און שיינקייט, מיט זײַן אומצעשטערטן, אָפּט שווער צו פֿאַרשטיין, גלויבן אַז עס וועט זיך דורכרײַסן („באַגליקן וועל איך געוויס", זאָגט מנחם מענדל), מיט זײַן בענקען נאָך ווערדע און נאָך אַ לעבן ווען „אַ מענטש איז אַ מענטש" — אָט דאָס בילד טראָגט זיך מיט זעלטענער שלום־עליכמדיקער פֿאַרגלייבטקייט און פֿאַרליבטקייט איבער צײַט און אָרט. עס רעדט הײַנט צו אונדז טבֿיהדיק־קלוג דאָ אין אַמעריקע אָדער אין ישׂראל, אין אַרגענטינע אָדער אין פֿראַנקרײַך. עס רעדט צו אונדז און מיר הערן, מחמת מיר דאַרפֿן דעם שלום עליכם־שפּיגל, ער העלפֿט אונדז זען זיך אַליין אין הײַנט און אין מאָרגן.

ער האָט אָנגערירט די סאַמע טיפֿענישן פֿון פֿאָלקס לעבן און אונדז אָנגעפֿילט מיטן גלויבן, אַז דאָס פֿאָלק וועט זיך דורכרײַסן יעדע פֿינצ־

טערניש און לעבן בלײַבן. און דאָ איז שוין ניט שײך קיין אָרט־גרענעץ און קיין צײַט־גרענעץ. דאָ גייט שוין ניט אין צייטלעך אָדער אין האָדלען פֿון צוויי־דרײַ דורות צוריק, אָדער אין צעשמייכלטן חזנס זינדל פֿון איין־צוויי דור צוריק — דאָ גייט שוין פּשוט, הײַנט־מאָרגנדיק, אין אונדז, אַז אויך מיר װעלן אױפֿגעריכט װערן און אָנגײן װײַטער.

װי דער דור פֿאַר אונדז דאַרפֿן מיר שלום עליכמען — זײַנע אומ־צאָליקע פֿאָלקמענטשן, װאָס ער האָט װי פּערל אָנגעסיליעט און זיך גע־שפּיגלט אין זײ און זײ חשיבֿות און גרױסקײט געגעבן. מיר דאַרפֿן דעם גלויבן מיט װעלכן ער האָט געאָטעמט, אַפֿילו די עמאַציאָנעלע אוממיטל־באַרקייט, די גײַסטיקע פֿאָני־בראַטישקייט װאָס דאָס פֿאָלק האָט צו אים געפֿילט װי צו אַ קינסטלער, אַ שליח־ציבור.

צוליב דעם פֿאַרשטייען ניט און באַװױלהן שלום עליכמען די, װאָס װילן אים אין פֿאַרגאַנגענהײט־קדושה װיקלען, אין מוזײ־װאַטע אײַנהילן, אין עקזאָטיק פֿון אַמאָל־אַמאָל אײַנװיגן אָדער אין אײבערפֿלאַכיקע, זיס־סענטימענטאַלע, עטניש־אײראָפּעיִשע װערטלזאָגערײַ און „פֿאָני דזשוּאיש־נעס" (קאָמישע ייִדישקייט) צעפֿידלען.

טאָקע צוליב דעם אָרט אונדז די אײבערפֿלאַכיקייט פֿון „פֿידלער אַן די רוף", די פֿיפֿיקע שטראָמליניקע גלאַטקייט, די איבערגעטריבענע זיס־קייט און סענטימענטאַלקייט. „בײַט מיר אויס שלום עליכמען אויף סאָמע־ראָדנע פֿידלער". אין פּראָצעס פֿון אויסבײַט װערט פֿאַרלוירן דאָס גרויס־מענטשלעכע און דאָס גרויס־ייִדישע. טבֿיה דער מילכיקער װערט אַ קליין ייִדעלע, װאָס זאָרגט זיך בלויז װעגן פּרנסה, װעגן חתונה מאַכן טעכטער און װעגן צירונג פֿאַר גאָלדען און װערטלט זיך דורך װױליונגעריש מיטן רבונו של עולם. אמת, טבֿיה איז טאָקע געװען אַ ייִד װאָס האָט געהאַט דאגות פּרנסה און די זאָרג חתונה צו מאַכן טעכטער (זיבן, קיין עין הרע), אָבער דאָס איז בלויז דאָס דרויסנדיקע פֿון טבֿיהן, װאָס דינט אונטער־צושטרײַכן זײַן עקשנות, זײַן טיף־מענטשלעכקייט, זײַן דויער, זײַן — „כל זמן שהנשמה בקרבי, איז — װיאָ, טבֿיה". טבֿיה איז ניט בלויז אַ סימבאָל, ער איז אַ פּירזאָגער פֿאַר אַ פֿאָלק, ער איז געװעבט פֿון גרויס־פֿאָלקישע און גרויסמענטשלעכע פֿעדעם, ער איז אַליין די װעבשטול פֿון פֿאָלקישן גורל. ניין, ער איז ניט קיין ייִדעלע װאָס חלומט רײַך צו װערן. שלום עליכם האָט אַפֿילו שימעלע סאַראָקער ניט געלאָזט װערן אַ מיק־ראָסקאָפּיש ייִדעלע, װאָס זוכט בלויז עשירות, און אַפֿילו מנחם מענדלען האָט ער באַשאָנקען מיט אַ באַשטימטן טראַגיזם און די מידה פֿון זיך אַליין מישפּטן, שוין אָפּגערעדט פֿון טבֿיהן.

„דאַרפֿן" אונדזערע קינדער שלום עליכמען?

גוט, זאָגט מען אונדז, מיר „דאַרפֿן" שלום עליכמען. פֿאַר אונדז איז ער נאָסטאַלגיע, בענקעניש נאָך די קינדער־יאָרן, זכרונות, דער פֿאַרלוי־רענער אָטעם פֿון אַ װעלט װאָס איז מער ניטאָ. אין גייסט פֿון ייִדישן

מאַקאַברען הומאָר — אַ געלעכטער־מצבֿה אויף אַ פֿאַרשפּילטן נעכטן.

אָבער — וואָסערע ווערטן קאָן ער צוטראָגן די קינדער אונדזערע? „דאַרפֿן“ זיי אים?

מיטן לעבן דאַרפֿן זיי אים.

אַחוץ פֿעדעם פֿון נאַציאָנאַלער דערקענטעניש, וואָס שלום עליכם קאָן זיי געבן, אַחוץ אַרײַנבליקן אין לעבן פֿון זייער פֿאָלק, וואָס ער עפֿנט פֿאַר זיי (און דאָס איז פֿון גרויסן נאַציאָנאַלן באַטײַט!), ברענגט ער זיי אַ ספּעציעלע, אוניווערסאַלע ווערט, וואָס שטייט איבער צײַט און אָרט, מחמת ער איז פֿאַרלאָפֿן די צײַט, שלום עליכם.

די ליטעראַטור פֿון לעצטן דור־צוויי, די ייִדישע אַרײַנגערעכנט, גיט זיך, אמת, אָפּ מיטן אַזוי גערופֿענעם קליינעם מענטשעלע. אָפֿט איז ער סימפּאַטיש און מיט אײַנזעעניש, אפֿילו מיט רחמנות, געשילדערט, אָבער אַלע מאָל איז ער פֿאַרלוירן, הילפֿלאָז. ער שטייט קעגן כּוחות וואָס ווילן אים אומברענגען, געכאַפּט אין אַ נעץ פֿון לעבנס־תּנאים וואָס ער באַלע־באַטעוועט ניט איבער זיי. ער איז געבוירן אויף אומקומען, דער מענטש, אויף יסורים, אויף אַנטמענטשט ווערן. עס העלפֿט אים אפֿילו ניט ווען ער וויל זיך ניט מישן — פֿאַרצווייפֿלונג און אומקום זײַנען זײַן ברויט און וואַסער. דער מענטש, דער „פֿרעמדער“, איז פֿאַרפּלאָנטערט אין אַ זינלאָזער נעץ פֿון אַ זינלאָז לעבן, וואָס ברענגט אים אום.

אַזוי טענהט אַ ליטעראַטור איבער דער וועלט.

אָט דער זינלאָזיקייט וואַרפֿט שלום עליכם אַן אַרויסרוף, ער פֿרעגט אָפּ די אײַנשטעלונגען און דעם מיסטיציזם, ער שטעלט דעם מענטשן אַן אַרויסרופֿערישע אויפֿפֿאָדערונג גובֿר צו זײַן, ער פֿאָדערט אפֿילו פֿון גאָט אַליין אַ חשבון.

אויך שלום עליכמס „קליינע מענטשעלעך“ (מיט די „קליינע השגות“, ווי ער זאָגט) זײַנען געכאַפּט אין אַ נעץ פֿון פֿורעניותן און אומגליקן, שלעק און אונטערדריקונגען, וואָס זיי האָבן ניט געשאַפֿן, אָבער זיי, שלום עליכמס לײַט, זײַנען ניט פֿאַרמישפּט, זיי קומען ניט אום, זיי זײַנען ניט אויף צער געבוירן, כאָטש צער איז אָפֿט זייער חלק. שלום עליכמס קליין מענטשעלע, אפֿילו מנחם מענדל, ראַנגלט זיך פֿאַר מענטשלעכער חשיבֿות און פֿאַר לעבנבלײַבן, שלום עליכם רײַסט יעדן ווּקס, וואָס דראָעט צו אַנטמענטשן דעם מענטש.

אין פּנים פֿון ניט־גלויבן, מיסטיציזם, מענטש־פֿאַרלייקענונג — **איז** שלום עליכמס אוניווערסאַל הומאַניסטישע פּאָן, וואָס שטעלט זיך אײַן פֿאַר דער ווערטיקייט פֿון מענטש, די באַטײַטנדיקסטע און ווערטפֿולסטע ירושה, וואָס מיר קאָנען איבערגעבן צו דורות. אַלע עיקרים פֿון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור — ליבע, גלויבן, הומאַניזם, יאָ, און קריטיק — זײַנען פֿאַרקערפּערט אין דער ירושה.

דאָס איז ניט קיין ליטעראַרישע ירושה בלויז. מיר, וואָס האָבן זיך דערצויגן אויף שלום עליכמען, קאָנען זי אָפּשאַצן. מיר ווייסן, אַז מיר

גיבן איבער קינדער און קינדס־קינדער די שענסטע מתּנה, וואָס אַ דור קאָן איבערלאָזן: דעם ליכטיקן שמייכל אויפֿן פּנים פֿון פֿאָלק — שלום עליכמען.

רעד מליץ־יושר פֿאַר די קטנתים

אין אַ בריוול, וואָס טבֿיה דער מילכיקער שרײַבט צו „פּאַניע שלום עליכם", זאָגט ער אַזוי: „קטנתּי, איך ווייס ניט מיט וואָס איך האָב בײַ אײַך אַזוי נושא חן געווען, איר זאָלט זיך אָפּגעבן מיט אַזאַ קליין מענטשל ווי איך, מיר שרײַבן בריוולעך גאָר... און לא כל שכן אַרויסשטעלן מײַן נאָמען אין אַ בוך, מאַכן פֿון מיר אַ גאַנצן שלש סעודות גלײַך ווי איך וואָלט געווען מי יודע ווער..."

דער גאַנצער תּוך פֿון שלום עליכמס שאַפֿן ליגט אין דעם באַ־וווסטזיניקן אויסשפּרייטן די פֿליגל איבער די קטנתּים פֿון דער ערד און זיי באַשיצן. ער ווערט דער פּאַרטיידיקער, דער אַדוואָקאַט פֿון דעם קליי־נעם מענטשעלע.

באַשרײַבנדיק כּתרילעווקע, זאָגט שלום עליכם אַזוי:

„כּתרילעווקע, דאַרפֿט איר וויסן, ווי קליין און אָרעם און עלנט און פֿאַרוואָרפֿן דאָס זאָל נישט זײַן, איז דאָך געבונדן מיט דער גאַנצער איבעריקער וועלט... כּתרילעווקע פֿילט אַלעמענס צרות מיט אַלעמענס ווייטיקן, קיינער פֿילט ניט דעם ווייטיק פֿון כּתרילעווקע. קיינער, קיינער אינטערעסירט זיך ניט מיט די כּתרילעווקער. דאָס כּתרילעווקע איז עפּעס אַ מין שטיפֿקינד בײַ דער וועלט... זאָל עס פֿאַלן פֿון די פֿיס, קראַנק ווערן... גלײַען ווי אַן אויוון... אויסגיין פֿון הונגער, חלשן אַ טרונק וואַסער — קיינער, זײַט זיכער, וועט זיך אויף דעם נישט אַרומקוקן".

בלײַבט, דעריבער, פֿאַר דעם קינסטלער דער חובֿ צו ווערן דער טאַטע, דער וואָרטזאָגער פֿאַר דער וועלטס שטיפֿקינדער. און געווען איז דאָס אַן עובֿדה גאָר אַ שווערע, מחמת מ'קאָן לײַכט ווערן סענטימענטאַל און מחמת מ'קאָן, צוליב רחמנות, פֿאַרזען די חסרונות. מיט סענטימענ־טאַלקייט אַליין האָט יעקבֿ דינעזאָן קיין דויערנדיקע פּעולה ניט געהאַט, און מיט קריטיק אַליין האָבן די משׂכּילים בלויז אַ באַגרענעצטע השפּעה געהאַט. דאָ איז נייטיק געווען אַ סינטעז, דאָס צונויפֿפּאָרן די ליבע מיט קריטיק, ניט בלויז אויף דרויסן, נאָר אויך אויף אינעווייניק, אויף דעם מענטש גופֿא.

אָט דער סינטעז פֿון מליץ יושר און שטראָפֿער איז אין דער טראַ־דיציע פֿון די נבֿיאים — זי ציט זיך פֿון ישעיהון ביז און דורך שלום עליכמען. צו די צוויי שטריכן קומט צו דער דריטער — דער גלויבן אין אַ צײַט ווען דער מענטש וועט אויסגעלייזט ווערן פֿון שיפֿלות און צער.

דר. חיים זשיטלאָווסקי לויבט זייער שטאַרק דעם „כּי טובֿ", וואָס שלום עליכם טראָגט אַרויס אויף דעם מענטש ווי ער איז, ניט געקוקט אויף אַלע זײַנע שוואַכקייטן און פּגימות. דאַכט זיך, אַז מע דאַרף אויס־

ברייטערן דעם באַגריף. שלום עליכם איז געווען דער מלמד זכות אויפֿן מענטשן ניט ווי ער איז, נאָר ווי ער וועט מערצעשעם ווערן — אָן ווײַ, אָן דחקות, אָן צער, אָן פּערדישע פּאָדקאָוועס, וואָס דראָען אים צו צעטרעטן („דער גליקלעכסטער אין קאָדני"), אָן טאַטעס, וואָס שטיקן אין זיך דעם צער פֿון אומגעקומענע טעכטער, ווי טבֿיה אָדער דער ייִד אין דער מעשׂה „אויף קבֿר אבֿות".

ניט דעם מענטשן אין קלעם פֿון צרות און צאָרן, נאָר דווקא ווי ער דאַרף זײַן און ווי ער וועט מוזן זײַן, רעכטפֿאַרטיקט ער. ס'איז געווען שווער, אפֿשר אוממיגלעך, צו זאָגן כּי טובֿ אויף מנחם מענדלען. ס'איז אָבער גאָרניט שווער צו זען, אַז מנחם מענדל, אַ באַפֿרײַטער פֿון די תּנאים, וואָס טרײַבן אים צו דער ווירוואַרישער משוגעת, אפֿילו צו דער אוממאָראַלישקייט פֿון פֿאַרלאָזן ווײַב און קינדער און זיך יאָגן נאָך אַ מיראַזש — אַז אַזאַ מנחם מענדל קאָן ווערן כּי טובֿ, אַזאַ מנחם מענדל קאָן מען רעכטפֿאַרטיקן. דער ניצוץ, דער פֿונק מענטש אין אים, ניט קוקנדיק אויף דער משוגעת און דעם אומגליק, האָט זיך ניט אויסגעלאָשן.

שלום עליכם האָט קיין מאָל ניט באַהאַלטן דעם צער, זײַן געלעכטער האָט קיין מאָל ניט פֿאַרזיסט די יסורים, אָבער דער פֿאַריתומטער מאָטל, דער איובֿדיקער טבֿיה, אָדער דער געפּאַטשטער ר' יויזיפּל בלײַבן נאָך אַלץ גרויס־מענטשלעך. ניט מחמת זיי ווערן דערהויבן דורך יסורים, ווי בײַ דאָסטאָיעווסקין, ניט מחמת די יסורים לײַטערן זיי אויס — שלום עליכם גלאָריפֿיצירט ניט קיין לייד, שוין אָפּגערעדט פֿון זען די יסורים ווי אַ ציל פֿאַר זיך אַליין, וואָס צוליב זיי איז דער מענטש אויף דער וועלט געקומען — נאָר ווײַל דער מענטש (אי בלשון יחיד — דער איינציקער מענטש, און אי בלשון רבים — דאָס פֿאָלק) האָט כּוח זיי גובֿר צו זײַן, זיך קעגנשטעלן, זיי פֿאַרחיהן אים ניט. אויף די פֿליגל פֿון טבֿיהס קלוגן שמייכל אָדער מאָטלס העלן געלעכטער טראָגט זיך דער מענטש אַלץ פֿאָרויס.

שלום עליכמס געלעכטער — רייך, פֿולמוייליק און פֿולהאַרציק — איז אייגנטלעך אַ געלעכטער, וואָס אין סאַמע תּוך געהערט עס צום מאָרגנדיקן טאָג, אָבער אָן וועלכן עס איז כּמעט ניט מיגלעך דעם הײַנטיקן טאָג אַריבערצוטראָגן. דאָס מיינט אָבער ניט געלאַכט אויף באָרג, דאָס מיינט גיכער געלאַכט אויף צוזאָג, געלאַכט אויף גלויבן, געלאַכט אויף זיכערקייט, אַז סוף כּל סוף וועט דער מענטש אויסגעלײַטערט ווערן און האָבן דאָס פֿולע רעכט אויף געלעכטער. מיגלעך, אַז איינע פֿון די הויפּט־סיבות פֿון שלום עליכמס דויער ליגט אין אָט דער זעלטענער פֿעיִקייט ניט נאָר צו טרייסטן און טרערן צוווישן, נאָר אויך פֿאָרויסצולאַכן, אַזוי צו זאָגן, דעם מאָרגנדיקן טאָג. מיגלעך, אַז דער שׂכל פֿון אונדזער גערעַנגל ליגט אין דעם אָניאָגן דאָס שלום עליכמשע געלעכטער. ווען מיר וועלן עס לסוף אָניאָגן, וועט עס אויסגעלייטערט ווערן פֿון די באַגלייט־עכאָס פֿון יסורים.

שוין מ. וויִנער, אין זײַן אַרבעט „וועגן שלום־עליכמס הומאָר", שטרײַכט אונטער דעם טיפֿן זין פֿון שלום עליכמס געלעכטער: „דאָס איז ניט קיין לאַכן מיט קריצנדיקע ציין. נאָר עפּעס אַזוינס ווי אַן אַדערויף אויף דעם, ווי מען וועט זיך פֿילן 'דערנאָך', ווען דאָס לעבן וועט ווערן קליגער".

„מיר איז גוט, איך בין אַ יתום" איז דער קווינטעסענץ פֿון שלום עליכמס הומאָר: אויף צו להכעיס אַן אכזריותדיקער, צעיושעטער וועלט, וואָס צווינגט אַרויף טאַטעלאָזיקייט אויף קינדער, מוז דער מענטש פֿון דער יתומשאַפֿט גופֿא אויסוויקלען פֿאַר זיך אַ פֿאָן, וואָס זאָל אים פֿאַרויסטראָגן.

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ, נאָך ווײַט ניט אַלץ.

דאָס נײַע לעבן האָט ניט נאָר פֿאַרמישפּט דעם מענטש, נאָר האָט אים אויך געבראַכט צו טיפֿער פֿאַרצווייפֿלונג. עס האָט אים ניט בלויז עקאָנאָמיש און געזעלשאַפֿטלעך, נאָר אויך פּסיכאָלאָגיש דעגראַדירט.

„אַן אָרעמאַן טאָר ניט וועלן" איז דער „שׂכל" צו וועלכן דאָס קבצני־שע ייִנגל אין דער דערציילונג „דער אתרוג", קומט, נאָך דעם ווי ער כאַפּט קלעפּ, הלמאַי ער באַרימט זיך, אַז דער טאַטע זײַנער וועט האָבן אַן אייגענעם אתרוג, פֿאַר זיך אַליין. דאָס לעבן צווינגט אויף דעם מענטש אַרויף דעם „בזיון וואָס אַ מענטש קאָן זײַן אַזוי הונגעריק" („צוויי טויטע") און דער גרעסטער חלום פֿון אָרעמאַן איז „ווען אַ מענטש זאָל קאָנען דערגיין צו דער מדרגה, אַז מען זאָל זיך קאָנען באַגיין גאָר אָן עסן" („אַ גרינגער תענית"). און טבֿיה מעדיטירט: „דער גאַנצער אומגליק איז דאָס עסן. ווי מײַן באָבע, עליו השלום, פֿלעגט זאָגן: 'ווען דער פּיסק וואָלט געלעגן אין דר'ערד, וואָלט דער קאָפּ געגאַנגען אין גאָלד'".

שלום עליכם האָט גענומען אויף זיך די עובֿדה צו באַפֿרײַען דעם פֿאָלקמענטש פֿון אָט דעם שיפֿלות־און שולדגעפֿיל. ניט נאָר האָט ער אַראָפּגעריסן די פֿאַרהעלטענישן וואָס פֿאַרקריפּלען דעם פֿאָלקס לעבן, נאָר ער האָט אויף זיי, אויף די פֿאַרהעלטענישן, אַרויפֿגעוואָרפֿן די שולד פֿאַר פֿאַראומגליקלעכן דאָס פֿאָלק.

אָט דער פּראָצעס פֿון באַפֿרײַען דאָס פֿאָלק פֿון טויגעניכטסערײַ־געפֿילן, וואָס האָבן געוואָרצלט אין דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער שיפֿלות צו וועלכע עס איז געווען אויסגעשטעלט, איז געווען די אַלגעמיינע עובֿדה פֿון דער גאַנצער ייִדישער קלאַסיק. שלום עליכם האָט זי סובטעל דורכגעפֿירט, כּדי צוצוגרייטן דעם באָדן פֿאַרן געפֿיל פֿון זעלבּ־ווערטיקייט און גלויבן אין זיך, ווײַל אָן דעם געפֿיל איז דער מענטש ניט מסוגל זיך צו באַפֿרײַען. און שלום עליכם האָט געגלייבט אין דער פֿאָלק־מאַסע ווי די צוקונפֿטיקע טרעגערס פֿון פֿאָלקלעבן און גורל. שוין אין זײַן נאָכוואָרט צו „סטעמפּעניו", האָט ער דערקלערט: „ווער עס איז באַקאַנט מיט אונדזער פֿאָלק, דער ווייס, אַז העלדן געפֿינען זיך צווישן

אונדזער המון־עם אַ סך מער אַלס ביי אונדזער העכערער קלאַסע, וואָס מען רופֿט זי אינטעליגענציע".

צוליב אַט דעם זעלטענעם גלויבן האָט ער כּסדר געזוכט אַרויסצו־געפֿינען דעם פּונק מענטש אין יעדן איינעם פֿון זיינע העלדן. כּדי דעם פּונק אַרויסצושיילן האָט מען באַדאַרפֿט סיי אָוועקשאַרן די פֿאַרווירטקייט דורך קריטיק און סיי אָנווענדן די מאָס פֿון רחמים און ליבע צו דעם מענטש. עס וואָלט געווען זייער לייכט צו פֿאַרמישפּטן מנחם מענדלען עד חרמה, אַט דעם מנחם מענדל, וואָס זאָגט וועגן זיך: „איך קנאַק און פּלי, איך ברען, איך שפּרינג אין פֿייער, איך וואַקס, איך וואַקס... יידן לויפֿן אַרום ווי אויף אַ יאַריד, מאַכן געשעפֿטן און ווערן גליקלעך און איך בתוכם. ס'איז טומל, אַ בהלה, מ'קאָן דאָ פֿאַרדולט ווערן..."

פֿאַרשטייט זיך, אַז דער סוף פֿון דער משוגעת קאָן בלויז זיין צוזאַ־מענבראָך און טראַגיק. שלום עליכם פֿאַרמישפּט מנחם מענדלען, אָבער באַשולדיקט אים ניט. ער לאַכט אים אויס (מוז אים אויסלאַכן!), אָבער מילדערט דעם חוזק מיט רחמים און איינזעעניש. אויך דאָ פּרוּווט ער פֿאַרקערעווען די שולד אויף די תּנאים און, ווי ווייט מיגלעך, אָפּראַטע־ווען מנחם מענדלען.

אפילו ווען שלום עליכם שילדערט „אַ מענטש פֿון בוענאָס איירעס", פּרוּווט ער אָנווייזן אויף די עקאָנאָמיש־געזעלשאַפֿטלעכע תּנאים, וואָס האָבן אים דערפֿירט צום מצבֿ פֿון אַ בוענאָס איירעסער „טמא":

„...דערצויגן געוואָרן אויף הילכיקע פּעטש, טרוקענע קלעפּ, אייזערנע סטוסאַקעס, רויטע פֿונקען אין די אויגן, בלויע צייכנס אויפֿן לייב און דערצו אַ הונגעריקן מאָגן. קיין זאַך הערט איר, געדענק איך ניט אַזוי ווי הונגער. אַ הונגעריקער בין איך אַרויס אויף גאָטס וועלט, און הונ־גער האָב איך געליטן פֿון זינט איך בין צו מיין שכל געקומען..."

שלום עליכמס קונסט שטעלט זיך אויפֿן צד פֿון די דערנידעריקטע, זי פֿאַרטיידיקט די אויסגעוואָרצלטע און צעטראָטענע, זי פֿאַרמישפּט די וועלט און זוכט נאָך אַלץ צו ראַטעווען דעם מענטש, וועמען די זעלבע וועלט טרעט ווי אַ וואָרעם. זי דערקלערט, אַז ווען דער לעצטער חשבון וועט געמאַכט ווערן, וועט דאָס קליינע מענטשעלע פֿון דער ערד, אַ צע־בלוטיקטס און אַ צעטראָטנס, נאָך אַלץ לאַכן ס'גרעסטע געלעכטער פֿון די וואָס האָבן אים געשלאָגן און צעבייזלט, צעטראָטן און אָנטמענטשט. שלום עליכם ציטירט מאַליערן: „שלאָג מיך, אַבי לאָז מיך לאַכן". און ער גיט צו: „און איך, שלום עליכם, זאָג: שלאָג מיך ניט, איך וועל סיי ווי לאַכן, און מיין געלעכטער וועט דיר מער וויי טאָן, ווי דיינע קלעפּ מיר".

כּדי זיי צו פֿאַרהיטן, באַשענקט שלום עליכם זיינע פֿאַרשוינען מיט דער זעלטענער פֿעיִקייט ניט נאָר צו לאַכן פֿון דער וועלט, פֿון זייערע אונטערדריקערס און פּייניקערס — נאָר אויך פֿון זיך אַליין. ער גיט זיי די דערוואַקסענע מידה פֿון זעלבסט־חוזק.

דער זעלבסט־חוזק

„היינט איז יום־טוב, מ׳טאָר ניט וויינען". אָט־דער „מ׳טאָר ניט וויינען", וואָס שלום עליכם לייגט אַריין מאָטלען אין מויל אַרײַן, איז געוואָרן איינער פֿון די עיקרים פֿון דער ייִדישער קלאַסישער ליטעראַטור: מען טאָר ניט צעשוומען ווערן אין געוויין, מען טאָר ניט פֿאַרטרונקען ווערן אין זעלבסט־רחמנות. כּדי זיך פֿאַרהיטן פֿון געוויין, דאַרף מען זיך אַליין דערזען אין קרומען שפּיגל פֿון געלעכטער, וואָס איז אָפֿט דער אָרנטלעכסטער שפּיגל. אָט די פֿעיִקייט צו פֿאַרלאַכן זיך אַליין, דער זעלבסט־שפּאָט, איז אין סאַמע תּוך אַן אויסדרוק פֿון רײַפֿקייט און דערוואַקסנקייט. דער זעלבסט־חוזק האָט שלום עליכמס פֿאַרשוינען ניט נאָר אויפֿגעהויבן איבער דעם אָרום, איבער דעם „טרערן־טאָל", נאָר אויך איבער זייערע אייגענע צרות. זיי האָבן זיך דערזען פֿון דרויסן.

מיר האָבן דערמאָנט פֿריִער דינעזאָנען. ניט דער סענטימענטאַליסט יעקבֿ דינעזאָן און ניט דער אָפּשפּעטער ה. ד. נאָמבערג האָבן געלאָזט אַ דויערנדיקן חותם אויף דער ייִדישער ליטעראַטור. ביידן האָט געפֿעלט דער גלויבן און די אָביעקטיווקייט, וואָס דער אַליין־חוזק גיט. פֿון באַזונדערע זײַטן זײַנען ביידע געשטאַנען אויף פּאָזיציעס פֿון פֿאַרצווייפֿלונג. דער זעלבסט־חוזק — מענדעלעס, שלום עליכמס, י. ל. פּרצעס, טיילווײַז דוד בערגעלסאָנס און, מילדער, אבֿרהם רייזענס, שפּעטער — משה־ליב האַלפּערינס, משה נאַדירס, משה קולבאַקס, איציק מאַנגערס — האָט, ווען קלאָר פֿאַרשטאַנען, בעגירט די פֿאַרצווייפֿלונג. דער זעלבסט־חוזק פֿאַרלאַכט, כּדי דורך שפּאָט זיך צו באַפֿרײַען. ער איז אין סאַמע תּוך אַ שטריך פֿון האָפֿערדיקייט און דערוואַקסנקייט. ער איז ניט אַנמאַכטיק.

דעם משׂכּילס ראַציאָנאַלע איראָניע האָט געשיכטלעך קיין צו גרויסע באַפֿרײַענדיקע ווירקונג ניט געהאַט. אין בעסטן פֿאַל, האָט זי געהאָלפֿן אָפּראַמען אַן אינסטיטוציאָנעלן שימל פֿון ייִדישן לעבן, וואָס די צײַט וואָלט אים במילא אָפּגעקראַצט. די קלאַסיקער — און שלום עליכם אויפֿן ערשטן אָרט — מיט זייער זעלבסט־חוזק האָבן באַפֿרײַט דעם מענטש גופֿא פֿון שימל. צוליב דעם מסתּמא האָט דער זעלבסט־חוזק אַן אונטערטאָן פֿון טרויער, אַפֿילו פֿון טראַגיק. ער איז אַן אַקט פֿון פּײַנלעכער זעלבסטבאַפֿרײַונג, וואָס בלויז דערוואַקסענע זײַנען אויף אים פֿעיִק (עס מאַכט ניט אויס, וואָס מאָטל איז ניט מער ווי אַ קינד), בלויז פֿון אינעווייניק קאָן דער פּראָצעס דורכגעפֿירט ווערן. די נעגאַטיווע פּערסאָנאַזשן פֿון דער השׂכּלה־ליטעראַטור זעען קיין מאָל ניט זיך אַליין — בלויז דער שרײַבער זעט זיי. עטינגערס „סערקעלע" איז ניט קיין מבֿין אויף זיך, מנחם מענדל אָבער זעט שוין, פֿיל־ווייניק, זיך אַליין. ער ווערט שוין ניט בלויז אויסגעלאַכט, ער הייבט שוין אָן אויסלאַכן זיך אַליין. ער דערפֿילט שוין, כאָטש ער וויל זי ניט דערפֿילן, די טראַגיק פֿון זײַן אילוזיע.

פון זעלבסט־חוזק קוואַלט אַרויס נאָך אַ שטריך — דער שטריך פון זעלבסט־מישפּט, פון אַרויסטראָגן אַ מאָראַלישן פּסק־דין איבער זיך. ווען ניט דער שטריך, וואָלט מנחם מענדל געווען אַ הפקרדיקער וואָגאַ־טוריסט. ביי שלום עליכמען איז ער אַ צעבראָכן אומגליקלעך ייִדל, וואָס בעט אויף זיך דעם טויט. דער זעלבסט־חוזק פאַרמאָגט אויך די גרויסע מעלה פון שוץ, אַ בליץ־אַפּלייטער פאַרן טראַגיזם. ער אַנטיציפּירט, ער זעט פאָרויס און פאַרלויפט דעם וועג דער דרויסנדיקער קריטיק און פּרוּווט זי בטל מאַכן, כאָטש פאַרמילדערן, כאָטש באַשירעמען זיך פון איר. („איז, בין איך אַ כתריליק...")

כ. לויצקער, אין זיין זייער אינטערעסאַנטער אַרבעט, „הומאָר אין שלום עליכמס שפּראַך" („אָפּן שפּראַכפּראַנט", קיעוו, 1939), ציטירט דעם געדאַנק פון נ. טשערנישעווסקי: „די הומאָריסטישע געמיט־שטימונג שטעלט מיט זיך פאָר אַ געמיש פון אַ זעלבסט־אַכטונג און זעלבסט־אויסלאַכונג, זעלבסט־פאַראַכטונג . . .".

דער אַקטיוויזם פון שלום עליכמס העלדן

איינער פון די גרונט־שטריכן פון די שלום עליכם־פאַרשוינען איז זייער כסדרדיקע טועריי, זייער אַקטיוויזם, ווי עס וואָלט זיי באַוועגט (געטריבן?) דער גלויבן, אַז אין פּנים פון אַלע שוועריקייטן ליגט דער גורל פון מענטש נאָך אַלץ אין זיינע אייגענע הענט. מע מוז „עפּעס טאָן", מע טאָר זיך ניט אונטערגעבן, מע דאַרף שטעלן אַ ווידערשטאַנד.

און ווייל דער ווידערשטאַנד איז אָפּט אַ פאַרמישפּטער אַ־פּריאָרי, אַן אוממיגלעכער, קעגן באַדינגען און אומשטאַנדן, וואָס זיי קאָנען באין אופן ניט גובר זיין — ווערט ער אָפּט דער קוואַל פון גרויסן פּאַטאָס, צו מאָל — פון הארצווייטיק, צייטנווייז, צוליב דער ניטגלייכקייט פון כוחות — פון הומאָר.

אָבער דער ווידערשטאַנד דריקט זיך אַלע מאָל אויס אין מעשׂים — אַ מאָל אַנטשלאָסענע, טייל מאָל קאָמפּולסיווע, פאַרצווייפלטע. „איך לויף" — זאָגט איינער פון זיינע פאַרשוינען — „אפשר וועט גאָט עפּעס צושיקן". ניט, איך וואַרט ביז גאָט וועט עפּעס צושיקן, נאָר איך לויף — איך ווער אַ שותף צו גאָט. אין אַ משוגענער וועלט לויפן מירביידע — איך און גאָט, כאָטש אָפּט יאָגן מיר זיך ביידע נאָך אַן אפשר, אַ טאָמער. ייִדן פלעגן געווינלעך וואַרטן אויף משיחן, שלום עליכמס ייִדן לויפן אים אַנטקעגן, שלעפּן אים ביי די פּאָלעס.

אין פאַרגלייך מיט די פּערסאָנאַזשן פון אַנדערע ייִדישע שרייבערס — דינעזאָן, רייזען, נאָמבערג, בערגעלסאָן, איגנאַטאָוו, אנכי, ווייטער, לייוויק — וואָס זיינען אין תוך פּאַסיוו, לאָזן די וועלט טאָן מיט זיי וואָס זי וויל, זיינען שלום עליכמס מענטשן פול מיט אַקציע, אָפּט מיט צאַפּל־אַקציע. אָבער פּאַסיוו זיינען זיי ניט און מקבל באהבה דאָס רישעות פון דער וועלט זיינען זיי אַוודאי ניט.

אַפילו מנחם מענדל, געזען אין רעטראָספעקט, איז אין תוך אַ מאַן פון טאַט. די מעשׂים זײַנע זײַנען נבעכדיקע, צעפּלויגענע, צעצאַפּלטע, פאַרווירטע, אָבער — מנחם מענדל באַוועגט זיך כּסדר, וואַרפט זיך כּסדר, ראַנגלט זיך כּסדר, טוט כּסדר. עליע, וואָס פלאָנטערט זיך אין קוואָס, אין טינט, אין מײַז־טרײַבן — איז אַן אומאויפהערלעכער, כאָטש אַ פּאַ־טעטישער, טוער.

טביה — מיטן אויסנאַם פון דער ערשטער מעשׂה מיטן גרויסן גע־ווינס, וואָס איז אַגבֿ די איינציקע מעלאָדראַמאַטישע און ניט אין גאַנצן באַגלייביקע טביה־מעשׂה — איז אַ מאַן פון אַקציע. ער ראַנגלט זיך מיט זײַן אייגן ווײַב פאַר צייטלס גורל, מיטן גלח — פאַר חוהן, מיט פע־פערלען — פאַר האָדלען, מיט דער הראַמאָדע — פאַר זײַן רעכט צו בלײַבן אין דאָרף. די אמתע אַקטיווע פּערסאָנאַזשן זײַנען טאַקע די טעכ־טער, אָבער טביה שטעלט אַרויס פאָדערונגען, אַפילו דעם רבונו של עולם פאָדערט ער אויף צו מישפּט.

דער קליינער קאַפּעלע קוקאַריקו ווערט זיך קעגן יצר הרע, קעגן דעם חוזק צו וועלכן ער איז אויסגעשטעלט, קעגן דעם גבֿירישן יינגל, יואליק, און צום סוף, ווען דאָס אומגליק געשעט און די פּאַן ווערט פאַרברענט — קעגן דעם טרויער, וואָס דראָעט אים — און אונדז! — צו פאַרשלינגען.

דער „גליקלעכסטער אין קאָדני" באַגייט ניט קיין פּשוטע מעשׂים, נאָר העראָישע, דערהויבענע מעשׂים צו ראַטעווען זײַן זון. זײַנע טאַטן דערגייען ביז מסירת־נפש, ווען ער וואַרפט זיך אונטער די פּאָדקאָוועס פון די לויפנדיקע פערד, כּדי אָפּצושטעלן די בריטשקע און ברענגען דעם דאָקטאָר צום קראַנקן קינד. די זעלבע פּאַטעטישע דערהויבנקייט שיילט זיך אַרויס פון די בײַנן מאָס רייד פון דער אָרעמער ייִדענע אין „דאָס טעפּל". פון דעם ים רייד צערט אַרויס נישט בלויז דאָס צעבראָ־כענע געמיט פון דער פאָלקספּרוי, נאָר איבער אַלעם דער העראָישער, און פאַרמישפּטער, געראַנגל צו ראַטעווען איר איינציקן זון, וואָס דער־נענטערט זיך — ניט אויסצומײַדן! — צום פריִען שווינדזוכט־טויט, ווי דער עטלעכע־און־צוואַנציק יאָריקער טאַטע זײַנער פאַר אים.

צוויי בולט־געצייכנטע מענטשן פון טאַט אין דער רײַכער, באָך ווײַט ניט אויסגעפאָרשטער, גאַלעריע פון שלום עליכם־פּערסאָנאַזשן זײַנען: בערל עסיגמאַכער פון „דער נס פון הושענא רבה" און גיטל פון דער דערציילונג „גיטל פורישקעוויטש".

בערל עסיגמאַכער, דער העלד פון „נס פון הושענא רבה", לאָזט טאַקע אַליין אין גאַנג דעם לאָקאָמאָטיוו אויף וועלכן ער און דער רוסי־שער גלח טראָגן זיך צו אַ זיכערן טויט. די ערשטע טאַט בערלס — דאָס דרייען שרײַפלעך און קוועטשן קנעפּלעך, איז די מינערוויכטיקע — אַ רעזולטאַט פון אַ כּתרילעווקער ייִדנס קוריאָזיטעט וועגן דער תּורת־המעכאַניקע — „וואָס באַוועגט דעם לאָקאָמאָטיוו". ערשט ווען דער לאָ־

קאָמאָטיוו לאָזט זיך אין גאַנג און די סכּנה ווערט גרויס, דערהייבט זיך בערל צו מעשׂים. שלום עליכם שטעלט בערלען אַנטקעגן דעם פּאַסיוון, נעבעכדיקן גלח, וואָס כאָטש דערשראָקן אויף טויט, קאָן ער זיך בלויז דערטראַכטן צום פֿאַרצווייפֿלטן אַקט אַראָפּצושפּרינגען פֿון לאָקאָמאָטיוו. „כּדי, וואָס?“ — פֿרעגט אים בערל — „כּדי מיר זאָלן חלילה דערהרגעט ווערן אויף טויט?“. בערל דרייט אַלע מיגלעכע און אוממיגלעכע שרײַפֿלעך, קוועטשט אַלע קנעפּלעך און זוכט דעם טאָרמאָז צו פֿאַרהאַלטן דעם לאָקאָמאָטיוו. ווען דער גלח סטראַשעט אים, אַז ער וועט אים אַראָפּוואַרפֿן פֿון לאָקאָמאָטיוו, אויב ער וועט זיך צורירן צו נאָך איין שרײַפֿל, האָט בערל בלויז איין ענטפֿער: „אָט, זע, פֿאָטערל, דעם חילוק פֿון מיר ביז דיר. איך טו וואָס איך קאָן, דער לאָקאָמאָטיוו זאָל זיך אָפּשטעלן — הייסט דאָס, אַז איך זאָרג פֿאַר אונדז ביידן, און דו ביסט אַזוי אויפֿגעטראָגן, אַז דו ביסט קאַפּאַבל מיך נעמען און אַראָפּוואַרפֿן פֿון לאָקאָמאָטיוו, דאָס הייסט — הרגענען אַ מענטש!“

די סכּנה רופֿט אַרויס דעם ווילן צו מעשׂים, שטעלט אָן די אַקציע, פֿאָדערט אַרויס די טאַט, און שילדערנדיק אַ פֿאָלק וואָס לעבט אין כּסדרדיקער סכּנה, וואָס צאַפּלט זיך פֿון איין געפֿאַר צו דער אַנדערער — ווערט די סכּנה גופֿא דער אימפּולס וואָס רופֿט אַרויס די מעשׂים, די געפֿאַר איז דער פֿינגער אויפֿן צינגל פֿון דער טאַט. אמת, אַז דער לאָקאָמאָטיוו שטעלט זיך ערשט אָפּ ווען עס גייט אויס דער דאַמף, אָבער דאָס פֿאַרמינערט לחלוטין ניט דעם עצם פֿאַקט פֿון בערלס מעשׂים. שלום עליכמס פֿאַרשאַרפֿטער, געזעלשאַפֿטלעכער און היסטאָרישער חוש דערלאָזט ניט די זעלבנאַרעײַ, אַז בערל עסיגמאַכער קאָן אָפּשטעלן דעם משוגע־געוואָרענעם, איבזשענערלאָזן לאָקאָמאָטיוו, אָבער דאָס מינערט ניט דעם קאַטעגאָרישן מוז פֿון מעשׂים, כּדי צו ראַטעווען דעם מענטש און, אַלעגאָריש, די וועלט.

העראָאישער נאָך ווי בערלס, רעאַליסטישער — און מער ווירקנדיקער — זײַנען די מעשׂים פֿון „גיטל פּורישקעוויטש“. אירע טאַטן גלײַען העלער, ווײַל גיטל פֿירט ניט בלויז אַ געראַנגל צו ראַטעווען איר איינציקן זון, משה, פֿון פּריזיוו, נאָר עס ברענט אין איר דער אייפֿער פֿון קאַמף קעגן דער אַכזריותדיקער עוולה, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן, קעגן דעם אומרעכט און דער רישעות, קעגן „די נגידים, די מיוחסים פֿון גאָט, וואָס האָבן זיך אײַנגערעדט, אַז די גאַנצע וועלט איז באַשאַפֿן געוואָרן פֿון זייערטוועגן“.

גיטלס מעשׂים, טאַקע צוליב דעם ברען „צו דערגיין דעם אמת“, טראָגן אין זיך אַן אינערלעכע גלויביקייט, וואָס לײַטערט זיי. ניטאָ די אימפּולסיווקייט פֿון מעשׂים פֿון אַנדערע שלום עליכם־העלדן. „מיטן אמת — זאָגט גיטל — „וועל איך קומען אַפֿילו פֿאַר גאָט“. און אויב דער וועג פֿון אמת פֿירט פֿון דער שטעטלדיקער פּריסוטסטווע צו דער גובערניע און שפּעטער קיין פּעטערבורג — גייט גיטל מיט אויסגערעכנטע

און עקשנותדיקע טריט קיין פּעטערבורג. זי „לאָזט זיך אַוועק זוכן דעם אמת גלײַך קיין פּיטערבאָרג״.

איינע אליין שטייט זי אין גראַנגל קעגן דער קאָרופּציע פֿון צע־פּוילטן צאַריזם, דורכגעפּרעסן פֿון כאַבאַר. איינע אַליין שטייט זי קעגן דעם סיסטעם, מחמת זי מוז דערגיין: „ווו איז גאָט? ווו איז סאָוועסט?״

און ווי העל קלינגט גיטלס קול, פֿון דער גאַלעריע, איבער דער גאַנצער דומע, באַך דעם ווי פּורישקעוויטש האַלט אַן אַנטיסעמיטישע רעדע, אַז ס'איז ניטאָ קיין איין ייִד אין דער צאַרישער אַרמיי: „אַ משה?!״

איז נייטיק אונטערצושטרײַכן די נאַציאָנאַלע סימבאָליק פֿון די בערלס און די גיטלס?

די ביזאַרע וועלט פֿון שלום עליכם

וואָס טוט מען מיט אַ וועלט, ווו דאָס גלײַכע איז פֿאַרקרימט, ווו דאָס אומגעוויינטלעכע ווערט געוויינטלעך, דאָס אוממיגלעכע — מיגלעך, דער אויסנעם — כּלל?

וואָס טוט מען מיט אַ וועלט, ווו דאָס גלײַכע פֿאַרשווינדט אונטער די פֿיס, ווו די ערד ברענט און טרייסלט זיך און קיין אָנהאַלט איז ניטאָ, ווו די ווירקלעכקייט ווערט קאָשמאַר, און צער און האַרצווייטיק ווערן דאָס טעג־לעכע ברויט פֿון מענטשן?

וואָס טוט מען מיט אַ וועלט וואָס צאַפּלט זיך אויף דער שוועל פֿון פֿולשטענדיקן וואַנזין, וואָס אפֿשר בלויז דאָס געלעכטער, די באַשטעטי־קונג פֿון לעבן, קאָן זי צוריקהאַלטן און ניט לאָזן אַרײַנגליטשן זיך אין תּהום פֿון משוגעת?

מען דאַרף זי פּרוּוון גלײַכשטעלן, אויב נאָר מיגלעך — זי און זיך ראַטעווען, דער עיקר — דורך געלעכטער. „דאָס לעבן״ — שרײַבט שלום עליכם — „איז רײַך מיט פֿאַקטן, פֿול מיט קוריאָזן, אַ סך אומגליקן, אַ ים טרערן, וועלכע, אַז זיי וועלן דורכגיין מײַן פּריזמע וועלן זיי שוין במילא ווערן לאַכנדיק״ (ש״ע־בוך, ז. 295).

אָט די ווונדערלעכע פּריזמע, וואָס זיפּט דורך דאָס אומגליק פֿון דער וועלט און באַשטייט, אַז עס זאָל ווערן לאַכנדיק, איז דער צענטראַ־לער, קינסטלערישער און מאָראַלישער אינסטרומענט פֿון שלום עליכמס מײַסטערשאַפֿט.

ביזאַר ווי אַ בייזער חלום איז אָפֿט שלום עליכמס וועלט. ער, דער גרויסער ראַעאַליסט, מאָלט אַ וועלט וואָס איז קאָשמאַריש סורעאַליסטיש. זי וואָלט מיסתּמא ניט געוועז צום אַריבערטראַגן, ווען שלום עליכם וויקלט ניט איין יעדן ביזאַרן פּרט אין רחמים, ווי אין אַ טרער.

ווי אַ פֿילם־טאַשמע פֿון אַ משוגעים־הויז וויקלט זי זיך אָפֿט פֿונאַנ־דער, די ביזאַרע וועלט פֿון שלום עליכם. בײַ קיינעם אין דער ייִדישער ליטעראַטור קומט אַזעלכעס ניט פֿאָר, מחמת קיינער זעט די וועלט ניט אַזוי. עס איז ניט בלויז די זעלטן רײַכע פֿאַנטאַזיע פֿון אַ גרויסן קינסט־

לער. עס איז גיכער דער אקט פון פונאנדערנעמען די וועלט, זי זען פון אינעווייניק, ארויסשיילן אירע פארקרימענישן און נאך אלץ פרווון גע־פינען שכל אין איר, רעכטפארטיקן איר קיום.

אט לויפן בילדער אויף דער טאשמע:

א זייגער שלאגט דרייצן; מאן און ווייב קאנקורירן צווישן זיך אויף דער זעלבער באן צווישן די זעלבע פאסאזשירן פאר אן עפל־ אדער שטיקל הערינג־קונה; א ציג ווערט א באק אזוי שנעל ווי זי טרעט אריבער די שוועל פון זלאדייעווקע; א רבי הענגט שמונה עשרה; א ייד און א פראַ־וואסלאווונער גלח טראגן זיך אויף אן אינזשענערלאזן, משוגע־געווארענעם לאקאמאטיוו; בלאטע ווערט געניצט ווי חרוסת; א ייד פארקויפט דער גאנצער נאררענבערגער קהילה, אין 1908, יידישע לוחות פון 1888 (אין תרס״ח — לוחות פון תרמ״ח) און פסח פאלט אויס פורים־צייט; צוויי כתרילעווקער ליגן אין בלאטע און רעדן ארום דעם סדר־העולם; א ייד פארהונגערט זיך צום טויט, ווייל ער וויל ניט „טרינקען זיינע קינדערס בלוט״, עסן דאס ברויט פון זייער פראצע; א יונגערמאן שלעפט זיך ארום מיט א פרעמדן בר־מינן, וואס קיינער וויל אים ניט מקבר זיין; אגענטן פרווון פארסטראכירן איינער דעם אנדערן; א יינגל שלאגט זיך מיט זיך אליין — די רעכטע האנט ציט די לינקע פאה און די לינקע האנט רייסט דאס רעכטע אויער און „בײדע״ ווילן ניט אפלאזן און ער קאן זיך ניט ארויספלאנטערן; א יידעלע פון כתרילעווקע פארמעסט זיך אויפן קאמ־פליצירטן סיסטעם פון מאדערנעם פינאנץ־קאפיטאל; א שוואקס־שאכטל מאכט דעם אנשטעל פון א באמבע און — רייסט ניט אויף; כתרילעווקע און קאזאדאיעווקע זוכן שוץ איינס ביי ס׳אנדערע קעגן פאגראמשטשיקעס...

שאגאל, ווען ער כאפט אויף אט די ביזארע וועלט, ראמאנטיזירט ער זי, לאזט ער זי נאך אלץ שטיין אויפן קאפ. שלום עליכם פרווט זי אויף די פיס שטעלן.

שאגאלס ייד וועט שוין תמיד בלייבן שוועבן איבער וויטעבסק, שלום עליכם צאפלט זיך, אז זיין ייד זאל ניט אוועקשוועבן אין אין־סוף, זיינע יידן זוכן ווארצלען אין דער ערד, כדי זיך סוף־כל־סוף צום הימל אויפ־הייבן.

שלום עליכמס קונסט האט איין ציל פאר זיך: געפינען שכל אין דעם אומשכל, זין אין דער זינלאזיקייט, פארהיטן מענטשלעכע ווערט און ווערדע אין דעם תוהו ובוהו, באשירעמען דעם הומאניזם אין א וועלט פון דעהומאניזאציע, אויסניכטערן דעם מענטש פון קאשמאר, באשיצן אים פון נויט, הונגער, פיין, באליידיקונג.

די ביזארע וועלט פון שלום עליכמען איז אפשר די ניכטערסטע וועלט, וואס זוכט זיך פון דער פארווירטקייט אויסצוטאן. אנדערע שילדערן דאס קרומע, מחמת פארצווייפלונג אדער לשם שאק, שלום עליכם רייסט עס אויף. גלייכשטעלן עס וואלט געווען אידעיש און קינסטלעריש פאלש.

אויפֿרײַסן מיינט אַרויסשטעלן די פֿאַרקרימטקייט, אָנטײַטן, אַז מ׳קאָן זי גלײַכמאַכן, אָנהויבן מיט ביטחון, אַז מען דאַרף זי גלײַכמאַכן.

װעגן גבֿירים

אמת, אַז די גאַנצע קלאַסישע ייִדישע ליטעראַטור איז אַן אַנטי־גבֿירישע, אָבער בײַ קײנעם קומט דער גבֿיר ניט אַרויס אַזוי מאָראַליש נאַקעט, ווי בײַ שלום עליכמען. שלום עליכמס פֿאַרשוינען האַלטן אין איין מישפּטן דעם גבֿיר. זיי זײַנען די בעסטע מבֿינים אויף אים — זײַן אויס־געהוילטקייט, זײַן אָנשטעל, זײַן רישעות. זייער פּסק־דין איז אַ מאָראַלי־שער און האַרבער. זייער שינאה צום גבֿיר איז אַנדערש ווי דער האַס צום בורזשוי בײַ די ייִדישע אַרבעטער־שרײַבער און בײַם ייִדישן אַרבעטער. די קלאַסן־פֿאַרהעלטענישן זײַנען ניט אַזעלכע פֿאַרשאַרפֿטע. שלום עליכמס פֿאַרשוינען קאָנען דעם גבֿיר פֿון דער נאָענט און האָבן אים פֿײַנט פֿון דער נאָענט, פּערזענלעך. ער איז זיי ניט קיין קלאַסן־שונא, גיכער אַ רישעותדיקער קרובֿ, וועמען מ׳קאָן באין אופֿן ניט ליב האָבן.

שלום עליכמס מענטשן, וואָס זײַנען בטבֿע גוטע מבֿינים אַפֿילו אויף זיך אַליין, דערשפּירן גלײַך די מאָראַלישע אַכזריות פֿון דעם גבֿיר. ווען ר׳ שלום שדכן (אין „אַ דאָקטער״) דערקלערט, אַז „זיי דאַרפֿן אַלע אַ דאָקטער״, שטעלט ער דערמיט שוין דעם דיאַגנאָז אויף דעם ייִדישן גבֿירים־קלאַס. און ווען פֿישל (אין „מענטשן״), נאָך דעם ווי ער געפֿינט אויס, אַז דאָס גבֿירישע זינדל האָט שוין ווידער פֿאַרפֿירט אַ שטובֿ־מיידל, רייסט זיך מיט די קולאַקעס, פֿון דער קיך צום אויבערשטן גאָרן: „אַ כאָ־ליערע, אַ מיתה־משונה; זיבעצן כאָליערעס, אַכצן מיתה־משונות זאָלן אײַך אָנכאַפּן און עס זאָל אײַך קײַקלען אײַנציקווײַז, און עס זאָל פֿון אײַך ניט בלײַבן קיין שׂריד ופּליט, זאָל אַ רוח אין אײַער...״ דריקט ער מיט דעם ווידער אויס דעם צאָרן קעגן דער אומוועדדיקייט און מאָראַלישער געפֿאַלנקייט פֿון די נגידים. ווידער אַ מאָל — אַ מאָראַלישער מישפּט. אָט דער מישפּט, וואָס קוואַלט אַרויס סײַ פֿון חוש פֿאַר יושר בײַ די קיך־מענטשן און סײַ פֿון געפֿיל פֿון דער אייגענער עטישער ווערטיקייט אין פֿאַרגלײַך מיט דער גבֿירישער געפֿאַלנקייט, ווערט צום שאַרפֿסטן פֿאַר־סכהכלט אין דאַניעלס לעצטן אויסבראָך: „מיר ׳מענטשן׳ פֿאַרפֿאַסקודיקן זייער שטובֿ... ׳מענטשן׳ זײַנען אויך מענטשן!״.

דער חשבון מיטן גבֿיר ציט זיך כסדר — שאַרף צאָרנדיק, אָדער בײַסיק איראָניש. ווען דער ייִד אין „אקדמות״ גיט אַ זאָג „דעם נגיד איז גוט אויפֿן האַרצן, טרײַבט ער קאַטאָוועס״ (נאָך דעם ווי דער נגיד האָט אים געפֿרעגט, צי ער האָט געהאַט אַ „גוטע פּורים־סעודה״, וויסנ־דיק, אַז יענער האָט אין מויל ניט געהאַט), איז ער נאָך אַ מאָל אַ יושבֿ במישפּט, טראָגט ער אַרויס אַן עטישן פּסק־דין איבער דעם גבֿירים־קלאַס.

טבֿיה האָט פֿײַנט דעם גבֿיר, וואָס וויל מיט געלט סילוקן פֿאַר שפּרינצעס ריינער און אומגליקלעכער ליבע, און ער האָט פּונקט אַזוי

פֿײַנט דאָס אויפֿגעקומענע גבֿירעלע פּדהצורל מיטן „דריבנעם געלעכטערל און מיט די ליוסטרעס", וואָס שאַפֿט זיך אײַן אַ געפּעלשטן יחוס־בריוו אַזש ביז דוד המלך, וועלכער נעמט ביי אים צו ביילקען.

צום נאָקעטסטן קומט אַרויס דער גבֿיר אין „מיטן עטאַפּ". דער אָרע־מאַן דערמאָנט דעם איצטיקן נגיד, אַז ווען זיי זײַנען נאָך קינדער געווען, פֿלעגט ער, דאָס „פּאַנסקי צאַפּיקל", אומישנע אים אָנטרעטן אויפֿן קראַנקן פֿוס און נאָכן אָנטרעטן אים רופֿן „קריוואַק" — „פֿלעג איך שרײַען און איר פֿלעגט לאַכן, זיך האַלטן בײַ די זײַטן..." און ער דערציילט, דער אָרעמאַן, אַז שוין ווי אַ קינד האָט ער ניט געקאָנט פֿאַרשטיין, „פֿאַר־וואָס מעג אַ נגידיש קינד אָנטרעטן אַ קבצניש קינד אויפֿן פֿוס און אַ קבצניש קינד דאַרף שווײַגן", און ער איז זיך מודה: „איך האָב פֿון דע־מאָלט אָן פֿײַנט געקראָגן אַלע נגידים מיט אַלע נגידישע קינדער... און מער פֿון אַלע האָב איך פֿײַנט געקראָגן אײַך".

די שינאה צום גבֿיר איז ניט נאָר אַ באַרעכטיקטע, זי איז מאָראַ־ליש אַ נייטיקע, כּדי צו רעהאַביליטירן, פֿאַרהיטן די אייגענע זעלבווער־טיקייט.

אין דער וועלט פֿון „גאָלע גוטסקייט און גאָלע לויטערקייט", נאָך וועל־כער שלום עליכמס מענטשן בענקען, וועט ניט זײַן קיין אָרט פֿאַר די נגידים מיט די „אײַזערנע שטיינערנע הערצער".

אָט ווי אַ דערשלאָגענער כּתריליק שטעלט זיך פֿאָר די נײַע וועלט:

„אַזעלכע מינים לידער זינגט זיך יהושע־העשל שבֿועות מיט נאָך אַ סך יידן, אַזעלכע שלימזלען ווי ער, הייבט אויף ביידע הענט אַרויף, מאַכט צו די אויגן, שאָקלט זיך מיטן גאַנצן גוף, שפּרינגט אונטער מיט אַ טענצל, און טראָגט זיך אַריבער מיט לײַב און לעבן אַהין, אַהין, אין אַן אַנדער וועלט פֿון גאָלע לויטערקייט, פֿון גאָלע גוטסקייט, פֿון גאָלע אייביקייט, אַ וועלט וווּ ס'איז נישטאָ קיין קבצנים, קיין נגידים, קיין אויפֿגעקומענע קליינע מענטשעלעך מיט ווײַסע מאַנישקעס און אונטער זיי שטיינערנע אײַזערנע הערצער, קיין נאַרישע גראָבע תּאוות, קיין צרות, קיין דחקות, קיין דאגת־פּרנסה, קיין צער גידול בנים, קיין קינאה, קיין שינאה..." („אקדמות").

* * *

אונדזער סך־הכּל: מיר דאַרפֿן שלום עליכמען, מיטן לעבן דאַרפֿן מיר אים.

מיר דאַרפֿן אים אידעיש, ווײַל די ווערטן, וואָס ער טראָגט מיט זיך זײַנען אַ טייל פֿון דער גרויסער טראַדיציע פֿון הומאַניזם בײַ אונדזער פֿאָלק.

מיר דאַרפֿן אים היסטאָריש — אין פּראָצעס פֿון אָפּקלײַב פֿון ווערטן, וואָס זאָלן באַווירקן דעם ווײַטערדיקן גאַנג און אַנטוויקלונג פֿון פֿאָלקס לעבן, דעם המשך פֿון אונדזער וועלטלעכער פֿאָלקישער קולטור.

מיר דאַרפֿן אים פּסיכאָלאָגיש. דאָס געמיט פֿון פֿאָלק דאַרף דעם טאָן זײַנעם, די האָפֿערדיקייט, דעם גלויבן, די אַמכאָדיקייט, די פֿאָלק־נאָענט־קייט, דאָס געפֿיל פֿון חשיבֿות און גלויבן אין מענטשן.

שלום עליכמס ירושה־אָנזאָגן געהערן צום נבֿיאישן חלום פֿון שווערדן וואָס ווערן איבערגעשמידט אין אַקעראײַזנס, צו פּרצעס „געמישפּט און אויסגעלייזט מוז ווערן די וועלט". זײַן ירושה ווינקט זיך איבער מיט דעם מענטשנס רײַסן זיך פֿאָרויס.

ביין, ביט קיין יאָרצײַט־יאָר ווילן מיר פֿאַרצייכענען, נאָר אַ הויכ־פּונקט, אפֿשר דעם העכסטן פּונקט, אין דעם טויזנטיאָריקן יידיש־שאַפֿן, אין דעם שווערן באַרג־אַרויף־גאַנג פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין משך פֿון יאָרהונדערטער. ווי ווערטיק איז געווען דער שווערער גאַנג, דער אוממענטשלעכער גערעַנגל פֿאַר אונדזער פֿאָלקס לעבן און פֿאַר דער קולטור, וואָס האָט דאָס לעבן אויסגעדריקט און געהאָלפֿן געשטאַלטן, אויב צום סוף פֿון טויזנט יאָר יידיש שאַפֿן, האָט אַ פֿאָלק געקאָנט אַזוי העל, אַזוי ריין, אַזוי קלוג־מענטשלעך זיך צעלאַכן, ווי עס האָט געטאָן דורך דעם אוקראַינער ייִד שלום בן נחום ראַבינאָוויטש, וואָס אַ וועלט רופֿט אים שלום עליכם.

(געשריבן אין 1966, צו שלום־עליכמס פֿופֿציקסטער יאָרצײַט).

יצחק לייבוש פרץ — דער גאַנצסטער ייִד
פֿון אונדזער עפּאָכע

א.

— י. ל. פּרץ —

ווי אַ באַרג, וואָס מער מיר רוקן זיך אָפּ פֿון אים — אַלץ שאַרפֿער, אַלץ אָטעם־פֿאַרכאַפּנדיקער ווערט ער.

— י. ל. פּרץ —

ווי אַ באַרג, וואָס מער מיר דערנענטערן זיך צו אים — אַלץ בולטער ווערט יעדער דעטאַל, אַלץ טיפֿער יעדער קנייטש, אַלץ שפּילעוודיקער יעדער פֿאָדעם פֿון זײַן פֿילקאָליריקייט, אַלץ מער היילן אַנטדעקן מיר אין אים, און וווּנדער אין די היילן —

הפֿוך בה — בלעטער אים און בלעטער אים, אַפֿילו בלויז כּדי צו אַנטפּלעקן פֿאַר זיך דאָס, וואָס דו האָסט פֿריִער פֿאַרפֿעלט.

לייען אים און לייען אים אין דער טיף, ניט בלויז עטלעכע לידער און ניט בלויז עטלעכע פֿון די שוין אַלעמען באַוווּסטע מעשׂות — פֿאָלקס־טימלעכע, חסידישע, אַלעגאָרישע צי רעאַליסטישע: דאָס זײַנען בלויז באַרגשפּיצן, ניט דער באַרג.

נעם דעם גאַנצן פּרץ — דאָס ליד ווי די דערציילונג, די מעשׂה ווי די דראַמע, ווי די פּובליציסטיק — ערשט אַלע צוזאַמען שטעלן מיט זיך פֿאַר די גאַנצקייט זײַנע. איינס אויף אַ האָר ניט מינערוויכטיקער ווי דאָס אַנ־דערע. אַלע צוזאַמען — דער פּרץ־בגד, וואָס וואַרעמט נאָך עד־היום.

ווי וווּנדערלעך ניט פֿאַרעלטערט ער איז, ווי זעלטן דויערנדיק. אמת: ניט אַלץ וואָס איז אַלט אין דער ליטעראַטור איז גילטיק אויף הײַנט, און ניט אַלץ וואָס איז אַלט, איז ירושה — אָבער גרויסע קונסט איז אַלע מאָל גילטיק, תּמיד ירושה, תּמיד דויער — און פּרץ איז גאָלע דויער.

ב.

יצחק לייבוש פּרץ — דער גאַנצער ייִד, אפֿשר בעסער: דער גאַנצסטער ייִד פֿון אונדזער עפּאָכע.

ער איז פֿול מיט וווּנדערלעכע סתּירות און נאָך מיט מער וווּנדער־לעכע סינטעזן. ער שטעלט מיט זיך פֿאַר דעם סיסמאָגראַף פֿון אַ פֿאָלק, מיט די דינסטע אַנטענעס און די סענסיטיווסטע שפּירונגען צו יעדן זיגזאַג פֿון דעם פֿאָלקס זוכענישן און בלאָנדזשענישן — אייגנטלעך, דער

סינטעז פֿון די זיגזאַגן. דעריבער, אפֿשר, געפֿינט יעדער טייל פֿון פֿאָלק (אַחוץ דער אַסימילאַטאָר און דער אָרטאָדאָקס) זיך אַליין אין אים.

ניט צופֿעליק האָבן אים ייִדישע אַרבעטערס חושד געווען, אַז ער רופֿט צוריק אין שול אַרײַן, בעת אַנדערע האָבן אים — דאָס אַלץ צו זײַן 50סטן יובילײ — צוגעטראָגן אַ מתּנה: אַ קאָפּיע פֿון דער „ייִדישע ביבליאָטעק" וואָס פּרץ האָט רעדאַגירט, וואָס האָט קורסירט צווישן די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן פֿון 10טן פּאַוויליאָן אין דער וואַרשעווער טורמע, מיט אונטערגעשטראָכענע אותיות, וואָס האָבן געדינט ווי אַ שיפֿער־שריפֿט צווישן איין פּאָליטישן אַרעסטאַנט און דעם צווייטן. און, גלײַכ־צײַטיק האָט, אין זעלבן יאָר, אַ חסידישער יונגערמאַן געקושט די האַנט פֿון דעם מאַן אין דער פּעלעריִנע פֿון צעגליאַנע גאַס און אים געדאַנקט, לעבן טויער פֿון זאַקסישן גאָרטן: „איר פֿאַרזיסט אונדז דעם גלות".

זעלטן ווען האָט אַ שרײַבער געדינט אַזוי שטאַרק ווי אַ קאָנצענט־רישער ברענפּונקט אין וועלכן עס האָט זיך צונויפֿגעזאַמלט, איבערגע־בראָכן און אַרויסגעקומען נײַ און גאַנץ די נשמה פֿון אַ פֿאָלק.

צוזאַמען מיט חיים זשיטלאָווסקי, און טיילווײַז שמעון דובנאָוו, איז ער געווען דער אויסדריקער פֿון פֿאַרגעשריטענעם ייִדישן געדאַנק פֿון אונדזער צײַט.

און איך נעם זיי, מיט אַ כּיוון, אַלע דרײַ צוזאַמען.

מחמת, בעת די ייִדישע בורזשואַזיע האָט געפֿאָדערט בלויז בירגער־לעכע רעכט פֿאַר זיך, האָבן זיי שוין, יעדער אויף זײַן אופֿן, ווער פֿריִער און ווער שפּעטער — מיסתּמא זשיטלאָווסקי פֿריִער — אַרויסגעשטעלט די פֿאָדערונג פֿאַר פֿולע נאַציאָנאַלע רעכט פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק. אַלע דרײַ האָבן דעריבער — ווידער, יעדער אויף זײַן אופֿן — באַקעמפֿט די אַסי־מילאַציע ווי אַ פֿאָלקישע צרעת, מיט איין אויסנעם: אי דובנאָוו און אי זשיטלאָווסקי האָבן זיך באַדאַרפֿט באַפֿרײַען פֿון זייער יוגנטלעכן קאָסמאָ־פּאָליטיזם — י. ל. פּרץ, כאָטש ער האָט תּחילת (אין די פֿריִע זיבעציי־קער יאָרן) געשריבן אויף פּויליש, האָט קיין מאָל, פֿון זײַנע ערשטע שירים אָן, ניט אָנגערירט קיין שום בייזווינט פֿון פֿאָלק־פֿאַרלייקענונג.

איך נעם אויך אַלע דרײַ צוזאַמען, מחמת זיי האָבן שוין געגלייבט אין דער סעקולאַריזאַציע פֿון ייִדישן פֿאָלק, און געהאַלטן, אַז „מ'קאָן זײַן אַ נאַציאָנאַלער ייִד, ניט זײַענדיק קיין גלויביקער אין טראַדיציאָנעלן זין" (ש. דובנאָוו, „בריוו וועגן אַלטן און נײַעם ייִדנטום", מעקסיקע, 1959, הערה ז. 32). און י. ל. פּרץ רעדט וועגן די ייִדן ווי וועגן „אַ נאַציע נישט אָפּהענגיק פֿון רעליגיע..." („אין מײַן ווינקעלע", „די ווערק פֿון י ל. פּרץ", באַנד דרײַצן, פֿאַרלאַג „ייִדיש", ז. 143).

אי פּרץ און אי זשיטלאָווסקי האָבן אָנגערירט דעם ייִדישן סאָציאַליזם און זײַנען פֿון אים באַווירקט געוואָרן. ביידע, ווער פֿריִער און ווער שפּעטער, האָבן אַנטפּלעקט דעם גרויסן אמת, אַז ווי מאָדערן די מאָדערנע ייִדישקייט זאָל ניט זײַן, און ווי נײַ און הײַנטצײַטיק זי זאָל ניט ווערן,

וואַקסט זי אַרויס פֿון דער דורותדיקער געשיכטע פֿון פֿאָלק. און ביידנס ווערטיקייט פֿאַרן הײַנט איז געלעגן אין דער פֿאַרשטענדעניש פֿאַרן נעכטן, אין גראָבן אין דער טיף פֿון פֿאָלק, אין שטעלן פֿאָדערונגען צו דער געשיכטע פֿון פֿאָלק. און געווען איז דאָס אַ פּראָצעס אַ קאָמפּליצירטער און אַ שווערער — אַרויסצושיילן אַ וועלטלעך־נאַציאָנאַלן יחוס פֿון אַ געשיכטע וואָס איז געווען פֿאַרדעקט מיט אַ שלייער פֿון רעליגיע און פֿאַרוויקלט אין דער וויקלשנור פֿון ייִדישן דת.

עס איז אויך געווען די סכנה, אַז צוליבן קאַמף קעגן די רבנים און דעם פֿאַנאַטיזם זאָל „מען" גלײַכצײַטיק ניט אַרויסוואַרפֿן טיף פֿאָלקישע נאַציאָנאַלע ווערטן — ווי עס איז געשען דעמאָלט, ווי עס איז געשען שפּעטער — צום גרויסן שאָדן פֿון ייִדישן סעקולאַריזם און דעם ייִדישן פֿאָלק.

און י. ל. פּרץ, וואָס האָט היסטאָריש געמוזט זיך ראַנגלען קעגן „שטרײַמל" און קעגן דעם קלער, קעגן די שרעקנדיקע „נאַכט־וועכטער" און קעגן חסידיזם — האָט גלײַכצײַטיק געזוכט אַרויסצושיילן די ווערטן פֿון יושר, הומאַניזם און פֿאָלקישער דערהויבנקייט ניט נאָר פֿון די נביאים, נאָר אויך פֿון מדרש און פֿון תּלמוד, פֿון שפּאַנישן פּעריאָד און פֿון חסידיזם, פֿון דער השׂכּלה — ביז דער אַרבעטער־באַוועגונג.

מחמת —

בײַם אָפּקלייבן פֿאָלקווערטן נעמט מען ניט פֿון קיין גרייטן זיידעשן קופֿערט — מען זוכט אָפּ דויערווערטן, אַזוי אַז דאָס פֿאָלק, בײַם אַריבערגיין אַ היסטאָרישע שוועל, זאָל ניט אַריבערגיין אַ נאַקעטס, נאָר מיטטראָגן דעם אַנזאַמל פֿון דורות מיט זיך.

ג.

יצחק לייבוש פּרץ איז געווען דער סינטעז פֿון סתּירות וואָס האָט אין תּוך געשאַפֿן אַ גאַנצקייט אָן סתּירות. ווי אַזוי אַ גאַנצקייט? מחמת י. ל. פּרץ האָט ניט נאָר געפּרעגט, נאָר אָפּגעפּרעגט.

פֿאַרליבט אין דער רויטער פֿאָן, האָט י. ל. פּרץ זיך געשראָקן פֿאַר די וואָס האָבן אָפּט די פֿאָן געטראָגן, און מורא געהאָט וואָס וועט ווערן ווען „די באַהערשטע וועלן ווערן הערשער".

נאָך אין 1906 האָט ער דערקלערט זײַן ליבשאַפֿט צו די פּענער פֿון פֿרײַהייט — „מײַנע ביז אין דער לעצטער מינוט הייס געליבטע פּענער", אָבער צוגעגעבן „נאָר איצט, אין דער מינוט ווען פּאַגראָמען שטייען אין דער לופֿט, זײַנען זיי מער נישט אַזוי היימיש, נישט אַזוי הייס געליבט..." („דער טאָג", ז. 296 און ווײַטער, די ווערק פֿון יצחק לייבוש פּרץ, 12טער באַנד, פֿאַרלאַג „ייִדיש", ניו יאָרק, 1920).

בײַ אַנדערע האָט מען באַדאַרפֿט שמירן די רעדער פֿון דער רעוואָלוציע מיט ייִדיש בלוט, בײַ פּרצן האָט דאָס ייִדישע בלוט, פֿאַרגאָסענע

אין פּאָגראָמען, באַדראָעט די פּענער וואָס האָבן געטראָגן אין זיך דעם צוזאָג פֿון דעם „נײַעם טאָג".

פֿאַרגלייבט אין סאָציאַליזם, האָט ער כּמעט איינער אַליין, אַנטשליי־ערט די היפּאָקריטישע פּראָזעאָלאָגיע פֿון דער פּוילישער פּ. פּ. ס. „בײַ וועלכער די ,פּ' וואַקסט מיט יעדער סעקונדע אויפֿן חשבון פֿון ,ס', און שאַרף דעמאַסקירט די פּ. פּ. ס„ וועמעס רעדנער „וואָס רעדן פֿון פֿעלקער־באַפֿרײַונג, האָבן אויסגערעכנט אַלע פֿעלקער, וואָס פּ. פּ. ס. מוז און וועט באַפֿרײַען — און מיך נישט גערעכנט, מײַן פֿאָלק נישט דערמאָנט..." (דאָרט, ז. 313).

און ער אַטאַקירט די „יִדן פֿון געוויסן סאָרט, יִדן יונגע, „נאָר אויס־געפּוילטערע, אַלס אונדזערע לאַנג געשטאָרבענע און באַגראָבענע שענקער און פּריצישע פֿאַקטוירים" (דאָרט, ז. 315).

בלויז אַ גאַנצער יִיד האָט געקאָנט דערשפּירן ווי עס שליסן זיך אײַן און דערגאַנצן זיך אָט די צוויי גאולה־פֿעדעם, וואָס איינס אָן צווייטן איז ניט דענקלעך און ניט מיגלעך.

[בלויז אַ ראַפּפּישער קריטיקער, ווי עס איז געווען דער יִדיש־סאָ־וועטישער א. ראָזענצווײַג, אין זײַן אומגליקלעך בוך „דער ראַדיקאַלער פּעריאָד אין פּרצעס שאַפֿן", האָט געקענט באַצייכענען די לעצטע 16 ווונדערלעכע שאַפֿונג־אָנגעפּילטע יאָרן פֿון פּרצעס לעבן — פֿון 1899 אָן — ווי „אויף וועגן פֿון רעאַקציע".

[ער האָט ניט געלייענט — און אויב געלייענט, ניט פֿאַרשטאַנען — פּרצעס דעקלאַראַטיווע אני־מאמין־ווערטער, געשריבן אין 1912: „איך שטיי, בין געשטאַנען און רעכן ביז מײַן לעצטן אָטעמצוג צו שטיין אין די רייען פֿון די קעמפּער פֿאַרן פֿאַרשריטלעכן, ראַדיקאַל־פֿאַרשריטלעכן יִדישן געדאַנק" (י. ל. פּרץ „אין מײַן ווינקעלע", ז. 125)].

נאָענט צום יִדישן אַרבעטער, האָט ער אָבער געזען פֿאַר זיך דאָס גאַנצע פֿאָלק און זיך פֿאַר אים אײַנגעשטעלט.

מענדעלע מוכר ספֿרים, שלום עליכם זעען פֿאַר זיך, בעיקר, די דע־קלאַסירטע פֿאָלקמאַסע — מענדעלעס קבצנים, שלום עליכמס „מילבן־נעסט" — דאָס קליינע מענטשעלע, דאָס הילפֿלאָזע טאָפּטשען זײַנס, די פֿאַרמישפּטקייט זיינע; מענדעלעס „בנימין" וואָס רײַסט זיך פֿון דער טור־נעיאַדעוועקער בלאָטע, שלום עליכמס מנחם־מענדל וואָס רייסט זיך שוין אַרויס פֿון כּתרילעווקע און האָט ניט ווו אָנצוקומען. אָבער, דעם יִדישן בעל־מלאכה, דעם יִדישן אַרבעטער זעען זיי, כאָטש סימפּאַטיש, בלויז פּעריפֿעריש. מענדעלע זאָגט: „ווי די יִדן בײַ די אומות העולם, אַזוי איז דער בעל־מלאכה בײַ יִדן..." שלום עליכם ווײַזט אַרויס וואַרעמע סימפּאַטיע, אויב ניט פֿולע פֿאַרשטענדעניש, פֿאַר די מאָטל קאַמזוילס, די פּעפּערלעך, די מאָשע באָשעוויטשעס.

פּרץ זעט שוין דעם מאָדערנעם אַרבעטער, מישט זיך מיט אים, באַ־וויינט די „נייטאָרינס", באַרחמימט די „קינדער פֿון דלות", רײַסט אויף

באַנטשעס „פרישע זעמל מיט פוטער"־פּסיכאָלאָגיע, שטייט נאָענט צום „בונד" — אָבער ער זעט אויך דאָס גאַנצע פאָלק. ער באַדויערט דעם קריזיס פון ייִדישן וועבער („וועבער־ליבע"), אָבער באַקלאָגט אייגנטלעך דעם מצבֿ פון ייִדישן קליינבירגער, וואָס ווערט דערשטיקט און צעטראָטן („דער בעל־עגלה", „די פּראָווינץ־רייזע", א. א.).

ער דערשפּירט שוין די פאַרלוירנקייט און די אָפּפרעמדונג פון יונגן גרויסשטאָטישן אינטעליגענטן־שיכט — אַ טעמע וואָס נאָמבערג און בער־געלסאָן וועלן שפּעטער ציִען ווייטער. ער עקספּלאָדירט שוין די פּיליס־טערשע מיטלבירגערלעכע כּל־בוניקעס, וואָס ווערן וואָרטזאָגערס און פאָלקפירערס — אַ טעמע, וואָס משה לייב האַלפּערן, משה נאַדיר א. א. וועלן שפּעטער אויפכאַפּן.

ער שפּאַרט זיך אָן אויף די גרויסע נשמות פון פאָלק וואָס ווילן אַרויפצווינגען דעם שבת אויף דער וועלט, אַפילו — אויב נייטיק — אויף די חורבות פון דער וועלט. ער חלומט פון קינדער מיט פליגל וואָס הייבן זיך איבערן געמויזעכץ, און פון מענטשן מיט שטייפע רוקנביינער וואָס קאָנען זיך פאַר קיינעם ניט בייגן. ער וויקלט שוין דעם יחוס פון מאָדערנעם אַרבעטער אין דער גרויסמענטשלעכער אידייע, וואָס האָט גע־אָטעמט און געלעבט אין די טיפעניש פון פאָלק אין משך פון דורות.

ווי וויל ער האָט געגלויבט, אַז עס מוז קומען אַ נייע צייט, און אַז „צו שטיל וועט זי ניט קומען" — האָט ער דאָך אַוועקגעשטעלט די ליבע און די רחמים פאַר דעם קליינעם מענטשעלע פון דער וועלט איבער אַלעם, און געוואָלט אים באַשיצן, אַז די רעדער פון דער נייער צייט זאָלן אים ניט צעטרעטן, ניט לאָזן אים, ווי באַנטשע איז געבליבן, אַ צע־נהרגטן אין דער בלאָטע.

געגלויבט אין אַנטקעגנשטעלן זיך („לעבן נעמט מען מיט געוואַלד" זאָגט דער בדחן אין „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק"), אַליין „אַ רופער צום ווידערשטאַנד", ווי נוסינאָוו האָט אים אָנגערופן, „דער נבֿיא פון קאַמף", ווי זשיטלאָווסקי באַצייכנט אים — ווייסט ער, אַז עס איז ניט „לית דין ולית דיין" — און אַז „געמישפּט און אויסגעלייזט מוז ווערן די וועלט" (ווי ר' שלמה אין „די גאָלדענע קייט" שפּאַרט זיך איין) האָט ער אָבער נאָך אַלץ געוואָלט, אַז דער מישפּט און די אויסלייזונג זאָלן ניט ווי טאָן די באַליידיקטע און די דערשלאָגענע פון דער ערד, נאָר זיי אויפהייבן און זיי הילן אין ליבשאַפט און אין רחמים, און ער וויל אַ וועלט ווו „דער וואָס מען טרעט אים ווי אַ וואָרעם, ווערט דער מענטש, דער בעל־דעה".

בעת ער רייסט אַרונטער די בעלי־שטריימל און די „פרומע קאַץ"־לייט, און ראַנגלט זיך קעגן דעם מיטלעלטער און דער, ווי ער רופט זי, „קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי" — הייבט ער גלייכצייטיק אַרויס די שיינע מענטשלעכקייט פון פשוטן ייִד, דעם פרומען ווי דעם ניט־פרומען, און דעם הומאַנעם אָטעם פון חסידיזם. ער קאָן ניט פאַרטראָגן די אויבער־

פֿלעכלעכע עם־הארצישע אפּיקורסות פֿון די חלב־עסער (די „בראָשורן־שלינגער" רופֿט ער זיי). ער שטעלט אַרויס ס'נאָקעטע פּאַראַזיטישע פּנים פֿון לײַדיקגייערישן כּלומרשטן למדן, וואָס האָט מורא פֿאַר ביטול־תּורה, בעת זײַן פֿרוי ראַנגלט זיך פּאַטעטיש איינע אַליין צו דערהאַלטן די משפּחה בײַם לעבן („כּעס פֿון אַ ייִדענע"), און גלײַכצײַטיק מאָלט ער מיט לוי־טערער ליבשאַפֿט דעם געלײַטערטן ביטחון פֿון סאָטיע דעם פֿישער („נסים אויפֿן ים"), אָדער דעם טרעגער אין „זיבן גוטע יאָר", אָדער דאָס פּאָרל אין „דער קונצנמאַכער".

אַ ביטחון ווי אַ פֿליספֿײַער, וואָס שטאַרקט און רייניקט און דער־הייבט זיי, אַ ביטחון וואָס קוואַלט אַרויס ביט אַזוי פֿון זייער גלויבן אין גאָט, ווי פֿון פּרצעס גלויבן אין זיי, טראָגט זיך ווי אַ רוח־חיים אין זײַן שאַפֿן.

ד.

דורכויס הײַנטצײַטיק און מאָרגנצײַטיק, האָט ער מער ווי זײַנע מיטצײַטלערס געזען דאָס פֿאָלק אין דער היסטאָרישער פּערספּעקטיווע.

ניט שלום עליכם און ניט מענדעלע זײַנען צוריקגעגאַנגען צום עבֿר.ביידע, דער עיקר מענדעלע, זײַנען נאָך צו נאָענט געשטאַנען צום גע־ראַנגל קעגן דעם גליוועַר פֿון מיטלעלטער. מענדעלעס בנימין שטייט נאָך אַלץ אויסגעדרייט מיטן פּנים צום אַמאָל, אָבער דעם זיידנס כּוונה איז אים אויסצולייזן פֿון אָפּגעשטאַנענעם עבֿר. מענדעלע מוז, היסטאָריש, אַרונטער־רײַסן דעם מיטלעלטער.

פּרץ, דער גאַנצער ייִד, מער מאָדערן און מער איצטצײַטיק ווי די אַנדערע, וואָס שאָבט אָפּ דעם מיטלעלטער פֿון דעם פֿאָלקס הויט, האָט שוין געשטעלט פֿאָדערונגען צום עבֿר. ער וויל אים שוין דיסטילירן און פֿון אים אָפּקלײַבן, מחמת „אַ פֿאָלק, ווי אַ מענטש, מוז האָבן אַ זכּרון... דעם פֿאָלקס זכּרון איז די היסטאָריע" („וועגן געשיכטע").

מער ווי ווער עס איז — און עפֿעקטיווער ווי זשיטלאָווסקי — האָט ער, וואָס האָט זיך געראַנגלט קעגן גליוועַר און זשאַווער און קעגן די „וואָס ווילן דרייען די רעדער פֿון דער געשיכטע אויף צוריק", אַרויסגע־זוכט די שיינקייט און די העלדישקייט פֿון אַמאָל און געהילט די איצטיקע דורות אין זיי. „אָן היסטאָריע" — האָט ער געזאָגט — „קאָן קיין פֿאָלק נישט קליגער, נישט בעסער ווערן..." און ער גיט צו: „פֿון וואַנען זאָל דאָס פֿאָלק נעמען ,פּראַקטיקע'?... [אויב] יעדער דור — מיט זײַנע צרות און נחת, חסרונות און מעלות — ווערט אָפּגעשניטן און אָוועקגעלייגט" (דאָרט).

די גאָלדענע קייט פֿון המשך, וואָס בלויז דער אָפּטריניקער קען זיך פֿון איר אָפּטרייסלען.

י. ל. פּרץ (נאָך אַ מאָל: דער מאָדערנער און וועלטלעכער ייִד) האָט דערזען אונדזער דור אין זײַן המשכדיקער גאַנצקייט. ער האָט אויפֿגע־

פאַסט דעם וועלטלעכן יידן אין דער דימענסיע פון טיף, ד. ה. ווי אַ פּראָדוקט פון אומצאָליקע דורות וואָס האָבן געקנאָטן און אויסגעשטאַלט דעם עטישן און גײַסטיקן מהות פון פאָלק. כּדי דאָס צו טאָן, האָט ער, נאָך אַ מאָל, געמוזט באַפרײַען די פאַרגאַנגענהייט פון דעם אויבנאויפיקן צודעק פון רעליגיע, אַרויסהייבן אירע פרייהייטלעכע שטראָמען, זען זייער ווירקונג אויפן גאַנג פון פאָלקס אַנטוויקלונג. „זוך איך מײַן יידישקייט... זוך איך עס אין דער צוקונפט אויפן גרונט פון מאַטעריאַל אין דער שעפערישער פאַרגאַנגענהייט".

און וואָס איז אָט די שעפערישע פאַרגאַנגענהייט? וואָס איז די יידישקייט, ווי פּרץ פאַסט זי אויף?

„די וועלט־אידייע וואָס זוכט איר פאַרקערפּערונג אין דער מאַטעריע, אין דער געשטאַלט, אין וועלכער זי שלאָגט זיך אָפּ, אין דער יידישער נשמה" („וועגן וואָס פעלט אונדז אין יידישקייט", באַנד 13, ז. 48, „די ווערק פון יצחק לייבוש פּרץ", „פאַרלאַג יידיש", ניו יאָרק, 1920).

און מורא האָבנדיק, אַז דער לייענער וועט אים ניט קלאָר פאַרשטיין, איז אים פּרץ מסביר דעם ענין:

יידישקייט איז דאָס — „וואָס באַשאַפט, אין צײַטן פון זעלבסטשטענדיקייט, פרײַהייט־און מאַכט־אינסטיטוטן צו איר אַנטפּלעקונג און פאַרקערפּערונג, — און דעמאָלט איז זי — פרייד און גליק, עולם הזה.

„וואָס באַשאַפט אין צײַט פון שטרײַט — אינסטיטוטן צום אָפּווער, צום פאַרהיטן, צום שיצן — זיך און די איריקע — און דעמאָלט איז זי קאַמף־און העלדן־געזאַנג!

„און וואָס מוז, אין צײַטן פון אונטערטעניקער שוואַכקייט, זיך אײַנציִען, אײַנשרומפּן, באַהאַלטן אין ‚פּינטעלע' ייד; אויסהאַלטן שווײַגנדיק, און אָפּוואַרטן די בעסערע צײַט — און דעמאָלט איז זי האָפענונג, לײַדן און פּײַן... משיח־חלומות און עולם־הבא.

„און דעמאָלט פאַרלאַנגט זי אָפּער...

„און די יידישקייט, פאַר וועלכער מיר פאַרלאַנגען די אָפּער מוז קלאָר און דײַטלעך באַצייכנט ווערן" (דצוו., ז. 48).

ער געפינט דעם זין, דעם עטישן מהות פון דער יידישער געשיכטע און קולטור, אין דער גײַסטיקער און מאָראַלישער דערהויבנקייט פון פאָלק. דאָס איז, זאָגט ער: „די עטיק פון די וואָס בויען נישט זייער צוקונפט אויף פיזישער קראַפט, און זייער רעכט אויף דער פויסט" („קליינער פעליעטאָן", דאָרט, ז. 27).

און מער ווי אַלץ פאָדערט ער, דער עיקר איז דאָס אַדרעסירט צו די אַסימילאַטאָרן און די אַנדערע, „וואָס קומען צוריק צום פאָלק" — דרך־ארץ פאַרן פאָלק: „ווי אַזוי איר וועט נישט רעדן מיטן פאָלק — יידיש־פּויליש, אָדער פּויליש־יידיש — מיט דרך־ארץ רעדט... בייגט די לייכטע קעפּ פאַרן אייביקן קעמפער, פאַרן אייביקן פאָלק! צו דער ערד!" (דצוו., זז. 27, 37).

„דרך־ארץ פאַרן אַלטן, פאַרן עלטסטן פאָלק, וואָס איינגעמען און באַצווינגען אַ לאַנד און שיצן עס קעגן די העלדישסטע וועלט־אַרמייען ביזן לעצטן טראָפן בלוט, האָט עס געקאָנט גלייך מיט אַלע!... און דערנאָך אַ לאַנגע, לאַנגע שנור פון דורות קעמפער, קעמפער ביזן לעצטן טראָפן בלוט פאַר איבערציי‏גונגען!

„דרך־ארץ פאַר אַ פאָלק, וואָס זיין געשיכטע איז די איינציקע העראָישע וועלט־טראַגעדיע: אַ בלוטיקע עפּאָכע פון מסירת־נפש, קידוש־השם און די אוממענטשלעכסטע פּיין און ליידן פאַר דער אידייע!" (דצוו. זז. 27, 31, 36).

און דעם יידישן אַרבעטער האָט ער געוואָרנט „זיך נישט אָפּרייסן פון שטאַם... זיך נישט אָפּנאַרן מיט אַסימילאַטאָרישע חלומות..." זיך זען ווי אַ טייל פון פאָלק:

„דער יידישער אַרבעטער האָט דערפילט און געמוזט דערפילן, אַז אין זיינע אָדערן שלאָגט יידיש בלוט, אַז עס באַלעבט אים אַ יידישע נשמה, אַז ער רעדט יידיש, לייענט אַ יידיש בוך, אַ יידישע צייטונג, זאָגט אַ יידיש גלייכווערטל, זינגט אַ יידיש לידל און (שווער צו פאַרלייקענען) ער בענקט צו אַלץ, צו וואָס אַלע יידן בענקען, ער קאָן זיך נישט אָפּרייסן פון שטאַם און קאָן זיך אַפילו נישט אָפּנאַרן מיט אַסימילאַטאָרישע חלומות און נישט טרעטן אויפן וועג, וואָס פירט פון שול צום קלויסטער... ער וויל און מוז פאַרבינדן און געפינען דעם סינטעז פון זיינע קלאַסן־און פאָלקס־אינטערעסן..." („אין מיין ווינקעלע", „פאַבריקאַנט און אַרבעטער", באַנד 13, ז. 180).

דעם זעלבן דרך־ארץ, וואָס ער האָט געפאָדערט ביי אונדז, האָט ער פאַרלאַנגט פון זיך אַליין. ער, דער גייסטיקער אַריסטאָקראַט, האָט קיין מאָל ניט אַראָפּגערעדט צום פאָלק, פאַרקערט: אים געוואָלט אויפהייבן צו זיך, אים לערנען טראַכטן פאַר זיך אַליין. אַנדערע האָבן געגעבן פאַפּע — צעקייט און צעלייגט אויף טעלערלעך, פּרץ האָט געוואָרפן קערנער: „ווער עס זייט, וואַרפט נאָר זאָמען. נישט קיין צעקייט ברויט און נישט קיין בלומען־שטאַנגען" (דצוו. ז. 139).

און די שרייבערס, וואָרנט ער, אַז זייער איינציקע נערונג קענען זיי נאָר קריגן פון די פאָלק־וואָרצלען:

„און אַלע וואָס האָבן דעם פּעבל פאַרלאָזט, וועלן זיך דערפילן קראַנק, אָרעם, עלנט און פאַרשטויסן, ווי די קרעציקע אויסערן לאַגער, און וועלן אַראָפּקומען און וועלן זיך בעטן: דערלאַנגט אונדז די האַנט, מיר פאַלן" („אין פאָלק אַריין", ז. 66, צענטער באַנד).

דער גאַנצער ייד איז ניט בלויז אַ ייד פון היינט, נאָר אויך דער ייד פון נעכטן. אָפּקלייבן פון נעכטן — באַשטימט און געוויס; זיך ראַנגלען קעגן די וואָס ווילן בלייבן שטעקן אין נעכטן — היסטאָריש נייטיק און אימפּעראַטיוו; אָבער: פאַרוואַרפן דעם נעכטן — מיינט ניט בלויז פאַרוואַרפן דעם היינט, נאָר שעדיקן דעם מאָרגן.

י. ל. פרץ, דער סימבאָל פון אונדזער היסטאָרישער גאַנצקייט, אָן וועמען דער מאָדערנער און וועלטלעכער ייִד וואָלט אָדער אַוועקגעשוווּ־מען פון פאָלק, אָדער זיך פאַרהאַקט אין געטאָ, האָט אונדז געלערנט ניט נאָר שטעלן פאָדערונגען צו דער געשיכטע, נאָר ער האָט אויף אונדז אַרויפגעלייגט די אחריות וואָס מיר אַלע — אַלע צוזאַמען און יעדער באַ־זונדער — טראָגן פאַר דער 4,000־יאָריקער געשיכטע פון פאָלק, ווײַל אָן איר איז מען אויך אָן אַ מאָרגן. ער וואָרנט די שרײַבערס:

„און האָט מען קיין פאַרגאַנגענהייט און קיין צוקונפט נישט, איז מען אויף דער וועלט אַ פינדל־קינד אָן טאַטע־מאַמע, אָן טראַדיציע און אָן פליכטן פאַרן שפּעטערן, פאַר דער צוקונפט, פאַרן אייביקן, דינט מען זיך אַליין, מעסט מען און מען וועגט אַלץ מיט זיך אַליין, האָט מען ניט צו וואָס צו שטרעבן...” („וואָס פעלט אונדזער ליטעראַטור”, צענטער באַנד, ז. 32).

און פון דער ליטעראַטור פאָדערט ער:

„זאָל די ליטעראַטור זיך דורכדרינגען מיט דער קראַפט פון פאָלקס זיכּרון. זאָל זי זיך אויסלערנען קוקן דער געשיכטע אין די אויגן אַרײַן!” (דאָרט).

ח.

דער גאַנצער ייִד, צום סוף פון 19טן און אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט, האָט געמוזט שאַפן אַ נײַעם סינטעז צווישן פאָלק און וועלט, ייִדישקייט און אוניווערסאַליזם, באַווײַזן, אַז ניט נאָר שליסן זיי זיך ניט קעגנזײַ־טיק אויס, נאָר פאַרקערט — זיי דערגאַנצן איינס דאָס אַנדערע, אַז איינס אָן דעם אַנדערן איז ניט מיגלעך.

די ווענט פון געטאָ זײַנען אײַנגעפאַלן, נײַע אידייעס האָבן געקלאַפּט אין די שטויב־פאַרדעקטע שויבן פון ייִדישן לעבן, די וועלט איז קלענער געוואָרן, לייזונגען — און לאָזונגען — האָבן זיך צוזאַמענגעפלאָכטן ווי די הערנער פון הירשנבעק אין געשלעג פאַר דער ליבע פון אַ יונגער הירשין־מיידל — השׂכּלה, אַסימילאַציע, (אין דײַטשלאַנד — שמד), רוסי־פיקאַציע, שפּעטער סאָציאַליזם. אַלע האָבן זיך פאַרמאָסטן אויף דער אָרע־מער בת־ישׂראל. דאָס ייִדישע לעבן האָט געהאַט דרײַ ברירות פאַר זיך: איינס, פאַרשווּנקט ווערן; צוויי, פאַרשאַנצן זיך אינעווייניק, אָן פענצ־טער צום דרויסן, לעבן בלײַבן איזאָלירט; דרײַ, אַרײַננעמען די נײַע אידייעס, זיי אָנטאָן ייִדישע בגדים און — ניט פאַרלירנדיק דאָס נאַ־ציאָנאַלע פּנים — זיך אײַנשליסן אין דער וועלט. דאָס האָט געמיינט: אוניווערסאַליזם און בלײַבן אַ ייִד, סאָציאַליזם און בלײַבן אַ ייִד, אַרײַנ־נעמען די וועלט און בלײַבן אַ ייִד.

אין אַנדערע ווערטער: אָפּשאַצן און כּולל זײַן די וועלט פון נאַציאָ־נאַל־ייִדישן שטאַנדפּונקט און אינטערעס.

יעקבֿ גלאַטשטיין פאַרגלײַכט פרצעס אויפטו צו דעם אויפטו פון רמב”ם

אין 12טן יאָרהונדערט: כּדי צו ראַטעווען די ייִדישקייט פֿון זײַן צײַט, האָט דער רמב״ם געמוזט אײַנשליסן דעם ראַציאָנאַליזם פֿון דער עפּאָכע, די פֿילאָסאָפֿיע פֿון אַריסטאָטל (וועמען מאַימאָנידעס האָט באַטראַכט ווי דעם „פּרינץ פֿון די פֿילאָסאָפֿן") אין דער ייִדישקייט. כּדי צו ראַטעווען די ייִדישקייט פֿון אונדזער צײַט, האָט פּרץ געמוזט אײַנשליסן די אוניווערסאַלע אידייעס פֿון אונדזער צײַט, דעם סעקולאַריזם, דעם הומאַניזם, דעם סאָציאַליזם.

פּרצעס פֿאָרמולע איז געווען: „צום מענטש אויפֿן ייִדישן וועג".

(אייגנטלעך, אין סאַמע תּוך, די זשיטלאָווסקישע ייִד־און־מענטש־קאָנצעפּציע. מחמת, ניט נאָר האָבן זיי זיך איבערגעוואונקען, נאָר דערגאַנצט איינער דעם אַנדערן. אויב פּרץ איז געווען, ווי ער אַליין זאָגט עס, דער „אָנצינדער" („איבער צוריק־אָנצינדער וויל איך זײַן", דצוו., באַנד 13, ז. 139), איז זשיטלאָווסקי געווען דער וואָס האָט ליכטלעך צעשטעלט, עס זאָל זײַן וואָס אָנצוצינדן).

אָבער דער וועג צום מענטש האָט געהאַט אָן אַ שיעור שטרויכלונגען, אָן אַ שיעור פּאַסטקעס. כּדי אים צו באַטרעטן, האָט מען געמוזט אַזוי פֿיל שטיינער אַפּראַמען.

אָט ווי פּרץ שאַצט אָפּ די אַבֿני־נגף, די שטיינער אין וועג:

„די פֿאַרגליווערטע באַלעבאַטישקייט פֿון איין זײַט און די פֿרעמדע אינטעליגענץ פֿון דער צווייטער — דאָס עפּנט די וועגן וואָס פֿירן אָפּ פֿון ייִדישקייט. כּדי עס זאָלן פֿאַרמאַכט ווערן די וועגן, מוז באַשאַפֿן ווערן אַ נײַע ייִדישע [אונטערגעשטראָכן פֿון פּרצן — א. ג.] אינטעליגענץ, וואָס זאָל קולטיווירן אייגענע ווערטן און פֿרײַ באַוועגן דאָס פֿאָלק" („וועגן וואָס פֿירן אָפּ פֿון ייִדישקייט", באַנד 13, ז. 86).

דאָס אייבערשטע איז געשריבן געוואָרן אין 1911. אָבער פּרץ האָט אַ גאַנץ לעבן זיך געראַנגלט קעגן די אַסימילאַטאָרן און קעגן די וואָס ער האָט גערופֿן די „חומש מיט רש״י ייִדן". ער באַשולדיקט די פֿרומע:

„צוליב האַלטן דעם ייִדישן געדאַנק אין קלויז אָדער אַ פֿאַרשאָטנטן היימישן ווינקל, איז ער, אָן ליכט און לופֿט, קרענקלעך געוואָרן, דער ייִדישער געדאַנק! און ער ציטערט פֿאַר יעדן פֿרײַען לופֿטצוג, פֿאַר יעדן ליכטיקן שטראַל! ער, וואָס איז באַשאַפֿן געוואָרן די ערד צו באַצווינגען, דאָס לעבן צו באַהערשן און גערעכט צו מאַכן".

פּרץ האָט מורא פֿאַר די וואָס ווילן „צוריקרופֿן דעם נעכטיקן טאָג... וויניקסטנס, פֿאַרהאַלטן דעם הײַנט איבער זײַן גרענעץ און נישט צולאָזן דעם מאָרגן...", מחמת דאָס וואָלט געמיינט: „נעמען דעם לעבעדיקן זאָמען אָרום וועלכן די שאָל האָט געפּלאַצט, וואָס דאַרף אויף ס׳נײַ פֿאַרפֿלאַנצט ווערן, וואָס זאָל שנעל און פֿאַרביקער אויפֿשפּראָצן — און צוריק אין דער שאָל פֿאַרשליסן, און פֿאַרבינדן און אַרומדראָטן די שאָל און אַ שפּרונג זאָגן: זאָמען, וואַקס אין דער ענגשאַפֿט, וואַקס אין דער פֿינצטער" (דצוו., ז. 67).

און צו די אָפּגעפּרעמדטע טענהט ער:

„פּרעמדע אידייען פּלאַנצן, פּרעמדע קולטורן... מיר זאָגן: אַלע וועגן פירן צום מענטש, נאָר יעדעס פאָלק האָט זיין וועג. און איר זאָגט: טויטן דעם וועג! חילופין מיט קולטור־ווערטן! מיר ווילן אַנטוויקלען היימישע און אייגנאַרטיקע, איר הייסט אַרויסוואַרפן און נעמען פּרעמד פייער צום מזבח... מיר קאָנען פאַליאַקן ליב האָבן, מיר קאָנען האָבן [און מיר האָבן] די זעלבע פּאָליטיש־סאָציאַלע און עקאָנאָמישע אינטערעסן ווי די פּאָליאַקן. קיין פּאָליאַקן קאָנען מיר ניט ווערן" (דצוו., ז. 24, ז. 33, און־דזער עמפּאָזע).

אין זיין אַרבעט „וואָס פעלט דער יידישער ליטעראַטור", געשריבן אַ יאָר פריער ווי די אויבנדיקע רייד, איז פּרץ פאַרלאָפן דעם וועג זיינע „קריטיקערס" (ווי מיר דאַרפן אָפּט פאַרלויפן דעם וועג אונדזערע הײנט־צייטיקע „קריטיקערס"):

„עס זאָל נישט קומען צו קיין מיספאַרשטענדעניש:

„איך רעד נישט פון פאַרשליסן זיך אין גייסטיקער געטאָ: מען זאָל אַרויס פון געטאָ, נאָר מיט אַן אייגענעם גייסטיקן פאַרמעגן, און טוישן: געבן און נעמען, ניט בעטלען.

„געטאָ איז אימפּאָטענץ: קולטור־קרייציקונג — די איינציקע מעג־לעכקייט פאַר דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג. זאָל קומען דער מענטש, מוז ער זיין דער סינטעז, דער סך־הכל, די קווינטעסענץ פון אַלע נאַ־ציאָנאַלע קולטור־פאַרמעגן און וועלט־אַנשויונגען. נעמען און זיך ניט פאַר־לירן — דאָס איז די הויפּט זאַך, און דאָס איז די שווערסטע ביי שוואַכע און ניט זעלבשטענדיקע פעלקער".

מיט שאַרפער סאַטירע רייסט פּרץ אַרונטער די פירערס פון דער פּ. פּ. ס., אי די פּאָליאַקן און אי די יידן, וואָס פאַרלייקענען און איגנאָ־רירן די יידישע נויט און די יידישע צוקונפט אין פּוילן. אים איז דער־ווידער זייער אויבערפלעכער קאָסמאָפּאָליטיזם, דאָס יידל וואָס שטעלט די פראַגע: „חברים, צי איז צייט צו רעדן וועגן פעלקערשאַפטן דעמאָלט, ווען מען רעדט וועגן פּראָלעטאַריאַט?" און ער דערמאָנט מיט ביטער־קייט: „אין דער שפּיץ פון פּ. פּ. ס. שטייען, ברוך השם, אַ סך יידן און יידענעס..." און דער עיקר קאָן ער ניט מוחל זיין וואָס די יידן ווערן ניט דערמאָנט אין דער פּ. פּ. ס.־רעזאָלוציע ווי אַ פאָלק צווישן די פעל־קער וואָס דאַרפן באַפרייט ווערן — אויסרעכענענדיק אַלע פעלקער וואָס פּ. פּ. ס. וועט און מוז באַפרייען — מיך נישט גערעכנט, מיין פאָלק ניט דערמאָנט" („דער טאָג", אַלע ווערק פון י. ל. פּרץ, „פרייהייט"־אויס־גאַבע, באַנד 9, 160־161).

און נעמען נעמט זיך דאָס אַלץ פון דעם וואָס דער גאַנצער ייד האָט געמוזט פאָרמולירן פאַר זיך, ווי פּרץ האָט דאָס געטאָן, אַז „די קינפטיקע מענטשהייט... וועט באַשטיין פון איינצלנע פרייע זעלבשטענדיקע און אייגנאַרטיקע פעלקער". אויף אַן אַנדער אָרט רעדט ער וועגן דעם, אַז

„צווישן דעם רוסישן באַס און דעם דײַטשן פּײַקל מוז אויך געהערט ווערן די יידישע פֿידל". אַנדערש האָט ער עס נישט געזען און אַנדערש האָט ער עס נישט געוואָלט זען.

בלויז אַזאַ און נאָר אַזאַ האָט געקענט זײַן דער גאַנצער ייד. זײַן דעקלאַראַציע איז אַ דירעקטע און אַ שטאָלצע:

„מיר זײַנען אַ פֿאָלק ווי אַלע פֿעלקער. ניט ווייניקער און ניט מער" („אין מײַן ווינקעלע", באַנד 13, ז. 143).

וו.

און נאָך עפּעס האָט דער גאַנצער ייד באַדאַרפֿט באַזאָרגן פֿאַר זײַן פֿאָלק: אַ גאַנצע ליטעראַטור. האָט ער זי געפּאַטערט, געוואָרן דער בראשית, די פּאַטענץ פֿאַר אַלץ וואָס איז געקומען שפּעטער. „ער איז דער פֿאָ־טער פֿון דער יידישער ליטעראַטור", האָט חיים זשיטלאָווסקי געטײַטשט, „ווײַל אַלע קומענדיקע קינסטלערס שטייען אונטער דער השפעה פֿון זײַן שאַפֿן, הגם יעדער איינער האָט זײַן אייגענעם קלאָרן דרך" („פּרץ, דער נביא פֿון קאַמף", אין באַנד 3, „וויזיע און געדאַנק", „אַלע ווערק פֿון דר. חיים זשיטלאָווסקי", פֿאַרלאַג „איקוף", ניו יאָרק, 1951, ז. 101).

ער האָט געעפֿנט אַלע שליוזן פֿאַר אַ פֿולער ליטעראַטור. פֿון יעדן אויפֿבליץ זײַנעם האָט זיך שפּעטער ערגעץ אַ נײַער וועג דורכגעריסן, פֿון יעדן עקספּערימענט — אַ נײַע שיטה.

סענסיטיוו האָט אים יהואַש אָפּגעשאַצט: „ער איז יענער כּאָס וואָס איז אַלע געשטאַלטן און אַלע זאַכן, ווײַל ער איז ניט קיינער פֿון זיי, און איז די יכולת און דער זאָמען פֿון זיי אַלע".

דער גרויסער פּאַרזייער, דער בלענדנדיקער פֿיל־קאַליריקער בראשית. „די קערנער פֿון דער פֿיל־פֿאָרם אין פּרצן", האָט נ. ב. מינקאָוו אָנגע־טײַט, „זײַנען געווען דער ערשטער דינאַמישער שטויס אין דער יידישער פּאָעזיע".

און ליטעראַטור פֿאַר פּרצן האָט געמיינט פֿאָלק, מחמת „אָן פֿאָלק איז ניטאָ קיין ליטעראַטור". די ליטעראַטור דאַרף זײַן, זאָגט ער: „ברויט און וואַסער, ליכט און וואַרעמקייט פֿאַרן פֿאָלק", אים באַשיצן און דער־ציִען. אין דעם פּרט האָט ער ממשיך געווען דעם אײַנשטעל פֿון מענדע־לען און שלום עליכמען. די ליטעראַטור מוז זײַן נאַציאָנאַל אין אינהאַלט און אין פֿורעם — זאָל זי נאָר זײַן עכט און קינסטלעריש, וועט זי שוין במילא ווערן אינטערנאַציאָנאַל. „עס קאָן ניט זײַן קיין עכטער נאַציאָנאַלער קינסטלער, וואָס זאָל ניט זײַן אינטערנאַציאָנאַל", זאָגט י. ל. פּרץ, רעדנ־דיק וועגן טשעכאָוון.

„דאָס מאַטעריאַל פֿאַר דער קונסט איז די ווירקלעכקייט" האָט פּרץ געזאָגט („געדאַנקען איבער ליטעראַטור"), אָבער די ווירקלעכקייט מוז מען „פֿאַרשטיין, אויסטײַטשן און איבערשאַפֿן". י. ל. פּרץ האָט זיך געשראָקן פֿאַר די וואָס ער האָט אָנגערופֿן די „באַשרײַבער", וואָס האָבן „באַשריבן"

דאָס וואָס זיי האָבן געזען. און כּדי זיך צו באַוואָרענען, אַז די ווירקלעכקייט אַליין איז נאָך ניט גענוג (אַן אָנווונק אויף דעם סאָציאַל־רעאַליזם פֿון אונדזער צײַט), גיט ער גלײַך צו: „דאָס דיכטערישע האַרץ איז דער קאַלײדאָסקאָפּ... דאָס דיכטן מוז זײַן אָריגינעל, אַ פּערזענלעכע שאַפֿונג, פּאָעזיע איז פּערזענלעכקייט“ (דאָרט).

„באָנטשע שווײַג“ איז טאַקע ניט מער ווי אַ רעאַליסטישע באַשרײַבונג פֿון אַן אומגליקלעך צעטראָטן לעבן, וואָס „יעדער איינער“ וואָלט געקאָנט אָנשרײַבן. די פֿאַנטאַסטישע רעם, דער הימל, דער בית־דין של מעלה, דער פּרצישער קאַליידאָסקאָפּ גיבן צו דער זאַך אַ נײַעם אינהאַלט. דווקא דאָס פֿאַנטאַסטישע שאַפֿט אַ נײַעם תּוכן. דווקא דאָס פֿאַנטאַסטישע שאַפֿט אַ נײַעס, אַ העכערן רעאַליזם, טראָגט אַרויס אַ מישפּט איבער דער וועלט, דערהייבט באָנטשען צו אַ סימבאָל. דאָס זעלבע איז אמת וועגן „דרײַ מתּנות“: די פּאַסירונגען — קליינע, רעאַליסטישע, טאָגטעגלעכע. די פּרצישע ראַם, די אָריגינעלע איבערדיכטונג, דערהייבט די זאַך צו דויער, צו תּמידקייט, צו קאָסמישן טרויער און צו געלײַטערטן אָפּטימיזם.

אַוודאי געזעלשאַפֿטלעכער באַוווסטזײַן וועגן ליטעראַטור, אַוודאי אַקטועלער הומאַניזם, אַוודאי אידענטיפֿיצירן זיך מיטן פֿאָלק, אַוודאי געראַנגל פֿאַר ווידערגעבורט און ווערדע, אָבער מיט גרויסע קינסטלערישע מאָסן און מיט ברייטן אָטעם און מיט זעלטענער פּאַרטיפּטקייט. ער האָט געפֿאָטערט די ייִדישע ליטעראַטור, מחמת ער האָט אַזוי פֿיל פֿאָדערונגען צו איר געשטעלט און אַלע עכטע ייִדישע שאַפֿערס נאָך אים האָבן זיך געמוזט פֿרעגן — ווי וואָלט פּרץ אויף דעם רעאַגירט?

אַפֿילו דער ביטחון פֿון טביהן פֿאַרלירט בײַ פּרצן דעם אונטערטאָן פֿון סקעפּסיס, מחמת ער שטיצט זיך אויף טאַט און ווידערשטאַנד, אויף דורכגעלעבטער טראַגעדיע און אויף האָבן אָפּגעפֿרעגט דעם דרך פֿון דער וועלט.

ער האָט אינהאַלט און ער האָט פֿורעם דער ייִדישער ליטעראַטור געגעבן. און דער עיקר: קיין מאָל ניט אַראָפּגערעדט צום לייענער, ווי רוי דער לייענער זאָל ניט האָבן געוועזן.

מער ווי ווער עס איז, האָט ער געצוואונגען דעם פֿאָלקמענטש צו טראַכטן, קיין דרדקי־ליטעראַטור האָט ער ניט געקאָנט פֿאַרטראָגן.

י. ל. פּרץ איז געווען דער ווײַטסטער טראָט פֿאָרויס אין דער ייִדישער ליטעראַטור נאָך מענדעלען. שלום עליכם איז אין תּוך געווען דער נאַטירלעכסטער המשך פֿון זיידן. י. ל. פּרץ איז געווען ביידע — אי המשך און אי נײַער וועג. כּדי צו שטעלן דעם טראָט, האָט פּרץ באַדאַרפֿט אי אַפֿירמירן, באַשטעטיקן מענדעלען און אי אַוועק פֿון אים — ווי אַ קינד, וואָס טוט ביידע זאַכן מיט אַ מאָל: וואַרפֿט אָפּ די עלטערן און נעמט זיי מיט מיט זיך.

בײַ מענדעלען זעען מיר ווייניק דעם יחיד, מער די מאַסן־קאַנווע.

ווען יאָ אַ יחיד, איז ער במילא אַ סימבאָל, אַן אַלעגאָריע, אַ משל, אַ פּערזאָניפיקאַציע פון אַן אידייע, ווי וועקער אין „די טאַקסע", בנימין אין „מסעות", ישׂראליק אין „די קליאַטשע". ענלעכס קומט פאָר ביי שלום עליכמען.

יצחק לייבוש פּרץ כאַפּט שוין אויף, מער ווי ווער עס איז פון זיינע פאָרגייערס און מיטציַיטלערס, און אָפט טיפער ווי זיינע נאָכגייערס, די הינטצײַטיקע דיפערענצירטע, פּסיכאָלאָגיש פאַרפּלאָנטערטע ייִדישע פּער־זענלעכקייט, געכאַפּט אין געוועב פון מאָדערנע פּראָבלעמען, דער עיקר, בשייכות מיט וועלט און פאָלק: דאָס דריַילינג־פּראָבלעם (זאָלן מיר זאָגן דרייעקיק פּראָבלעם?) פון יעדן איינציקן פון אונדז — איך, פאָלק און וועלט.

פּרץ אַליין פאָרשטייט געטני וואָסערע קינסטלערישע אויפגאָבן עס שטייען פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור. „פּריער", זאָגט ער, „איז געווען מענדעלע און געהאַט האָט ער פאַר זיך אַ גרויע, טויב־שטומע גאַס, מיט אָדער אַן קאַרטאָפל.

„אַן איין גרויסן געדאַנק, אַן איין גרויסן חלום, אַן איין פּערזענלעכ־קייט, און אַזוי האָט ער געמאָלט, ער האָט קיין מענטשן ניט געזען, נאָר שטעטלעך, מאַרקן, הקדשים, בתי־מדרשים, א. ד. גל.".

דער מאָדערנער ייִד, ווי דער מענטש פון אונדזער צייט פון פאַר־לוירנקייט און זוכעניש בכלל, קאָן זיך מער מיט ליַיכטע ענטפערס ניט צופרידנשטעלן. י. ל. פּרץ איז דעריבער אין סאַמע תּוך געווען — ווי דערמאָנט פּריער — ניט בלויז אַ פרעגער, נאָר אויך אַן אָפּפרעגער. י. ל. פּרצעס ביטחון ווערט פון דעם ניט קלענער, בלויז סובטעלער, אַזאַ וואָס קומט פון געראַנגל מיט אידייעס, פון טראַומאַטישע אַנגסטן, פון גלויבן אין ווערן זיך, אין אַנטקעגנשטעלן זיך.

דער מאָדערנער קינסטלער מוז אָפּפרעגן, סיידן ער זאָל ווערן סימ־פּליסטיש, מקריב זיין קינסטלערישע השלמה און שפּירונג.

פאַראַן אַ טענדענץ צו מישפּטן י. ל. פּרצן, צוליב זיין „האָפענונג און שרעק" (געשריבן אין 1906), ווען ער האָט אויסגעדריקט ספקות און מורא, וואָס עס וועט ווערן מיט די „באַצווונגענע וואָס ווערן באַצווינגער" — די נאַטירלעכסטע און אומפאַרמיידלעכסטע פראַגע. אָפּפרעגן י. ל. פּרצעס ראַדיקאַליזם צוליב דעם, ווי טייל (פון לינקס) פלעגן טייטשן, אָדער זוכן אין דעם אַ באַשטעטיקונג, אַז פּרץ האָט זיך אָפּגעשאָקלט פון זיין ראַדיקאַליזם — ווי אַנדערע (פון רעכטס) פלעגן דרינגען, איז בלויז אַ סימן ווי גייסטיק באַגרענעצט און אומזיכער ביידע צדדים זיינען געווען.

אַקוראַט ווי אימיצער זאָל אָפּפרעגן וואָלט וויטמאַנס גלויבן אין דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע, מחמת ער האָט געהאַט ספקות און אויפגע־

דעקט די נאַקעטקייט פֿון די וואָס האָבן זיך געהילט אין מאַנטל פֿון דע־מאָקראַטיע אין צפֿונדיקן טייל פֿון לאַנד.*

פונקט ווי וויטמאַן האָט ניט אָפּגעפֿרעגט די אַמעריקאַנער דעמאָ־קראַטיע צוליב די צפֿונדיקע קליינע מענטשעלעך, אַקוראַט אַזוי האָט י. ל. פּרץ ניט פֿאַרלוירן זײַן גלויבן אין דעם נײַעם מענטשן, אין דעם פֿאָלק וואָס וועט דאַרפֿן „שאַפֿן די ריכטיקע וועלט־געשיכטע, די בעסערע ערד־באַ־שרײַבונג״.

און ער האָט געהאָפֿט, אַז מיט דער צײַט וועט דאָס פֿאָלק אויסוואַקסן, קריגן לשון.

אין איינער פֿון זײַנע לעצטע, ניט פֿאַרענדיקטע דראַמעס זאָגט די מאַמע צו איר זון, דודל: „זינג, דודל, דערווײַל אָן ווערטער... וועסט לעבן און די צײַט וועט געבן ווערטער אויך״.

ז.

פּרץ דערציילט:

„הלל צייטלין האָט אַ מאָל געשריבן: ‚אַ הימל האָט ער, פּרץ, אָבער נישט קיין גאָט אין הימל׳.

„די ערשטע העלפֿט פֿון דער פֿראַזע איז געווען אַ קאָמפּלימענט — און איך פֿאַרנייג זיך מיט אַ ליבלעכן, פֿאַרבינדלעכן שמייכל. בעסער שפּעטער אַלס קיין מאָל.

„פֿאַר דאָס די צווייטע העלפֿט באַשטעטיק איך גאַנץ באַשטימט און אַנטשידן [אונטערגעשטראָכן בײַ פּרצן — א. ג.]. איך ווייס אַפֿילו נישט ווו זײַן ליבן נאָמען צו זוכן״ („אין מײַן ווינקעלע״, אַלע ווערק פֿון י. ל. פּרץ, באַנד 13, זז. 63, 64).

אָבער פּרצעס הימל — ווי ער אַליין האָט צוגעגעבן, אָן אַ גאָט — איז געווען אַזוי פֿאַרזיכערנדיק און אַזוי טרייסטנדיק, ווי דער גאָט אין אים פֿאַר אונדזערע עלטערן און עלטערנס עלטערן.

י. ל. פּרץ האָט אויסגעשפּרייט אַ הימל, ווי אַ סוכּה פֿון רחמים, אי־בער די לײַדנדיקע, פֿאַרלוירענע, אויף דער ערד פֿאַרמישפּטע בני־אדם.

און אַ הימל איז אַ דבר־קיים, אַ דויער־שוץ. ער דויערט ביז הײַנט.

---

* עטלעכע יאָר נאָכן סוף פֿון בירגערקריג האָט וואָלט וויטמאַן, אין זײַנע „דע־מאָקראַטיק וויסטאַס״, געוואָלט אויסגעפֿינען צי אין צפֿון־טייל פון די שטאַטן „זײַנען אויף אַן אמת פֿאַראַן מענטשן (מענער — „מען״), וואָס זײַנען ווערט דעם נאָמען״. און זײַן ענטפֿער: „ניין״, ער האָט געפֿונען בלויז „אַ מין טרוקענע און פֿלאַכע סאַ־האַראַ, שטעט איבערגעפּאַקט מיט קליינלעכע גראָטעסקן, קריפּלען („מאַלפֿאָרמיישאָנס״), געשפּענסטער, וואָס טוען אָפּ זינלאָזע שפּיצלעך״.

("If in the North there were now indeed men . . . worthy of the name . . . a sort of dry flat as Sahara . . ." (cities) "crowded with petty grotesques, malformations, phantoms playing meaningless antics".).

יעדער ייִדישער שרײַבער — דאָ, דאָרט און אומעטום — מיט אחריות און געוויסן, הייבט כּסדר די אויגן אויף צום ליבן און שטראָפֿנדיקן טאַטן:
— י. ל. פּרץ, זו הדרך? דאָס איז דער וועג?

י. ל. פּרץ ענטפֿערט ניט גלײַך און ניט יעדן באַזונדער, נאָר עס גליִען אויף די ווערטער וואָס ער האָט געזאָגט, איבערגעזאָגט:

„תּהו לא דרך". מאָראַלישע וויסטקייט, לערקייט און הפֿקר איז ניט דער וועג, קיין מאָל ניט דער וועג. און דער עיקר, קינדער, „דעם פּעבל ניט פֿאַרגעסן און ניט פֿאַרלאָזן". דער עיקר: דאָס פֿאָלק באַשיצן. פּרץ שטעלט פֿאָר דעם נײַעם מענטש אַזוי: „עס גייט דער נײַער מענטש... ער קומט... דונער אין קול, אין ד'אויגן — בליצן / ער וועט קומען און באַשיצן".

דאָס שליסלוואָרט צו פּרצן איז געווען און בלײַבט: באַשיצן, און מיט דעם — דערהייבן — דערהייבן די „קינדער פֿון דלות" צו דער מדרגה פֿון „גרויסע, שטאָלצע ייִדן", מיט פֿלאַטערנדיקע נשמות.

ווי מיט אַ טאַטן, ווי מיט אַ מאַמען — איז אונדזער חשבון מיט פּרצן, אי דעם פֿאָלקס און אי דער ליטעראַטורס, ניט קיין פֿאַרסכהכּלטער און ניט קיין פֿאַרענדיקטער.

ער איז עד־היום אי די מאַס און אי דער וועגווײַזער. 84 יאָר שפּע־טער, נאָך מאַוימדיקע און אויפֿטרייסלענדיקע עקספּלאָזיעס אין לעבן פֿון פֿאָלק — נאָך אוישוויץ און דעם געבורט פֿון ישׂראל — ציטירן מיר נאָך אַלץ י. ל. פּרצעס רייד אין זײַן אַרטיקל „בילדונג" (אַרײַנפֿיר־וואָרט צום ערשטן באַנד „ייִדישע ביבליאָטעק", 1891): „מענטשלעכקייט איז אונדזער הייליקסטער אידעאַל... דעריבער האָבן מיר האַרץ, געפֿיל און מיטלייד מיט אַלע פֿאַרטריבענע, מיט אַלע געיאָגטע".

נאָך זײַן אַוועקגיין איז געווען פֿאַריתומטקייט און שרעק: ניטאָ דער טאַטע. אַ חודש נאָך זײַן טויט האָט משה לייב האַלפּערן זיך געצאַפּלט:

„קיין מאָל, קיין מאָל נאָך האָט ניט די שרעק פֿון אונטערגאַנג גע־רעדט צו מיר אַזוי ווי איצט..."

און אַזוי כּסדר און אַזוי אַלע מאָל זיך געמאָסטן מיט זײַן מאָס.

יעקבֿ גלאַטשטיין, רעדנדיק וועגן שייכות און חובֿ פֿון מאָדערנעם ייִדישן שרײַבער צו פּרצן, ציטירט פּרצעס דערציילונג „אַ קלעזמערס טויט" (שפּעטער דראַמאַטיזירט פֿון פּרצן א. נ. „וואָס אין פֿידעלע שטעקט"). דער אַלטער קלעזמער שטאַרבט, ער לאָזט איבער נאָך זיך זײַנע זעקס בנים, די קאַפּעליע זײַנע, מיט וועלכער ער האָט אָנגעפֿירט זײַן גאַנץ לעבן (און „אַ קאַפּעליע איז וויכטיקער ווי אַ מנין", זאָגט ער). די קינ־דער שטייען פֿאַרלוירענע: „די אויגן אַרײַנגעשטאָכן אין דער ערד, ווי טרייפֿענע מעסערס". דער שטאַרבנדיקער קלעזמער בעט זיך בײַ זיי: „לאָזט מיך הערן, ווי די קאַפּעליע וועט שפּילן אָן מיר".

און אײדער ער גײט אויס, זאָגט ער זײ אָן:

„הערט, קינדער... שפּילט אָן מיר ווי מיט מיר, שפּילט גוט... זײַט נישט קײן שקצים אויף אָרעמע חתונות״.

הײסט עס: זי איז אַ פּשוטע, די פּרץ־ירושה. מען דאַרף בלויז „שפּילן גוט״, און דער עיקר — שפּילן גוט אויף אָרעמע חתונות.

אין אַלגעמײן גענומען, האָט די ייִדישע ליטעראַטור נאָך פּרצן — אין אַלע לענדער און ווינקלען — ניט פֿאַרשעמט זײַן ירושה און זײַן אָנזאָג.

(1975)

דער דויערנדיקער יצחק לייבוש פרץ

.1

דער צוגאַנג צו י. ל. פרץ דאַרף זײַן אַ הײַנטצײַטיקער, די מאָס — אַן איצטיקע, כּדי ניט בלויז אונטערצוזײַן אַ פּריִערדיקן סך־הכּל, נאָר אַרויסשיילן די דויערנדיקע ירושה זײַנע.

דער עיקר, דאַרף אונדזער דור זײַן געוואָרנט, ניט צו באַטראַכטן פּרצן בלויז ווי אַ טייל פֿון אונדזערע זכרונות, אַ פֿאַדעם פֿון געוועב פֿון אונ־דזערע יונגע יאָרן, נאָר ווי אַ הײַנטצײַטיקן קאָמפּאָנענט פֿון אונדזער קול־טור, פֿון אונדזער אַנגייענדיקער פֿאָלקישער שעפֿערישקייט.

מיר זײַנען גרויסע בעלי־חובֿות צום וואָרט, צו דער אידייע, צו דעם אָנזאָג, וואָס ער האָט אונדז איבערגעלאָזט.

דעריבער דאַרף מען, ראשית־כּל, אויפֿפּאַסן דעם גאַנצן פּרץ — פֿון אָנהייב ביז זײַן לעצטער טראַגישער „שטילער, שטילער / דאַנקען וויל ער״־נאַכט, 1915.

שוין אין די 70ער יאָרן ווערן בײַ אים דיסטילירט די ליבעראַלע אי־דייעס און דער פּראָטעסט קעגן רשעות און זײַן גרונט־טאָניקער אָפּטי־מיזם. שפּעטער — דורך די „יום־טובֿ־בלעטלעך״ אין די 90ער יאָרן, און דורך „חסידיש״, פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן, די דראַמעס, פּעליעטאָנען און קינדער־לידער אין הײַנטיקן יאָרהונדערט — בלײַבט ער אַלץ דער איקאָנאָקלאַסט, דער פּורץ גדר, דער געצן־ און צוימען־ברעכער, דער דערהייבער פֿון לעבן, דער שטורמישסטער פון די שטורעם־פייגל אין מאָ־דערנעם ייִדישן קולטור־רענעסאַנס.

איינציק און אומפֿאַרגלײַכיק איז ער אין זײַן פֿאָרשריטלעכער ראָלע, ווי דער וואָס שטייט אין תּמידיקן געראַנגל פֿאַר אַן אייגנאַרטיקער נאַ־ציאָנאַלער ייִדישער קאָנטינוויטעט אין אַ וועלט וואָס באַוועגט זיך כּסדר פֿאָרויס, ווי דער וואָס זוכט צו סינטעזירן דעם פֿאָרויסגאַנג פוןביידע. ער ראַנגלט זיך פֿאַר אַ וועלט, אין וועלכער דער „וואָס מען טרעט אים ווי אַ וואָרעם, ווערט דער מענטש דער בעל־דעה״, אָבער פֿאַרלירט דערבײַ ניט זײַן נאַציאָנאַלע אידענטישקייט. אָט די ראָלע האָט ער אָפּגעהיט ביז זײַנע סאַמע לעצטע רגעס, ביז זײַן דערקלערונג, בעת די יאַגעלאָ־וואַלן, אין 1912 : „איך בין געשטאַנען, שטיי און וועל שטיין ביזן לעצטן אָטעמ־צוג אין די רייען פֿון די קעמפּער פֿאַרן ראַדיקאַל־פֿאָרשריטלעכן ייִדישן געדאַנק״.

מע דאַרף ירשענען אַ גאַנצן פּרץ, זיך אָפּזאָגן פֿון ברעקלעך און פּיצלעך ירושה.

מער ווי אַלץ דאַרפֿן מיר, דעריבער, זיך באַפֿרייען פֿון דער פֿאַלשער פּעריאָדיזאַציע פֿון פּרצן, מחמת די פּעריאָדעס קרייצן זיך איבער, קיין שאַרף געשניטענע ליניעס זיינען כמעט ניט ניכּר. פּרץ איז בפירוש ניט, ווי ליטוואַקאָוו וויל האָבן, „אַ דיפערענצירטע בורזשואַזע פּערזענלעכקייט", נאָר גיכער דער וואָס האָט אויסגעדריקט די שטימונגען פֿון דעם ייִדישן קליינבירגערטום, דער ייִדישער בעל־מלאכהשאַפֿט (און אַפֿט שוין דעם מאָדערנעם אַרבעטער) און דער מאָדערנער ייִדישער אינטעליגענץ — ד. ה., דעם רובֿ מנין פֿון פֿאָלק.

אונדזער צוגאַנג דאַרף זיין אַן אַרומנעמענדיקער, רעטראָספּעקטיווער. אַנשטאָט צו זען די סתּירות, זען די איינהייט פֿון די סתּירות. מיר דאַרפֿן אים פֿאַרשטיין און ניט פֿאַרענטפֿערן. דער עיקר דאַרפֿן מיר באַנעמען און דערשפּירן זיין גרויסן הומאַניזם און דעם קאַמף קעגן כּל־בו און דער בירגערלעכער זעלבצופֿרידנקייט, זיין דינאַמישקייט און אויפֿרייסע־רישקייט, די טיפֿע איבערלעבענישן פֿון די פֿאָלקמאַסן און זייער צאַפּלדיק רייסן זיך צו דערלייזונג. מיר דאַרפֿן אים זען ווי דעם טרעגער פֿון דער גרויסער אידייע פֿון נאַציאָנאַלער און מענטשלעכער דערלייזונג.

.2

דער גרויסער קינסטלער שטייט איבער צייט און אָרט — ער איז טראַנסצענדענטאַל. וואָס מער ער וואָרצלט אין זיין אייגענער עפּאָכע, אַלץ מער שטרעקט ער אויס פֿינגער צו דער צוקונפֿט. וואָס טיפֿער ער דערפֿילט דעם מענטש פֿון זיין דור, אַלץ מער רירט ער אָן דעם מענטש פֿון אַלע דורות.

וואָס מער ער רעדט פֿאַר זיין פֿאָלק, אַלץ מער רעדט ער פֿאַר אַלע פֿעלקער.

לאָמיר פּרווון אָפּקלייבן ביי פּרצן די ווערטן, וואָס מיר דאַרפֿן איצט האָבן, בעת ס'ייִדישע לעבן געשטאַלט זיך איבער, און עפּאָכעס טוישן זיך. עס שיילן זיך אַרויס אין זיין שאַפֿן די ווײַטערדיקע עטלעכע עיקרים, וואָס זיינען ניט נאָר ניט פֿאַרעלטערט געוואָרן, נאָר פֿאַרקערט — געוואָרן נאָך אַקטועלער מיטן אָפּפֿלוס פֿון צייט:

א) דער גלויבן, אַז ייִדן זיינען אַ פֿאַרשיידנאַרטיק פֿאָלק און אַז דער רעליגיעזער ייִד איז ניט דער געזאַלבטער שומר פֿון דער פֿאָלקישער צו־קונפֿט. („זאָל די קאָנסערוואַטיווע פּאַרטיי, ווי גרויס זי זאָל נישט ווערן, קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן, אַז זי איז נאָר אַ פּאַרטיי אין ייִדישן פֿאָלק, אַז זי איז נאָר אַ פּרט, נישט דער כּלל... דער זאַץ, נישט דער סינטעז; נאָר פּאַרטיי און נישט כּלל ישׂראל...")

ב) אַסימילאַציע איז ניט קיין ענטפֿער צו נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען, מחמת אויפֿלייזונג איז ניט קיין לייזונג; אַז אַ פֿאָלק ווי אַ יחיד דאַרף פֿאַרהיטן זיין פּנים. („נעמען און זיך ניט פֿאַרלירן — דאָס איז די הויפּט־

זאַך. און דאָס איז דאָס שווערסטע ביי שוואַכע און ניט זעלבסשטענדיקע פֿעלקער..." — "וואָס פֿעלט אונדזער ליטעראַטור").

ג) אַז אַ פֿאָלק איז אַ קייט פֿון רינגען, המשך־רינגען, וואָס איינס שליסט זיך אין צווייטן. ("אַ פֿאָלק ווי אַ מענטש דאַרף האָבן אַ זיכּרון. אַ פֿאָלקס־זיכּרון איז די היסטאָריע").

ד) אַז די פֿאַרגאַנגענהייט איז אַ קוואַל פֿון העראָיִזם פֿאַרן היינט און ניט קיין קאָלדרע זיך צו באַהאַלטן פֿון היינט. ("וואָס ווילט איר, איר חומש־מיט־רש"י־יידן — דרייען די רעדער אויף צוריק? פֿאַרהאַלטן דעם היינטיקן טאָג?...").

ער איז דער איינציקער צווישן די קלאַסיקער, וואָס האָט געפֿאָדערט ביי דעם עבֿר, אַז ער זאָל באַדינען דעם היינט, אים צושטעלן לעבנס־זאַפֿטן.

ה) אַז פּונקט ווי מ'טאָר ניט פֿאַרשאָטענען דעם יידן אין ייִד, קאָן מען ניט, טאָר מען ניט, אים אָפּרייסן פֿון מענטשן. ("געטאָ איז אימפּאָטענץ").

ו) אַז אמת נאַציאָנאַלע קולטור און קונסט האָבן אַן אוניווערסאַלן און אינטערנאַציאָנאַלן מהות.

ז) אַז די ברודערשאַפֿט פֿון מענטש איז דער איינציקער שליסל צום מאָרגן. ("מישט די פֿאַרבן אויס צוזאַמען... פֿעלקער, ראַסן און קלי־מאַטן — ס'איז אַן אויסגעטראַכטע מעשׂה").

ח) אַז דער מענטש מוז דורך מעשׂים, דורך טאַט אויסקעמפֿן זיין מאָרגן. ("לעבן נעמט מען מיט גוואַלד" — דער בדחן אין "ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק"; "און דו וועסט אַ העלד אויסוואַקסן און באַפֿרייען ברי־דער" — יוכבֿד צו משהן, אין דער פּאָעמע "יוכבֿד").

ט) אַז אין דעם מענטשנס שווערן פֿאַרויסגאַנג, דורך שטרויכלונגען אַפֿט, טראָגט ער מיט זיך דעם גרויסן יושר, דעם גרויסן דין און די גרויסע גאולה. ("געמשפּט און אויסגעלייזט מוז ווערן די וועלט" — ר' שלמה אין "די גאָלדענע קייט").

י) אַז אין צענטער פֿון וועלט־באַנעם פֿון די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן שטייט דער סאָציאַלער יושר.

אָט דאָס קליבן מיר אָפּ ביי פּרצן און דער סך־הכּל אָטעמט מיט היינטצייטיקייט, מיטן מאָרגן, מיט שטענדיקייט און מיט גרויסער ירושה.

ניט געווען שווער אַרויסצוגעפֿינען די רינגען, מחמת פּרץ איז געווען דער ברענפּונקט פֿון שטימונגען, טענדענצן, נייע אויפֿפֿאַסונגען און טראַנס־פֿאָרמאַציעס אין לעבן פֿון פֿאָלק.

אין צענטער פֿון זיין וועלט־באַנעם שטייט אַ דריי־רינגיקער סינטעז: די וועלט פֿון איין זייט, די ווערט און דאָס אָרט פֿון ייִדישן פֿאָלק אין אָט דער וועלט, און דער יחיד אין דעם טאָפּלטן געזעלשאַפֿטלעכן קאָמפּלעקס.

3.

פּרץ איז דער יחיד במינודיקסטער פּענאָמען אין ייִדישן קולטור־רע־נעסאַנס. ער איז — מער, דאַכט זיך, ווי וועלכע ס׳איז אַנדערע פּערזענלעכקייט אין אונדזער געשיכטע — דער פאָרשטייער און דער סימבאָל פון פּויליש־ייִדישן ישובֿ; אין אַ באַשטימטן זין, אַפילו פון אַשכּנזישן ייִדנטום, פון זײַן מאָדערנעם, וועלטלעכן סעקטאָר — באַשטימט.

פאַראַן בלויז צוויי שיטות אין ייִדישן לעבן וועמען פּרץ פאַרטרעט ניט, וואָס קאָנען אים ניט אָננעמען: דער אָרטאָדאָקס, מחמת „אחדות הבורא״, גאָט ווי די אײנהייט פון ייִדישן פאָלק, איז ניט פּרצעס אײַנ־שטעל און נוסח; און דער אַסימילאַטאָר, מחמת נאַציאָנאַלע נעגאַציע און ניהיליזם זײַנען אים פונקט אַזוי פרעמד און דערווידער.

פּרץ איז אַ טייל פון דער קלאַסיק, דאָך אַנדערש פון די אַנדערע צוויי. אַלע דרײַ קלאַסיקערס רעדן אין נאָמען פון דער אָרעמשאַפט, פון פּשוטן ייִדן, פון המון. י. ל. פּרץ רעדט אויך אין נאָמען פון ייִדישן אַר־בעטער און פון דער מאָדערנער, ייִדישער אינטעליגענץ. ער איז אײַנגע־וואָרצלט אין המון ווי שלום־עליכם, זײַן אויער איז אָבער אָפענער און שאַר־פער פאַר דער מאָדערנער קלאַסן־דיפערענצירונג און סטראַטיפיקאַציע אין ייִדישן לעבן, זײַן אויפפאַס פון פּראָבלעמען — מער קאָמפּליצירט, מער פאַרטיפט.

אַלע דרײַ באַפרײַען ס׳ייִדישע לעבן פון מיטלעלטער, פּרץ איז שאַר־פער און דרײַסטער, מער — דער קייטן־רײַסער, דער צוימען־ברעכער, דער איקאָנאָקלאַסט. גלײַכצײַטיק, אין זײַן צוגאַנג צו דער פאַרגאַנגענהייט מער דיפערענצירט, מער אָפּקלײַבעריש, מער מאָנענדיק און מער המשך־באַ־וווסטזיניק.

ניט מענדעלע, ניט שלום־עליכם, ניט ספּעקטאָר האָבן געשריבן וועגן דער ייִדישער פאַרגאַנגענהייט, מעשׂיות פון אַמאָל. בלויז אַלעגאָריש פירט מענדעלע בנימינען צוריק אין מיטלעלטער. זיי זײַנען אַלע סאָציאַל־רעאַליסטן מיט וואָרצלען אין דער קעגנוואָרט.

דווקא י. ל. פּרץ, וואָס ציט זיך מיט זײַן שאַפן אין דער צוקונפט, גייט צוריק מיט תּבֿיעות צום אַמאָל. פּאַראַדאָקס? ניין, פאַרקערט. דער ציל פון „חסידיש״, „פאָלקסטימלעכע געשיכטן״, די ראָמאַנטישע אויסער־צײַט־ און אָרט־מעשׂיות איז אָנצוטאָן דעם איצט מיטן יחוס פון אַמאָל — פאַרבינדן אַ שטרײַקער פון 1894 מיט אַ נבֿיא פון אַמאָל, מיט אַ חסידישן רבין, וואָס וויל אַ וועלט פון כּולו שבת, אָדער מיט אַ ייִד פון מיטל־עלטער, וואָס קומט אום פאַר אַן אידייע.

ער האָט געגעבן דעם הײַנטצײַטיקן גראַנגל מער אַנזען, מער טיף, מער גלויבן, מער נאַציאָנאַלע פּעדעם. און י. ל. פּרץ גלייבט אין קאַמף, אין מעשׂים.

סײַ דאָס אַלטע, סײַ דאָס מאָדערנע; סײַ דאָס אוניווערסאַלע, סײַ דאָס ייִדישע; סײַ די טראַדיציע און סײַ איר אָנווענדונג הײַנט־צו־טאָג; סײַ דאָס נאַציאָנאַל־פֿאַרשוויטלעכע, סײַ דאָס סאָציאַלע — דאָס אַלץ האָט זיך אָפּגעשפּיגלט, איבערגעשמאָלצן און צונויפֿגעגאָסן אין דער קינסט־לערישער, פּרצישער פּריזמע.

ער איז, באמת, אַן אייגנאַרטיקע דערשײַנונג אין דער קולטור־געשיכטע פֿון אונדזער פֿאָלק.

4.

פּרץ — דער פֿאָטער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. וואָס מיינט עס, אייגנטלעך? „ער איז דער פֿאָטער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור", זאָגט זשיטלאָווסקי, „ווײַל אַלע קומענדיקע קינסטלער שטייען אונטער דער השפעה פֿון זײַן שאַפֿן, הגם יעדער איינער האָט זײַן אייגענעם קלאָרן דרך".

ער האָט דורכגעשלאָגן אַ שטראָם, וואָס האָט שפּעטער געשפּײַזט אַלע בײַשטראָמען און צושטראָמען.

קיינער האָט אין דער ייִדישער ליטעראַטור ניט געשריבן ווי פּרץ. אָבער קיינער האָט נאָך אים שוין נישט געשריבן אָן זײַן ווירקונג, אָן זײַן השפעה.

פּרץ, אין די 90ער יאָרן, איז דער אָנהייב פֿון אידייעס און סטילן, פֿון אָנטײַטן און אָנונגען — פֿון פֿאָרמעס און באַגריפֿן.

ער האָט אויסגעהאַקט וועגן, צעטראָטן קראָפּעווע, אָנגעצונדן זיך אַליין און אַנדערע.

אַ גאַנצער דור נײַ־געבוירענע שטומע נשמות האָט זיך געצויגן צו פּרצן.

ער האָט אַרונטערגעריסן דעם מיטלעלטער, זיך געראַנגלט קעגן די קליינע נשמות און דעם טרעגער פֿון שטרײַמל. ער האָט אויפֿגעדעקט די עוולה, די טעמפּקייט און צוריקגעשטאַנענקייט, מחמת „אויפֿגעדעקטע, מוזן זיי אָפּטרעטן".

ער האָט געפּריידיקט יושר־סאָציאַליזם און הומאַניזם. ער איז געווען שנעל־אָטעמדיק, פּילסטיליק, געטער־ברעכנדיק און געטער־זוכנדיק.

אָן פּרצן אין די 90ער יאָרן — וואָלט דאָס ייִדישע לעבן געבליבן שרעקלעך שטאָמלענדיק און רוי.

די ייִדישע ליטעראַטור וואָלט באַדאַרפֿט אַרויסגעבן פֿון זיך אַ צענדליגג אַנדערע קינסטלערס אויף זײַן אָרט. זי וואָלט געווען הינטער־שטעליק און אומרײַף אָן אים.

ער זוכט אָנשפּאַרן פֿאַרן פֿאָלקס הערצזם אין דער פֿאַרגאַנגנהייט. ער שיילט אַרויס די העלדישע מסירת־נפֿשדיקייט פֿון די שטומע ייִדישע נשמות. ער געפֿינט בײַ זיי די קוואַלן פֿון מאָראַלישער דערהויבנקייט און גוטסקייט.

און נאָך עפּעס: ער האָט גערעדט פֿאַרן גאַנצן פֿאָלק און צום גאַנצן פֿאָלק, אָבער — קיין מאָל ניט אַראָפּגערעדט, קיין מאָל קיין דרדקי־ליטעראַט ניט געווען, קיין קאָמפּראָמיסן מיטן פּרימיטיוון ניט געמאַכט. ער האָט זיך אַפֿילו מיט שלום־עליכמען געאַמפּערט, אַז מען מוז ניט — מען טאָר ניט! — רעדן איינזילביקע ווערטער צום פֿאָלק, לשם פּשטות און כּדי פֿאַרשטאַנען צו ווערן.

ער האָט פֿאַרטיפֿט די ליטעראַטור, זי סאָפֿיסטיצירט, מאָדערניזירט, באַפֿרײַט פֿון פּרימיטיוו און דאָך פֿאַרהיט די טראַדיציאָנעלע דידאַקטיק און אידייאישקייט פֿון גרויס־קולטור און גרויס־ליטעראַטור.

.5

וואָס איז דער תּוך פֿון י. ל. פּרצעס שאַפֿן?

ער האָט דיסטילירט אַלע גרונטשטריכן פֿון דער ייִדישער קלאַסיק:

דעם סאָציאַלן באַוווסטזײַן וועגן ליטעראַטור; דעם אַקטיוון הומאַניזם; די געזעלשאַפֿטלעכע קריטיק; דאָס אידענטיפֿיצירן זיך מיטן פֿאָלק; דעם אָפּטימיזם; דעם געראַנגל פֿאַר ווידערגעבורט און ווערדע.

זיי האָבן בײַ פּרצן נײַעם זין און נײַע באַפֿאַרבונג געקראָגן. ער האָט זיי אויסקריסטאַליזירט, אַרויסגעהויבן פֿון די וויקעלעך, פֿאַרטיפֿט, און זיי אָנגעטאָן אין נײַע פֿאָרמעס.

זײַן גלויבן אין יושר און זײַן אָפּטימיזם ווערן גאַנצער. עס ווערט פֿאַרלוירן אי דער סקעפּטיציזם, אי דער מינאָרער טאָן, אַפֿילו פֿון טובֿיהן, עס שיילט זיך אויס אַ בטחון, וואָס שטיצט זיך אויף מעשׂים. זײַן גלויבן אין די פֿאָלקמענטשן שפּרײַזט אַריבער דורות — זיי זעט ער ווי דעם קוואַל פֿון גרויסקייט און דערהויבנקייט.

זײַנע העלדן זײַנען נאָך אַלץ די „קינדער פֿון דלות", צעטראָטענע פֿון לעבן — אָבער ער רעדט צו זיי ווי צו דערוואַקסענע, גלײַכע. ער גיט זיי ווערדע און דערהויבנקייט, וואָס לײַטערט די פֿאַרצווייפֿלונג און דעם רחמנות (שטריכן, וואָס האָבן פּריִער דאָמינירט אין זײַנע „בילדער פֿון אַ פּראָווינץ־רײַזע"). ער איז דער באַוווסטזיניקער באַקעמפֿער פֿון גע־מויזעכץ און רשעות און צבֿיעות.

ניטאָ בײַ אים — ניט קיין חניפֿה און ניט קיין גאווה, כאָטש ער באַוועגט זיך דורכויס אין די ספֿערעס פֿון אידייעס, אין אַלעגאָריעס און סימבאָלן און רעדט צו אַ לייענער־עולם וועמען ער דאַרף ערשט דערציִען.

מער ווי ווער עס איז צווינגט ער דעם פֿאָלקס־מענטש צו טראַכטן, גיט אים ניט קיין דרדקי־ליטעראַטור.

— ער איז דער גרויסער הומאַניסט אין דער ייִדישער ליטעראַטור —

גייט כסדר „אויפן אַלטן סדום" און טוליעט זיך, הילט זיך אין באַ־פרײַונג־אידייען.

ער איז גרויסאַרטעמדיק און ווייניקער ווי „שבת־יום־טוב־ייִדן", וואָס באַוועגן זיך פּאַרויס, אויב נייטיק — „אויף די חורבות פֿון דער וועלט", וויל ער ניט.

איבערראַשונג, איבערגעשטאַלטונג און באַפרײַונג — זײַנען זײַן פּאַן.

ער איז ניט נאָר טראַדיציע —ער איז גרויס־טראַדיציע, נביאיש, באַפליגלט, וויזיאָנעריש, צו מאָל — אַפילו רעטאָריש.

ער האָט געשפּילט די גרעסטע ראָלע אין רײַף ווערן־פּראָצעס פֿון ייִדישן אַרבעטער און אים — דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע — געגעבן טראַדיציע און פֿאַראַנקערט אין דער געשיכטע פֿון פֿאָלק.

ער האָט, מער ווי ווער עס איז, צעלייגט די ווענט פֿון מיטלעלטער, געעפֿנט די שליוזן פֿון דער וועלט, געגרונט צום צוזאַמענלעבן פֿון פֿעל־קער, און — געוואָרנט און באַוואָרנט, אַז אינטעליגענטע ווענט מיינט ניט אַ פּאַרווישט נאַציאָנאַל פּנים, ד. ה. ווערן אַ פֿאָלק אָן אייגנאַרט, פֿאַר־לוירן ווערן. „מיר וועלן די אַלגעמיין מענטשלעכע פּאָן פֿון האַנט ניט אַרויסלאָזן און ניט זייען קיין שאָוויניסטיש ווילדקרויט", דערקלערט ער און לייגט אַוועק אַ באַזע פֿאַר אַ פּאָזיטיוון נאַציאָנאַליזם, ווי אַ טייל פֿון אַ פּאָזיטיוון אינטערנאַציאָנאַליזם, וואָס אָנערקענט די רעכט און די קולטור פֿון יעדן פֿאָלק.

6.

דאָס ייִדישע לעבן האָט זיך ראַפּטאָוונע געביטן, שנעל אויפֿגעריסן געוואָרן, פֿאַרלוירן די באַשטאַנדיקייט. דעם זיידן מענדעלעס ליטעראַרישע קריגעלעך האָבן שנעל אויפֿגעהערט דינען. די געזעלשאַפֿטלעכע עקס־פּלאָזיעס האָבן זיך ניט אַרײַנגעפּאַסט מער אין זיידנס רואיקייט און באַ־זאַכטקייט, כאָטש נעכטן ערשט איז דער זיידע אַליין געווען רעוואָלו־ציאָנער.

די פֿאָלק־שטראָמען וואָס מענדעלע, שלום־עליכם, דינעזאָן, ספּעק־טאָר, דיק, גאָלדפֿאַדן, גאָטלאָבער האָבן דורכגעשלאָגן האָבן זיך געטראָגן איבער די ברעגן. אַ ליטעראַטור אין פֿילפֿורעמדיקייט און פֿילגעשטאַל־טיקייט האָט זיך געריסן געבוירן צו ווערן — אַ מעשה־בראשית האָט גע־קלאַפּט אין טיר און טויער.

פּרץ האָט צעעפֿנט אַלע שליוזן פֿאַר אַ פֿולער ליטעראַטור. ער האָט זיך באַנוצט מיט אַלע ליטעראַטור־פֿאָרמעס: ליד, באַלאַדע, דראַמע, נאָ־ווער, לעגענדע, פֿעליעטאָן, סימבאָליש מעשהלע, דערציילונג, פֿאַרציי־כענונג, קריטיק, און — ווען נייטיק, שפּאָגל נײַע פֿאָרמעס געשאַפֿן. ער

האָט אַלע נוסחאות גענוצט — סאָציאַלן רעאַליזם, ראָמאַנטיציזם, סימבאָליזם, אימפּרעסיאָניזם, באַנײַט די סאַטירע, אַלע מעגלעכע הומאָר־פאָרמעס.

זײַן פורעם־זוכעניש, ווי זײַן אינהאַלט־זוכעניש, נעמט זיך פון דעם, וואָס ער שטייט ווי דער פאַרוונדלער פון איין עפּאָכע און ווי דער קנופּ פון וועלכן עס געשטאַלטן זיך אויס די וועגן און בײַוועגן פון אַ נײַער עפּאָכע.

ער איז די גרויסע פּאָטענץ, דער גרויסער זייער. פון יעדן אויפבליץ זײַנעם האָט זיך שפּעטער ערגעץ אַ נײַער וועג אין דער ליטעראַטור דורכגעריסן.

אָבער — קיין מאָל פאַרלירט ער ניט פון אויג, ער, וואָס האָט אין דער נשמה פון יחיד זיך געפּרווט דערגרונטעווען, אַז „דאָס מאַטעריאַל פאַר דער קונסט איז די ווירקלעכקייט" („געדאַנקען איבער ליטעראַטור").

אָבער — גיט ער גלײַכצײַטיק צו — „דאָס דיכטן מוז זײַן אָריגינעל, אַ פּערזענלעכע שאַפונג, פּאָעזיע איז פּערזענלעכקייט".

7.

פּרץ האָט געשפּילט די פרײַסטע און געטרײַסטע ליבע מיט ייִדיש. אַלע שליוזן אין איר געעפנט, אַלע ניואַנסן אַנטפּלעקט. די שפּראַך האָט בײַ אים פאַרלוירן די צנועהדיקע, זויבערע בתולהשאַפט פון זיידן מענדעלע. ער האָט זי אַוועקגענומען פון פאָלקלאָר־שפּראַך, אייראָפּעיִזירט, נײַע נוסחאות אין איר געשאַפן.

ניט יהואָש, ניט מ. ל. האַלפּערנס, ניט נאַדירס, ניט איציק מאַנגערס, ניט בראָדערזאָנס, ניט מאַרקישעס, ניט קוויטקאָס שפּראַך־עקספּערימענטן און ווירטואָזיטעטן וואָלטן אָן פּרצן צום לעבן געקומען.

זײַן אומגעדולדיקע, בליציקע בראשית־שפּראַך וועט ערשט שפּעטער אין אומצאָליקע נײַע שפּראַכן איבערגעגאָסן ווערן.

זײַן צוגאַנג צו דער שפּראַך איז אַ סאָציאַל־באַוווסטזיניקער — זי איז די שפּראַך פון זײַן „בערל און שמערל", אין איר „ליגט באַהאַלטן דאָס געוויין פון אונדזערע עלטערן, דער וויי־געשריי פון פיל דורות... די ייִדישע טרערן, וואָס, נישט אויסגעטריקנט, זײַנען זיי פאַרגליווערט געוואָרן".

און באַשאַפן האָבן די שפּראַך, זאָגט ער אין טשערנאָוויץ, די דרײַ גרויסע שותּפים: דער אָרעמער ייִדישער עם־הארץ, דאָס ייִדישע מיידל און ווײַבל, און — דער ייִדישער פּראָלעטאַריער.

8.

פֿאַר דער ליטעראַטור האָט פּרץ אָוועקגעלייגט עטלעכע פּשוטע איינ־שטעלונגען: „אָן פֿאָלק איז ניטאָ קיין ליטעראַטור", און די ליטעראַטור דאַרף זײַן „ברייט און וואַסער, וואַרעמקייט און ליכטיקייט פֿאַרן פֿאָלק". זי דאַרף באַשיצן און דערציִען.

זי דאַרף זײַן קריטיש און אויסטײַטשן וואָס זי זעט. זי מוז זײַן היינט־צײַטיק — אָפּשפּיגלען ראַנגלענישן און חלומות פֿון פֿאָלק; זי דאַרף זיך אײַנשטעלן און שטיין אויפֿן צד פֿון מענטשן („וואָס האָט איר פֿאַרן פּשוטן פֿאָלק"!); זי מוז האָבן אידייען, כּדי מיטצורײַסן; זי מוז זײַן נאַציאָנאַל אין אינהאַלט. אָבער די ליטעראַטור מוז אַלע מאָל און דער עיקר זײַן ליטעראַטור — עפֿעקטיוו, קינסטלעריש, און ניט באַנאַלע פֿאָטאָגראַפֿיעס און טעמפּער נאַטוראַליזם, אָדער „באַשרײַבונג".

פּרץ אַליין איז געווען אין זײַן שרײַבן: שפּאַרעוודיק, לאַקאָניש, עסענ־ציש, כּאָטש ניט געצאַמט, מיט אָטעמדיקע פּויזעס וואָס רעדן (ווי דאָס ווײַסע פּאַפּיר בײַ שאַגאַלן, ווי דער חלל, דער געפּאַנגענער רוים, אין הענרי מורס סקולפּטורן), אומגעדולדיק, אימפּולסיוו־דינאַמיש, בליץ־באַ־וועגלעך, אָן גליוועך.

און נאָך האָט ער געזאָגט: ליטעראַטור דאַרף שעפּן פֿון טראַדיציע.

קיין קינסטלער קאָן ניט שאַפֿן אָן דער פֿאַרדייונג פֿון עבֿר, אָן טראַ־דיציע. אַנטי־טראַדיציע איז אַ פֿאַרבײַגייענדיקע דערשײַנונג, מאַיאַקאָוו־סקיס „רײַסט אַרויס דעם עבֿר פֿון אײַערע הערצער" — איז אַ פֿאַר־גייִיקע שטימונג.

דער מאָדערניזם, זאָגט פּרץ, איז אָן טראַדיציע, מחמת אָן וואָרצלען, דעריבער — דינט ער בלויז זיך אַליין. אמתע ליטעראַטור מוז וואָרצלען אין עבֿר און זיך ציִען צום מאָרגן.

אָבער אמתע טראַדיציע מיינט — אָפּהיטן די גאָלדענע פֿעדעם פֿון דעם פֿאָלקס לאַנגער געשיכטע און געראַנגל, כּדי שטאַרקן דעם איצט, כּדי פֿעסטיקן דעם שפּעטער. דאָס זײַנען פֿעדעם פֿון דויער וואָס מען דאַרף זיי מיטן לעבן האָבן, כּדי אויסוועבן פֿון זיי דעם גלויבן אין מאָרגן, ווײַל פֿאָלק איז המשך, קאָנטינויִטעט, דויער.

און פּרץ איז דער שומר און וועבער פֿון פֿאָלקישע דויער־פֿעדעם — פֿון נעכטן ביז הײַנט, ביז מאָרגן.

(אָרום 1965)

נוסח רייזען

א.

עס זײַנען קוים פֿינף יאָר אַריבער * זינט אַבֿרהם רייזען איז פֿון אונדז אַוועק, זינט ער איז פֿון אָן אַקטועלן, שעפֿערישן קולטור־כּוח געוואָרן אַ טייל פֿון אונדזער גרויסן ירושה־סך־הכּל, און מיר דאַרפֿן געפֿינען פֿאַר אים זײַן פֿאַרדינט אָרט אין אונדזער אַלגעמיינעם קולטור־אוצר.

כּדי דאָס צו טאָן, דאַרפֿן מיר האָבן אַ נײַע מאָס, ווײַל די אַלטע מעסטונגען זײַנען נישט אין גאַנצן גילטיק. ביז איצט האָט אונדזער דור אים געמאָסטן מיט דער סוביעקטיווער מאָס פֿון בענקעניש און זכרונות. ער איז פֿאַר אונדז געווען אַ געבליבענער ניגון פֿון די קינדער־יאָרן, אַ באַגנדיקע גדעכעניש פֿון דער צײַט, ווען „מאַי קא משמע לן" און „העמערל, העמערל, קלאַפּ" זײַנען געווען אויסגעמישט מיט דער באָסטאָל־גיע נאָכן היימישן שטעטל אָדער נאָך די ערשטע יאָרן אין אַמעריקע. אונדזער חשבון מיט אים איז געווען אַ פּערזענלעכער, אַן אייגענער, וואָס האָט אים האַרציק נאָענט געמאַכט, אָבער האָט קיין המשך ניט צוגעזאָגט.

אונדזער נײַע מעסטונג דאַרף זײַן אַ מער אָביעקטיווע — אַ מאָס פֿון דויער און פֿון פּאָטענץ אַריבערצוגיין צו דורות. מיר דאַרפֿן נעמען די מאָס, צי האַלט ער אויס די פֿײַער־פּראָבע פֿון צײַט, אַפֿילו נאָך דעם ווי די שטייגער־פּרטים פֿאַלן אָפּ און די צײַט־אייגנטימלעכקייטן פֿאַלן אַוועק. קאָנען מיר אים איבערגעבן צו אַ דור אשר לא ידע — צו אַ דור וואָס האָט ניט אים און ניט די וועלט זײַנע געקענט פֿון פּערזענלעכער דערפֿאַרונג און פֿאַר וועמען די סבֿיבֿה, אין וועלכער ער האָט געלעבט, איז פֿרעמד? איז ער אוניווערסאַל גענוג אַריבערצושפּרינגען זײַן צײַט־אָפּשניט אָדער איז ער אַזוי אָנגעזאָפּט מיטן שטייגער פֿון אַן אונטערגייענדיקער וועלט, אַז צוזאַמען מיט איר איז ער געבליבן ניט מער ווי אַן עכאָ פֿון אַמאָל?

ספּעציעל דאַרף מען שטעלן די פֿראַגע בנוגע אַבֿרהם רייזענען, ווײַל די „מיר קבצנים"־וועלט זײַנע איז דאָך שוין אין גאַנצן אַוועק, און ס'איז כּמעט ניט געבליבן קיין סימן פֿון דער אידייען־און שטימונג־וועלט, וואָס ער האָט אָפּגעשפּיגלט.

---

* איך האָב דעם עסיי אָנגעשריבן אין 1958, צו דער פֿינפֿטער יאָרצײַט פֿון אַבֿרהם רייזען.

פֿאַראַן אַ טענדענץ אין צוגאַנג צו רייזענען, וואָס דאַרף אָפּגעפֿרעגט און אָפּגעוואָרפֿן ווערן: ער איז צו קליין און צו פּרטימדיק, צו שטייגער־דיק און צו חיי־שעהדיק, אַז ער זאָל איבערשפּרייזן זײַן צײַט און זײַן דור, זאָגט מען אונדז. אַלע אַנדערע קלאַסיקער האָבן דורך דעם סאַמע תּמצית פֿון זייער שאַפֿן זיך ניט געלאָזט צאַמען אין די גרענעצן פֿון איין עפּאָכע, אָבער ניט רייזען, זאָגט מען. מענדעלע האָט זיך אַליין ריכטיק כאַראַקטעריזירט (אין זײַן בריוו צו ש. דובנאָוו), און די צײַט האָט עס באַשטעטיקט, אַז עס איז ניט מיגלעך צו פֿאַרשטיין דאָס ייִדישע לעבן פֿון 19טן י״ה אין מזרח־אייראָפּע אָן זײַנע ווערק; שלום־עליכם איז דורכויס גרויסאַטעמדיק, ער שפּרײַזט איבער דורות, די צײַט פֿאַרמינערט אים ניט — זי פֿאַרגרעסערט אים; י. ל. פּרץ איז בטבֿע אוניווערסאַל, אינטעלעקטועל, ער האָט אָנגעהאַנגען זײַן שאַפֿן אין פֿײַערדיקן רײַטוואָגן פֿון גאולה, ער אָטעמט מיט דויער; דוד בערגעלסאָן האָט אָפּעריִרט מיט אייביקייט־באַגריפֿן — דער יחיד, וואָס שטעלט זיך קעגן דער דערשטיקנ־דיקער טעמפּער סבֿיבֿה (מירל הורוויץ, פּענעק); שלום אַש האָט געמאָלן ברייטע לײַוונטן, און ווי שטאַרק זײַנע וואָרצלען זײַנען ניט געווען אין שטעטל, איז ער גלײַך פֿון אָנהייב, נאָך פֿון דער „קאַרניוואַל־נאַכט״, און „גאָט פֿון נקמה״, געווען אוניווערסאַל, ברייטאָטעמדיק, אייראָפּעיִש; און אַזוי כּסדר.

אָבער אַבֿרהם רייזען — זײַן סאַמע פּשטות האָט אים פֿאַרמשפּט. זײַן פֿורעם האָט אַרויסגעטראָגן דעם פּסק איבער אים. קליינע לויטערע גע־זאַנגען, קורצע מאָמענט־דערציילונגען — גיי כאַפּ אָן אין זיי פֿעדעם, פֿון וועלכע מען וועבט דויער און צוקונפֿט־מאַטעריעס. רייזען — האָט מען געטענהט — דאָס איז דאָס געלייטערטע פֿאָלקליד, וואָס וועט זיך מסתּמא אויסלעשן מיטן דור, פֿאַר וועמען עס איז געשפּונען געוואָרן. אַן איינצל ליד וועט ערגעץ אָפּקלינגען; בײַם ליריש־געשטימטן אייניקל — „איך און די וועלט״, בײַם סאָציאַל־געשטימטן — „די וואַנט״, מער ניט. אַן איינצעלע דערציילונג וועט פֿאַרבלאָנדזשען ערגעץ אין אַ כרעסטאָמאַטיע, כּדי אילוסטרירן אַ שטייגער־דעטאַל פֿון אַמאָל. דאָס אַלץ!

אַ קליינע ירושה, וואָס פֿאַרגייט מיטן לעבן, וואָס זי האָט אָפּגע־שפּיגלט. אָבער — מער האַפּט איז אין איר ניטאָ און קיין רוח־חיים איז נישט שייך אַרײַנצובלאָזן.

אַזוי זאָגט מען אונדז — ווער מיט באַדויער, ווער מיט גלײַכגילט, ווער מיטן געפֿיל פֿון אָנגעמען פֿאַר ליב דעם פּסק־דין פֿון דער געשיכטע, אויב אָפֿילו מיט האַרצווייטיק.

אינטערעסאַנט, אַז די קלאַסישע ייִדישע קריטיק (ביז די 20ער יאָרן) האָט אַזוי געמאָסטן רייזענען, און אַז ערשט אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט זיך געמערקט אַ טענדענץ צו רעווידירן די מאָס, אָבער בלויז אַן אָנהייב פֿון אַ פּרוּוו אים צו זען אין דער פֿולער פּערספּעקטיוו, אין דער

גאַנצער גרייס פון זײַן שאַפן (ב. ריווקין, נ. ב. מינקאָוו, נחמן מײַזיל און געציילטע אַנדערע).

עס איז בפירוש נייטיק צוריק צו אַנטפּלעקן רייזענען און אים מעסטן דווקא מיט דער מאָס ניט פון זײַן דור, נאָר פון די דורות נאָך אים. עס איז פאַר אונדז נייטיק מאַכן אַ סך־הכל און זען, וואָס מיר גיבן איבער אויף ווײַטער און צי וועלן קינדער אין אַלע תפוצות פון יידישן לעבן — אויף יידיש, העברעיש, און אין אַנדערע לשונות, האָבן וואָס צו ירשענען.

ב.

אַבֿרהם רייזען האָט פאַרנומען אַן אייגנאַרטיק אָרט אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. ער איז פון איין זײַט, דער גרויסער אָפּהיטער פון דער טראַדיציע פון דער יידישער קלאַסישער ליטעראַטור. דער הומאָניזם פון די קלאַסיקער און דער באַוווסטזײַן וואָס די געזעלשאַפטלעכע און נאַציאָנאַלע ראָלע פון דער ליטעראַטור דאַרף זײַן האָבן זיך אין אים צום קלאָרסטן אויפגעהאַלטן; דאָס געפיל פון זײַן איינס מיט די פשוטע „וואָכעדיקע" יידן איז בײַ אים אַזוי שטאַרק ווי בײַ זיי. ער איז, אייגנטלעך, אַליין אַ טייל פון דער מאָדערנער יידישער קלאַסיק. זײַן ציל — „שענקען און ווידמען מײַן לעבן דעם מענטשלעכן עלנט און נויט", איז געווען דער שרײַבערישער „אני מאמין" פון מענדעלען אָדער עדעלשטאַטן, פון ווינטשעווסקין אָדער פּרצן. פּרצעס „אין סאַלאָנען עלעגאַנטע", אין וועלכע עס וועט ניט קלינגען זײַן „פשוט יידיש ליד" איז געווני אַבֿרהם רייזענס „ווי קום איך צו זינגען", אַז ער געפינט „בײַ יעדער טיר נאָר אַ בערגעלע מיסט". רייזענס ליטעראַרישער קרעדאָ איז ניט נאָר אין טאָן פון דער קלאַסיק, ער גייט, צוזאַמען מיט זיי, צוריק אַ סך פריִער: צום משׂכּילישן אײַנשטעל פון אַ ליטעראַטור, וואָס מוז דינען און זײַן ניצלעך.

אַזוי פאַרמאָגט ער, ווי די קלאַסיקער, די שטריכן פון פאָלקס־נאָענטקייט, פון רחמנות און דאָס אײַנשטעלן זיך פאַרן פשוטן ייד, רעדן פאַר די, וואָס האָבן אַליין קיין לשון ניט געהאַט.

די קווינטעסענץ פון דער יידיש־קלאַסישער ליטעראַטור ווערט דיסטילירט אין רייזענען. צוזאַמען מיט זיי איז ער פּיאָנעריש. אָבער דאָס איז בלויז איין טייל פון רייזענען, ווײַל אויב ער איז מער ווי ווער עס איז פון דעם פּאָסט־קלאַסישן פּעריאָד נאָענט צו פּרצן, איז ער פּונקט אַזוי נאָענט צו יוסף ראָלניקן, צו מאַני לייבן, צו איזי כאַריקן — פון דער אַנדער זײַט.

זײַענדיק אַליין אַ טייל פון דער קלאַסישער ליטעראַטור, האָט ער דער ערשטער אָנגעהויבן אָוועקגיין פון איר. בעסער: זי דערגאַנצן דורך צוגעבן אומצאָליקע, אייגענע דעטאַלן און פּרטים. ער האָט אָנגעהויבן אײַנ־

דיווידואַליזירן די כּלל־לעבונטן, וואָס די קלאַסיקער האָבן געמאָלן. ער האָט באַשטעטיקט שלום־עליכמס מאָסן־שטימונג פֿון קאַסרילעווקע דורך צענדליקער, הונדערטער — אינדיווידואַליזירטע שטימונגען.

אין אַ צײַט, ווען די ליטעראַטור האָט זיך מער ניט געקאָנט צופֿרידנ־שטעלן מיט פֿאַראַלגעמיינערונגען, איז רייזען געוואָרן דער זינגער און דער דערציילער פֿון פּרט, וואָס האָט דאָס אַלגעמיינע באַשטעטיקט.

בעת מענדעלע, שלום־עליכם, אַפֿילו פּרץ, האָבן געמאָלן ברייטע לעבונטן מיט מאָסן פּנימער, האָט רייזען פֿאַרענדיקט די פּנימער, אויסגע־פֿילט פֿיזיאָגנאָמיעס, פֿאַרגאַנצט יחידים. בײַ דער קלאַסיק איז געווען אַ ברייטע באַוועגונג, רייזען פֿאַריחידישט די איינצל־פּינטלעך, וואָס שטעלן מיט זיך פֿאָר די באַוועגונג, ער דערגאַנצט זיי. דער קלאַסישער מאָסן־רחמנות ווערט בײַ אים אָנגעווענדט אויף ספּעציפֿישע יחידים, וועמענס מליץ־יושר ער ווערט. אויב עס פֿעלט אים די סאַטירע, וואָס איז געווען אייגן מענדעלען אָדער פּרצן, פֿאַרמאָגט ער דעם שטילן הומאָר, דעם קלוגן זעלבחוזק, וואָס דערהייבט זײַן רחמנות פֿון סענטימענטאַלן צום קאָנסטרוקטיוו־קריטישן. אויך אין דעם פּרט שטייט ער נאָענט צו דעם גרונט־נוסח פֿון דער קלאַסישער יידישער ליטעראַטור.

פֿון דער קלאַסיק האָט ער דערהויבן צו אַ נײַער מדרגה דעם הויפּט־גערעאַנגל, וואָס איז געשטאַנען פֿאַר דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור — דעם געראַנגל קעגן שטעטל. פֿון די הונדערטער (בפּועל ממש, הונ־דערטער) מאָמענטן פֿון שטעטל־דערפֿאַרונג, וואָס רייזען האָט אין ליד און אין פּראָזע אויפֿגעכאַפּט, ווי קליין די מאָמענטן זאָלן נישט זײַן, זאַמלט זיך אָן אַ סך־הכּל פֿון אַן אָפּגעלעבטער פֿאָלקישער לעבנס־דערפֿאַרונג. זיי, די רייזענישע מאָמענטן, האָבן קינסטלעריש לויז געמאַכט די קנופּן וואָס האָבן אונדז מיטן שטעטל געבונדן און אונדז געהאָלפֿן פֿון שטעטל אַרויס־וואַקסן. זײַן רעאַליסטישער סטיל, דער עיקר, זײַן קריטישער רעאַליזם האָבן געהאָלפֿן אָט דעם באַפֿרײַונג־פּראָצעס, וואָס איז געווען איינער פֿון די פֿאַרבאַדינגונגען פֿון נאַציאָנאַלער דערוואַקסנקייט בײַ גרויסע שיכטן פֿון יידישן פֿאָלק. דערבײַ האָט ער דאָס שטעטל קיין מאָל ניט ראָמאַנ־טיזירט און ניט פֿאַרהערלעכט. אַפֿילו אין זײַנע מעמואַרן איז דאָס שטעטל ניט אויפֿגעריכט געוואָרן. אַפֿילו דאָרט, ווו רייזען באַדויערט דעם אונ־טערגאַנג פֿון שטעטל, גלאָריפֿיצירט ער עס ניט. דער לירישער הומאָר, דאָס וויטיקדיקע אָפּלאַכן, ראַטעוועט אים כּסדר פֿון פֿעלשן אָדער פֿאַר־הערלעכן. ניטאָ בײַ רייזענען דער צערפֿולער לירישער טאָן פֿון בערגעל־סאָנס „אָפּגאַנג״, אָדער דער ראָמאַנטיזירנדיקער טאָן פֿון מענדעלעס „שלמה ר׳ חיימס״, שווין אָפּגערעדט פֿון טאָן פֿון אַשס „שטעטל״ אָדער „שלמה נגיד״, אָדער פֿון די אַמעריקאַנער יידישע שרײַבערס, וואָס האָבן געפּרוּווט דורך אַ ראָמאַנטיזירט, אויסגעחלומט שטעטל זיך ראַטעווען פֿון אַ פּריק־רער נײַער סבֿיבֿה, וואָס האָט זיי געשראָקן.

ג.

וואָס עס מאַכט שווערער דאָס פֿאַרסך־הכּלען רייזענען איז דער פֿאַקט, וואָס בײַ אים איז ניטאָ קיין איין „גרויסער" העלד, אויף וועמענס אַקס־לען אַרויפֿצוּוואַרפֿן דעם מאַנטל פֿון אייביק. מענדעלע האָט זײַנע פֿישקעס, בנימינס, שלום־עליכם — זײַנע טבֿיהס און מנחם־מענדלס און מאָטלס, בערגעלסאָן — זײַנע מירל הורוויצעס, חיים־משהס און פּענעקס, אַש — זײַנע אומצאָליקע העלדן, וואָס האָבן זיך אײַנגעקריצט ניט נאָר אין דער ליטעראַטור, נאָר אויך אין דער קולטור און שפּראַך (אַן אָנקל מאָזעס, אַ יאַנקל שאַפּשאָוויטש א. אַ.) פּרץ האָט איבערגעלאָזט אַ גאַלעריע העלדן, ניט נאָר פֿון זײַנע גרעסערע זאַכן (ווי דער בדחן, ר׳ ישראל), נאָר אַפֿילו די העלדן פֿון זײַנע קלענערע דערציילונגען זײַנען געוואָרן סימבאָלן און מײַלצייכנס אין אונדזער ליטעראַטור (באָנטשע, דער נעמיראָווער, חיים דער טרעגער און אַזוי פֿיל אַנדערע).

אָבער, אַז דו זאָגסט רייזען, זעסטו פֿאַר זיך אַ ים פּנימער. אויפֿן ערשטן אײַנדרוק הייבט זיך, דאַכט זיך, קיין איין פּנים נישט געגוג אַרויס, אַז עס זאָל זיך אײַנקריצן אין זכּרון. עס באַוועגט זיך אַ פֿאָלק, אַ גאַנצס, אין זײַנע אומצאָליקע דערציילונגען: באַלמעלאָכעס, מאַרק־זיצערקעס, קליינבירגער, קלויזניקעס, חדר־ייִנגלעך — מענער, פֿרויען און קינדער ניט צום איבערציילן. עס גייט דאָס פֿאָלק, אַ פּשוט פֿאָלק, ניט אידעאַלי־זירט, ניט אויסגעפּוצט, וואָכעדיקע ייִדן מיט וואָכעדיקע דאגות, איינזאַמע, צעריסענע, פֿאַרבלאָנדזשעטע מענטשעלעך, שפּענדלעך פֿון אַ לעבן וואָס זיי באַגרײַפֿן ניט, פֿול מיט מורא, טראַגיש, אָפֿט מיט אַן אונטערשלאַק פֿון קאָמיזם. אָבער אַלע זײַנען זיי אַזוי טיף מענטשלעך, אַלע דערהויבן צו אייביקייט און דויער.

רייזען טראָגט זײַנע מענטשן ווי אַ צעווינטיקטע פֿאָן דער וועלט אַנט־קעגן. ער דעקט אויף זייער צער און ווי, זייערע לײַדן, זייער מענטשלע־כע פֿאַרטיפֿטקייט, אָפֿט געפֿאַלנקייט, יורדישקייט — און דערהויבנקייט. ער באַניצט זיך מיט די סאַמע שטילסטע פֿאַרבן, מיט די פּשוטסטע ווער־טער, אַרויסצוברענגען דעם שטאַרקסטן געראַנגל פֿון מענטשלעכע געפֿילן און עמאָציעס — דאָס פֿאַרבלענדט אונדז אָפֿט און מיר דערשפּירן ניט גלײַך דעם עקספּלאָסיוון אײַנדרוק, וואָס זיי לאָזן אויף אונדז. הינטער זיי שטייט כּסדר רייזען, דער מליץ־יושר זייערער, און מאָנט: אָט זײַנען זיי די מענטשן דײַנע, וועלט, וואָס וועסטו טאָן מיט זיי? וואָס וועסטו טאָן פֿאַר זיי?

די געזעלשאַפֿטלעכע אויפֿגאַבע און מאָנונג, וואָס די קלאַסיקער האָבן געשטעלט דער ליטעראַטור, איז געלײַטערט דורך רייזענען, און, אַ געלײַ־טערטע, האָט זי נאָך מער משפּיע געווען די ווײַטערדיקע דורות ייִדישע שרײַבערס. רייזענס השפּעה איז קענטיק בײַ אַ גרויסער צאָל ייִדישע דיכ־

טערס און דערציילערס, וואָס אַ סך פֿון זיי זײַנען מיט דער צײַט געוואָרן מער ראַפֿינירט און דערגרייכט גרעסערע קינסטלערישע השלמה ווי רײַ־זען אַליין. אָבער דאָס וואָס דאָס קינד וואַקסט אַריבער דעם טאַטן, פֿאַר־מינערט אויף קיין האָר ניט די חשיבֿות פֿון טאַטעשאַפֿט. אין אונדזער ליטעראַטור איז געבליבן ביז אויף הײַנטיקן טאָג אַ ספּעציפֿישער רייזען־נוסח, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ געלײַטערטער קלאָרקייט און עכטקייט, אַ נוסח, וואָס האָט קיין מאָל ניט אויפֿגעהערט און וואָס האָט אַפֿילו באַשירעמט אַ גרויסע צאָל ייִדישע קינסטלערס פֿון דעם נסיון פֿון פֿאָרמאַליזם און דער עבֿירה פֿון פֿאָלק־אָפּגעפֿרעמדטקייט. דער נוסח איז ניט געווען אין פֿורעם בלויז. ער האָט מיט זיך געטראָגן אַ קאָמפּולסיווי־קייט אָפּצוהיטן קרובֿהשאַפֿט און שכנותן מיטן לייענער, און אַזוי אַרום גורם געווען אַ באַשטימטע לויטערקייט און אוממיטלבאַרקייט. (עס וואָלט ווערט געווען אַן ערנסטע שטודיע נאָכצושפּירן רייזענס אײַנפֿלוסן אויף טייל „יונגע", אויף דער ייִדישער אַרבעטער־ליטעראַטור אין אַמעריקע אין די 20ער און 30ער יאָרן, דער אַזויגערופֿענער פּראָלעטאַרישער ליטעראַ־טור, אויף דער ייִדיש־סאָוועטישער ליטעראַטור — און איך מיין בפֿירוש ניט בלויז די באַשײַמפּערלעכע השפּעות אויף כאַריקן, אויף ראָלניקן, אויף מאַני לייבן).

רייזענס קלאָרקייט, געלײַטערטקייט, פּשטות און דינער הומאָר זײַנען איינציק אין דער ייִדישער ליטעראַטור. און ס'איז שוין צײַט ס'זאָל ניט בלײַבן קיין סימן פֿון דער פֿאַלשער סאָפֿיסטיקאַציע, וואָס האָט אים פֿאַר־משפּט גראָד צוליב אָט־אָ די מעלות. פּשטות איז ניט פּראָסטקייט און קלאָרקייט איז ניט אויבנאויפֿיקייט — זיי זײַנען סובטעלע קונסטמיטלען פֿון דער ערשטער ווערט. זייער טרעפֿלעך ווײַזט ג. ב. מינקאָוו אָן אויף דעם, אַז רייזען נאָרט אָפּט מאָל אָפּ מיט זײַן פּשטות פֿון אינהאַלט און פֿאָרם.

אין 1890 האָט רייזען אָנגעשריבן זײַן ערשט ליד „ווען דאָס לעבן" און עס צוגעשיקט צו פּרצן. פּרץ האָט עס אָפּגעדרוקט אין באַנד איינס פֿון „די ייִדישע ביבליאָטעק" (און ווי אַ רעדאַקטאָר האָט פּרץ דאָס ליד אַזוי געענדערט, אַז מיט קנאַפּע 20 יאָר שפּעטער האָט עס רייזען באַ־דאַרפֿט רעסטאַווורירן פֿון זכרון). אין דעם ליד האָט רייזען געזונגען: „אַ, מײַן אָרעם ייִדיש לידל / בלײַב מיר דו כאָטש וואָרעם, דו". אָט די וואַ־רעמקייט אין „לידל" איז די גרעסטע ירושה, וואָס ער האָט אונדז געלאָזן. די שולד איז אונדזערע, וואָס מיר האָבן אים אָנגענומען אַ ביסל צו כלאחר־ידיק (און אפֿשר האָט דער באַשיידענער און צו וואָכעדיקער זאָג „לידל" אונדז פֿאַרפֿירט), מיר האָבן אים אַפֿילו ניט גענוג דערשאַצט — גלאָט אַ פּשוט אייוועלע, אַ ירושה פֿון זיידעס. איצט, אָבער, ווערן מיר געשטעלט צו דער פֿראַגע: וועלן מיר פֿעיִק זײַן אים אָפּצוהיטן לדורות?

דעריבער: לאָמיר אים מעסטן מיט דער מאָס פֿון דויער. לאָמיר, נאָכדעם ווי מיר שיילן אָפּ די שטייגער־פּרטים, זען צי ער האַלט אויס די פּראָבע פֿון צײַט. פֿאַר מיר איז דער ענטפֿער קלאָר, ווי ס׳איז קלאָר רייזענס ליבע צו די, פֿאַר וועמען ער האָט געשריבן. ער פֿאַרמאָגט אַזוי פֿיל אוניווערסאַלקייט, ער איז איבער זײַן צײַט און סבֿיבֿה. ער איז אַן אוצר פֿון דויער־ווערטן: זײַן געלײַטערטע ליבע, זײַן לאָזן פּשוטע ייִדן רעדן דורך אים, זײַן דערהויבן זייער לעבן און לײַדן צו גרויסע המשכ־דיקע ווערטן, וואָס דורך זיי שײַנט אַרויס טיפֿע מענטשלעכקייט, גלויבן און האָפֿענונג — זײַן אײַנשטעלן זיך פֿאַרן פּשוטן מענטש, זײַן פֿאַרויס־טראָגן דעם סאָציאַלן זין פֿון ייִדישן שאַפֿן — דאָס שפּרײַזט אַריבער דורות און צײַטן און דערגרייכט אין האַרץ פֿון מאָרגן.

(1958)

ב

נאָך 60 יאָר

א.

אַ היסטאָרישע געשעעניש קאָן אַ מאָל געשטרויכלט ווערן צוליב אַ מיסנאָמען, אַ טעות אין נאָמען. דאָס באַצייכן־וואָרט „שפּראַך", וואָס די איניציאַטאָרן פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָבן באַנוצט, האָט אין משך פון אַ סך צענדליקער יאָרן פאַרשמעלערט, פאַרווינקלט און פאַרטונקלט דעם זין און דעם אויפטו פון דעם היסטאָרישן צונויפקום אין דער הויפטשטאָט פון בוקאָווינע, טשערנאָוויץ, אין 1908.

די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ דאַרף באַטראַכט ווערן ווי אַ קולטור־כינוס פון גרויסן היסטאָרישן באַטײַט, וואָס האָט באַווירקט דעם גאַנג פון דער יידישער קולטור — ניט בלויז שפּראַך! — אויף דורות. עס איז היסטאָריש ניט מעגלעך געווען אײַנצוהאַלטן די באַראַטונג אין פילאָלאָגישע פאַרצאַמונגען. צו פיל קולטור־היסטאָרישע פּראָבלעמען האָבן דעמאָלט געפאָדערט ענטפערס: דער סטאַטוס פון יידיש — אָדער די נאַציאָנאַלע שפּראַך — איז בלויז געווען איינע פון די פּראָגעס וואָס טשערנאָוויץ האָט באַדאַרפט פאַרענטפערן.

מע האָט ניט באַדאַרפט וואַרטן 60 יאָר צו קומען צו דעם פּועל יוצא. געציילטע חדשים שפּעטער האָבן טייל דעלעגאַטן קלאָר באַגריפן דעם ברייטערן, קולטור־היסטאָרישן פאַרנעם פון דער טשערנאָוויצער באַראַטונג.

אין יאַנואַר, 1909, האָט דר. חיים זשיטלאָווסקי אין אַ פּרטימדיקן באַריכט, וואָס ער האָט אָפּגעגעבן צו אַ ספּעציעלער פאַרזאַמלונג אין ניו־יאָרק, אַזוי געזאָגט:

> „די טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ, וואָס איז, ווי געזאָגט, לכתחילה גערופן געוואָרן ספּעציעל פאַר פילאָלאָגישע צוועקן, האָט געמוזט זיך רעכענען מיט דער צײַט און מיט דעם קאַמף וואָס יידן האָבן געהאַט אויסצושטיין אין איניקע לענדער פאַר זייערע נאַציאָנאַלע רעכט... די טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ האָט קיין אַנדער אַרבעט ניט געקאָנט אויספירן, סײַדן די, וואָס איז איר דיקטירט געוואָרן פון דעם היסטאָרישן מאָמענט, וועלכן מיר לעבן איצטער איבער... אין דערין ליגט איר היסטאָרישע באַדײַטונג — וואָס עס זאָל ניט ווערן פון דעם יידישן פאָלק, וואָס עס זאָל ניט ווערן פון דער יידישער שפּראַך, און וואָס עס זאָל ניט ווערן פון דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע די טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ האָט באַשאַפן" (אונטערגעשטראָכן פון מיר — א. ג.).

אין אָקטאָבער, 1908, האָט נח פּרילוצקי („טעאַטער־וועלט", וואַרשע, נומער 1־2) אַזוי אָפּגעשאַצט די קאָנפֿערענץ:

„די צוזאַמענרופֿער פֿון דער 'טשערנאָוויצער פֿאַרזאַמלונג' האָבן איר אַ נאָמען געגעבן: „קאָנפֿערענץ פֿאַר דער יידישער שפּראַך". נאָר שוין דאָס פּראָגראַם פֿון דער קאָנפֿערענץ דערלויבט צו זאָגן, אַז דער נאָמען איז געווען אַ צו שמאָלער. און ווירקלעך, אויף דער טאָג־אָרדענונג פֿון טשערנאָוויצער צוזאַמענפֿאָר זיינען אויך גע־שטאַנען פֿראַגן וועגן דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע, ווי אויך וועגן יידישן טעאַטער. פֿון דעם איז צו זען, אַז דאָס איז געווען אַ קאָנפֿערענץ פֿאַר דער יידישער קולטור בכלל..." (קור־סיוון אין אָריגינאַל).

„פֿאַראַלגעמיינענדיק דאָס פּראָגראַם און די אַרבעט פֿון דער קאָנפֿערענץ" — ציט פּרילוצקי ווייטער זיין געדאַנק — „קאָנען מיר גיין נאָך ווייטער און זיך אויסדריקן, אַז דאָס איז געווען אַ קאָנפֿערענץ פֿאַר דער יידישער נאַציאָנאַל־קולטורעלער קעגנ־וואַרט.

„און טאַקע אָט אין דעם גרונט־צייכן און כאַראַקטער פֿון דער טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ זע איך איר קלאַסאַלע היסטאָרישע באַדייטונג. די טשערנאָוויצער וואָך הייבט אָן, לויט מיין טיפֿער איבערצייגונג, אַ נייע עפּאָכע אין אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן..."

אָט אַזוי פֿאַסט נ. פּרילוצקי אויף די קאָנפֿערענץ. ער הייבט זי גלייך אַרויס פֿון דעם גבֿול פֿון אַ שפּראַך־באַראַטונג.

ענלעך איז דער טאָן פֿון דערהויבנקייט און היסטאָרישן אָפּשאַץ אין ה. ד. נאָמבערגס אָפּרוף. אין „דר. בירנבוימס וואָכנבלאַט" (נומער 2, סעפּטעמבער 11, 1908) שרייבט ער:

„מיר האָבן געזאָגט דאָס דרייסטע וואָרט, וואָס איז אַזוי פֿיל געלעגן אויף דער צונג און מיר ווייסן און גלייבן, אַז דאָס וואָרט וועט געפֿינען אָן אָפּקלאַנג אין די הערצער פֿון טויזנטער און מי־ליאָנען פֿון אונדזער פֿאָלק. מיר זאָגן: אין דעם תּוהו־ובֿוהו פֿון אונדזער לעבן איז אַוועקגעלייגט געוואָרן אַ פֿעסטער שטיין. אויף דעם שטיין וועט אויפֿגעבויט ווערן דער בנין פֿון אַ שענערן און ווירדיקערן נאַציאָנאַלן לעבן".

אינטערעסאַנט, אַז אַפֿילו אסתּר פֿרומקין, וואָס האָט גענומען אָן אַק־טיוון אָנטייל אין דער קאָנפֿערענץ און איז באַשטאַנען אויף דעם, אַז די קאָנפֿערענץ זאָל ניט אַרויסגיין פֿון די גרענעצן פֿון דער שפּראַך־פֿראַגע, באַנעמט דעם ברייטערן פֿאַרנעם פֿון דער באַראַטונג. זי קלאָגט זיך, אַז די קאָנפֿערענץ איז אַריבערגעפֿלאָסן די צוגעשניטענע צילן, וואָס זי האָט זיך אָריגינעל געשטעלט, און וויל ווערן אַ ברייטע פֿאָלק־באַוועגונג.

אין איר לענגערן בריוו (אין ווילנער זאַמלבוך „נײַע צײַט", באַנד 4, 1908) מיטן טיטל „די ייִדישע שפּראַך־קאָנפֿערענץ", שרײַבט זי:

> „אין דעם נאָמען פֿון דער ייִדישער שפּראַך, פֿון אַ ווירקלעך אַלגעמיינעם, ייִדיש־אַלוועלטלעכן אינטערעס, האָט מען, ווי דער לעזער זעט, פּראָיעקטירט צו באַשאַפֿן אַ נײַע אָרגאַניזאַציע אויף פֿאַרשפּרייטן קולטור, אַן אַלוועלטלעכע חבֿרה מפֿיצי־השׂכּלה..."
> (אונזער קורסיוו — א. ג.) *

---

* אינטערעסאַנט, וואָסער אײַנדרוק אסתּר פֿרומקינס באַריכט מאַכט אויף אונדז איצט, 60 יאָר נאָך דעם ווי ער איז געשריבן געוואָרן. ערשטנס, איז ער אַ קוואַל פֿון פּרטימדיקער אינפֿאָרמאַציע, געשריבן פֿון אַן אינטעליגענטן עד־ראיה (זי שטעלט טאַקע אַוועק אַן אונטערקעפּל צו איר באַריכט: „אַ בריוו פֿון אַן אָנטיילנעמער"). צווייטנס, זײַנען טייל טענות וואָס זי רוקט אַרויס, אין תּוך, ניט קיין אומגערעכטע. אסתּר, דער דיסציפּלינירטער אָרגאַניזאַציע־מענטש, האָט געוואָלט אַ קאָנפֿערענץ מיט פֿאַרטרעטערשאַפֿט פֿון אָרגאַניזאַציעס, זי קאָן ניט אָננעמען דעם אַנגעלויף פֿון סתּם דעלעגאַטן. זי פֿירט אַ כּסדרדיקן קאַמף קעגן דער כּלל־ישׂראל שטעלונג פֿון אַ סך באַטייליקטע. זי ציט זיך אַפֿילו צוריק, די לעצטע טעג פֿון דער קאָנפֿערענץ, און בלײַבט בלויז אין איר ראָלע ווי אַ קאָרעספּאָנדענט.

20 יאָר שפּעטער (אין 1928) שרײַבט דר. נ. בירנבוים: „אסתּר האָט זיך געשטעלט אויפֿן ראַדיקאַלסטן שטאַנדפּונקט און די גאַנצע צײַט פֿון דער קאָנפֿערענץ איז געווען אַ מלחמה צווישן מיר און איר. און די אַנדערע געקומענע אויף דער קאָנפֿערענץ זײַנען לפֿי רובֿ נעענטער געווען צו איר, איידער צו מיר".

מיר וויסן ניט וויפֿל פֿון „די אַנדערע" זײַנען געשטאַנען מיט אסתּרן. מיר ווייסן יאָ, אַז זשיטלאָווסקי האָט זי טייל מאָל געשטיצט און זי איז אויך אָפֿט געשטיצט געוואָרן פֿון דעם פֿאַרטרעטער פֿון די פּועלי־ציון, לעאָן חאַזאַנאָוויטש (כּתריאל).

אָבער — אסתּר די „בונד"־פֿירערין איז כּסדר געשטאַנען אויף דעם פּאָליטישן שטאַנדפּונקט פֿון אַ פּאַרטיי־מענטש. זי האָט געהאַמערט אויף דעם, אַז „קאָנקרעטע אַרבעט און קאַמף קאָן געפֿירט ווערן נאָר אין פֿאַרבינדונג מיט די אָרטיקע פּאָליטישע, סאָציאַלע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען, אַז קיין אַלוועלטלעכע אָרגאַניזאַציע איז דאָס ניט אימשטאַנד צו טאָן...".

דער סך־הכּל: אסתּרס באַריכט, ניט קוקנדיק אויף טייל גערעכטע טענות, איז היפּשלעך סעקטאַנטיש, ענג פּאַרטייִש. זי האָט דרך־ארץ פֿאַר פּרצן, לויבט זײַן רעדע, איז אַפֿילו מסכּים מיט זײַן אָפּשאַץ וועגן דער חסידישער פֿאָלק־מעשׂה און חסידיזם בכלל. זי קאָן זיך אָבער ניט צוריקהאַלטן פֿון דער טענה: „לויט זײַן [פּרצעס — א. ג.] סאָציאָלאָגיע זײַנען אַלע געזעלשאַפֿטלעכע דערשײַנונגען פֿריַער פֿאַר אַלץ ווילנס־דערשײַנונגען — און פֿון דעם ווילן פֿון דער אינטעליגענץ, פֿון אונדזער ווילן הענגט אָפּ די ווײַטערדיקע צוקונפֿט פֿון דער שפּראַך...".

מיר האָבן געלייענט און איבערגעלייענט פּרצעס, איצט שוין ברייט־באַקאַנטע, דער־עפֿענונג־רעדע צו דער קאָנפֿערענץ, און מוזן זיך מודה זײַן, אַז קיין איינציקן סימן פֿון וואָלונטאַריזם, פֿון דער טעאָריע אַז דעם מענטשנס ווילן באַשטימט דעם גאַנג פֿון דער געשיכטע, ווי אסתּר וואַרפֿט אים פֿאָר, האָבן מיר דאָרט ניט געפֿונען. פֿאַרקערט, מיר האָבן יאָ געפֿונען אַ טיפֿע פֿאַרשטענדעניש פֿאַר דער שייכדיקייט פֿון קולטור און די סאָציאַלע כּוחות וואָס באַוועגן די געשיכטע.

ווײַזט אויס, אַז אַפֿילו דעמאָלט איז שוין סעקטאַנטישקייט געווען אַ צרה שלא כּתובה...

אין זײַן אַרטיקל אַ קנאַפּ האַלב יאָר נאָך טשערנאָוויץ („דאָס נײַע לעבן", ניו־יאָרק, דעצעמבער, 1908 — „די יידישע שפּראַך באַוועגונג און די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ"), לאָזט דר. חיים זשיטלאָווסקי איבער דעם מישפּט איבער דער קאָנפערענץ צו דער געשיכטע, צו די קומענדיקע דורות: „די צוקונפט וועט באַווײַזן צי די גאַנצע יידישע שפּראַך־באַוועגונג איז געווען נאָר אַ קליינער פּאַראַגראַף אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק, אָדער אַ שער־בלעטל צו אַ גאַנץ נײַעם פּרק".

אָבער אין 37טן יאָר, אין פּאַריז, שטרײַכט ער שוין קלאָר אונטער:

„די צונויפרופער פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָבן גע־האַט אין זינען ניט נאָר די יידישע שפּראַך, נאָר אויך די קולטור אין איר. עס איז ניט געווען נאָר אַ פילאָלאָגישע קאָנפערענץ. עס האָט געדאַרפט פאָרמולירט ווערן די שטעלונג פון יידישן פאָלק און דער יידישער עפנטלעכקייט צו יידיש, ווי אַ שפּראַך, און צו איר נאַציאָנאַלן באַטײַט. ס'האָבן געזאָלט אויף דער קאָנפערענץ אויסגע־אַרבעט ווערן פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען פאַר דעם אויפבוי פון דער קולטור אין דער יידישער שפּראַך־ספערע..."

„...יידיש איז אין טשערנאָוויץ דערקלערט געוואָרן פאַר אַ נאַ־ציאָנאַלער שפּראַך, און דערמיט גופא איז געגעבן געוואָרן דער העפּטיקסטער קלאַפּ צו יענעם ניבזהדיקן אײַנשטעל פון כמעט דער גאַנצער יידישער אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך באַצויגן צו יידיש מיט ביטול אָדער האַס ווי צו אַ 'זשאַרגאָן'...".

ווי ענלעך די רייד זײַנען צו נאָמבערגס ווערטער אין זײַן אויבן־דער־מאָנטן אַרטיקל:

„מיט דער אָנערקענונג פון יידיש פאַר אַ פולבארעכטיקטער נאַציאָנאַלער שפּראַך האָבן מיר אַראָפּגעוואָרפן פון זיך נאָך איין גלות־פלעק, האָבן מיר געגעבן אונדזער נאַציאָנאַלן באַוווּסטזײַן נאָך אַ רעאַלע פאָרם".

ב.

דאַרפן מיר דעריבער אַקצענטירן: ניט קיין שפּראַך־קאָנפערענץ איז טשערנאָוויץ געווען, נאָר דער ערשטער פּאַראיינִיקטער נאַציאָנאַלער אַרויס־טריט פון דער מאָדערנער וועלטלעכער קולטור אין יידיש. אויב אַפילו עס איז נאָך טשערנאָוויץ ניט געבליבן קיין אָרגאַניזאַציע, קיין אַפּאַראַט, איז אָבער יאָ געבליבן אַן אָנזאָג, אַ סימבאָל וואָס האָט באַווירקט דעם גע־ראַנגל פאַר דער מאָדערנער וועלטלעכער יידישער קולטור ביז דעם הײַנ־טיקן טאָג.

אין אַן אַרטיקל צום 20טן יאָרטאָג פון דער קאָנפערענץ („צוקונפט", 1928) האָט דר. זשיטלאָווסקי כאַראַקטעריזירט דעם צוזאַמענקונפט:

„טשערנאָוויץ איז געוואָרן אַ שם דבֿר פֿאַר דער אַזוי־גערופֿענער ייִדישיסטישער באַוועגונג, ווי באַזעל איז אַ לאַנגע צײַט געווען אַ שם דבֿר פֿאַר דעם פּאָליטישן ציוניזם״.

די הויפּט־אידייע וואָס טשערנאָוויץ האָט אַנטוויקלט, דער עיקרשט אין די רייד פֿון י. ל. פּרץ און ד״ר. חיים זשיטלאָווסקי, איז געווען: דער געראַנגל פֿאַר שפּראַך און קולטור איז ניט צום אָפּטיילן פֿון דעם מענטשלעכן און דעם נאַציאָנאַלן געראַנגל פֿאַר פּראָגרעס און קיום. און פֿאַרקערט — דער מענטשלעכער געראַנגל פֿאַר פֿאָרשריט, פֿאַר נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער ווערדע, מוז אײַנשליסן דעם קאַמף פֿאַר דער מענטשלעכער און דער נאַציאָנאַלער קולטור. עס איז היסטאָריש נייטיק געוואָרן דאָס צו דעקלאַרירן אין יענער צײַט. אין רעטראָספּעקט דאַרפֿן מיר באַוווּנדערן דעם פֿאַרשאַרפֿטן היסטאָרישן חוש וואָס ביידע, פּרץ און זשיטלאָווסקי, האָבן אַרויסגעוויזן. זייערע רייד און זייער טאָן־שטעלונג האָבן גורם געווען צו דעם, אַז דער אָריגינעלער פּראָיעקט פֿון אַ פֿילאָלאָגישער קאָנפֿערענץ זאָל פֿאַרשאַרט ווערן אויפֿן צווייטן אָרט און דער צוזאַמענקום זאָל פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ כּינוס פֿון גרויסן נאַציאָנאַל־אידעאָלאָגישן באַטײַט, אַוועקלייגן אײַנשטעלונגען וואָס האָבן באַוועגט און אינספּירירט דעם ייִדישן קולטור־בוי אויף דורות. די פּלאַטפֿאָרמע פֿון טשערנאָוויץ האָט אייגנטלעך געדינט אי פּרצן און אי זשיטלאָווסקין ווי אַן אַרענע אויף וועלכער זיי זאָלן קאָנען אויספֿעכטן און אויסקלאָרן קולטור־אײַנשטעלונגען, וואָס זײַנען געווען דער תּוך פֿון זייער ביידנס ביז דעמאָלטיקן קולטורעלן און געזעלשאַפֿטלעכן געראַנגל.

די טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ איז געקומען ווי אַ רעזולטאַט פֿון רײַפֿווערנדיקע נאַציאָנאַלע כּוחות אין ייִדישן לעבן, וואָס האָבן אין פּנים פֿון חוזק און גרינגשאַץ מצד די קרײַזן פֿון דער גייסט־און געלט־אַריסטאָקראַטיע פֿון פֿאָלק, אַרויסגעשטעלט די פֿאָדערונג, אַז די אויף ייִדיש־געשאַפֿענע פֿאָלק־קולטור זאָל דעקלאַרירט ווערן אַנערקענט אַן ווי דאָס נאַציאָנאַלע פֿאַרמעג פֿון גאַנצן פֿאָלק. ווען פּרץ האָט פּראָקלאַמירט, אַז עס איז דער ציל פֿון דער קאָנפֿערענץ „אויפֿהויבן ייִדיש וואָס איז לעת־עתּה אַ פֿאָלקסשפּראַך פֿון די מאַסן צו דער מדרגה פֿון אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך פֿאַר דאָס גאַנצע פֿאָלק און דער אינטעליגענץ״, האָט ער מיט דעם אויפֿגעהויבן די פֿאָן פֿון די אָרעמאַנסקע און בעל־מלאכהשע ייִדישע שיכטן, האָט ער גערעדט „פֿאַרן פּשוטן ייִד״ (זײַן אויסדרוק), וואָס האָט אָנגעהויבן דערשפּירן, אַז ניט נאָר געזעלשאַפֿטלעך, נאָר אויך קולטורעל פֿאַרלאַנגען די אונטערשטע פֿאָלק־שיכטן זייער רעכט און זייער אָרט אין ייִדישן לעבן. עס איז געווען אַן אַקט פֿון באַטײַטנדיקער היסטאָרישער עמאַנציפּאַציע. אייגנטלעך, דער פּאַראַלעל אויפֿן קולטור־געביט פֿון דעם אַרויסרוף, וואָס עס האָבן אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן דעמאָלט געוואָרפֿן די נעכטיקע באַלמעלאָכעס, וואָס זײַנען אָקאָרשט געוואָרן אַ ייִדישער אַרבעטער־קלאַס, די נעכ־

טיקע ישיבה־בחורים, גימנאַזיסטן און אַרבעטער, וואָס זײַנען אָקאָרשט געוואָרן אַ ייִדישע פֿאָלק־אינטעליגענץ.

די קאָנפֿערענץ האָט היסטאָריש ניט געקאָנט בלײַבן קיין שפּראַך־קאָנפֿערענץ. דער געראַנגל פֿאַר דער אָנערקענונג פֿון ייִדיש ווי — אַ אָדער די — נאַציאָנאַלע שפּראַך האָט אויסגעדריקט אויף דער קולטור־אַרענע די זעלבע יערונג וואָס איז אָנגעגאַנגען אין געזעלשאַפֿטלעכן ייִדישן לעבן. די יונגע ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג און טייל פֿון דער יונגער אינטעליגענץ זײַנען געווען דרייסט, אַגרעסיוו, אַרויסרופֿעריש. זיי האָבן געריסן פֿון זיך די קאָלטענעס פֿון גליוועך און מיטלאַלטער, ביידע האָבן געוואָרצלט טיף אין פֿאָלק און ביידע האָבן געמוזט קומען צום אויסדרוק אין צו אַליין־אַסערטירונג.

ווידער אַ מאָל איז צו באַוווּנדערן די וויטזעיִקייט וואָס פּרץ און זשיטלאָווסקי האָבן אַרויסגעוויזן מיט דעם, וואָס זיי האָבן פֿאַרבונדן דעם געראַנגל פֿאַר ייִדיש מיט דער אויפֿוואַכונג פֿון די ייִדישע פֿאָלקמאַסן און מיט זייער קאַמף פֿאַר נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער גלײַכבאַרעכטיקונג. אמת, די אײַנשטעלונג איז אַרויסגעוואַקסן פֿון סאַמע מהות פֿון דער קלאַסישער ייִדישער ליטעראַטור. אויף איין אופֿן אָדער אַ צווייטן האָבן מענדעלע, אָדער שלום עליכם, אָדער פּרץ אויסגעדריקט שעפֿעריש די אײַנשטעלונג דורך זייערע ווערק. אָבער צום ערשטן מאָל איז די אײַנשטעלונג אידייאיש, טעאָרעטיש אויסגעקלאָרט געוואָרן אין טשערנאָוויץ. זשיטלאָווסקי האָט, אין 1908, פֿאָרמולירט דעם געדאַנק: „נאַציאָנאַלער קאַמף איז שפּראַכן־קאַמף און נאַציאָנאַלע גלײַכבאַרעכטיקונג איז גלײַכבאַרעכטיקונג פֿון שפּראַכן".

בלויז איין יאָר נאָך טשערנאָוויץ האָט דר. חיים זשיטלאָווסקי גערעדט וועגן דעם, אַז די ייִדישע רעליגיע האָט פֿאַרלוירן איר „נאַציאָנאַלע באַהעפֿטונג־מאַכט" און אַרויסגעשטעלט דאָס ייִדישע לשון ווי דעם נײַעם פֿאַרבינד־פֿאָדעם פֿון פֿאָלקישן זײַן. דערבײַ האָט ער אונטערגעשטראָכן, אַז „די ייִדישע שפּראַך־באַוועגונג איז אויסגעוואַקסן פֿון דעם ייִדישן לעבן גופֿא, דאָס הייסט, אַז זי איז אַ טייל פֿון דער ייִדישער געשיכטע", און אַז דער געראַנגל פֿאַר דער שפּראַך איז אַ טייל פֿון „סאָציאַל־עקאָנאָמישע, קולטורעלע און נאַציאָנאַלע נויטן פֿון ייִדישן פֿאָלק־לעבן".

אפֿשר נאָך שאַרפֿער און בולטער האָט י. ל. פּרץ פֿאָרמולירט זײַן טעזע, אַז די אַנטוויקלונג און די צוקונפֿט פֿון ייִדיש איז ענג פֿאַרבונדן מיטן געראַנגל פֿון די ייִדישע פֿאָלקמאַסן, און דער עיקר פֿון ייִדישן אַרבעטער, פֿאַר אַליין־אויסדרוק און גלײַכבאַרעכטיקונג. ניט קיין ייִדישיזם און ניט קיין שפּראַך לשם שפּראַך, האָט ער געזאָגט, נאָר שפּראַך לשם דעם געראַנגל פֿאַר קיום און דער צוקונפֿט פֿון פֿאָלק.

מער נאָך: פּרץ ברייטערט אויס דעם באַגריף, פֿירט אים אַרויס מחוץ די גרענעצן פֿון ייִדישן לעבן און פֿאַראַלגעמיינערט אים. דער אויפֿשטײַג

פֿון דער נאַציאָנאַלער קולטור, ווי אַ טייל פֿון דער נאַציאָנאַלער דערוואַ־כונג, איז חל אויף אַלע אונטערדריקטע פֿעלקער, זאָגט ער:

„אויב מיר זײַנען זיך צוזאַמענגעקומען פֿון אַלערליי לענדער און שטאַטן צו פּראָקלאַמירן אונדזער ייִדיש אַלס גלײַכבאַרעכטיק־טע שפּראַך צווישן אַלע שפּראַכן, האָבן מיר עס צו פֿאַרדאַנקען אַ פֿערטן סאָציאַל־פּאָליטישן וועלט־מאָמענט.

„דער שטאַט, וועלכן מען פֿלעגט אָפּערן קליינע און שוואַכע פֿעלקער, ווי פֿאַרצײַטן קינדער דעם מולך, דער שטאַט וואָס האָט צוליב די אינטערעסן פֿון די הערשנדע קלאַסן און פֿעלקער גע־מוזט אַלץ ניוועלירן, אויסגלײַכן... דער שטאַט פֿאַרלירט זײַן גלאַנץ.

„דער שטאַט זאָל מער ניט פֿעלשן די פֿעלקער־קולטור, ניט מער פֿאַרניכטן אייגנאַרט און אינדיווידואַליטעט — אָט דאָס ווערט גערופֿן און געבלאָזן אין דער מחנה. און מיר שטייען שוין אין אירע רייען אונטער אונדזער אייגענער פֿאָן, אין נאָמען פֿון אונ־דזערע אייגענע קולטור־אינטערעסן”.

(פֿון י. ל. פּרצעס דערעפֿנונג־וואָרט
צו דער קאָנפֿערענץ)

עס ווערט קלאָר, אַז פּרץ האָט צוגעגעבן אַ נײַע דימענסיע צו דער טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ. ער האָט זי אַרויסגעטראָגן מחוץ די גרע־נעצן ניט נאָר פֿון פֿילאָלאָגיע, נאָר אַפֿילו פֿון ריין נאַציאָנאַל־ייִדישער פּאָלקישקייט, און זי אײַנגעוועבט אין דעם גרויסן היסטאָרישן דער־וואַכונג־פּראָצעס פֿון קליינע פֿעלקער.

פּרץ שיילט אַרויס די דרײַ טרעגער פֿון ייִדישן לשון, פֿון דער ייִדי־שער קולטור. ער האַלט זיי ווי די „דרײַ אינערלעכע באַפֿרײַונג־מאָמענטן [וואָס] האָבן אונדזער באַוועגונג געשאַפֿן”. די דרײַ זײַנען: „דער ייִדישער המון”, וואָס „פֿאַרלירט זײַן צוטרוי אי צום גרויסן גבֿיר אי צום גרויסן למדן...” און „וויל לעבן זײַן אייגן אָרעם לעבן פֿאַר זיך”. נאָך דעם קומט „די ייִדישע פֿרוי, דאָס ייִדישע ווײַבל, דאָס ייִדישע מיידל”, וואָס דער־וואַכן און „פֿאַרלאַנגען עפּעס פֿאַר זיך”. און נאָך דעם קומט ערשט „דער ייִדישער אַרבעטער, דער ייִדישער פּראָלעטאַריאַט, און שאַפֿט זיך זײַן אינסטרומענט פֿאַרן קאַמף פֿאַר זײַן לעבן, זײַן אַרבעטער־קולטור אויף ייִדיש...”. די דרײַ „באַפֿרײַונג־מאָמענטן”, געפּאָרט מיטן אויבנדער־מאָנטן „פֿערטן סאָציאַל־פּאָליטישן וועלט־מאָמענט”, זעט פּרץ ווי די גע־זעלשאַפֿטלעכע כּוחות, וואָס האָבן גורם געווען דאָס פֿאַררופֿן די קאָנ־פֿערענץ.

די פּרץ־זשיטלאָווסקי קאָנצעפּציעס זײַנען אייגנטלעך געווען די נשמה פֿון דער קאָנפֿערענץ, דער גײַסט פֿון טשערנאָוויץ, דער קער־פּונקט אין אונדזער מאָדערנעם קולטור־ווידערגעבורט.

אַ פֿילאָלאָגישע קאָנפֿערענץ וואָלט געווען געבליבן ניט מער ווי אַן עפּיזאָד. די געזעלשאַפֿטלעכע פּאַרטיפֿונג, דער טאָן פֿון באַציאַנאַלער אויפֿפֿאָדערונג, דאָס איינשטעלן זיך פֿאַר דער שפּראַך פֿון די „בערלס און שמערלס" (פּרצעס אויסדרוק), דאָס איינשטעלן זיך פֿאַר בערלען און שמערלען גופֿא — דאָס אַלץ האָט צוגעגעבן דער קאָנפֿערענץ אַ היסטאָרישע דימענסיע און דעם אָטעם פֿון דויער ביז אויף הײַנטיקן טאָג.

ג.

דער נס פֿון טשערנאָוויץ איז געשען ערשט נאָך טשערנאָוויץ. די 60 יאָר זינט טשערנאָוויץ זײַנען מסתּמא די וויכטיקסטע און שעפֿערישסטע יאָרן אין דער געשיכטע פֿון טויזנט יאָר ייִדיש. אויב די יאָרן פֿריִער זײַנען געווען יאָרן פֿון לייגן דעם פֿונדאַמענט פֿאַר דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור אויף בײדע זײַטן ים, איז טשערנאָוויץ געווען דער איבערגעכאַפּטער אָטעם, דער איילי̇קער סך־הכּל, איידער מ׳האָט זיך געשטעלט אַרויפֿציִען די ווענט, לייגן דעם דאַך, האַקן טירן און פֿענצטער אין דעם נײַעם בנין.

דער נס איז געקומען שפּעטער — אַ נס פֿון זעלטענער שעפֿערישקייט, וואָס צוזאַמען מיט דעם פֿריִערדיקן שטעלט ער מיט זיך פֿאַר איינעם פֿון די גרעסטע אוצרות פֿון דער ייִדישער פֿאָלק־קולטור — אַן אוצר וואָס איז גלײַכוועריק מיט דעם וואָס אונדזער פֿאָלק האָט געשאַפֿן אין זײַנע צוויי אַנדערע נאַציאָנאַלע שפּראַכן — אין העברעיִש און אַראַמיש.

דער „נס" וואָלט מיסתּמא געשען, אַפֿילו ווען די טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ וואָלט ניט געווען פֿאָרגעקומען. די קאָנפֿערענץ האָט אָבער געגעבן אַן אימפּעט, אַ באַוווסטזײַן, אַ געפֿיל פֿון רײַף ווערן און אַלייןווערט. ייִדיש איז אָנערקענט געוואָרן ווי אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך, אָנגענומען געוואָרן ווי אַ וויכטיקער טייל פֿון דער פֿאָלק־קולטור, אויפֿגעהערט זײַן די „שפּחה", דאָס דינסטמיידל. ניט נאָר איז ייִדיש דערהויבן געוואָרן צו אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך, נאָר דאָס שאַפֿן פֿון שלום אַש, ה. ד. נאָמבערג, אַבֿרהם רייזען, און די צענדליקער וואָס זײַנען דאָרט ניט געווען איז אָנערקענט געוואָרן ווי אַ טייל פֿון דער נאַציאָנאַלער קולטור, אײַנגעשלאָסן אין דעם אַלגעמיינעם אוצר פֿון פֿיר טויזנט יאָר פֿאָלקשאַפֿן.

אין די 60 יאָר זינט טשערנאָוויץ האָט אונדזער מאָדערנע ייִדישע קולטור ערשט גענומען רײַף ווערן: די קלאַסיקערס, ספּעציעל שלום עליכם און פּרץ, האָבן אין די, זיי נאָך געבליבענע, יאָרן דערגרייכט זייער פֿולע השלמה; אַש, בערגעלסאָן, נאָמבערג, רייזען, ווײַסנבערג, ווייטער, הירשביין, אַנ־סקי — האָבן ערשט זייער טאַלאַנט אַנטוויקלט; נאָך דעם איז געקומען די גרויסע ייִדישע ליטעראַטור אין פּוילן צווישן בײדע וועלטמלחמות; די שפּעדיקע סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראַטור; דאָס ייִדישע טע־

אַטער; די ציש"אָ־שולן אין פּוילן; דער „ייִוואָ“ אין ווילנע; די וויסנשאַפֿטלעכע אַקאַדעמיעס און לינגוויסטישע פֿאָרשונגען אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד.

אין אַמעריקע איז אין משך פֿון די יאָרן אויסגעוואָקסן אַ רײַכע ייִדישע פּרעסע; די „יונגע“ האָבן אַנטוויקלט איינעם פֿון די שעפֿעריש־סטע אויסדרוקן אין דער ייִדישער ליטעראַטור; נאָך דעם איז געקומען די גאַנצע פּלעיאַדע ייִנגערע שרײַבערס — „אין זיך“, „פּראָלעטפּען“ און אַנדערע; דאָס קינסטלערישע ייִדישע טעאַטער אין אַמעריקע; די ייִדיש־וועלטלעכע שולן אין אַמעריקע און די רײַכע טעקסטבוך־ליטעראַטור; דער „ייִוואָ“ אין ניו־יאָרק; די צענטראַלע ייִדישע קולטור־באַוועגונגען א. א. וו., א. א. וו.

אויף בײדע זײַטן ים — ניין, אויף אַלע זײַטן פֿון אַלע ימען — איז אָנגעגאַנגען אַ שטורמישער און דראַמאַטישער קולטור־בוי. אַ פֿערטל יאָרהונדערט נאָך טשערנאָוויץ האָט זיך געקענט דאַכטן, אַז אין דעם געראַנגל צווישן דער רעליגיעזער און דער וועלטלעכער קולטור אויסצוגעשטאַלטן דעם פֿאָלקס גײַסטיק לעבן, נעמט די אויבערהאַנט די וועלטלעכע, כאָטש זי איז געווען און געבליבן די קולטור פֿון אַ מיעוט אין ייִדישן לעבן.

נאָך דעם איז געקומען דער טראַגישער בראָך. מיליאָנען ייִדישריידערס זײַנען אומגעבראַכט געוואָרן, טויזנטער ייִדיש־שאַפֿערס זײַנען פֿאַרטיליקט געוואָרן. ישובֿים, פֿון וועלכע ייִדיש האָט געצויגן יניקה, זײַנען אויסגעוואָרצלט געוואָרן. אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, און אין אַ צאָל אַנדערע אַמעריקאַנישע און מערבֿ־אייראָפּעיִשע לענדער, איז אַ גאַנצער דור אָפּגעשטופּט געוואָרן פֿון ייִדיש, דער ייִדיש־רעדנדיקער דור איז עלטער געוואָרן, פֿאַרלוירן אַ גרויסן טייל פֿון זײַנע שאַפֿערס. לעצטנס איז צוגעקומען דער אומגליקלעכער און ניט דערוואַרטער טראַגישער קלאַפּ אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. גאָר לעצטנס — די אויפֿטרייסלונג אין פּוילן.

גלײַכצײַטיק איז געקומען דאָס געבורט פֿון ישׂראל מיט העברעיִש ווי די אָנגענומענע לאַנדשפּראַך, ווו דער גורל פֿון ייִדיש האָט געהאַט זײַנע אַרויפֿן און אַראָפּן.

און ווידער שטייען מיר, נאָך אַלץ אַ מיעוט פֿון פֿאָלק, 60 יאָר נאָך טשערנאָוויץ, און טוליען זיך צו דער פֿאָן, וואָס מ'האָט אונדז איבערגעגעבן, ווידער בײַם סוף אָדער בײַ אַ נײַעם אָנהייב, ווידער אויפֿן שיידוועג, ווידער מיט אַ ציטערדיקן פֿרעגצייכן אין די אויגן און אין די הערצער, ווידער אין דער פּאָזע פֿון אַלטן נבֿיא יחזקאל, וואָס קוקט אויפֿן טאָל פֿון די עצמות היבשות, די טרוקענע ביינער: „התחיינה?“ (האַסיכיענאָ — קענען זיי לעבעדיק ווערן?).

ווידער פֿאָדערט זיך פֿון אונדז אַן ענטפֿער און אַ סך־הכּל. אויף זשיטלאָווסקיס פֿראַגע פֿון דעצעמבער, 1908, צי די ייִדיש־באַוועגונג איז געווען „אַן עפּיזאָד", אָדער „דער אָנהייב פֿון אַ נײַעם פּרק", קאָנען מיר מיט זיכערקייט און אָן איבערטרײַבן ענטפֿערן: עס איז געווען דער אָנהייב פֿון אַן אויסערגעוויינלעכן פּרק, איינעם פֿון די שעפֿערישסטע פּרקים אין דער קולטור־געשיכטע פֿון אונדזער פֿאָלק. די פֿראַגע איז אָבער: האַלטן מיר איצט בײַם סוף פֿון אָט דעם וווּנדערלעכן פּרק?

לאָמיר אויף דער פֿראַגע פּרוּוון געפֿינען אַן ערנסטלעכן ענטפֿער.

אמת, שפּראַכן לעבן ניט אייביק. אָבער, ווען מיר פֿאַרסך־הכּלען די זעקס־צענדליק יאָר זינט טשערנאָוויץ, קומען מיר נאָך אַלץ צום אויספֿיר: שפּראַך איז ניט קיין בגד וואָס מען טוט אים אויס און מען טוט אים אָן, און אונדזערע פֿאָלקמאַסן זײַנען ניט קיין וואַנדאַלן וואָס וואַרפֿן זיך מיט ווערטן, וואָס זיי האָבן אַליין געשאַפֿן. עס קומט זיי דאָך אַן אַזוי מאָוימ־דיק שווער יעדער באַשאַף זייערער. מיט בלוט און מיט יסורים האָבן זיי אַ לשון פֿאַר זיך אויסגעכאָוועט, און דאָס לשון איז זיי אַ צונג גע־וואָרן, זייערע געפֿילן און געדאַנקען אָנגעקליידט, זיי באַוווסטזײַן געגעבן — און זאָל אַפֿילו דער קלענסטער מיעוט פֿון פֿאָלק דאָס לשון פֿאַרהיטן, וועט עס נאָך אַלץ בלײַבן ווי אַ וויכטיק שאַפֿעריש פֿאַרמעג פֿון גאַנצן פֿאָלק, אַפֿילו אויב בלויז ווי אַ קולטור־שפּראַך און ניט ווי אַ טעג־לעך באַניץ־ און קאָמוניקאַציע־לשון.

עס גייט נישט בלויז אין וואָלונטאַריזם, כאָטש דער אָרגאַניזירטער פֿאָלקווילן שפּילט אַ גרויסע ראָלע. ייִדיש — דאָס לשון פֿון דורות באָבעס, וואָס האָבן דעם צער און דעם פּײַן זייערן אין טרערן־פֿאַרגעלטע תּחינות אַרײַנגעאָטעמט; דאָס לשון פֿון די „ברידער און שוועסטער" אויף די ערשטע מאַיוווקעס; דאָס לשון פֿון „מיר ווערן געהאַסט און געטריבן" און די סוועטשאַפּ־אַרבעטער, יאָ — דאָס לשון פֿון „דאָרט ווו די צעדער", דאָס לשון פֿון געהיימע געטאָ־שולן און „זאָג ניט קיין מאָל" — איז מער ווי סתּם אַ צופֿעליקער בגד. עס איז דאָס פֿאָלק גופֿא. אויב ניט, וואָלט דאָס לשון זיך ניט געהאַלטן און ניט דורכגעריסן ווי ביז איצט. דער פֿאַקט איז, אַז ייִדיש האָט דורכגעטראָגן די אונטערדרי־קונג און רדיפֿות אין ישׂראל, דעם שאָק פֿון קולטור־חורבן אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, די געפֿאַר פֿון אַסימילאַציע בײַ אונדז און דעם כּסדרדיקן אָנ־גריף פֿון פֿאָלק־פֿאַרלייקענערס און אָפּאָרטוניסטן.

ניין, מיר שטייען נאָך אַלץ ניט בײַם סוף פֿון דעם טויזנטיאָריקן קולטור־פּרק אין דער ייִדישער געשיכטע, וואָס הייסט ייִדיש און ייִדיש־שאַפֿונג. דער אויפֿגעלעבטער אינטערעס אין ייִדיש אַפֿילו בײַם דריטן דור ייִדן אין אַמעריקע, דער דראַנג פֿון די ייִדן אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד צו הערן אַ ייִדיש וואָרט און לייענען אַ ייִדיש וואָרט נאָך יאָרן פֿון אונ־

טערדריקונג, די געביטענע מערכה פֿון ייִדיש אין ישׂראל — דאָס אַלץ זײַנען סימנים, אַז די פֿאָלקמאַסן גיבן ניט אויף די שפּראַך — ניט מיט גוטן און אַפֿילו ניט אונטער צוואַנג.

אַוודאי וועט עס פֿון זיך אַליין ניט געשען. סע שטייען אונדז פֿאַר גרעראַנגלען פֿון אַזאַ פֿאַרנעם, וואָס הלוואַי זאָלן מיר נאָר האָבן די פֿאַר־שטענדעניש און די כּוחות זיי אַנצופֿירן. אין די דרײַ וויכטיקסטע ישובֿים איבער דער וועלט ראַנגלען מיר זיך מיט שווערקייטן, קעגן מאָוימדיקע סכּנות — מיט די כּוחות פֿון אַסימילאַציע, אָפּאָרטוניזם, ניט דערפֿילטע צוזאָגן. און דאָך — 60 יאָר נאָך טשערנאָוויץ זײַנען מיר נאָך אַלץ עקשנותדיק דאָ. אַלע היסטאָרישע סימנים ווײַזן אָן, אַז אַזוי לאַנג ווי עס וועט בלײַבן אַ פֿאָלק, וועט מיט אים — זאָל זײַן קנאַפּער, זאָל זײַן אין אַ געביטענער פֿאָרם — בלײַבן דאָס ייִדישע לשון. די שפּראַך איז געוואָרן אַ היסטאָרישער תּנאַי פֿאַרן וועלטלעכן קיום פֿון פֿאָלק.

מיט טויזנט יאָר צוריק האָט אַ קליינע גרופּע ייִדן אין דרום־דײַטש־לאַנד, אין דעם רהײַן־טאָל, געשאַפֿן פֿאַר זיך אַ שפּראַך. טויזנט יאָר שפּעטער, אין די צוואַנציקער און דרײַסיקער יאָרן פֿון הײַנטיקן יאָר־הונדערט, האָבן צען פֿון זיבעצן מיליאָן ייִדן גערעדט די שפּראַך — די גרעסטע צאָל ייִדן וואָס האָבן, ווען עס איז אין דער געשיכטע, געהאַט אַ בשותּפֿותדיק לשון. נאָך איצט קאָן מען מיט ייִדיש אויספֿאָרן די גאַנצע וועלט. פֿון אליהו בחורס „בבֿא בוך", פֿון אָנהייב 16טן יאָר־הונדערט, און גליקל האַמעלס צאַרטע זכרונות, געשריבן אין די שלאָפֿ־לאָזע נעכט פֿון איר אַלמנהשאַפֿט, סוף־17טן, אָנהייב־18טן יאָרהונדערט, איז אויסגעוואַקסן אַ וועלט־ליטעראַטור מיט אַן אָטעם פֿון הומאַניזם און אוניווערסאַליזם, וואָס פֿאַרגלײַכט זיך מיט יעדער ליטעראַטור אין וועלכער עס איז שפּראַך אין דער וועלט. ייִדישע שרײַבערס רעדן זיך איבער פֿון קאָנטינענט צו קאָנטינענט. יעדע ייִדישע ליטעראַטור אין יעדן לאַנד איז אייגנאַרטיק פֿאַרן אָרט וווּ זי ווערט געשאַפֿן, אָבער זיי אַלע פֿאַראייניקט, ניט בלויז אַ בשותּפֿותדיק לשון, נאָר אַ בשותּפֿותדיקע טראַ־דיציע און אַ געמיינזאַמער הינטערגרונט. אַלע האָבן איין זיידן — מענ־דעלע, און דורך אַלע טראָגט זיך דער אָטעם פֿון צעגליטן פֿאַרלאַנג פֿאַר גאולה, מענטשלעכער און פֿאָלקישער — פּרץ, און איבער אַלעם שוועבט איין ביטחונדיקער שמייכל — שלום עליכם. די אויסטראַלישע אָדער דרום אַפֿריקאַנער ליטעראַטור, געשאַפֿן אויף ענגליש, האָט ניט מער שײַכות מיט דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור, געשאַפֿן אויף ענגליש, ווי די פֿראַנצויזישע ליטעראַטור האָט מיט דער אַמעריקאַנער (אפֿשר ווײ־ניקער!). אָבער די ייִדיש־שאַפֿערס אין אויסטראַליע, אָדער דרום־אַפֿרי־קע, דערגאַנצן די ייִדיש־שאַפֿערס אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן אָדער אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. ווינטשעווסקי אָדער עדעלשטאַט זײַנען אַלעמענס ירושה און קוויטקאָס קינדער־לידער לערנט מען, וווּ נאָר ערגעץ אַ ייִדישע שול

איבער דער וועלט, און קאַצענעלסאָנס „ליד פֿון אויסגעהרגעטן ייִדיש פֿאָלק" איז פֿאַר אַלעמען דער „איכה ישבֿה" פֿון אונדזער צײַט.

ביין, מיר האַלטן גאָר ניט בײַם סוף פּרק. מיר האָבן ניט פֿאַרשעמט ביז איצט און וועלן ווײַטער ניט פֿאַרשעמען דעם, אפֿשר ניט צו קלאָר אַרטיקולירטן, אָנזאָג פֿון טשערנאָוויץ. מיר גלייבן, אַז די אַסימילאַציע איז בכּוח אָפּצורײַסן פֿון אונדז צווײַגן, אָבער דעם בוים וועט זי ניט אונטערגראָבן. מיר גלייבן, אַז ייִדישע ישובֿים איבער דער וועלט וועלן טאַקע האָבן נאָענטע פֿאַרבינדונגען און שײַכותן מיט ישׂראל, אָבער זיי וועלן, כּדי לעבן בלײַבן ווײַטער, שאַפֿן אַ בשותּפֿותדיקע קולטור און דער פֿאַרבינד־פֿאָדעם צווישן די קולטור־צווײַגן וועט אומפֿאַרמײַדלעך, נאָך אויף דורות ווײַטער, בלײַבן דאָס ייִדישע לשון.

(דעצעמבער, 1968)

דער שטורעם־פֿויגל פֿון ייִדישן קולטור־רענעסאַנס

„מײַן פֿאָלק, איך בין דײַן און מײַנע חלומות זײַנען דײַנע. אַ חלום האָב איך געזען...״

(חיים זשיטלאָווסקי)

1

די זשיטלאָווסקי־געשטאַלט איז געווען איינציק און אייגנאַרטיק אין דער רײַכער גאַלעריע פּערזענלעכקייטן אין אונדזער פֿאָלקלעבן די לעצטע 75־80 יאָר. ניטאָ מיט וועמען אים צו פֿאַרגלײַכן, סײַדן מיט פּרצן, וועלכער האָט קינסטלעריש דורכגעפֿירט אַן ענלעכע, אַ בשותּפֿותדיקע, געשיכטלעכע מיסיע. דר. חיים זשיטלאָווסקי איז ניט געווען — ווי דער נוסח גייט — סתּם אַ בריק צווישן דורות. ער איז גיכער געווען די אַרענע אויף וועלכער עס זײַנען פֿאָרגעקומען גרויסע קאָליזיעס פֿון נוסחאות, שטרעמונגען און אידייעס, לעבן־פֿאָרמעס און לעבן־אײַנשטעלונגען — ערנסטע היסטאָרישע געפֿעכטן, וואָס האָבן באַדאַרפֿט באַשטימען ווער עס וועט באַווירקן און אויסגעשטאַלטן דאָס מאָדערנע ייִדישע לעבן. ער איז געווען דער צענטראַלער ברענפּונקט אין ייִדישן לעבן, ווו עס האָבן זיך צונויפֿגעטראָפֿן היסטאָרישע געדאַנקען־שיטות און עיקרים, ווו עס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט, איבערגעבראָכן, דיסטילירט, און — שפּעטער — סינטעזירט די הויפּט־אײַנפֿלוסן, וואָס האָבן באַווירקט דאָס ייִדישע לעבן אין אַ צײַט פֿון איבערגאַנג און געשיכטלעכע טראַנספֿאָרמאַציעס.

דר. חיים זשיטלאָווסקי איז מסתּמא ניט געווען דער פֿירער פֿון זײַן דור (ס׳איז בכלל ניט מעגלעך רעדן וועגן אַ פֿירער אין אַ קאָמפּליצירט, פֿאַרשיידנאַרטיק, פֿילפֿורעמדיק ייִדיש לעבן, אין וועלכן עס האָבן זיך געראַנגלט אַזוי פֿיל השפּעות און אידעאָלאָגיעס). ער איז אָבער, פֿאַר גרויסע טיילן פֿון פֿאָלק, געווען איינער פֿון די ווײַזערס, וואָס איז געשטאַנען בײַם שיידוועג אין איינעם פֿון די סאַמע ערנסטע, פֿאַרנעפּלטע בראשית־מאָמענטן אין מאָדערנעם לעבן פֿון פֿאָלק.

די צײַט איז דעמאָלט, אין מאָריס ווינטשעווסקיס ווערטער, „געווען אויף דער צײַט״, זיך געקאָרטשעט אין ווייען און געגאַנגען שווער צו קינד: פֿון ייִדישע בעל־מלאָכות איז געוואָרן אַרבעטורער, פֿון אַרבעטורער —

פּראָלעטאַריער. דער אַלטער לעבן־אופֿן האָט פֿאַרלוירן זײַן האַפּט, די רעליגיע — איר שליטה. די אָרעמע שיכטן האָבן געקרעכצט אונטערן געוויכט פֿון היימישער און דרויסנדיקער אונטערדריקונג. אַ פֿאָלק איז געשטאַנען — פֿאַרלוירן און דערשראָקן — בײַ געשיכטלעכע שוועלן און ניט געוווּסט ווי זיי אַריבערצוגיין. דאָס אַלטע האָט געשלעפּט אויף צוריק, די וועלט האָט געקלאַפּט אין טיר. די אָנצײַגערס אויף די וועגן האָבן געוויזן אין אַלע מעגלעכע ריכטונגען, אָפֿט אין פֿאַלשע, אָפֿט אין ערגעץ ניט.

ענטפֿערס האָבן זיך געשאָטן פֿון אַלע זײַטן: חיבת ציון, שפּעטער — דער פּאָליטישער ציוניזם; סאָציאַליזם; „כּל ישׂראל חבֿרים" — ניין, „כּל בעלי־המלאכה חבֿרים"; ווערן „נײַע מענטשן" („גאָוויע ליודי"), זיך לאָזן פֿאַרטראָגן פֿון „צײַטגײַסט" — זיך אַסימילירן, אויסמישן זיך און אויפֿהערן; ניין, איזאָלירן זיך פֿון דער וועלט, זיך אָפּשליסן.

און פֿראַגעס האָבן זיך אָנגעזאַמלט: ווי עפֿנט מען טיר־און־טויער צו דער וועלט און מען פֿאַרלירט ניט דערבײַ דאָס אייגענע פּנים? און אפֿשר, צוליב „פּראָגרעס", אָפּמעקן ס'אייגענע פּנים?

2

פֿון די אַלע ענטפֿערס, און האַלבע, און פֿערטל־ענטפֿערס האָבן זיך אַרויסגעשיילט צוויי בולטע שיטות, צוויי אידעיִשע שטראָמען.

צוויי הויפּט־שטראָמען האָבן זיך איבערגעקרייצט אין ייִדישן לעבן, געפֿלאָסן באַזונדער, זעלטן זיך צוזאַמענגעטראָפֿן. זיי האָבן באַוואָסערט און אָפֿט, אין זייער עקסטרעמען צושטאַנד, געדראָאַט צו פֿאַרפֿלייצן דעם אויפֿוואַכנדיקן פֿאָלק־באַוווּסטזײַן — דער נאַציאָנאַליזם, פֿון איין זײַט, און דער סאָציאַליזם, ווי ער האָט באַווירקט און זיך אויסגעשטאַלט אין ייִדישן לעבן, פֿון דער אַנדער זײַט. דער סינטעז פֿון די צוויי איז געוואָרן אַ היסטאָרישער אימפּעראַטיוו פֿאַרן רענעסאַנס פֿון ייִדישן פֿאָלקלעבן אין לעצטן פֿערטל פֿון 19טן יאָרהונדערט. די צוקונפֿט פֿון ייִדישן פֿאָלק, ווי פֿון אַלע פֿעלקער, האָט זיך בלויז געקאָנט אויסגעשטאַלטן אויפֿן פֿלאַך פֿון אַ וועלט־אויסקוק, וואָס זאָל די ביידע צונויפֿשמעלצן. ניט דער ציוניזם, ניט דער גלות־נאַציאָנאַליזם, וואָס האָט אויך אײַנגעשלאָסן דובנאָווס אויטאָנאָמיזם (וואָס איז געשטאַנען, לויט זשיטלאָווסקיס אייגענער קריטיק, אויף ריין בירגערלעכע יסודות) האָבן געקאָנט לייזן די פּראָבלעמען פֿון נאַציאָנאַלן רענעסאַנס און קיום. פּונקט אַזוי ווייניק האָט די לייזונג געקאָנט קומען פֿון די סאָציאַליסטן צווישן ייִדן, וואָס האָבן פֿאַרלייקנט די נאַציאָנאַלע נויטן און אַספּיראַציעס פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק, און זיך אָפּגעריסן פֿון פֿאָלקס וואָרצל אין נאָמען פֿון אַלגעמיינער מענטשלעכער גאולה.

אין ייִדישן לעבן האָבן, הייסט עס, געווירקט צוויי פּאָליוסן (אַ צושטאַנד, וואָס האַלט נאָך היפּשלעך אָן עד היום). ס'איז פֿאָרגעקומען אַ שאַרפֿע פֿונאַנדערטיילונג צווישן די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע לייזונגען —

און דערלייזונגען — היפּאָטעזעס און גלויבנס. לילִיענבלום, אחד־העם, אַפילו דובנאָוו און אַנדערע האָבן געטראַכט בלויז אין נאַציאָנאַלע קאַטעגאָריעס, אָן פאַרשטענדניש פאַר די סאָציאַלע פּראָבלעמען און נויטן פון די פּאָלק־מאַסן. (ש. דובנאָוו, אין זײַנע „בריוו וועגן אַלטן און נײַעם ייִדנטום", קלאָגט זיך: „אַנשטאָט דער פּאָליטיק פון אַלגעמיינע פאָלק־אינטערעסן, וואָס שטייען אין דער העכסטער געפאַר, שלעפּט מען אונדז אויף דעם וועג פון קלאַסן־פּאָליטיק, וואָס שפּאַלט פונאַנדער יענע אַלגעמיינע אינטערעסן און שטעלט אַוועק אויף זייער אָרט פּריוואַטע אינטערעסן, עקאָנאָמישע!" ציטירט לויט חיים זשיטלאָווסקיס „דובנאָווס 'גײַסטיקער' נאַציאָנאַליזם"). מײַנסטע סאָציאַלע אידעאָלאָגן האָבן געטראַכט אין געזעלשאַפטלעכע, סאָ־ציאַליסטיש אָנגעהויבטע קאַטעגאָריעס, אָבער אָן חוש פאַר דער נאַציאָנאַ־לער נויט פון פאָלק. דער סכום פון זייערע אידייעס האָט זיך באַזירט אויף פּאָסטולאַטן, וואָס האָבן דאָס נאַציאָנאַלע נעגירט, אַפילו מקריב גע־ווען אויפן מיזבח פון אַלגעמיינעם פּראָגרעס.

דער סינטעז, וואָס דר. חיים זשיטלאָווסקי האָט אַנטוויקלט (אַ נאַציאָ־נאַל־סאָציאַלער אידייען־צונויפגוס, וואָס איז מיט דער צײַט געוואָרן די באַזע פאַר אַ גאַנצן לעבן־אויפן), האָט צוזאַמענגעוועבט נאַציאָנאַל־פאָלקישע אַספּיראַציעס מיט סאָציאַלע אײַנשטעלונגען, ייִדיש־פאָלקישקייט מיט סאָ־ציאַליזם (ווי ער האָט אים אויסגעפּאַסט אין פאַרשיידענע עפּאָכעס). דעם סינטעז האָט דר. חיים זשיטלאָווסקי אַנטוויקלט זייער פרי — יאָרן פאַרן געבורט פון „בונד" און דעם פּאָליטישן ציוניזם. קוקנדיק אויף צוריק און פאַררופנדיק זיך אויף זײַנע אַרבעטן פון 1887 און 1892, באַשטעטיקט דר. זשיטלאָווסקי פון דאָס נײַ אין 1908, אַז „די אידייע פון אַ זעלבשטענ־דיקער, נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ פון דעם ייִדישן פאָלק אין די גלות־לענ־דער איז אויסגעוואַקסן אונטער דעם אײַנפלוס פון דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק אין די מיטעלע אַכציקער יאָרן..." (אין אויבן דערמאָנטן אַרטיקל).

און ער באַשטעטיקט פון דאָס נײַ דעם מאַניסטישן כאַראַקטער פון זײַן גלויבן: „די ייִדישע סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ וואָלט געקאָנט פרײַ און אָן מורא פונאַנדערוויקלען די פאָן פון דעם אַלוועלטלעכן סאָציאַליזם פאַר די ייִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן און אין איינעם מיט זיי אַרײַננעמען אין די אייגענע הענט דעם גורל פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון ייִדישן פאָלק".

דר. חיים זשיטלאָווסקי האָט געפּרווט געפינען ענטפערס אויף די קאָמפּליצירטע פראַגעס — ווי בויט מען דעם סאָציאַליזם בײַ אַן אויסנעם־פאָלק, וואָס איז צעזייט און צעשפּרייט איבער דער וועלט? און פון דער אַנדער זײַט, ווי היט מען אײַן די נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ בײַ אַ פאָלק וואָס לעבט אין אויסנעם־תּנאים, און וואָס מוז, צוליב קיום און זי־כערקייט, ווערן אַ טייל פון אַ פאַרויסגייענדיקער מענטשלעכער געזעל־שאַפט, געבויט אויף יסודות פון פּראָגרעס און דער פאַרברידערונג פון פעלקער. כאָטש אַ פילאָסאָפישער אידעאַליסט, וואָס האָט אָפט ניט אָנגע־

גומען מאַטעריאַליסטישע אײַנשטעלונגען און אַפילו געלייקנט מאַטעריאַ־ליסטיש־דיאַלעקטישע גרונט־הנחות אין שײַכות מיט דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט, האָט דר. חיים זשיטלאָווסקי אָבער כּסדר און אויסגע־האַלטן אָפּגעשאַצט די דינאַמיק פון די געזעלשאַפטלעכע כּוחות, וואָס באַ־וועגן די געשיכטע פאָרויס, און כּסדר געשטאַנען אויף די פּאָזיציעס פון פּראָגרעסיוו אַרגעשריטענער, סאָציאַליסטישער, געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. ער איז קיין מאָל ניט אָפּגעטראָטן פון זײַן גלויבן אין אַן אינטערנאַציאָנאַליזם פון גלײַכע מיט גלײַכע, וואָס פאַרווישט ניט די נאַציאָנאַלע ספּעציפיק פון יעדן פאָלק: „זאָל דער פּראָגרעס פון דער מענטשהייט אַנגיין שטענדיק... זאָל די מענטשהייט באַשטיין פון פאַרשיידענע שפּראַכן־און קולטור־ספערעס. איך גלויב אין דעם שטענדיקן פּראָגרעס פון דער מענטשהייט, דאָס הייסט, פון פעלקער... איך גלויב אין פולן טריומף פון אַזאַ אינטערנאַציאָנאַליזם. וואָס שטרעבט אין דער פעלקער־פאַרברידערונג אויפצוהאַלטן די אייגנאַרט פון יעדן פאָלק".

נאָך אין *1898*, ווי אַן ענטפער דער קאָסמאָפּאָליטישער אַסימילאַציע, האָט זשיטלאָווסקי דערקלערט: „די נײַע געזעלשאַפט איז גאָר ניט אויסן אָפּצושאַפן אַלע פעלקער, צונויפקנעטן זיי אין איין טייג און מאַכן פון דעם טייג איין גרויסן לאַבן — מענטשהייט".

און ווידער: „אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סימפאָניע פון דײַטשן טרומפּייט, רוסישן באַס, פּוילישן פּיקל, וויל איך נאָך זען די ייִדישע פידל".

דאָס איז אַן אײַנשטעלונג, וואָס איז גילטיק ביז איצט, אַ געדאַנק וואָס מיר דאַרפן אים נאָך איצט און תּמיד פאַרטיידיקן. די מענטשהייט איז אַ סימפאָניע פון גלײַכבאַרעכטיקטע פעלקער און קיין פאָלק — אַפילו דאָס קלענסטע! — דאַרף ניט מקריבֿ זײַן זײַן אייגנאַרט, כּדי צו ווערן אַ יבֿא בקהל בײַ דער מענטשהייט!

כּדי צו באַפעסטיקן דעם געזונטן און נייטיקן אינטערנאַציאָנאַליזם, דער צוזאַמען־קיום פון גלײַכע פעלקער, דאַרף מען אַרויסשטעלן אדם־נאַקעט דעם פאַרקריפּלטן און רעאַקציאָנערן קאָסמאָפּאָליטיזם, וועמענס גרונט־הנחה איז אַן אויסמישונג פון פעלקער, אין וועלכער יעדעס פאָלק (און, דער עיקר, די קלענערע!) גיט אויף זײַן קולטור און נאַציאָנאַלע ספּעציפיק אויפן מיזבח פון פּראָגרעס (היסטאָריש מיינט עס: דער „פּראָגרעס" פון גרעסערע פעלקער וואָס שלינגען אײַן די קלענערע!).

זשיטלאָווסקי שטרײַכט שאַרף אונטער דעם חילוק צווישן אינטערנאַ־ליזם און קאָסמאָפּאָליטיזם: „אַן אַסימילאַטאָר בין איך אין גאַנצן געווען אַ פּאָר יאָר, אַן אינטערנאַציאָנאַליסט בין איך אָבער פאַרבליבן אויף מײַן גאַנץ לעבן. איך זאָג בפירוש אַן אינטערנאַציאָנאַליסט, ניט קיין קאָסמאָ־פּאָליט".

3

ווי אַ רעזולטאַט פֿון די אײַנשטעלונגען — און דאָס איז געווען אי' אַ תּנאַי און אי אַ פּועל יוצא פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון מאָדערנעם ייִדישן רענעסאַנס — האָט דר. חיים זשיטלאָווסקי געהאָלפֿן אויסגעשטאַלטן אַ גאַנצע ייִדישע פּערזענלעכקייט.

ער האָט געהאָלפֿן פֿונאַנדערוואַרפֿן דעם צווים פֿון דער סקיצאָפֿרע־נישער, השׂכּלהשער צעשפּאָלטענער פּערזענלעכקייט — „אַ ייִד אין דער היים, אַ מענטש אין גאַס". איינער פֿון די גרונט־תּנאָים פֿאַר דער אַנטוויקלונג און דער אויסשולונג פֿון אַ מאָדערנער ייִדישער אינטעליגענץ — אין דער ליטעראַטור, אין דער דערציִונג, אין אַלגעמיינעם ייִדישן לעבן — איז געווען דער זשיטלאָווסקישער „ייִד־און־מענטש"־באַגריף. דער באַגריף האָט מיט זיך פֿאַרגעשטעלט און פֿאַראויסגעזען דעם פּראָ־טאָטיפּ פֿון אַ נײַער פֿאָלק־אינטעליגענץ, וואָס זאָל זײַן מסוגל אויסצו־געשטאַלטן דעם פֿאָלקס לעבן. זשיטלאָווסקי האָט אים געהאָלפֿן זיך אויס־פֿורעמען, אָט דעם נײַעם פֿאָלק־אינטעליגענט, גערעדט צו אים דערוואַק־סענע שׂכלדיקע, אינטעלעקטועלע רייד, נאָך איידער דער צוהערער האָט אים רעכט פֿאַרשטאַנען. רעדנדיק וועגן פּרצן, האָט זשיטלאָווסקי געזאָגט: „פּרץ האָט גערעדט ווי אַ מאָדערנער, געבילדעטער מענטש צו מאָדערנע געבילדעטע מענטשן" — דאָס איז די טרעפֿלעכסטע אַליין־כאַראַקטעריסטיק וואָס זשיטלאָווסקי האָט געקאָנט געבן פֿאַר זיך. פֿון די אַזוי־גערופֿענע זשיטלאָווסקי „חסידים" איז אויסגעוואַקסן אַ פֿאָלק־אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט אויף אַ נאַטירלעכן אופֿן לעבן אין דער גײַסטיק־אידיי־אישער רעם, וואָס איז געוואָרן ניט נאָר אַ לעבן־באַנעם, נאָר אַ באַזע פֿאַר פּערזענלעכע שײַכותן צו פֿאָלק און וועלט — אַ לעבן־אופֿן.

כּדי צו ווירקן און קערעווען דעם פֿאָלקס לעבן, דאַרף די אינטעלי־גענץ זײַן אַ טייל פֿון פֿאָלק. קיין איבער־נאַציאָנאַלע אינטעליגענץ קאָן ניט העלפֿן. „די ייִדישע אינטעליגענץ דאַרף זײַן ייִדיש און ניט טאַטעריש..."

דאָס וואָס, ווי ס'איז אָפֿט געווען דער פֿאַל, פֿאַרשיידענע אידעיִשע גרופּירונגען אין ייִדישן לעבן האָבן אָנגענומען די זשיטלאָווסקי־שיטה בלויז טיילווײַז, יעדע לויט איר נויט און לויט איר פּאָליטישער אײַנזע־עניש און באַדערפֿעניש, טאָר ניט פֿאַרשאַטענען די איינהייט פֿון זשיט־לאָווסקיס נאַציאָנאַל־סאָציאַלן סינטעז, און אים אַוודאי ניט אָפּשוואַכן.

4

דר. חיים זשיטלאָווסקיס ראָלע ווי דער פֿאָטער פֿון מאָדערנעם ייִדישן סעקולאַריזם ווערט ערשט איצט בולטער. אויך דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט אַ פּרשת־דרכימדיקן מאָמענט אין דעם שווערן היסטאָרישן אַנטוויקל־פּראָ־צעס פֿון פֿאָלק. צוזאַמען מיטן פֿונאַנדערפֿאַל פֿון די ווענט פֿון מיטלאַלטער אַרום דעם ייִדישן לעבן, איז שטאַרק געפֿאַלן די שליטה פֿון דער ייִדישער

רעליגיע, ווי דער אײנציקער קנופּ און אויסדרוק פֿון נאַציאָנאַלע שײַכותן. נײַע פֿעדעם, וואָס זאָלן פֿאַרבינדן דעם יחיד מיטן פֿאָלק זײַנען געוואָרן נייטיק, אויב ניט וואָלטן גרויסע טיילן פֿון פֿאָלק געווען פֿאַרמישפּט צו נאַציאָנאַלער אַטראָפֿיע, צו פֿאָלקישן כּרת, פֿאַרשטופּט געוואָרן אין תּהום פֿון אַסימילאַציע. דאָ האָט דר. חיים זשיטלאָווסקי געגעבן ענטפֿערס, וואָס האָבן געוואָרצלט אין דער געשיכטע און גלײַכצײַטיק אַרויסגעוויזן אויס־נעמלעכע ווײַטזעיִקייט פֿאַר דעם מאָרגנדיקן גאַנג פֿון ייִדישן פֿאָלק־לעבן.

אמת, די השׂכּלה האָט זיך געראַנגלט (און זי האָט אין דעם פּרט דורכ־געפֿירט אַ דרינגענדיקע היסטאָרישע מיסיע!) קעגן דעם קלער און קעגן דער אָפּגעשטאַנענער פֿאַנאַטישקייט פֿון פֿאָלק. זי האָט, אָבער, בלויז גע־קאָנט פֿירן צו אַ מין ראַציאָנאַליזירטן, פֿון איבערגלויבנס באַפֿרײַטן, ייִדישן גלויבן. די עיקרים פֿון ייִדישן דת האָט זי ניט אָנגערירט. דאָרט ווו יאָ אָנגערירט, האָט זי געמוזט אין גאַנצן אָוועקפֿירן פֿון פֿאָלק, ווײַל קיין נײַע פּאָזיטיווע נאַציאָנאַלע שײַכות־פֿאָרמעס — קיין אָנשפּאַר־פּאָזיציעס — איז זי, פֿאַר איר צײַט, ניט בכּוח געווען פֿירצולייגן און ניט צו אַנט־וויקלען. זשיטלאָווסקיס הויפּט־טעזע, וואָס האָט רעדוצירט די ייִדישע רע־ליגיע צו אַ „צווײַג פֿון ייִדישן בוים און ניט דער שטאַם" (זײַן טערמינאָ־לאָגיע) איז געווען אַן אַקט פֿון באַטײַטנדיקער היסטאָרישער דערקענטע־ניש און באַפֿרײַונג. אָט אין דעם צווײַג־שטאַם בילד־באַגריף איז גע־לעגן, ניט נאָר דער קערן, נאָר דער פֿונדאַמענט פֿאַר די אײַנשטעלונ־גען פֿון ייִדישן סעקולאַריזם, אויף וועלכן מיר בויען אונדזער וועלטלעך־פֿאָלקישן בנין ביז הײַנטיקן טאָג. דער געדאַנקען־סיסטעם האָט זיך אָנ־געשפּאַרט אויף צוויי דערקענטענישן: פֿון איין זײַט אָננעמען רעליגיע ווי אַ וויכטיקן לעבן־אויסדרוק, און פֿורעם, פֿאַר אַ באַשטימטן (קלענערן אָדער גרעסערן) סעקטאָר פֿון פֿאָלק, פֿון דער אַנדערער זײַט אָנערקענען און פּראָקלאַמירן דעם סעקולאַריזם ווי אַ גלײַכבאַרעכטיקטן און גלײַכ־ווערטיקן צווײַג פֿון דעם אַלטן שטאַם — אײַנגעטונקען אין טראַדיציע, אַן אַרויסוווּקס און אַ נאַטירלעכע אַנטוויקלונג פֿון פֿאָלקס עבֿר.

צום ערשטן מאָל ווערט פֿעסטגעשטעלט די טעזע פֿון פּלוראַליסטי־שער פֿאַרשיידנקייט פֿון ייִדישן נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם — ניט בלויז לויט עקאָנאָמישע קלאַסן־ליניעס, נאָר אויך לויט אידעיִש־נאַציאָנאַלע אויפֿ־פֿאַסונגען און קרעדאָס. (כאָטש אין אַלגעמיין האָט זיך דער סעקולאַריזם נאָך אַלץ אָנגעשפּאַרט אויף די אונטערשטע שיכטן פֿון פֿאָלק — דעם אַרבעטער, דעם קליינבירגערטום און גרויסע טיילן פֿון דער מאָדערנער פֿאָלק־אינטעליגענץ). צום ערשטן מאָל ווערט באַשטעטיקט די גרונט־שטעלונג, אַז יעדער טייל פֿון פֿאָלק — כּל־זמן ער איז צוגעבונדן צום בוים — האָט אַ רעכט אויסצוגעשטאַלטן זײַנע אייגענע נאַציאָנאַלע שײַ־כותן און פֿורעמען די נאַציאָנאַלע צוקונפֿט לויט זײַן געשיכטלעכער אויפֿ־פֿאַסונג.

„דער יסוד, דער וויכטיקסטער קולטור־באַדינג פֿאַר דער אַנטוויק־

לונג פון אונדזער נײַער קולטור דאַרף זײַן די אַבסאָלוטע גלײַכבאַרעכ־טיקונג פון אַלע ריכטונגען", האָט זשיטלאָווסקי דערקלערט מיט מער ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק.

נעמענדיק אין באַטראַכט דעם אָנגענומענעם ביז דעמאָלט צוגאַנג, אַז דער ייִדישער גלויבן איז דער איינציקער נאַציאָנאַלער צעמענט — איז דאָס געווען אַ רעוואָלוציאָניזירנדיקע און עמאַנציפּירנדיקע קאָנצעפּציע, וואָס האָט דעם וועלטלעכן נוסח געגעבן אַזען און דעם סטאַטוס פון אַ גלײַכבאַרעכטיקטן נאַציאָנאַלן קאָמפּאָנענט, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע, אין געראַנגל פאַרן פאָלקס קיום און צוקונפט.

די אויפפאַסונג פון נאַציאָנאַלער פאַרשיידנאַרטיקייט און אַנדערשקייט האָט אָפּגעראַטעוועט פאַרן פאָלק גרויסע שיכטן פון נאַציאָנאַלן אָרגאַ־ניזם, וואָס האָבן מער ניט געקאָנט געפינען אין דער רעליגיע דעם אָנ־האַלט פאַר פאָלקישער אָנגעהעריקייט. פון דער אידייאישער פּאָזיציע האָט זשיטלאָווסקי געפירט דעם אויסגעהאַלטנסטן קאַמף קעגן נאַציאָנאַלער נע־גאַציע און קעגן אַסימילאַציע — סיי אין איר נאַציאָנאַליסטישן און סיי אין איר קאָסמאָפּאָליטישן נוסח. (און אַפילו, ווי ער דעפינירט עס, קעגן „ציוניסטישער אַסימילאַציע". זע, „מאָדערנע ייִדישע פּראָבלעמען").

דאָס האָט אים אויך געפירט צו זײַן לעבנלאַנגן געראַנגל פאַר דער דעמאָקראַטישער ייִדישער פאָלק־קולטור, ווי אַ קאַטעגאָרישער תּנאַי פאַר נאַציאָנאַלן רענעסאַנס און קיום. ווי אַ שטריך אין דער גאַנצקייט פון זשיטלאָווסקיס פּרינציפּיעלער אײַנשטעלונג איז וויכטיק אָנצוטײַטן, אַז ער האָט דעם קולטור־געראַנגל, און אַפילו דעם קאַמף פאַר ייִדיש, פאַר־בונדן מיטן אַלגעמיינעם קאַמף פאַר סאָציאַלן פּראָגרעס. אין טשערנאָוויץ נאָך האָט ער (און אין דעם פּרט איז ער ווידער געקומען ווונדערלעך נאָענט צו פּרצן, זיי האָבן אין טשערנאָוויץ גערעדט אַ בשותּפותדיק לשון!) פאַרבונדן די קולטור־אויפלעבונג פון פאָלק ניט נאָר מיטן ייִדישן נאַציאָנאַלן רענעסאַנס, נאָר מיטן אַלגעמיינעם קאַמף קעגן פעלקער־אונ־טערדריקונג און קאָלאָניאַליזם, „מיטן דערוואַכן פון די קליינע פעלקער", ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט.

„די אַנטוויקלונג פון דער נײַער קולטור־ספערע" — זאָגט זשיט־לאָווסקי — „הענגט אָפּ פון דעם היסטאָרישן גורל פון אונדזער פאָלק, און צוריק: דער היסטאָרישער גורל פון אונדזער פאָלק הענגט ביז גאָר אַ גרויסן גראַד אָפּ פון דער רעוואָלוציע אין אונדזער קולטור־לעבן, פון דער נײַער קולטור־ספערע".

דעם געראַנגל האָט ער געפירט אין משך פון זײַן גאַנץ לעבן. אין 1916 האָט ער אַטאַקירט דעם קלעריקאַליזם פון חיים ליבערמאַנען (דער אַרטיקל האָט טאַקע געהייסן „נאַציאָנאַל־קלעריקאַל") פאַר וועלן פאַר־וואַנדלען די נײַ־געבוירענע וועלטלעכע שולן אין מאָדערנע תּלמוד־תּורות. און אין 1943, אין סאַמע לעצטן רעפעראַט, גרײַפט ער אָן די, וואָס פאַר־

לאַנגען פֿון אונדז „רעליגיעזע פּאַספּאָרטן", ווי אַ סימן פֿון נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט.

אין זעלבן רעפֿעראַט אַקצענטירט ער זייער קלאָר, אַז די וועלטלעכ־קייט פֿון דער ייִדישער קולטור איז איינער פֿון די אומבאַדינגלעכע תּנאים פֿון אונדזער סטאַטוס ווי אַ פֿאָלק:

„עס הערן זיך שטימען, וואָס פֿאַרלאַנגען אַ גרינטלעכע רעוויזיע פֿון אונדזער גאַנצן ביז־אַהעריקן שטרעבן. מען פֿאָדערט ווידער, אַז אונדזער קולטור זאָל זיך גרינדן אויף אַ באַשטימטן רעליגיעזן גלויבן, אָדער אויף אַ באַשטימטער רעליגיעזער תּורה. און אויב ניט אויף אַ גלויבן, וועלכן מען קאָן דאָך פֿאָרט ניט פֿאַרשרײַבן, איז לפּחות אויף געוויסע רעליגיעזע אָדער ייִדיש־שטייגערישע לעבנס־פֿאָרמען, וואָס זאָלן זײַן מער אָדער ווייניקער אין האַרמאָניע מיט דער אַלט־ייִדישער טראַדיציע.

„אַנאַליזירט מען אַ ביסל טיפֿער די ליטעראַטור פֿון אָט די נײַע שטימען און שטימונגען, געפֿינט מען, אַז זיי זײַנען אין תּוך אַ באַקעמפֿונג פֿון יענער אײַנשטעלונג אונדזערער, אַז מיר זײַנען אַ פֿאָלק, ווי אַלע אַנ־דערע פֿעלקער פֿון דער וועלט, אַז אויך בײַ אונדז פֿאָדערט דער פּראָגרע־סיווער געדאַנק, אַז אונדזער קולטור זאָל זײַן אַ וועלטלעכע.

„וועלטלעכקייט איז דער טײַטש, אַז רעליגיע איז אַ פּריוואַט־זאַך, אין וועלכער דער שטאַט מישט זיך ניט אַרײַן. פֿאַר דעם שטאַט זײַנען אַלע רעליגיעס גלײַכבאַרעכטיקט". („רעליגיע, קולטור און שפּראַך", זײַט 196, באַנד „ייִד און וועלט", איקוף, 1945).

5

עס האָט אָבער נאָך אַלץ געפֿעלט אַן עיקר.

איינער פֿון די הויפּט־תּנאים פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון ייִדישן סע־קולאַריזם איז געווען — פֿאַרבינדן אים מיט די היסטאָרישע השפּעות און באַוועגונגען וואָס האָבן משפּיע געווען און אויסגעשטאַלט די געשיכטע פֿון פֿאָלק. בעת דער פּראָגרעסיוו־וועלטלעכער ייִד האָט געזוכט אָנקניפּן צווישנפֿעלקערלעכע פֿעדעם, זיך אײַנוועבן אין דער וועלט, האָט ער אויך געמוזט ניט נאָר פֿאַרהיטן זײַן נאַציאָנאַלע אייגנאַרט, זיך באַוועגן ווי אַן אויסדרוק פֿון דער ייִדישער נאַציאָנאַלער ספּעציפֿיק, נאָר זיך אויך זען ווי דער המשך פֿון אַ דורותדיקער ייִדישער אייגנאַרט און ספּעציפֿיק. דער מאָדערנער ייִדישער פּראָגרעסיווער געדאַנק, וואָס האָט אויסגעשטאַלט דאָס נײַע לעבן, האָט זיך באַדאַרפֿט — געמוזט — איבערוויינקען ניט נאָר מיט די הומאַניסטישע שטרעמונגען צווישן אַנדערע פֿעלקער, אין דער ברייט, נאָר אויך (קאַטעגאָריש אויך) מיט אַלע פֿריִערדיקע ייִדישע דורות אין דער טיף.

בעת בײַ אַנדערע פֿעלקער קומט דער איבערגאַנג־און המשך־פּראָצעס אָן נאַטירלעך, כאָטש אָפֿט ניט צו־לײַכט, איז אָבער דער פּראָצעס אין ייִדישן לעבן, ספּעציעל אויפֿן ראַנד פֿון דער נײַער צײַט, געווען אַן אומגע־

הייער שווערער, ווײַל מיינסטע פאַרגאַנגענע דורות האָבן זיך, אויבנאויפיק לכל הפחות, באַוועגט אונטערן סימן פון רעליגיע ווי דער איינציקער נאַ־ציאָנאַלער באַהעפט מיטן פאָלק. און ווײַל דעם נײַעם, זיך אויסשיילנ־דיקן לעבן איז אויסגעקומען, כּדי קאָנען זיך אַנטוויקלען, זיך ראַנגלען קעגן אַזוי פיל איבערבלײַבענישן פון עבֿר, קעגן הינטערשטעליקייטן, קעגן דעם קלער — היסטאָריש, אַ באַרעכטיקטער און נייטיקער באַפרײַונג־קאַמף! — האָט זיך געשאַפן די טענדענץ (וואָס איז ליידער געבליבן צו לאַנג, יאָטערט נאָך אַפילו ביז הײַנט) — צונויפצומישן די גאַנצע פאַרגאַנגענהייט מיט רעאַקציע, ניט צו דערזען דעם אויפרײַסערישן, דראַ־מאַטישן דראַנג פאַר יושר און הומאַניזם און פאָרשריט, וואָס האָט גע־לעבט אין יידישן פאָלק פון זײַן פריִער געשיכטע אָן. דער קורצזעיִקער און שעדלעכער צוגאַנג האָט ניט פאַרשטאַנען, אַז אָפּקלײַבן ווערטן פון דעם עבֿר, זיי צופּאַסן צום הײַנט — איז אַ היסטאָרישער לעבן־תּנאַי פאַר דעם איצט. מען האָט קינדעריש און ווילקירלעך — צו נוצן אַ פאָלק־אידיאָם — אויסגעגאָסן דאָס קינד מיטן ברודנעם וואַסער צוזאַמען.

אין 1908, אָפּשאַצנדיק זיך אַליין אין די 90ער יאָרן, קומט זשיט־לאָווסקי צו אַזאַ שלוס:

„...שוין אויך דעמאָלט [בין איך] געווען איבערצײַגט, און בין עד־היום געבליבן בײַ דער איבערצײַגונג, אַז ניט אַלץ איז צעפוילט אין די אַלטע אוצרות פון אונדזער פאָלק... אַ קריטישע דורכמוסטערונג פון אונדזער קולטורעלער ירושה וועט אַרויסברענגען אומגעהויערע אוצרות... פאַר אונדז וועט זייער ווערט באַשטיין ניט אין דעם וואָס זיי זײַנען אויס־געאַרבעט געוואָרן פון אונדזערע אָבֿות, נאָר אין יענע טיפע אַלגעמיין מענטשלעכע יסודות וואָס געפינען זיך אין זיי".

אין דעם פּרט — און דער פּרט איז פון גרויס־היסטאָרישן באַטײַט — האָט דר. חיים זשיטלאָווסקי רעאַליזירט אַ געשיכטלעכע שליחות, אָן וועלכער דער פרײַער יידישער געדאַנק וואָלט ניט געקאָנט גיין פאָרויס. ער האָט ניט נאָר אַרויסגעשיילט דאָס גרויס־מענטשלעכע פון דער פאַר־גאַנגענהייט, ער האָט צו איר געשטעלט פאָדערונגען, בײַ איר געמאָנט דעם אָנווונק פאַרן איצט און פאַר דער צוקונפט (און ווידער מוז אויפן געדאַנק קומען דער זעלטענער פּאַראַלעל מיט י. ל. פּרצן).

שרײַבט דר. חיים זשיטלאָווסקי:

„מען האָט אָפּט פאַרגעוואָרפן דעם ‚בונד', אַז ער הייבט־אָן די יידישע געשיכטע פון... זיך אַליין. איך ווייס ניט אויף וויפל דאָס איז אמת פאַר דעם ‚בונד' אין אַלע זײַנע טיילן, אָבער פאַר מיר, דעם ‚בונדיסט' פון דעם יאָר 1884, ווי איך האָב געוויסע רעכט מיך צו רופן, טרעפט־צו דער פאָרוווּרף אות באות. „זאָלן די מתים באַגראָבן זייערע מתים" — דאָס איז געווען די גרונט־שטימונג בנוגע צו דעם אַלטן יידנטום. מיר, די יונגע און די פרײַע, מיר וועלן אויפבויען אַן אייגן יידישע קולטור, אַ ריין מענטשלעכע, אַן אייראָפּייאישע... די נײַע בויערס און שאַ־

פֿערס... װעלן פֿרײַ אַרױסברענגען דעם לעבעדיקן ייִדישן גײַסט אָן אַ ברעקל שײַכות צו זײַן שױן לאַנג געשטאָרבענער, אױף אײביק באַגראָ־בענער פֿרײַהײט" („ייִד און מענטש", ז. 114, אין באַנד „ייִד און װעלט", איקוף־פֿאַרלאַג, 1945).

אָט דאָס אַרױסאַנטפּלעקן די נאָענטע שײַכותן צװישן פֿאָרגעשריטע־נער װעלטלעכקײט און טראַדיציע, דאָס פֿאַרעקשנטע אַרױסשײלן פֿון דער פֿאַרגאַנגענהײט די פֿאָרגעשריטענע נאַציאָנאַלע װערטן, האָבן געהאַט אַן אױפֿרײַסערישן באַטײַט פֿאַר דער אַנטװיקלונג פֿון ייִדישן סעקולאַריזם. צום ערשטן מאָל האָט זיך אָנגעהױבן אַ פּראָצעס פֿון איבערװעגן און איבערשאַצן אַלטע װערטן און געפֿינען אין זײ פֿרישע און גאַנצע ציגל, אָן װעלכע מען האָט ניט געקאָנט בױען דעם קולטור־בנין פֿון איצטיקן ייִדישן לעבן. צו אָפֿט האָבן מיר דאָ אין אַמעריקע פֿאַרשריִען זשיטלאָװסקיס געדאַנקען װעגן „פּאָעטישן װידערגעבורט פֿון דער ייִדישער רע־ליגיע" װי רעליגיעזע ראָמאַנטיק. מיר האָבן פֿאַרפֿעלט משׂיג צו זײַן דעם גרונט־אײַנשטעל, װאָס האָט געשטעקט אין דעם באַגריף „נאַציאָנאַלער װי־דערגעבורט" — דאָס אַראָפּנעמען פֿון פּסח אָדער פֿון חנוכּה דעם רעלי־גיעזן אױבערשיכט און אַרױסגעפֿינען די נאַציאָנאַל־דױערנדיקע, פֿאָלקיש־נױטװענדיקע, פֿרײַהײטלעכע קערנער, װאָס די יום־טובֿים טראָגן אין זיך.

דאָס אונטערשטרײַכן די שײַכותן צװישן פֿאָרגעשריטענער װעלטלעכ־קײט און טראַדיציע האָט געהאַט אַ גרױסן פּסיכאָלאָגישן באַטײַט פֿאַר דער נײַער אינטעליגענץ, פֿאַר אונדזער שעפֿערישן דור פֿון קולטור־אַרבעטער: שרײַבערס, קינסטלערס, לערערס. מיר האָבן זיך דערזען װי די יורשים ניט בלױז פֿון װינטשעװסקין און מענדעלען, פֿון אהרן ליבערמאַנען און די משׂכּילים, נאָר אױך פֿון די מכּבייער און די נבֿיאים — מיט רעכט ניט נאָר אױפֿן הײַנט און מאָרגן, נאָר אױך אױפֿן נעכטן פֿון פֿאָלק, מיטן אחריות־געפֿיל, אַז דער עבֿר לײגט אױף אונדז אַרױף התחייבֿותן און מיר קאָנען צו אים שטעלן פֿאָדערונגען.

דאָס נאָר װאָס געזאָגטע איז אײגנטלעך די שנור לױט װעלכער עס ריכט זיך די מאָדערנע, אױסגעהאַלטן־װעלטלעכע, ייִדישע שול. דער פּראָ־צעס פֿון אױסקריסטאַליזירן דעם געדאַנקען־גאַנג און די שײַכותן, זײ אױס־סאָרטירן אין אַן אידײען־סיסטעם און זײ אַװעקלײגן װי אַ פֿונדאַמענט פֿון אַ נאַציאָנאַלער אײַנשטעלונג איז אַ דױערנדיקער און אַ כּסדרדיקער. ער גײט אָן ביז הײַנט. דאָס אַװעקלײגן דעם פֿונדאַמענט פֿאַר די עיקרים איז געװען די אױסדריקלעכע און אױסשליסלעכע עובֿדה פֿון דר. חיים זשיטלאָװסקי. אמת, פּרץ האָט קינסטלעריש רעאַליזירט די זעלבע אידײען, אמת, מאָריס װינטשעװסקי איז קײן מאָל ניט געװאָרן — אין זײַנע װער־טער — „אָפּטריניק פֿון כּנסת ישׂראל", — אָבער אַנטװיקלען די מסקנות װיסנשאַפֿטלעך און אױסקריסטאַליזירן זײ אין אַ גענױען סיסטעם פֿון אַ נאַציאָנאַלער אָנשױונג, און אַרױסברענגען זײ װי אַ „מאָדערנער געביל־דעטער מענטש" אין דעם לשון פֿון דעם מאָדערנעם אינטעליגענט, און

אונטערשפּאַרן זיי מיט היסטאָרישע ראיות — דאָס געהערט צו דער פּען, צום מוח און האַרץ פֿון דר. חיים זשיטלאָווסקי.

אויף וויפֿל די געדאַנקען זײַנען געוואָרן טרעף אין פּראָצעס פֿון אויפֿוואַקסן, פֿון רײַף ווערן פֿון אַ דור, איז עס געווען אַן אַנטוויקלונג־גאַנג פֿון גרויסן נאַציאָנאַלן באַטייט, אַ פּראָצעס, ווי געזאָגט, וואָס מיר האַלטן אין איין אַנטוויקלען און פֿונאַנדעראַרבעטן אין דעם אידיאָם פֿון אונדזער צײַט, אַ פּראָצעס אָן וועלכן די ברירה פֿאַר גרויסע פֿאָלקס־טיילן וואָלט געווען — רעליגיע אָדער אַסימילאַציע.

6

בלויז אַ וואָרט וועגן דר. חיים זשיטלאָווסקי און זײַנע שײַכותן צו דער ייִדיש־וועלטלעכער שול.

וואָלט אַפֿילו דר. חיים זשיטלאָווסקי ניט געווען געהאַט קיין פֿאַרבינדונגען מיט דער ייִדיש־וועלטלעכער שול, וואָלטן זײַנע נאַציאָנאַלע אײַנשטעלונגען נאָך אַלץ געבליבן די אידעיִשע באַזע פֿאַר וועלטלעכער דערציִונג בײַ ייִדן.

די מאָדערנע שול האָט געהאַט פֿאַר זיך צוויי גרונט־אויפֿגאָבן: פֿון איין זײַט רעוואָלוציאָניזירן די ייִדישע דערציִונג, צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פֿון פֿאָלק פֿונאַנדערטיילן רעליגיע פֿון חינוך; און, פֿון דער אַנדערער זײַט, פֿאַרזיכערן, אַז די לעבנס־פֿאָרמע פֿון פֿאָרגעשרייטענעם סעקולאַריזם זאָל אַריבערגעטראָגן ווערן פֿון דור צו דור. די היסטאָרישע נויטווענדיקייט פֿאַר דער שול איז אַרויסגעוואַקסן פֿון דער לאָגישער סכעמע פֿון זשיטלאָווסקישן אידייען־גאַנג. זשיטלאָווסקיס קאָנקרעטער אַקטועלער געראַנגל פֿאַר דער שול איז שוין געלעגן אין דעם מהות פֿון דער פּערזענלעכקייט זײַנער, וואָס האָט אַלעמאָל פֿאַרבונדן אידייע מיט טאַט.

אַזוי פֿרי ווי אין 1909, האָט ער אין „אַן אָפֿענער בריוו צו די פּועלי־ציון" אַוועקגעשטעלט די פֿראַגע: „ווו זײַנען די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן?" אין 1910 איז ער געווען אייגער פֿון די גרינדערס פֿון דער ערשטער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שול אין ניו־יאָרק, און אין 1915, האָט ער — אויפֿן 15טן צוזאַמענפֿאָר פֿון אַרבעטער־רינג — געפֿירט אַ קאַמף צו עפֿענען „ייִדישע פֿרײַע שולן" בײַם אַרבעטער־רינג.

זשיטלאָווסקי האָט אַזוי אָפּגעשאַצט די מאָדערנע וועלטלעכע דערציִונג: „דער נײַער דערציִונג־סיסטעם איז אַ קינד פֿון יענער ריכטונג אין אונדזער עפֿנטלעכן געדאַנק, וואָס קאָן אָנגערופֿן ווערן דער סאָציאַליסטישער גלות־נאַציאָנאַליזם". האַלטנדיק כּסדר אין אויג די צוקונפֿט פֿון פֿאָלק און דעם געראַנגל זי צו געשטאַלטן און פֿאַרזיכערן, האָט ער אַוועקגעשטעלט די שול אין דעם סאַמע צענטער, ווי דער וויכטיקסטער אויסדרוק פֿון אונדזער מאָדערנער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג: „די נײַע שול איז דאָס וויכטיקסטע קינד פֿון דער פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלער עפּאָכע אין

אונדזער געשיכטע". די שליסל־ווערטער אין דער אויפֿפֿאַסונג זײַנען: "וויכטיקסטע" — אַן אָנטײַט אויף דעם אָרט פֿון דער שול, "פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַל" — אַן אָנווונק אויף איר פּראָגראַם, און "קינד" — אַן עמאָציאָנעלער באַגריף, וואָס שטרײַכט אונטער די יחידישע און געזעלשאַפֿטלעכע אַחריות פֿאַר איר.

* * *

פֿרווונדיק אָפּצושאַצן זײַן גאַנג אין ייִדישן לעבן, פֿאַרסך־הכּלען זײַן צושטײַער, דערציילט ח. זשיטלאָווסקי, אַז:

"קודם האָב איך מײַן גאַנץ לעבן געשטרעבט צו דינען יענער באַוועגונג, וואָס וויל פֿאַרענטפֿערן די שאלה וועלכע דער "פּאָלאָנגער" שטיפֿערישער יִנגל האָט פֿאָרמולירט אין די ווערטער: 'וואָס זאָל טאָן דער, וואָס איז נעבעך אי אַן אָרעמאַן, אי אַן עם־הארץ'?" *

ער האָטביידן געטרײַ געדינט. אַ דאַנק אים איז די עם־הארצות היפּשלעך קלענער געוואָרן, און — ווער ווייסט — אפֿשר די אָרעמקייט טיילווײַז אויך.

פֿאַרויסזעענדיק, אַז ניט אַלץ וואָס ער האָט געשריבן וועט בלײַבן אַקטועל, האָט חיים זשיטלאָווסקי אַזוי געזאָגט:

"מײַנע חלומות זײַנען געגעבן אין די ווערק מײַנע, און דו, פֿאָלק, נעם פֿון זיי וואָס דו דאַרפֿסט און דאָס איבעריקע נעם אַרײַן אין דײַנע שראַנקען־אוצרות".

לאָמיר ניט איבערדרייען דעם פּראָצעס, זיך ניט אײַלן אָוועקצושטעלן זײַנע ווערק אין די ביכער־שאַפֿעס.

און נאָך האָט ער געזאָגט:

"אני שלך וחלומותי שלך, חלום חלמתי" — איך בין דײַן און מײַנע חלומות זײַנען דײַנע, אַ חלום האָב איך געזען. מער ווי אַ חלום, אַ וויזיע וואָס האָט געפּרוווט פּותר זײַן און פֿאַרטײַטשן דעם זין פֿון מענטשלעכן לעבן.

(1965)

* זשיטלאָווסקי פֿאַררופֿט זיך אויף אַ פּילפּול, וואָס ער האָט געהערט אין די קינדער־יאָרן ון דעם פֿאָלאָנגער עילוי: די גמרא זאָגט "ווער עס וויל רײַך ווערן — יצפּין (זאָל ער מתפּלל זײַן פֿאַר דער צפֿון־וואַנט) און ווער ס'וויל קענען לערנען — ידרים (זאָל ער מתפּלל זײַן פֿאַר דער דרום־וואַנט)—וואָס זאָל אָבער נעבעך טאָן דער וואָס איז אי אַן עם־הארץ און אי אַן אָרעמאַן — צו וועלכער וואַנט זאָל ער מתפּלל זײַן?" (דר. חיים זשיטלאָווסקי, זכרונות פֿון מײַן לעבן, ערשטער באַנד, ז. 129־130. דר. ח. זשיטלאָווסקי יובליי־קאָמיטעט, ניו־יאָרק, 1935).

נחמן מייזיל דער קריטיקער

א.

נחמן מייזיל אַליין האָט אַזוי פֿיל געשריבן וועגן ייִדישע שרײַבערס און וועגן אים אַליין האָט מען אַזוי ווייניק, שרעקלעך ווייניק, געשריבן, דער עיקר וועגן זײַן לעבנס־אַרבעט ווי אַ קריטיקער.

וואָס פֿאַר אַ קריטיקער איז נחמן מײַזיל געווען? וואָס איז געווען זײַן צוגאַנג און זײַן נוסח אין דער ליטעראַטור־קריטיק? צו וועמען פֿון די פֿריִערדיקע, אָדער פֿון זײַנע מיטצײַטלערס איז ער געווען ענלעך? פֿון וועמען האָט ער געלערנט?

אונדזער אײַנדרוק איז, אַז נחמן מײַזילס וועגווײַזער און דער פֿון וועמען ער האָט צום מייַנסטן געלערנט איז בעיקר געווען בעל־מחשבֿות.

בעל־מחשבֿות האָט זיך באַטראַכט ווי דער „שבחים־זאָגער" פֿון דער „נײַער ייִדישער משפּחה", געמיינט שרײַבער־משפּחה, און אַפֿילו געהאַלטן, אַז דאָס איז איינגנטלעך די אויפֿגאַבע פֿון אַ קריטיקער, וואָס האָט דאָס מזל געבוירן צו ווערן צוזאַמען מיט אַ יונגער ליטעראַטור. צווישן די געזעלשאַפֿט זי זאָל דערזען דעם שרײַבער איז בײַ אים געווען וויכטיקער, ווי דאָס וואָס דער קריטיקער „פֿאַרשטייט און פֿילט אַ גוט קונסטווערק". דער עיקר איז — זאָגט ער — שאַפֿן בײַם לייענער אַן אינטערעס צו ליטעראַטור.

„עס איז ניט אַזוי די מבֿינות, ווי דער וואַרעמער פֿאַרלאַנג אַז דאָס גוטע, נײַע, פֿרישע און יונגע זאָל געפֿינען אַ סבֿיבֿה פֿאַר זיך".

שרײַבנדיק וועגן ביעלינסקין, זאָגט בעל־מחשבֿות, אַז „ער האָט מיט דער גרעסטער לײַדנשאַפֿט, איבערגעבנקייט און איבעררעדונג־קראַפֿט געזוכט צו צווינגען דעם לייענער צו לייענען אַ פּושקינען, אַ גאָגאָלן, אַ דאָסטאָיעווסקין..." קריטיק איז בײַ בעל־מחשבֿותן אַ קולטור־טרעגערישע מיסיע.

די אויבנדיקע באַגריפֿן און פּאָסטולאַטן, ווי בעל־מחשבֿות האָט זיי פֿאָרמולירט, זײַנען געווען אַנגעמאָסטן אויף נחמן מײַזלען. און ווײַל די ייִדישע ליטעראַטור האָט זיך אַזוי שנעל אַנטוויקלט און איז געווען אין אַ כּסדרדיקן צושטאַנד פֿון מעשׂה־בראשית האָט נחמן מײַזיל באַטראַכט זײַן מיסיע ווי דער וואָס דאַרף „צווינגען דעם לייענער" צו לייענען אַ דוד בערגעלסאָנען, אַ יוסף אָפּאַטאָשון, אַ שלום אַשן.

ש. ניגער, למשל, איז געווען זייער שטאַרק קעגן דער פּובליציסטישער קריטיק, ער האָט זי זייער טרעפֿלעך גערופֿן: דער „אינהאַלטיזם".

פֿון דער אַנדערער זײַט, האָט ער געזאָגט, פֿירט די עסטעטישע קריטיק צו „פֿאָרמאַליזם". דעריבער האָט ער געשאַפֿן, וואָס ער האָט אַליין גע־רופֿן, די „קינסטלערישע" קריטיק — אַ מין סינטעז פֿון בײדע.

דער עיקר איז בײַ ניגערן געווען אַ מין אימפּרעסיאָניסטישע קריטיק — לויט דעם אײַנדרוק וואָס דאָס ווערק מאַכט אויף דעם קריטיקער. קריטיק איז בײַ אים אַ קונסט, דער קריטיקער איז אַ מיטשאַפֿער צום ווערק, ער דאַרף האָבן פֿרײַהייט בײַם שאַפֿונג־פּראָצעס.

און ריכטיק ווײַזט אָן נ. ב. מינקאָוו, אַז ניט נאָר האַלט ש. ניגער קריטיק פֿאַר אַ קונסט, נאָר אַז אין דער קריטיק „שפּילט בײַ אים אַ ראָלע יענער אירראַציאָנעלער עלעמענט, וואָס מיר רופֿן שאַפֿונגס־כּוח". פֿאַקטן, דרויסנדיקע אמתן זײַנען ניט קיין קריטיק, לויט ש. ניגער.

מען דאַרף זוכן, זאָגט ניגער, ניט דעם פּסק־דין, נאָר „דעם טאַלאַנט צו מאַכן אַרויסלײַכטן זײַן, דעם קריטיקערס, אינעווייניקסט גײַסטיק לעבן".

דער רעזולטאַט איז, אַז ניגער איז דער קריטיקער וואָס צווינגט זיך אַרויף אויף דעם שרײַבער (ער אַליין וואָרנט קעגן דעם און רופֿט עס דער „אַגרעסיוו־מאַסקולינער" נוסח, אין קעגנזאַץ צום „רעסעפּטיוו־פֿעמי־נינעם").

ש. ניגער איז דער פּסיכאָלאָגיסט־אידעאַליסט אין זײַן שאַפֿן. י. ל. פּרץ איז בײַ אים דער עיקר „דער דיכטער פֿון נשמות" און דאָס סאָציאַ־לע בײַ פּרצן נעגירט ער כּמעט אין גאַנצן. ער פּראָקלאַמירט אַפֿילו דוד פּינסקין ווי דעם ערשטן, וואָס ברענגט אַרײַן אַרבעטער־טיפּן און די סאָציאַלע אידייע אין דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור, כּדי צו פֿעסטיקן זײַן טעזע, אַז פּרץ איז דער „דיכטער פֿון נשמות".

ווען מען לייענט ש. ניגערן וועגן אָפּאַטאָשון, זעט מען ניגערן, — דעם „אַגרעסיוו־מאַסקולינעם" אימפּרעסיאָניסט, וואָס „שאַפֿט מיט" מיט אָפּאַטאָשון. ווען מען לייענט נחמן מייזלען וועגן אָפּאַטאָשון, דערזעט מען י. אָפּאַטאָשון אין זײַן פֿולן, ברייטן, קולטור־היסטאָרישן, ביאָגראַפֿיש־סבֿיבֿהדיקן און קינסטלערישן פּאַרנעם. דער קריטיקער איז אין הינטער־גרונט, קוים אָנזעיק. ער פֿירט בלויז דעם לייענער בײַ דער האַנט.

אויף אָט דעם שנעל אָנגעריסעוועטן הינטערגרונט לאָמיר פּרוּוון אָנ־וואַרפֿן עטלעכע שטריכן פֿון נ. מײַזילס נוסח אין דער ייִדישער קריטיק.

ב.

מיר נעמען זיך צוהילף נ. מײַזילען אַליין, און ניט דווקא ווי ער האָט גערעדט דירעקט וועגן דער אויפֿגאַבע פֿון קריטיקער (אַזעלכע אַרויסזאָ־גונגען האָט ער ווייניק, צו־ווייניק). אינטערעסאַנט ווי אַזוי נ. מײַזיל שאַצט־אָפּ בעל־מחשבֿותן, וואָס ער האָט אין אים געזוכט. אין זײַן אַרטיקל — אַגבֿ צו־קורץ און ניט גענוג אַרומנעמענדיק, געשריבן אין 1949, שיילט נ. מײַזיל אַרויס די עיקרים פֿון בעל־מחשבֿותעס אויפֿפֿאַסונג און

צוגאַנג צו דער ייִדישער ליטעראַטור, זײַן אַרבעט־מעטאָד און דעם ציל וואָס בעל־מחשבֿות האָט זיך געשטעלט. עס באַקומט זיך אַ סכום אַרויס־זאָגונגען, וואָס זײַנען כּמעט אָנגעמאָסטן אויף נ. מײַזילס דרך און נוסח.

לאָמיר, כּדי זיך אָנשפּאָרן און מאַכן אויספֿירן, אַ ביסל ברייטער ציטירן פֿון נ. מײַזיל („נאָענטע און אייגענע", ז"ז 111, 112, 113):

א) „זײַנע קריטישע אַרבעטן זײַנען געגאַנגען אין צוויי ריכטונגען. ער האָט געגעבן פֿאַרגאַנצטע, סינטעטישע, קריטישע אָפּהאַנדלונגען וועגן די עלטערע ייִדישע שרײַבערס — בעיקר וועגן מענדעלען און שלום עליכמען... סיסטעמאַטיזירט און פֿאַרכּוללט זייערע איינצלנע שאַפֿערישע פֿאַרמעסטן און דערגרייכונגען..."

ב) „...גלײַכצײַטיק איז ער געווען וואַך, מיט אַן אָפֿן אויג און אויער האָט ער אויפֿגעכאַפּט יעדן נײַעם שרײַבער און געווען גליקלעך אָנצוזאָגן די בשׂורה פֿון זײַן קומען און פֿאַרלאַנגט מאַכן אַ וואַרע פֿאַר דעם נײַ־געקומענעם..."

ג) „ער האָט ניט געקאַרגט קיין שבֿחים, זיך נישט געהיט פֿון גוזמאות... בעסער איבערשאַצן איידער ניט צו דערשאַצן. מען שפּירט די טיפֿע פֿרייד, די אמתע באַגײַסטערונג פֿאַר יעדן נײַ־געקומענעם, וואָס האָט געבראַכט עפּעס פֿרישס, קרעפֿטיקס, מונטערנדיקס...".

ד) „בעל־מחשבֿות איז געווען שטאַרק אין זײַנע כאַראַקטעריסטיקעס און אָפּשאַצונגען, אָפֿן און אויפֿריכטיק ערלעך... זיך נישט באַהאַלטן אונטער שלייערן און נישט באַנוצט זיך מיט שפּראַך־פֿליטערלעך... ווו ס'איז שווער צו באַנעמען דאָס פּשוטע, זאַכלעכע, קאָנקרעטע".

ה) „אים איז שטענדיק געגאַנגען אין דער ייִדישער ליטעראַטור ווי אַ גאַנצע; דעם שרײַבער, דעם יחיד האָט ער אַלעמאָל געזען ווי אַ טייל פֿונעם גאַנצן...".

ו) נחמן מײַזיל ציטירט וואָס דוד בערגעלסאָן האָט געזאָגט וועגן בעל־מחשבֿותן: „פֿון דאָרטן קומט זײַן תּמיד ריינע שטימע — אַ שטימע וואָס איז קיין מאָל ניט אויסן צו פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ דיבוק פֿון אייגענע קאַפּריזן".

און שפּעטער זאָגט נ. מײַזיל וועגן בעל־מחשבֿותן:

„האָבנדיק פֿאַר זיך אַלע מאָל איין שרײַבער, האָט בעל־מחשבֿות גלײַכצײַטיק אין אויג די גאַנצע ייִדישע ליטעראַטור. נישט קיין צעברעקלטער איז ער געווען, נאָר אַ פֿאַרגאַנצטער, ער האָט געזען און באַמיט זיך אַרויסצורוקן דעם יחיד און דערמיט איז געוואַקסן בײַ אים דער כּלל.

„און הלוואַי וואָלטן די שפּעטערדיקע ייִדישע קריטיקערס געלערנט פֿון דעם פֿאָטער פֿון דער מאָדערנער ייִדישער קריטיק אָט די אייגנשאַפֿט, אָט די מעלה!"

ג.

איין ייִדישער קריטיקער האָט געלערנט און איבערגענומען אַט די מעלה און אַ סך אַנדערע מעלות פֿון בעל־מחשבֿותן — נחמן מײַזיל.

פֿון דעם אויבן געזאָגטן קאָנען מיר ציִען עטלעכע כּוללדיקע שלוסן בנוגע נ. מײַזילס דרך אין דער ייִדישער קריטיק:

ער האָט פֿריִער פֿון אַלעם באַטראַכט די קריטיק ווי אַ קולטור־טרעגערישע מיסיע. ער האָט געשאַצט די ייִדישע ליטעראַטור ניט סתּם ווי אַ שפּיגל פֿון ייִדישן לעבן, נאָר ווי אַ דערציִערישער כּוח, אַ וועגווײַזער. זי איז פֿאַר אים געווען אַ קוואַל פֿון גײַסטיקער גבֿורה, אינספּיראַציע פֿאַר קיום, האָט ער דעריבער גענומען אויף זיך די גרויסע אויפֿגאַבע צו ווערן דער פֿאַקנטרעגער צווישן פֿאָלק.

פֿון דעם צוגאַנג האָבן אַרויסגעקוואָלט צוויי שטריכן אין נ. מײַזילס שאַפֿן: איינס, די כּסדרדיקע ליטעראַטור־טוערײַ — רעדאַקציאָנעלע, פֿאַרלעגערישע, קולטור־געזעלאַפּטלעכע, און צוויי — די עקשנות פֿון זיין „איבעררעדונג־קראַפֿט”, ווי בעל־מחשבֿות דריקט זיך אויס, צו „צווינגען דעם לייענער”, אַז ער זאָל לייענען די שרײַבערס.

ער איז נאָכגעגאַנגען פֿוסטריט גאַנצע דורות שרײַבערס, זיי געטײַטשט, פֿאַרטײַטשט, אויפֿמערקזאַם געמאַכט דעם לייענער אויף זיי, אַנטפּלעקט די נאַציאָנאַלע יניקה־קוואַלן אין זיי און אײַנגעטענהט מיטן לייענער, אַז דאָס איז פֿאָלקישער פֿאַרמעג.

ער איז געווען — אפֿשר מער ווי אַן „אײַנשפּײַכלער” — אַ פֿאַרגאַנצער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. דער ציל פֿון זײַנע גרעסערע ווערק איז געווען צו אינטעגרירן אין אַ כּוללדיקן בנין אַ גײַסטיקן סכום פֿון פֿאָלקישער שאַפֿונג. מיר ייִדן זײַנען „בטבֿע” אַן אַנטאָלאָגיע־פֿאָלק. צום סוף פֿון געשיכטלעכע עפּאָכעס מאַכן מיר סך־הכּלען כּדי צו קאָנען גיין ווײַטער. דער תּנ"ך איז אַן אַנטאָלאָגיע, דער תּלמוד אויך אַזוי, דער מדרש, דאָס מעשׂה־בוך. יעדער גרונטלייגער האָט פֿאַרסך־הכּלט פֿריִערדיקע עפּאָכעס — מענדעלע האָט עס געטאָן, פּרץ האָט עס געטאָן. דערצו פֿאָדערט זיך געווייִנטלעך סײַ אַ היסטאָרישער חוש און סײַ אַ געפֿיל פֿון נאַציאָנאַלער אחריות.

נחמן מײַזילס ווערק וועגן פּרצן, זײַן מענדעלע־בוך, זײַן „אַמעריקע אין ייִדישן וואָרט” — די אַלע האָבן געצילט צו גרויסע היסטאָרישע פֿאַררונדלונגען, אײַנזאַמלונגען, פֿאַרסך־הכּלונגען, כּדי צו קאָנען גיין ווײַטער. דער עיקר האָבן זיי געשטרעבט אונטערשטרײַכן דעם מאָניזם, די איינהייט פֿון פֿאָלק און ליטעראַטור. (ניט צופֿעליק איז נ. מייזיל באַגײַסטערט פֿאַר בעל־מחשבֿותעס אַרומנעמענדיקער אַרבעט „דאָס דרום ייִדנטום און די ייִדישע ליטעראַטור אין 19טן יאָרהונדערט”).

אין „פֿאָרגייער און מיטצײַטלער” שאַצט נ. מײַזיל אַזוי אָפּ זײַן אַרבעט:

„...כדי אָבער בעסער צו באַגרײַפֿן דעם אַדורכגעגאַנגענעם וועג אין אונדזער קולטור־שאַפֿערישן לעבן, דאַרפֿן מיר אַוועקשטעלן וועג־צייכנס, וואָס זאָלן געבן די מעגלעכקייט בעסער צו זען דעם וווקס און די אַנט־וויקלונג פֿון אונדזער ייִדישער ליטעראַטור און קלאָרער צו פֿאַרשטיין די פֿאַרשיידענע פּראָצעסן, די דרויסנדיקע און אינעווייניקסטע וואָס זײַנען פֿאָרגעקומען אין אונדזער לעבן, און וועלכע האָבן זיך אַזוי שאַרף און בולט אָפּגעשפּיגלט אין אונדזער ייִדישן שאַפֿן די לעצטע דורות".

ד.

מיר ווילן אויסמײַדן באַנדעראָלן, כדי צו כאַראַקטעריזירן נ. מײַזילס נוסח. צו וועלכער שול פֿון ליטעראַטור־קריטיק געהערט ער: אַ סאָציאָ־לער קריטיקער? אַן עסטעטישער קריטיקער? נוצט ער דעם מיליע־מעטאָד? אַ פּסיכאָלאָגישער, סאָציאָלאָגישער, מאַרקסיסטישער, אימפּרעסיאָניסטישער, פֿאָרמאַליסטישער קריטיקער?

אפֿשר איז די גאַנצע קלאַסיפֿיקאַציע אַן איבעריקע, אַ מעכאַנישע.

אין זײַן קריטישער אַרבעט האָט נ. מײַזיל אַלעמאָל געהאַט אַן אויג און אַן אויער פֿאַר דער סבֿיבֿה, פֿאַר די השפּעות פֿון דעם אַרום אויף דעם קינסטלער. אַמאָל אפֿשר צו סאָציאָלאָגיש. אָבער עס זײַנען אין תּוך געווען אומגערעכט (און ס'רובֿ ניט יושרדיק) יענע סאָוועטישע קריטי־קערס, וואָס האָבן געפּרוּווט פֿון אים מאַכן אַ קלייִנבירגערלעכן מיליע־קריטיקער, ד. ה. אַזאַ וואָס זעט די סבֿיבֿה און זעט ניט די סאָציאַלע כּוחות וואָס ווירקן אין איר. דאָס איז, בפֿירוש, בייזוויליק און פֿאַלש.

גיכער פֿון אַלץ איז מײַזילס נוסח אַ קולטור־היסטאָרישער, אַ ביאָ־גראַפֿיש־סבֿיבֿהדיקער. מסתּמא אַן עקלעקטישער מעטאָד, וואָס שליסט אײַן אַלע נוסחאות.

בײַם אַנאַליזירן אַ שרײַבער זוכט נחמן מײַזיל די אייניקייט פֿון דעם שרײַבער, זײַן סבֿיבֿה, זײַן צײַט, די אײַנפֿלוסן אויף אים, און זײַן אָרט, אפֿילו ווען ס'איז ניט מער ווי אַ פּינטעלע, אין דעם גאַנצן בילד פֿון מאָדערנעם ייִדישן שאַפֿן.

„עס איז מיר בײַם אַרויסברענגען אַ שרײַבער — זאָגט נ. מײַזיל — „נישט געגאַנגען דורכויס אין דעם צו געבן בלויז אַן אָפּשאַצונג, אַ כאַ־ראַקטעריסטיק וועגן דעם אָדער יענעם שרײַבער. מער ווי אַלץ איז געווען דער ווילן, דער פֿאַרלאַנג דורך דעם שרײַבער אַרויסצווײַזן די סבֿיבֿה, די תּקופֿה אין וועלכער דער שרײַבער האָט געלעבט, ווו ער האָט גע־ווירקט און געווען באַווירקט".

אָט, ווי אַ בײַשפּיל, איז די סכעמע פֿון נ. מײַזילס צוגאַנג צו דער אַרבעט פֿון אַ גרויסן ייִדישן קינסטלער, י. אָפּאַטאָשו.

אין אַרײַנפֿיר־וואָרט זאָגט ער אָן וואָס ער זוכט און וואָס ער האָט געפֿונען אין אָפּאַטאָשון: „דער וויכטיקסטער און כאַראַקטעריסטישסטער שטריך פֿון אָפּאַטאָשוס שאַפֿן איז די צילבאַוווּסטקייט און באַוווּסטזיני־

קייט. ער איז נישט פֿון די שרײַבערס, וואָס לאָזן זיך לײַכט טראָגן מיט די לעבנס־כוואַליעס. ער גייט זײַן שאַפֿונג־וועג מיט חשבון — חשבון־הנפֿש און חשבון־האומה״.

אַוועקגעלייגט דעם פֿונדאַמענט, גיט ער אַוועק דרײַ פֿון די עלף קאַפּיטלען אויף דעם ביאָגראַפֿישן און קולטור־געזעלשאַפֿטלעכן הינטערגרונט פֿון אָפּאַטאָשוס לעבן און סבֿיבֿה, און אַכט קאַפּיטלען אויף אַ גענויען, דעטאַליזירטן און אויסטײַטשערישן אַנאַליז פֿון אַלע ווערק אָפּאַטאָשוס — פֿון „פֿערד גנבֿ״ ביז „אליהו בחור״ (די אַרבעט איז געשריבן אין 1937), און אין נאָכוואָרט באַוואָרנט ער זיך, כּדי דער לייענער זאָל ניט פֿאַרלירן דעם עיקר, דעם גאַנצן אָפּאַטאָשון:

„ער נעמט־אויף שטיקער לעבנס פֿון אומעטום, אָבער ער באַהויכט זיי מיט זײַן אידייע, מיט די אידייעס, וואָס זײַנען די טרײַבקראַפֿט אין לעבן. ער זוכט אַרויס דעם כּוח, וואָס באַוועגט מיטן יחיד און מיטן קיבוץ, מיטן יחיד, וואָס איז בײַ אים שטענדיק אַ טייל פֿון קיבוץ... די גײַסטיקע קראַפֿט וואָס פֿירט אָן בײַ אָפּאַטאָשון מיט דער פֿיזישער. אים באַפֿרידיקט ניט סתּם אויפֿברויז, סתּם געראַנגל. דער אויפֿברויז דאַרף ערגעץ פֿירן, ערגעץ טרײַבן...״

„ווי פּרץ, קאָן אויך אָפּאַטאָשו זאָגן: ׳פּראָבלעמען און קאָנטראַסטן — דאָס זײַנען די צוויי וואַלצן, אויף וועלכע עס וויקלען זיך אַלע מײַנע שריפֿטשטעלערישע יריעות׳...״.

ב. מייזיל גלידערט פֿונאַנדער דעם שרײַבער און שטעלט אים צוריק צוזאַמען, און אַלעמאָל אין דער געזעלשאַפֿטלעכער און נאַציאָנאַלער רעם זײַנער, און מיינסטנס בשייכות מיט דער צײַט און דעם גײַסטיקן פּנים פֿון דער צײַט, און קיין מאָל ניט אויסער צײַט און סבֿיבֿה.

דער עיקר: ב. מײַזיל זאָגט קיין מאָל ניט אָן זײַן קריטישע פֿאַרזענלעכקייט אויף דעם שרײַבער, נאָר לאָזט דעם שרײַבער זיך דורכזייערן דורך אים. ער פֿאַרשווערט אָפּט דאָס לייענען מיט אַ שלל פּרטים, מיט ענציקלאָפּעדישע דעטאַלן וואָס ער זאַמלט אָן, אָבער איצט, אין רעטראָספּעקט, זײַנען מיר אים שולדיק אַ היסטאָרישן דאַנק פֿאַר דעם וואָס ער האָט פֿאַר אונדז צוגעגרייט.

מען האָט ניט אַלע מאָל געניגנדיק אָפּגעשאַצט ב. מײַזילס אַרבעט. עס איז, למשל, לפֿי דעתּי, ניט גערעכט ב. צ. גאָלדבערג, ווען ער באַצייכנט, אין אַן אָפּהאַנדלונג וועגן ב. מײַזילס „צוריקבליקן און פּערספּעקטיוון״ נחמן מײַזלען ווי דעם בקיא אין דער ייִדישער קריטיק, בעת ש. ניגער איז געווען דער גריבלער און בעל־מחשבֿות דער קריטיקער מיט מער „סטיל און טעמפּעראַמענט״.

דאָס מיינט פֿאַרקוקן דעם געזעלשאַפֿטלעכן באַוווּסטזײַן און די ציל־געוועדנדקייט וואָס האָבן באַוויגן ב. מײַזילס שרײַבן. בקיאות אַליין איז נאָך ניט גענוג.

אגבֿ, ווי דערמאָנט פֿריִער, איז בײַ ש. ניגערן ניט געווען בלויז אַ

פראַגע פון גריבלערײַ, פון פילפול און לומדות, נאָר פון אַ גאַנץ קלאָרער אידייאישער אײַנשטעלונג. ס'איז געגנג צו געדענקען ניגערס פּרוּוו צו פאַרשאַטענען די ווערק פון רעאַליסטישן פּעריאָד פון פּרצעס שאַפן אויפן חשבון פון „חסידות" און „פאָלקסטימלעכע געשיכטן".

אינטערעסאַנט: בעת ש. ניגער שנײַדט המוציאס פון י. ל. פּרץ, לויט זײַן — ניגערס — אידייאישער אײַנשטעלונג (ווי טייל סאָוועטישע קרי־טיקערס האָבן עס געטאָן פון דער לינקער זײַט), נעמט נחמן מײַזיל אַרום און גיט אונדז אַ גאַנצן פּרץ — פון די ערשטע לידער אין פּויליש און העברייאיש ביזן לעצטן קינדער־ליד. פּרץ קומט אַרויס אַ גאַנצער, אַ באַטײַטיקער קולטור־בנין. נ. מײַזיל גיט אונדז פּריִער פּרצן, אומדירעקט זיך אַליין, בײַ ש. ניגערן — באַקומט זיך דער היפוך.

אַט וואָס נ. מײַזיל וויל פון דער קריטיק, וואָסערע פאָדערונגען ער שטעלט איר:

„אונדזער יידישע קריטיק... טאָר ניט בלויז נאָכגיין דעם שרײַ־בער, פאַררעגיסטרירן דאָס וואָס דערשײַנט. די קריטיק מוז זײַן אַ וועג־ווײַזעריך, אַן אַרויספאָדעריך, אַ פירעריך... ערשט דאַן וועט מען זיך צו איר צוהערן... דער שרײַבער... נייטיקט זיך אין אָנווײַזונגען, אין פירערשאַפט, אין צילגעוועגדקייט. דער שרײַבער שרײַבט אָפט מכּל הבא ליד, ער כאַפּט שטאָף, סיוזשעט, טעמאַטיק פון דעם נאָענטן אַרום. ניט אַלעמאָל איז דער לײַכטער וועג דער ריכטיקסטער... מיר דאַרפן שטעלן גרויסע פאָדערונגען דער ליטעראַטור, דעם שרײַבער... אים אָפּוועגדן פון מעלה־גירה זײַן זײַן טעמע... אים אָנרעגן מיט פראַגן און פּראָבלע־מען".

מיר זײַנען ניט מסכּים מיט אַלץ וואָס איז דאָ אויבן געזאָגט. עס אָטעמט מיט צופיל אַלמאַכטיקייט פאַר דער קריטיק, לויט אונדזער געשמאַק. עס זאָגט אָבער עדות אויף נחמן מײַזילס צוגאַנג צו דער ליטעראַטור ווי אַ שאַפונג, וואָס „איז דורכגעדרונגען מיט די גרויסע התחייבותן פאַרן יידישן פאָלק, פאַר זײַן ווײַטערדיקן קיום".

ס'טאָר אָבער ניט בלײַבן דער אײַנדרוק פון אָביעקטיווער, זײַטיקער, ניט פאַרפערזענלעכטער קריטיק. די גרונט עמאָציעס, וואָס האָבן באַ־וועגט נ. מײַזלען אין זײַן שאַפן זײַנען געווען: אַ טיפע ליבע צו דער ליטעראַטור און צו אירע שאַפערס, און אַן אינערלעכער טריב זיך צו אידענטיפיצירן מיט די, וועגן וועמען ער שרײַבט. אין „נאָענטע און איי־גענע" זאָגט ער קלאָר:

„...און ממילא קאָן מען נישט זײַן און פאַרבלײַבן אין גאַנצן אָביעק־טיוו, זײַטיק קריטיש, ווען מען ברענגט אַרויס אַ שרײַבער. קיין גלײַכ־גילטיקע, סתם־קריטישע באַציִונג צו שרײַבערס און צו זייער שאַפן האָב איך קיין מאָל ניט געהאַט. ליטעראַטור, און יידישע ליטעראַטור אַוודאי, איז אַ טייל פון מײַן לעבן, איז געווען און פאַרבליבן מײַן אינערלעכע, אינטימע וועלט".

אָבער דאָס אויבנגעזאָגטע איז גיכער געווען אַ מין עמאָציאָנעלע באַפאַרבונג פון דער כּוונה בײַם שרײַבן, אַ געפיל־מאָטיווירונג ווי אַ צו־גאָב צו דער באַוווסטזיניקער מאָטיווירונג. וואָסער מהלך צווישן דעם און דעם אימפּרעסיאָניסטישן מעטאָד פון קריטיק, פאַר וועמען די גע־שאַפענע ווערק דינען בלויז ווי אַ סטימול פאַר אייגענער שאַפונג — אָדער „מיטשאַפונג", ווי ש. ניגער דריקט זיך אויס.

ער האָט בכלל ניט געגלייבט אין ליטעראַטור לשמה. צוזאַמען מיט פּרצן האָט ער געגלייבט, אַז ליטעראַטור דאַרף זײַן אַ קוואַל פון „גײַס־טיק ברויט, ליכט און וואַרעמקייט" פאַרן פאָלק. אויב ער האָט טייל מאָל פאַרפעלט צו זען דעם געזעלשאַפטלעכן דינאַמיזם, וואָס באַוועגט די לי־טעראַטור, האָט ער אָבער קיין מאָל ניט געזען די ליטעראַטור מחוץ דער סביבה. פאַרקערט, זי האָט אים געדינט בלויז כּדי צו וואַרפן אַ ליכט אויף דעם אַרום, בעסער צו זען דאָס פאָלק און זײַן לעבן דורך דער ליטעראַטור.

מער ווי דאָס; ער זעט די ליטעראַטור ווי אַן אַרענע, וווּ עס שטרײַטן צווישן זיך אידייעס, וווּ עס גייט אָן אַ געראַנגל פאַרן באַוווסטזײַן פון לייענער און פאַר דער השפּעה אויף אים. „מײַן שרײַבן", זאָגט ער, „איז פאַר מיר שטענדיק אַ קולטור־פראָנט, אַ פראָנט פון שטרײַטן, פון אָנגרײַפן און פון פאַרטיידיקן וויכטיקע קולטור־שאַפערישע פּאָזיציעס... ניטאָ פאַר מיר קיין פאַרעווע, סתם בלאָנדזשענדיקע קינסטלער, נאָר עס זײַנען דאָ שרײַבער וואָס גייען, וואָס פירן, וואָס לעבן מיט דער צײַט, ווערן פון איר געפירט און פירן אָן מיטן לייענער..."

זײַן צוגאַנג צו דער ליטעראַטור ווי אַ דינאַמיש־פירנדיקער כּוח אין פאָלקס־לעבן איז געווען די ריכט־שנור פון זײַן אייגן שאַפן, דער סטימול וואָס האָט אים אַליין געוועקט און באַווירקט. אין דעם פּרט איז ער געווען אויסגעהאַלטן אַלע זײַנע יאָרן. אַט די פאַרשטענדעניש האָט באַפאַרבט זײַן אייגן שאַפן. ער האָט באַטראַכט זײַן אַרבעט ווי אַ נאַציאָ־נאַלע התחייבות, ווי אַ פאָלק־מיסיע וואָס ער האָט גענומען אויף זיך, ווי זײַן נאַציאָנאַלער צושטײַער.

ער האָט געזען די ייִדישע ליטעראַטור אין איר היסטאָרישן פאַרנעם. ער האָט געזוכט אַרויסצואָנטפּלעקן אירע וואָרצלען און זייער גלײַכצײַטיק פאַרבינדן מיט די צווײַגן וואָס ציִען זיך צו דער צוקונפט. ער האָט זי אויפגעפאַסט אין איר אַלוועלטלעכן פאַרנעם, ווי אַ קולטור־שטראָם, וואָס איז געפלאָסן איבער אַלע תּפוצות פון אונדזער פאַרשפּרייטונג, וואָס האָט אין יעדן ווינקל אויסגעדריקט דעם ספּעציפישן פאָלקס־גײַסט פון לאַנד, און גלײַכצײַטיק געשעפּט פון און געשפּײַזט די נאַציאָנאַלע וואָרצלען און באַזיניקט אונדזער דויער אין יעדן אָרט.

„איך גיי אַרויס פון דער גרונט־אידייע, אַז מיר האָבן איין גרויס

יידיש פֿאָלק מיט איין גרויסער אַלוועלטלעכער יידישער ליטעראַטור און קולטור־שאַפֿונג, וואָס ווערט, ביודעים און בלא יודעים, קאָנגזיסטיק שטאַרק באַווירקט. ניטאָ קיין לאַנד־גרענעצן און מחיצות פֿאַרן יידישן שאַפֿערישן גייסט, עס קומען דעריבער פֿאָר כּסדר הין־און־צוריק השפּעות".

דאָס איז געשריבן געוואָרן אין 1962, אָבער נאָך מיט 15 יאָר פֿריער, אין 1947, אין לעצטן קאַפּיטל פֿון „צווישן חורבן און אויפֿבוי", שטעלט ער זיך אָפּ אויפֿן באַגריף וועלט־פֿאָלק אין ברייטערן זין, אין דעם ישׂראל בין העמים זין: „מיר זיינען אין תּוך אַ וועלט־פֿאָלק, נישט נאָר ווייל מיר זיינען צעזייט און צעשפּרייט איבער פֿאַרשיידענע עקן וועלט... מיר זיינען אויך אַ וועלט־פֿאָלק דערמיט, וואָס מיר זיינען אַ טייל פֿון דער וועלט, גלייכע מיטגלידער אין דער וועלט־משפּחה און טאָרן נישט און ווילן נישט אויפֿגעבן אונדזער גלייכבאַרעכטיקטע מיטגלידערשאַפֿט אין דער וועלט. מיר האָבן אַממערסטן געליטן, ווען די וועלט איז געווען אָנגעפֿירט דורך פֿינצטערע כּוחות און... מיר ווען בויען אונדזער ווייטערדיק לעבן אין אַ וועלט, וואָס דאַרף אויסגעלייזט ווערן פֿון די רעאַקציאָנערע פֿינצטערע כּוחות.

„ייִד־גאולה גייט האַנט אין האַנט מיט וועלט־דערלייזונג — דאָס איז און דאַרף זיין די ריכט־ליניע אין אונדזער ווייטערדיק לעבן".

ה.

איך וויל צוגעבן אַ וואָרט וועגן נחמן מייזילס 26 יאָר אין אַמעריקע.

ער איז געקומען אַהער אַ פֿאַרהעלטנישמעסיק יונגער, אַ שלאַנקער, אַ שיינער און איבער אַלעם אַ פֿאַרגלייבטער און פֿאַרליבטער אין דער יידישער ליטעראַטור. נחמן מייזלען — וועלכער האָט זיך כּמעט ניט „אויסגעגרינט" אין אַמעריקע, זיך זייער פֿאַמעלעך אַמעריקאַניזירט, אַפֿילו געבליבן פֿון דער ווייטן פֿון דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור — איז דער איבערגאַנג צו דער יידישער אַמעריקע, און דער עיקר צו דער שאַפֿערישער יידישער אַמעריקע, אָנגעקומען זייער לייכט, אָן די מינסטע איבערגאַנג־ווייען. עס האָט זיך געפֿילט גלייך פֿון אָנהייב — עס איז געקומען אַן אייגענער, אַן אינעווייניקסטער. געגומען האָט עס זיך ניט בלויז פֿון זיין באַקאַנטשאַפֿט מיט דער אַמעריקאַנער יידישער ליטעראַטור און גוט־פֿריינטשאַפֿט מיט אַ סך פֿון אירע שאַפֿערס, ווי פֿון דעם ברייטערן פֿאַקט, אַז נ. מייזיל איז בטבע געווען אַ וועלט־בירגער אין אונדזער יידישלאַנד. ווען די אַנדערע באַדינגען וואָלטן געווען גינציקע, וואָלט ער זיך פּונקט אַזוי היימיש און אייגן אַריינגעפּאַסט אין דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור־סבֿיבֿה. ער האָט ניט נאָר אָנערקענט, נאָר געלעבט די יידישע אַלוועלטלעכקייט. ניט טעאָרעטיש, נאָר פּראַקטיש האָט ער זיך געפֿילט ווי אַ טייל פֿון וועלטפֿאָלק. אַ ליידנשאַפֿטלעכער בריוו־שרייבער, האָט

ער זײַן קאָנטאַקט אָנגעהאַלטן מיט יעדן ווינקל פֿון ייִדישן לעבן. אין זײַן קריטיק האָט ער זיך קיין מאָל בײַ קיין גרענעצן ניט אָפּגעשטעלט.

נ. מײַזילס יאָרן אין אַמעריקע, ניט קוקנדיק אויף דער פּאָליטישער צעשפּליטערטקייט אין אונדזער לעבן, זײַנען געווען יאָרן, וואָס האָבן באַרײַכערט ניט נאָר אונדזער ווינקל, נאָר אַלע ווינקלען פֿון ליטעראַרישן שאַפֿן אין אַמעריקע.

נ. מײַזיל האָט דאָ אין אַמעריקע געפֿונען אַ גרויסע צוהערערשאַפֿט, אַן עולם וואָס איז געווען אַ היפּש ביסל אַנדערש פֿון דעם צו וועלכן ער איז געווען געוווינט אין פּוילן. יענער איז געווען אַ געקליבענער, אפֿשר אַ מער אינטעליגענטער, אַ מער פּראָפֿעסיאָנעל קולטור־בויערישער, אָבער אַ באַגרענעצטער, אַן ענגער קרײַז. דאָ האָט ער געטראָפֿן אַ מער עמכאָדיקן עולם, פּאָליטיש אַ מער אויסגעשפּראָכענעם, אפֿשר ווייניקער קולטור ראַפֿינירט, אָבער מער קולטור אויסגעהונגערט. ער האָט זיך צו אים זעלטן שנעל צוגעפּאַסט, געריכטעט ווי צו אייגענע, געווען דאַנקבאַר פֿאַר דער באַקאַנטקייט, וואָס זיי האָבן אים אַרויסגעוויזן. דאָס האָט אויף אים געהאַט אַ פּאָזיטיווע ווירקונג, דאָס האָט אים געהאָלפֿן וואַקסן.

זײַן שעפֿערישע השלמה האָט נחמן דערגרייכט אין אַמעריקע.

ער האָט דאָ אי פֿאַרטיפֿט זײַנע פֿריערדיקע ווערק, אי צוגעשאַפֿן אַ צאָל דויערנדיקע נײַע ווערק.

אַזוי, למשל, איז „פּרצעס בריוו און רעדעס”, וואָס איז דערשינען אין וואַרשע, אין 1929, אין 302 זײַטן, אַרויס אין 1944, אין נ. י., אין 415 זײַטן, און „י. ל. פּרץ זײַן לעבן און שאַפֿן” — איז אַרויס אין וואַרשע, אין 1931, אין 240 זײַטן, אין ניו־יאָרק, 1945, אין 370 זײַטן.

די אַמעריקאַנער אויסגאַבעס זײַנען רײַפֿער, פֿולער, די רעוויזיעס — גרינטלעכע.

ער האָט דאָ ממשיך געווען זײַן אַרבעט, וואָס איר עיקר איז געווען — שרײַבן דעם יחוס־בריוו פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. ס׳איז אָבער צוגעקומען אַ נײַער עלעמענט — די דערקענטעניש, אַז מ׳דאַרף אָנהייבן פֿאַרסך־הכּלען, אונטערציִען דעם סכום פֿון דער ייִדיש־ייִדישער ליטעראַטור.

נחמן מײַזילס הויפּטווערק בײַ אונדז אין אַמעריקע זײַנען פֿון אָט דעם כאַראַקטער — ווערק ענציקלאָפּעדישע, דויערנדיקע.

זײַן „אַמעריקע אין ייִדישן וואָרט”, זײַן „מענדעלע־בוך” — זײַנען ווערק וואָס וואַרצלען אין ברייטער ערודיציע און אין דער אחריות פֿאַרן דויער פֿון פֿאָלקס־ווערטן — ספּעציעל „דאָס מענדעלע־בוך”.

זיי זײַנען רײַפער ווי די פֿריִערדיקע ווערק זײַנע, דער פֿאָרש־מעטאָד — מער זאָרגפֿעלטיק און פּרעציזער.

* * *

נייך, מיר האָבן נאָך ווײַט ניט דערשאָצט און ווײַט ניט דערשעפּט די אַלזײַטיקייט פֿון דער ירושה, וואָס ער האָט אונדז געלאָזן, אַ ירושה וואָס דאַרף געהערן דעם גאַנצן פֿאָלק, מחמת ער האָט געזאָרגט און געמיט זיך פֿאַרן גאַנצן פֿאָלק. אין יעדן צווײַג פֿון אונדזער ווײַטערדיקער אַר־בעט לטובֿת דער ייִדיש־וועלטלעכער פֿאָלק־קולטור, לטובֿת דעם פֿאָלק וועט די ירושה זײַנע ווירקן. מיר זײַנען אָן אַ שיר רײַכער אַדאַנק די 60 יאָר פֿון זעלטענער שעפֿערישקייט, וואָס האָבן זיך געצויגן פֿון קיִעוו דורך וואַרשע, דורך ניו־יאָרק ביז אלונים.

(1968)

אחריות און ליבשאַפֿט

(צו נחמן מײַזילס דריטער יאָרצײַט)

1.

נחמן מײַזילס וועג, איז דאָס דער „קלאַסישער" גאַנג פֿון יידישן גורל — פֿון קיעוו ביז וואַרשע ביז ניו־יאָרק ביזן לעצטן אַפּרו־אָרט אין ישׂראל?

אין געדעכעניש פּלאָנטערן זיך מאַנגערס באַקאַנטע שורות, בעת ער איז אָנגעקומען אין ישׂראל: „כ׳האָב זיך יאָרן געוואַלגערט אין דער פֿרעמד, איצט פֿאָר איך זיך וואַלגערן אין דער היים". אָבער — די שורות זײַנען ניט אין גאַנצן אָנגעמאָסטן אויף נחמנען. ראשית, רוט ער אין אלונים, די אייביקע שטילע דויערנדיקע רו. שנית, און דער שנית איז וויכטיק: נחמן האָט זיך אין ערגעץ ניט געפֿילט אין דער פֿרעמד. ער האָט זיך אין ערגעץ ניט געוואַלגערט. ער איז „בטבֿע" געווען אַזוי פֿאַרפֿעדעמט אין יידישן לעבן — אַ פֿעדעמל פֿון דער גרויסער מאַטעריע, ווי מענדעלע פֿלעגט זאָגן — אַז יעדער יידישער ישוב איז בײַ אים געווען היים. היים איז געווען קיעוו, און ווי שטאַרק ער האָט ניט געבענקט נאָך קיעוו, איז היים געוואָרן וואַרשע, און ווי שטאַרק ער האָט ניט געבענקט נאָך וואַרשע — איז היים געוואָרן ניו־יאָרק.

דאָרט וווּ ס׳איז געווען די יידישע ליטעראַטור, דאָרט איז געווען זײַן היים. און ליטעראַטור בײַ אונדז יידן — ווי יעקבֿ שטערנבערג דערמאָנט עס און פֿאַררופֿט זיך אויף ב. ריווקינס אַן ענלעכער טעאָריע — בײַ אונדזער דור ספּעציעל, איז זייער אָפֿט געווען טעריטאָריע, און במילא היים.

איבער דער יידיש־טעריטאָריע האָט נ. מײַזיל געוואַנדערט, זיך ליבכט אײַנגעפֿעדעמט אין אַ ישובֿ, זיך אומעטום היימיש געפֿילט — אַזוי אַז ער געהערט בפועל ממש צו דער גאַנצער יידישער וועלט־ליטעראַטור. דאַכט זיך, אַז קיין אַנדערער יידישער קריטיקער האָט זיך אַזוי ניט באַוועגט פֿון לאַנד צו לאַנד און ניט אַרויסגעוויזן אַזוי פֿיל באַהאַוונטקייט אין דער ליטעראַטור פֿון אַלע לענדער, ווי נחמן מײַזיל האָט עס געטאָן.

אינטערעסאַנט איז דער עפּיזאָד: אין 1925 האָט אָפּאַטאָשו פֿאַרבראַכט אַ לענגערע צײַט אין וואַרשע, אין פֿאַרבינדונג מיט דעם צווייטן טייל פֿון זײַן טרילאָגיע — „1863". בײַם אָוועקפֿאָרן געזעגנט זיך אָפּאַטאָשו מיט די וואַרשעווער חבֿרים. נחמן מײַזיל פֿאַסט אויף אָפּאַטאָשוס געזעגענונג־ווערטער (אין זײַן בוך „יוסף אָפּאַטאָשו" — וואַרשע, 1937)

איף אַזאַ אופן: „און דאָס געפיל פון אַ ייִדישן שרײַבער וואָס פאַרלאָזט אין ייִדישן ישוב און פאָרט אַריבער אין אַ צווייטן, האָט זיך קלאָר געלאָזט אויסדריקן אין דעם אַפּשייד־שמועס וואָס אַפּאַטאָשו האָט געהאַט. אַט פאָרט ער אַוועק אַהיים, קיין אַמעריקע, אָבער עס איז שווער צו דעפינירן בײַ אַ ייִדישן מענטש, ווער עס פאָרט אַהיים און ווער עס פאַרבלײַבט אין דער היים" (אונטערגעשטראָכן פון נ. מ.).

נאָך דעם, כּדי צו פאַרפעסטיקן זײַן געדאַנק, ציטירט נ. מײַזיל אַפּאַטאָשוס רייד בײַם געזעגענען זיך:

„היים, נישט־היים. יעדנפאַלס — נישטאָ קיין שטענדיקע היים. נעכטן איז דאָס געווען פוילן, הײַנט איז דאָס אַמעריקע. מאָרגן וועט עס אפשר זײַן ווידער פוילן, אָדער גאָר אַרגענטינע, אָדער מעקסיקע. ווער ווייס? אַזוי איז שוין די געשיכטע פון אונדזער פאָלק, אַזוי איז געווען און אַזוי וועט עס בלײַבן. דער צענטער, וואָס איז הײַנט געווען גרויס און מעכטיק, איז מאָרגן שוין אויסגעוועפּט און טויט. קאָרדאָווע, וואָרמס, אַמסטערדאַם — נעמען אין דער געשיכטע. עס איז נישטאָ קיין געאָגראַפישער צענטער, עס איז דאָ אַן אידייִישער צענטער, און דער אידייִישער צענטער פון אונדזער ליטעראַטור איז אפשר איר באַדנלאָזיקייט. דאָרט ווו מאַסע, דאָרט איז לעבן. דאָרט ווו לעבן, דאָרט ליטעראַטור. אָבער אַ מאַסע איז אַ באַוועגטע לעבעדיקע זאַך, הײַנט דאָ, מאָרגן דאָרט" (דאָרט, זז 114־115).

דאָס איז געזאָגט געוואָרן אין 1925. ווען מיר שטעלן אַוועק אַנשטאָט אַפּאַטאָשוס „באָדנלאָזיקייט" — „אַלוועלטלעכקייט", נעמען מיר אָן זײַן גאַנצן געדאַנקען־גאַנג. אַ באָדן האָט די ייִדישע ליטעראַטור, אָבער קיין גרענעצן האָט דער באָדן ניט. עס איז ניט אמת, אַז זי איז געווען טעריטאָריעלאָז. זי האָט בלויז געטראָגן איר אייגענע טעריטאָריע מיט זיך. אָדער בעסער: זי האָט געהאַט די פעיִקייט צו וואַקסן און שלאָגן וואָרצלען אויף יעדער טעריטאָריע. אַפילו איצט, נאָכן געבורט פון ישׂראל, איז דאָס אמת. מהאי טעמא — אונדזער נאָענטקייט, אונדזער קרובֿהשאַפט, אונדזער פרייען זיך, און אונדזער בלוטיקן פאַר יעדן טייל, פאַר יעדן צווײַג פון אָט דער ליטעראַטור, וואָס האָט אין ערגעץ ניט — און דערפאַר, אומעטום — איר טעריטאָריע.

און זאָגן זאָגן מיר דאָס אַלץ, כּדי אונטערצושטרײַכן נחמן מײַזילס אינטערטעריטאָריעלע שייכדיקייט מיט יעדן ווינקל פון ייִדישן שאַפן. מעגלעך, אַז נחמן מײַזילס עקספּערטיזע — עקספּערטיזע און ניט וויסן! — איז ניט געגאַנגען אין דער היסטאָרישער טיף פון דער ייִדישער ליטעראַטור. ער האָט ווייניק געשריבן וועגן די עלטערע השׂכּלה־שרײַבערס, נאָך ווייניקער וועגן דער אַלטער ייִדישער ליטעראַטור. אָבער אין דער ברייט — אין דער הײַנטצײַטיקער און אין דער נעכטיקער, נײַלאַנגאַניקער ייִדישער ליטעראַטור איז ער געשווומען ווי אַ גאון אין ים

התלמוד, די האָט ער געקאָנט דורך און דורך, פֿאַר דער האָט ער זיך געזאָרגט, די האָט ער געפֿילבעוועט און משפּיע געווען און געוואָלט פֿאַר־זיכערן איר המשך און קיום אויף דורות.

.2

מע רעדט אָפֿט וועגן נחמן מײַזיל ווי דעם איינזאַמלער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. איך מיין, אַז ער איז ניט אַזוי געווען דער איינ־זאַמלער, וואָס האָט אַ ביסל דעם בײַ־טעם פֿון חשבון־פֿירער און שײַער־היטער, ווי דער פֿאַרסך־הכּלער. אינטערעסאַנט, אַז אָט דער באַוווסט־זײַן פֿון פֿאַרסך־הכּלען, צונויפֿנעמען און אויססדרן, אָנקלייגן אַ פּלאַסט אויף וועלכן צו שטעלן אַ נײַעם בנין — אָט דער באַוווסטזײַן איז אָנגעוואַקסן אין נחמנען. עס איז געגאַנגען צו פֿאַרגלײַכן די אַרײַנפֿירן און דעם מעטאָד פֿון צוגאַנג אין די פֿאַרשיידענע אויסגאַבעס פֿון זײַנע ביכער וועגן י. ל. פּרץ, אָפּגעטיילט אַ 16 יאָר איינע פֿון דער אַנדערער, כּדי צו זען די שטײַגונג פֿון דעם באַוווסטזײַן. בעת די ערשטע אַרבעטן זײַנען ליטעראַריש־קולטורעלע, מיטן ציל צו פֿאַרטיפֿן דעם פֿאָלקס דערקענטעניש פֿון אַ גרויסן קינסטלער, זײַנען שוין די צווייטע קולטור־היסטאָרישע. דער ציל איז שוין דאָ צו פֿאַרטיפֿן, פֿאַרסך־הכּלען פּרצן, אים זען אין דער אַלגעמיינער כּוללדיקער רעם פֿון ייִדישן שאַפֿן, כּדי אָנקצולייגן אַ פֿונדאַמענט אויף ווײַטער.

אמת, נ. מײַזיל אַליין שטרײַכט אונטער, אַז דער צײַט־שטח ברייטערט אויס די פּערספּעקטיוו. ער זאָגט אין אַרײַנפֿיר צו „י. ל. פּרץ, זײַן לעבן און שאַפֿן": „עס האָבן געלעבט און געשאַפֿן דיכטער און דענקער, האָבן אַרויסגעלאָזט ווערק, אָבער אין זייער צײַט, בײַ זייער לעבן האָט מען נאָך נישט אויפֿגענומען זיי אין גאָר זייער טיפֿקייט און פֿאַר־נעם. ערשט מיט יאָרן שפּעטער, אָדער גאָר מיט דורות שפּעטער, הייבט מען אָן אַרײַנצודרינגען אין זייער טיף און מען הייבט אָן זיי צו באַ־גרייפֿן ווי עס באַדאַרף צו זײַן. עס איז פֿאַראַן אַן אַלט ייִדיש וואָרט 'לא איכשרא דרא' — דער דור איז נאָך נישט ראוי אויפֿצונעמען גע־וויסע אידייען, צו באַגרייפֿן גרויסע געשעענישן, צו פֿאַרשטיין אַ גרויסן דיכטער און זײַן באַטײַט".

אָבער עס גייט ניט בלויז אין צײַט, עס גייט ניט בלויז אין צײַט־שטח אויף צוריק, עס גייט גיכער אין צײַט־שטח אויף פֿאָרויס, אין דער צוקונפֿט — אין דעם איז אים געגאַנגען, פֿאַר דעם האָט ער זיך אײַנ־געשטעלט. אַ סימן, אַז אין זעלבן אַרײַנפֿיר זאָגט ער: „די לעצטע 30 יאָר האָבן מיר אַדורכגעמאַכט אין דער וועלט און אין אונדזער ייִדישן לעבן שווערע און פֿאַראַנטוואָרטלעכע יאָרן. מיר זײַנען געשטאַנען פֿאַר גרויסע נסיונות און פֿאַר נאָך גרעסערע איבערראַשונגען פֿון וועלט־און ייִדישע ווערטן. עס זײַנען פֿאָרגעקומען שטאַרקע איבערגרופּירונגען פֿון סאָציאַלע און קולטורעלע כּוחות... דאָס אַלץ האָט אויף אונדז

אַרויפגעלייגט נײַע פליכטן און לאַסטן, נײַע פאַראַנטוואָרטלעכקייטן און אויפגאַבן .. מער ווי ווען עס איז, נויטיקן מיר זיך איצט אין נײַער דערמוטיקונג, אין נײַעם גלויבן, אין נײַעם ברען, מיר זאָלן קאָנען אויף די מוראַדיקע חורבות און פאַרוויסטונגען אויפשטעלן אַ נײַ לעבן" (אונ־טערגעשטראָכן — א. ג.).

דאָס איז געשריבן אין 1945. די כוונה איז אַ קלאָרע: ניט אַ יחיד און ניט אַ פאָלק קאָן גיין פאָרויס מיט ליידיקע ירושה־טשעמאָדאַנעס, דער ווינט וועט אים אוועקטראָגן, אָבער ניט אַלץ קאָן מען מיטנעמען, מוז מען אָפּקלײַבן, איבערקלײַבן און מסדר זײַן.

דער באַוווסטזיניקער אָפּקלײַבער, איבערקלײַבער און מסדרער איז נחמן מײַזיל געווען. און דאַכט זיך, אַז קיינער איז צו דעם ניט געווען אַזוי באַרופן ווי ער. עס האָט זיך געפאָדערט קענטעניש, אַרײַנבליק, באַ־וווסטזײַן, ליבע און אחריות — און ער האָט זיי אַלע פאַרמאָגט. בײַ אַ פאָלק וואָס האַלט זיך אין איין פאַרקערעווען אויף היסטאָרישע וועגן און בײַ יעדן קער דאַרף עס אָפּמעסטן דעם אָפּגעגאַנגענעם וועג, כדי ניט פאַרלירן קיין ווערטן אויפן וועג — אַפילו בשעת אַ גירוש און אַפילו בעת מען ברענט דיר די טריט — בײַ אַזאַ פאָלק איז דער סך־הכל אַ תּנאַי פאַרן ווײַטערדיקן גאַנג. נ. מײַזיל האָט דעריבער פאַר אונ־דזער דור דורכגעפירט אַ גרויסע, היסטאָרישע עבֿודה, וואָס מיר האָבן זי בפירוש נאָך ניט אָפּגעשאַצט. דעריבער: וועגן קיין שום אַנ־דערן קריטיקער פון אונדזער דור קאָן מען ניט זאָגן דאָס זעלבע — און איך מיין ניט פאַרמינערן קיינעמס אויפטו. אָפּשאַצערס, אויסטײַ־טשערס, אַרײַנטײַטשערס, אויפקלערערס זײַנען זיי אַלע געווען, ווער מער און ווער ווייניקער, קיין פאַרסך־הכלערס אָבער ניט. און אין אונדזער צײַט איז דער סך־הכל געווען אַ היסטאָרישער אימפּעראַטיוו, אַן אַנ־תּנאיקע נייטיקייט.

אין זײַן אַרײַנפיר צום בוך „דאָס יידישע שאַפן און דער יידישער שרײַבער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד", זאָגט נחמן מײַזיל: „דאָס אַלץ ארויס־ברענגען [עס רעדט זיך וועגן דעם ווונדערלעכן סך־הכל פון יידישן קול־טור־בוי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ביז 1948 — א. ג.] פאַרלאַנגט גרינט־לעכע אַרבעטן, וואָס ווען ניש דער דאָרטיקער חורבן פון 1948, וואָלטן די יידישע שרײַבער און פאָרשער אין ס. פ. זיכער עס געטאָן. און ווי מיר ווייסן זײַנען דאָרט געגרייט געוואָרן ווערק, ווו ס'האָבן באַדאַרפט אונטערגעצויגן ווערן ווײַטגייענדיקע סך־הכלען. זאָל אונדזער דאָזיקע אַרבעט זײַן אַן אָנהייב צושטייער פאַר נאָך אַזעלכע אַרבעטן וואָס דאַרפן קומען".

טאַקע צוליב דער היסטאָרישער שפירונג האָט זיך נחמן מײַזיל גע־קערט דער עיקר צו די קלאַסיקערס — צו מענדעלען, צו פּרצן, צו שלום עליכמען און צו די קלאַסיקערס פון צווייטן דור. אים איז גע־גאַנגען אין די וואָרצלען, אים איז געגאַנגען אין דערגרונטעווען זיך

צום שורש, צום סאַמע אָנהייב. אים איז אויך געגאַנגען אין אַרויסשיילן דעם שאַפער און ניט בלויז דאָס געשאַפענע. עד־היום פאַרדריסט אונדז, וואָס טייל סאָוועטישע קריטיקערס, דער עיקר ראָזנצווייג אין זיין בוך „דער ראַדיקאַלער פעריאָד פון י. ל. פרצעס שאַפן", האָבן זיך אָפּגעריסן אויף נ. מייזלען, אים געשטעמפּלט ווי אַ קליינבירגערלעכן מיליע־קרי־טיקער, פאַרזעענדיק דערביי דעם פשוטן פאַקט, אַז די פערזענלעכקייטן פון אונדזערע קלאַסיקערס זיינען דורך דער צייט ליכטיקער און העכ־לער געוואָרן. יאָ, די פערזענלעכקייטן גופא, די מענטשן פאַר זיך זיינען אונדז אין פערספּעקטיוו וויכטיקער און נייטיקער געוואָרן.

אין אַריינפיר צום בוך וועגן י. ל. פרץ שטרייכט נ. מייזיל אונטער: „עס וועט ניט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז די 30 יאָר נאָך פרצעס אַוועק־גיין איז אין די טיפעניש פון דעם יידישן פאָלק, אין די הערצער און מוחות פון די פּראָגרעסיווע יידישע מאַסן געשאַפן געוואָרן אַ טיפערער און רייכערער, אַ דערהויבענער און ליכטנדיקער פרץ, ווי די פיר צענד־ליק יאָר, ווען פרץ גופא האָט געשאַפן און פאַרעפנטלעכט זיינע ווערק".

.3

נחמן מייזיל האָט דורכגעפירט אַ ספּעציעלע עבודה פאַר דער יידי־שער ליטעראַטור. ער איז געווען דער וועגווייזער־שטעלער אין דער לי־טעראַטור, דער וואָס האָט צעשטעלט די ציינגערס אויפן וועג, וואָס האָבן געוויזן וואוהין מ'דאַרף גיין. אין זיין מענדעלע־בוך זאָגט ער: „אונדזער בוך איז ניט נאָר אַ פירער, אַ וועגווייזער אין מענדעלעס לעבן און שאַפן, נאָר אויך אין אַ געוויסער מאָס אַ פירער, אַ וועגווייזער צו די אַלע פאַר־שיידענע מענדעלע־פאָרשונגען, וואָס זיינען... דערשינען אין אַ משך פון אַ הונדערט יאָר" (אונטערגעשטראָכן — א. ג.).

פאַראַן צוויי באַטייטן אין דעם געזאָגטן: ראשית, די וועג־ווייזעריי, און צווייט, דאָס כסדרדיקע געפיל פון איבערווינקען זיך ניט נאָר מיט די פריערדיקע, נאָר אויך מיט שפּעטערדיקע דורות, צוגרייטן פאַר זיי בוי־מאַטעריאַל. פון דעם האָט זיך גענומען ביי אים דאָס אָפּצייכע־נען יאָרצייטן און געדענק־טעג אין דער „יידישע קולטור", כסדר צור־יקבליקן צו די וואָרצלען. לייב ניידוסעס לידער, אַ מעשה פון א. מ. דיק, אַ דערציילונג פון איטשע מאיר ווייסענבערגן — דאָס זיינען ניט בלויז עקסקורסיעס אויף קבר־אָבות, נאָר אַחריותדיקע צוריקבליקן אויף דעם „מאין באת" — פון וואַנען קומסטו און וואָס ביסטו שולדיק די פריערדיקע דורות און וואָס קאָנסטו פון זיי לערנען.

אין עטלעכע ערטער אין זיינע הקדמות ציטירט נחמן מייזיל דעם אַלטן פסוק: „לא עליך המלאכה לגמר" — נישט דו אַליין קאָנסט אַרויס־ענדיקן די גאַנצע אַרבעט. אין דעם זאָג ליגט דאָס געפיל פון טיפער אחריות, פון פאַרשפּיצטער געזעלשאַפטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכונג פאַרן כלל, פון חוש פון מיסיע, פון דער דערקענטעניש אַז עס גייט וועגן

גרויספאָלקישע ווערטן, וואָס דו האָסט גענומען אויף זיך, ווי אַ טייל פון אַ פאָלקישן פריער און שפּעטער.

וויכטיק איז נאָך אַן עלעמענט, וואָס וועט אפשר פאַר אונדז אויפֿקלערן נחמן מייזילס פאַרשטענדעניש פאַר דער שייכדיקייט פון ליטעראַטור מיט דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. נחמנס אַרבעט וועגן מענדעלען, ווי ער זאָגט אין זיין אַריינפיר־וואָרט, איז געווען אַ טייל פון באַוווסטזיניקן פּראָצעס אַנקעגנצווווירקן דער נטיה וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט אין דער יידישער, און אויך אין דער העברעישער, ליטעראַטור צו לייקענען אין דעם סאָציאַל־קולטורעלן באַטייט פון די קלאַסיקערס, פון די גרונטלייגערס פון דער יידישער ליטעראַטור. דורך אונטערהאַקן דעם וואָרצל איז די כוונה געווען אונטערצוגראָבן דעם גאַנצן בוים, לייקענען אין שורש האָט געמיינט אָפּלייקענען דאָס גאַנצע געוויקס. נחמן מייזיל האָט דעם ענין גענומען אין דער טיף. זיין גאַנץ „מענדעלע־בוך" האָט געהאַט איין כוונה: קעגנווירקן די שעדלעכע טענדענץ דורך אַרויסהייבן דעם זיידן און זיין גרויסן באַטייט.

און וויכטיק איז, צום וויפלטן מאָל שוין, אונטערצושטרייכן, אַז דאָס איז געווען אַ באַוווסטזיניקער פּראָצעס. אין אַריינפיר צום „מענדעלע־בוך" זאָגט ער זייער קלאָר: „קודם כל: מע האָט אָנגעהויבן פאַרגעסן דעם גרונטלייגער פון דער יידישער ליטעראַטור, און נאָך מער — מע האָט אין געוויסע קרייזן גענומען פאַרמינערן זיין ווערט און זיין ראָלע אין דער יידישער [ווי אין דער העברעישער] ליטעראַטור. עס האָבן זיך גענומען הערן אין די לעצטע יאָרן, בעיקר אין דער העברעישער קריטיק, שטאַרקע טענות צו מענדעלע מוכר ספרים. מע האָט אים פירגעוואָרפן, הלמאי זיין שאַפן איז אַזוי טרויעריק און פול מיט שאָטנס, און פאַרוואָס זיינע ווערק זיינען אָנגעפילט מיט ביטערער קלאָגערייַ, אָנשטאָט מיט פריידיקן געזאַנג. מע האָט פאַרלאַנגט צו מאַכן אַ רעוויזיע פון מענדעלעס שאַפן... און איידער וואָס־ווען האָט מען שוין אָפּגעפרעגט זיין געבענטשטע השפעה אויף דער יידישער [און העברעישער] ליטעראַטור".

און נאָך אַן עלעמענט איז וויכטיק. שרייבנדיק די הקדמה אין 1959 — אין שטאַרק געביטענע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע תנאים, זוכט נחמן מייזיל צו רעסטאַוורירן דעם זיידן ניט בלויז ליטעראַריש, אַפילו ניט בלויז קולטורעל־היסטאָריש, נאָר דווקא אַרויסצושיילן דעם גרונטלייגער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, ווי די פּריזמע אין וועלכער עס האָבן זיך איבערגעקרייצט די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אידעישע שטרעמונגען פון דער פאָלק־מאַסע. ווי ער וואָלט געוואָלט באַווייזן, אַז דער סאַמע פונדאַמענט פון אונדער מאָדערנער ליטעראַטור — אַ סימן, אַזאַ איז געווען איר גרונטלייגער — איז געווען די אוממיטלבאַרע פאַרבונדנקייט פון קינסטלער מיטן לעבן, ווי ער וואָלט געזאָגט: קאָנסט באמת איצט ניט ווירקן מיט דיין ליטעראַרישער אַרבעט,

סײַדן דו טונקסט אײַן דײַן פען אין דעם אורקוואַל פֿון פֿאָלקס שאַפֿן, סײַדן דו לערנסט זיך בײַם זיידן ליבע און רחמים און קריגערישקייט.

און אין גײַסט פֿון 1959, למען ידעו, האָט נחמן מײַזיל אונטער־געשטראָכן דעם זיידנס אַקטועלקייט: „...אין דעם זין איז ער געווען גאָר אַנדערש ווי פּרץ און שלום־עליכם און ווי אַנדערע זײַנע מיט־צײַטלערס, וואָס אים האָבן שטאַרק באַשעפֿטיקט פּאָליטיש־געזעלשאַפֿט־לעכע און עקאָנאָמישע פֿראַגן מחוץ און אויסער זײַן שרײַבערישער וועלט. מענדעלע — דער פּובליציסט, מענדעלע, וואָס האָט רעאַגירט אויף סאָציאַל־פּאָליטישע פֿראַגן פֿון אַ ברייטן מלוכה־מאַסשטאַב, זײַנע אַרויס־זאָגונגען בײַ פּלענער און פּראָיעקטן צו פֿאַרבעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע פֿון ייִדן אין רוסלאַנד, און אויך פֿון דער ייִדישער דערציִונג, — איז אַ בײַעס וואָס מען דאַרף עס שטודירן און פֿאָרשן".

דאָס ווערט געזאָגט לשבֿח פֿון ביידן — אי פֿון זיידן מענדעלע און אי פֿון נחמן מייזיל, מחמת עס איז דאָך קלאָר פֿאַרוואָס און מיט וועלכע כּוונות מײַזיל האָט דווקא אַרויסגעהויבן אָט־די שטריכן אין זיידן מענדעלע. ניט סתּם זיך אײַנגעשטעלט פֿאַר אים, ניט בלויז געראַטע־וועט דעם זיידנס כּבֿוד, נאָר בפּירוש געלייגט דעם אַקצענט אויף דעם כאַראַקטער, אויף דעם געזעלשאַפֿטלעכן מהות פֿון דעם גרונטלייגער פֿון אונדזער ליטעראַטור. אין נחמן מײַזילס נוסח: אַוועקגעשטעלט אַ וועגווײַזער — אָט אַזוי און אויף דעם וועג דאַרף די ליטעראַטור גיין ווײַטער, אָט פֿון די פֿעדעם דאַרף זי צִיען איר שטענדיקן המשך.

מיר ווילן, נאָך אַ מאָל, אונטערשרײַבן די זעלטענע פֿאַרפֿעדעמט־קייט נחמן מײַזילס אין דער ייִדישער ליטעראַטור און זײַן קנאיש גע־פֿיל, אַז מען דאַרף זי אָפּהיטן אויף ווײַטער. דאָס האָט אַרויסגעקוואָלט פֿון זײַן טיפֿער אחריותדיקייט פֿאַרן פֿאָלק און פֿון דער פֿאַרשטענדע־ניש, אַז פֿאָלק און ליטעראַטור זײַנען איינס.

און פֿון דעם האָט זיך אויך גענומען נחמן מײַזילס געזעלשאַפֿטלעכע אַקטיוויטעט כּל ימיו — זײַנע רעדאַקציאָנעלע אויפֿטואונגען, זײַן פֿאַר־לעגערישע טעטיקייט, זײַן געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעט לטובֿת דער ייִדי־שער קולטור, אין משך פֿון מער ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט.

4.

בלויז פֿאַרבײַגייענדיק ווילן מיר אָנרירן נחמן מײַזילס באַציִונג צו דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור. מיר האָבן אַמאָל געמיינט, אַז ער איז בעיקר געווען באַקאַנט מיט אירע באַרג־שפּיצן, ספּעציעל די ערשטע — מיט בערגעלסאָנען, מאַרקישן, דעם נסתּר, פֿעפֿערן, גאָדי־נער, האָפֿשטיין, קושנירעוו, שפּעטער מיט האַלקינען. דאָס איז אָבער דורכויס ניט ריכטיק. ווען מען באַקענט זיך נעענטער מיט זײַנע אַר־בעטן דערשפּירט מען גלײַך, אַז ער איז געווען גרינטלעך באַ־קאַנט מיט יעדן איינציקן פֿון די סאָוועטיש־ייִדישע שאַפֿערס.

ער ציטירט כאַשטשעוואַצקין, גאַנטאַרן, לוריען, טאַלאַליעווסקין, אַק־סעלראַדן, — יעדן פון די יינגערע, מיט זעלטענער איבטימער באַקאַנט־שאַפט און גאָענטקייט. טייל מאָל איבערראַשט ער מיט אַ ציטאַטע פון אַ קנאַפ־באַקאַנטן סאָוועטיש־ייִדישן שרײַבער. ער האָט זיי געקאַנט, ליב געהאַט, געשאַצט און דער עיקר געלייגט אַזויפיל האָפענונגען — אַזוי ווי יעדער פון אונדז — אַז דאָס צעבליט זיך דער נײַער ערבֿ פון אַ דורותדיקן ייִדישן קולטור יום־טובֿ.

נחמן מײַזילס פײַן און ווייטיק אין יענע שווערע, אומגליקלעכע, קיין־מאָל־ניט־צו־פֿאַרגעסן יאָרן, זײַנען געווען ווי אונדזער אַלעמענס — ניט צום אַריבערטראָגן. עס איז אָבער וויכטיק אונטערצושטרײַכן צוויי קאַרדינאַלע עלעמענטן בשײַכות מיט יענער צײַט. און מיר דערמאָנען זיי, מחמת טייל האָבן געהאַט טענות, פֿירגעוואָרפֿן און פֿירגעהאַלטן נחמן מײַזילען, אַז ער האָט זיך געלאָזט מיטציִען מיט אַ באַשטימטן שטראָם אין ייִדישן לעבן.

לאָמיר קלאָר מאַכן בתכלית הקלאָרקייט, אַז דאָס איז ניט אמת. און מיר זאָגן עס ניט פֿון שטאַנדפּונקט פֿון 1969, נאָר דווקא אויף צוריק, פֿון 1955. אין זײַן באַוווּסט אַרטיקל, „וואָס וועט דאָך זײַן דער סוף?" האָט נחמן מײַזיל געשריבן:

„עס איז גאָרנישט אַזוי גרינג צו שווײַגן און פֿאַרשווײַגן. מען פֿאַרשטשעמעט די ליפּן און מען שווײַגט, ווײַל מען וויל נישט גיסן קיין בוימל אויפֿן פֿײַער און מען וויל נישט צושטיין צו עפֿנטלעכע העצעס פֿון פֿאַרביסענע שונאים פֿונעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, וואָס אויב נישט די־אָ טרויעריקע געשיכטע, וואָלטן זיי געזוכט און געפֿונען אַנ־דערע סיבות, ווי זיי האָבן עס געטאָן אַלע יאָרן..." (ז. 97, „דאָס ייִדישע שאַפֿן און דער ייִדישער שרײַבער אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד").

און נאָך אַ שטריך איז קלאָר געוואָרן אין יענער צײַט. מיר זײַנען ביידע געשטאַנען, נחמן מײַזיל און איך, אויף דער בינע פֿון באַרביזאָן פּלאַזאַ. געווען איז דאָס מסתּמא אין אַפּריל אָדער מאַי, בײַ אַן איקוף־פֿײַערונג צו שלום עליכמס 40־טער יאָרצײַט. מיר האָבן זיך פֿאַרשטאַ־נען פֿריִער, אַז כאָטש מיר רעדן ביידע וועגן שלום עליכמען, רירן מיר אָן די פֿראַגע פֿון די ייִדישע שרײַבערס אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. די ווונד איז געווען אַ פֿרישע, אַן אָפֿענע, אַ בלוטיקנדיקע, און די שטי־מונג אַ געפּאַלענע, אַ יורדישע, אַ דערדריקטע ביז אומגלויבן, ביז משו־געת. אין דער מיט, אָדער צום סוף, פֿון דער רעדע וועגן שלום עליכמען האָב איך גערעדט וועגן דעם אומגליק און די נחמה, די טרייסט וואָס מיר האָבן געזוכט, געמיינט, אַז זי וועט קומען.

נחמן מײַזילס רייד יענעם אָוונט האָבן געאָטעמט מיט אַזויפֿיל טרייסט, מיט אַזויפֿיל דערמוטיקונג, מיט אַזאַ מין טיפֿער ליבע צו די פֿאַרשניטענע, צו דער ליטעראַטור און דער עיקר צו אונדז די אבֿלים,

אַז ביז היינט באַוווּנדער איך די טיפֿע קוואַלן פֿון ליבע און ביטחון פֿון וואַנען זײַנע רייד האָבן אַרויסגעשלאָגן.

„מיר זײַנען אַלע אויפֿגעטרייסלט, דערשיטערט, אָבער, טײַערע חברים און חבֿרטעס, עס וואָלט געוועזן נישט גוט, ווען מיר פֿאַלן אַרײַן אין יאוש, אין פֿאַרצווייפֿלונג. מיר מוזן יעדער איינער זיך אַליין שטאַרקן און מוטיקן, און מיר דאַרפֿן אויך אַלע אַרומיקע שטאַרקן, מוטיקן און דערמוטיקן. מיר טאָרן נישט אָנווערן, מיר טאָרן נישט פֿאַרלירן אונדזער גלײַכגעוויכט. מיר ווייסן, אַז עס איז איצט נישט מעגלעך די פֿאַרשניטענע שרײַבערס צוריקצוברענגען צום לעבן, אָבער מיר קאָנען, אויף צעפּיקעניש די פֿאַרברעכער, פֿאַרשטאַרקן די שאַפֿערישע טעטיקייטן און פֿאַרזעצן די שאַפֿונגען פֿון די טראַגיש־און גרויליק־אומגעבראַכטע ברידער־שרײַבער.

„נאָר נישט אַרײַנפֿאַלן אין יאוש, נאָר נישט זייען קיין צעטומלעניש, קיין פּאַניק! אַלע אין איינעם לאָמיר זוכן וועגן און מיטלען, ווי צו היילן די שווערע ווונד, — וואָס איז, אמת, גאָרנישט אַזוי לײַכט צו היילן.

„דערווײַל... דערווײַל לאָמיר זיך טוליען איינער צום אַנדערן!“ (דאָרט, ז. 114).

*

מיר זאָגן דעריבער: נחמן מײַזילס הויפּטשטריכן זײַנען ניט געווען בלויז קענטעניש און זעלטענע באַהאַוונטקייט און אומדערמידלעכע אַרבעט און דינסט־גרייטקייט און דער אינערלעכער פֿאַרלאַנג, אַ קאָמפּולסיווער פֿאַרלאַנג, צו דינען. ניין, ניט די זײַנען דער עיקר. די עיקר־שטריכן זײַנע זײַנען געווען נאַציאָנאַלע אחריותדיקייט און געלײַטערטע ליבשאַפֿט. די האָבן ניט נאָר באַוועגט זײַן אַרבעט, נאָר געשטעלט דעם גאַנצן טאָן צו אַלץ וואָס ער האָט געשריבן, צו אַלץ וואָס ער האָט געזעלשאַפֿטלעך דורכגעפֿירט פֿאַר אונדזער קולטור און פֿאַר אונדזער ליטעראַטור. און דאָס זיינען גאָר אויסטערלישע שטריכן, זעלטענע, ליכטיקע. זיי האָבן צעהעלט זײַן גאַנצע פּערזענלעכקייט.

אַפּריל, 1969.

דער תנא פֿון מײשאַגאָלע

קלמן מרמר האָט געלאָזט טיפֿע סימנים אין אונדזער קולטור אין משך פֿון מער ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט. פֿאַר די פֿון אונדז, וואָס זײַנען געווען אַזוי נאָענט צו אים, איז ניט לײַכט איצט אונטערצוציִען אָביעקטיווע סך־הכּלען און אָפּשאַצן.

דער מענטש מרמר, די לויטערע און זויבערע פּערזענלעכקייט, איז אַ קנױפּ פֿון הונדערטער פּערזענלעכע פֿעדעם — פֿעדעם פֿון ליבע, פֿון נאָענטקייט, פֿון חבֿרשאַפֿט, וואָס וויברירן איצט מיט אַ שטילן ווייטיק און צער. אָט די פֿעדעם ווערן לחלוטין נישט געמינערט דורך דעם פֿאַקט, וואָס ער איז אין משך פֿון די לעצטע יאָרן ניט געווען געזעל־שאַפֿטלעך אַקטיוו, אָדער וואָס די לעצטע חדשים האָט ער זיך בלויז פֿון צייט צו צייט אַרויסגעריסן פֿון דער טרויעריקער און האַלב־מטושטשער פֿאַרזונקענקייט אין זיך אַליין און פֿאַרלוירנקייט אין דעם עבֿר, און בלויז פֿון צײַט צו צײַט אַ בליץ געטאָן מיט זײַן געלײַטערטער קלאָר־קייט, מיט זײַן שאַרפֿן זיכּרון. איז דעריבער, ראשית־כּל, נייטיק שלום מאַכן מיטן שווערן געפֿיל, אַז וויפֿל דו זאָלסט שוין ניט קומען אין לאָס אַנדזשעלעס, וועסטו מרמרן מער ניט זען, און בלײַבן וועט דיר בלויז דער מילדער גלעט פֿון זיינע אויגן אויף דער פֿאָטאָגראַפֿיע און דער שטילער, ווייכער הויך פֿון דער חבֿרישקייט און קרובֿהשאַפֿט צו אים, ווי דער אָטעם פֿון אַ באַליבט קינד. זײַנען דאָס טאָקע אויסטער־לישע מתּנות, וואָס אַ מענטש פֿאַרהיט און טראָגט מיט זיך, אַזוי לאַנג ווי מענטש איז מענטש — אָבער טרייסטן, טרייסטן זיי ווייניק. מײַנע רייד איצט זײַנען דעריבער מיט עמאָציע אונטערגעשלאָגן, ווי דער אָנדענק פֿון אַ שטילן בין־השמשות פֿון די יִינגלשע יאָרן, ווען דו האָסט שפּאַצירט מיטן טאַטן אויפֿן פֿעלד און דאָס ערשטע מאָל דערשפּירט די זעלטענע נאָענטקייט און טיפֿע ליבשאַפֿט צום טאַטן, וואָס איז מסתּמא אַלע מאָל געווען אין דיר, נאָר זי האָט זיך פּלוצעם און מיט אַ מאָל אַנטפּלעקט. אָט אַזוי שטיי איך איצט פֿאַר דער התגלות פֿון אַ גרוי־סער ליבשאַפֿט און אַ טיפֿער דאַנקשאַפֿט, ביידע אַרומגעזוימט מיט צער.

עס איז מיר ניט לײַכט אָנצוכאַפּן די טעמע קלמן מרמר. זאָגן, אַז מרמר איז געווען אַ בריק פֿאַר אונדזער דור — עפּעס אַ מאָדנער אײַ־מאַזש פֿאַר מרמרן. אָבער דאָך — אַ בריק פֿאַראייניקט ברעגן, ציט אויס אָרעמס און נעמט אַרום און אַרײַן דעם דאָ און דעם דאָרטן. זאָל

פֿון אַ רעדע, געהאַלטן בײַ דער הזכּרה־פֿאַרזאַמלונג נאָך קלמן מרמר, זונטיק, דעם 18טן נאָוועמבער 1956, אין ניו־יאָרק.

מען דעריבער יאָ זאָגן: מרמר איז פֿאַר אונדז געווען די בריק איבער וועלכער דורות האָבן שפּאַצירט הין־און־צוריק. איז פֿון יענער זײַט בריק געקומען צו גיין מאַריס ראָזענפֿעלד און מײַן און דײַן קינד אַרומגעגנומען און געלאַשטשעט: „איך האָב אַ קליינעם יינגעלע". ביסטו, בין איך אויף יענער זײַט בריק אַוועק און צום אַלטן מאַריס וויני־טשעווסקי אַ שעפּטשע געטאָן: „אַ, זיידע!". און זי, די בריק, האָט וווּנדערלעך געשטאַרקט און באַזיניקט די קרובֿהשאַפֿט, וואָס איז אויפֿגעגאַנגען.

קלמן מרמר איז פֿריִער פֿון אַלץ געווען דער טראַדיציע־שומר אין אונדזער לעבן, דער פֿאָדעם־פֿאַרקניפּער. ווי אַ וועבער בײַם וועבשטול האָט ער אונדז פֿאַרהיט סײַ פֿון שעטנז און סײַ פֿון איבערגעריסענע פֿע־דעם. ער האָט מיט אויסטערלישער קלאָרקייט אָפּגעשאַצט און פֿאַר־שטאַנען די שײַכותן פֿון נעכטן מיטן הײַנט און מיטן מאָרגן.

אין דער רעדע, וואָס מרמר האָט געהאַלטן צו זײַן 75־יאָריקן יובֿיליי־באַנקעט אין ניו־יאָרק, האָט ער אַזוי אַרום פֿאַרסך־הכּלט זײַן צוגאַנג צו געשיכטע: „די געשיכטע פֿון די קאַמפֿן פֿון אַמאָל אַנטהאַלט אַ סך בײַשפּילן אויך פֿאַר אונדזער הײַנט. מיר לערנען פֿון דורכפֿאַלן פֿון די אַמאָליקע פּריווהייט־קעמפֿער, אַזוי גוט ווי פֿון זייערע זיגן". מרמר האָט פֿאַר זיך אָנגעצייכנט זייער פֿרי זײַן כּוונה אין לעבן: דעם מאָרגן אַרויסכּישופֿן פֿון נעכטן. ער איז געווען דער, וואָס האָט מער ווי ווער עס איז אין אונדזער צײַט, געהאָלפֿן שרײַבן דעם גרויסן יחוס־בריוו פֿון יידישן אַרבעטער.

אָבער ניט כּדי צו טוליען זיך צו טויטע שמות, אָדער כּדי צו גלאָ־ריפֿיצירן דעם עבֿר, איז מרמר אַוועק צו דעם עבֿר. ער האָט צו שטאַרק געגלייבט אין לעבן און אין דעם זייער קלוגן פּסוק: „לא המתים יהללו..." (ניט די טויטע וועלן לויבן גאָט). ער האָט פֿון דעם אַמאָל אַרויסגעשיילט און צוריקגעבראַכט דאָס אייביק לעבעדיקע, גליִענדיקע וואָרט, דאָס וואָרט פֿון גרויסן צדק, פֿון גרויסן יושר און פֿון גרויסן אמת, וואָס לעבט אין משך פֿון אַלע דורות אין האַרץ פֿון פֿאָלק.

מרמר האָט פֿאַרטיפֿט און באַזיניקט דעם קאַמף פֿון מאָדערנעם יידישן אַרבעטער דורך דעם, וואָס ער האָט אים אָנגעקליידט אין דער טראַדיציע פֿון געראַנגל פֿון די יידישע פֿאָלקס־מאַסן פֿאַר אַ בעסער און גערעכטער לעבן אין משך פֿון טויזנטער יאָרן. ער האָט באַוויזן ווי פֿון קדמונים ביז איצט האָט געלעבט אין פֿאָלק די גרויסע טראַדיציע פֿון בענקען נאָך דעם אחרית־הימים און ראַנגלען זיך פֿאַר יושר. ניט צופֿעליק האָט ער זיך דערקלערט ווי אַ מיטגליד פֿון דער פּאַרטיי פֿון ישעיה. ער האָט פּראָקלאַמירט דעם יידישן אַרבעטער פֿון הײַנט ווי דעם יורש פֿון פֿאָלקס כּסדרדיקן, דורותדיקן שטרייט פֿאַר צדק און גליק. ער האָט אַזוי אַרום געשטאַרקט דעם קאַמף פֿון דעם מאָדערנעם יידישן אַרבעטער, אים געפֿעסטיקט מיט דער טראַדיציע פֿון דווערגדי־

קער און דורותדיקער העלדישקייט. ער האָט צום היינטיקן געראַנגל צוגעטראָגן אַ נײַע דימענסיע — די דימענסיע אין דער טיף פֿון דער ייִדישער געשיכטע.

ער האָט אָבער צוגעבראַכט נאָך אַ דימענסיע צו אונדזער געראַנגל — די ישׂראל בין העמים־דימענסיע. ער האָט אונדז פֿאַרקניפּט דורך טויזנטער פֿעדעם מיטן געראַנגל קעגן פֿאַרשקלאַפֿונג, פֿאַר פֿרײַהייט פֿון אַלע פֿעלקער. ער האָט אונדז אָנגעטרונקען מיט דעם ריינסטן ווײַן פֿון פֿעלקער־ליבע און צווישנפֿעלקערלעכער ברידערלעכקייט. מרמר שיילט אַרויס פֿון אַלטערטום די גרויסע משפּחהשאַפֿט פֿון די פֿרײַהייט־און מענטשלעכער ווערדע־קנאים, וואָס שליסט אײַן דרימאַך פֿון גריכישן אינדזל כיאָס און דעם פּאַסטעך עמוס, די גראַקך־ברידער און דעם מכבי פֿון יהודה, מאַנגצי פֿון דער אַלטער כינע און בר־כּוכבא פֿון יהודה, אליהו הנבֿיא קעגן אַחאָבֿ און ספּאַרטאַק קעגן רוים. אַ וווּנדערלעכע ברודערשאַפֿט, וואָס וויל דערהייבן און באַגליקן דעם מענטש.

און ניט נאָר די מענטשן, אַפֿילו גאָט אַליין — דעם אָרעמאַנס גאָט — גייט אַריבער גרענעצן פֿון פֿעלקער און לענדער. „די פּויערשע לעגענדע לאָזט דערפֿאַר הערן די שטים פֿון דעם גאָט פֿון די אָרעמע און אונטערדריקטע אויך ווײַט אויסער די גרענעצן פֿון דער ייִדישער מדינה. דער אָרעם פּויערשער גאָט נעמט זיך אָן די קריוודע פֿון דער אָרעמער פֿעניקישער אַלמנה, אַזוי גוט ווי פֿון דעם ייִדישן פּויער" („קלאַסן־קאַמפֿן אין אַלטערטום", ז"ז 60־61).

און געשען איז דאָס נאַטירלעכע: וואָס מער ער האָט זיך צווישן די פֿעלקער אַרײַנגעבירגערט, אַלץ הייסער איז זײַן צובונד, זײַן איבערגעגעבנקייט, זײַן פֿאַרטיפֿטקייט אין ייִדישן פֿאָלק געוואָרן.

אַ ייִדישער קריטיקער האָט אַ מאָל, אין אַ בייזער מינוט, אַ זאָג געטאָן: „מרמר איז דער אוטשאָני יעוורעי פֿון די לינקע". ער האָט זיך אָבער גלײַך פֿאַרכאַפּט: „ניין, בעסער דער אוטשאָני אַנטי־יעוורעי". דאָס איז אַ בילבולדיקער און ברוטאַלער זאָג געווען, מחמת איינער פֿון מרמרס הויפּטשטריכן איז געווען זײַן פֿאַרוואָרצלטע און קערנדיקע ייִדישקייט. מרמר האָט ניט געטראַכט ווי אַ פּראָגרעסיווער מענטש, ער האָט געטראַכט ווי אַ פּראָגרעסיווער ייִדישער מענטש. אַ פֿולשטענדיקע השלמה, אַ גאַנצקייט צווישן דעם ייִדן און דעם מענטש איז בײַ אים געווען. זײַנע ערשטע נייגונגען צום פּועלי־ציוניזם האָבן געשטאַמט פֿון דעם סינטעז; זײַן שפּעטערדיקער גאַנג צו דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג אין ייִדישן לעבן האָט געוואָרצלט אין דעם ייִד־מענטש סינטעז. ער האָט געגלייבט אין דעם לעבן און אין דעם אויסדויער פֿון זײַן פֿאָלק אין יעדן לאַנד, ווו עס געפֿינט זיך, און אין יעדן דור, אין וועלכן עס האָט געלעבט און געשאַפֿן. מרמרס גאַנץ שאַפֿן האָט געצילט צו באַווײַזן די נאָענטע קרובֿהשאַפֿט פֿון אַ פּסוק בײַ עמוסן מיט אַ פּסוק בײַ ווינטשעווסקין, פֿון אַ ווערזיע בײַ ישעיהן ביז אַ ווערזיע בײַ דוד עדעלשטאַט. ווי קיינער פֿאַר אים (און

דערוויַיל ווי קיינער נאָך אים) האָט ער פֿאַרבונדן דעם ייִדישן אַרבעטער פֿון היינט מיטן בעל־מלאכה פֿון נעכטן, מיטן אויפֿשטענדלער און בונטאַר און אמת־זוכער פֿון אייערנעכטן. אָבער ניט נאָר דעם גלויבן און ניט נאָר די לערע פֿון די נביאים און די פֿרייהייט־קעמפֿער פֿון אַלע צייטן און אַלע דורות האָט ער גערשנט, ער האָט אויך זייער לײַדנשאַפֿט, זייער אינערלעכן צאַפּל איבערגענומען און אונדז מיט אָט דעם ברען אָנגעשטעקט.

וויפֿל גאַנצער און רײַכער זײַנען מיר אַ דאַנק דעם באַריר פֿון דעם פֿאָלק־לערער, דעם רבי פֿון מײַשאַגאָלע, וואָס האָט פֿליגל געהאַט, אָבער קיין מאָל פֿון וואָרצל זיך ניט אָפּגעריסן. אַליינקייט איז אים אַלע יאָרן שווער געווען, און די תּורה זײַנע וואָלט אים אַ משא געוואָרן, ווען ער וואָלט זי בלויז פֿאַר זיך געהאַלטן. ער איז געווען דער אמתער תּלמיד־חכם, וואָס האָט געוווּסט און פֿאַרשטאַנען, אַז תּורה האָט בלויז דע־מאָלט אַ ווערט, ווען מע טיילט זיך מיט איר. ער איז דעריבער געווען דער גרעסטער פּזרן, דער פֿאַרשווענדער, אין אונדזער ליטעראַטור. זײַנע אַרטיקלען זײַנען אין די הונדערטער — און אפֿשר אין די טויזנטער — פֿאַרשפּרייט אין יעדן ווינקל, ווײַל ער האָט זיי מיט פֿרייד אַנטקעגנגע־טראָגן צו יעדער צײַטונג און יעדער צײַטשריפֿט, וואָס האָט זיי בײַ אים געבעטן. זייער ווייניק אין אונדזער דור האָבן זיך מיט אַן אמת און אַן מליצה פֿאַרדינט דעם נאָמען פֿאָלק־לערער אַזוי ערלעך, ווי ער.

פֿון באַוווּסטזײַן, אַז דער עיקר איז צו לערנען און אויפֿקלערן, האָט זיך גענומען זײַן זויבערע פּשטות און זײַן קלאָרקייט, זײַן געלייטערטער איינפֿאַכער סטיל, זײַנע לויטערע קלאָרע געדאַנקען, וואָס איך האָב אַמאָל פֿאַרגליכן צו ריין־געוואַשענע גענדזעלעך אויף די לאָנקעס לעבן מײַשאַ־גאָלע. מרמרס סטיל ווערט אָפֿט איינטאָניק און זײַן אופֿן פֿון שרײַבן אַ מאָל גרויליק, אָבער די פּשטות איז בײַ אים געווען — ניט קיין חנדל און ניט קיין פּרימיטיווקייט. עס איז גיכער געווען נוסח און מענטש, וואָס וויל, דער עיקר, אַז מע זאָל אים פֿאַרשטיין, אַז זײַן וואָרט זאָל דערגרייכן און דערהייבן.

זאָגן, אַז מרמר איז געווען דער געשיכטע־שרייבער און דער ליטע־ראַטור־פֿאָרשער פֿון אַ באַשטימטער עפּאָכע, איז ניט גענוג, ווײַל אייגנט־לעך איז ער אַליין געווען אַ מיטשאַפֿער פֿון דער עפּאָכע. זאָגן, אַז ער איז דער, וואָס האָט צוריקגעשטעלט די ייִדישע אַרבעטער־קלאַסיקער אין אַמעריקע, איז אייגנטלעך אויך ניט גענוג, ווײַל אין סאַמע תּוך איז מרמר אַליין ווי אַ שרײַבער, ווי אַ געשיכטע־און ליטעראַטור־פֿאָרשער, געווען אַ קלאַסיקער פֿון דער ייִדישער קולטור אין אַמעריקע.

ער האָט געהערט צום אָנהייב, פּונקט ווי ער האָט געהערט צו דעם נאָענטן עבֿר פֿון דער אַמעריקאַנער ייִדישער קולטור. געקומען איז ער, אייגנטלעך, זייער נאָענט צום אָנהייב, אין דער צײַט ווען דער ייִדישער

אַרבעטער איז נאָר־וואָס געבוירן געוואָרן. עס איז געווען קוים פֿינף מינוט נאָך מעשה־בראשית, און גלייך ביים אָנהייב האָט ער געגומען אויף זיך איין אַרבעט — באַקליידן דעם ניי־געבוירענעם יידישן אַרבעטער און פֿאָלק־מענטש מיט אידייע, מיט אינהאַלט, מיט טראַדיציע און מיט וויסן.

ניט ריכטיק, אַז מרמר האָט אָנגעהויבן די אַרבעט ערשט אין די צוואַנציקער יאָרן. עס איז גענוג זיך צו באַקאַנען מיט זיינע אַרטיקלען אין „ניעם יידישן דור״ פֿון 1916, מיט זיינע בריוו צו ראָזענפֿעלדן אין 1907־1908, מיט זיין גאַנצער טעטיקייט אין די יאָרן, ווען ער האָט רעדאַגירט פּועלי־ציוניסטישע צייטשריפֿטן און זשורנאַלן. ער האָט בלויז קלאָרקייט און אימפּעט צוגעקראָגן אין די צוואַנציקער יאָרן — דער זוימען געהערט צום אָנהייב פֿון זיין שאַפֿן ביים קער פֿון יאָרהונדערט, און אפֿשר נאָך צו די לערן־יינגל־און סטודענטישע יאָרן אין ווילנע און אין דער שווייץ.

אין דעם פּרט שטייט ער זייער נאָענט, ניט נאָר אידעיש, נאָר אַפֿילו כראָנאָלאָגיש, צום בראשית פֿון דער נייער צייט, ווען ווינטשעווסקי און פּרץ האָבן געווירקט און זיך געשטעלט געגנוי די זעלבע צילן — העלפֿן באַפֿרייען דאָס יידישע לעבן פֿון מיטלעלטער, דערקאָנען דעם גרויסן נאַציאָנאַלן שעפֿערישן כּוח פֿון יידישן אַרבעטער און דערשפּירן די גרויסע פּאָטענץ פֿון דער מאָדערנער יידישער קולטור, ווי אַן אינ־סטרומענט אין געראַנגל צו קערעווען דעם פֿאָלקס גורל.

ער, פּונקט ווי זיי, האָט אַ סך געלערנט פֿון דער השׂכּלה, סיי איר קריגערישקייט, סיי איר ערלעכן פֿאַרלאַנג צו לערנען און דערהייבן דאָס פֿאָלק. און אויך דאָס איז נוסח און אויך דאָס איז טראַדיציע — אַ טראַדיציע און אַ נוסח, וואָס זיינען געלייטערט געוואָרן אין מרמרן און וואָס ער האָט דערטראָגן ביז אין אונדזער טאָג אַריין. אפֿשר טאַקע אָט די פֿערזענלעכע פֿאַרבינדונג מיט דורות, וואָס האָבן זיך שנעל אָפּ־געררוקט פֿון אונדז, ווייל דאָס יידישע לעבן האָט זיך אַזוי ראַפּטום אַנט־וויקלט, און מיט ווען מרמר האָט זיך ניט געוואָלט שיידן ביז ער וועט דעם לעצטן טראָפּן פֿון זייער פֿאָלק־חכמה און לערע ניט פֿאַרהיטן פֿאַר אונדז — האָט ביי אונדז אָפֿט מאָל געשאַפֿן דעם איינדרוק, אַז ער געהערט — אַפֿילו ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגער מענטש, אין די פֿריע פּופֿציקער — צו די פֿריערדיקע דורות. און אפֿשר טאַקע פֿון דעם האָט געשטאַמט אונדזער טיפֿער דרך־ארץ צו אים און דער פֿאַקט וואָס אַפֿילו די, וואָס האָבן כּמעט געהערט צו זיין דור, האָבן אים גע־רופֿן רבי.

קלמן מרמר איז מסתּמא געווען איינער פֿון די לעצטע משׂכּילים אין יידישן לעבן. דער משׂכּיל, וואָס האָט געהאָלפֿן „פֿאַרטרייבן די פֿינצ־טערניש״ און „פֿאַרשפּרייטן ליכט״ — פֿריער צווישן די טאָקער־יינג־לעך און שוסטער־געזעלן און שניידער־און גאַרבער־געזעלן, און שפּעטער

צווישן די קעפּ־מאַכערס און לעדיס־ווייסט־מעיקערס און קלאָוקמאַכערס און ני־פּענטס־מאַכערס און פּאַריערס און הויז־פּאַרבערס, — זיי אַלע האָט ער מיט ווערדע אָנגעפּילט און געלערנט, אַז יגיעת־כּפּים איז דער עיקר און אַז דער נבֿיא עמוס איז אַ טאָג־אַרבעטער געווען. ער איז געוואָרן דער רבי פֿון דער בעל־מלאכהשער קלויז און שפּעטער דער לערער פֿון די אַרבעטער־אוניווערזיטעטן.

אין אַ צײַט, ווען סאָציאַלע דיכטונג איז פֿאַרלייקנט געוואָרן אין דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, ווען עס זײַנען אָנגעוואָקסן דער אינדיווידואַליזם און פֿאָרמאַליזם, וואָס האָבן איבערגעריסן מיט די טראַ־דיציעס ניט נאָר פֿון ראָזענפֿעלדן און ווינטשעווסקין, נאָר אַפֿילו פֿון שלום־עליכמען און מענדעלען, יאָ, אַפֿילו פֿון פּרצן — האָט מרמר כּמעט איינער אַליין זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם שטראָם פֿון ליטעראַטור־און־לעבן־שכנות־פֿאַרלייקענונג און גענומען אויף זיך די עבֿודה ווידער צו אַנטפּלעקן דעם אמתן זין פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור דאָ אין אַמע־ריקע — איר פֿאָלק־פֿאַרבונדנקייט, איר אַקטיוון הומאַניזם, איר אַנגאַ־זשעטיקייט מיט סאָציאַלע אידעעס — דאָס אַלץ איז אַ ריכט־שנור פֿאַר אונ־דזער ווײַטערדיקן קולטור־המשך. ווען מע וויל פֿאַרשטיין די אידעעס און די פֿאַקטאָרן, וואָס האָבן געשטאַלטיקט די ייִדישע ליטעראַטור אין אַמעריקע, מוז מען אָנקומען צו מרמרן. מרמר האָט געשאַפֿן אַ צאָל גרונטווערק, וואָס האָבן פֿאַרגאַנצט דעם אידעיִשן אינהאַלט פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, באַשיצט די ליטעראַטור קעגן די, וואָס האָבן זי געפּרוווט פֿון סאָציאַלן אינהאַלט אויסהוילן.

כּמעט איינער אַליין האָט קלמן מרמר צוריקגעשטעלט פֿאַר אונדז די ייִדישע אַרבעטער־דיכטונג אין אַמעריקע. מיט זײַן אייגענער פּאָלע האָט ער פֿאַר איר אָפּגעווישט אַ בכּבֿודיק אָרט אין דער מזרח־וואַנט, פֿון סאַמע אויבן אָן. ער האָט אַרויסגעשיילט דעם גרויסן יחוס פֿון דער אַרבעטער־ליטעראַטור — אַ יחוס, וואָס אָן מרמרן וואָלט ער מעגלעך פֿאַרטושט, אויב ניט אין גאַנצן פֿאַרגעסן געוואָרן.

אָנערקענענדיק די פֿאַרבינדונגען, די צווישן־שכנותן און די קעגנ־זײַטיקע השפּעות און אחריותן פֿון ייִדישן קולטור־שאַפֿן אין אַלע לענ־דער, האָט מרמר אָבער קלאָר אונטערגעשטראָכן, אַז עס קאָן ניט זײַן קיין אויסגעוואָרצלטע איבער־טעריטאָריעלע ייִדישע ליטעראַטור. אין דעם „אָנהייב פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור און פּרעסע אין אַמעריקע" דער־קלערט ער זייער געניו: „די ייִדישע ליטעראַטור אין אַמעריקע איז ניט אַריבערגעפּלאַנצט געוואָרן פֿון אייראָפּע... זי איז אַרויסגעוואָקסן פֿון די באַדינגונגען פֿון אַמעריקאַנער ייִדישן לעבן". ד. ה., ער האָט אויפֿ־געפּאַסט די אַמעריקאַנער ייִדישע ליטעראַטור, ווי אַ זעלבשטענדיקן באַשאַף פֿון דעם ייִדישן לעבן און דעם גראַנגל אַפּצוהיטן די פּאָל־קישע אייגנאַרט אין אַמעריקע. ער האָט מיט אויסערגעווינטלעכער מי־זאַמקייט און מיט קענטעניש געהויבן די חשיבות פֿון דער ייִדישער לי־

טעראַטור אין לאַנד, אַרױסגערוקט איר ספּעציפֿיק און איר היסטאָרישע ראָלע בײַם אַנטװיקלען באַװוסטזײַן און דערקענטעניש און װערן אַ באַשטימיקער כּוח, װאָס האָט געהאָלפֿן אױסקריסטאַליזירן דעם מהות און די פֿאָרמע פֿון אונדזער לעבן אין אַמעריקע.

*

מרמרס פֿאַרבינדונג מיט דער ייִדישער שול אין אַמעריקע שטרײַכט דראַמאַטיש אונטער דעם פֿאַקט, אַז דער הױפּטמאָטיװ אין זײַן גאַנצער אַרבעט איז געװען די זאָרג פֿאַרן עתיד, פֿאַרן מאָרגנדיקן טאָג.

אין דער יובֿיליי־רעדע, װאָס מרמר האָט געהאַלטן אין ניו־יאָרק, 1952, האָט ער געזאָגט: „איך בין זיכער אין דעם זיג פֿון גערעכטי־קײט, ניט געקוקט אױף אַלע בײזע כּוחות, װעלכע פּרוּװן איצט דרײען די װײַזערס פֿון דער צײַט אױף צוריק.“

אין די װערטער פֿון דעם 75־יאָריקן מרמר האָט אָפּגעהילכט דער טאָן פֿון זײַן גאַנצן װעלטקוק — דער טיפֿער, באַחרית־הימימדיקער גלױבן, װאָס האָט אים באַגלײט זײַן גאַנץ לעבן. אױך די האָפֿערדיקײט, דער ניט אױסשעפּיקער אָפּטימיזם, װאָס לאָזט זיך ניט פֿאַרשאָטענען פֿון די „בײזע כּוחות“ און שרעקט זיך ניט אָפּ פֿאַר זײ װאָרצלט טיף אין דער ייִדישער פֿאָלק־ליטעראַטור. עס איז דער זעלבער טיפֿער גלױבן, װאָס פּרץ און מענדעלע האָבן זיך מיט אים געגערט.

אין צײַטן, װי די איצטיקע, װען אַ מענטש דאַרף איבערװעגן אָנ־גענומענע װערטן, װען דער גלױבן װערט צעטרײסלט, װי אַ סאַזשלקע, װאָס אַ בײזע האַנט װאַרפֿט פֿודן שטײנער אין איר — אין אַזאַ צײַט איז גוט אײַנצוהערן זיך אין מרמרס גלױביקע רײד (װי רעטאָריש זײ זאָלן ניט קלינגען אין אונדזערע „סאָפֿיסטיצירטע“ אױערן):

„בלוט איז ניט קײן װאַסער, און מאַרטירער־בלוט הערט ניט אױף צו זידן ביז עס געפֿינט אַ תּיקון, ביז עס דערגרײכט דעם צװעק, פֿאַר װעלכן עס איז געװאָרן פֿאַרגאָסן.

„דאָס מאַרטירער־בלוט פֿון טױזנטער דורות, לײַבשקלאַפֿן און לױנ־שקלאַפֿן, פֿרײַהײט־קעמפֿער, נבֿיאים און דענקער, דיכטער און פֿילאָזאָפֿן פֿון אַלערלײ פֿעלקער און ראַסן, זידט און קאָכט איצט אין די מענטש־לעכע אָדערן אין אַלע טײלן װעלט, דער מענטש װיל זײַן פֿרײַ, גײַסטיק און מאַטעריעל, נאַציאָנאַל און סאָציאַל, אָן שום אונטערשײד פֿון ראַסע, שפּראַך און קולטור, אָן אױסנאַם פֿאַר פֿרױ אָדער מאַן, פֿאַר גלױביקע אָדער אומגלױביקע.

„הײליק איז דאָס רעכט פֿון יעדער מענטשלעכער באַשעפֿעניש. און פֿריער־שפּעטער װעט דאָס דאָזיקע רעכט אָנערקענט װערן פֿון דער גאַנצער מענטשהײט“ (פֿון דער זעלבער יובֿיליי־רעדע).

אין צײַטן פֿון ניט־גלױבן, װען מען פּרוּװט אױסלײדיקן דעם מענטש פֿון יעדן אידעיִשן אַנהאַלט און אינהאַלט, איז גוט אַרױסצושײלן פֿאַר

זיך די געשטאַלט פֿון מרמרן ווי אַן אָנקער אין צעבויטעטע און צעשוי־בערטע וואַסערן: די זעלטענע ערלעכקייט זײַנע, די פֿיזישע און גײַס־טיקע זויבערקייט, די האַרציקייט און וואַרעמקייט מיט וועלכע ער האָט געאָטעמט, און איבער אַלעם זײַן גוט־לבריותדיקייט. ר׳ נחמן בראַצ־לאַווער האָט אַמאָל געזאָגט: „פֿאַראַן מענטשן, וואָס לײַדן שרעקלעכע יסורים און זיי קאָנען ניט אַרויסזאָגן דאָס, וואָס ליגט זיי אין האַרצן, און זיי גייען זייער וועג אין שטילע יסורים. אָבער ווען זיי געגעגנען אַן איינעם מיט אַ פֿריילעכן פּנים, קאָן ער זיי צוריק באַלעבן מיט זיין פֿרייד. און באַלעבן אַ מענטשן, דאָס איז גאָרנישט קיין קליינער ענין״. בפּירוש, גאָרנישט קיין קליינער ענין. מרמר האָט אונדז באַלעבט מיט זײַן פּערזענלעכמייט.

ער האָט פֿאַרקערפּערט אין זיך די טראַדיציע וואָס איז כאַראַק־טעריסטיש פֿאַר אַ סך העלדן אין אונדזערע מיטלעלטערלעכע פֿאָלק־מעשׂות: פֿיזישע שוואַכקייט געפּאָרט מיט גײַסטיקער גבֿורה, אַזוי, אַז אַפֿילו איצט, ווען דער גוף איז שוין מער ניטאָ, בלײַבט אונדז נאָך אַלץ די תּורה און דער גלויבן, די ליבע צום פֿאָלק און די וואַרעמע ייִדישקייט זײַנע, די געטרײַשאַפֿט צו דער טראַדיציע און דאָס אײַנוועבן זיך אין מאָרגן, דאָס פֿאַרברידערן זיך מיט די פֿעלקער און דערהייבן זיך אַליין, כּדי די פֿאַרברידערונג זאָל רײַכער ווערן, דער דרך־ארץ פֿאַרן וויסן און די געטרײַשאַפֿט צו דעם אָנשטרענגג פֿון פּשוטן פֿאָלק.

און נאָך אַ טראַדיציע — די לײַדנשאַפֿט פֿאַרן אמת. מרמר האָט אָפֿט געשריבן אונטערן פּסעוודאָנים „יחי אמת״ (זאָל לעבן דער אמת). אויך דאָס איז אַ זעלטענע ירושה, וואָס מען דאַרף ווערט זײַן און אָפּ־היטן און לערנען זיך דעם אמת פֿאַרטיידיקן און מיט זײַן ליכט אַלצ־דינג וועגן און מעסטן און שאַצן. אַפֿילו די פֿענער פֿון דער גאולה דאַרף מען אין ליכט פֿון אמת בודק זײַן.

(1956)

קלמן מרמר

א.

מיט קלמן מרמרס אַוועקגיין האָט זיך פֿאַרענדיקט אַן עפּאָכע אין דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג — דער לעצטער סאָציאַליסטישער משׂכּיל איז אַוועק פֿון אונדז. ק. מרמר האָט געהערט צום דור סאָציאַליסטישע אויפֿקלערערס ניט בלויז צוליב זײַן עלטער. וואָלט משה אַלגין געלעבט ביז איצט, וואָלט ער געווען עלטער פֿון מרמרן. אָבער מרמר איז אין זײַן שרײַב־מאַניר, אין זײַן אופֿן פֿון טראַכטן און אין זײַן אויפֿקלערערײַ געווען אַ סך ענלעכער צו פֿיליפּ קראַנץ, צו מאָריס ווינטשעווסקי, צו א. ש. זאַקס, ווי מ. אַלגין איז ווען עס איז געווען.

גענומען האָט זיך דאָס בײַ אים פֿון אַ טיף־ייִדישער פֿאַרוואָרצלטקייט, פֿון אַ באַשטימטן אופֿן פֿון טראַכטן, פֿון אַ דידאַקטישן מאַניר און איריאָם, וואָס האָט זיך כּמעט ניט געלאָזט אייראָפּעיִזירן, וואָס האָט אַלץ פֿאַרהיט אַן אייגנאַרטיקן מיישאַגאָלער (אָדער ווילנער) נוסח. מרמר, וועלכער האָט פֿון זײַנע ייִנגלשע יאָרן אָן געהאַט נאָענטן קאָנטאַקט מיט מערבֿ־אייראָפּע, מיט דער שווייץ און מיט ענגלאַנד, האָט אין זײַן שרײַבן, און רעדן, פֿאַרהיט דעם אויפֿקלערער־מעטאָד פֿון דער השׂכּלה. זײַן הויפּטשטריך איז נאָך אַלץ געווען דער לײַדנשאַפֿטלעכער דראַנג צו לערנען און צו פֿאַרשפּרייטן וויסן, צו צעטרײַבן די „פֿלעדערמײַז" און צו דינען דער "הימלישער טאָכטער". אַוודאי זײַנען געווען באַשטימטע געשיכטלעכע סיבות אין דער אַנטוויקלונג פֿון ייִדישן פֿאָלק־לעבן די לעצטע הונדערט יאָר, דער עיקר — דער שנעלער טעמפּאָ פֿונעם איבערגאַנג אין ייִדישן לעבן, וואָס האָבן געבראַכט צו דעם, אַז אויפֿקלערערײַ און סאָציאַליזם זאָלן זיך אָנקערן לײַבלעכע קרובֿים און אַז צווישן זיי זאָל כּמעט קיין צײַט־דיסטאַנץ ניט זײַן. דאָס העלפֿט אונדז פֿאַרשטיין פֿון וואַנעט עס שטאַמען מרמרס וואָרצלען, און דערפֿילן ווי נאָענט ער איז געשטאַנען צום ייִדישן פֿאָלקלעבן די לעצטע 65 יאָר, אַ לעבן פֿול מיט זוכענישן, זיגזאַגן, און אַ שווערן געראַנגל זיך צוצופּאַסן צו נײַע תּנאים.

מרמר איז געווען דער אויפֿקלערער און לערער: פֿריִער — דער מדריך, און ערשט דערנאָך — דער שרײַבער. זײַן כּוונה איז געווען לערנען, כּדי צו העלפֿן אַנדערע פֿאַרשטיין. אָט די צילבאַוווסטקייט האָט באַגלייט זײַן שאַפֿן פֿון די סאַמע ייִנגסטע יאָרן. זי איז מיט דער צײַט בלויז רײַפֿער און קלאָרער געוואָרן.

דער קאָמפּולסיווער איפֿער צו פֿאַרשפּרייטן וויסן האָט

גורם געווען צוויי מעטאָדאָלאָגישע שטריכן אין זײַן שרײַבן. פֿון איין זײַט, אַ באַשטימטע עקלעקטיק — דאָס אָפּגעבן זיך מיט פֿאַרשיידנאַרטיקע געביטן פֿון וויסן, פֿון דער אַנדערער זײַט — אַן אומגעקינצלטקייט, אַ פּשטות אין סטיל און אין אויסדרוק, וואָס איז מיט דער צײַט געוואָרן זײַן אייגנאַרטיקער שרײַב־און־רייד־נוסח. מרמר איז קיין מאָל — ניט געקוקט אויף זײַן ענגן קאָנטאַקט מיטן אייראָפּעיִשן מאָדערניזם — ניט געשטרויכלט געוואָרן מיט מאָדערניסטישע דעטורן אָדער אײַנפֿאַלן. עס האָט זיך געפֿילט שוער ניט אַ גרויקייט אין זײַן סטיל און אויסדרוק, ווי ער וואָלט ניט וועלן (מורא האָבן?) גלאַנצן און זיכער — ניט אויפֿפּלאַמען. די מאָדערניסטישע פֿליטערלעך, דאָס געפֿליגלטע וואָרט, דער צו־אָפּטער אינטערנאַציאָנאַליזם, וואָלטן פֿאַרטושט זײַן דידאַקטישע כּוונה און פֿאַרנעפּלט דעם געדאַנק. ער איז געווען גיכער אַ סאָלידע פּרשה חומש מיט רש״י, איידער אַ קלוגער פּילפּול. (אינטערעסאַנט, אַז אַט דער נוסח פֿון ליטעראַרער פּשטות האָט טיפֿע וואָרצלען אין מאָדערנעם ייִדישן שאַפֿן. ער האָט אויך אין דער בעלעטריסטיק געהאַט זײַנע אויסדריקער, וואָס האָבן אים דערהויבן צו געלײַטערטער, ראַפֿינירטער קינסטלערישקייט, ווי אַבֿרהם רייזען, יוסף ראָלניק, איזי כּאַריק אין דער פּאָעזיע, א. ראַבאָי אין דער פּראָזע. מ׳ר דערמאָנען בלויז דעם פֿאַקט. מיר פֿאַרגלײַכן ניט).

ק. מרמר האָט פֿאַרקערפּערט און סימבאָליזירט אַן עפּאָכע אין אונדזער לעבן, ווען ס׳איז כּמעט פֿון זיך אַליין, אויסגעוואַקסן אַ ייִדישע פֿאָלק־אינטעליגענץ, וואָס האָט פֿאַרבונדן איר גורל מיטן ייִדישן אַרבעטער, מיטן פּשוטן פֿאָלקמענטש, און איז געוואָרן זײַן פּירזאָגער. דאָס איז געווען דער דור, וואָס האָט אָנגעהויבן מאָנען פֿאַר דעם ייִדישן בעל־מלאָכה, פֿאַרן ייִד פֿון אַ גאַנץ יאָר, דאָס רעכט אויף די אָנגעזאַמלטע קולטור־אוצרות, און אַנטפּלעקט אין אים די פּאָטענץ פֿאַר המשכדיקער קולטור־שעפֿערישקייט. אויך אין דעם זין האָט ער געהערט צו דעם קלאַסישן פּעריאָד פֿון אונדזער מאָדערנער קולטור־שאַפֿונג, ווען שלום־עליכם און פּרץ האָבן דער עיקר געשטרעבט צו רעדן פֿאַרן „פּראָסטן פֿאָלק״ (שלום עליכמס אויסדרוק) און פֿאַרן „פּשוטן ייִד״ (י. ל. פּרצעס פּראָזע).

מרמר האָט געהערט צו דעם דור ייִדישע קולטור־שאַפֿערס אויף ביידע זײַטן ים, וואָס האָבן אונטערן אײַנפֿלוס פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג איבערגענומען די פֿאַרשריטלעכע, די ליבעראַל־רעוואָלוציאָנערע אידעעס פֿון דער השׂכּלה און זיי איבערגעטראָגן צום ייִדישן אַרבעטער און פֿאָלקמענטשן, און דאָס אין אַ צײַט, ווען די השׂכּלה גופֿא האָט שוין געהאַט אויפֿגעגעבן איר גערעגל, אָדער איז שוין נישט געווען בכּוח זיך צוצופּאַסן צו די נײַ־געשאַפֿענע באַדינגען און באַציִונגען.

מרמר אַליין האָט זיך אויסגעטיילט דער עיקר מיט דעם, וואָס ער האָט אַריבערגעשפּרײַזט עטלעכע עפּאָכעס און איז געווען אַ בן־דור פֿון

עטלעכע דורות מיט אַ מאָל. אפילו איצט, מיינען מיר, אַז מיר דאַרפֿן אים מעסטן מיט הײַנטצײַטיקע מאָסן, מחמת די לעצטע 20 יאָר פֿאַר זײַן טויט, זײַנען דערשינען זײַנע הויפּט־ווערק: דאָס בוך וועגן דוד עדעלשטאַט, וועגן יעקבֿ גאָרדין, וועגן יוסף באָוושאָווער, די בריוו פֿון אהרן ליבערמאַן, זײַן אַרבעט „דער אָנהייב פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע״, און עס איז קוים 30 יאָר זינט זײַן גרויסער רעדאַקציאָנעלער אַרבעט פֿון ווינטשעווסקיס ווערק, און בלויז עטלעכע־און־צוואַנציק יאָר זינט דער אַקאַדעמישער אויסגאַבע פֿון דוד עדעלשטאַטס ווערק, וואָס ער האָט רעדאַגירט אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד (און וואָס איז, אגבֿ, דערשינען אָן זײַן נאָמען).

ער איז דער עיקר געווען דער שרײַבער פֿון ספֿר־היוחסין פֿון ייִדישן מאַסן־לעבן. אים זײַנען בײַגעשטאַנען עטלעכע גרונט־מעלות, וואָס האָבן די היסטאָרישע אַרבעט מעגלעך געמאַכט: א) די זעלטענע ערלעכקייט און זויבערקייט אין דער באַציִונג צום געשיכטלעכן אמת; ב) דער חוש פֿאַרן פּרט און די נטיה צו זאַמלען; ג) די פֿעיִקייט צו זײַן אָביעקטיוו און זיך אָפּשיידן פֿונעם געבראַכטן מאַטעריאַל, זיך זעלטן אַרײַנמישן! ד) די פֿעיִקייט זיך אַרײַנצולעבן אין אַ געשיכטלעכן פּעריאָד (מער ווי ווער עס איז, דאַכט זיך, באַניצט זיך מרמר כּסדר מיט דער געשיכטלעכער קעגנוואַרט אין זײַן שרײַבן: ״דעמאָלט גייט אליהו אַרײַן אין פּאַלאַץ״, „ספּאַרטאַקוס קוקט זיך צו״, „איך רעד מיט ברענערן אַ לענגערע צײַט״ א. אַ. וו.); ה) זײַן רײַפֿער חוש פֿאַר געשיכטלעכע ווערטן אין דער רעאַלער פּערספּעקטיווע פֿון הײַנט. מרמר האָט קיין מאָל ניט גרינג געשאַצט היסטאָרישע ווערטן, ער האָט צוריקגעבראַכט הויפֿנס פֿון עבֿר, און כאָטש ער האָט ראשו ורובו געשטעקט אין דער אַלט־ייִדישער קולטור, איז ער קיין מאָל ניט פֿאַרלוירן געוואָרן אין דער פֿאַרגאַנגענהייט און זי אויך קיין מאָל ניט גלאָריפֿיצירט; ו) זײַן זעלטענע ערודיציע, דאָס, וואָס זעט אָפּט אויס ווי עקלעקטיק, איז אין דער אמתן געווען אַ ברייט וויסן, סײַ אין אייראָפּעיִשן און סײַ אין ייִדישן זיך. ער איז געווען איינער פֿון די גלערנטסטע צווישן ייִדישע קולטור־שאַפֿערס אין אַמעריקע — אַ למדנות, וואָס האָט געשטאַמט אי פֿון טיף־ייִדישע און אי פֿון אַלגעמיין וועלטלעכע קוואַלן; ז) דאָס אַלץ איז געווען געפּאָרט מיט אַן אידעאַל, אַ גלויבן און מיט געזעלשאַפֿטלעכע מעשׂים. ער איז געווען אַ טשיקאַווער געמיש פֿון קאַבינעט־מענטש און פֿון געזעלשאַפֿטלעכער טוער. ניטאָ קיין איין פּאַרטיי אָדער אידעיִשע ריכטונג אין ייִדישן לעבן, ווו מרמר זאָל ניט האָבן געווירקט: פֿון זײַן ערשטן אָנטייל בײַ די ציוניסטישע וועלט־קאָנגרעסן ביז דער גרינדונג פֿון וועלט־פֿאַרבאַנד פּועלי־ציון אין 1907 (צוזאַמען מיט בער באָראָכאָוו און בן צבֿי קאַפּלאַנסקי), ביז זײַנע קנאַפּע 40 יאָר אַקטיווער באַטייליקונג אין יעדער פֿאַזע פֿון ייִדישן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן אין אַמעריקע, און, דער עיקר, אין פּראָגרעסיוון ייִדישן לעבן.

ב.

דריי הויפּט־געביטן פון דער ייִדישער קולטור האָט מרמר באַווירקט און פאַרטיפט: א) דאָס פעלד פון דער ייִדישער געשיכטע־פאָרשונג; ב) דעם געראַנגל פאַר דער וועלטלעכער ייִדישער שול, און ג) זײַן אַר־בעט אָפּשאַצונג... אַוועקצושטעלן די קלאַסישע ייִדישע ליטעראַטור אין אַמעריקע אין דער ריכטיקער היסטאָרישער פּערספּעקטיווע. צו יעדן איינציקן פון די געביטן האָט ער אַ סך צוגעטראָגן. אין אַלע דריי איז ער געווען אייגנאַר־טיק, שעפעריש, עקשנותדיק און דער עיקר אַ צוימען־ברעכער. מיר וועלן זיי דאָ בלויז אָנמערקן, הגם יעדער איינציקער פון די געביטן פאַרדינט אַ באַזונדערע און אויספירלעכע אַרבעט.

ראשית, זײַן צושטײַער צו דער פאָרשטענדעניש און אויסטײַטשונג פון דער ייִדישער געשיכטע. דער נײַ־געבוירענער ייִדישער אַרבעטער־קלאַס האָט זיך געניטיקט אין דער געשיכטלעכער פאַרטיפונג פון זײַן קאַמף. ער האָט באַדאַרפט באַגרייפן, אַז די צילן, פאַר וועלכע ער ראַנגלט זיך, דער קאַמף פאַרן רעכט אויף ברויט און פרײַהייט, קעגן אומיושר און אונטערדריקונג, איז ניט נאָר אַ געראַנגל, וואָס פאַרברידערט אים מיט די אונטערדריקטע עלעמענטן פון אַלע אַנדערע פעלקער, נאָר אויך אַזאַ וואָס וואַקסט אַרויס פון דער טראַדיציע פון דורותדיקע געראַנגלען בײַ זײַן אייגן פאָלק. ער האָט באַדאַרפט דערשפירן, אַז דער שטרײַט פאַר יושר איז אַזוי אַלט ווי דאָס ייִדישע פאָלק גופא און אַז אייגנטלעך גייט ער, דער ייִדישער אַרבעטער, אין די פוסטריט פון דורות קעמ־פערס. י. ל. פרץ האָט עס אַזוי פאַרשטאַנען און דאָס גייט דורך ווי אַ שנור דורך זײַן גאַנץ שאַפן, ניט בלויז אין די 90ער יאָרן, ווי טייל ווילן האָבן, נאָר ביז זײַן לעצט געשריבן און גערעדט וואָרט. מ. וויב־טשעווסקי גייט אויפן זעלבן וועג. ווייניקער — די אַנדערע ייִדישע אַר־בעטער־דיכטער, כאָטש מען געפינט בײַ זיי אַ סך היסטאָרישע טעמעס און אָנטײַטן אויף די געראַנגלען פון פריער. די היסטאָרישע ראָמאַנען, וואָס זײַנען געשריבן געוואָרן אין יענע צײַטן, האָבן דער עיקר אונטער־שטראָכן די לײַדן פון אַמאָל, די ייִדישע העלדישקייט לשם דער גלאָריע פון נעכטן, מיטן הײַנט האָבן זיי גאַנץ קנאַפּ געהאַט צו טאָן.

מרמר האָט זיך געשטעלט ווי אַ ציל אַרויסצושיילן דאָס סאָציאַלע אין דער געשיכטע פון פאָלק. ער האָט אליהו הנביא פון די ניסים אַרויס־געוויקלט. ס'איז ביז איצט געבליבן אַ ניט־געדרוקטער מאַנוסקריפּט „אליהו הנביא אין דער באַלײַכטונג פון קלאַסנקאַמף בײַ פאַרצײַטיקע ייִדן". ער האָט בולט אונטערגעשטראָכן דעם סאָציאַלן געראַנגל בײַ עמוסן אָדער הושען. נאָך אין 1926 האָט ער געדרוקט אין חודש־זשור־נאַל „דער האַמער" אַן אַרבעט אונטערן נאָמען „דער קלאַסן־כאַראַקטער פון דער ייִדישער עטיק".

זײַנע אויפֿטוען אויף דעם פֿעלד וואָלט מען געקאָנט אַזוי פֿאַרסך־הכּלען:

א) ער האָט געהאָלפֿן אַרויסשיילן די סאָציאַל־קעמפֿערישע טראַדיציע פֿון דער ייִדישער געשיכטע.

ב) ער האָט אַנטקעגנגעשטעלט דער אויסדערווײלטקייט — און באַזונדערקייט — טעאָריע פֿון דער ייִדישער געשיכטע דווקא די שותּפֿותדיקע שטריכן, וואָס האָבן אונדז פֿאַרברידערט מיט דעם מענטשנס געראַנגל אין אַלע לענדער („קלאַסנקאַמף אין אַלטערטום").

ג) ער האָט צוגעגעבן דעם הײַנטצײַטיקן קאַמף פֿון די ייִדישע פֿאָלק־מאַסן די געשיכטלעכע דימענסיע, דעם היסטאָרישן געראַנגל פֿון אַלע צײַטן, צײַענדיק אַ ניט־איבערגעריסענע שנור פֿון אליהו, דעם מכּבי, יוחנן גוש־חלבֿ ביז הירש לעקערטן, גרעגאָרי גערשוני און אהרן ליבערמאַן. דערבײַ האָט ער ניט נאָר געזען דעם געראַנגל פֿון די הײַנטצײַטיקע ווי גלײַכווערטיק מיטן געראַנגל פֿון די פֿריִערדיקע, נאָר געשטרעבט זיי קעגנזײַטיק צו פֿאַרבינדן און באַווײַזן ווי די איצטיקע וואַקסן אַרויס און שעפּן זייער יניקה און אינספּיראַציע פֿון די פֿריִערדיקע. ער האָט אונדז געהאָלפֿן צוריקגעווינען די טראַדיציע פֿון געראַנגל אין דער טיף, ער האָט דעם סאָציאַלן קאַמף פֿון די ייִדישע פֿאָלקמאַסן אין אונדזער צײַט צוגעגעבן די נאַציאָנאַלע דימענסיעס פֿון אַ דויערנדיקן, לאַנג־דורותדיקן געראַנגל פֿאַר יושר, פֿרײַהייט און קולטור.

ג.

דאָס צווייטע פֿעלד פֿון זײַן קולטור־אַרבעט איז געווען דער געראַנגל פֿאַר דער צוקונפֿט — פֿאַר די ייִדיש־וועלטלעכע שולן אין אַמעריקע. קלמן מרמר איז געווען פֿאַרבונדן מיט די סאָציאַליסטישע „סאָנדעי־סקולס" נאָך אַזוי פֿרי ווי 1911—1912. אין 1916 איז ער געווען דער דירעקטאָר פֿון דער מכּביער שול אין שיקאַגאָ און אין זעלבן יאָר האָט ער רעדאַגירט „דער נײַער דור", דער ערשטער ייִדישער דערציִונג־זשורנאַל אין אַמעריקע (און אפֿשר ניט בלויז אין אַמעריקע). אין 1922, האָט ער רעדאַגירט (צוזאַמען מיט יעקבֿ לעווין און לייבוש לערער) דעם זשורנאַל „ערציאונג". אין משך פֿון לאַנגע יאָרן איז ער געווען פֿאַרבונדן מיט די ייִדיש־וועלטלעכע שולן און שפּעטער במשך עטלעכע יאָר, געווען דער דירעקטאָר פֿון די אַרדן־שולן.

אויך אין דער שול איז מרמרס צושטײַער אַ וואָגיקער און דויערנדיקער. זײַן הויפּט־אויפֿטו: אָפּהיטן דעם באַלאַנץ פֿון פֿאַרגעשריטענעם און נאַציאָנאַלן. שוין אין „דער נײַער דור" דרוקט מרמר אָפּ אַ פּאָלעמיק צווישן דר. חיים זשיטלאָווסקי און חיים ליבערמאַן. מרמר שטיצט אין גאַנצן זשיטלאָווסקיס ענערגישע און אויסגעהאַלטענע אָפּעסיווע קעגן

ליבערמאַנען און זײַן פּרוּוו צוריקצופֿירן דאָס יונגע עופֿהלע, די נאָר וואָס געבוירענע וועלטלעכע שול, צו די אידעיִשע פּאָסטולאָטן פֿון חדר און דער רעליגיעזער ייִדישער דערציִונג.

ער האָט דערצויגן דורות לערער און זיי צוגעגרייט ניט נאָר מיטן וויסן, נאָר אויך מיט דעם גלויבן, אַז די אַרבעט זייערע איז אַ מלאכת־הקודש, אַזאַ וואָס איז ווערט אַלע אָנשטרענגען און קרבנות. ווי דער דירעקטאָר פֿון די אַרדן־שולן, האָט ער כּסדר געשטרעבט צו געפֿינען דעם גלײַכגעוויכט צווישן אַ סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער דערציִונג.

ד.

אָבער קלמן מרמרס הויפּט אַרבעט און זײַן הויפּט ירושה פֿאַר אונדז איז זײַן גערעכנגל פֿאַרן יחוס פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־ליטעראַטור און דער אַרבעטער־פּרעסע אין אַמעריקע. אויף דעם געביט איז צו אים קיין גלײַכן ניטאָ. ער איז געווען און געבליבן דער ראשון, דער פּיאָנער, וואָס אַלע קוואַלן פֿון אונדזער פֿאַרש־אַרבעט וועגן דעם פּעריאָד גייען נאָך אַלץ פֿון אים אַרויס און הייבן זיך מיט אים אָן.

אין כּמות איז זײַן צושטײַער צו דער גאָרער ייִדישער פּרעסע אַזאַ וואָס איז ווערט צו רעגיסטרירן. ער האָט זיך באַטייליקט אין מער ווי דרײַ צענדליק ייִדישע און העברעיִשע זשורנאַלן. ער האָט אַליין רע־דאַגירט (אָדער מיטרעדאַגירט) 15 ייִדישע זשורנאַלן און צײַטונגען: כּותל מערבֿי (לאָנדאָן, 1902־1903), לאָנדאָנער יוד (1904), טעגלעכער יודישער אַדווערטײַזער (לאָנדאָן, 1904־1905), אידישע פֿרײַהייט (לאָנדאָן, 1905), אידישער קעמפּער (פֿילאַדעלפֿיע, 1906־1907), דענווער אידישע פּאָסט (1910־1911), דער נײַער דור (שיקאַגאָ, 1916), דער קונסט־פֿרײַנט (שי־קאַגאָ, 1916), די וועלט (שיקאַגאָ, 1917־1919), דער שיקאַגער „פֿאָרווערטס‟ (שיקאַגאָ, 1919־1921), די נײַע וועלט־אמת (מיטרעדאַגירט), דער האַמער (ניו־יאָרק, מיטרעדאַגירט).

אָבער ניט בלויז אין כּמות גייט עס. וויכטיקער איז די ווערט און קוואַליטעט פֿון זײַן צושטײַער צו דער פֿאַרשטענדעניש פֿון דער ייִדי־שער ליטעראַטור אין אַמעריקע. מרמר האָט זיך געלאָזט אויף אַ שווערן וועג. ער איז געגאַנגען דאָרט ווו — לויטן ענגלישן ווערטל — „די מלאכים האָבן מורא צו טרעטן‟. עס איז אין יענער צײַט געווען דורכויס קעגן דער ליטעראַרישער „מאָדע‟ און קעגן דער אָנגענומענער קריטיק זיך אײַנצושטעלן פֿאַר די שאַפֿערס פֿון דער סאָציאַלער ייִדישער ליטע־ראַטור אין אַמעריקע, וואָס האָבן בײַם סוף פֿון לעצטן יאָרהונדערט אַוועק־געלייגט דעם פֿונדאַמענט פֿאַר דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור אין לאַנד. מרמר איז אַרויסגעטראָטן קעגן דעם אָנגענומענעם נוסח אין דער

ייִדישער ליטעראַטור־פֿאָרשונג און קריטיק אין אַמעריקע.* זײַן הויפּט־ציל איז געווען צו באַווײַזן, אַז די אַמעריקאַנער ייִדישע אַרבעטער־ליטעראַטור איז געווען אַ פֿאָלקשאַפֿונג, וואָס האָט צוזאַמען מיט די אײראָפּעיִשע קלאַסיקערס באַפּעסטיקט דעם פֿונדאַמענט פֿון אונדזער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור, און, אַז מע דאַרף די ליטעראַטור באַטראַכטן ניט ווי די ערשטע אומזיכערע טריט און שטאַמלעניש פֿון „האַלבע" דיכטער, נאָר, פֿאַרקערט, ווי אַן אָנהייב פֿון גרויסן סאָציאַלן באַטײַט און קינסטלערישע פּאָטענצן, וואָס מע דאַרף משלים זײַן, פֿאַר־היטן זייער מהות און פֿאַרזיכערן זייער המשך.

וואָס זײַנען געווען די הויפּט־שטריכן פֿון אונדזער בראשית־ליטע־ראַטור דאָ אין אַמעריקע? רחמנות און ליבע צו די אונטערדריקטע, אַ גערעגל פֿאַר יושר, אַן אוממיטלבאַרע אידענטיפֿיקאַציע פֿון די שרײַ־בערס מיט די, פֿאַר וועמען זיי שרײַבן, אַ באַשטימטע קריגערישקייט, אַ האָפֿערדיקייט, אַ גלויבן און אַ באַוווסטזײַן, אַז די ליטעראַטור דאָ דאַרף דורכפֿירן אַ באַשטימטע סאָציאַלע שליחות. אָט די שטריכן גע־הערן, אין תּוך, אויך צו דער אײראָפּעיִשער ייִדישער קלאַסיק, ספּע־ציעל צו איר גרונטלייגערס. זיי זײַנען, ווײַזט אויס, כאַראַקטעריסטיש פֿאַר יעדער ליטעראַטור, וואָס שטייט נאָענט צום לעבן פֿון פֿאָלק. דער פֿאַקט איז, אַז נאָר אַזאַ ליטעראַטור ווי מאָריס ראָזענפֿעלד און מאָריס ווינטשעווסקי, דוד עדעלשטאַט און יוסף באָוושאָווער (און צענדליקער אַנדערע ווייניקער באַקאַנטע דיכטערס און פּראָזע־שרײַבערס) האָבן אין יענער צײַט געשאַפֿן איז געווען מסוגל גובֿר צו זײַן דעם כאַאָס פֿון

---

* אינטערעסאַנט, און דאָס וועט אונדז העלפֿן בעסער אָפּשאַצן מרמרס אַרבעט, אַז דער געראַנגל קעגן די ערשטע אַרבעטער־דיכטער איז ניט געווען בלויז באַגרע־נעצט צו די פּריִע „קריגערישע" יאָרן פֿון די „יונגע". פֿאַרקערט, אַזוי שפּעט ווי 1942(!) שרײַבט ש. ניגער אין דער „אַלגעמיינער ייִדישער ענציקלאָפּעדיע" (און אַן ענציקלאָפּעדיע דאַרף דאָך נאָך אַלעמען זײַן אַן ענין לדורות): „די הויפּט־פּיאָנערן פֿון דער פּראָלעטאַרישער פּאָעזיע (זײַנען) געווען שרײַבער־אַגיטאַטאָרס, שרײַבער־פּובליציסטן און זייערע אויפֿטוען זײַנען אפֿשר מער אויפֿטוען פֿון דעם ייִדישן זשורנאַליזם, ווי פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור..." (באַנד „ייִדן־ג", ז"ז 124־125) אַז דאָס איז ניט סתּם אַ צופֿעליקער זאָג, באַשטעטיקט ש. ניגער נאָך אַ מאָל אין זײַן בוך „דערציילער און ראָמאַניסטן" (1946!), אין זײַן עסיי וועגן לעאָן קאָברין: „....אים [קאָברינען — א. ג.] איז באַשערט געווען צו ווערן ליטעראַריש אַקטיוו אין אַ סבֿיבֿה, וווּ דער עיקר איז געווען ניט קינסטלערישע ליטעראַטור, נאָר סאָציאַלע אויפֿגאַבן... אין אַ סבֿיבֿה וואָס איז... פֿאַר די יונגע שעפֿערישע כּוחות... געווען אַ צו־ענג וויגעלע..." (ז' 223), און אויף אַן אַנדער אָרט: „....די ראַדי־קאַלע פּרעסע האָט געזוכט מעשׂיות וועגן נײַ־געבאַקענע קאַרל מאַרקסעס און באַקו־ניִנס. האָט זיך קאָברין געמוזט ראַנגלען מיט דער שווערער אויפֿגאַבע צו 'שאַפֿן לעבן און געשטאַלטן' פֿון אַמעריקאַנער ייִדישן 'כאַאָס'. איז קיין חידוש ניט, וואָס עס האָט געטראָפֿן, אַז ער איז אַרויס פֿון דעם געראַנגל אָן אַ זיגער־קראַנץ. מער חידוש איז, וואָס דער קינסטלער אין אים האָט איבער דעם 'קעמפֿער' און דעם אַמוזירער אָפּט אָפּגעהאַלטן נצחונות" (דאָרט, ז' 222).

אימיגראַנטישער איבערגעפּלאַנצטקייט, באַהערשן דעם דזשונגל פֿון גרינ־קייט און פֿאַרלוירנקייט, און העלפֿן די אַריבערגעקומענע זיך דערהייבן פֿון „הענט" צו מענטשלעכער ווערדע, פֿון אליקום צונזערס ליבעראַל־משׂכּילישן „ווי לאַנג, וועסטו, אידל, אַרומגיין און פּעדלען ?" ביז באָוור־שאַווערס דערהויבן־מאָנערישן „הויב אויף דיינע אויגן, אָ, פֿאָלק". עס איז געווען אַ פּיאָנערישע ליטעראַטור פֿון גרויסער געזעלשאַפֿטלעכער ווערט און דינאַמישן אימפּעט.

דערנאָך איז געקומען אַ פּעריאָד פֿון פֿאַרלייקענען די פֿאַרגייערס — דער פּעריאָד פֿון זישע לאַנדויס „הײַזער, מענטשן, גאַסן — גיי איך גלאַט פֿאַרבײַ" — דער פּעריאָד פֿון אויסמײַדן דאָס לעבן. וויפֿל מיר זאָלן ניט פּרוּוון פֿאַרשטיין די היסטאָרישע סיבות, וואָס האָבן געפֿירט צום יחידיזם אין דער ייִדישער ליטעראַטור, צו די אינטראָווערזע בלאַנדזשע־נישן פֿון באַשטימטע טיילן פֿון אונדזער אינטעליגענץ, בלייבט אָבער דער פֿאַקט, אַז זיי האָבן געפּרוּווט אַרויסרײַסן דאָס פּריִערדיקע מיטן שורש, כּדי דער ליטעראַטור־גאָרטן זאָל זיך קאָנען צעוואַקסן. אין נאָמען פֿון קאַמף פֿאַר שפּראַך און פֿורעם האָבן טייל געפֿירט אַ געראַנגל קעגן אײַ־דעיִשקייט, סאָציאַלער ציל־באַוווּסטקייט און די נאָענטע שײַכותן פֿון קינסטלער מיטן פֿאָלק. אין ערגעץ האָט מען, דאַכט זיך, אַזוי ניט גע־לייקנט אין דער פֿאַרגייערשאַפֿט, אַזוי זיך געוואָרפֿן מיט ירושה ווי אין דער אַמעריקאַנער ייִדישער ליטעראַטור אַרום צווייטן צענדליק פֿון הײַנ־טיקן יאָרהונדערט (און אַ ביסל פֿריִער).

ק. מרמר האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער אײַנשטעלונג, וואָס מען פּרוּווט ביז איצט פֿאַרפֿיקסירן אין דער ייִדישער ליטעראַטור (מ'דאַרף פֿאַרצייכענען ווי ווערטפֿולע אויסנעמען ב. י. ביאַלאָסטאָצקיס גרינטלעכע אַרבעט וועגן דוד עדעלשטאַט און נ. ב. מינקאָווס וואָגיקע דרײַ־בענדיקע אַרבעט: „פּיאָנערן פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע ליטעראַטור אין אַמעריקע". זיי גייען טאַקע אין די פֿוסטריט פֿון קלמן מרמרן. ביידע האָבן פֿון אים געלערנט און ביידע שאַצן אָפּ, אַז ער האָט זייער וועג לײַכטער געמאַכט).

וואָס זײַנען געווען מרמרס אײַנשטעלונגען בנוגע דער אַמעריקאַנער ייִדישער ליטעראַטור ?

אין ברייטע שטריכן קאָן מען זיי פֿאַרסך־הכּלען אַזוי:

א) די ליטעראַטור איז געבוירן געוואָרן אין שאַפֿ, אַ פּראָדוקט פֿון אַ נײַעם סאָציאַלן שיכט, וואָס האָט צוליב זײַן נויט און זײַן קולטור־דאָרשט געזוכט וויסן און פֿאַרשטענדעניש און איז דעריבער געוואָרן ניט נאָר אַ קולטור־געברויכער, נאָר אויך אַ קולטור־שאַפֿער. די פּעדלער־מאַסע, — זאָגט מרמר, — איז ניט געווען בכּוח צו שאַפֿן קיין קולטור, קיין נײַע קולטור־אויסדרוקן אַוודאי ניט. „די אייגנטלעכע באַשאַפֿרין און טרעגערין פֿון דער ייִדישער קולטור אין אַמעריקע, און דערמיט אויך פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, איז געווען די אָרגאַניזירטע ייִדישע אַר־

בעטערשאַפט" („דער אָנהייב פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע", ז' 22).

ב) די ליטעראַטור האָט דער עיקר געווירקט, ווײַל זי האָט געשטרעבט צו דינען דעם לייענער און אים דערציִען, אַפילו דער יונגלינג עדעלשטאַט האָט דאָס פאַרשטאַנען.

ג) די אַמעריקאַנער ייִדישע ליטעראַטור, ניט געקוקט אויף איר צוגעבונדנקייט צו דער אַלטער היים, „איז ניט איבערגעפלאַנצט געוואָרן פון אייראָפּע. זי איז אַרויסגעוואַקסן פון די באַדינגונגען פון אַמעריקאַנער ייִדישן לעבן" (דאָרט, ז' 5), „די נײַע אומשטענדן ברענגען אַרויס „נײַע זינגער" מיט „נײַע לידער". עס הייבט זיך אָן בויען אַ נײַע ייִדישע ליטעראַטור, עטאַבלירט אויף אַ נײַעם לעבן־שטייגער... די פּאָליטישע פרײַהייט צו רעדן און שרײַבן אָן אַ צענזור... איז געווען אַ נײַע דערשײַנונג סײַ פאַר די ייִדישע מאַסן און סײַ פאַר דער ייִדישער אינטעליגענץ" (דאָרט, ז' 20).

ד) די אַמעריקאַנער ייִדישע ליטעראַטור מוז זײַן אַנדערש פון דער אייראָפּעיִשער. אין דער אַלטער היים האָבן זיי „געפירט אַ קאַמף קעגן בעל־טאַקסעס און וואָכערניקעס און דאָ האָט מען געמוזט אַרויסטרעטן קעגן דער גאַנצער סיסטעם פון לעבן אויף יענעמס חשבון... מען האָט דעריבער געמוזט שאַפן עפּעס נײַס, וואָס זאָל זיך פּאַסן פאַר אַ מאָדערנעם אינדוסטריעלן ייִדישן אַרבעטער" (דאָרט, ז"ז 20־21).

ה) די ייִדישע אַרבעטער־ליטעראַטור, ניט געקוקט אויף דעם פאַקט, וואָס „אין דער דאָזיקער אַטמאָספערע פון פאַרשאַרפטן קלאַסן־קאַמף... האָט דעמאָלט ניט געקאָנט זײַן קיין רייד פון דער נאַציאָנאַלער קרובֿהשאַפט צווישן די אונטערדריקנדיקע באָסעס און זייערע פאַרשקלאַפטע אַרבעטער, צווישן דעם ייִדישן „אַלרײַטניקטום" און דער ייִדישער אָרעמשאַפט... און די פּיאָנערן פון דער ייִדישער ליטעראַטור און פּרעסע האָבן דעריבער — ניט געקוקט אויף זייער שטאַרקן ייִדישן נאַציאָנאַלן געפיל — אָנגענומען דעם נײַעם „כל בעלי המלאכה חבֿרים" (אַלע אַרבעטער זײַנען חבֿרים, דאָרט, ז' 23) — ניט קוקנדיק אויף דעם אַלעם, איז זי, די ייִדישע אַרבעטער־ליטעראַטור, געווען און געבליבן אַ טיף נאַציאָנאַלע.

זייער אָפט קערט זיך מרמר אום צו אָט דער אײַנשטעלונג, אַז די אַרבעטער־ליטעראַטור איז געווען אַ טיף־נאַציאָנאַלע. ער מינימיזירט אַפילו דאָ און דאָרט אַן אויסדרוק, וואָס וואָלט געקאָנט געטײַטשט ווערן ווי נאַציאָנאַל־נעגירנדיק, כּדי אונטערצושטרײַכן דאָס פּאָזיטיווע, נאַציאָנאַלבאַיאָענדיקע. ער ציטירט דאָס, וואָס אהרן ליבערמאַן שרײַבט אין אַ בריוו צום יונגן דיכטער־רעוואָלוציאָנער לייזער צוקערמאַן: „בײַ אונדז ביידע האָט די מענטשן־ליבע אַ נעסט געבויט און אונדזער לוין איז דאָס גוטס וואָס מיר פאַרשפּרייטן צווישן אונדזער פאָלק..." (בריוו פון אהרן ליבערמאַן, ז' 34). פון יעקבֿ גאָרדינען ציטירט ער: „מיר, איך און יהודית, (דאָס הייסט, די ייִדישע פאָלקסמאַסע — א. ג.) האָבן דאַכט זיך גאָרנישט

געמיינשאַפֿטלעכס. פֿונדעסטוועגן זײַנען מיר איין קערפּער און איין זעל... זי איז מײַן געליבטע" (יעקבֿ גאָרדין, ז' 17). און אויף אַן אַנדער אָרט זאָגט מרמר וועגן גאָרדינען: „בלי ספק וועט יעקבֿ גאָרדין בלײַבן אין דער ייִדישער געשיכטע ווי דער רעפֿאָרמאַטאָר פֿון ייִדישן טעאַטער און ווי דער פּראָגרעסיווער קולטור־טרעגער און געזעלשאַפֿטלעכער טוער, וואָס האָט געזוכט דורך זײַן קונסט אויפֿצוהייבן די מאַסן קולטורעל און מאַ־טעריעל" (דאָרט, ז' 17), און אויף אַן אַנדער אָרט: „גאָרדינס צער און יאוש שטײַגן, ווען זײַן 'דעמענטיאַ אַמעריקאַנאַ' ווערט גיך אַרונטערגענו־מען. ער איז געווען איבערצײַגט, אַז אָט די נײַסטע דראַמע זײַנע האָט געקאָנט אויפֿשטורעמען די ייִדישע מאַסן קעגן דינען דעם בעל, צום גאָל־דענעם קאַלב, און אַרויסרופֿן זייער יובל פֿאַר אַ ריינעם ערלעכן אי־דעאַלן לעבן..." (דאָרט, ז' 200), און נאָך אין אַן אָרט ציטירט מרמר אַ בריוו, וואָס מאָריס ראָזענפֿעלד האָט אים געשריבן אין 1906, אין וועלכן ראָזענפֿעלד פּראָקלאַמירט, אַז „ייִד און אַרבעטער איז שטענדיק געווען מײַן מאָטאָ" („דער אָנהייב פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע", ז' 73) און מרמר קומט צום פּועל־יוצא, אַז „אין אָט דעם זין [דער פֿאַר־לאַנג צו אַרבעטן פֿאַרן ווילזײַן פֿון די ייִדישע פֿאָלקמאַסן — א. ג.] איז דער אָנהייב פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, ווי פֿרײַער אין ענגלאַנד, אַ המשך פֿון אירע פּראָגרעסיווע שאַפֿונגען אין דער אַלטער היים" (דאָרט, ז' 21).

מרמר האָט אונדז געהאָלפֿן און העלפֿט אונדז עד־היום אין אונדזער געראַנגל פֿאַר אַן אייגנאַרטיק אַמעריקאַנער ייִדיש קולטור־שאַפֿן, ניט ווי אַן אָפּגלאַנץ און ניט ווי אַן עכאָ פֿון וועלכן עס איז אַנדערן ייִדישן ישובֿ, נאָר ווי אַ גלײַכבאַרעכטיקטער קאָמפּאָנענט פֿון דער אַלוועלטלעכער ייִדי־שער פֿאָלקס־קולטור.

(1957)

ג

דאָס נאַציאָנאַלע פּנים פֿון די ערשטע אַרבעטער־פּאָעטן אין אַמעריקע

1

עס קען אויסקומען אַ ביסל אויסטערליש, וואָס אַזוי שפּעט אין דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, זאָל מען דאַרפֿן פֿאַר־טיידיקן די הנחה, אַז די פּראָלעטאַרישע ייִדישע פּאָעזיע אין אַמעריקע פֿון סוף 19טן יאָרהונדערט איז געווען און געבליבן אַ נאַציאָנאַל־אינטעגריר־טער עלעמענט פֿון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור, אַז פֿאַר דער אַמעריקאַנער ייִדישער ליטעראַטור איז זי געווען דער סאַמע פֿונדאַמענט, דער ראש־פּינה, פֿון דעם בנין וואָס האָט זיך שפּעטער אויפֿגעהויבן מיט אַזוי פֿיל רחבֿות און פֿאַרביקייט, מיט אַזוי פֿיל פֿענצטער צום ייִדישן לעבן, צו אונדזער דורותדיקן שאַפֿן און צו דער וועלט.

אפֿשר איז דער חשבון שוין טאַקע אַן אָפּגעסילוקטער, מחמת די פּראָטאַגאָניסטן וואָס האָבן אַ מאָל געפֿירט דאָס געפֿעכט זײַנען שוין אַרי־בער פֿון דער אַרענע אין דער געשיכטע אַרײַן?

עס איז אָבער ניט אַזוי, מחמת לונג־און־לעבער מיטאָסן, וואָס מען האָט דעם פּעריאָד אָנגעהאָנגען מי־יודע וויפֿל יאָרצענדלינגער צוריק, וועגן סאָציאַליסטישער מגידות, אומפּאָעטישקייט, פּראָפּאַגאַנדע — האַלטן זיך נאָך אַלץ, ווערן ניט רעעוואַלויִרט, און שטערן אָפּט אַ וויכטיקן פּעריאָד פֿון אונדזער ליטעראַטור צוצוקומען צו זײַן בּאַרעכטיקט אָרט אין דעם פֿאַרנעם פֿון אונדזער ליטעראַטור־געשיכטע.

אַזוי, למשל, איז ניטאָ קיין סימן פֿון די פֿיר אַרבעטער־דיכטער אין אוירווינג האַוס און אליעזר גרינבערגס „טרעזשורי אָוו ייִדיש פּאָ־עטרי". ווינטשעווסקי, באָוושאָווער און עדעלשטאַט פֿעלן לגמרי אין יוסף לעפֿטוויטשעס אַנטאָלאָגיע „די גאָלדן פּיקאָק", און ראָזענפֿעלדן גיט ער עטלעכע זײַטלעך. אין לעפֿטוויטשעס לעצטער אַנטאָלאָגיע („ענטהאָלאָדזשי אָוו מאָדערן ייִדיש פּאָעטרי", אַרויסגעגעבן פֿון אינטערנאַציאָנאַלן פּען קלוב, 1974) איז שוין מאָריס ראָזענפֿעלד אויך ניטאָ. אַלע פֿיר — „שפּורלאָז פֿערזונקט", כּאילו לא היו, ווי קיין מאָל אויף דער וועלט ניט געווען; נייטן אַסאָבעל, אין זײַן „ענטהאָלאָדזשי אָוו דזשוּיִש ליטעראַ־

איך האָב טיילן פֿון דער אַרבעט געלייענט פֿאַר דער „אַמעריקאַנער אַסאָציאַציע פֿון ייִדיש־פּראָפֿעסאָרן"

טשור" (באַמערקט: דזשוּ:ש, ניט בלויז ייִדיש), לאָזט אין גאַנצן אַרויס עדעלשטאַטן, גיט באַוואָרנט צוויי קליינע, ניט כאַראַקטעריסטישע לידער — און דאָס אַלץ. פּאָעטן, וואָס זייער ייִדישקייט איז באַגרענעצט צום פֿאַקט, וואָס צופֿעליק זײַנען זייערע טאַטע־מאַמע געווען ייִדן, זײַנען בײַ אים יאָ פֿאַרטראָטן. דוד עדעלשטאַט האָט, משמעות, ניט קיין זכות־הקיום אין דער ייִדישער ליטעראַטור. „אָ, גוטע פֿרײַנט, ווען איך וועל שטאַרבן" האָט, ווײַזט אויס, קיינעם ניט באַרירט און קיינעם ניט באַווירקט. די בעכן טרערן, וואָס דורות האָבן פֿאַרגאָסן בײַם זינגען דאָס ליד, האָבן, קענטיק, ניט געבוג ממשות, אַז, כאָטש אין זייער זכות, זאָל איין ליד פֿון דוד עדעלשטאַט אַרײַנגענומען ווערן אין דער שאַצקאַמער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור.*

עס וואָלט אָבער געווען קרום און ניט יושרדיק פּרוּוון אַוועקלייגן די שולד בלויז בײַ דער שוועל פֿון די ענגלישע איבערזעצערס. פֿאַרקערט: אָנגעהויבן האָט עס זיך נאָך מיט אַ סך יאָרן פֿריִער, און דווקא אין דער ייִדישער ליטעראַטור, אויף אַ ליטעראַרישער אַרענע ווו דאָס געפֿעכט איז, ביז אַ באַשטימטן גראַד, געווען באַרעכטיקט און פֿאַרשטענדלעך, אַפֿילו — נייטיק, אַ מין „אָבֿות ובנים", עלטערן־און־קינדער געראַנגל, אין קאָנטעקסט פֿון אַ פּעריאָד. מיר איצט, אָבער, מעגן — מוזן! — דאָס־אָ געפֿעכט באַטראַכטן היסטאָריש און אָביעקטיוו — אָן אַלטע חשבונות.

2

ווי וואָלט געווען דער ייִדישער ליטעראַטור, אויב די „יונגע" וואָלטן ניט געווען רעבעלירט קעגן זייערע פֿאָרגייערס. אָבער נאָך ווייער וואָלט געווען די „יונגע", אויב זיי וואָלטן ניט געהאַט קעגן וועמען צו רעבעלירן. אַפֿילו די טענדענץ צו נעגירן די פֿאָרגייערס איז פֿאַרשטענדלעך, כאָטש די פֿאַרניינונג האָט זיך אָנגעהויבן נאָך פֿריִער, פֿאַר די „יונגע".

נאָך אין 1907 האָט י. ל. פּרץ אין אַ שמועס וואָס איז געווען געדרוקט אין דער לעמבערגער צײַטונג „יעדנאָשטש" (אייניקייט) (זע נחמן מייזיל „י. ל. פּרץ — בריוו און רעדעס", זײַט 411), געזאָגט וועגן מאָריס ראָזענפֿעלדן:

„ראָזענפֿעלד, אויב מען רעדט שוין אָפֿן, האָט ווי אַ דיכטער אַ קנאַפּע ווערט. זײַנע לידער — דאָס זײַנען קלאָגמוטער־רעפֿלעקסיעס פֿון אַ ייִד אַן אַרבעטער, רעפֿלעקסיעס געשאַפֿן פֿון אַ ניט געראָטענעם שרײַ־

---

* מע דאַרף דערמאָנען צום גוטן די איבערזעצונגען פֿון אהרן קריימער אין זײַן לידער־בוך „מאָזעס". ער האָט דאָרט אַרײַנגענומען 43 לידער פֿון אַלע פֿיר דיכטערס. אָבער קריימערס ביכל האָט געהאַט זייער אַ קליינע צירקולאַציע — מסתּמא, ניט מער ווי אַ טויזנט קאָפּיעס. מען מעג אויך דערמאָנען דאָס בוך „מאָריס ראָזענפֿעלד — סילעקשאָנס פֿראָם היז פּראָוז ענד פּאָעטרי", איבערגעזעצט פֿון מעקס ראָזענפֿעלד, קאָמפּילירט און רעדאַגירט פֿון א. גאָלדבערג און מעקס ראָזענפֿעלד, איקוף־פֿאַרלאַג, 1964.

בער. קיין שום אידייען זײַנען דאָרט פֿאַראַן. זיי קענען דערײַבער ניט מיטרײַסן דאָס פֿאָלק, פֿאַר וועלכן זיי זײַנען געשריבן. און זיי קענען פֿאַר אים קיין זאַך ניט שאַפֿן".

די רייד קומען פֿון דעם י. ל. פּרץ, וואָס האָט מיט אַזוי פֿיל סענסיטיווקייט, כמעט אינטויטיוו, אַרויסגעשפּירט דעם פֿונק טאַלאַנט בײַ יעדן אָנהייבער. דער מעגלעכער פֿאַרענטפֿער פֿאַר פּרצן קאָן זײַן דער פֿאַקט, וואָס ער האָט זיך נאָר וואָס געהאַט באַקענט מיט מאָריס ראָזענפֿעלדן פּערזענלעך, אין קראָקע, און דער לעצטער האָט אויף אים געמאַכט אַ דערדריקנדיקן אײַנדרוק מיט זײַן נעבעכדיקער, געפֿאַלענער, יורדישער האַלטונג. *

דער פּראָצעס פֿון נעגאַציע ציט זיך ווײַטער. אַזוי פֿרי ווי 1914, האָט זלמן רייזען, אין זײַן ערשטער אויפֿלאַגע פֿון „לעקסיקאָן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור און פּרעסע" (וואַרשע, פֿאַרלאַג „צענטראַל"), געשריבן וועגן דוד עדעלשטאַטס לידער: „אין זיי איז דאָ מער רעוואָלוציאָנערע פּובליציסטיק, ווי ריינע פּאָעזיע... ניטאָ קיין איינציקס אַפֿילו וואָס זאָל ניט זײַן טענדענציעז". אמת, ער גיט צו: „זיי מאַכן דאָך אַן אײַנדרוק מיט דעם שטאַרקן אויפֿריכטיקן געפֿיל". (דער אָפּשאַץ ווערט אויך איבערגעחזרט אין די שפּעטערדיקע אויפֿלאַגעס פֿון „לעקסיקאָן", 1927, 1930).

אַפֿילו דער יונגער משה אָלגין, וועמען מען קאָן ניט חושד זײַן אין ניט־נאָענטקייט צו די פּראָלעטאַרישע דיכטערס, איז כמעט אומברחמנותדיק, און באַשטימט ניט יושרדיק, צו מאָריס ראָזענפֿעלדן אין זײַן בוך „וועלט פֿון געזאַנגען" (1919, זײַט 141). כאָטש ער האָט זיך שפּעטער אָפּגעזאָגט פֿון זײַן צוזאַגג, בלײַבט ער נאָך אַלץ קאַרג און צוריקגעהאַלטן (מ. אָלגין, „קולטור און פֿאָלק", איקוף, 1949, ז"ז 191־201). ענלעך צו אָלגינס קריטיק, כאָטש מיט אַן אַ שיר מער אײַנזעעניש, איז חיים זשיטלאָווסקי אין זײַן קריטיק איבער די דרײַ בענד פֿון ראָזענפֿעלדס לידער און פּראָזע (1910). ער געפֿינט בײַ ראָזענפֿעלדן מער „רוי מאַטעריאַל", מער „גאָלדזאַמד" ווי גאָלד (דר. חיים זשיטלאָווסקי, „וויזיע און געדאַנק", איקוף, ז"ז 168־172).

---

* י. ל. פּרץ דערשאַצט אויך ניט יעקבֿ גאָרדינס אויפֿטו פֿאַרן ייִדישן טעאַטער. ער זאָגט וועגן גאָרדינען: „גאָרדין — פֿרעמדע פּראָבלעמען... פֿרעמדע טיפּן, ייִדיש איבערגעקלײדט. אַ שפּראַך — צום ציינער ברעכן — אַ ניקאָלאַיעווער ייִדיש פֿון אַ בעל תּשובֿה אויף דער עלטער... אַלץ פֿון פֿרעמדן אַקסל, און פּורימדיק — אויף שטאָלצן, און האַרט, ווי ניט דערבראָטן געענדזנס..." (אינטערוויו מיט ש. ק. שנעעפֿאַל, אין 1903).

אַפֿילו צו יהואָשן האָט י. ל. פּרץ (1907) געשריבן: „אָנפֿאַנגס איז מיר שווער געווען זיך צוגעוווינען צו אײַער אַמעריקאַנישן סטיל" (דאָרט, ז. 241). מיר מיינען, אַז טייל יונגע אינטעליגענטן זײַנען שוין געקומען אַהער פֿון אייראָפּע, אָנגעהויכטע מיט נעגאַטיווע אײַנדרוקן און מיינונגען וועגן אַמעריקאַנער „ליטעראַרישן מידבר".

אַפֿילו ה. לייוויק, וועלכער ווײַזט שפּעטער אַרויס אַזוי פֿיל סענסיטיווקייט צו ראָזענפֿעלדן און בעיקר אַזאַ זעלטן וואַרעמע אינערלעך קרובֿישע באַציִונג צו דוד עדעלשטאַט (אין זײַן „די באַלאַדע פֿון דענווער סאַנאַטאָריום" זאָגט ער: „... נאָר יאָ באַשערט, אַז ערד פֿון קאָלאָראַדאָ / דורך דיר, פּאָעט, זאָל ווערן אייגן ערד") — אַפֿילו לייוויק וואַרפֿט אַרויף (אין „דער אינדזל", 1918) די גאַנצע שולד פֿאַרן טרויעריקן מצבֿ פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אויף דעם אָרעמען מאָריס ראָזענפֿעלד:

„ווער ווייס ווי ווײַט מיר וואָלטן פֿאַרגאַנגען, ווען ער [מאָריס ראָזענפֿעלד — א. ג.] דערשרעקט זיך ניט; ווען ער, מיט דער זעלבער שער, מיט וועלכער ער האָט זיך אַרויפֿגעוואָרפֿן אויפֿן ,לומפּיקן באָס', וואָלט געגעבן אַ שניט איבערן פּאָדעם פֿון דער אימפּאָרטירטער טראַדיציע, און וואָלט, אין שײַן פֿון דער נײַער וועלט, געבליבן שטיין אַליין, אַ נײַער אָנהייב, אַן אומפֿאַרמײַדלעכער אָנהייב... האָט ער זיך אָבער דערשראָקן... ער האָט געצאָרנט אויף די יחסנים, די כּלי־קודשדיקע און אַליין דאָך געבענקט נאָך זיי, און אָפֿט מאָל פֿון אונטן אַרויף נאָך געקוקט, מ'שטיינס געזאָגט: — איך — אַן אָפּרייטער" (זײַטן 17־18 פֿון ה. לייוויקס עסיי „ייִדיש און דו, פּאָעט". די אַרבעטן אין זאַמלבוך זײַנען אינדיווידועל נומערירט).

עס איז דעריבער געווען פֿאַרשטענדלעך, אַז מ. באַסין זאָל אין זײַן אַנטאָלאָגיע, כאָטש ער גיט 17 לידער ראָזענפֿעלדס, געבן בלויז פֿיר לידער באָוושאָווערס, דרײַ ווינטשעווסקיס און עדעלשטאַטס ניט מער ווי צוויי. [און בײַ די לעצטע צוויי מײַדט ער דווקא אויס די סאָציאַלע לידער, ווי ער וואָלט זיך געשעמט מיט זיי]. דאָס האָט אַזוי ווײַט געריסן די אויגן, אַז בער באָראָכאָוו, אין זײַנע „אַ פּאָר ווערטער", אַן אַרײַנפֿירוואָרט צו דער באַסין־אַנטאָלאָגיע, האָט זייער איידל דעם רעדאַקטאָר אויסגערעדט, הלמאַי עס פֿעלט בײַ אים „די באַוועגונג־פּאָעזיע, די סאָציאַליסטישע און ציוניסטישע דיכטונג... הגם זיי האָבן ניט קיין גרויסן עסטעטיש־ליטעראַרישן ווערט, פֿונדעסטוועגן זײַנען זיי פֿון קולטור־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט זייער וויכטיק און כאַראַקטעריסטיש: זיי האָבן געקראָגן די גרעסטע פֿאַרשפּרייטונג און צוויי דורות האָבן זיך אויף זיי דערצויגן צו אַ העכערן געשמאַק" (מ. באַסין „500 יאָר ייִדישע פּאָעזיע", באַנד I, ז. V).

איך לאָז מיט אַ כּיוון אַרויס די מער בײַסנדיקע און אין גאַנצן פֿאַרטיליקנדיקע קריטיק פֿון טייל פֿון די „יונגע" עסטעטן — ס'רובֿ פֿון זיי פֿאַרניכטנדיק אומגערעכט, ווי עס פֿירט זיך בעת מילחמה, ווען מען דאַרף מאַכן אַש־און־פּאָרעך פֿונעם שונא. נאָך אַ מאָל: זיי קאָן איך גיכער פֿאַרשטיין. אין 1919 שרײַבט זישע לאַנדוי וועגן עדעלשטאַטן: „אפֿשר אין יאָרן [איז ער] געווען אַוועקגעגאַנגען פֿון קינדהייט, אָבער [איז] נאָך גײַסטיק דאָרט געבליבן... מיט בלוט פֿון דעם האַרצן האָט ער זײַנע קינדערישע פֿערזן געשריבן. אָבער אויב אויפֿריכטיקייט איז אַ נויטווענדיקייט פֿאַר

אַ טאַלאַנט, איז עס אָבער אַן איבעריקער באַלאַסט פֿאַר אַ מענטש, וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט ליטעראַטור און וועלכער האָט קיין טאַלאַנט ניט".

בײַ מיר זײַנען, ווי געזאָגט, אַ סך פֿאַרשטענדלעכער זישע לאַנדויס דעמאָלירנדיקע רייד ווי עס זײַנען די אָפּשאַצן פֿון ב. ריווקין, געשריבן אין די מיטן־דרײַסיקער יאָרן (געדרוקט אין די „זאַמלביכער" פֿון י. אָפּאַטאָשו און ה. לייוויק, ערשטער טייל אין 1936, צווייטער טייל אין 1938. שפּעטער דערשינען אין בוך „גרונט טענדענצן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור", איקוף־פֿאַרלאַג, 1948, שוין נאָך ריווקינס טויט) און יוסף אָפּאַטאָשוס עסיי „50 יאָר ייִדישע ליטעראַטור אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן" (ייִוואָ־בלעטער, 1954). צו די צוויי לעצט דערמאָנטע אַרבעטן וועלן מיר זיך צוריקקערן שפּעטער, מחמתביידע זײַנען געשריבן געוואָרן שוין נאָך דעם, ווי עס איז פֿאָרגעקומען אַ ראַדיקאַלע רעוויזיע מצד אַ צאָל ערנסטע ליטעראַטור־היסטאָריקערס און קריטיקערס. בכּלל איז מיט דער צײַט אָנגעוואַקסן אַן איבערשאַץ פֿון די פֿריִערדיקע צוגאַנגען, וואָס זאָגט עדות אויף אַ באַשטימטן רײַף ווערן פֿון אונדזער אַמעריקאַנער ליטעראַטור־קריטיק, וואָס הייבט אָן פֿאַרשטיין די ירושה פֿון די ערשטע פּיאָנער־דיכטערס אין גאָר אַ נײַ ליכט.

אויפֿן ערשטן אָרט דאַרף מען פֿאַררעכענען די אַרבעט פֿון קלמן מרמר — דעם אײַנשפּײַכלער פֿון דער עפּאָכע, אַן וועמעס ביכער מען קאָן ניט פֿאַרשטיין ניט די צײַט און ניט די וואָרטשאַפֿערס וואָס האָבן אין איר געווירקט.* נאָך דעם קומט נ. ב. מינקאָוו מיט זײַן גרינטלעך, אויספֿירלעך, און מיט אַזוי פֿיל וויסן און ליבשאַפֿט געשריבן, דרײַבענדיק ווערק „פּיאָנערן פֿון ייִדישער פּאָעזיע אין אַמעריקע" (22 שרײַבערס). צו דער קאַטעגאָריע מוז פֿאַררעכנט ווערן ב. י. ביאַלאָסטאָצקיס ספֿר „דוד עדעלשטאַט". אויך דאָ האָבן מיר ביידע סימנים: וויסן און ליבשאַפֿט; און אליהו שולמאַנס בוך „געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע", אַ צאָל עסייען פֿון בער גרין, אַ היפּשע צאָל אַרבעטן וואָס זײַנען געשריבן געוואָרן אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, און אַנדערע. דער סך־הכּל: אַ צאָל גרינטלעכע אַרבעטן, וואָס זוכן צו רעסטאַווירן, אָרנטלעך און מיט

---

* אַחוץ אומצאָליקע אַרטיקלען, וואָס ניט אַלע זײַנען שפּעטער אַרײַן אין זײַנע ביכער, האָט קלמן מרמר אָנגעשריבן די ווײַטערדיקע ווערק וועגן די אַרבעטער־דיכטערס: 1) „מאָריס ווינטשעווסקי, זײַן לעבן,ווירקן און שאַפֿן" (415 זײַטן) — דאָס איז געווען דער ערשטער באַנד צו אַ 10־בענדיקער אויסגאַבע פֿון מאָריס ווינטשעווסקיס ווערק, וואָס קלמן מרמר האָט רעדאַקטירט (פֿאַרלאַג „פֿרײַהייט", נ. י., 1928). 2) רעדאַקטירט די צווייבענדיקע אַקאַדעמישע אויסגאַבע פֿון דוד עדעלשטאַטס ווערק, וואָס איז דערשינען אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, געשריבן אַ לענגערע מאָנאָגראַפֿיע וועגן עדעלשטאַטן ווי אַן אַרײַנפֿיר צו דער אויסגאַבע. 3) „דער אָנהייב פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע — 1870־1890" (איקוף־פֿאַרלאַג, 1944). 4) „דוד עדעלשטאַט" (410 זײַטן, פֿאַרלאַג איקוף, 1950). 5) יוסף באָוושאָווער — מאָנאָגראַפֿיע (פֿריִער געדרוקט אין די ייִוואָ־שריפֿטן), דערשינען אין בוך־פֿאָרם צו מרמרס 75־יאָריקן יובילײ. (פֿאַרלאַג „קלמן מרמר יובילײ־קאָמיטעט", ניו־יאָרק, 1952).

היסטאָרישער פּערספּעקטיוו, די פּאָרגייערס אין די ראַמען פֿון אונדזער גאַנצן נאַציאָנאַלן באַשאַף אויף יידיש אין די פּאַראייניקטע שטאַטן.

3

ב. רוּוקין, נאָך דעם ווי ער שאַצט אָפּ דעם היסטאָרישן פֿאַרדינסט פֿון דער פֿריִער סאָציאַליסטישער פּרעסע — (ער דערמאָנט די וועכנטלעכע „אַרבעטער צײַטונג״, דעם טעגלעכן „אָוונט בלאַט״ פֿון דער ס. ל. פּ. און די אַנאַרכיסטישע „פֿרײַע אַרבעטער שטימע״), ווײַל „זיי האָבן אײַנגע־שפּאַנט ליד און דערציילונג אין אידייִשן תּכלית־דינסט״, גיט ער צו, אַז עס איז „זייער פֿאַרדינסט, וואָס זיי האָבן פֿונאַנדערגעשפּאַנט און פֿונאַנ־דערגעשפּרייזט די ערשטע טריט פֿון דער היגער יידישער ליטעראַטור״... עס איז תּכלית־דינסט... „פּונקט ווי אין דער אַלטער היים״ (ב' ריוּוקין, „גרונט־טענדענצן...״, ז. 56). נאָך דעם שטרײַכט ער אָבער אונטער דעם חילוק, וואָס בעת די אייראָפּעיִשע ליטעראַטור האָט זיך „אָנגעלאָדן מיט שאַרף אויסגעשפּראָכענע יידישע כּלל־אידעען״, האָבן אין אַמעריקע „כּלל פּראָבלעמען... ניט געגאָלטן... תּכלית האָט דאָ געמיינט זיך ניצלעך צו מאַכן דעם באַשטעלער, דעם מאַסן־לייענער מיט כּלערליי פּראַקטישער הילף... אַרויסנעמען אים פֿון דעם גרינעמס בהלה, און אָפּטשוכען פֿון דער ערשטער שרעק...״ „דאָרט — יידישער כּלל, יידיש פֿאָלק, ייִד. דאָ — מענטש, קלאַס, פּראָלעטאַריער. די ליטעראַטור האָט ניט דערגרייכט ביז צו דעם „יידן״ אין לייענער, ביז צו דער טיף פֿון לייענערס גע־מיט...״ (דאָרט, זז. 57, 58). רעדנדיק וועגן עדעלשטאַטן, זאָגט ער: „אַפֿילו די נאַכטיגאַל זינגט צו אים אַנאַרכיסטישע פּראָקלאַמאַציעס. ער האָט פֿון זיך גאַרניט געהאַט צוצוגעבן אויסער דעם קרעכץ פֿון אַ טויט־קראַנקן וואָס ער האָט אים מנדבֿ געווען דעם פּראָלעטאַריער אויף צו באַקרעכצן מיט אים זײַן ביטערן פּראָלעטאַרישן גורל. די איינציקע זע־ונג וואָס פֿורעמט אַ מאָל זײַן ליד, איז פֿאַרויסזעונג פֿון זײַן גיכן טויט: „מײַן צוואה״, „מײַן לעצטער ווונטש״, „דער אָוונט גלאָק״ (דאָרט, ז. 59). (ריוּוקין מאַכט דאָ אַן ערנסטן טעות, וואָס וואָלט מיסתּמא צעשטערט זײַן טעאָריע: עדעלשטאַט האָט געשריבן „מײַן צוואה״ אין 1889, קראַנק גע־וואָרן איז ער ערשט אין 1891!).

„באַוושאָווער איז אַ קרבן פֿון אַן אַבנאָרמאַלער געבורט פֿון אַ יידי־שער פּאָעזיע, וואָס איז געבוירן געוואָרן אָן לופֿט — אָן יידישער לופֿט אויף צו אָטעמען, און אָן ,באָדן׳ — אָן וואָרצלען אין יידישן אונטער־געמיט, אויף אָנצוציִען זיך מיט האָפֿט און זאָפֿט — דער געבורט־פֿעלער פֿון דער גאַנצער יידישער פּיאָנערישער ליטעראַטור אין אַמעריקע״ (זײַט 61).

אָט דאָס איז אין תּוך זײַן גרונט־טעזע.

דאָס פּאָעטישע ליד געפֿינט ער ערשט בײַ ראָזענפֿעלדן. אָבער אַפֿילו בײַ אים, זאָגט ער, איז דאָס ליד „ניט פֿאַרטיפֿט אין זײַן יידישקייט״

(זײַט 69). און ער ענדיקט זײַן שנעלן אָפּשאַץ פֿון ראָזענפֿעלדן: „אַ טראַגעדיע פֿון אַ פּאָעט וואָס געהערט בלויז צו זײַן דור".

און כּדי צו מאַכן זײַן טעזע נאָך מער אַנגעמיק, פֿאַרשאַרט ער ווינטשעווסקין צו ענגלאַנד — און פֿאַרטיק.

אין זײַן אַרבעט „50 יאָר ייִדישע ליטעראַטור אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן" (ייִוואָ־בלעטער", באַנד 38, 1954) וויקלט י. אָפּאַטאָשו פֿונאַנדער ענלעכע פּאָסטולאַטן: „ס'האָבן געפֿעלט וואָרצלען, ס'האָבן געפֿעלט דורות... די וואָס האָבן געהאַט אַ שטיקל טראַדיציע, האָבן עס אַרײַנגעוואָרפֿן אין ים אַרײַן... אַלץ אויף דער ווײַל, ווײַל מאָרגן איבערמאָרגן פֿאָרט מען דאָך צוריק אַהיים... ווי פּאָפּולער זײַנען געווען די לידער „אַ בריוועלע דער מאַמען" און „אַהיים וועל איך פֿאָרן קיין װאָלדניק"... קיין קריש ליבע צו דער נײַער היים, קיין פּיצל צוגעבונדנקייט צו דער נײַער ערד... געשריבן האָט מען לויט די מוסטערן פֿון אָדעס, קיִעוו און וואַרשע, נאָר אָן זייער טאַלאַנט. רייזנגאָלד, עדעלשטאַט, באָוושאָווער, ווינטשעווסקי — אַ געמיש פֿון ליד און סאָציאַליזם, אַ געמיש פֿון סאָציאַליסטישער אַנאַר־כיסטישער פּראָפּאַגאַנדע אין אַ סקיצע צי אין אַ ליד. דאָס איז געווען די ליטעראַטור..." נאָך דעם האָט אָפּאַטאָשו אַ סך וואַרעמע רייד פֿאַר ראָזענפֿעלדן און קומט צום שלוס, אַז ערשט אַרום 1905, „נאָכן דורכ־פֿאַל פֿון די רוסישע פֿרײַהייטס־טעג האָט זיך אַ לאָז געטאָן קיין אַמע־ריקע אַ נײַער עמיגראַנט, אַ מענטש, וואָס האָט פֿון אויבן אויף איבער־געריסן און צעשטערט אַלע בריקן הינטער זיך. און אין זײַן צעשטע־רונג איז געלעגן דאָס עצם שאַפֿן... און מיטן נײַעם עמיגראַנט איז אויך מיטגעקומען דער נײַער שרײַבער... וואָס האָט געהאַט פֿאַרברענט הינטער זיך אַלע בריקן, ניט געחלומט אַפֿילו זיך צוריקצוקערן אין דער אַלטער היים. דער האָט זיך גלײַך גענומען אײַנתּושבֿן, גענומען שאַפֿן די נײַע ייִדישע ליטעראַטור..." ער שטרײַכט אויך אונטער, אַז דאָס וואַקסן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור איז פֿאַרגעקומען אַזוי אימפּעטיק, אַז זי האָט אין אַ קורצער צײַט אַריבערגעיאָגט דעם דורכשניטלעכן לייענער. און ער ענדיקט: „נו, טאַקע, אַ לייענער וואָס האָט געלעקט די פֿינגער פֿון זעליקאָוויטשעס „די ביטערע נקבֿה", וואָס פֿאַר טעם האָט ער שוין געקאָנט פֿילן אין ראַבאָיס „הער גאָלדענבאָרג"?

אָפּאַטאָשוס פּסק־דין: „פֿון אַזאַ סבֿיבֿה האָט נישט געקאָנט אַרויס־וואַקסן קיין ייִדישע ליטעראַטור" (ז. 42). ער זעט דאָס שאַפֿן פֿון יונג אַמעריקע „אי ווי אַ פּראָטעסט קעגן אָדעס, קיִעוו און וואַרשע" און אי ווי „אַ גרויסער און שטאַרקערער פּראָטעסט קעגן דער הפֿקרות פֿונעם ייִדישן וואָרט, פֿון דער ייִדישער פּרעסע אויף דער אַמעריקאַנער גאַס, ווײַל די פֿירערס פֿון דער אַמעריקאַנער גאַס האָבן געקוקט אויף ייִדיש ווי אויף אַ מיטל, וואָס מען וועט הײַנט־מאָרגן דאַרפֿן פֿון אים פּטור ווערן".

שפּעטער גיט ער צו: „די גאולה־אידייע, וואָס האָט דעם קינסטלע־

רישן תיקון געקראָגן אין פּוילן בײַ פּרצן... האָט באַקומען אין דער אַמעריקאַנער ייִדישער ליטעראַטור „פליגל" [געמיינט די ליטעראַטור פון די „יונגע" — א. ג.] א. אַ. וו., א. אַ. וו. (ז"ז 42, 43, 44).

איידער מיר טרעטן צו צו אונדזערע עצם־געדאַנקען, איז אפשר נייטיק גלײַך אונטערצושטרײַכן:

א) די פּרײַערדיקע, די פאָרגייערס האָבן זיך אָן אַ שיעור שנעלער און לײַכטער אַקלימאַטיזירט אין אַמעריקע ווי די „יונגע". דאָס געפיל פון פאַרלוירנקייט און אָפּגעפרעמדטקייט, אַמעריקע־לייקענונג און היים־בענקעניש האָט זיך אַ סך לענגער נאָכגעשלעפּט די „יונגע", ווי די פּראָלעטאַרישע פאָרגייערס. (למשל: עדעלשטאַטס היימאַרקעט־לידער און טייל דערציילונגען זײַנע, ראָזענפעלדס שאָפּ־לידער און פּראָזע־בילדער פון דער איסט־סײַד, באַוושאַווערס איבערזעצונגען פון ענגליש — פון מאַרקהאָם און עמערסאָן, אפילו ווינטשעווסקיס ערשט ליד — זײַן איבערזעצונג פון טאָמאַס הודס „סאָנג אָוו די שוירט" און זײַנע לאָנדאָנער „לאָנדאָנער סילועטן" — די אַלע זאָגן עדות אויף אַ שנעלן אָננעמען און אַרײַנלעבן זיך אין דער נײַער סביבה).

ב) אָפּאַטאָשו, בעת ער איז אין גאַנצן גערעכט מיט זײַן אָפּשאַץ פון דעם מצב פון דער קאָמערציעלער פּרעסע מיט זעליקאָוויטשעס „ביטערע נקבה", (אליהו שולמאַן דערמאָנט אין זײַן „געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע", אַז אַלעקסאַנדער האַרקאַווי האָט צונויפגעשטעלט אַ צעטל פון 65 ראָמאַנען פון דעם „ביטערע נקבה"־מין, וואָס זײַנען דערשינען אין דער קאָמערציעלער פּרעסע אין לעצטן פערטל פון 19טן יאָרהונדערט), פאַרזעט אין גאַנצן די ראָלע וואָס די יונגע אַרבעטער־פּרעסע האָט געשפּילט. ער דערמאָנט אפילו ניט, אַז ניט ווייניקער ווי 47 דערציילונגען און לידער פון י. ל. פּרץ זײַנען געדרוקט געוואָרן אין דער „אַרבעטער צײַטונג", עטלעכע אויך אין דער „צוקונפט", אין די יאָרן 1893־1895, טייל פון זיי אונטער פּרצעס באַקאַנטן פּסעוודאָנים פלאַי, אַזוי אויך אַ צאָל פּינסקי־דערציילונגען, טייל אונטער פּינסקיס פּסעוודאָנים ד. פּלוס. פּונקט אַזוי מוז מען אָנטקעגנשטעלן די זעליקאָוויטשעס, די זייפערטס, די הערמאַלינס — די דערציילונגען פון ז. ליבין, ל. קאָברין, ב. גאָרין, וואָס זײַנען ברייט געלייענט געוואָרן נאָך איידער די „יונגע" זײַנען אַהער געקומען.

ג) מען טאָר אויך ניט, פון נאַציאָנאַלן קוקווינקל, אויסמישן די אַסימילאַטאָרישע און קאָסמאָפּאָליטישע טענדענצן פון אַ היפּשער צאָל ייִדישע אַרבעטער־פירערס און זשורנאַליסטן — און אַזעלכע זײַנען געווען לרוב, מיט די נאַציאָנאַלע שטימונגען, געדאַנקען, און אײַנשטעלונגען וואָס זײַנען געווען קענטיק ניט נאָר בײַ ווינטשעווסקין און ראָזענפעלד, נאָר אויך, אפשר ניט אַזוי קלאָר אויסגעדריקט, בײַ עדעלשטאַטן און באַוושאַווערן. שוין אָפּגערעדט פון די פּראָזע־שרײַבערס.

ד) אַקוראַט אַזוי, זײַנען מיר גאָרניט גרייט מותּר צו זײַן אויף דער

גאולה־אידייע און דעם גאולה־חלום בײַ די ערשטע ייִדישע אַרבעטער־שרײַבערס אין אַמעריקע. ניט צופֿעליק האָבן די שפּעטערדיקע ייִדישע שרײַבערס אין אַמעריקע, ספּעציעל אין די יאָרן פֿון זייער רײַפֿקייט, דערשפּירט קרובֿהדיקייט און שייכדיקייט מיט די ראשונים — דאָס איז חל אי אויף די „יונגע", אי אויף די „אינזיכיסטן" און אי אויף די שפּעטערדיקע פּראָלעטאַרישע שרײַבערס אין די 20ער יאָרן. יעקבֿ סטאָדאָלסקי רעדט וועגן עדעלשטאַטן ווי וועגן „אורליכט פֿון מײַן ראָסע / וואָס באַגליקט־באַגלייט מײַן געזאַנג, מײַן תּפֿילה / אַפֿילו ביז צו די אומבאַוווסטע קאַמערן / פֿון מײַן ייִדיש־היסטאָרישער זעל... און זע ווי העל / דײַן אינקאַרנירטער גײַסט / גייט אַזוי הערלעך אויף אין מיר..." אַפּאַטאָשו איז ניט גערעכט: פֿון אַזאַ סבֿיבֿה טאַקע איז אַרויסגעוואַקסן די ייִדישע ליטעראַטור. און ריוקינען דאַרף מען ענטפֿערן: פֿון אָט דער „לופֿטלאָזיקייט" האָט זיך אויסגעשיילט די אַטמאָספֿער פֿון אַ ליטעראַטור.

4

פֿון וואַנען הייבט זיך אָן די ייִדישע ליטעראַטור אין אַמעריקע און וואָס זײַנען אירע שייכותן צו דער ייִדישער ליטעראַטור אין מיזרח־אייראָפּע?

אין זײַן באַקאַנטן אַרטיקל „די ייִדישע ליטעראַטור אין אַמעריקע", געדרוקט אין „דאָס לעבן" אין פּעטערבורג, 1905, שרײַבט דער באַוווּסטער ה. אַלעקסאַנדראָוו (וו. מילער), איינער פֿון די פּעיִקסטע ייִדישע שרײַבערס אין יענער צײַט: „די ייִדישע ליטעראַטור אין אַמעריקע און די ייִדישע ליטעראַטור אין רוסלאַנד זײַנען צוויי לײַבלעכע שוועסטער מיט איין האַרץ, מיט איין נשמה, אָבער ווי דער שטייגער איז — ניט מיט איין מזל. איינע איז געבליבן אין דער היים בײַ טאַטע־מאַמע, די אַנדערע האָט זיך אַוועקגעלאָזט איבערן ים, איז פֿאַרוואָגלט געוואָרן אין דער פֿרעמד... קאָן זיך נאָך אַלץ ניט צושלאָגן צו אַ מקום־מנוחה אין דעם גאָלדענעם לאַנד" (ציטירט לויטן איבערגעדרוקטן אַרטיקל אין „ייִדישע קולטור", יולי, 1953).

קלמן מרמר, אין זײַן בוך „דער אָנהייב פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע", שרײַבט: „די ייִדישע ליטעראַטור אין אַמעריקע איז ניט אַריבערגעפֿלאַנצט געוואָרן פֿון אייראָפּע. זי איז אַרויסגעוואַקסן פֿון די באַדינגונגען פֿון אַמעריקאַנער ייִדישן לעבן. איר סאַמע אָנהייב איז געווען די אַמעריקאַנער צײַטונג אין ייִדיש" (זײַט 5).

ביידע זײַנען מיסתּמא גערעכט. אָן שום ספֿק אַ לײַבלעכע שוועסטער — צי אָן אימיגראַנטן־שוועסטער, ווי אַלעקסאַנדראָוו וויל האָבן, צי אַ היגעבוירענע, ווי מרמר באַשטייט, איז אפֿשר ניט די עיקר־פֿראַגע. זיכער איז די שוועסטערשאַפֿט און די קרובֿהשאַפֿט. ניט נאָר האָט מאָריס ווינטשעווסקי געבראַכט מיט זיך דעם גאַנצן באַגאַזש פֿון דער היימישער השׂכּלה און פֿון דער יונגער סאָציאַליסטישער השׂכּלה, נאָר — ווי דערמאָנט — דאָ האָבן געווירקט י. ל. פּרץ (44 דערציילונגען און לידער אין די 90ער

יאָרן), דוד פּינסקיס דערציילונגען זײַנען דאָ געדרוקט געוואָרן. אַפילו מענדעלעס „קליאַטשע" איז געדרוקט געוואָרן אין דער „אַרבעטער צײַטונג" אין די 90ער יאָרן. און פּונקט אַזוי איז געגאַנגען דער שטראָם אויף צוריק: עדעלשטאַטס „מײַן צוואה", ראָזענפעלדס „מײַן יינגעלע", ווינטשעווסקיס „קאַמפּס געזאַנג" זײַנען געזונגען און געזאָגט געוואָרן אין ווילנע, אין מינסק און אין וואַרשע.

דער הינאונצוריקעדיקער אײַנפלוס האָט זיך געשפּירט כּמעט פון אָנהייב אָן. גערעכט איז ש. ניגער:

„...און ווען דער דאָזיקער גײַסט [פון דער נײַער סאָציאַליסטישער השׂכּלה] האָט אַ דאַנק דעם אויפקום און דעם וווּקס פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, אַ דאַנק פּרצעס ,בלעטלעך' [געמיינט די ,יום־טובֿ בלעטלעך' — א. ג.] און די ,זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן', אויפגעוואַקסט אויך אין רוסלאַנד, האָט זיך צווישן די ביידע יידישע ליטעראַרישע צענטערס אָנגעהויבן אַ פּראָצעס פון קעגנזײַטיקער ווירקונג...".

ביידע ליטעראַטורן זײַנען געבוירן געוואָרן אין די סאַמע אונטערשטע גאָרנס פון יידישן לעבן, וואָס דער זיידע מענדעלע רופט „דאָס אונטערשטע טרעפּל", אין י. ל. פּרצעס „קעלער שטיבער", אין ל. קאָברינס „טענעמענט הויז", אין מאָריס ראָזענפעלדס „סוועט־שאַפּ" — אין תּוך, געבוירן־ערטער וואָס מען דאַרף זיך ניט שעמען מיט זיי. אין תּוך, איז דער היגער „בלייכער אַפּרייטער" גאָרניט געווען אַזוי ווײַט אַוועק פון פּרצעס „נייטאָרינס". אי דאָרט און אי הי, ווי אַנדערש די תּנאים זאָלן ניט האָבן געווען, האָט די ליטעראַטור, כּדי צו ווירקן, גענומען אויף זיך די היסטאָרישע עובֿדה: טרייסטן, ווישן די טרערן, אַרויספירן פון פאַרווירטקייט און פאַרלווירנקייט און העלפן אַריבערגיין היסטאָרישע שוועלן. אין אַמעריקע איז נאָך צוגעקומען די טראַגישע טראַוּמע פון אַליענאַציע, די מורא פאַרן נײַעם, די אוממענטשלעכע עקספּלואַטאַציע פון סוועטשאַפּ, און די פּלוצעמדיקע אורבאַניזאַציע, דאָס פאַרגרויסשטאָט ווערן. אי דאָ און אי דאָרט האָט געגאָלטן מענדעלעס „ארחם את יהודית", וואָס איך טײַטש מיט אַ כּיוון, ניט בלויז, איך וועל זיך דערבאַרעמען אויפן יידישן לשון, נאָר אויך אויפן יידישן פאָלק. און דאָך, אין צוגאָב צו די באַזישע עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און פּאָליטישע אַנדערשקייטן, איז געווען נאָך איין גרויסער חילוק: דער קאָנסומענט פון דער ליטעראַטור. בעת אין דער אַלטער היים איז די באַזע פון מענדעלעס, שלום עליכמס און פּרצעס לייענערשאַפט געווען, בעיקר, אַן אינטעליגענטער און האַלבאינטעליגענטער עלעמענט, ספּעציעל אין די לעצטע צוויי צענדליק יאָר פון יאָרהונדערט, איז אין אַמעריקע — ווי מיט אַ מאָל — געבוירן געוואָרן אַ מאַסן־לייענער, וואָס האָט, כּמעט, געפאָדערט אַז מען זאָל אים דערציִען, אַז מען זאָל צו אים רעדן. צוליבן אָנגעלויף פון דער אימיגראַציע איז דער עלעמענט געווען אַ מער רויער, מיט ווייניקער טראַדיציע, אַ מער פּראָסטער. צוליב דער שנעלער פּראָלעטאַריזאַציע איז ער געווען אַ

מער צונויפֿגענומענער, אַ מער צוזאַמענדיקער. צוליבן געראַנגל פֿאַר קיום — מער אַנגעוויזן איינער אויפֿן אַנדערן. קלמן מרמר איז אין גאַנצן גע־רעכט ווען ער שטרײַכט אונטער, אַז די פּעדלער־מאַסע האָט סײַ סאָציאַל און סײַ קולטורעל (און, דאַרף מען צוגעבן, סײַ צוליבן יחידישן כאַראַק־טער פֿון דער פּרנסה) — ניט געקאָנט ווערן קיין באַזע פֿאַר אַ קולטור־אויפֿלעב, פֿאַר אַ ליטעראַטור, כאָטש אַ סך פֿון זיי האָבן געלייענט די קאָמערציעלע פּרעסע פֿון דער צײַט. ב. ריווקין דערמאָנט אויך, אַז מען טאָר ניט אָוועקנעמען „בײַ דער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ דעם פֿאַר־דינסט, וואָס דווקא אין איר פּרעסע, ניט אין דער באַלעבאַטישער, איז די ליטעראַטור געבוירן געוואָרן און אויפֿגעהאָדעוועט געוואָרן".

געווען איז דאָס אַן עלעמענט, דער אימיגראַנטן־עלעמענט, וואָס איז דורכגעגאַנגען אַ פּראָצעס פֿון דער ווייטיקדיקסטער טראַנספֿאָרמאַציע, אַ דערשרעקנדיקע חבֿלי־לידה. דאָס פֿאַרוואַנדלען היימישע באַלמעלאָכעס, קליינהענדלער, אַנגעשטעלטע, לופֿט־מענטשן אין „הענט" פֿאַר דעם שאָפּ איז געווען אַ פּײַנלעכע מעטאַמאָרפֿאָזע. וויפֿל טענות מיר זאָלן ניט האָבן צו מאָריס ראָזענפֿעלדן, אַז ער איז געווען אַ „טרערן־מיליאָנער", זײַנען די טרערן געווען עכטע, אמתע און כּללישע — און ווישן האָט מען זיי באַדאַרפֿט.

רעדן אָבער האָט מען צו אָט דעם עולם געמוזט אַן אַנדער לשון, אַ פּשוטער לשון, וואָס זיי זאָלן לײַכט און גלײַך פֿאַרשטיין. די אינטימקייט מיט און די ניט־דיסטאַנצקייט פֿון זייערע לייענערס האָט די שרײַבערס אונטערגעטראָגן די חכמה דאָס לשון צו געפֿינען, מחמת זיי האָבן גע־וווּסט פֿאַר וועמען זיי שרײַבן און צו וועמען זיי רעדן. געווען איז דאָס אין תּוך אַ פּראָצעס אַ באַוווּסטזיניקער. קיינער וועט דאָך ניט חושד זײַן מאָריס ווינטשעווסקין אַז אים האָט געפֿעלט דאָס לשון־קודשדיקע וואָרט, אָדער די אגדתא, די מימרא, אָדער דער מאמר חז"ל. ער האָט אָבער קלאָר פֿאַרשטאַנען דעם חילוק צווישן זײַן לייענער און פּרעצעס לייענער. ער ברענגט דאָס בולט אַרויס: „פּרץ האָט אפֿשר פֿאַר זיך געהאַט, בעת ער איז אַרויסגעטראָטן אויף דער אַרענע פֿון דער יידישער ליטעראַטור" — אַן אַנדער לייענער — „אַ האַלב־משׂכּיל, אַ האַלב־אָרעם בחור", בעת דער אַמעריקאַנער שרײַבער אין יענער צײַט „האָט געהאַט פֿאַר זיך אַ גרויסן אַרבעטער־עולם, צו אים האָט מען, ווילנדיק־ניט־ווילנדיק, געמוזט רעדן קלאָרע דיבורים" (1915, הספד־אַרטיקל נאָך פּרצן).

ל. קאָברין שטרײַכט אויך אונטער, אַז „צו דער עלטערער ליטעראַ־טור אין רוסלאַנד איז זי [די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע פֿון יע־נער צײַט] ווייניק וואָס ענלעך געווען. אין גאַנצן אַנדערש איז זי געווען, שקאָצעוואַטע יונג איז זי געווען און קעמפֿעריש און חוצפּהדיק דרײַסט און אַנדערש, גאָר אַנדערש, מיט אירע מחשבֿות און מיט אירע מעשׂים און מיט איר לשון..." („יידישע קולטור", נומער 5, 1943).

(לעאָן קאָברין דערמאָנט אין זעלבן אַרטיקל, געשריבן צו זײַן 75־

יאָריקן געבוירן־טאָג, — די גרויסע צאָל איבערזעצונגען פון דער וועלט־ליטעראַטור וואָס האָבן זיך געדרוקט אין דער „אַרבעטער צײַטונג": פלאָ־בערס „סאַלאַמבאָ", זאָלאַס „זשערמינאַל", טאָלסטאָיס „אַנאַ קאַרענינאַ", דאָסטאָיעווסקיס „פאַרברעכן און שטראָף", דערציילונגען פון טשעכאָוו און קאָראָלענקאָ. ער דערציילט, אַז די שרײַבערס זײַנען אַזוי באַרימט געוואָרן, אַז „אויף דער איסט־סײַד האָט מען אָנגעהויבן פאַבריצירן „טאָל־סטאָי פּאַפּיראָסן" און „זאָלאַ פּאַפּיראָסן" און „זיי האָבן געהאַט נאָך אַ גרעסערן אָפּגאַנג ווי די דאַמאָלט זייער פּאָפּולערע „סוויט קאַפּאָראַל" סיגאַרעטן, צו „5טע עוועניו" סיגאַרעטן).

קלמן מרמר מיינט, אַז די אַנדערשקייט פון פאָרעם און שפּראַך „איז ניט געווען דערפאַר פאַרוואָס די ייִדישע פּיאָנערישע שרײַבערס זײַנען ניט געווען באַקאַנט מיט דער אַלטער ייִדישער קולטור־ירושה, אָדער זיי האָבן זיך פון איר אָפּגעזאָגט. אויף זייער וועג וואָלטן דעמאָלט גע־מוזט אויך גיין די קלאַסיקערס פון מזרח־אייראָפּע, ווען זיי וואָלטן אין די 80ער יאָרן געקומען קיין ענגלאַנד אָדער קיין אַמעריקע. זייער הייסער פאַרלאַנג צו פאַרבעסערן און פאַרשענערן דאָס ייִדישע לעבן, וואָלט זיי באַווירקט זיך אויסצודריקן אין אַן אַנדער פאָרם און אינהאַלט ווי אין דער אַלטער היים".

עס איז ניט צום אָפּשאַצן ווי גרויס עס איז געווען די ווירקונג — ניט געקוקט אויף דער אָפטער הילפלאָזיקייט, איבערסענטימענטאַלקייט און אַפילו רויקייט פון טייל פערזן — פון די ערשטע פּיאָנערן־דיכטערס אויף זייער לייענער־עולם. אויב די קריטיק מיינט, אַז זיי האָבן מוותּר געווען אויפן פּערזענלעכן אין זייערע לידער, האָט אָבער דער פּשוטער לייענער־עולם דווקא אַרויסגעשיילט דאָס פּערזענלעכע אין זייערע סאָ־ציאַלע לידער און זיך מיט זיי אינדיווידועל אידענטיפיצירט.

קיינער האָט דאָס ניט אַזוי סענסיטיוו אַרויסגעשפּירט ווי נ. ב. מינקאָוו אין זײַן אַרבעט. אין זײַן קורצן אַרײַנפיר, נאָך דעם ווי ער שאַצט אָפּ דעם בײַטראַג וואָס עס האָט געמאַכט „די גרויסע וווּנדערלעכע ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג..." „דאָס מסירת־נפש אין דעם גרויסן אויפטו פון די ראַדיקאַלע פּיאָנערן אין דער ייִדישער אַמעריקע", גיט ער צו: „דער פּאָעט איז אָבער צוגעקומען צו זײַן [דעם עולמס] האַרץ. דער פּאָעט האָט אָנגערירט די עמאָציאָנעלע סטרונעס אין דעם מענטשן. קאָנטיק, אָט דער אַקט איז געווען ממש אַ צינדנדיקער... האָט דאָס אַ ריס געטאָן די סאַמע טיפסטע עמאָציאָנעלע פאַרבאָרגענישן אין דעם אַרבעטערס נשמה..." (דצוו. זז. 12).*

אויף אַן אַנדער אָרט, רעדנדיק וועגן זייערע לידער, גיט מינקאָוו צו: „מיטן אויסנאַם פון דער אַלטער רעליגיעזער פּאָעזיע — די תּחינות — האָט די ייִדישע פּאָעזיע נאָך קיין מאָל פריִער ניט געווירקט אַזוי

---

* דצוו — דאָס ציטירטע ווערק.

שטאַרק און טיף מאָראַליש ווי די רעוואָלוציאָנערע און אַרבעטער־פּאָעזיע אין אַמעריקע. דאָס דאָזיקע ליד האָט געווירקט טיפער ווי אַלע ראַדי־קאַלע אויפקלערונגען. איז ניט קיין חידוש, וואָס במשך עטלעכע יאָר איז ווינטשעווסקיס, ראָזענפעלדס און עדעלשטאַטס ליד געוואָרן טראַדיציע" (דצוו. ז. 142).

5

כּדי צו פאַרשטיין דעם פולן נאַציאָנאַלן באַטײַט פון די וואָס זײַנען אַרויסגעוואַקסן פון דער רויערד, וואָס איז דעמאָלט געווען די ייִדישע אַמעריקע, פון די וואָס האָבן געשטרעבט — אין לעאָן קאָברינס ווער־טער — „פון כאַאָס צו שאַפן לעבן און געשטאַלטן" — לאָמיר זען, צי זיי האָלטן אויס די פּראָבע פון די פאָדערונגען, וואָס מענדעלע מוכר ספרים האָט אַרויסגעשטעלט ווי סינע קוואַ נאָנס * פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור.

אין 1864 האָט מענדעלע — אין „עין משפּט" — אָנגעצייכנט די ווײַ־טערדיקע עיקרים:

„יעדע ליטעראַטור וואָס גייט אַרויס פון די קוואַלן פונעם לעבן און פון זײַנע פּאַסירונגען, קערט זיך אום דערנאָך צו ווירקן אויף דעם לעבן; זײַענדיק אַ רעזולטאַט, ווערט זי דערנאָך דעם אַ ווירקנדיקער פאַקטאָר... אָבער אַ ליטעראַטור, וואָס האָט קיין שייכות ניט צום פאָלק און זײַנע נויטן, און ווערט פון אים ניט באַווירקט, קאָן אויך ניט זײַן קיין ווירקנ־דיקער פאַקטאָר, דאָס פאָלק האָט מיט איר ניט קיין עסק, און זי איז בלויז איבעריק אויף דער לעבעדיקער ערד".

אָט די הנחה איז געוואָרן די באַזע פאַר דער גרויסער ייִדישער ליטעראַטור — אייגנטלעך, פאַר די ליטעראַטורן פון אַלע פעלקער. ווען יעקבֿ גלאַטשטיין האָט שפּעטער גערעדט וועגן זיך ווי וועגן אַ „באַטײַ־ליקטן" ייִד — האָט ער זיך ניט געזען אַנדערש ווי, צו ניצן דעם זיידנס מעסטלעך, אַ רעזולטאַט און אַ ווירקנדיקער פאַקטאָר אין לעבן פון פאָלק. יעדער ייִדישער שרײַבער, פון מענדעלען ביז הירש גליק, און ביז די וואָס שאַפן איצט, וואָלט זיך באַדאַרפט לאָזן מעסטן מיט דער זיידעשער אַרשין.

אין סאַמע תּוך זײַנען — נאָך אַ מאָל, ניט קוקנדיק אויף אַלע אַנ־דערשקייטן — ביידע ייִדישע ליטעראַטורן, אין לעצטן פערטל פון 19טן יאָרהונדערט, אויף ביידע זײַטן ים, געווען ניט מער ווי צוויי טיילן פון איין מעשׂה בראשית. אַ סך בשותּפותדיקס איז געווען צווישן זיי: די זעלבע ליבע צום פאָלק, די זעלבע נאָענטקייט צו אים, די זעלבע אחריות פאַר דער ליטעראַטור, דער זעלבער חלום פון אַן אויסגעלייזט פאָלק אין אַן אויסגעלייזטער וועלט. ווי ווײַט,

---

* „סינע קוואַ נאָן" — אַ תּנאַי אָן וועלכן אַ זאַך קאָן ניט האָבן קיין קיום.

אייגנטלעך, איז מענדעלעס „מיר איז באַשערט געווען זיך אַראָפּלאָזן אויפֿן נידעריקסטן טרעפּל פֿון ייִדישן לעבן, אין די טיפֿסטע קעלערס, און באַשרײַבן און באַקלאָגן נאָר אביונים, קבצנים און אומגליקלעכע..." (פֿון זײַן ווידמונג־הקדמה צו „פֿישקע דער קרומער") ביז מאָריס ראָזענפֿעלדס „כ'האָב דעם אַרבעטערס יאָך, זײַן לייד, און זײַן בראָך, פֿאַרמסרט פֿאַר דער גאַנצער וועלט?"

אין אַ באַשטימטן זין, איז אויף ביידע זײַטן ים אַנגעגאַנגען דעמאָלט, ווי עס גייט אָן עד היום, דער זעלבער געראַנגל צו געפֿינען דעם מישקל, דעם באַלאַנץ צווישן דעם סאָציאַלן און דעם נאַציאָנאַלן, וואָס דאָס האָט אומפֿאַרמײַדלעך אײַנגעשלאָסן דעם געראַנגל קעגן אַסימילאַציע, צו פֿאַרהיטן אָן אייגנאַרטיק פּנים פֿון פֿאָלק מיט אייגנאַרטיקע וואָרצלען. שרײַבנדיק וועגן י. ל. פּרצן, שאַצט אים מאָריס ווינטשעווסקי אַזוי (דאָס איז געשריבן אין 1915):

„די יבֿנשה פֿון השׂכּלה, וואָס איז געווען דאָ, ווי אומעטום, אַסימילאַציע אין כּפֿל־שמונהדיקן פֿאָרמאַט, האָט מיט זיך געבראַכט אַ פֿאַראַכטונג צו זיך; אַ פֿאַראַכטונג, הייסט עס, צו זיך ווי ווען מ'האָט אויסגעזען אײדער מען איז „ציוויליזירט" געוואָרן, אַ פֿאַראַכטונג צום געוועזענעם איך. און פּרץ האָט באַוויזן, אַז אין דער אַמאָליקער ייִדישקייט איז אויך געווען שיינקייט, הערלעכקייט".

איך האָב דערמאָנט דעם באַלאַנץ צווישן נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן אין דער ייִדישער ליטעראַטור — אייגנטלעך אין דער ייִדישער קולטור בכלל.

ה. לייוויק האָט אין אַ רעפֿעראַט, וואָס ער האָט געהאַלטן אין פּאַריז, בײַ דעם גרינדונג־צוזאַמענפֿאָר פֿון איקוף, אין 1937, באַצייכנט דעם געראַנגל ווי דעם „גורלדיקסטן" פֿון דער ייִדישער קולטור־געשיכטע. ער רעדט וועגן שאָלן פֿון אַ וואָג וואָס שטרעבן צו דערגרייכן אַ גלײַכגעוויכט: „שטייען די שאָלן איינע קעגן דער אַנדערער אין גלײַכגעוויכט, איז גוט; ווערט אָבער דער גלײַכגעוויכט צעשטערט — הייבט זיך אָן אַ קאָנפֿליקט, אַ מהומה. מיר דערשפּירן גלײַך די סכּנה פֿון צוזאַמענבראָך, עס נעמט זינקען דער באָדן אונטער די פֿיס, עס הייבט אָן שווינדלען די וועלט אַרום אונדז. סײַ ווען מיר זינדיקן קעגן סאָציאַלן מאָטיוו, און סײַ ווען מיר זינדיקן קעגן נאַציאָנאַלן מאָטיוו, אָן אַז אָט אַ דעם גלײַכגעוויכט איז ניטאָ און קען ניט זײַן, קיין נאָרמאַלקייט אין אונדז.

די אייביקע־אייביקע דראַמע אונדזערע.

אין דעם זין איז אונדזער ייִדישע מאָדערנע קולטור, אין אַלע אירע ריכטונגען און לאַזונגען, אַן אמתער המשך פֿון דעם גאַנצן ייִדישן קולטור־לעבן פֿון טויזנטער יאָרן. וואָרעם דער דראַמאַטישער קאָנפֿליקט, אויך אין דער אַלטער קולטור, איז געווען דער זעלביקער" (פּראָטאָקאָל פֿון איקוף־צוזאַמענפֿאָר, פּאַריז, 1937, ז. 94).

האָט די ליטעראַטור פֿון די פֿיר פּיאָנערן־דיכטערס, וועגן וועמען עס גייט בײַ אונדז די רייד, פֿאַרהיט, אָדער געשטרעבט צו פֿאַר־היטן אָט דעם באַלאַנץ, אָדער עס האָט איר, ווי ב. ריווקין וויל האָבן, געפֿעלט „ייִדישע לופֿט צו אָטעמען... ייִדיש געמיט... דער ייִדישער גרונט...״ און ער באַקלאָגט „די שרײַבערס [וואָס] האָבן געקאָנט מאַכן אַ באַלדיקן שפּרונג פֿון סאָציאַליזם צו ׳מענטש׳... פֿון ׳מענטש׳ צו ׳ייִד׳ האָט זיך בײַ זיי פֿאַרהאַלטן״ (ז״ז 61, 102, 103, „גרונט־טענדענצן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע״).

מײַן אײַנשטעל: די אַסימילאַציע האָט זיך אָפּט געפֿילט אין דער פּובליציסטיק, אָבער האָט זיך בפֿירוש ניט אַריבערגעגאָסן — ניט אין דער פּאָעזיע און ניט אין דער פּראָזע.

לאָמיר ברענגען אַ ציטאַט פֿון אונדזערער אַ פֿריִערדיקער אַרבעט:

„אמת, אַ סך פֿון די סאָציאַליסטישע וואָרטזאָגערס זײַנען געווען גע־נייגט צו אַסימילאַציע און געשטעלט קלאַס איבער פֿאָלק, אמת, אַ סך, אָנגעהויבט פֿון דער רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיק האָבן געהאַלטן, אַז אָט־אָט קומט די סאָציאַלע איבערקערעניש, וועלן במילא מער ניט זײַן קיין באַזונדערע „נאַציאָנען״... און אַז אַ טייל פֿון זיי, דערצויגן אין רוסיש, האָבן אַפֿילו געקוקט פֿון אויבן אַראָפּ אויף ייִדיש. אָבער ניט געקוקט אויף די אַלע אמתן, איז דער סך־הכּל פֿון דעם ליטעראַרישן באַשאַף אין לעצטן פֿערטל פֿון 19טן יאָרהונדערט פֿון גרויס נאַציאָ־נאַל־ייִדישן באַטײַט. די אַסימילאַציע האָט זיך געפֿילט אָפּט אין דער פּובליציסטיק, אָבער האָט זיך בפֿירוש ניט אַריבערגעגאָסן ניט אין דער פּאָעזיע און ניט אין דער פּראָזע״ (א. גאָלדבערג, „אויף דער שוועל פֿון צווייטן יאָרהונדערט״, „ייִדישע קולטור״, נאָוו., 1970).* און נאָך אַלע מען זײַנען זיי — די פּאָעטן און פּראָזע־שרײַבערס, געווען דער ווירקנ־דיקסטער פֿאַקטאָר אין דער דעמאָלטיקער, ניט נאָר ליטעראַטור, נאָר אויך אין דער פּרעסע. און דאָס איז אמת ניט נאָר בנוגע באָושאָווערן דעם בן־הלמדן, נאָר אויך בנוגע דוד עדעלשטאַטן, דעם בן־הגאָראָדאָוואָי — שוין אָפּגערעדט פֿון די צוויי מאָריסעס — ווינטשעווסקי און ראָזענ־פֿעלד.

און געדענקען מוז מען, אַז זיי האָבן נאָך אַלץ באַדאַרפֿט שאַפֿן, ווי לעאָן קאָברין זאָגט, אַ „יש מאין״ — אַן עפּעס פֿון גאָרנישט. ניט בלויז מחמת דעם ריס מיט דער טראַדיציע, נאָר אויך מחמת זייער מאַטעריאַל איז געווען אַזוי כאַאָטיש, אין מצב פֿון אורפֿלוס. אין דעם

---

* די אַרבעט קומט דאָ אין בוך ווײַטער, זײַט 198.

דער עסיי איז געשריבן געוואָרן מיט 6 יאָר שפּעטער. זאָל דער לייענער מוחל זײַן, וואָס עס באַקומט זיך אַן איבערחזרונג. אייגנטלעך, דאַרפֿן ביידע עסייען גלייענט ווערן צוזאַמען.

אַרײַנגפֿיר צו זײַנע „געזאַמלטע שריפֿטן", אין 1910, שטרײַבט קאָברין אונטער אָט די קינסטלערישע חבלי־לידה:

„שרײַבנדיק פֿון דעם ייִדישן לעבן אין רוסלאַנד, האָב איך תּמיד געהאַט פֿאַר זיך אַ באַשטימטן אויסגעאַרבעטן גאַנצן טיפּ מיט אַ באַשטימטער וועלט־אַנשויונג, אַ ירושה פֿון דורות און דורות. ווערנד שרײַבנדיק פֿון דעם ייִדישן לעבן דאָ, האָב איך אימער געהאַט פֿאַר זיך פֿאַרבלאָנדזשעטע נשמות, ניט־אײַנגעשטעלטע נשמות, אַ כאַאָס־לעבן... און פֿון כאַאָס צו שאַפֿן לעבן און געשטאַלטן — דאָס איז לײַכט געווען נאָר דעם איינציקן רבונו של עולם".

אָבער ניט נאָר האָבן זיי פֿון כאַאָס לעבן געשאַפֿן, נאָר זיי זײַנען אויך געוואָרן אַ „ווירקנדיקער פֿאַקטאָר", אין מענדעלעס ווערטער, צו באַזײַניקן און באַזײַטיקן דעם כאַאָס און צו העלפֿן דער פֿאַרווירטער פֿאָלקמאַסע שלאָגן וואָרצלען דאָ אין לאַנד און, גלײַכצײַטיק, אָנקניפּן און נישט פֿאַרלירן דעם פֿאָדעם מיט דער ייִדישער ליטעראַטור אין אייראָפּע און מיט די טויזנטער־יאָריקע טראַדיציע־פֿעדעם. זיי זײַנען געווען אַזוי טיף אײַנגעענורעט אין לעבן פֿון דעם מאַסע־מענטש, אַזוי אומצערײַסלעך איידענטיפֿיצירט מיט אים, אַז זיי האָבן געקאָנט אַזוי פֿאַרלייקענען זײַן ייִדישקייט אָדער אים אויסטאָן פֿון איר, ווי גאָרקי האָט געקאָנט פֿאַרלייקענען די רוסישקייט פֿון זײַנע העלדן.

6

אין אַן אויפֿרוף, וואָס ער האָט צוגעגרייט צו די ייִדן פֿון סינסינאַטי, סעפּטעמבער, 1890, שרײַבט דוד עדעלשטאַט:

„די שרעקלעכע פֿאַרפֿאָלגונגען פֿון די רוסישע ייִדן בײַ דער רוסישער רעגירונג האָבן ערגרייכט די לעצטע שטופֿע פֿון ווילדהייט, יודנהאַס, טיראַנײַ און אוממענטשלעכקייט. דאָס האַרץ באַגיסט זיך מיט בלוט, ווען מיר דענקען, ווי דרײַ מיליאָן ייִדן ווערן אונטערדריקט, געטראָטן מיט די פֿיס, באַרויבט פֿון אַלע מענטשלעכע רעכטע נאָר דערפֿאַר, ווײַל זיי טראָגן דעם נאָמען ייִד. די רוסישע רעגירונג האָט איצט אַוועקגענומען בײַ די ייִדן די לעצטע מעגלעכקייט צו פֿירן אַ מענטשלעכע עקזיסטענץ. דער רוסישער ייִד איז איצט אונטערוואָרפֿן דעם ווילדן ווילן פֿון יעדן באַזאָפֿענעם רוסישן פּאָליסמאַן.

„טויזנטער פֿון אונדזערע אומגליקלעכע ברידער און שוועסטער וועלן אין גיכן מוזן ווענדן זייער וועג נאָך אַמעריקע. ברידער! איצט איז אונדזערע הייליקע פֿליכט צו זאָרגן, דאָס די טויזנטער פֿאַרפֿאָלגטע רוסישע ייִדן זאָלן ניט פֿאַלן צו לאַסט זייער נייעם פֿאַטערלאַנד. מיר מוזן איצט זאָרגן, דאָס קומענדיק אַהער, זאָלן זיי די ערשטע צייט ניט לײַדן קיין נויט און אויך שאַפֿן מיטלען, אַז זיי זאָלן האָבן די מעגלעכקייט דורך לאַנדאַרבעט [און אַנדערע פּראָדוקטיווע אַרבעט] צו פֿאַרדינען אָרנטלעך

זייער ברויט און פירן אַן אָנשטענדיק לעבן" (ציטירט פון קלמן מרמרס "דוד עדעלשטאַט", ז. 210).

אַזוי האָט גערעדט דער בן־הגאַראַדאָוואַי, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין דער טיף־רוסישער שטאָט קאַלוגע און איז אַפילו אין חדר ניט גע־גאַנגען.

דעם שליסל צו דעם נאַציאָנאַלן איינשטעל פון די פּראָלעטאַרישע דיכטער דאַרף מען זוכן ביי מאָריס ווינטשעווסקי. אייגנטלעך, דאַרף מען אים גאָר ניט זוכן — ער ליגט אויבן אויף. מאָריס ווינטשעווסקי טראָגט אים אַליין צענדליקער מאָל אונטער — אי אין ליד און אי אין זיין פּובּ־ליציסטיק. שוין דער שרייבער ש. ק. שנעעפעלד (אין מרדכי ספּעקטאָרס "מאָמענט־פאָטאָגראַפיעס", וואַרשע, 1911, ז. 72), כאַראַקטעריזירט אים אַזוי: "ווינטשעווסקי איז איינער פון גאָר די ערשטע וואָס האָבן זיך באַפרייט פון די 'קאָסמאָפּאָליטישע' פראַזן — ער איז שוין געווען אַ ייד אַ סאָ־ציאַליסט, בעת דער 'בונד' איז נאָך אויף דער וועלט ניט געווען". (עס איז ווערט צו דערמאָנען, אַז חיים זשיטלאָווסקי רעדט אויך וועגן זיך ווי וועגן אַ "בונדיסט" — "אויב איך מעג זיך אַזוי אָנרופן" — נאָך איידער דער "בונד" איז געבוירן געוואָרן).

באַגריסנדיק אברהם ליעסינען צו דעם 100סטן נומער "צוקונפט" אונטער זיין (ליעסינס) רעדאַקציע (יוני, 1921), זאָגט ווינטשעווסקי, אַז ליעסין "האָט געהאָט צו אַרבעטן אין אַ קאָסמאָפּאָליטישער, אַסימילאַטאָ־רישער סביבה פאַר יידישקייט. ער האָט זיך גענומען צו דער שווערער אַרבעט פון מאַכן סאָציאַליסטישע יידן פאַר יידישע סאָציאַליסטן". קלמן מרמר, פון וועמעס בוך ("מאָריס ווינטשעווסקי געזאַמלטע שריפטן", פאַר־לאַג "פרייהייט", באַנד 1, ז. 92) מיר האָבן גענומען דעם אויבערשטן ציטאַט, גיט צו: "אין אַט דעם זין איז אויך צו פאַרשטיין ווינטשעווסקיס דערקלערונג [אין זיין בריוו צום 'בונדס' 25סטן געבורטסטאָג, איינעם אַר־בעטער־לוח], אַז דער 'בונד' איז געווען אַ פיערדיקער זייל אין זיין [ווינ־טשעווסקיס] 'אייגענעם נאַציאָנאַלן לאַבירינט'" (דאָרט, ז. 91).

אינטערעסאַנט איז אויך ווינטשעווסקיס אַרויסטריט קעגן דעם צוזאַ־מענפאָר פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע, הלמאי דער צו־זאַמענפאָר האָט פאַרשוויגן דעם מענדל ביילים־ענין, אין וועלכן "מענדל ביילים איז דער באַשולדיקטער און 6 מיליאָן רוסישע יידן די אָנגעקלאָגטע". ווינטשעווסקיס שפּראַך איז שניידנדיק שאַרף: "זייער עסק איז צו פאַרשפּרייטן דעם סאָציאַליזם צווישן מענטשן וואָס פאַרשטייען ניט קיין אַנדער לשון ווי יידיש. דאָס וואָס זיי זיינען יידן איז אַן אומגליקלעכער צופאַל, פאַר וועלכן זיי זיינען ניט פאַראַנטוואָרטלעך: זיי האָבן זיך זייערע טאַטעס ניט אויסגעקליבן — — איז פאַגראָמען? איז בלוט־בלבולים? איז באָיקאָט? איז שוין אויף דעם דאָ אַ יאָהודי — — אַ ציוניסט — — זיי שטייען אויף דעם באָדן פון קלאַסן־קאַמף און מיט נאַציאָנאַלע פראַגן אינטערע־

סירן זיי זיך ניט". (מאָריס ווינטשעווסקי, „געזאַמלטע ווערק", פאַרלאַג „פרײַהייט", נ. י., 1926, באַנד 1, ז"ז 295־296).

צום בולטסטן האָט ווינטשעווסקי אַרויסגעבראַכט זײַן נאַציאָנאַלע פּי־זיאָגנאָמיע אין זײַן „מײַן נאַציאָנאַלער אני מאמין", וואָס ער האָט אָנגע־שריבן אין 1911 (געדרוקט אין „דאָס נײַע לעבן"). פון די „נײַע 13 עיקרים" וואָס ווינטשעווסקי פּאָסטולירט דאָרט, כאַפּן מיר אַרויס בלויז עיקר ב', ג', ד', ט' און י"ב. אין עיקר ב' זאָגט ער: „אני מאמין באמונה שלימה, אַז דער רעזולטאַט דערפון וועט פונדעסטוועגן זײַן ניט אַ פאַר־מישונג און פאַרשמעלצונג פון ראַסן, קולטורן און שפּראַכן, נאָר, פאַר־קערט, אַ העכערע, גרעסערע און אויסגעפּרעגטערע אויסבילדונג פון די פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן, אַזוי ווײַט ווי זיי האָבן אַ קלאָרע היסטאָרישע פיזיאָגנאָמיע".

אין עיקר ג' זאָגט ער:

„אני מאמין באמונה שלימה, אַז כל־זמן ווי עס וועט, אויף דעם אופן, זײַן ערגעץ אַ נאַציאָנאַליטעט, וואָס איר קלאָר אויסגעפּרעגטער פּרצוף־פּנים, איר נאַציאָנאַלע אינדיווידואַליטעט וועט ניט לאָזן איר פאַרשווינדן אינעם אינטערנאַציאָנאַלן 'שמעלץ־טאָפּ', אַזוי לאַנג וועט האָבן אַ קיום אויך די יידישע נאַציע".

און אין ד':

„אני מאמין באמונה שלימה, אַז דער שמעלץ - טאָפּ (אַסימילאַציע, בלע"ז) איז פאַר יידן ניט מער ווינטשנסווערט, ווי פאַר ענגלענדער, פראַנ־צויזן אָדער דײַטשן".

אין עיקר ט' זאָגט ער אַזוי:

„אני מאמין באמונה שלימה, אַז דאָרטן, ווו דער יונגער דור פון אײַנ־וואַנדערער, וועלנדיק זיך צופּאַסן צו דער הערשנדיקער נאַציאָנאַליטעט, טוט אויס, ווו ער קען, זײַן צורת־ייד, וואַרפט אַוועק זײַן מוטערשפּראַך און נעמט אָן די זיטן, אַפילו די טראַדיציעס, די געשיכטע פון די אײַנ־געבוירענע, קומט ענטוועדער דער דאָזיקער דור, ווען ער ווערט עלטער, אָדער דער צווייטער דור, נאָך פילע טרויעריקע דערפאַרונגען, צוריק צו זײַן נאַציאָנאַליטעט, הגם ניט צו איר לשון".

און אין עיקר י"ב, וואָס קלינגט ממש נביאיש פאַר 1911, זאָגט ער:

„אני מאמין באמונה שלימה, אַז אויב אין אַ סאָציאַליזירטער און פאַרברידערטער מענטשהייט וועט פאַרט זײַן פּלאַץ פאַר דער פרײַער אַנט־וויקלונג פון באַזונדערע נאַציעס, לויט זייער אייגנאַרט, זייערע געשיכט־לעכע טראַדיציעס און אַזוי ווײַטער אויף באַשטימטע טעריטאָריעס, צווישן געוויסע גרענעצן, דאַן וועט דער ייד אָן מי צוריק באַקומען זײַנע אייגענע ד' אמות, זײַן ווינקעלע אויף דער ערד, ווו ער וועט קענען פירן זײַן איי־גענעם נאַציאָנאַלן לעבן" (מאָריס ווינטשעווסקי „געזאַמלטע ווערק", פאַר־לאַג „פרײַהייט", נ. י., 1927, באַנד 7, ז"ז 221, 223, 224).

דאָס אויבערשטע איז אין פובליציסטיק. ווי האָט זיך דאָס אָפּגע־

שפּיגלט אין זײַן פּאָעזיע? אין זײַן ליד „צו כּנסת ישׂראל", אין וועלכן ער וויל באַווײַזן, אַז דער סאָציאַליסט און דער ייִד הויזן בשלום אין אים, זאָגט ער:

אָ, גלויב זיי ניט, אַלטיטשקע כּנסת ישׂראל,
איך בין ניט אַנטרונען געוואָרן פֿון דיר;
איך זע ניט קיין ראָלע אויף אַזעס בינע
פֿאַר דיר, אָבער, מאַמינקע, איך בין דײַן זון.

און, מאַמע, מיר שמאַרצן די אייביקע וונדן
אויף דיר, וועלכע בלײַבן רק אָפֿן און נײַ;
דעם לײַב שנײַדט דער שטריק מיר, וואָס דיך האַלט געבונדן,
דײַן גלות — ער לאָזט מיר ניט אָטעמען פֿרײַ.

עס ברענט אויף מײַן שטערן דער חותמו־של־קין,
און ברענט דאָס אָרט פֿון דײַן גילדענעם ציץ,
און גערן פֿאַרוואַנדלט וואָלט איך אין כּלי־זין
מײַן פּען, פֿאַר דײַן קאַמף, אין מײַן הייליקער היץ.

באַוווּנדער דײַן אייביקייט, מאַמע, דײַן כּוח
צו לעבן, גערייען, זײַן אַלט און דאָך שטאַרק;
צו שטעלן זיך קעגן אַ וועלט מיט אַ מוח
געשאַרפֿט אויף אַ מילשטיין, וואָס ברעכט דיר דעם קאַרק.

און ער פֿאַרענדיקט:

אַ זון, יאָ, אַ זון אַ געטרײַער,
געטרײַ צו זײַן מוטער, געטרײַ אויך צו זיך,
געטרײַ צו דעם וועלט־קאַמף, דעם פֿעלקער־באַפֿרײַער,
וואָס מוז, ווען די צײַט קומט, באַפֿרײַען אויך דיך.

אַזוי וועל איך לעבן און דיר, מאַמע, דינען,
ביז אָפּ לויפֿט מײַן זאַמדגלאָז, ביז אַלץ איז אויס.
איך וועל אָבער דאַן פֿון דיר אויך ניט אַנטרינען:
דער טויט וועט געפֿינען מײַן קאָפּ אין דײַן שויס.

אין איינעם פֿון זײַנע לעצטע לידער, אַ מין סך־הכּל־ליד, „מײַן שוואַנען געזאַנג", אונטערציִענדיק דעם חשבון און אָנווײַזנדיק ווער עס האָט אים משפּיע געווען — דערציילט ער וועגן די גײַסטער, וואָס קומען צו אים אויף אַ באַזוך:

עס קומט ניט צופֿוס אַהער הלל הזקן,
ניט רײַט ער, דער נשׂיא, אַרײַן אויף אַ פֿערד.

ער שוועבט אין דער לופֿטן אין זויבערע, רײנע
תּכריכים פֿון זײַד אין מײַן צימער אַרײַן,
אַזוי קומען: בערנע, ביעלינסקי און הײַנע,
און שעללי, דער מלאכל, ליבלעך און פֿײַן.

און בײַראָן, דער געטלעכער בעל מרה־שחורה
און מאָריס דער נבֿיא פֿונעם ערד־פּאַראַדיז,
און געבן זיי ליבלינגע פֿיל פֿון דער תּורה,
בן־עמרם אין מיטן — אַ גײַסטיקער ריז.

בן עמרם (משה רבנו) איז דער גײַסטיקער ריז, וואָס שטייט אין דער מיט פֿון אַלע וואָס האָבן אים באַווירקט.*

7

נאָך אַ טענה, אַחוץ „טענדענציעזקייט", „סאָציאַליסטישע מגידות" און „נאַכטיגאַלן וואָס זינגען אַנאַרכיסטישע פּראָקלאַמאַציעס", איז די, אַז זייער פּאָעזיע איז פֿון נידעריקער קוואַליטעט, אָרעם אין אימאַזשן, צו דירעקט און באַגרענעצט אין פֿורעם און שפּראַך.

פֿעגעצן אמת זײַנען פֿאַראַן אין טייל פֿון די טענות, אָבער זיי זײַנען אַלע אַ ביסל צו גלאַטיק, צו גענעראַליזירט און — דער עיקר — צו אָפֿט אומקריטיש איבערגעזאָגט. איך וויל זיי בפֿירוש ניט פֿאַרענטפֿערן און ניט אויסבעטלען אַ ביסל בענעוואָלענטע טאָלעראַנץ לגבי די פּיאָנערן־דיכטער. איך וויל גיכער פּרוּוון זיי פֿאַרשטיין אין דער רעם פֿון צײַט און אין קאָנטעקסט פֿון זייער פּעריאָד. זיי וועלן דעמאָלט גאָרניט אַזוי אָרעם און אַלטמאָדיש, ווי עס קאָן זיך אויסדאַכטן.

ראשית, די צײַט ווען זיי זײַנען געקומען. ווינטשעווסקיס ערשט ליד „דאָס ליד פֿון העמד" (איבערגעזעצט פֿון טאָמאָס הודס „סאָנג אָוו די שוירט") האָט זיך באַוויזן אין 1884 — פֿיר יאָר איידער פֿרץ האָט אָנגעשריבן „מאָניש", (כאָטש פּרץ האָט דעם ערשטן וואַריאַנט פֿון „מאָניש" געשריבן אין 1887), און פֿיר יאָר איידער ש. פֿרוג האָט אָנגעהויבן שרײַבן ייִדיש. (רוסישע לידער האָט פֿרוג געשריבן זינט 1881).

דאָס איז געווען דער סאַמע ערבֿ פֿון דער מאָדערנער ייִדישער פּאָעזיע.

---

* צווישן די אַנדערע „ליבלינגע מײַנע", וואָס ווינטשעווסקי רעכנט שפּעטער אויס אין ליד, געפֿינען זיך: ישעיה בן אמוץ, מאַרקס, מענדעלסאָן, ריש לקיש, יעקבֿ גאָרדין און — „ישׂראליק דער פּועל".

איידער ווינטשעווסקי האָט אָנגעהויבן שרײַבן און איידער דויד עדעלשטאַט האָט אָפּגעדרוקט זײַן ערשט ליד אין דער „וואָרהייט", אין 1889 — איז אונדזער פּאָעטישער פאַרמעג באַשטאַנען פון אַ צאָל השכּלה־לידער, טייל בראָדער לידער, גאָלדפאַדן טעאַטער־לידער, אַ צאָל לידער פון אליקום צונזער, אַרום־און־אַרום, אַן אָרעמע און זייער מאָגערע פּאָעטישע התחלה, פון וועלכער צו לערנען און שעפּן אינספּיראַציע. נאָך בידנער איז געווען די פּאָעטישע שפּײַזקאַמער, ווען מען האָט באַדאַרפט בײַ איר שעפּן נאָרונג צו העלפן מאָלן און אינספּירירן אַ נײַ און אַנדערשדיק לעבן, וואָס איז ערשט אַליין געווען אין פּראָצעס פון ווערן. מילא, ווינטשעווסקי האָט כאָטש געקענט ניט נאָר די אַלטע קולטור, נאָר אויך פּרצן. עדעלשטאַט האָט בלויז געקענט ווינטשעווסקין (כאָטש, ווייזט אויס, אַז ש. פרוגס לידער — די רוסישע און, מסתמא, אויך טייל יידישע — זײַנען אים ניט געווען פרעמד).

דערצו איז אויך צוגעקומען די השפּעה פון ענגליש. ווייניקער קענטיק אויף עדעלשטאַטן ווי אויף די אַנדערע דריי, דער עיקר אויף ווינטשעווסקין און באָוושאָווערן (ווינטשעווסקי האָט ניט בלויז איבערגעזעצט „די סאָנג אָוו די שוירט", נאָר די השפּעה פון אַנדערע לידער פון טאָמאָס הוד — ווי, „די ברידזש אָוו סאַיס" — „די בריק פון זיפצן", — איז זייער שטאַרק ניכּר אין זײַנע לאָנדאָנער לידער. פון באָוושאָווערן איז אָפּגערעדט. ער האָט איבערגעזעצט מאַרקהאַמס „די מען וויטה די האָו", עמערסאָנען און אַנדערע).

(אַגבֿ: אָפּפאַטאָשו איז, דאַכט זיך, אין גאַנצן ניט גערעכט בנוגע דער פראַגע פון ענגליש און די „יונגע". אונדזער אײַנדרוק איז, אַז, בדרך כּלל, האָבן די פּראָלעטאַרישע דיכטער שנעלער און בעסער באַהערשט ענגליש ווי די „יונגע". טייל פון די „יונגע" האָבן, נאָך אַ לעבן־לאַנג אָפּזײַן אין אַמעריקע, געהאַט אַ קנאַפּע קאָנטשאַפט מיטן ענגלישן לשון.)

אוודאי האָט זייער שפּראַך פאַרמאַגט אַ סך דײַטשמעריזמען, איז צו מאָל געווען אַ הילפלאָזע, אָבער ווידער מוז מען דאָס זען אין דער רעם פון דער צײַט און פון דעמאָלטיקן מצבֿ פון יידיש.

אין זײַן ליד „מײַן עפּיטאַפיע" דערציילט פרוג, ווי ער האָט זיך געראַנגלט מיטן פאַרוואָרלאָזטן לשון פון זײַן צײַט:

מיט אַלע כּוחות, מיט דעם לעצטן צאָן
געביסן און געריסן דעם זשאַרגאָן,
געקײַט די ליבע שפּראַך פון אונדזער מאַמען,
צו מאַכן זי אַ ביסעלע כאָטש ווייך
געפעפערט מיט צעזור, געזאַלצט מיט גראַמען,
און צו פאַרדושען יענעם ליבן ריח
פון ווילנער מאַרק און דינאַבורגער יאַטקעס
מיט אַלערליי פאַרוואַלגערטע אַסטאַטקעס,

וואָס שמעקט אויף דרײַצן מײַל אַרום דעם אָרט
ווי נאָר עס בליט כאָטש איין זשאַרגאָניש וואָרט...

י. ל. פּרצעס „אינטערמעצאָ" אין „מאָניש", ווי ער באַקלאָגט זיך, אַז יִידיש פֿאַרמאָגט ניט „קיין רעכטן קלאַנג, קיין רעכטן טאָן" (אין 1888) איז אונדז אַלעמען וווּל באַקאַנט.

איך מיין, אַז די דײַטשמעריזמען בײַ שמ"רן, בײַ די שונד־שרײַבער בכלל, אַפֿילו בײַ די פּערסאָנאַזשן פֿון געלערנטן קלאַס אין טייל השׂכּלה־דראַמעס, (בעת די פֿון פּשוטן פֿאָלק האָבן אָפֿט גערעדט אַ קערנדיקן, מחיהדיקן יִידיש) — זײַנען געווען אַ רעזולטאַט פֿון ניט־דרך־ארץ צו יִידיש, אַ פֿאַרלאַנג אַרויפֿצוצווינגען אויפֿן לייענער אַ פֿרעמד „געבילדעט" לשון, אַ ווילדוווּקס. זייער סינטאַקסיס אָפֿט — אַ נאָכגעמאַכטער, דעריוואַטיווער דײַטש.

די דײַטשמעריזמען, וואָס מיר געפֿינען בײַ די פּראָלעטאַרישע דיכטער, זײַנען אָפֿט הילפֿלאָזע פּרוּוון צו שאַפֿן נעאָלאָגיזמען וואָס האָבן באַדאַרפֿט באַקליידן נײַע באַגריפֿן און נײַע שטימונגען. בעיקר אין דער פּאָעזיע. ווינטשעווסקיס פֿעליעטאָנען פֿון דעם „משוגענעם פֿילאָזאָף", ווי זײַן פּראָזע בכלל, זײַנען געשריבן אין אַ קערנדיקן „היימישן" יִידיש. אָפֿט: גאָרניט אַ סך ערגער ווי טייל פּרצישע פֿעליעטאָנען אין די „יום־טובֿ בלעטלעך" (1893־1895). איך וויל אויך זאָגן, אַז די קריטישע אַרטיקלען באָוושאָווערס (וועגן עדווין מאַרקהאַם, עמערסאָן און וויטמאַן) זײַנען בלויז פֿאַרעלטערט, ניט פֿאַרדײַטשמערישט, גראָב פֿאַרקוידערוועלשט — באין אופֿן ניט.

נ. ב. מינקאָוו פּרוּווט אַפֿילו פֿאַרטיידיקן דעם באַניץ פֿון „מאָנד" און „וואַרע ליבע" און „יאָמערטאָל" און „טיראַנאַי" — ווי אויסדרוקן וואָס „האָבן דורכגעפֿירט אַ וויכטיקע פֿונקציע". ער זאָגט, אַז „ס'קומט אַ צײַט ווען מען דאַרף פֿאַרשטיין דעם אמתן מיין פֿון פֿרײַערדיקע ווערטער, געבויען, זשעסטן און סינטאַקסישע אייגנטימלעכקייטן", און גיט צו, אַז „זיי זײַנען געווען עסטעטישע באַדערפֿענישן, אַן עסטעטישער מוז, אין דעם טראַגישן אימיגראַנטישן יאָמערטאָל".

אויפֿן הינטערגרונט פֿון דער צײַט האָט, קאָלעקטיוו גענומען, די פּאָעזיע פֿון די פּראָלעטאַרישע דיכטער פֿאַרצייכנט אַ באַשטימטן קער צום מאָדערניזם אין דער יִידישער פּאָעזיע. אין 1929 האָט א. װעװיאָרקע, דער בעל ה„רעוויזיע" אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, געזאָגט, אַז די פֿיר דיכטער זײַנען „אין זייער צײַט געווען די איינציקע מאָדערנע דיכטער". א. וועוויאָרקע האָט, בטבֿע, געהאַט אַ נטיה צו גוזמא, אָפֿט צו כּפֿל־שמונהדיקער גוזמא. און אַפֿילו אין דער סאָוועטיש־יִידישער קריטיק האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן אַ שטורעם און אַ דיסקוסיע מיט אַ סך אונטער־און איבערטענער, אַ מבול פֿון פֿאַרס און קעגנס. מ. ליטוואַקאָוו האָט שאַרף אַראָפּ־

גערינגן ווערקען שטעלונג און דערקלערט, אַז „זייער דיכטונג איז געווען גיכער אַ געמאַכטע אידער אַן אָרגאַנישע".

אינטערעסאַנט איז אָבער דער שלוס צו וועלכן עס קומט ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, בײַ אונדז אין אַמעריקע, 25 יאָר שפּעטער: „...די פיר דיכטער פון ווײַטשעפּל און דער ניו־יאָרקער איסט־סײַד, זײַנען געווען אונדזערע ערשטע, וואָס האָבן געבראַכט דעם רעבעלירנדיקן מאָדערנעם סאָציאַלן מאָטיוו אין דער יידישער פּאָעזיע. די ערשטע, וואָס האָבן אויך געבראַכט ריטם, מאָדערנעם גראַם און נײַ־בילד. אַזוי זײַנען זיי שוין אויך געווען פון די גאָר ערשטע, פון די ראשונים, פון אונדזער נײַעם ליד בכלל.

„זיי, די פיר, זײַנען צו יענער צײַט געווען בײַ אונדז די מאָדער־ניסטן, כאָטש איצט קוקן זיי אונדז אויס צו זײַן פאַרעלטערט" (ב. י. ביאַ־לאָסטאָצקי, „דוד עדעלשטאַט געדענק־בוך", אַרויסגעגעבן פון „די דוד עדעלשטאַט בוך־קאָמיטעטן", ניו־יאָרק - לאָס־אַנדזשעלעס - סאַן־פראַנציסקאָ, 1953, ז"ז 478־479).

און ער גיט צו: „אַלזאָ, דער ערשטער מאָדערניזם פון דער נײַער יידישער פּאָעזיע איז געקומען דווקא מיט די איצט פאַרעלטערטע סאָציאַלע דיכטער פון 19טן יאָרהונדערט" (אונטערגעשטראָכן פון אונדז — א. ג.).

די סאָציאַלע דיכטער אַליין האָבן געשטעלט הויכע ליטעראַרישע פאָ־דערונגען צו זיך. שוין דער יונגלינג, דוד עדעלשטאַט, באַקלאָגט זיך אין זײַן אַרטיקל „זשאַרגאַנישע דיכטער":

„די צײַטונגס קאָמעדיאַנטן האָבן, צו אונדזער באַדויערן, אַ גרויסן דערפאָלג בײַ דעם יידישן פּובליקום. די אורזאַך פון דעם טרויעריקן דער־פאָלג איז פון איין זײַט די אומוויסנהייט פון דעם זשאַרגאָנישן לעזער און פון דער צווייטער זײַט די אַפּאַטיע פון אַ פאַרנינפטיקער קריטיק, וועלכע זאָל זײַן געשמאַק אין אַן אמתן וועג אויסבילדן". און ווײַטער זאָגט ער: „דעם יידישן דיכטער, אויב ער איז ווירקלעך אַ דיכטער, און ניט קיין בדחן, קומט אויס זייער שלעכט צווישן דעם באַרג מיסט, וואָס 'ער־שײַנט' פאַר דעם יידישן פּובליקום אַלס קונסט און ליטעראַטור".

נאָך טרויעריקער ווערט זײַן אָפּשאַץ, ווען ער כאַראַקטעריזירט דעם דעמאָלטיקן יידישן לייענער: „זינג אים וויציקע לידעלעך, טאַנץ פאַר אים אַ קאָזאַטשקע, קוליע זיך פאַר אים, ברעך זיך פאַר אים ווי אַ גאַסן־קאָמעדיאַנט, און ער וועט דיך אַפּלאָדירן, ער וועט דיר פאַלן אויפן האַלדז און שרײַען: בראַוואָ!" (דוד עדעלשטאַט — „שריפטן", פאַרלאַג „אַרבײַטער פרײַנד", לאָנדאָן, 1910, ז"ז 386־391).

עס וואָלט דאָך בפירוש ניט מיגלעך געווען היסטאָריש — ניט נאָר די השפעה וואָס זיי האָבן געהאַט אויפן לייענער־עולם אויף ביידע זײַטן

ים,* נאָר אויך זייער השפעה אויף דער שפּעטערדיקער ייִדישער פּאָעזיע — אויב זיי וואָלטן געווען אַזוי אומבאַהאָלפֿן גראַפֿאָמאַניש, ווי אַ גרויסער טייל פֿון דער ייִדישער קריטיק וויל האָבן.

אַבֿרהם רייזען דערציילט וועגן דעם רושם וואָס דוד עדעלשטאַטס ליד „אין קאַמף" האָט געמאַכט אויף אים: „דאָס דאַזיקע ליד 'אין קאַמף' האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן, לאַנג אומפֿאַרגעסלעכן רושם. די נאַיִווע, אָבער אין דער זעלבער צײַט פֿלאַמענדע ווערטער, מיט דעם האַלב טרויעריקן, האַלב אויפֿמונטערדיקן ניגון, האָבן געוועקט און אויפֿגעקאַכט אין מיר די געפֿילן פֿון קאַמף קעגן דער אונטערדריקונג און מײַן נאָענטקייט און אַפֿילו ליבע צו די אונטערדריקטע" (קלמן מרמר — „דוד עדעלשטאַט", איקוף־פֿאַרלאַג, ז. 344).

ה. לייוויק דערציילט, סענסיטיוו און דראַמאַטיש, וועגן דער בלײַביקער ווירקונג וואָס „מײַן צוואה" האָט געהאַט אויף אים.

ה. ראָזענצווײַג ווײַזט אָן אין זײַן בכלל שלעכט בוך, „דער ראַדיקאַלער פּעריאָד אין פּרצעס שאַפֿן", די השפּעה וואָס ווינטשעווסקיס איבערזעצונג פֿון טאָמאַס הודס „דאָס ליד פֿון העמד" האָט געהאַט אויף י. ל. פּרצעס „דרײַ נייטאָרינס" און „בײַם פֿרעמדן חופּה־קלייד".

עס איז בפּירוש ניט צום אָננעמען, אַז עדעלשטאַטס לויטערקייט פֿון גלויבן, אַז באַוווּסטזיניקע בריטאַטעמדיקייט, אַ מין רעטאָרישע קאָסמישקייט, און זײַן תּנכישער טאָן, אַז ווינטשעווסקיס רחמנות, סאַטירע און פּקחות, אַז ראָזענפֿעלדס טרערן און רחמים — זאָלן האָבן פֿאַרבײַגעגאַנגען די ייִדישע ליטעראַטור, די „יונגע" אַרײַנגערעכנט, און זי ניט האָבן משפּיע געווען. עס איז ניט צום גלויבן, אַז די סאָציאַלע אידייע, דער חלום פֿון אַן אויסגעלייזטער וועלט, דער נבֿיאישער ברען, דער פֿאַרלאַנג צו דערהייבן דעם מענטש און זיך אײַנשטעלן פֿאַר אים, וואָס האָט זיי כאַראַקטעריזירט און וואָס איז בכלל דער דערקען־סימן פֿון דער גאַנצער ייִדישער ליטעראַטור — זאָל האָבן פֿאַרבײַגעגאַנגען און פֿאַרשוואונדן אָן אַ סליאַד, אָן אַ רושם און אָן אַ השפּעה אויף ווײַטער.

און ווײַל די „יונגע" זײַנען געווען אַ נײַער און אָפּרישנדיקער אויפֿבלי אין דער ייִדישער ליטעראַטור — זײַנען זיי, די רעבעלן גופֿא, ניט געשטאַנען מחוץ פֿון אָט אַ דעם אײַנפֿלוס. זיי זײַנען אַרויסגעוואַקסן פֿון די פֿריִערדיקע. זיי האָבן מער מורד געווען קעגן פֿורעם ווי קעגן אינהאַלט. טראַכטן אַנדערש, וואָלט געמיינט לייקענען דעם סאָציאַלן מאָטיוו פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, און די „יונגע" האָבן, אין לעצטן סך־הכּל, דעם מאָטיוו ממשיך געווען.

---

* כאָטש ביז 1891־1892 האָט מען ווייניק געוווּסט וועגן זיי מעבֿר לים, האָבן זיי אָבער נאָך דעם געוועקט און געהאָלפֿן דערציִען די יונגע ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג אין מזרח־אייראָפּע — זע די „פֿרײַהייט"־העפֿטן, אַרויסגעגעבן פֿון דעם „אַלגעמיינעם ייִדישן אַרבעטער־בונד", אָנהייב יאָרהונדערט.

עס איז געגנוג צו לייענען די ערשטע לידער פון יוסף ראָלניקן, פון משה לייב האַלפּערן, טייל משה נאַדירס, אַ סך מאַני לייבס צו דערשפּירן דעם אָטעם פון די פאַרלייקנטע פאַרגייערס.

(אַ פאַרביַיגייענדיקע באַמערקונג: עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט נאָכצופאָרשן די באַציִונג דווקא פון די „אינזיכיסטן" — מינקאָוו, גלאַט־שטיין, סטאָדאָלסקי, גלאַנץ און אַנדערע — צו די פּראָלעטאַרישע דיכ־טער, לגבי דער באַציִונג פון די „יונגע" — ניט בלויז צוליב דער דיסטאַנץ פון צײַט, נאָר מחמת אַ באַשטימטער אינערלעכער, אינטעלעקטועלער און דיכטערישער שײַכותדיקייט, וואָס מערקט זיך בײַ די „אונזיכיסטן" צו די פּראָלעטאַרישע ראשונים).

זאָגט מינקאָוו אַזוי:

„ווי מאָדנע דאָס זאָל קלינגען, — אין דער סאָציאַלער ליריק און אין דער רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיק קען מען דערהערן אַ מאָטיוו, וואָס האָט פאַרפלייצט די ייִדישע פּאָעזיע אין אַמעריקע מיטן אָנקומען פון די 'יונגע' אין 1907. דאָס איז דער פערזענלעכער מאָטיוו. געגרייט האָבן דעם מאָטיוו טאָקע די סאָציאַלע פּאָעטן, ניט אין זייער רעאַליסטיש־סאָציאַל ליד, נאָר, דער עיקר, אין זייער ראָמאַנטיש־רעוואָלוציאָנער ליד" (נ. ב. מינקאָוו — „פּיאָנערן פון ייִדישער פּאָעזיע אין אַמעריקע", באַנד 1, ז. 11).

* *
*

איך קום, דעריבער, צו עטלעכע פּשוטע און, פאַר מיר, נאַטירלעכע מסקנות:

א) מיר טאָרן ניט פאַרשאַרן דעם פּעריאָד און זײַנע שאַפערס צו דער פאַרגעסנקייט ווי עס וואָלט געווען אַ צופעליקער פאַרגייִיקער עפּיזאָד, אַ קינדס ערשטע צייכנדלעך, אַן עפּיזאָד וואָס געהערט צו אונדזער קול־טור־געשיכטע און איז ניט אינטעגרירט אין אונדזער ליטעראַטור. דער פּעריאָד איז אַ טייל פון אונדזער ליטעראַטור־ירושה. און אַקוראַט ווי פון דער דעמאָלטיקער רויער פאָלקמאַסע האָט זיך שפּעטער אויסגעשיילט אַ פילפאַרביקע און פילשיכטיקע ייִדישע אַמעריקע מיט פעדעם וואָס ציִען זיך צום פאָלק איבער דער גאַנצער וועלט — פּונקט אַזוי האָט זיך פון דעם יונגן אָנהייב אויסגעשיילט אַ ייִדישע ליטעראַטור אין אַמעריקע מיט פעדעם פאַרוועבט אין דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַלע ווינקלען ווו זי ווערט געשאַפן. און לאָמיר, אַגבֿ, ניט פאַרמינערן די השפּעה וואָס זיי האָבן געהאַט אויף דער אייראָפּייאיש־ייִדישער ליטעראַטור.

ב) די גרויס־אידייע און גרונט־אידייע וואָס האָט אָנגעפילט די גאַנצע מאָדערנע ייִדישע ליטעראַטור — די גאולה־אידייע — איז אויך — אין זייער אייגנאַרטיקן אידיאָם — פאַרוועבט ווי דער הויפּט־פאָדעם אין דעם שאַפן פון אונדזערע אַמעריקאַנער ראשונים.

לייקענען דעם סאָציאַלן מאָטיוו, געפּאָרט מיטן נאַציאָנאַלן ווי אַ לייט־מאָטיוו אין דער ייִדישער דיכטונג, מיינט לייקענען די דיכטונג גופא.

ניט אַרײַננעמען ווינטשעווסקין, עדעלשטאַטן, ראָזענפעלדן און באָוור־שאָווערן אין דעם נאַציאָנאַלן שפּײַכלער פון דער ייִדישער פּאָעזיע מיינט אויך אויסשליסן ניט נאָר ליעסינען און רייזענען און האַלב פּרצן — נאָר אויך די שפּעטערדיקע דורות וואָס זײַנען געקומען נאָך זיי.

ג) די זעלבע נאַציאָנאַל־באַפרײַעריש עלעמענטן וואָס מענדעלעס „קליאַטשע" אָדער „מסעות", אָדער פּרצעס „באָנטשע" און „אויב ניט נאָך העכער", אָדער שלום עליכמס „מנחם מענדל" טראָגן אין זיך, גילטן אין אַן אַנדער אידיאָם, אויך אין דער היגער אַרבעטער־דיכטונג.

דער סאַמע אָטעם פון פאָלק, אין אַ מאָמענט פון וויטיקדיקער טראַנס־פּלאַנטאַציע און טראַנספאָרמאַציע, איז געווען די נאַציאָנאַלע לופט מיט וועלכער די ליטעראַטור האָט געאָטעמט. מער נאָך: פאַרלוירנקייט, נײַקייט פון אָרט, אָפּגעפּרעמדטקייט, עקאָנאָמישער געראַנגל, תוהו ובוהו פון צו־פאָסן זיך, אַנגסט ווי צו פאַרהיטן דאָס אייגענע נאַציאָנאַלע פּנים, דאָס וועקן ביטחון און זעלבגלויבן — אַלץ שטריכן, וואָס כאַראַקטעריזירן די פּראָלעטאַרישע דיכטער — זײַנען גלײַכצײַטיק דערקען־סימנים פון אַ תמידיקן, זיך איבערחזרנדיקן מעשׂה־בראשית אין דער ייִדישער קול־טור און געשיכטע. אין דעם קאָמפּלעקס פּראָבלעמען האָט די אַרבעטער־דיכטונג, אין די סאַמע ערשטע יאָרן, געהאָלפן לײַטערן די סביבה און דאָס געמיט, פּיקן צינגער. מיר וואָלטן געבליבן אַ שטאָמלפאָלק אויף לאַנגע יאָרן אָן זיי, ווי הילפלאָז און פּרימיטיוו זיי אַליין זאָלן אָפּט ניט האָבן געווען.

פּעריאָדעס קייטלען זיך. קיינער פאָטערט־און־מוטערט זיך ניט אַליין. די יונגע זײַנען קיין נס ניט געווען. קיין בראשית אויך ניט. זייער סאַמע רעוואָלט איז אַן אָנטײַט פון אַ מרידה קעגן טאַטעס — זאָל זײַן אַלטמאָ־דישע טאַטעס — אָבער נאָך אַלץ טאַטעס.

סענסיטיוו האָט עס דערשפּירט יעקבֿ גלאַטשטיין אין אַ ליד צו דוד עדעלשטאַט:

צוריק וועלן מיר קומען צו אונדזער טונקעלן אײַנפאָר,
מיר, וואָס האָבן געקלעטערט אויף ווערטער בראַוואַדיש,
וועלן זוכן רמזים אין דײַן פּאָעטישער קלאָר,
זינגען דײַנע לידער מיט ברען, זאָגן יאָרצײַט־קדיש.

און דער עלטסטער פון אונדזער דור
וועט אונדז לערנען דערזען דעם טיפן פּשט
אין דער מענטש־פאַרטיפטער פּשטות
פון דוד עדעלשטאַט.

(יאַנואַר, 1976)

אויף דער שוועל פֿון צווייטן יאָרהונדערט

(100 יאָר ייִדישע ליטעראַטור און פּרעסע
אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן)

א.

מיר שטייען אין דער מיט פֿון אַ וויכטיקער היסטאָרישער דאַטע — דער 100־יאָריקער יובֿל פֿון דער ייִדישער פּרעסע און ליטעראַטור אין אַמעריקע. אַ דאַטע וואָס מיר האָבן, אַגבֿ, ניט גענוג פֿאַרצייכנט.

ווי יעדע דאַטע פֿון אַזאַ כאַראַקטער און פֿאַרנעם דאַרף זי דינען אי ווי אַ סך־הכּל, אי ווי אַ וועגווייזער אויף ווײַטער.

איך וויל בלויז, אין קורצן, אָנצייכענען אונדזער יחוס־בריוו, און אפֿשר בלויז דעם אָנהייב זײַנעם. ווען מיר האָבן אָנגעהויבן אַרויסגעבן טעקסטביכער אין ייִדיש פֿאַר ייִדישע שולן אין אַמעריקע, איז עס געווען, אַן ערך, קוים 45־40 יאָר זינט דאָס ערשטע ייִדישע בוך, יעקבֿ צבֿי סאָ־בעלס „ישׂראל דער אַלטע", איז דערשינען, אין 1877.

איך וויל פּרוּוון אָנטײַטן ווי טיף עס זײַנען די וואָרצלען און ווי שטאַרק עס זײַנען די קנופּן פֿון דורות.

סוף אַכציקער יאָרן זענען אין ניו־יאָרק געווען כּמעט אַזוי פֿיל יו־ניאָנס ווי שולן צום דאַווענען.

צוויי ליניעס פֿון אַנטוויקלונג: יוניאָנס און שולן. און כאָטש די קלאַסן־ליניעס זײַנען אָפֿט פֿאַרטושט געוואָרן, איז די באַזע פֿאַר דער ייִדישער פּרעסע און ליטעראַטור אין אַמעריקע געווען אָט־די צוויי־ליניקע אַנטוויקלונג — דער אַרבעטער־קלאַס און דאָס קליין־און מיטל־בירגערטום. אַ מאָל האָט איינער דאָמינירט, אַ מאָל — דער אַנדערער. ביידע זײַנען געוואָרן דער באָדן אויף וועלכן עס האָט זיך אַרויסגעהויבן איינער פֿון די אימפּאָזאַנטסטע קולטור־בנינים פֿון דער מאָדערנער ייִדישער שעפֿע־רישקייט — די ייִדישע פּרעסע און די ייִדישע ליטעראַטור אין אַמעריקע.

עטלעכע אַלגעמיינע אָבסערוואַציעס ווילן מיר אָנטײַטן:

א) די ייִדישע פּרעסע און ליטעראַטור זײַנען עלטער ווי עס איז די מזרח־אייראָפּייִשע מאַסן־אימיגראַציע אין לאַנד. די ליטעראַטור און די פּרעסע, מחמת ביידע זײַנען געווען ענג פֿאַרבונדן אין אַמעריקע, און ס׳רובֿ

גרונטליי̇גערס פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין לאַנד האָבן באַקומען זייער אויסשולונג אין דער פּרעסע. ביידע, די ליטעראַטור און די פּרעסע, זײַנען געוואָרן אַ דעציזירנדיקער, היסטאָרישער, דערציִערישער כּוח בײַם אויסגעשטאַלטן דאָס ייִדישע לעבן אין אַמעריקע.

ב) די פּרעסע און די ליטעראַטור, וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט אין אַמעריקע, זײַנען באמת געווען חד־במינמדיק, איינציק אין זייער מין, אין דער קולטור־געשיכטע פֿון אונדזער פֿאָלק. עס איז שווער צו געפֿינען אַ היסטאָרישן פּאַראַלעל אין ייִדישן לעבן מיט אַן ענלעכער קולטור־דינאַמיק און ווירקונג, אין אַזוי ווייניק קאָמפּאַקטע יאָרן.

אויף זיי, אויף די פּרימיטיווע קולטור־שפּראָצונגען אין לעצטן פֿערטל פֿון 19טן יאָרהונדערט, איז געפֿאַלן די היסטאָרישע אויפֿגאַבע צו קומען צו הילף אַ פֿאָלקמאַסע אין אַ פּעריאָד פֿון אויפֿטרייסלענדיקער טראַנס־פֿאָרמאַציע: געאָגראַפֿישע טראַנספּלאַנטאַציע — פֿון מזרח־איראָפּע קיין אַמעריקע; קאָנטאַקט מיט אַ נייער הערשנדיקער קולטור און מיט פֿאַר־שיידענע נײַע עטנישע קולטורן, וואָס דער מזרח־איראָפּעיִשער ייִד האָט זיי קיין מאָל פֿריִער ניט געקאָנט — מיטן איטאַליענער, דעם נעגער, דעם אירלענדער; איבערגאַנג פֿון שטעטל אין דער גרויסשטאָט; אַן אויפֿרו־דערנדיקע עקאָנאָמישע טראַנספֿאָרמאַציע; דאָס געבורט פֿון נײַע קלאַסן — דער עיקר, דער אַרבעטער־קלאַס; דער גרויל פֿון סוועט־שאָפּ; דער קאָנ־טאַקט מיט אַ שפּאָגל נײַער פּאָליטישער סיסטעם — די דעמאָקראַטיע מיט אירע גרויסע מעלות און אומגליקלעכע חסרונות; דאָס פֿאַלן פֿון די שוץ־ווענט אַרום דער ייִדישער רעליגיע און דעם דורותדיקן לעבנס־שטייגער — אין סך־הכּל: די גאַנצע טראַומאַטישע אויפֿטרייסלונג פֿון איבערפֿלאַנצן זיך.

די שאַרפֿע עקן פֿון איבערבראָך האָט די יונגע ליטעראַטור און פּרע־סע באַדאַרפֿט פֿאַרגלעטן, אין דעם נײַעם מדבר פֿון אונטערדריקונג און אָפּפֿרעמדונג האָט זי באַדאַרפֿט העלפֿן שלאָגן וואָרצלען, צעשטרײַען דעם נעפּל פֿון פֿאַרלוירנקייט, העלפֿן אַנטוויקלען די שווערע, אָבער היסטאָריש אומפֿאַרמײַדלעכע, טאָפּלטע פּראָצעסן: אי ווערן אַ טייל פֿון אַמעריקע און אי אײַנהיטן דאָס אייגענע פּנים; אי שאַפֿן אַן אייגנאַרטיקע ייִדישע קולטור און אי ניט פֿאַרלירן די פֿעדעם מיט דער ייִדישער קולטור אי־בער דער וועלט; אי וועלן „אַהיים פֿאָרן קיין וולעדניק״ און אי וויסן, אַז מ׳עט שוין דאָ מוזן בלײַבן.

די ליטעראַטור האָט אַ ספּעציעלע מיסיע באַדאַרפֿט דורכפֿירן: אַרויס־הייבן אַ פֿאַרלוירענעם אימיגראַנט פֿון נעפּל פֿון צעטומלטקייט און אים געבן אַ געפֿיל פֿון אייגנווערטיקייט און אַליין־דערקענטעניש.

זי האָט, דעריבער, געמוזט זײַן דידאַקטיש, באַלערנדיק, און זי איז עס געוואָרן — פֿון נאַטור־וויסנשאַפֿט ביז פּאָליטישער עקאָנאָמיע.

אָבער דאָס איז ניט געווען גענוג: זי האָט געמוזט זײַן רחמימדיק, און זי איז עס געוואָרן — אַ „טרערן־מיליאָנער״־ליטעראַטור — און געבן אַ געפיל פון ווערט („זיי שטאָלץ אויף דײַן אַרבעט״, „שטאָלצער פון אַ גאָט דורך זעלבסט־באַוווּסטזײַן״). און זיי, די לייענערס, האָבן געגלייבט די שרייבערס: געגלייבט באַוושאָווערן, אַז אָט־אָט קומט די „רעוואָלוציאָן״ „ווי אַ קאָמעט״ און געגלייבט עדעלשטאָטן, אַז „צום פאָלק״ וועט ער „פון קבֿר זינגען...״

די ליטעראַטור האָט צעשטרײַעט דאָס געוועב פון גרינקייט און דעם טרויער פון אונטערדריקונג. ניט די העברעיִשע ליטעראַטור, ניט די קנאַפּע אַנגלאָ־יידישע (די אימיגראַנטן האָבן ניט געהערט וועגן עמאַ לאַ־זאַרוס), און ניט די רעליגיעזע — האָבן דאָס דעמאָלט באַוויזן. די רע־ליגיע האָט זיך צוגעפּאַסט, אָבער ניט געהאָלפן דעם אימיגראַנט זיך צו־פּאַסן צו די נײַע תּנאים.

אין לעאָן קאָברינס ווערטער: זיי האָבן באַדאַרפט שאַפן אַ „יש מאין״ — אַן פאָרגייערס און וועגווײַזערס, אַן טראַדיציע. מענדעלע, שלום־עליכם, י. ל. פּרץ האָבן געהאַט עטינגערן און אַקסענפעלדן הינטער זיך. וועמען האָט עדעלשטאַט געהאַט? אפשר דעם זיידן ווינטשעווסקי, אָבער אַפילו מיט אים איז ער ניט געווען באַקאַנט אין דער טיף.

ג) עס איז געווען נאַטירלעך, אַז די יידישע ליטעראַטור און פּרעסע אין אַמעריקע זאָלן ניט זײַן קיין מאָנאָליטישע, פון איין שטיק געגאָסן, אַז דער קולטור־פלוס פאָרויס זאָל ריזלען אין צוויי שטראָמען — אַ קאָנ־סערוואַטיוו־קליין־בירגערלעכער און אַ פאָרגעשריטן־אַרבעטורערישער. די איינציקע טרעגערס פון פּראָגרעס זײַנען דעמאָלט געווען דער יונגער יידישער אַרבעטער־קלאַס און די מיט אים פאַרבונדענע אינטעליגענץ.

די גאַנצע יידישע ליטעראַטור, אין אַלגעמיינע שטריכן, איז אַ סאָ־ציאַלע, מיט קליינע אויסנעמען. דער ספּעציפישער און היסטאָרישער צו־טראָג פון דער אַמעריקאַנער יידישער ליטעראַטור איז געווען, וואָס דאָ איז געבוירן געוואָרן — און דאָס איז געווען נײַ און אַן פּרעצעדענט — אַ סאָ־ציאַליסטישע יידישע ליטעראַטור, ניט בלויז אַן אַרבעטער־ליטעראַטור, נאָר בפירוש אַ סאָציאַליסטישע.

לאָמיר געדענקען (און דאָס ווײַזן אַן ערנצטע פאָרשערס פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, ווי קלמן מרמר, נ. ב. מינקאָוו, ב. ריווקין, ש. ניגער און אַנדערע), אַז די צוויי שטראָמען האָבן זיך אָנגע־הויבן כמעט איינצײַטיק. אין 1870 זײַנען דערשינען די ערשטע יידישע צײַטונגען אין אַמעריקע — די „יידישע צײַטונג״ אין מערץ, און „די פּאָסט״ אין יולי. אָבער שוין אין 1886 איז דערשינען די ערשטע יידישע סאָ־ציאַליסטישע צײַטונג, „די צײַט״, רעדאַקטירט פון דר. טשאַרלס רײַעווסקי און אב. קאַהאַן.

הייסט עס, אַז פֿון די צוויי שטראָמען פֿון דער ייִדישער קולטור־שאַפֿונג אין אַמעריקע איז דער פּראָלעטאַרישער, פּראָגרעסיוו, פֿאָלקיש־דעמאָקראַטישער שטראָם איבער 80 יאָר אַלט.

די באַלעבאַטישע פּרעסע איז געשאַפֿן געוואָרן צוליב געשעפֿט, די אַרבעטער־פּרעסע — כּדי צו „בילדן דאָס פֿאָלק״ און פֿאַרשענערן זײַן לעבן. „דען מיר האַלטן״ — האָט געזאָגט „די צוקונפֿט״ אין איר פּראָגראַם־אַרטיקל (יאַנואַר, 1892) — „אַז די קונסט בילדעט און איידלט אויס דעם מענטשן, און מיר ווילן אויך פֿאַראייניקן, ווי מען זאָגט, אַנגענעמעס מיט ניצלעכס״.

און ווינטשעווסקי צילט אין „האמת״ שאַפֿן אַ „וועכנטלעכעס פֿאַמיליען־בלאַט פֿאַר ליטעראַטור און אויפֿקלערונג״.

און כאָטש די אַרבעטער־פּרעסע האָט זיך טעאָרעטיש בפֿירוש ניט געשטעלט קיין באַוווסטזיניקן ציל צו אַנטוויקלען די ייִדישע קולטור, אָדער פֿאַרהיטן דאָס ייִדישע לשון — האָט זי אָבער פּראַקטיש, אין איר ציל צו „בילדן״ — אָוועקגעלייגט דעם באָדן פֿאַר דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. אַדאַנק איר איז געשאַפֿן געוואָרן אַ ליטעראַטור פֿון דויערנדיקער וויטאַליטעט און הויכער קוואַליטעט.

עס איז ווערט צו זען, ווער עס האָט זיך אויפֿגעכאָוועט אין דער קליין־און מיטל־בירגערלעכער פּרעסע פֿון דער צײַט און ווער אין דער אַרבעטער־פּרעסע. די טאָנשטעלער אין דער בירגערלעכער פּרעסע זײַנען געווען: יאָהאַן פּאַלעי, געצל זעליקאָוויטש, א. טענענבוים און אַנדערע. זייער ווייניק טאַלאַנטפֿולע שרײַבערס האָבן מיטגעאַרבעט אין דער באַלעבאַטישער פּרעסע אין יענע יאָרן (מיטן אויסנעם, מעגלעך, פֿון י. זעווין — תּשר״ק — און צו מאָל מאָריס ראָזנפֿעלד). אין דער אַרבעטער־פּרעסע, דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער און אַנאַרכיסטישער, האָבן זיך דערצויגן, צו דערמאָנען בלויז אַ צאָל: פֿיליפּ קראַנץ, מ. זאַמעטקין, א. ש. זאַקס, אַב. קאַהאַן, יעקבֿ מילך, י. א. מעריסאָן, מ. לעאָנטיעוו, ש. יאַנאָווסקי (פֿאַר אַ צײַט אַפֿילו ל. בודיאַנאָוו און מאַקס בעער). און אין דער שיינער ליטעראַטור געפֿינען מיר די נעמען: יעקבֿ גאָרדין, ב. גאָרין, ז. ליבין, לעאָן קאָברין, מאָריס ווינטשעווסקי, דוד עדעלשטאַט, מאָריס ראָזענפֿעלד, יוסף באָוושאָווער און אַ צאָל אַנדערע.

מען דאַרף אויך אַרײַננעמען אין חשבון דעם פֿאַקט, אַז מענדעלעס „קליאַטשע״ האָט זיך שוין געדרוקט אין דער אַמעריקאַנער „אַרבעטער־צײַטונג״, אַז פּרצעס דערציילונגען זײַנען אָפֿט דערשינען אין די אַרבעטער־אָרגאַנען אין אַמעריקע אין די 90ער יאָרן (טייל פֿון זיי אַפֿילו איידער זיי זײַנען, צוליב צענזור־שוועריקייטן, געדרוקט געוואָרן אין רוסלאַנד,

ווי „וועבער־ליבע" און אַנדערע).* עס איז אויך כּדאַי צו דערמאָנען, אַז זאַלאַס „זשערמינאַל", פֿלאָבערס „סאַלאַמבאָ" און אַ גרויסע צאָל אַנדערע ווערק פֿון הויכער ליטעראַרישער ווערט זײַנען דערשינען אין דער אַרבעטער־פּרעסע, שוין אָפּגערעדט פֿון אויפֿקלערערישע ווערק פֿון מאַרקס, ענגעלס, לאַסאַל, פּרודאָן, קאַוטסקי, פּלעכאַנאָוו און אַנדערע. אין דער זעל־

---

* מיר ברענגען דאָ אַ רשימה פֿון פּרצעס ווערק, וואָס זײַנען געדרוקט געוועזן אין דער אַמעריקאַנער „אַרבעטער צײַטונג" במשך די יאָרן 1893־1895, אונטערן פּסעוודאָנים „פּלאי". מיר נעמען די רשימה פֿון א. ראָזענצווײַגס בוך „דער ראַדיקאַלער פּעריאָד אין פּרצעס שאַפֿן" (כאַרקאָוו־קיִעוו, 1934). צו דער רשימה קומט צו אַ באַמערקונג פֿון מחבר: „די דאָזיקע רשימה האָט אונדז איבערגעגעבן חבֿר ק. מרמר, „פּאַר" 1893:

1) קליינע מעשׂות פֿאַר גרויסע קינדער (אין אַ צאָל נומערן); 2) תּפֿילה (ליד) — 3טן מערץ; 3) דאָס גליק אין קעלער שטוב („אין קעלער שטוב") — 10טן מערץ; 4) כּל נדרי (ליד) — 24טן מערץ; 5) ער און איך (ליד) — 21טן מערץ; 6) דער געטער־געשמאַק (ליד) — 21טן אַפּריל; 7) דאָס וויגליד — 28טן אַפּריל; 8) צום פֿעטער עשׂיו (ליד) — 5טן מאַי; 9) אַ ייִדענע („כּעס פֿון אַ ייִדענע") — 19טן מאַי; 10) דאָס שטרײַמל — 26טן מאַי; 11) דער שׂטן אַלס סופֿליאָר (ליד) — 29טן יוני; 12) ייִדישע עשירות — 16טן יוני; 13) איך קען ניש טמבן (ספּעציעל פֿאַר דער „א. צ.") — 8טן אָקטאָבער; 14) טריפֿענע מענטשן — 15 אָקטאָבער.

אין „צוקונפֿט" האָט פּרץ געדרוקט די זאַכן אונטערן פּסעוודאָנים „פּלאי":

גאָטס חסד — מערץ 1893; השגחה פּרטית — מערץ 1893; ער און איך — מערץ 1893.

1894:

1) יאָסל ישיבֿה בחורס סוף (אין 5 נומערן „אַרבעטער צײַטונג", יאַנואַר 5, 12, 19, 26, און פֿעברואַר 2, איין קאַפּיטל אונטערן נאָמען „דאָס שטעטל שרעקט זיך").
2) חוזק, אַ שמועס — 23טן פֿעברואַר.
3) באָנטשע שווײַג (אין 2 נומערן, מערץ 9 און 16).
4) ווער גייט (אין 2 נומערן 'מערץ' און דעם 6טן אַפּריל).
5) די אַנטוויקלונג פֿון מאַראַל (נאָך לעטאַרנאָ), „אַרבעט. צײַטונג", אַפּריל־מאַי.
6) נעילה (נאָוועלע), 5טן אָקטאָבער.
7) אויסגעשטאָרבן (הומאָרעסקע), 14 סטראָפֿעס — 28טן דעצעמבער.

1895:

1) די מלחמה — 20טן יאַנואַר.
2) מלכותא דרקיע כּמלכותא דארעא — 27טן יאַנואַר.
3) סיוווכאַ? — וואַיאַש! — 27טן יאַנואַר.
4) דער פֿעטער שאַכנע און די מומע יאַכנע — 29טן מערץ.
5) גייטאַרין — 12טן אַפּריל.
6) משיח — 12 אַפּריל.
7) די צײַט — 19טן אַפּריל.
8) איינס דאָס אַנדערע געגנאַרט — 19טן אַפּריל.
9) אויס די נבֿיאים: גאָט פֿרעגט — 26טן אַפּריל.
10) הימלישע קלייניקייטן — 10 מאַי.

בער צײַט האָט די באַלעבאַטישע פּרעסע אין אַמעריקע געדרוקט און גע־האָלפֿן אַנטוויקלען דעם שונד־ראָמאַן. אַלעקסאַנדער האַרקאַווי גיט אָן, אַז אַרום 65 ראָמאַנען פֿון דעם מין זײַנען דערשינען אין אַמעריקע אין לעצטן פֿערטל פֿון 19טן י״ה. צווישן די ראָמאַניסטן זײַנען געווען: יאָהאַן פּאַליי, ד. ה. הערמאַלין, א. טאַנענבוים, מ. זייפֿערט, אונדזער אַלטער באַקאַנטער שמ״ר, און אַ גרויסע צאָל אַנדערע. די אַלע זײַנען געווען מעלאָדראַמאַטיש, סענסאַציאָנעל, מגושמדיק, ס׳רובֿ דעריוואַטיווע, שלעכט איבערגעשריבענע, אַלע מיט דער זעלבער פֿאַבולע. די פּערסאָנאַזשן זייערע: מערדערס, פֿאַר־פֿירערס, ליבהאָבערס א. א. (בלויז עטלעכע טיטלען פֿאַר טשיקאַוועס וועגן: „גיפֿטמישערין״, „פֿרויענהענדלער״, „ביטערע נקבֿה״, „שיינע טירקין״, „נקמה פֿון אַ טאָכטער״, „גראַף פֿון פּאַריז״, „צווישן ליבע און מיליאָ־נען).** אָפּשאַצנדיק די יִדישע גאַזעטן, פֿון וועלכער עס איז שפּעטער געוואָרן דאָס „יִדישע טאַגעבלאַט״, זאָגט יעקבֿ מילך, אַז די צײַטונג איז געווען „אַ בלאַט פֿון רבנות, בטלנות, אויסגעמישט מיטן אַמעריקאַנער געלט־מאַכערײַ אינסטינקט״, און א. ש. זאַקס גיט צו, „אַז זי האָט באַקעמפֿט און באַשמוצט די אַרבעטער־פֿירער און בכלל ראַדיקאַלן״.

אָט די צוויי שטראָמען אין דער יִדישער קולטור אין אַמעריקע האָבן כּסדר אַנגעהאַלטן, האַלטן נאָך אָן — אין אַ געביטענער פֿאָרם — עד היום. ביידע זײַנען אין תּוך געווען אויסדרוקן פֿון יִדישן לעבן, וואָס האָט זיך דאָ אויסגעשטאַלט און ביידע האָבן, אין אַ באַשטימטן גראַד, געהאַט זייערע וואָרצלען אין די סאַמע אונטערשטע טיילן פֿון פֿאָלקס לעבן. אָבער ראַפֿינירט די יִדישע ליטעראַטור אין אַמעריקע, איר געגעבן אַ טאָן פֿון אחריות און אַ נײַע קוואַליטעט (אין יענע יונגע בראשית־יאָרן) האָט איר אַרבעטער־ אָדער סאָציאַליסטישער סעקטאָר. בײַ אים איז געווען דער באַוווסטזײַן פֿאַר דערציִונג, אידעאַליזם און קרבנות־גרייטקייט, וואָס זיי האָבן דאַמאָלט גערופֿן „אָפּפֿערווילּיקייט״.

נ. ב. מינקאָוו ווײַזט אָן, און איז אינגאַנצן גערעכט, אַז בײַ זיי — דער עיקר בײַ עדעלשטאַטן — איז צו ערשט געבוירן געוואָרן דער קרבן־סימבאָל, און דער סימבאָל פֿון מאַרטירער. אינטערעסאַנט, ווי דאָס רופֿט זיך איבער מיט דער רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיק און מיסטיק, וואָס מיר טרעפֿן בײַ אַ סך יוגנטלעכע אין די 1960־ער יאָרן.

די עיקר־שטריכן פֿון דער יִדישער אַרבעטער־ליטעראַטור זײַנען גע־ווען: דער גרויסער הומאַניזם וואָס האָט אַרומגענומען די גאַנצע וועלט, דאָס שטרעבן צו אַ מין קאָסמישער דערלייזונג (באַוואוסטע „ריין מאַכן די לופֿט און דעם עטער״) און די דערהויבענע עטישקייט — דער קאַמף פֿאַר אַ הויכער נײַער מאָראַל, דאָס ווערן אַ מליץ־יושר פֿאַר די אונטער־דריקטע. דאָס זײַנען פֿעדעם אין פּסיכישן און אידעיִשן געוועב פֿון אַ

** לויט אליהו שולמאַנס „געשיכטע פֿון דער יִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע״, נ. י., 1943.

פאלק, וואס מען דארף שאצן. מען טאר נים לאזן, אז די פרימיטיוויקייט פון דער צײַט זאל זיי אפפרעמדן און דערווײַטערן פון אונדז. אין א ראַפינירטער פארם האבן זיי שפעטער — אין אידיאם פון א נײַער צײַט — געפונען זייער אפקלאנג און המשך בײַ לייוויקן אדער בײַ מארקישן. אין לעצטן סך־הכל, האבן אי עדעלשטאט, דער סענטימענטאלער פײַנפילנדיקער, כמעט אסקעטישער יונגלינג, און אי דער הויך־ראפינירטער ה. לייוויק ביידע זיך געצויגן צו גאולה. אין לעצטן סך־הכל, האבן דער רעטארישער, ברויזנדיקער, אפט מליצהדיקער, אבער שטורמישער כולו־פאעט — יוסף באוושאווער, און דער ברייט אטעמדיקער איבערשפּעדיקער, וויזיאנערישער פּרץ מארקיש זיך ביידע געוואלט אויסטאן פון די פּענטעס, וואס פאראומגליקלעכן דעם מענטש און אויפרײַסן, אויב נייטיק, די קאסמישע הויט פון דער וועלט, כדי צו דערהייבן דעם מענטש.

דער שטח איז בלויז אין צײַט און אין רוים און אין געביטענע געזעלשאפטלעכע תנאים. דער נאציאנאלער און מענטשלעכער פאדעם, דער חלום פון דערלייזונג איז דער זעלבער. און איך בין גרייט צו זאגן, אז אן עדעלשטאטן און באוושאווערן וואלטן לייוויק און מארקיש נים מיגלעך געווען.

דער עיקר איז געווען די שיינע ליטעראטור. אן איר וואלט די פרעסע געווען א הוילע און איר אײַנפלוס א מאגערער. קארל מארקס האט געזאגט, רעדנדיק וועגן די ענגלישע רעאליסטישע נאוועליסטן אין 19טן יארהונדערט — דיקענס, טעקערײַ, שארלאט בראנטע, מרס. קעסקל: ...„זיי האבן ארויסאנטפלעקט מער פאליטישע און סאציאלע אמתן ווי אלע פאליטיקער, פובליציסטן און מאראליסטן צוזאמען גענומען...".

אט די מאס דארפן מיר אנווענדן צו דער ייִדישער ליטעראטור. נים די פובליציסטיק, נאר די שיינע ליטעראטור אנטפלעקט פאר אונדז די עפאכע 1880—1910, מיט אלע אירע פארלוירנקייטן, אליינקייטן, צעטומלעניש און דער טראגישער טראומא פון צופאסן זיך.

ב.

איידער מיר נעמען אן די פארגייערס ווי דעם ווארצל פון וואנען עס ציט זיך אונדזער המשך, איז נייטיק צו פארענטפערן איין קערנדיקע פראגע: איז די ליטעראטור זייערע געווען באמת א נאציאנאל־ייִדישע ליטעראטור, אדער האט דער סאציאליסטיש־פראלעטארישער תוך איר פארשטעלט דעם וועג צום פאלק? האט זי באמת געשאפן א סינטעז פון דעם סאציאלן און נאציאנאלן, אדער האט זי געמוזט ווערן נאציאנאליסטיש, כמעט ציוניסטיש, כדי צו ווערן ייִדיש־נאציאנאל (ווי עס איז טייל־ווײַז געווען דער פאל מיט מאריס ראזנפעלד)? צי איז בכלל מעגלעך געווען, אז אין דער אטמאספערע פון סאציאליסטישע און אנארכיסטישע פראפאגאנדיסטן, מיט אן אפט אויסגעשפראכענער נייגונג צו אסימילאציע און קאסמאפאליטיזם, זאל זיך אנטוויקלען א נאציאנאל־ייִדישע ליטעראַ־

טור? עס איז אַ פֿאַקט, אַז אין די ערשטע יאָרן פֿון דער „צוקונפֿט" ווערט בסדר אונטערגעשטראָכן, אַז די גרינדער האָבן ניט געוואָלט שאַפֿן „קיין ייִדישן זשורנאַל", נאָר „אַ זשורנאַל פֿון אַלגעמיינער בילדונג פֿאַר ייִדן".

די פֿראַגע איז ניט קיין נײַע. אַרום איר גייט שוין פֿון לאַנג אָן אַ פּלוגתּא אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

ב. ריווקין, למשל, האַלט, אַז די אַמעריקאַנער ייִדישע ליטעראַטור איז געבוירן געוואָרן מיט אַ „גרונטפֿעלער". „די ייִדישע פּאָעזיע", זאָגט ער, „איז געבוירן אָן לופֿט — אָן ייִדישער לופֿט צו אָטעמען, און אָן אַ באָדן — אָן וואָרצלען אין ייִדישן געמיט". דאָס, האַלט ער, איז געווע „דער געבורטספֿעלער פֿון דער גאַנצער ייִדישער פּיאָנערן־ליטעראַטור אין אַמעריקע... דער ייִדישער גרונט האָט לכתּחילה געפֿעלט דער פּיאָנע־רישער ליטעראַטור, ווען זי האָט זיך דאָ איינגעשטעלט...". די שרײַ־בער, זאָגט ער, האָבן געקענט מאַכן „אַ גוואַלדיקן שפּרינג פֿון סאָציאַליזם צו 'מענטש', דער צווייטער נייטיקער שפּרייז פֿון 'מענטש' צו 'ייִד' האָט זיך בײַ זיי פֿאַרהאַלטן" (ב. ריווקין, „גרונט־טענדענצן פֿון דער ייִדי־שער ליטעראַטור אין אַמעריקע", ז. ז. 61, 102, 103).

פֿון דער אַנדער זײַט האַלט ש. ניגער (אין זײַן אַרבעט „די סאָציאַ־ליסטישע אויפֿקלערונג־ליטעראַטור"), אַז „קאָסמאָפּאָליטיש ווי די גענאָסן זײַנען ניט געווען, זײַנען זיי דאָך ניט געווען גלײַכגילטיק צו דער גע־שיכטע און צו דער ליטעראַטור פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק... זייערע טעאָ־ריעס זײַנען געווען קאָסמאָפּאָליטיש, אָבער זייער פּראַקטיק — זי איז געווען ייִדיש־נאַציאָנאַל".

מיר שטימען אײַן מיט ש. ניגער. אמת, אַ סך פֿון די סאָציאַ־ליסטישע וואָרטזאָגערס זײַנען באַשטימט געווען גענייגט צו אַסימילאַציע; אמת, אַז זיי האָבן געשטעלט קלאַס איבער פֿאָלק; אמת, אַז זיי האָבן געפֿירט אַן אויפֿקלערונג־אַרבעט וואָס האָט אויך — און היסטאָריש מסתּמא פֿאַרשטענדלעך — אײַנגעשלאָסן אַ פֿאַרשאַרפֿטע אַנטי־רעליגיעזע פּראָ־פּאַגאַנדע, וואָס אין יענע פֿריִע יאָרן האָט מען זי אָפֿט אידענטיפֿיצירט מיט אַנטי־נאַציאָנאַל; אמת, אַז טייל פֿון זיי האָבן פּרימיטיוו און וווּלגאַר אויפֿגעפֿאַסט דעם באַגריף פֿון אַמעריקאַניזם. [אַ קלאַסישער בײַשפּיל איז אַב. קאַהאַן, אין „פֿאָרווערטס" פֿון 9טן מאַי, 1897, דערקלערט ער: „אונ־דזערע צײַטונגען זײַנען זשאַרגאָניש, אָבער איינער פֿון אונדזערע צילן איז צו העלפֿן די לעזערס זיך אַמעריקאַניזירן אינעם בעסטן זין פֿון וואָרט, צו ברענגען זיי צו אַזאַ באַקאַנטשאַפֿט מיט דער שפּראַך פֿון זייער נײַער היים, קורץ — צו ברענגען זיי צו אַזאַ צושטאַנד, אַז זיי זאָלן אין זשאַר־גאָנישע בלעטער זיך מער ניט נייטיקן..." „צוליב דעם" — גיט ער צו, וויל ער דאָ — „באַשפּרעכן ביכער און שרײַבער פֿון דער ענגלישער און אַמעריקאַנער ליטעראַטור".]; אמת, אַז אַ סך פֿון די שרײַבער, אָנגעהויכט פֿון דער רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיק, האָבן געהאַלטן, אַז אָט־אָט קומט די סאָציאַלע איבערקערעניש, ווען עס וועלן במילא מער ניט זײַן קיין

באַזונדערע „נאַציאָנען״; עס איז אויך אמת, אַז מיינסטע פֿון די וואָס האָבן אָװעקגעלייגט דעם פֿונדאַמענט פֿאַר דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע זײַנען געװען װײניק באַקאַנט מיט דער ייִדישער ליטעראַטור אין אייראָפּע. (קאָברין האָט ניט געקענט פּרצן, אָדער מענדעלען. עדעלשטאַטן איז געװען בלויז באַקאַנט װינטשעװסקי. גאָרדין איז געװען אַ רוסישער שרײַבער און אַן אַסימילירטער ייִד, װען ער איז געקומען אַהער. טייל פֿון זיי, דערצויגן אין רוסיש, האָבן אַפֿילו געקוקט פֿון אויבן אַראָפּ אויף ייִדיש) —

אָבער ניט קוקנדיק אויף די אַלע אייבערשטע אמתן, בלײַבט דער היסטאָרישער פֿאַקט, אַז דער סך־הכּל פֿון דעם ליטעראַרישן באַשאַף אין לעצטן פֿערטל פֿון 19טן יאָרהונדערט איז פֿון גרויס נאַציאָנאַל־ייִדישן באַטײַט. די אַסימילאַציע האָט זיך אין דער פּראָזע און אין דער פּאָעזיע בפֿירוש ניט אַרײַנגעגאָסן. ב. ריװקין איז דורכויס ניט גערעכט. דער אַלגעמיינער באַשאַף פֿון דער צײַט האָט אַ גרויסע נאַציאָנאַלע װערט. און עס איז ניט גענוג דאָס צוצושרײַבן בלויז צום פֿאַקט, װאָס זיי האָבן געשאַפֿן אין ייִדיש. (מען קאָן אין ייִדיש אויך פֿאַרשפּרייטן אַסימילאַטאָרישע אידעעס, אַפֿילו אין העברעיִש, װי דניאל פּערסקי האָט באַשולדיקט די פֿריִע העברעיִשע שרײַבערס אין אַמעריקע).

די יונגע ייִדישע ליטעראַטור אין אַמעריקע האָט, צוליב איר סאַמע נאָענטקייט מיטן לייענער, מחמת איר סאַמע פֿאַרלאַנג — באַדערפֿעניש! — אים צו דערהייבן און דערציִען, ניט געקאָנט זײַן אַסימילאַטאָריש. זי האָט זיך אַזוי טיף אײַנגעװאָרצלט אין לעבן פֿון דעם מאַסעמענטש פֿאַר װעמען זי האָט געשריבן, זיך אַזוי אוממיטלבאַר אידענטיפֿיצירט מיט אים, אַזוי פֿיל געצויגן איר יניקה פֿון אים, אַזוי פֿיל מיטגעאָטעמט מיט אים — אַז זי האָט אַזוי געקענט פֿאַרלייקענען זײַן ייִדישקייט, אָדער אים װעלן אויסטאָן פֿון איר, װי גאָרקי האָט געקאָנט פֿאַרלייקענען די רוסישקייט פֿון זײַנע מענטשן. דאָס איז אמת װעגן יעדן איינעם פֿון די פּראָזע־שרײַבערס און פֿון די פּאָעטן, אַפֿילו פֿון דעם ייִנגלינג װעמעס טאַטע איז געװען אַ גאָראָדאָװאָי אין קאַלוגע, װעלכער האָט זיך דערצויגן אויף נאַדסאָנען און אָפּט געמאַכט אַ טעות אין שרײַבן צווישן אַ „ג״ און אַ „ז״ — דוד עדעלשטאַט.

דאָס פּראָגראַם־אַרטיקל אין ערשטן נומער פֿון דער „װאַרהייט״ (פֿעברואַר 25, 1869) הייבט זיך אָן מיט די װערטער: „דער אַרבעטער איז אומעטום פֿאַרשקלאַפֿט. די ייִדן װערן פֿאַרפֿאָלגט און געמאָרדעט״. דוד עדעלשטאַט װייסט, אַז „מיר טראָגן אַ דרײַפֿאַכע קייט — װי ייִדן, װי שקלאַפֿן, װי דענקער״, און מאָריס װינטשעװסקי בעט זיך: „אָ, גלויב זיי ניט, אַלטינקע כּנסת ישׂראל, אַז איך בין אָפּטריניק געװאָרן פֿון דיר״ (צוליב זײַן סאָציאַליזם, הייסט עס). גאָרדין און גאָרין באַקלאָגן די בענקעניש נאָך אַ היימישן סדר, ליבין באַװיינט די דאָליע פֿון היימלאָזן אַר־

בעטער וואָס דאַרף „זיצן שבֿעה אויפֿן רוף״ (דאַך). און ווינטשעווסקי דער־קלערט: „די נאַציעס זײַנען איינעם אינטערנאַציאָנאַל וואָס די פֿינגער זײַנען אין דער האַנט״.

איך וויל מאַכן אַ ווײַטגייענדיקן פֿאַרגלײַך: אַקוראַט ווי עס איז ניט געלונגען טייל ראַפּפּישע קריטיקער אין די 30ער יאָרן צו אַנטנאַציאָנאַ־ליזירן די סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראַטור, אַקוראַט אַזוי איז ניט געלונגען די קאָסמאָפּאָליטן און אַסימילאַטאָרן צו אַנטנאַציאָנאַליזירן די ייִדישע ליטע־ראַטור אין אַמעריקע אין די יאָרן 1890־1910. די שפּעטערישע ליטעראַטור האָט זיך ניט געלאָזט. געוווּנען האָט דער סאָציאַל־נאַציאָנאַלער סינטעז.

דער סך־הכּל: צוזאַמען מיט זייער אויפֿקלערונג האָבן זיי געפּרוּווט ציִען די פֿעדעם פֿון טראַדיציע, אָפּהיטן גײַסטיקע באַגאַזשן מיטגעבראַכט פֿון דער אַלטער היים. זיי האָבן סינטעזירט טראַדיציע מיט די אַרבעטער־קאַמפֿן פֿון דער צײַט. ניט בלויז אין פֿורעם — ווי ווינטשעווסקי פּרווט דערקלערן מאַרקסן אין נוסח פֿון „שנים אוחזין בטלית״ — נאָר אין אינ־האַלט, אין תּוך. זיי האָבן געשילדערט, באַזונגען און באַווײנט די ייִדישע מענטשן און זיי כּסדר געזען, געשמידט אין דער טאָפּלטער קייט — ווי ייִדן, ווי שקלאַפֿן...

אין טומאַן פֿון אונטערדריקונג און אָפּפֿרעמדונג און טראַגיק האָבן זיי געוועקט דערקענטעניש — סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע, געשאַפֿן אַ רע־וואָלוציאָנערן פּאַטאָס וואָס האָט געהאַט אין זיך אַלע סימנים פֿון נבֿיאישן ברויז.

וועלט און ייִד איז בײַ זיי געגאַנגען צוזאַמען. זיי האָבן באַזונגען דעם קוילנגרעבער און מיטגעליטן מיט אים, אָבער היימישער זײַנען זיי געווען בײַם שילדערן דעם „בלייכן אָפּרייטער״ און דעם העמדלמאַכער. עדעל־שטאַט האָט באַזונגען די שיקאַגאָ־מאַרטירער, — און גלײַכצײַטיק דעם מאַן, וואָס האָט „מיט זײַן חכמה און מיט זײַן שווערד״ באַפֿרײַט די ייִדן פֿון דעם „לאַנד פֿון פּיראַמידן״, און ליעסין האָט באַזונגען דעם דורותדיקן הערואיזם פֿון זײַן פֿאָלק און די נײַע רעוואָלוציאָנערע העלדן. עס האָט זיי באַוועגט גרונטלאָזע ליבשאַפֿט פֿאַר דעם אַמעריקאַנער ייִדישן מאַסע־מענטש און אַ טיפֿער דרך־ארץ פֿאַר זײַן גײַסטיקער פּאַטענץ. די סאָ־ציאַליסטישע פּריידיקערס, די פּאָפּולאַריזאַטאָרן זײַנען אָפֿט געווען אַסי־מילאַטאָריש, אויבנאויפֿיק און פּראָפּאַגאַנדיש, אָבער ניט די קינסטלער. זיי זײַנען צו מאָל געווען פּרימיטיוו, רוי, אָבער ניט אומדרך־ארצדיק צום פֿאָלק.

פֿאַראַן לאָגיק אין היסטאָרישער אַנטוויקלונג. אַלץ וואָס איז געקומען שפּעטער וואָלט ניט מעגלעך געווען, אויב די גרונטלייגערס פֿון דער ייִדי־שער ליטעראַטור אין אַמעריקע — די אַרבעטער־שרײַבער — וואָלטן גע־ווען פֿאָלק־לייקנדיק, נאַציאָנאַל נעגירנדיק.

ג.

אָבער: וואָס איז געוועזן ווײַטער? האָט די ליטעראַטור וואָס איז געקומען שפּעטער, ספּעציעל די ליטעראַטור פון די „יונגע", ניט איבערגעריסן איינעם פון די פּעדעם פון דעם סאָציאַל־נאַציאָנאַלן געוועב — דעם סאָציאַלן פּאָדעם? האָבן די „יונגע" ניט אָנטגעזעלשאַפטלעכט די ליטעראַטור און זי אַוועקגעפירט אויף יחידישע וועגן און אומוועגן?

עס לוינט זיך טיילוויַיז, בפירוש ניט פּרטימדיק, אַרומרעדן די פּראַגעס. די ענדערונגען אין צוזאַמענשטעל פון דער באַפעלקערונג, דאָס געבורט פון אַ ייִדישער אינטעליגענץ — אי אַ פּראָלעטאַרישע און אי אַ קליינבירגערלעכע, דער אײַנפלוס פון דער קלאַסישער ייִדישער ליטעראַטור אין אייראָפּע, דער קאָנטאַקט מיט אייראָפּייִשע ליטעראַטורן און טיילוויַיז מיט דער אַמעריקאַנער — די און אַ צאָל אַנדערע פאַקטאָרן האָבן געשאַפן די סאָציאַל־קולטורעלע נויט פאַר אַ ליטעראַטור, וואָס זאָל זײַן מער אינדיווידואַליזירט, מער סענסיטיוו צום יחיד און פון ריַיפערער קוואַליטעט, ווי עס איז געוועזן די ביז דעמאָלטיקע ליטעראַטור.

געוועזן אַ טענדענץ צו פאַרזען דעם סאָציאַלן באַטייט פון דער ליטעראַטור, וואָס די „יונגע" האָבן געשאַפן אין אַמעריקע, ניט דערשאַצן איר געזעלשאַפטלעכן מהות. די אָנגענומענע גענעראַליזאַציע איז געוועזן, אַז די „יונגע" האָבן אָנטגעזעלשאַפטלעכט די אַמעריקאַנער ייִדישע ליטעראַטור, זי אויסגעליידיקט פון איר סאָציאַלן אינהאַלט פון פריִער. טיילוויַיז זײַנען אין דעם געוועזן שולדיק די „יונגע" אַליין — אייגנטלעך, מער זייערע דעקלאַראַציעס ווי זייערע שאַפונגען. אַזוי שפּעט ווי אין 1954, האָט יוסף אָפּאַטאָשו פאַרסך־הכלט דעם תּמצית פון דער ליטעראַטור אין דעם פּאָסט־קלאַסישן פּעריאָד אין אַמעריקע מיט די ווערטער: „די ייִדישע ליטעראַטור האָט אויפגעהערט צו זײַן אַ מיטל פון בילדונג. זי איז געוואָרן אַ ווערט פאַר זיך אַליין, און איר מאָס איז געוואָרן די קינסטלערישע מאָס. די טעמע פאַר זיך אַליין האָט מער די הויפּט־ראָלע ניט געשפּילט" („ייִוואָ־בלעטער", באַנד 38, 1954).

איך בין זיך מודה, אַז מיט צען יאָר צוריק, אין אַן אַרבעט אין צוויטן איקוף־אַלמאַנאַך, האָב איך געבראַכט אָפּאַטאָשוס ציטאַטע, זיך געשטיצט אויף איר (מיט באַשטימטע רעזערוואַציעס!), אָנשטאָט זי שאַרף אָפּפרעגן.

צו זײַן יושרדיק צו זיך אַליין, וויל איך ציטירן פון מײַן דעמאָלטיקער אַרבעט, כּדי צו באַוויַיזן, אַז שוין אין 1960 (און אין אַ צאָל אַרבעטן פריִער און שפּעטער) האָבן מיר געפּרוּווט אָפּפרעגן די טענדענץ אויפצופאַסן די „יונגע" ווי די „אָנטגעזעלשאַפטלעכער" פון דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס איז בדרך כּלל, געוועזן אָנגענומען בײַ די לינקע ליטעראַטור־קריטיקערס אין אַמעריקע. מיר האָבן דעמאָלט, אין 1960, געשריבן:

„ניט געקוקט אויף דער מרידה קעגן דעם דעוויז פון דער קלאַסישער ליטעראַטור, אַז ליטעראַטור מוז זײַן ניצלעך פאַר די מאַסן, האָבן טייל

יונגע דאָך מיטגעטראָגן מיט זיך די קלאַסישע טראַדיציעס, ניט נאָר פֿון פּרצן, נאָר אַפֿילו פֿון ראָזענפֿעלדן און ווינטשעווסקין... נאַדירס ערשטע לידער, ראָלניקס ערשטע לידער, אָפּאַטאָשוס ערשטע דערציילונגען האָבן קלאָר עדות געזאָגט, אַז ניט געקוקט אויפֿן גאַנצן רעוואָלט קעגן דער אײַנשטעלונג פֿון אַ פֿאָלקס-ליטעראַטור און קעגן דער דידאַקטיק פֿון די פֿאָרגייערס האָבן טייל פֿון די מורדים (ווידערשפּעניקער), בײַ זייער גאַנצער פֿאַרלייקענונג, דאָך פֿון דאָס נײַ אַפֿירמירט און אַפֿילו ממשיך געווען באַשטימטע סאָציאַלע טראַדיציעס פֿון דער קלאַסישער ליטעראַטור".

אין רעטראָספּעקט, האָבן די „יונגע", אַפֿילו די רעבעלירנדיקסטע צווישן זיי, זיך אַליין ניט דערשאַצט.

דער עיקר נאָוואַטאָרישקייט פֿון די „יונגע" איז געווען, ווי געזאָגט, דאָס אַרײַנפֿירן דעם יחיד אין דער ליטעראַטור. עס איז דעמאָלט נייטיק געווען אַן אינדיווידואַליזירטע ליטעראַטור, וואָס זאָל אויפֿפּאַסן די סאָציאַלע פּראָבלעמען, אַפֿילו „באַהאַלטענערהייט", אַפֿילו אומדירעקט און ניט קלאָר, אויף דער פֿאַן און צוזאַמען מיט די פּראָבלעמען פֿון פֿאַרלוירנקייט, אַליענאַציע, מורא, און מבֿולבלקייט פֿון יחיד. דאָס אַרויסברענגען די טראַגיק פֿון יחיד איז אויך אין זיך אַליין געווען אַן אַקט פֿון גרויסן סאָציאַלן באַטייט, כאָטש ס'רובֿ פֿון די „יונגע" וואָלטן זיך אָפּגעקערט פֿון אַזאַ־אַ אויסטײַטשונג.

(עס וואָלט דאָך געווען פּרימיטיוו ניט צו זען דעם געזעלשאַפֿטלעכן דינאַמיט און דעם סאָציאַלן עפֿעקט פֿון, לאָמיר זאָגן, קאַפֿקאַס אויפֿרײַסעריש, טראַגישע, געזעלשאַפֿטלעכע דענונצירונגען אין זײַנע דערציילונגען. נאָך אַלעמען, איז קאַפֿקאַס „מעטאַמאָרפֿאָזע", אין וועלכער דער מענטש ווערט פֿאַרוואַנדלט אין אַ טאַראַקאַן, דאָס געוואַלדגעשריי פֿון אַ וועלט וואָס מע מאַכט פֿון איר אַ משוגעים־הויז. דורך שילדערן די דעהומאַניזאַציע פֿון מענטשן גייט אויף די האָפֿענונג אים צוריקצוגעבן זײַן צורת־אָדם. קאַפֿקאַ האָט, מיט די אומדערטרעגלעכע סימבאָלן פֿון אַנטמענטשלעכונג, אויפֿגעריסן די אַנטמענטשלעכונג גופֿא. ער האָט געלאָשן די פֿאַנטאַסמאַגאָריע פֿון הײַנטיקן לעבן מיט פֿאַנטאַסמאַגאָרישע סימבאָלן).

אין דער קלאַסישער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע איז דער גרונט־מאָטיוו געווען אַ מין פֿאַראייִנפֿאַכטער דעטערמיניזם: אַזוי שנעל ווי עס וועלן געלייזט ווערן די סאָציאַלע פּראָבלעמען, וועט דער יחיד זײַן אַן אויסגעלייזטער. די ליטעראַטור האָט געשטעלט פּשוטע פֿראַגעס און אויף זיי געגעבן פּשוטע, אָפֿט סימפּליסטישע ענטפֿערס: צוויי כּוחות שטייען קעגן זיך, אַזוי שנעל ווי דער כּוח פֿון בייז וועט באַזיגט ווערן, וועט די וועלט זײַן אַ דערלייזטע און דער יחיד מיט איר. און זאָגן האָט מען דאָס דעמאָלט באַדאַרפֿט מיט די פּשוטסטע (כאָטש עמאָציע־אָנגעלאָדענע) ווערטער, און מיט דעם גראָדליניקסטן געדאַנק. אָט דער דעטערמיניזם פֿון אַ קונסט וואָס דאַרף זײַן דירעקט, אוטיליטאַריש, געבן שנעלע און גרייטע ענטפֿערס, מאָלן שוואַרץ און ווײַס, וואָס איז געווען אין גאַנצן באַרעכטיקט

אין לעצטן פֿערטל פֿון נײַנצנטן יאָרהונדערט, האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן אָנגעטאָן גענוג שאָדן דער „פּראָלעטפּען״־אײַנשטעלונג אין אַמעריקע (און, אויף אַ ניט־צום־פֿאַרגלײַכן גרעסערן פֿאַרנעם, דער פֿילאָסאָפֿיע פֿון עסטעטיק, וואָס איז געוואָרן די באַזע פֿון סאָציאַליסטישן רעאַליזם אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד).

עס איז, דאַכט זיך, אינטערעסאַנט, און צום ענין, אַ שטעל אין אַ בריוו, וואָס פֿרידריך ענגעלס האָט געשריבן: „וואָס מער באַהאַלטן דעם מחברס אײַנשטעלונגען זײַנען, אַלץ בעסער איז עס פֿאַר דעם קונסט־ווערק וואָס ער שאַפֿט. דער רעאַליזם וואָס איך האָב אין זין וועט אָפֿט אַרויסדרינגען פֿון אַ ווערק, אַפֿילו אין קעגנזאַץ צו דעם מחברס אָנשויאונגען״. [געגאַנגען זײַנען די רייד, אַגבֿ, וועגן אַ פֿאַרגלײַך צווישן באַלזאַק און זאָלאַ, ווײַל אַ ביסל ווײַטער זאָגט ענגעלס: „באַלזאַק איז אַ מײַסטער פֿון רעאַליזם... אָן אַ שיעור גרעסער פֿון אַלע עמיל זאָלאַס פֿון נעכטן, הײַנט און מאָרגן...״. בכלל האָבן אי ענגעלס און אי מאַרקס געהאַלטן, אַז זאָלאַ איז געווען צו „דעטערמיניסטיש״, ד. ה. ער האָט סימפּליפֿיצירט די קאָוזאַליטעט, די שײַכות פֿון סיבה און רעזולטאַט פֿון געזעלשאַפֿטלעכע געשעענישן. איך גלייב, אַגבֿ, אַז, אין רעטראָספּעקט, איז זייער אָפּשאַצונג בנוגע עמיל זאָלאַ גאָר ניט קיין יושרדיקע. אָבער — ניט דאָס זײַנען מיר דאָ אויסן. אונדז גייט בלויז אָן דער אויסדרוק „וואָס מער באַהאַלטן״.]

אָט די „באַהאַלטנקייט״ איז געווען אייגנטימלעך פֿאַר דער שאַפֿונג פֿון די „יונגע״. אָפֿט איז דער רעאַליזם זייערע אַרויסגעדרונגען, צו ביצן ענגעלסעס ווערטער, אַפֿילו קעגן זייער אייגענעם ווילן, אַפֿילו ווען זיי האָבן געמיינט, אַז זיי שאַפֿן „קונסט לשם קונסט״, און אַפֿילו ווען זיי האָבן געהאַט טענות, ווי אָפּאַטאָשו זאָגט אין דערמאָנטן אַרטיקל, צום זיידן מענדעלע, הלמאַי ער האָט „אָנגעטאָן ישׂראליקן אַ שנאָרער־טאָרבע״.

די „יונגע״ האָבן באַפֿרײַט, געמוזט באַפֿרײַען, די ליטעראַטור פֿון אַ באַשטימטער פּשטותדיקער דירעקטקייט, פֿון אַ רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיק פֿון די פֿאָרגייערס, וואָס האָט אָפֿט, פֿירנדיק אַ געראַנגל פֿאַר דער מענטשהייט — ניט געזען דעם אײנצלנעם מענטש. זיי האָבן ניט אויסגעהוילט די ליטעראַטור פֿון אידייעס, די „יונגע״ — זיי האָבן בלויז באַוויזן דעם יחיד אין פלאָנטער פֿון אידייעס. משה לייב האַלפּערן, וואָס האָט געשריבן „אין גאָלדענעם לאַנד״, האָט אויך באַוויינט „קוני לעמל, דעם פֿאַרלאָזענעם״, דער זעלבער משה לייב, וואָס האָט געשאָלטן די לײַט וואָס בוקן זיך צום „גאָלדענעם ביקל״ — האָט אויך באַקלאָגט זרחין, וואָס גייט אויס פֿון אַלײנקייט בײַם ברעג פֿון ים. דאָס זעלבע איז, אין לעצטן סך־הכּל, אמת וועגן לייוויקן, וועגן ראָלניקן, וועגן מאַני־לייבן, יאָ, וועגן איגנאַטאָוון, וועגן חיימאָוויטשן, שוין אָפּגערעדט פֿון אָפּאַטאָשון, פֿון ראַבאָיען, פֿון ברוך גלאַזמאַן. [אמת, אַז מען טאָר ניט גענעראַליזירן, געווען

טייל צווישן די „יונגע" וואָס האָבן געפּרוּווט שטעלן די ליטעראַטור איבער דעם לעבן און זײַנע געראַנגלען.]

די פּראָלעטאַרישע קלאַסיקערס, אַפילו דער שטאַרבנדיקער עדעל־שטאַט אין דענווער, האָבן געהאַט אַ טיפן גלויבן הן אין דעם מענטשן און הן אין דעם סאָציאַלן סיסטעם וואָס וועט סוף־כּל־סוף קומען און אים אויסלייזן. פון דעם טאָפּלטן גלויבן האָט אַרויסגעקוואָלט דער גרונט־טאָן פון האָפענדיקייט אין זייער שאַפן. די „יונגע" האָבן פאַרהיט אין זיך דעם גלויבן אין מענטשן, אָבער האָבן אים געזען געכאַפּט אין דער פּאַסטקע פון אכזריותדיקע, געזעלשאַפטלעכע תּנאים, איבער וועלכע ער האָט קיין שליטה נישט. פון דאַנען האָט זיך גענומען די אַטמאָספערע פון פּעסימיזם וואָס האָט אײַנגעהילט זייער שאַפן. דאָס איז חל אויפן רובֿ, אויב ניט אויף אַלע, „יונגע". אַפילו אין די יאָרן, ווען ער האָט מיטגעאַרבעט אין דער „פרייהייט"־„מאָרגן־פרייהייט", האָט זיך נאַדיר, אין תּוך, ניט אויסגעטאָן פון דעם סקעפּסיס און דעם טרויער וואָס זײַנען געווען די לייט־מאָטיוון און די פאַרב פון זײַן גאַנץ שאַפן.

דאָס גוואַלד קעגן דער אָפּפרעמדונג, קעגן דער אַליענאַציע וואָס האָט באַדראָעט און פאַרמישפּט דעם מענטש, ספּעציעל דעם אויסגעוואָרצלטן, און אָן וואָרצלען אַריבערגעפלאַנצטן, אימיגראַנטן־דור, די מורא, דער יאוש וואָס זײַנען אַרויסגעוואַקסן פון דער אָפּפרעמדונג, דאָס הילפלאָזע אַנטלויפן אין זיך — שטעלן מיט זיך פאָר דעם לייט־מאָטיוו, דעם גרונט־ניגון — אַ געמיש פון געוויין, בענקעניש און שטילע האָפענונגען אויף דערלייזונג — וואָס ברומט דורך דער גאַנצער ליטעראַטור פון די „יונגע". צוזאַמענ־גענומען, זײַנען דאָס גרויס־מענטשלעכע און גרויס־פאָלקישע אַטריבוטן. דער סך הכּל איז: המשך און טראַדיציע פון די פאָרגייערס, אין אידיאָם פון אַ נײַער צײַט, אָן אַ שיר מער ראַפינירט, מער פאַרשיידנפאַרביק און פילפאָרעמדיק.

ד.

יעדע ליטעראַרישע באַוועגונג אין דער ייִדישער אַמעריקע האָט זיך אָנגעהויבן ווי אַ ווידערשטאַנד קעגן די פאָרגייערס, ווי אַ נײַע ווענדונג אין געראַנגל פאַר אידייאישקייט אָדער קינסטלערישער פאָרעם. יעדע נײַע ווענדונג פון ליטעראַרישע ווידערשפּעניקערס האָט פון אָנהייב געלייקנט אין עבֿר און זיך אָפּגעזאָגט פון אים. מסתּמא כאַראַקטעריסטיש — און אפשר נייטיק — פאַר יעדן אַוואַנגאַרדישן אויסדרוק. לסוף האָט יעדער ליטעראַרישער אויסדרוק (מיר מײַדן מיט אַ כּיוון אויס דעם טערמין „שול", מחמת מיר האַלטן ניט, אַז ס'האָבן זיך אויסקריסטאַליזירט שולן, אין אָנגענומענעם באַטײַט פון וואָרט, אין דער אַמעריקאַנער ייִדישער לי־טעראַטור), טייל מאָל נאָך קרומע, אַפילו אַנטי־געזעלשאַפטלעכע אָפּווענ־דונגען, זיך פאַרקערעוועט צוריק צום אור־שטראָם פון אַ ליטעראַטור וואָס איז נאָכגעגאַנגען פוסטריט דער ייִדישער אימיגראַנטן־מאַסע אין אַמעריקע

(אָדער ספּעציפֿישע עלעמענטן אירע) און איר געהאָלפֿן שלאָגן וואָרצלען און געפֿינען איר וועג אויף אַמעריקעס ערד.

די „יונגע״ זײַנען געבוירן געוואָרן אין „פֿײַער פֿון מרידה״ קעגן דער סאָציאַלער אײַנשטעלונג פֿון זייערע פֿאָרגייערס, קעגן עדעלשטאַטן בײַ וועמען „אַפֿילו די נאַכטיגאַל זינגט אַנאַרכיסטישע פּראָקלאַמאַציעס״ (ב. ריווקינס אַן אויסדרוק). אָבער אין גיכן האָבן זיי זיך צוריקגעקערט צום וואָרצל — דעם סאָציאַלן, ווי דעם נאַציאָנאַלן (ניין, ניט אַלע).

ווען דער „אינזיך״ האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען, האָבן זײַנע אָנהענגערס דערקלערט דעם פּרימאַט פֿון פֿורעם איבער אינהאַלט, פֿון יחיד איבערן כּלל, געדאַנק איבער שטימונג, מורד געווען אין עבֿר און — עס האָט זיך געקאָנט דאַכטן — איבערגעריסן מיט די וואָרצלען וואָס האָבן זיי געבונדן מיט די פֿאָרגייערס, אָפּגעוואָרפֿן די טראַדיציע. זיי האָבן געעפֿנט אַלע שליוזן צום שטראָם, ניט נאָר פֿון באַוווסטזײַן, נאָר אויך פֿון אונטערבאַוווסטזײַן, און אָנגעטאָן אי זייער אינטעלעקטואַליזם און אי דעם גאַנצן פֿלוס פֿון פֿרײַער, אינטראָספּעקטיווער, אַסאָציאַציע אין נײַע בילדער, אייגנאַרטיקע אימאַזשן, און — ס׳האָט זיך ווײַטער געקאָנט דאַכטן — טאַקע אָוועקגעפֿירט די ייִדישע ליטעראַטור פֿון איר הויפּטציל: דאָס וועלן מתקן זײַן דעם מענטש און אויסלייזן די וועלט. אָבער — ס׳איז בלויז געווען אַן אויסדאַכטעניש. וואָס אינטראָספּעקטיווער, אינזיכיסטישער, די גרופּע איז געוואָרן, אַלץ מער האָט זי דורך דעם פֿאַרפּלאָנטערטן לאַבירינט פֿון „אין זיך״ זיך דערנענטערט צו די פּראָבלעמען פֿון מענטש־און־ייִד, פֿון וועלט־און־פֿאָלק. קיין צופֿאַל און קיין וווּנדער, אַז דער אָנגעזעענסטער דיכטער פֿון דער גרופּע (דאַכט זיך, אים צו לאַנגע יאָר, דער איינציקער לעבן געבליבענער פֿון „אין זיך״), יעקבֿ גלאַטשטיין, איז אַ דיכטער פֿון גרויסן נאַציאָנאַלן באַטײַט, וועמעס וואָרצלען שטעקן טיף אין דורותדיקן פֿאָלק־שאַפֿן.

די „פּראָלעטפּען״־מרידה איז געקומען אויפֿן פֿאָן פֿון דער צײַט — אַ רעוואָלט (ווי זיי האָבן געמיינט) קעגן די וואָס פֿאַרלייקענען דעם סאָציאַלן מאָמענט אין אַ פּעריאָד פֿון טיף־גייענדיקע געזעלשאַפֿטלעכע אויפֿברויזן. די „פּראָלעטפּען״־שרײַבער האָבן אויפֿגעהויבן די פֿאָן פֿון די ערשטע סאָציאַלע שרײַבער — באַנײַט זייער געזעלשאַפֿטלעכן באַוווסטזײַן, זייער אוממיטלבאַרן קאָנטאַקט מיטן מאַסן־לייענער.

אָבער דער טעות — אפֿשר אַן אומפֿאַרמײַדלעכער — פֿון דער פּראָלעטאַרישער דיכטונג, וואָס איז געבוירן געוואָרן אַרום די 20ער יאָרן, איז געווען אַ באַשטימטער צוריקגאַנג צו דעם פֿאַראײנפֿאַכטן דעטערמיניזם פֿון די סאָציאַליסטישע ראשונים, אַ פּראָצעס פֿון פֿאַרלירן דאָס „באַהאַלטענע״, וואָס ענגעלס האָט אָוועקגעשטעלט ווי אַ גרונט־תּנאַי פֿאַר שעפֿערישקייט, און דאָס טיילווײַזע פֿאַרזען דעם מענטשן, פֿאַר וועמען די ליטעראַטור האָט זיך אײַנגעשטעלט.

„די טעמע פֿאַר זיך אַליין האָט מער די הויפּט ראָלע ניט געשפּילט״

— זאָגט יוסף אָפּאַטאָשו אין דער פֿריִער דערמאָנטער ציטאַטע וועגן די „יונגע". די פּראָלעטאַרישע שרײַבערס אין די 20ער יאָרן האָבן דערקלערט דעם פּרימאַט פֿון דער טעמע, אַזוי לאַנג ווי די טעמע איז אַ פּראָלעטאַרישע. אין אַן אַנאַליז, וואָס מ. אָלגין האָט דורכגעפֿירט, אין 1933, באַזירט אויף דערציילונגען און לידער אין דער „מאָרגן־פֿרײַהייט" און „האַמער", אין משך פֿון 6 חדשים, מאַכט ער דעם ווײַטערדיקן חשבון: פֿון אַן ערך 20 דערציילונגען זײַנען 11 וועגן אַרבעטלאָזיקייט, וועגן סטרײַק — 7, שאַפּ — 3; פֿון עטלעכע און צוואַנציק לידער: וועגן הונגער — 10, צײַט־מאַטיוון — 4, סאַטירישע — 4, רעוואָלוציע, קאַרל מאַרקס, סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, „טשעין־גענג", אַרבעטער־באַוווסטזײַן — צו איינס יעדע.

אין טעמעס איז, הייסט עס, קיין דוחק ניט געווען. וואָס האָט געפֿעלט איז געווען דער יחיד — זײַן געראַנגל מיט זיך אַליין, זײַן ליבע און זײַן שׂינאה, זײַן פֿאַרלוירנקייט און זײַנע זוכענישן, אַפֿילו נאָך דעם ווי דער סטרײַק איז שוין געווען אַ פֿאַרענדיקטער, אַפֿילו אַ געוווּנענער, אין דרעס־שאַפּ אָדער אין פּאַר־שאַפּ. עס האָט געפֿעלט דאָס וואָס איז די אייגנטלעכע מוזיק פֿון דער שעפֿערישקייט: דער נשמה־צאַפּל פֿון מענטש, זײַן הונגער נאָך שיינקייט און אינערלעכער שלווה. עס האָט געפֿעלט דאָס „באַהאַלטענע", אַפֿילו דאָס מיסטישע, דאָס קיום פֿאַרשטענדלעכע. אין איינעם פֿון זײַנע לידער זאָגט באָריס פּאַסטערנאַק: „איך האָב ניט ליב קיין לעבן אין וועלכן עס פֿעלט סודותדיקייט און שלווה". די פֿריִע פּראָלעטאַרישע שרײַבער אין די 20ער יאָרן האָבן קיין סודותדיקייט ניט געהאַט. זיי האָבן מגלה געווען אַלץ, און דעריבער — צו ווייניק מגלה געווען.

שוין מ. אָלגין קלאָגט זיך, אין דעם דערמאָנטן אַרטיקל (דער „פּראָלעטפען", זז. 59־75, אין „קולטור און פֿאָלק"), „אַז די ווערק פֿון אונדזערע שרײַבער זײַנען ניט גענוג אינדיווידואַליזירט, ניט גענוג פֿאַרשיידנאַרטיק, ניט גענוג פֿאַרביק", אַז אין זיי איז פֿאַראַן „אַ מעכאַנישער צוגאַנג צו דער אַרבעטער וועלט", אַז שרײַבער זעען מערסטנס שאָטנס און ניט מענטשן פֿון אינעווייניק, זייערע קאָנטראַסטן, און כאַראַקטערן, „דורכגעציטערט מיט אַ וועלט פֿון באַוועגונגען, שטרעמונגען, זוכענישן, אויפֿברויז".

אין דער זעלבער אַרבעט האַלט מ. אָלגין, אַז די פּאָעזיע איז באַטײַטנדיק בעסער, „אַרטיקער". „דאָס דעקלאַראַטיווע ליד", זאָגט ער, „האַלט שוין כּמעט אין פֿאַרשווינדן". דאַכט זיך, אַז מ. אָלגין איז דאָ אַ היפּש ביסל פֿאַרלאָפֿן די צײַט (און הלוואַי וואָלט ער געווען אָביעקטיווער, קריטישער, שאַרפֿער, און געשטעלט העכערע פֿאָדערונגען אין זײַן אָפּשאַץ!). עס האָט נאָך לאַנג געדויערט ביז דער יונגער פּראָלעטאַרישער נוסח האָט זיך אויסקריסטאַליזירט, ביז עס זײַנען אָפּגעפֿאַלן די „טעמע"־שרײַבער, ביז עס איז בלאָסער געוואָרן דאָס דעקלאַראַטיווע, ביז פֿון דער גאַנצער און גרויסער גרופּע האָבן זיך אַרויסגעשיילט די עכטע

קינסטלער, די וואָס האָבן אין זיך געטראָגן די קערנער פון דויער. די זײַנען געוואָרן אַ שטענדיקער טייל אין דעם אַלגעמיינעם שטראָם פון דער אַמעריקאַנער ייִדישער ליטעראַטור — אַ שטראָם מיט אַ סך אונטערשטראָ־מען, מיט אַ סך ווידעראַנאַנדן, אָבער מיט איין אַלגעמיינעם טאָן פון המשכדיקייט. געשען איז דאָס אונטער די השפעות פון קאַטאַקליסטישע אויפרודערונגען, וואָס האָבן געביטן דעם גאַנג פון ייִדישן לעבן און פון דער ייִדישער געשיכטע. ניט אַז די ייִדישע ליטעראַטור אין אַמעריקע איז געוואָרן אײַנמיניק, מאָנאָליטיש און אײַנטאָניק — דאָס וואָלט ניט מיגלעך געווען און מסתּמא ניט נייטיק אויך (אַפילו שעדלעך!), מחמת אַ ליטעראַטור, וואָס רעפלעקטירט אַ פאַרשיידנמיניק לעבן, רעאַגירט פאַר־שיידנמיניק. די געוויזענע פּאַראַלעטאַרישע דיכטונג האָט זיך אַרײַנגעגאָסן אין דעם המשך־שטראָם פון דער ייִדישער, דרותדיקער קולטור־שעפעריש־קייט. זי איז אָבער נאָך אַלץ געבליבן אַן אייגנפאַרביקער פאָדעם אין דעם געוועב — הן פון דער אַמעריקאַנער ייִדישער און הן פון דער אַל־וועלטלעכער ייִדישער ליטעראַטור.

משה אָלגינס, כאַוער־פּאַווערס, אָדער ל. מילערס ערטער אין ברייטן סך־הכּל פון דער ייִדישער שעפערישקייט זײַנען פאַרזיכערט.

ה.

וואָס־זשע איז פאַרט דער אַלגעמיינער סך־הכּל?

דער סך־הכּל איז, אַז די אַמעריקאַנער ייִדישע ליטעראַטור איז אַ באַשאַף פון גרויס נאַציאָנאַלן באַטייט: דאָ זײַנען געבוירן געוואָרן אַפּאָ־טאָשוס „פּוילישע וועלדער״, לייוויקס „דער גולם״, יהואָשס תּנ״ך־איבער־זעצונג, י. י. שוואַרצעס „קענטאָקי״, טייל פון די סענסיטיווסטע ייִדישע ליריקער האָבן דאָ געשאַפן, דאָ האָט געברויזט דער אויפרײַסנדיקער פּערז פון משה לייב האַלפּערן, דאָ האָט דאָס ביטער־זיסע שוץ־געלעכטער פון שלום עליכם געפונען אַ תּיקון אין משה נאַדירן, דאָ זײַנען געמאַכט געוואָרן דרײַסטע עקספּערימענטן אין פּאָעטיק, דאָ האָט די אַרבעטער־ליטעראַטור, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פריִער, צוריק אויפגעבליט דורך דעם פּראָלעטפּען. דאָ איז געשאַפן געוואָרן אַ ברייטער נאַציאָנאַלער קולטור־שטראָם, פילכוחיק און פילפאַרביק, וואָס האָט באַווירקט דאָס שעפערישע ייִדישע לעבן איבער דער וועלט.

מיר האָבן נאָך אַלץ, בעיקר, אונטערגעשטראָכן דעם אָנהייב, דעם סינטעז פון פאַרגעשריטענעם און פאָלקישן אָנהייב. דער שטראָם האָט קיין מאָל ניט אויפגעהערט אין דער ייִדישער ליטעראַטור און אין דער ייִדישער פּרעסע אין אַמעריקע. ער האָט מעגלעך אָנגענומען אַנדערע פאָרמעס, אַמאָל שמעלער געוואָרן, אָבער געפלאָסן כּסדר, און כּסדר משפּיע געווען די ייִדישע קולטור אין אַמעריקע.

מיר זײַנען שומרים פון אַ טראַדיציע וואָס מע דאַרף פאַרהיטן און זיך גרויסן מיט איר — אַ קולטור־און שפּראַך־טראַדיציע. און מיר

זײַנען טאָפּלטע בעלי־חובֿות — אי צו דעם נעכטן און אי צו דעם מאָרגן. איך ווייס ניט, וועלכער חובֿ איז וויכטיקער און וועלכער שווערער — איך ווייס נאָר, אַז מיר דאַרפֿן, מיר מוזן ביידע באַצאָלן — אי ווינ־טשעווסקין פֿאַרהיטן און אי אים מיט אייניקלעך פֿאַרבינדן.

אין „מײַן נאַציאָנאַלער אני מאמין״ (1911) זאָגט מאָריס ווינטשעוו־סקי: „אני מאמין באמונה שלמה, אַז דאָרטן ווו דער יונגער דור פֿון אײַנוואַנדערער, וועלנדיק זיך צופּאַסן צו דער הערשנדיקער נאַציאָנאַלי־טעט, טוט אויס ווו ער קען, זײַן צורת־ייִד, וואַרפֿט אַוועק זײַן מוטער־שפּראַך און נעמט אָן די זיטן, אַפֿילו די טראַדיציעס, די געשיכטע, פֿון די אײַנגעבוירענע, קומט ענטוועדער דער דאָזיקער יונגער דור, וועט ער ווערט עלטער, אָדער דער צווייטער דור, נאָך פֿיל טרויעריקע דערפֿאַ־רונגען, צוריק צו זײַן נאַציאָנאַליטעט, הגם ניט צו איר לשון״.

מיר זײַנען מסכּים מיט מאָריס ווינטשעווסקיס „אני מאמין״. מיר גיבן אָבער צו: אַפֿילו צום לשון איז אויך מעגלעך אַ טייל־ווײַזער צוריק־קום.

* * *

דער חשבון איז אַ קלאָרער און אַ ווירדיקער. „די ביכער״, אין ליי־וויקס ווערטער, „זײַנען אָפֿן״:

און עס ווילט זיך אויפֿזאַמלען אויך אונדזער שוידער
צוזאַמען מיטן ווילדײַן אויף אַמעריקעס הי,
צוזאַמענרעכענען די שטעך פֿון אַלע קליידער,
וואָס מיר האָבן אויפֿגענייט אין גרינער מי,
און אַלע שטופּן פֿונעם פּושקאַרט־פּעדלער,
און אַלע סליאַדן פֿונעם „ניוסבאָיס״ טראָט,
און גאָר די טרערן פֿונעם גאַסן־בעטלער,
און גאָר די הייזעריקייט פֿון „איי־קעש־קלאָט״.
און די נאָדלען אין פֿלייש. עס זײַנען דין די פֿינגער,
די נאָדלען אָבער זײַנען מער נאָך דין,
עס ברענען נאָך ווי וואָרענונגען די אותיות „סינגער״
אויפֿן אויסגעצויגענעם האַלדז פֿון ניי־מאַשין.
און עס ווילט זיך אויפֿרעכענען אויך אונדזער גבֿורה
אין אונדזער קאַמף מיט זיך און מיטן אָרום,
און אונטערצײַען אַן אָפּענע, אַ קלאָרע שורה —
די ביכער זײַנען אָפֿן — קום, רעכענער, קום!

(1970)

ד

װעגן דעם נאַציאָנאַלן מהות פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין סאָװעטן־פֿאַרבאַנד

א.

‎50, 15 און — ?*

מיר פֿאַרצײכענען אַ קולטור־געשעעניש פֿון גרױסן היסטאָרישן באַטײַט — אַ געשעעניש, װאָס האָט באַװירקט דאָס נאַציאָנאַלע שאַפֿן פֿון אונדזער פֿאָלק אין משך פֿון אַ האַלבן יאָרהונדערט, און װעמעס השפּעה װעט זיך פֿילן אױף דורות.

אַװדאי װאָלט זיך געװאָלט צו אַזאַ געלעגנהײט רק יובֿלען, אָפּמעסטן דעם אָפּגעגאַנגענעם װעג מיט װוּנדער און באַװוּנדער, מיט פֿרײד און גלױבן אין המשך. פֿלאָנטערט זיך אָבער אין דעם ציפֿער 50 דער אומגליקלעכער 15, די יאָרצײַט נאָך די אומגעבראַכטע סאָװעטישע ייִדישע שאַפֿערס אין 1952, און די שטומע יאָרן פֿון פֿריִער, פֿון 1948 אָן. (און די סוף דרײַסיקער פֿון נאָך פֿריִער). און אױך די דאַטעס, אױב אַפֿילו ניט קײן געבעטענע, זײַנען דאָ בײַם יום־טובֿ, זײ דערמאָנען און מאָנען.

פֿון דער מאָנונג און פֿון דער דערמאָנונג טױכט אַרױס דער פֿרעגצײכן — אַ דראָענדיקער, אַ ניט־פֿאַרענטפֿערטער, אַ שרעקנדיקער תּיקו: װאָס װעט װײַטער זײַן?

און אפֿשר, מחמת אונדזער אײגענער ניט־זיכערקײט אין מאָרגן פֿון דער פֿאָרגעשריטן װעלטלעכער קולטור אין אונדזער ישובֿ, װאַקסט די באַזאָרגטקײט פֿאַר דער סאָװעטיש־ייִדישער קולטור נאָך מער בײַ אונדז. מיר גלײבן אין דער אַלװעלטלעכקײט פֿון דער ייִדישער פֿאָלקס־קולטור און אין די קעגנזײַטיקע השפּעות װאָס אײן ישובֿ האָט אױפֿן אַנדערן. מיר געדענקען דעם אײַנפֿלוס פֿון דער סאָװעטיש־ייִדישער ליטעראַטור אױף דער ייִדישער ליטעראַטור איבער דער װעלט. מיר געדענקען װיפֿל מיר דאָ, און אַ סך ייִדישע שרײַבער אין אַלע לענדער, האָבן געלערנט פֿון דער סאָװעטיש־ייִדישער ליטעראַטור, זײַנען באַגײַסטערט און באַװירקט געװאָרן פֿון דעם שעפֿערישן אימפּעט און דעם צוזאָג פֿון דער ליטעראַטור.

אונדזער פֿרעגצײכן איז דעריבער אַן אומפֿאַרמײַדלעכער. ער װאָרצלט אין אומזיכערקײט, אין װײטיק, אין אַנגסט און דער עיקר אפֿשר אין דעם װוּנטש, אַז עס זאָלן זיך קײַטלען און ממשיך זײַן דורות ייִדישער קרעאַ־

* געשריבן אין 1967, צום 50סטן יובֿל פֿון דער רוסישער רעװאָלוציע.

טיווקייט אויף דער ערד פֿון דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. אויב ניט, וואָלט דער היזק געווען אַן אוניווערסאַלער, אַזאַ וואָס וואָלט פֿאַראָרעמט די נאַציאָנאַל־הומאַניסטישע יידישע קולטור אויף דורות.

די דאַטעס 50 און 15 פֿאַלן זיך צונויף, קייטלען זיך, זײַנען ניט צום פֿונאַנדערטיילן. יעדער נאָמען פֿון די אומגעבראַכטע אין 1952 טראָגט אין זיך 50 יאָר יידיש שאַפֿן.

אָן אַ ציטער פֿון צער, אָן אַ געפֿיל פֿון קאַשמאַר איז נאָך אַלץ ניט מיגלעך דערמאָנען זייערע נעמען: דוד בערגעלסאָן, פּרץ מאַרקיש, איציק פֿעפֿער, לייב קוויטקאָ, דוד האָפֿשטיין. עס טויכן־אויף נאָך נעמען: שלמה מיכאָעלס, דער נסתּר, אַפֿילו ש. האַלקין, אייזיק פּלאַטנער, משה בראָדערזאָן, און די פֿון פֿריִער — איזי כאַריק, מאַקס עריק, משה קולבאַק, ח. דוניעץ, יחזקאל בראָנשטיין...

וואָס פֿאַר אַ רײַסטער פֿון נאַציאָנאַל־יידישער שעפֿערישקייט! ווי אַ מענטש זאָל גיין אויף קבֿר־אָבֿות צו אַ גאַנצער משפּחה, ווי אַ מענטש זאָל גיין אויף קבֿר־אָבֿות צו זיך אַליין, מחמת קיינער פֿון אונדז איז שוין נישט דער זעלבער זינט זיי האָבן זיך אונדז געפֿעלט.

ב.

אַ המשך פֿון דורותדיקן פֿאָלקסשאַפֿן

די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור איז פֿון איר סאַמע אָנהייב געווען אַן אינטעגראַלער טייל פֿון דער יידישער וועלט־ליטעראַטור. אין איר האָט געקלאַפּט אַ נאַציאָנאַלער דופק, וואָס האָט קיין מאָל ניט אויפֿגעהערט. די בלויזן און די חסרונות פֿון דער יידישער ליטעראַטור אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, ווען מען אַנאַליזירט זיי פֿאַרזיכטיק, זײַנען גיכער חסרונות פֿון דער גאַנצער סאָוועטישער ליטעראַטור, אַקוראַט ווי אַ סך פֿון אירע מעלות — איר טעמפּאָ, איר מיליטאַנטישקייט און איר האָפֿערדיקייט זײַנען כאַראַק־טעריסטיש פֿאַר דער ליטעראַטור פֿון אַ לאַנד, וואָס האָט זיך מיט אַזוי פֿיל האָפֿענונג און צוזאָג אָנגעהויבן בויען אויף נײַע יסודות. גלײַכצײַטיק אָבער האָט די יידישע ליטעראַטור אין ראַטנפֿאַרבאַנד איר נאַציאָנאַל יידישן כאַראַקטער קיין מאָל ניט פֿאַרלוירן און (ווי אַ גאַנצע!) אירע פֿאָלקישע פֿעדעם קיין מאָל ניט איבערגעריסן.

אַ שנעל־געבוירענע, אַ נאָך שנעלער רײַף געוואָרענע, מחמת די צײַט האָט קיין שטאַמלדיקייט ניט געקאָנט פֿאַרטראָגן, מיט אַן אייגענעם אימ־פּעטיקן קריגערישן מאַיאָרן טאָן — האָט זי אָבער גלײַכצײַטיק ממשיך געווען די גרונטשטריכן פֿון דער מאָדערנער קלאַסישער יידישער ליטע־ראַטור: דעם סאָציאַל־הומאַניסטישן תּוך אירן, דאָס געפֿיל פֿון געזעל־שאַפֿטלעכער אָנלאָדונג, די קרובֿהשאַפֿט מיטן לייענער און דאָס אײַנשטעלן זיך פֿאַר אים. די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור איז ניט געווען בלויז דער המשך פֿון די אַמעריקאַנער פּראָלעטאַרישע דיכטער, ווי מ'וואָלט גע־

קענט מיינען, זי איז אויך געווען דער המשך פֿון דעם גרויסן הומאַניזם וועמעס פּירשפּרעכער זיינען געווען מענדעלע, שלום עליכם און פּרץ. זי האָט סינטעזירט און ווייטער געצויגן די צוויי אָנהייבן. ניט קוקנדיק אויף איר גאַנצער נײַקייט, זיינען ניכּר די איינפֿלוסן פֿון דער פֿריִערדיקער ייִדישער ליטעראַטור און די קנופּן וואָס האָבן זי געבונדן מיט איר. זי האָט דעם באַוווסטזיין פֿון המשך קלאָר פֿאַרשטאַנען.

ה. לייוויק האָט אין זיין רעדע אין פּאַריז, ביים גרינדונג־קאָנגרעס פֿון איקוף, אין 1937, אונטערגעשטראָכן, אַז אין דער ייִדישער ליטעראַטור גייט אָן אַ געראַנגל „צווישן דעם נאַציאָנאַלן און דעם סאָציאַלן". מ׳וואָלט די פֿאָרמולירונג לייוויקס באַדאַרפֿט איבערשטעלן. ריכטיקער איז, לפֿי דעתּי, אַז דער שטענדיקער געראַנגל וואָס גייט־אָן אין דער ייִדיש־ייִדישער ליטעראַטור — און אַזאַ איז באַטירלעך פֿאַראַן — איז צווישן דעם נאַציאָנאַל־פֿאָרגעשריטענעם און דעם נאַציאָנאַל־צוריקגעשטאַנענעם, צווישן דעם נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיוון און דעם נאַציאָנאַל־רעגרעסיוון. אַרויסגייענדיק פֿון דער מסקנא, ווילן מיר אונטערשטרייכן, אַז די סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראַטור איז געווען ניט בלויז אַ סאָציאַלע, נאָר אַ ייִדיש־סאָציאַלע, ניט בלויז אַ סאָציאַליסטשע, נאָר אַ ייִדיש־סאָציאַליסטישע. אַז די צוויי באַגריפֿן זיינען זיך בשום אופֿן ניט סותר, נאָר דערגאַנצן זיך, איז קלאָר פֿאַר יעדן פֿון אונדז. אמת, עס איז געווען אַ פּעריאָד, ווען די ליטעראַטור האָט — אויף אַ צייט בלויז און ביי טייל שרייבער בלויז — פֿאַרלוירן איר ייִדיש פּנים, אָבער דאָס איז בפּירוש געווען אַ פֿאַרבייגייענדיקער און ניט קיין דאָמינירנדיקער שטריך. די ייִדישקייט אין „ביראָבידזשאַנער שטערן" האָט זיך אָפּט, צו אָפּט, אויסגעדריקט בלויז אין די ייִדישע אותיות פֿון דער צייטונג, אָבער בערגעלסאָנס „ביראָבידזשאַנער" (באַשטימט ניט איינס פֿון זיינע קרוינווערק) איז אַ ייִדיש נאַציאָנאַל בוך, און פֿעפֿערס „אַ חתונה אין ביראָבידזשאַן" איז אַ ייִדישע חתונה מיט אַלע טעמען און חנען, כאָטש דער הינטערגרונט איז די טייגע.

אויב מיר נעמען אָן, אַז די הויפּט־היסטאָרישע אויפֿטראָגן וואָס זיינען געשטאַנען פֿאַר דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור זיינען געווען — דער געראַנגל קעגן שטעטל, אייגנטלעך קעגן מיטלעלטערלעכקייט און צוריקגעשטאַנענקייט, דער געראַנגל פֿאַר ווידערגעבורט, דאָס העלפֿן דעם פֿאָלק אַריבערשפּרינגען די שוועלן פֿון איין היסטאָרישער תּקופֿה אין אַן אַנדערער און אים אָנהויכן מיט אַ געפֿיל פֿון אייגענער ווערט און דערקענטעניש — האָט די סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראַטור זיך געשטעלט די זעלבע צילן און דירעקט געצויגן די פֿעדעם פֿון די פֿאָרגייערס. אין אַן אַנדער אידיאָם און אין אַן אַנדערער צייט האָט זי געפֿירט כּמעט די זעלבע געראַנגלען. מער נאָך: צוליב דעם ראַשיקן טעמפּאָ פֿון היסטאָרישע אַנטוויקלונגען, ספּעציעל אין אַמאָליקן רוסלאַנד, איז ביי אונדז ייִדן די צייט קאָנדענסירט געוואָרן, קאָמפּסולירט געוואָרן. כּמעט דער זעלבער דור, וואָס האָט געפֿירט אַ קאַמף קעגן פֿעאָדאַלע איבערבלייבענישן, האָט גע־

דאַרפֿט פֿירן אַ גרעאַנגל פֿאַרן סאָציאַליזם. דאָס זעלבע יינגל וואָס איז ביי דוד בערגעלסאָנען אויסגעוואַקסן אין אַ פֿאַרלוירענעם, פֿון דער וועלט אָפּגעפֿרעמדטן, זעלבסטמאָרד־באַגייענדיקן מלך, אָדער רעזיגנירטן חיים־משה (אין „אָפּגאַנג״), איז ביים זעלבן בערגעלסאָנען מיט געציילטע צענדליק יאָרן שפּעטער אויסגעוואַקסן אין אַ פּענעק. די איבלען, וואָס י. ל. פּרץ האָט זיך גרעאַנגלט קעגן זיי, האָבן נאָך אַרויסגעוויזן גענוג לעבנס־כּוח, ווען די סאָוועטיש־ייִדישע שרייבער האָבן זיך אויף זיי פֿאַרמאָסטן.

אַפֿילו די גרעאַנגלען קעגן דעם עבֿר, וואָס די יונגע סאָוועטיש־ייִדישע קינסטלער האָבן געפֿירט, זיינען אין סאַמע תּוך געווען משפּחה־קריגערייען אין די ראַמען פֿון אייגענעם פֿאָלק. ניט קוקנדיק אויף זייער מרידה קעגן די פֿאָרגייערס (און די „כאַליאַסטרע״ אין וואַרשע און „די יונגע״ אין אַמעריקע האָבן אויך מורד געווען קעגן די פֿאָרגייערס. ס׳איז גענוג צו געדענקען מיט וויפֿל אייפֿער און ייִנגלשער אומטאָלעראַנץ די „יונגע״ האָבן אָוועקגעשאַרט און נעגירט די גאַנצע פֿריִערדיקע ייִדישע ליטעראַטור, שלום עליכמען אַריינגערעכנט), איז אָבער געבליבן דאָס געפֿיל פֿון אינעווייניקדיקייט און שייכותדיקייט.

אמת, אַז דאָס אַלץ איז געשען אויף דער פֿאָן פֿון דער גרעסטער איבערקערעניש אין דער געשיכטע, אויפֿן הינטערגרונט פֿון עקספּלאָזיעס, וואָס זייער גלייכן האָט די וועלט קיין מאָל פֿריִער ניט געזען, אין אַ צייט ווען עס האָבן געפּראַלט נייע טעמעס, נייע העלדן, נייע פֿאָדערונגען און נייע פּראָבלעמען. דער גרעאַנגל, פֿון סאָציאַליסטישע פּאָזיציעס, איז נאָך אָבער אַלץ געווען אין די ראַמען פֿון פֿאָלקס־לעבן, פֿאַר זיין ווילזיין און ווידערגעבורט.

עס איז צוליב דעם צום אָפּפֿרעגן די „אַנוסים״־טעאָריע, וואָס מ׳האָט געפּרוווט אַנטוויקלען אין באַשטימטע ייִדישע קרייזן. די הויפּט־היפּאָטעזע האָט באַדאַרפֿט זיין, אַז די ייִדישע שרייבער אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד זיינען געווען מאַראַנען, באַהאַלטענע ייִדן, וואָס זיינען געצוווּנגען געווען צו שרייבן סאָוועטיש, אַ־נאַציאָנאַל. אמת, אַ סך (צופֿיל!) רדיפֿות און משוגעתן זיינען פֿאָרגעקומען, ספּעציעל אין די 30ער יאָרן, שוין אָפּגערעדט פֿון די סוף פֿערציקער און אָנהייב פֿופֿציקער. אמת, אַז אָפֿט איז איבער די שרייבער געלעגן אַ וואָלקן פֿון שרעק. אָבער די טעאָריע איז נאָך אַלץ אַ קרומע, מחמת זיי (ס׳רובֿ פֿון זיי!) האָבן געשריבן ווי ייִדן, ווי סאָוועטישע ייִדן — אָבער ווי ייִדן.

אין זיין אַרטיקל „זיינען געווען צווישן זיי אַנוסים?״, געשריבן אין 1951, שרייבט ש. ניגער (אין זיין בוך „ייִדישע שרייבער אין סאָוועט־רוסלאַנד״, ניו־יאָרק, 1958) וועגן דוד בערגעלסאָנען, אַז „ער האָט זיך פֿאַרגונען אַריינקוקן אין עין־יעקבֿ...״ (אין די פֿערציקער יאָרן, הייסט עס) און וועגן קושניראָוון, אַז „ער האָט זיך איצט ווידער פֿאַרבענקט נאָכן תּנ״ך...״ (אונטערגעשטראָכן פֿון מיר. „איצט״ באַציט זיך ווידער צו די פֿערציקער יאָרן. — א. ג.).

מיר ווייסן ניט ווי ווײַט די פאַקטן, וואָס ש. ניגער גיט איבער, אין אימיצן אַנדערשס נאָמען, זײַנען וואָרע, זייער מיגלעך אַז יאָ. אָבער, בעת ש. ניגער איז סומך זײַן אַנוסים־טעאָריע אויף בערגעלסאָנס פאַרלאַנג אַרײַנצוקוקן אין עין־יעקבֿ און קושניראָווס פאַרבענקען זיך נאָכן תּנ״ך, פאַרזעט ער אָבער כאַשטשעוואַצקיס טעמעס, האַלקינס „בר־כּוכבא״, קוש־ניראָווס לידער און זײַן „הירש לעקערט״, האָפשטיינס „איך גלויב״ — אַלץ ווערק וואָס זײַנען ש. ניגערן גוט באַקאַנט און וואָס שפּרודלען מיט נאַציאָנאַל־ייִדישע אַטריבוטן און מיט אַ קולטור־קאָנצענטראַט פון דורות. לאָמיר ציטירן בלויז עטלעכע שורות פון האָפשטייננען:

„יאָ, איך בין גרויס / נאָך מער, נאָך מער, / דערמיט / וואָס
איך געהער צו די / וואָס זיי איז אויסגעפאַלן דער באַשער /
זיך האַרטעווען און שטאָלן זיך / אין קאַמף, אין שטאָלצער מי. /
איך בין אַ ייִד / פון נײַעם שניט...״.

אַוודאי האָט זיך די צײַט שאַרף געענדערט, אָבער דער פאָדעם האָט זיך נאָך אַלץ געצויגן, כאָטש דער טאָן האָט געמוזט ווערן אַנדערש. דער חלום פון אַ נײַער וועלט האָט געהאַלטן בײַם ווערן אַווירקלעכקייט. פאַר באָוושאָווערס ראָמאַנטיזם פון דער רעוואָלוציע, פאַר עדעלשטאַטס לײַרישן סענטימענטאַליזם און זײַן נאַיִווער דערוואַרטונג, אַז אָט־אָט וועט די נײַע וועלט קומען, זײַנען געווען גענוג דער מינאָרער טאָן (כאָטש באָוור־שאָווערס טאָן איז ניט אַלע מאָל געווען מינאָר), די נעפּל־פעדעם פון פאַנטאַזיע, די מטושטשע פאַרבן פון חלום. ווען דער חלום ווערט פלוצעם אַ קאָנקרעטע ווירקלעכקייט, בײַט זיך דער טאָן, ער ווערט קאַרדינאַל שאַר־פער, דער אָטעם ווערט אַ שנעלערער, דער ריטם אַ מער אימפּעטיקער, די באַזאַכטקייט ווערט פאַרלוירן. דער פאָדעם אָבער, דאָס המשכדיקע, גייט אַלץ אָן.

ג.

ווען אָשר שוואַרצמאַן מאָלט („אין אויפשטאַנד״) די מחנות וואָס שטו־רעמען די אַלטע וועלט

„פון הײַזער אָרעמע, פון שטיקנדיקע וואַרשטאַטן,
פון לאַנגע וואָגל־נעכט, פון הונגעריקע טעג,
געקומען זײַט איר, ברידער מײַנע, פילע,
צו ווײַזן דעם פרײַז פון שטילער מי,
דעם ווי פון אײַער לײַב,
דעם אויסגעשריי פון דורות און פון צײַטן״ —

פירט ער דורך צוויי היסטאָרישע מיסיעס: ער לאָזט אין גאַנג עדעל־שטאַטס פּראָלעטאַריער, אַבֿרהם רייזענס אַרבעטורער און אָרעמעלײַט, אַפילו שלום אַשס חבֿרה „דרײַ פייען״, אַפילו נאָמבערגס „פאַרלוירענע

אינטעליגענטן" — די אַלע וואָס האָבן אין משך „פֿון דורות און פֿון צײַטן" ניט געוווּסט ווי מען שטעלט אַ טראָט. גלײַכצײַטיק ווערן זײַנע לידער — און ניט מער ווי געציילטע לידער — דער אָנהייב פֿון אַ נײַער ליטעראַטור אויף ייִדיש, וואָס פֿאַרקערעוועט זיך אויף אַ נײַעם שליאַך און ראַנגלט זיך מיט נײַע, ביז איצט נאָך ניט געאָנטע, פּראָבלעמען. בײַ שוואַרצמאַנען פֿילט זיך נאָך אַלץ אַ רעטאָרישקייט, שיר נישט אַ תּנ"כישע הויכקלינגעוודיקייט. אָבער — זײַן פֿורעם איז נײַ, די שורה קורץ, דער פֿערז פֿרײַ. ער איז שנעל־אָטעמדיק און פֿריש, ווי ס'איז געווען די צײַט, וואָס האָט אים געבערט.

אויף דער אַלטער פֿראַגע, צי די סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראַטור איז באמת געווען אַ נאַציאָנאַלע, קאָן דעריבער זײַן בלויז איין ענטפֿער: זי האָט קיין אַנדערע ניט געקאָנט זײַן. אמת, אַ סך ייִדישע שרײַבער האָבן גלײַך פֿון אָנהייב געשריבן ווי אינעווייניקסטע אין דער רעוואָלוציע. זיי האָבן אָבער גלײַך פֿון אָנהייב אַרײַנגעטראָגן אַלע נאַציאָנאַלע פֿאָלק־איינגעטימלעכקייטן, דעם גאַנצן אָנזאַמל פֿון אַ דורותדיקער ייִדישער קול־טור. ניט ריכטיק, אַז ערשט אין די 40ער יאָרן איז די סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראַטור געוואָרן אַ פֿאַרטיפֿט נאַציאָנאַלע. זי איז דאָס געווען פֿון אָנ־הייב אָן. די שרײַבער אירע זײַנען געווען קינסטלערס, וועמעס וואָרצלען האָבן געשטעקט אין די טיפֿענישן פֿון פֿאָלק. זיי האָבן געבראַכט מיט זיך די קולטור־זכרונות און קולטור־אַטריבוטן פֿון אַ פֿאָלק מיט וועמען זיי האָבן די פֿעדעם קיין מאָל ניט איבערגעריסן. די ייִדיש־סאָוועטישע ליטעראַטור וואָלט געווען אַ קנאַפּערע, פֿון אַ קלענערער נאַציאָנאַלער ווערט, ווען זי וואָלט ניט האָבן געווען דער המשך פֿון אַ דורותדיקער שעפֿערישקייט, מחמת עס קאָן בכלל ניט זײַן בײַ אַ פֿאָלק אַ ליטעראַטור אָן נאַציאָנאַלע פֿעדעם, אָן פֿאָלקישע ווערטן. דער אַוואַנגאַרדיזם אין דער קונסט, דער ריינער פֿאָרמאַליזם קאָן זיך באַגיין אָן נאַציאָנאַלע וואָרצלען, אָבער ניט אַ ליטעראַטור, וואָס פּרוּווט איבערגעשטאַלטן דעם מענטש און העלפֿן אַ פֿאָלק זיך אײַנפֿעדעמען אין דעם מאָרגנדיקן טאָג. (צו־גאָב (1978): כּדי אַ ליטעראַטור זאָל בכלל זײַן אַ ליטעראַטור, דאַרף זי האָבן אַ נאַציאָנאַל פּנים און נאַציאָנאַלע וואָרצלען, אַנדערש קאָן גע־שיכטלעך גאָרניט געמאָלט זײַן. פּראָקלאַמירן אַ סאָציאַליסטישע ליטעראַ־טור, פּער סע (פֿאַר זיך אַליין), אָן נאַציאָנאַלע אַטריבוטן, איז הוילער נאָנסענס. ס'איז אַקוראַט ווי שאַפֿן אַ טעאָריע פֿון אַ סופּראַ־נאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, אַ סאָציאַליזם איבער פֿעלקער און לענדער. צוגעשריבן אין 1978 — א. ג.).

אין הסכּם מיט דער טראַדיציע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַלגעמיין, האָט די סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראַטור אַרויסגעוויזן זעלטענע געטרײַשאַפֿט און אין פּראָצעס פֿון פֿאָלקס ווידערגעבוירן ווערן געשפּילט אַן אַנטשיידנדיקע היסטאָרישע ראָלע.

אַ נאַציאָנאַלע ליטעראַטור פֿון גרויסן פֿאַרנעם איז דאָס געווען. אין

דער גאַנצער סאָוועטיש־ייִדישער קולטור איז זי, די ליטעראַטור, געווען דער וויטאַלסטער עלעמענט, אין נאַציאָנאַל אידייאישן זין. די סאָוועטיש־ייִדישע דערציִונג, וואָס איז געווען אין גאַנצן אויסגעהוילט פֿון נאַציאָ־נאַלע עלעמענטן — האָט ניט געלערנט קיין געשיכטע, האָט איגנאָרירט די יום־טובֿים, אַפֿילו די פֿרײַהייטלעכע — האָט זיך פֿיל־וויניק געראַ־טעוועט דורך דעם, וואָס דער ליטעראַטור־לימוד האָט די קינדער גע־געבן אַ געפֿיל פֿון שײַכות און קרובֿהשאַפֿט מיטן פֿאָלק. די שפּראַך אַליין, ייִדיש, איז עס ניט געווען בכּוח צו טאָן.

ג.

דער איבעררײַס איז געקומען אין די 30ער יאָרן, ווען עס האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז די ליטעראַטור האָט אָנגעהויבן פֿאַרלירן איר נאַציאָ־נאַל פּנים. די פֿאַרשפּיצטע, כּלומרשט מאַרקסיסטישע קונסט־טעאָריעס האָבן אָנגעטאָן אַ סך שאָדן. די סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראַטור־קריטיק איז געוואָרן קרענקלעך סעקטאַנטיש, זי האָט געשטויסן — אָדער גע־פּרווּט שטויסן — די ליטעראַטור־שאַפֿונג אויף זײַטיקע סטעזשקעס, אין אַ־נאַציאָנאַלע הינטערגעסלעך.

אין זײַן נאָכוואָרט צו שמואל האַלקינס לידער (מאָסקווע, 1966) שרײַבט ישׂראל סערעבריאַני:

„אייניקע ראַפּפּישע קריטיקער האָבן געשטויסן האַלקינען, ווי אַ רײ אַנדערע דיכטער, אויפֿן וועג פֿון גרילצנדיקער דעקלאַראַטיווקייט. אָט־די קריטיק האָט זיך אָפּט געסטאַרעט אָפּטרײַבן דעם דיכטער פֿון אַל דאָס נאַציאָנאַלע, געפּרווּט קינסטלעך באַגרענעצן די מאָטיוון פֿון זײַן אָרגאַ־נישן שאַפֿן...". *

עס איז באמת אַ ווונדער, אַז די ליטעראַטור האָט אויסגעהאַלטן דעם אָנפֿאַל פֿון דער „גרילצנדיקער דעקלאַראַטיווקייט". דאָס אויסהאַלטן גופֿא איז אַ בולטער באַווײַז אויף איר גאַנצקייט און אינערלעכן כּוח.

אַפֿילו דער זעלטן פֿייַקער און פּאַרטיפּטער מ. וויִנער, איינער פֿון די סענסיטיווסטע ערודיטן צווישן אַלע ליטעראַטור־קריטיקער וואָס מיר האָבן פֿאַרמאָגט, איז אַ צײַט געווען אַ קרבן פֿון דער סעקטאַנטישער פֿאַר־שפּיצטקייט און שמאָלקייט. אין זײַן אַרבעט „די סאָציאַלע וואָרצלען אין שלום עליכמס הומאָר" (געשריבן אין 1931 און געדרוקט ווי אַן אַרײַנ־פֿיר צו שלום עליכמס „מאָטל פּייסי דעם חזנס"), מאַכט ער עטלעכע באַהויפּטונגען, וואָס זײַנען אין סאַמע תּוך אַזוי קרום און פֿאַלש, אַז עטלעכע יאָר שפּעטער טרייסלט ער זיך אַליין פֿולשטענדיק אָפּ פֿון זיי. לאָמיר אַרויסנעמען עטלעכע קורצע ציטאַטן פֿון דער ערשטער אַרבעט

---

* אינטערעסאַנט: „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט איבערגעדרוקט דעם אַרטיקל אומ־דזערן — און אַרויסגעלאָזט אָט דעם ציטאַט סערעבריאַניס, וואָס מיר האָבן אַרויס־גענומען פֿון דער לידער־זאַמלונג פֿון שמואל האַלקין וואָס איז דערשינען אין מאָסקווע.

און זיי אַנטקעגנשטעלן טייל אַרויסזאָגונגען פֿון דעם זעלבן מ. ווינער געציילטע יאָרן שפּעטער. אין 1931, רעדנדיק וועגן דעם ווי שלום עליכם שילדערט זײַנע קינדער־העלדן, זאָגט ווינער: „דעריבער, אַז ער באַקלאָגט די נויט און די דחקות פֿון קינדער... שילדערט ער דאָס ניט אַלס דעם טיפּישן גורל פֿון קינדער פֿון עקספּלואַטירטע, נאָר אַלס אַן אומגליק וואָס שטאַמט סוף־כּל־סוף פֿון נאַציאָנאַלע סיבות... פֿון אַן עקאָנאָמישער לאַגע אין וועלכער עס איז דער עיקר שולדיק דער אַנטי־סעמיטיזם״.

אויף אַן אַנדער אָרט זאָגט ער: „דער גרויסער שרײַבער האָט דעם פּראָלעטאַריאַט מיטגעפֿילט אַזוי ווי אַ ראַדיקאַלער קליינבירגער, וואָס וויל זיך ניט אָפּרײַסן פֿון זײַן קלאַס, קאָן אים מיטפֿילן...״

און נאָך שפּעטער, רעדנדיק וועגן שלום עליכמס הומאָר, באַצייכנט אים ווינער ווי אַ הומאָר „וואָס גרײַפֿט ניט אָן, וואָס דאַרף בלויז פֿאַרענטפֿערן און פֿאַרטיידיקן דעם קלאַס וועלכן ער דריקט אויס... וואָס דאַרף פֿאַררעדן די ציין און 'טרייסטן'... אין אמתן איז דער דאָזיקער כּלומרשט לײַכט ווויצלדיקער הומאָר אַן אויסדרוק־פֿאָרם פֿון אַ רעזיגנירנדיקער, אויסזיכטלאָזער און זייער געדריקטער קלאַסאָווער שטימונג״ („צו דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין 19טן יאָרהונדערט״, איקוף־פֿאַרלאַג, באַנד 2, ז״ז 252, 253, 273).

לאָמיר זען וואָס דערזעלבער מ. ווינער זאָגט מיט געציילטע אַכט יאָר שפּעטער, ווען ער טשוכעט זיך אויס פֿון דעם דרוק פֿון די „שטויסנדיקע קריטיקער״. אין זײַן אַרבעט „וועגן שלום עליכמס הומאָר״ (אַ זעלטן פֿאַרטיפֿטע און אייניציקאַרטיקע אָפּשאַצונג אין דער ייִדישער ליטעראַטור־קריטיק!) שרײַבט ער אַזוי: „אין שלום עליכמס ווערק מאַכט דאָס ייִדישע פֿאָלק קלוג־חוזק פֿון זײַנע אייגענע פֿעלערן. שלום עליכמס הומאָר איז אַן אייגנאַרטיקער אויסדרוק פֿון טיפֿער באַדאַכטזאַמער און שיינער קלוגשאַפֿט פֿון דעם פֿאָלק... אַ מין הומאָר וואָס זאָגט עדות, אַז מ'פֿאָלט בײַ זיך ניט אַראָפּ אין אַ צײַט פֿון אומגליק, אַז מען פֿאַרמאָגט מוט און זעלבסט־באַהערשונג... דאָס איז אַ נאָבעלער גראַציעזער אופֿן בײַצוקומען אַן אומווירדיקע לאַגע אין וועלכער מען געפֿינט זיך, ניט איבער אייגענער שולד... אַזאַ מין געלעכטער דערלאָזט נישט, אַז מען זאָל זיך דעם אויפֿגעבראַכטן צאָרן אַראָפּרעדן פֿון האַרצן דורך קלאָגעניש... וויפֿל אימהדיקע טראַגיק איז דאָ גראָד אין דעם 'לײַכטן', כּמעט הומאָריסטן אופֿן..״ (ז״ז 285־287־289־291, אין דעם אויבן־ציטירטן ווערק).

דאָס ציטירטע באַווײַזט וויפֿל שאָדן עס איז אָנגעטאָן געוואָרן דער ליטעראַטור און ווי אַזוי די אמתע שאַפֿער — און מ. ווינער איז געווען איינער פֿון די עכטסטע — האָבן זיך געראַנגלט און סוף־כּל־סוף מנצח געווען. „מנצח געווען״, ווען ס'האָט אַ בלאָז געטאָן אַ ביסל פֿרײַהייט און מען האָט דערלויבט דעם שרײַבער אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך דעם כאָמוט פֿון קאָנפֿאָרמיזם און גלײַכשאַלטונג. דער סאַמע בעסטער באַווײַז: ווען ווינער

אַליין צייט צוריק זײַנע רייד פֿון 1931. אויף אַן אַנדער אָרט, אין דער זעלבער אַרבעט, זאָגט ער: „וועגן שלום־עליכמס קינדער־מעשׂיות האָב איך אַמאָל [1931] אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ זייער איינזײַטיקער, דעריבער פֿאַלשער אײַנשטעלונג געשריבן עטלעכע אומריכטיקע באַהויפּטונגען...‟ (ז. 354; מײַן קורסיוו. — א. ג.).

בפּירוש, אַ וווּנדער, אַז די ליטעראַטור איז אַרויס אַ גאַנצע פֿון די קריטיקערס הענט. אונדזער אײַנדרוק איז, אין רעטראָספּעקט, אַז אפֿשר איז דער וווּנדער גאָרניט אַזוי גרויס. די שרײַבער, די אמתע שאַפֿערס, האָבן זיך, ווײַזט אויס, ווייניק צוגעהערט צו דער קריטיק. אָפֿט, צו אָפֿט, האָט דער שרײַבער זיך געמוזט „צוהערן‟ — זײַן זיכערקייט — און אָפֿט זײַן לעבן — זײַנען געשטאַנען אין קאָן. גערעכט איז סערעבריאַני, ווען ער זאָגט, אַז „אָט־די קריטיק האָט זיך אָפֿט געסטאַרעט אָפּטרײַבן דעם דיכטער פֿון אַל דאָס קאָנקרעטע, נאַציאָנאַלע...‟. מיר שטרײַכן מיט אַ כּיוון אונטער דעם אויסדרוק געסטאַרעט, משמעות, אַז עס איז איר ניט אַלע מאָל געלונגען. מען דאַרף קאָנסטאַטירן, אַז אין די 30־ער יאָרן זײַנען געשאַפֿן געוואָרן אַזעלכע ווערק פֿון גרויסן נאַציאָנאַלן באַטײַט, דויערנדיקע ייִדישע ווערק, ווי: בערגעלסאָנס „פּענעק‟, נסתּרס „משפּחה מאַשבער‟, קולבאַקס „בויטרע‟ און „זעלמעניאַנער‟, מאַרקישעס „ברידער‟, אבֿרהם קאַהאַנס „אהרן ליבערמאַן‟, כּאַשטשעוואַצקיס היסטאָרישע באַלאַדעס — „דוד און גלית‟, „שמשון און דלילה‟, „יעל און סיסרא‟, און אַנדערע.

דער פֿאָדעם פֿון נאַציאָנאַלער אינהאַלטלעכקייט האָט זיך בפּירוש ניט איבערגעריסן. די ייִדישע ליטעראַטור, פֿאַרוויקלט אין פֿלאָנטער פֿון סעקטאַנטישן דרוק, אַ טייל פֿון אַ לאַנד וואָס איז דורכגעגאַנגען אַ פֿיבערדיקן סאָציאַליסטישן איבערבוי, איז נאָך אַלץ געבליבן מיט טיפֿע נאַציאָנאַלע וואָרצלען. איז זי געווען ווייניקער סאָציאַליסטיש צוליב דעם, אָדער איז איר סאָוועטישע אינטעגרירטקייט געווען אַ קנאַפּערע צוליב אירע ייִדישע וואָרצלען? פֿאַרשטייט זיך, אַז ניין. בלויז אַ פֿאַרקרימונג פֿון ביידע באַגריפֿן — דעם נאַציאָנאַלן און דעם סאָציאַליסטישן קאָן זען אַ קעגנזײַטיקע סתּירה אָדער קעגנזײַטיקע אויסשליסונג אין זיי.

ד.

דאָס וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין די פֿערציקער יאָרן, אין די יאָרן ווען דאָס לעבן פֿון פֿאָלק איז געלעגן אויף דער שאָל פֿון וואָג, האָט צו זיך קיין פֿאַרגלײַך ניט אין דער גאַנצער ייִדישער ליטעראַטור איבער דער וועלט. פֿון דער אַנטוויקלונג אין די 40־ער יאָרן קאָן מען ציִען עטלעכע יוצא לנוס: פֿון איין זײַט, פֿאַרלײַכטערט דאָס אונדזער קריטיק אויף די דרײַסיקער יאָרן — דער פֿאָלקישער אויפֿברויז פֿון די פֿערציקער וואָלט ניט מעגלעך געווען, ווען די נאַציאָנאַלע וואָרצלען וואָלטן פֿאַרטריקנט געוואָרן אין די דרײַסיקער יאָרן. פֿון דער אַנדער זײַט, זאָגט עס פֿאָרויס די שעפֿערישקייט פֿון דער נײַער סאָוועטישער ליטעראַטור זינט

„סאָוועטיש היימלאַנד" האָט אָנגעהויבן דערשײַנען: זיי, די איצטיקע סאָוועטיש־ייִדישע שרײַבער, האָבן אָן אומדערשעפּלעכע ירושה הינטער זיך, אַ לעבעדיקן קוואַל פֿון וואָס צו שעפּן. גלײַכצײַטיק, פֿאַרגרעסערט עס אין אונדז דעם ניט־געשטילטן ווייטיק פֿון היזק און דעם פֿאַרלאַנג, אַז דער המשך פֿון דער שעפֿערישקייט זאָל געזיכערט ווערן.

אמת, בלויז דער קאַטאַקליזם, אַ פֿאָלק־קאַטאַסטראָפֿע האָט געקאָנט אַרויסרופֿן אַזאַ מין איבער־די ברעגן־כוואַליענדיקע שעפֿערישקייט. פֿון אַנדערע נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפֿעס זײַנען אונדז געבליבן אייניציקע ווערק — אַן איכה ישבה, אַ סליחה וואָס בעט גאָט ער זאָל נקמה נעמען פֿאַרן פֿאַרגאָסענעם בלוט (די סליחה „אלהים אל דמי לדמי" אין צײַט פֿון ערשטן קרייצצוג), אַן אַלטער פּינקס, וואָס באַווייִנט אַ גירוש, ביאַליקס „שחיטה שטאָט" און ל. שאַפּיראָס „דער צלם" נאָך 1905 — קיין מאָל אָבער האָט אַ גאַנצע ליטעראַטור אַזוי ניט אַרומגענומען אַ פֿאָלק, אים געוווישט די טרער, באַווייִנט זײַנע טויטע, געטרייסט מיט האָפֿענונג, געוועקט זײַן צאָרן און געמונטערט צום קאַמף, ווי די סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראַטור אין יענע יאָרן.

דער אָנשפּאַר אויף דער געשיכטע איז געווען אַן אוניווערסאַלער. די גאַנצע קולטור פֿון פֿאָלק איז ווי צו־הילף געקומען, פֿעדעם האָבן זיך געצויגן הונדערטער און טויזנטער יאָר צוריק, נאַציאָנאַלע זכרונות האָבן אויפֿגעוואַכט. די סימבאָליק פֿון פֿאָלק איז באַנײַט געוואָרן און האָט איבערספּירירט די שלאַכטן פֿון איצט — אַ שנירל פּערל, וואָס האָט געלעבט בירושה אין דער משפּחה (פּעפּער), דורותדיקע יאָרצײַט ליכט האָבן זיך צוריק אָנגעצונדן (בערגעלסאָן), כּל נדרי קריגט אַ נײַעם תּיקון, ווען דער זקן אין טלית, ערבֿ יום־כּיפּור, דערהרגעט דעם נאַצי און שעפּטשעט דערבײַ: „על דעת המקום..." (מאַרקיש, „מלחמה").

ווען מ'זאָל אונטערפֿירן דעם סך־הכּל פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור איבער דער וועלט אין די פֿערציקער יאָרן און אים פֿאַרגלײַכן מיט דעם סך־הכּל פֿון דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור אין די יאָרן פֿון גרעסטן אומגליק פֿון אונדזער פֿאָלק, וואָלט די סאָוועטישע ליטעראַטור אַריבערגעוויגן.

די ווערק וואָס זײַנען געשאַפֿן געוואָרן שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ נאַציאָנאַל פֿאַרמעג אויף עולמות. ווי גײַסטיק אָרעמער מיר וואָלטן געווען ווי אַ פֿאָלק, ווען מיר האָבן ניט פֿאַר זיך די פּנקסים פֿון העלדישקייט, מסירת־נפֿש, שינאה צום שׂונא און געלײַטערטער ליבשאַפֿט צום פֿאָלק, וואָס די סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראַטור האָט דעמאָלט געשאַפֿן.

ווען „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט זיך באַוויזן, האָט אַ פֿלייץ־געטאָן מיט זעלטענער שעפֿערישקייט, מיט אַזוי פֿיל טאַלאַנט, מיט אַזאַ דערהויבענער קוואַליטעט, אַז די סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראַטור הייבט ווידער אָן פֿאַרנעמען אַ צענטראַל אָרט פֿון פֿאָלק־שאַפֿן אויף ייִדיש. ס'איז גענוג צו דערמאָנען האַלקינס לידער, וואָס ער האָט געשריבן אין די 50־ער יאָרן,

שעכטמאַנס קנאַכיקער „ערבֿ", ווי ער וואָלט סינטעזירט דעם נסתּר מיט בערגעלסאָנען, משה טײַפֿס לידער און זײַן איבערדיכטונג פֿון „שיר השי־רים", די לידער פֿון זיאַמע טעלעסין, מאָטל גרוביאַן, שיקע דריז, אהרן ווערגעליס, רחל בוימוואָל, נאָטע לוריעס „הימל און ערד", שמואל גאָר־דאָנס „פֿרילינג", הערשל פּאָליאַנקערס „דער בעקער פֿון קאַלאָמייע". מען קאָן רעכענען און רעכענען, דער סך־הכּל ווערט אימפּאָזאַנטער מיט יעדן נאָמען.

אָבער צו דער געלעגנהייט פֿון די 50 יאָר (און דעם אומפֿאַרמײַדלעכן ציפֿער 15) מוזן מיר אויך אויסדריקן אונדזער טיפֿע אַנגסט, אונדזער צאַפּל פֿאַר דער צוקונפֿט. אויב קיין שולן זײַנען ניטאָ, אויב קיין טעאַטער איז ניטאָ, אויב קיין צײַטונג איז ניטאָ — טאָ ווו איז די צוקונפֿט? „כּל זמן עס ברענט דאָס ליכטל, קאָן מען נאָך פֿאַרריכטן", האָט ש. האַלקין געזאָגט. אָבער ווי לאַנג קען אַ ליכטל ברענען, אויב עס האָט ניט קיין זויערשטאָף און אויב מע גרייט ניט צו קיין נײַע ליכטלעך?

אַזוי פֿיל שטייט אין קאָן און ניט בלויז פֿאַר דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור, נאָר פֿאַר אונדז דאָ אויך. מיר, וואָס גלייבן אין אַ ייִדיש וועלט־פֿאָלק, מיר וואָס ווינקען זיך איבער און דערגאַנצן זיך איינער דעם אַנדערן, מיר, וואָס האָבן זיך געקוויקט מיט פֿעפֿערס לידער און מיט קושניראָווס און האָפּשטיינס און קולבאַקס לידער און מיט בערגעלסאָנס „פּענעק" און מיטן יונגן פֿייוול סיטאָ און זיי באַטראַכט ווי אונדזערע ווערק, מיר, וואָס האָבן בשותּפֿותדיק געטיילט מיט זיי ווינטשעווסקין און שלום עליכמען — מיר באַטראַכטן זייער שעפֿערישקייט ווי אַ קוואַל פֿון וועלכן מיר האָבן געטרונקען. פּאַקטיש זײַנען מיר צוזאַמען באַזונדערע קוואַלן, וואָס שפּײַזן דעם זעלבן נאַציאָנאַלן רעזערוואַר פֿון קולטור און המשך, און אויב איין קוואַל טריקנט אײַן, ווערט אָרעמער אונדזער גאַנ־צער קולטור־רעזערוו. פֿון דעם נעמט זיך אונדזער אַנגסט און אונדזער ניט־זיכערקייט מיט דער צוקונפֿט. אונדזער פּײַן און זאָרג ווערן נאָך שאַרפֿער, ווײַל אַנדערע קולטורן ווערן צוריקגעשטעלט און אונדזערע ניט.

מיט געמישטע געפֿילן פֿאַרצייכענען מיר דעם יום־טובֿ פֿון 50 יאָר סאָוועטיש־ייִדיש שאַפֿן. מיר גלייבן נאָך אַלץ, אַז עס זײַנען פֿאַראַן גענוג פֿאָלקישע לעבנסזאַפֿטן און גענוג נאַציאָנאַלער הונגער און נויטווענדיקייט, אַז די סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראַטור זאָל נאָך האָבן אַ לאַנג דורותדיקן באַטײַטפֿולן קיום.

(1967)

דער נאַציאָנאַלער אָדער אין דער סאָוועטיש־
יִידישער ליטעראַטור

א.

מײַן כוונה איז אָנצוטײַטן, אַז ניט קוקנדיק אויף אַלע אָפּוויי־כונגען, פֿאַרווירונגען און נגישות, וואָס די סאָוועטיש־יִידישע ליטעראַטור איז דורכגעגאַנגען, איז זי, געמאָסטן מיט דער מאָס פֿון פֿאָלקישע שײַכותן און דער טראַדיציע פֿון דער מאָדערנער יִדישער ליטעראַטור, אַרויס פֿון דעם פּראָצעס בלויז טיילווײַז צעשעדיקט. איך וויל פּרווון באַווײַזן, אַז בעת די יִדישע דערציאונג, למשל, איז אויסגעליידיקט געוואָרן פֿון יעדן נאַציאָנאַלן אינהאַלט און אָנהאַלט, ווײַל מע האָט בײַ איר צוגענומען די יום־טובֿים, אָדער אויסגעלאָשן דעם געשיכטע־לימוד, אָדער איבערגעריסן די אָנגעהעריקייט־פֿעדעם מיטן יִדישן פֿאָלק אי־בער דער וועלט — האָט די יִדישע ליטעראַטור זיך ניט געלאָזט אויס־הוילן פֿון דעם עבֿר און פֿאַרהיט אירע פֿאָלקישע וואָרצלען און שײַכותן, אַז זי האָט דורך דעם גאַנצן ווירוואַר ניט פֿאַרלוירן דעם היסטאָרישן זיכּרון און ניט דעם קנופּ מיט די פֿאַרגייערס — ניט בלויז, ווי עס איז אָנגענומען, ערשט אין די 40ער יאָרן, נאָר במשך איר גאַנצן קיום.

איך וויל אַקצענטירן, אַז די יִדישע ליטעראַטור אין סאָוועטן־פֿאַר־באַנד האָט — ווי מיר דאַרפֿן עס זען איצט, אויף דער טראַגישער ציק־לאַראַמע פֿון חורבן און אויסמאָרדונג פֿון אירע שרײַבערס — איר נאַ־ציאָנאַל־יִדישן כאַראַקטער ניט אָנגעווירן, אַז אַ פֿאָלקישער אָדער האָט — ווען שטאַרקער, ווען שוואַכער, ווען באַהאַלטן, ווען ניגלה — גע־קלאַפּט אין איר, און אַז זי האָט אירע פֿעדעם מיט דער אומה — ניט קוקנדיק אויף אַלע דרויסנדיקע און אינעווייניקסטע דרוקן, און די האָבן געקאָנט אומברענגען אַ ווייניקער פֿאַרוואָרצלטע ליטעראַטור, ניט איבערגעריסן. איך וויל באַווײַזן, אַז זי איז געווען און געבליבן ניט אַ ליטעראַטור אויף יִדיש, נאָר אַ יִדישע ליטעראַטור.

איך זאָג דאָס אַלץ מיט אַ טאָפּלטן מין:

א) מיר דאַרפֿן פֿאַרשטאַרקן אונדזער געראַנגל פֿאַרן צוריקשטעל פֿון דער יִדישער קולטור אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, מחמת — אין שמואל האַלקינס ווערטער — „כּל זמן עס ברענט אַ ליכטל, קאָן מען נאָך פֿאַר־ריכטן". 10 יאָר פֿון איצט קאָן שוין זײַן אין גאַנצן צו שפּעט.

ב) מיר דאַרפֿן — הן אין ייִדיש, הן אין ענגליש — אַרויסגעבן זייערע ווערק, אָפּקלײַבן אַנטאָלאָגיעס פֿון זייערע שאַפֿונגען, זיי אײַנ־שליסן ניט נאָר אין אונדזערע לימודים אין די אוניווערסיטעטן, נאָר אין אַלגעמיינעם אוצר פֿון אונדזער ייִדיש־שעפֿערישקייט. מיטן אויס־נעם פֿון דעם 800־זײַטיקן „אַ שפּיגל אויף אַ שטיין" פֿאַרמאָגן מיר זייער ווייניק, און אין ענגליש — בלויז ברעקלעך, צופֿעליק געקליבענע לי־דער, אַ שלעכטע, ניט רעפּרעזענטאַטיווע פּראָזע־זאַמלונג און דאָס כּמעט אַלץ.

דער גרויסער נס פֿון דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור און דער בעסטער אַטעסטאַט פֿאַר איר נאַציאָנאַלער וויטאַליטעט איז דער פֿאַקט, וואָס זי האָט אויסגעהאַלטן אי דעם אַלגעמיינעם דרוק פֿון שטאַט, וואָס האָט אָנגעטאָן גרויסן שאָדן דער גאַנצער סאָוועטישער ליטעראַטור, און אי דעם דרוק און די אַטאַקעס פֿון דער ייִדישער קריטיק — אַליין אַ קרבן פֿון דרוק פֿון שטאַט — און ניט פֿאַרלוירן איר צורת־ייִדישקייט. בעיקר, איז דאָס אָנגעמאָסטן אויף די אומגליקלעכע דרײַסיקער יאָרן (כאָטש פֿריִער אויך). וואָס מער מען לייענט זיך אַרײַן אין די קריטי־קערס, אַלץ גרעסער ווערט דער באַוווּנדער פֿאַר דער קרעאַטיווער לי־טעראַטור, פֿאַר איר כּוח זיך ניט אונטערצוגעבן און זיך לאָזן ברעכן, אַפֿילו ווען אַזוי פֿיל האָבן זיך געלאָזן בייגן, זיך געמוזט בייגן.

אין 1966, אין רעטראָספּעקט, פֿאַרסך־הכּלט די פֿאַרדאַרבנדיקע השפּעה פֿון די קריטיקערס דער סאָוועטיש־ייִדישער קריטיקער, ישׂראל סערעבריאַני. אין זײַן נאָכוואָרט צו שמואל האַלקינס לידער (מאָסקווע, 1966) שרײַבט ער:

„איינציקע ראַפּפּיסטישע קריטיקער האָבן געשטויסן האַלקינען, ווי אַ ריי אַנדערע דיכטער, אויפֿן וועג פֿון גרילצנדיקער דעקלאַראַטיווקייט. אָט די קריטיק האָט זיך אָפּט געסטאַרעט אָפּטרײַבן דעם דיכטער פֿון אַל דאָס נאַציאָנאַלע, געפּרווּט קינסטלעך באַגרענעצן די מאָטיוון פֿון זײַן אָרגאַ־נישן שאַפֿן..." (מײַן קורסיוו — א. ג.).

דאָס שליסלוואָרט צום ציטירטן פּאַראַגראַף איז „געסטאַרעט". משמעות, אַז סערעבריאַני גלייבט, אַז אין פֿאַל פֿון האַלקינען איז עס זיי ניט געלונגען, כאָטש זיי האָבן אָנגעטאָן אַ סך שאָדן און טעראָריזירט אַ גאַנצע ליטעראַטור. אינטערעסאַנט איז אויך, אַז סערעבריאַני אַקצענ־טירט, אַז דער הויפּטציל פֿון אָט דער טעראָר־קריטיק איז געווען „אָפּ־טרײַבן דעם דיכטער פֿון אַל דאָס נאַציאָנאַלע", און „באַגרענעצן די מאָטיוון פֿון זײַן אָרגאַניש שאַפֿן", הייסט עס: ער נעמט אָן, אַז דאָס נאַציאָנאַלע איז דער מאָטיוו פֿון דעם קינסטלערס אָרגאַנישן שאַפֿן.

כּדי אַרויסצוהייבן דעם נס פֿון דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור, וואָלט מען געקאָנט אָנהויבן בערג ציטאַטן פֿון דער קריטיק, וואָס שטרײַכן אונטער דאָס משוגעת און דעם ווילקיר פֿון דער עפּאָכע, ווען ס'האָט געשטיקט די טויטע האַנט פֿון סאָציאַליסטישן רעאַליזם.

אין דעם „אַלמאַנאַך פֿון יידיש־סאָוועטישע שרײַבער" (כאַרקאָוו־קיִעוו — 1934) געפֿינען זיך טרויעריקע אַטעסטאַטן אויפֿן ווירוואַר פֿון דער צײַט. א. האַלדעס, אין אַן אַרבעט „וועגן פּראָבלעמען פֿון סאָציאַליסטישן רעאַליזם", קלאָגט אָן האָפּשטיינען, אַז ער „האָט דעם גרעסטן טייל אַסאָציאַציעס אָפּגעקליבן פֿון דער אַלטער יידישער קולטור, דערבײַ האָבן זיי אָפֿט געדינט צו נאַציאָנאַליסטישע צוועקן"; קוויטקאָן ווארנט ער, אַז ער דאַרף בײַקומען „די פֿאָלקסטימלעכע פֿאָרעם, וואָס נעמט בײַ אים אָן צו מאָל דעם כאַראַקטער פֿון פּרימיטיוויזם"; פֿיניבערגן — זאָגט ער — „שטייט פֿאַר זיך צו באַפֿרייען פֿון די סימבאָליסטישע רעשטן. „מיט קיין סימבאָליסטישע מיטלען... קאָן מען זיך ניט אָנשליסן אין דער דיכטונג... פֿון סאָציאַליסטישן רעאַליזם".

זײַנע הויפּט פֿײַלן זײַנען געצילט קעגן מאַרקישן. בײַ אים געפֿינט ער „...נאַציאָנאַלע און שטעטלדיקע באַגרענעצטקייט און אַפֿילו נאַציאָנאַליסטישע מאָמענטן... אַ באַשטימטע אידעאַליזאַציע פֿון „בונד"...". ער באַשולדיקט מאַרקישן, אַז ווען ער געזעגנט זיך מיט דעם קלאַס פֿון „יאַרידניקעס און הענדלערס... פֿילט זיך אַ גרויסער וויטיק פֿון געזעגעניש...", ד. ה., אַז מאַרקיש, שילדערט די מענטשן פֿון אָפּגייענדיקן קלאַס, פֿון הענדלער־שטאָט ווי „פֿאַראורטיילטע נביאים און פֿילאָסאָפֿן... ער שלעפּט זיי אויפֿן באַרג אַפּריכטן זיי די קבֿורה..." (זײַט 270־271־272 — דאָס באַציט זיך צו „דור אויס, דור אײַן") און אַז „סוף־כּל־סוף געלינגט מאַרקישן אין דער גאַנצער פּאָעמע [„ברידער" — א. ג.] צו געבן פֿאַרצייכנט, אין מער־ווייניקער קאָנקרעטע שטריכן, דער עיקר דאָס שטעטלדיקע" (זײַט 258).

אין אַן אַרבעט פֿון כ. דוניעץ (וועלכער איז, אַגבֿ, אומגעקומען ערגעץ אויף פֿאַרשיקונג סוף 30ער יאָרן), „די יידישע־סאָוועטישע ליטעראַטור ערבֿ דעם שרײַבער־צוזאַמענפֿאָר", אין זעלבן אַלמאַנאַך, גרויסט זיך דער מחבר מיט דעם וואָס עס איז „אין אַ באַשטימטער מאָס דורכגעפֿירט געוואָרן אַ קריטיק פֿון דעם נאַציאָנאַליסטישן שטראָם אין דער ליטעראַטור"... ער טרעט אויך אַרויס קעגן „באַשטימטע מעכאַניש די שול פֿאַרן קינד לויטן נאַציאָנאַלן פּרינציפּ" און האָט טענות צו נאָטע לוריע פֿאַר זײַן „תּחום־צוגאַנג... [און] סמאַקעווען דאָס יידישלעכע", הלמאַי יענער האָט באַשריבן דעם „יידישן קאָלווירטניק", און פֿאַרפֿעלט די „ברייטע אַטמאָספֿערע פֿון דעם גאַנצן לאַנד..." (זײַט 225). ער לויבט טייל שרײַבער פֿאַרן „דערפֿאָלגרײַכן אויפֿדעקן די וואָרצלען פֿון יידישן נאַציאָנאַליזם".

(אַ פֿאַרבײַגייענדיקע באַמערקונג: דוניעץ קריטיקירט די צוויי באַוווּסטע יידישע פֿילאָלאָגן, נ. שטיף און א. זאַרעצקי, הלמאַי זיי האָבן אין דעם „אָרטאָגראַפֿישן ווערטערבוך", פֿון דעם אינסטיטוט פֿאַר יידישער קולטור אין אוקראַינע (פֿאַרלאַג „עמעס", 1932), אײַנגעשלאָסן און „קאַנאָניזירט" אַזעלכע ווערטער און אויסדרוקן ווי „מים אחרונים, מזג טובֿ, חי וקיים, עבֿודת פּרך,

אומר ועושה, בשעתו, עולם התוהו, עוקר מן השרש" א. א.

ניין, עס האָט די קאָמיסאַרן ניט געהאָלפֿן. עס איז קאַרדינאַל פֿאַלש די באַהויפּטונג וואָס מיר האָבן געזען ביי אוירוויגג האַו, אין זיין אַריינפיר צו דער „טרעזשורי אָוו יידיש פּאָעטרי", אַז די יידישע שפּראַך אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור איז אויסגעליידיקט געוואָרן פֿון אירע העברעישע עלעמענטן. די אַלע אויסגערעכנטע ווערטער און הונדערטער, הונדערטער אַנדערע זיינען געבליבן לעבן אין דער שעפֿערישער שפּראַך פֿון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור — ביים נסתר און ביי בערגעלסאָנען, ביי פּרץ מאַרקישן און עלי שעכטמאַנען און איציק קיפּניסן און שמואל האַלקינען און נאָטאַן זאַבאַרען און ביי אַזוי פֿיל אַנדערע. ניט די שפּראַך, ניט די לעקסיק און ניט די היסטאָרישע אַלוזיעס זיינען אַנדערש געוואָרן, ניט קוקנדיק אויף דעם פֿאַקט וואָס אַ שלל נייע ווערטער — נעאָלאָגיזמען — געלונגענע, און טייל אומגעלומפּערטע, אומגעלומפּערט אַריינגעשלעפּטע, האָבן אַריינגעפּליצט אין דער שפּראַך).

ב.

אין 1947, אין נומער איינס פֿון דעם זשורנאַל „היימלאַנד" וואָס האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין מאָסקווע, געפֿינען זיך צוויי דעקלאַראַציעס, וואָס זיינען איצט פֿון היסטאָרישן באַטייט.ביידע פּרווון פֿאַרסך־הכּלען די ערשטע 30 יאָר פֿון דער יידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור. שרייבט אהרן קושנעראָוו, דער הויפּט־רעדאַקטאָר פֿון „היימלאַנד":

„אָנהייבנדיק אַ נייעם פּעריאָד אין דער געשיכטע פֿון דער יידישער ליטעראַטור, האָט די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור מיט געפֿיל און טיפֿסטן דרך־ארץ אויפֿגענומען און טריי געירשנט דאָס בעסטע און פּראָגרעסיוועסטע וואָס אונדזער פֿאָלק האָט דורות־לאַנג געשאַפֿן. דרייסיק יאָר יידיש־סאָוועטישע ליטעראַטור האָבן באַוויזן ווער איז דערווירקלעכער יורש, אַפּשאַצער און פֿאַרזעצער פֿון מענדעלע, פּרץ, שלום עליכם, וויגטשעוועסקי און אַנדערע קלאַסיקער אונדזערע".

נאָך קלאָרער ברענגט עס אַרויס י. נוסינאָוו, אין זיין אַרטיקל „גרויסע סך־הכּלען" („היימלאַנד", נומער 1, מאָסקווע, 1947):

„די סאָוועטישע יידישע קולטור, ליטעראַטור, קונסט האָט אויף איר אופֿן איינגעזאַפּט אין זיך די ביז־אָקטאָבערישע יידישע קולטור. אין די בילדער און מאָטיוון פֿון דער סאָוועטישער יידישער קונסט זיינען איינגעוועבט בילדער און מאָטיוון פֿון תּנ"ך, פֿון די פֿאָלקסטימלעכע אגדת־אוצרות, פֿון די מיטלעלטערלעכע יידישע דיכטער און פֿאָלקס־לעגענדעס פֿונעם טראַגישן מיטלעלטער, פֿונעם פֿאָלקס־שאַפֿן פֿון די לעצטע יאָרהונדערטער און פֿון די קלאַסישע ווערק פֿון די גרונטלייגער פֿון דער נייער יידישער ליטעראַטור, און ניט בלויז דאָס פֿילדורותדיקע דיכטעריש־שעפֿערישע וואָרט, וואָס דאָס יידישע פֿאָלק האָט אין משך פֿון דורות פֿאַרמאָגט, איז און ווערט פֿאַראייגנט דורך דער סאָוועטישער יידישער קינסטלערישער קולטור, נאָר אויך די טראַדיציע פֿון פֿיל־דורותדיקן העל־

דישן און מסירת־נפשדיקן טאַט פון אונדזער פאָלק וועבט דורך די גאַנצע סאָוועטיש־ייִדישע סאָציאַליסטישע קולטור...

„די פאַרגאַנגענהייט ווערט דערביי אָפּגעשאַצט מיט דער אמתדיקייט און אָביעקטיוויקייט, וועלכע שטאַמט פונעם סאָציאַליסטישן וועלט־באַנעם און זיכערט די מעגלעכקייט אָפּצוואַרפן אַלטע פאַרשטויבטע שמות און פרוכטבאַר שעפעריש אויפלעבן און פאַראייביקן אמתע וועלט־היסטאָרישע און נאַציאָנאַל־היסטאָרישע ווערטן...”

כאָטש א. קושניראָוו און נוסינאָוו רייד, אַרויסגעזאָגט אין אַן אַט־מאָספערע פון אַ קיצור־ימימדיקן אויפבלי פון פרייהייט, קלינגען איצט, געגנוי 33 יאָר שפעטער, אויפן הינטערגרונט פון דעם חורבן פון דער ייִדישער קולטור און דער אויסמאָרדונג פון אירע שאַפערס (קושניראָוו איז געשטאָרבן אין 1949, זיין פרוי איז שפעטער אַרעסטירט געוואָרן; נוסינאָוו איז אַרעסטירט געוואָרן אין 1949 און איז געשטאָרבן אין טורמע אין 1951, אָדער אין לוביאַנקאַ, דעם 12טן אויגוסט, 1952) — כאָטש זייערע ווערטער קלינגען איצט אַזוי טראַגיש, דריקן זיי אָבער אויס אַן אָפּשאַץ צו וועלכן מיר דאַרפן זיך ערנסט צוהערן.

ג.

איצט, אין רעטראָספעקט, אַוועקשאַרנדיק דאָס שפינוועבס פון אַלטע פאַרס און קעגנס וויל איך זאָגן: אויב איך נעם אָן, אַז די ייִדישע ליטעראַטור איז פאַר אונדז די אָנגייענדיקע שנור פון פאָלקישער שעפערישקייט און המשכדיקייט, וואָס גיט זיך תמיד אָפּ מיט צווייִ תוך־פּראָבלעמען — דאָס ייִדישע פאָלק אין קאָנטעקסט פון אַ ניַיער, שנעל אַנדערש ווערנדיקער וועלט און דער ייִדישער יחיד אין פלאָנטער פון זוכעניש און בלאָנדזשענישן, כּדי צו געפינען זיינע שייכותן מיט פאָלק און וועלט; אויב איך נעם אָן, אַז די ליטעראַטור האָט געהאָלפן דעם פאָלק אַריבערגיין היסטאָרישע שוועלן, סאָציאַלע און געאָגראַפישע, און אָנגעהויכט דעם יחיד מיט אַ געפיל פון זעלבווערטיקייט און זעלבדערקענטעניש אין אַ זיך שנעל ענדערנדיק און דערשרעקנדיק ניַיע לעבן; אויב זי איז געווען סאָציאַל אָנגעלאָדן און האָט אים געהאָלפן פאַרשטיין דעם איצט און פאַרהיטן זיינע וואָרצלען — און דאָס איז אמת וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור אי אין מזרח־אייראָפּע און אי אין די אַמעריקעס — אויב דאָס איז מיַין מאָס, — האָט די סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראַטור זיך געשטעלט די זעלבע צילן און דירעקט געצויגן די פעדעם פון די פאַרגייערס. אין אַן אַנדער אידיאָם און אין אַן אַנדערער צייט האָט זי זיך געשטעלט ענלעכע אויפגאַבן און געפירט כּמעט די זעלבע געראַנגלען, — זי איז דורכגעוועבט מיט דעם זעלבן, כּמעט פיַינלעכן, פאַרלאַנג צו העלפן דעם פאָלק זיך אָריענטירן און צופאַסן צו ניַיע, פאַר זיי פרעמדע, באַדינגען, צו אַ ניַיעם עקאָנאָמישן סיסטעם, ניַיע אויפרודערנדיקע גע־זעלשאַפטלעכע תּנאָים.

די סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראַטור האָט ממשיך געווען די גרונטשטריכן פֿון דער מאָדערנער קלאַסישער ייִדישער ליטעראַטור, דהײַנו: נעמען אויף זיך די משׂא פֿון דער ייִדישער גורלדיקייט, דערשפּירן דעם פּולס פֿון נאַציאָנאַלער אחריות, אײַנשטעלן זיך פֿאַר די קלײנע מענטשעלעך, ווײַטער ציִען דעם הומאַניזם פֿון די גרונטלייגערס און דעם באַוווסטזײַן פֿון המשכדיקייט.

אמת, אַז דאָס אַלץ איז געשען אויף דער פֿאָן פֿון דער גרעסטער איבערקערעניש אין דער געשיכטע, אויפֿן הינטערגרונט פֿון עקספּלאָזיעס, וואָס זייער גלײַכן האָט די וועלט קיין מאָל פֿריִער ניט געזען, אין אַ צײַט ווען עס האָבן געפּראַלט נײַע טעמעס, נײַע העלדן, נײַע פֿאָדערונגען און נײַע פּראָבלעמען. דער גערױַנגל, אַפֿילו פֿון סאָציאַליסטישע פּאָזיציעס, איז נאָך אָבער אַלץ געווען בײַ ס׳רובֿ שרײַבערס אין די ראַמען פֿון פֿאָלקס־לעבן, פֿאַר דעם פֿאָלקס ווילזײַן און ווידערגעבורט. ווען דער יונגער איזי כאַריק דערציילט, אַז „ס׳האָט הײַנט אַ שטעטעלע אַ גאַנצס מיך אָנגערופֿן אַנטיסעמיט“, איז עס גאָרניט אַזוי ווײַט פֿון דעם וואָס מיט אַ צוויי דורות פֿריִער האָט מען אַ יונגן שרײַבער אָנגערופֿן „אַפּיקורס“, טריף־פּסולניק. דעם זעלבן כאַריקס „פֿאַרגייט, איר אומעטיקע זיידעס“ איז געווען ניט מער ווי אַן אַראָגאַנטער ריס פֿאָרויס פֿון אַ נײַעם דור, וואָס דאַרף מורד זײַן אין די זיידעס, כּדי שפּעטער, נאָך אַלע מרידות, אָפּקלײַבן און דיסטילירן דאָס ווערטיקע און נייטיקע פֿון די זעלבע זיידעס און עס מיטטראָגן מיט זיך.

איך זאָג, דעריבער, אַז עס איז ניט ריכטיק, אַז ערשט אין די 40ער יאָרן איז די סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראַטור געוואָרן אַ פּאַרטייפּט נאַציאָנאַלע. זי איז דאָס געווען פֿון אָנהייב אָן. די שרײַבער אירע זײַנען געווען קינסטלערס, וועמעס וואָרצלען האָבן געשטעקט אין די טיפֿענישן פֿון פֿאָלק. זיי האָבן געבראַכט מיט זיך די קולטור־זכרונות און קולטור־אַטריבוטן פֿון אַ פֿאָלק מיט וועמען זיי האָבן די פֿעדעם קיין מאָל ניט איבערגעריסן. די ייִדיש־סאָוועטישע ליטעראַטור וואָלט געווען אַ קנאַפּערע, פֿון אַ קלענערער נאַציאָנאַלער ווערט, ווען זי וואָלט ניט האָבן געווען דער המשך פֿון אַ דורותדיקער שעפֿערישקייט, מחמת עס קאָן בכלל ניט זײַן אַ ליטעראַטור אָן נאַציאָנאַלע פֿעדעם, אָן פֿאָלקישע וואָרצלען און ווערטן — אָן פֿאָלק. זי וואָלט ניט געווען געדויערט און מיר וואָלטן איצט ניט אונטערגעצויגן קיין דין־וחשבונס און זיך ניט געוואָרנט ניט צו פֿאַרלירן קיין ירושה, ווײַל ס׳וואָלט קיין ירושה צו פֿאַרלירן ניט געווען.

איך וויל ברענגען — בתּכלית הקורצקייט, כּמעט טעלעגראַפֿיש — עטלעכע, מיט אַ כּיוון מער באַקאַנטע, דוגמאות פֿון די ערשטע 12‑13 יאָר פֿון דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור:

שוין דער אָנהייבער, דער יונגינקער פּאָעט, וואָס האָט געפּאָטערט די סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראַטור און איז געפֿאַלן צו 29 יאָר, אין 1919, אָשר שוואַרצמאַן, וועמעס ליד איז געווען אַ געמיש פֿון דינער לירישקייט

און אַ שאַלרוף בעת אַ סכּנה, האָט געשטעלט דעם טאָן. זײַנע לידער האָבן פֿאַרמאָגט אַ לויטערע רעטאָרישקייט, שוער נישט אַ תּנכישן ריטעם, כאָטש זײַן פֿורעם איז געווען נײַ און דער פֿערז פֿרײַ. אין קיין שום אַנדער לשון, דאַכט זיך, וואָלטן אַזעלכע, אין תּוך דעקלאַראַטיווע, שורות ניט געקלונגען אַזוי נאַטירלעך, אַזוי ייִדיש, שיעור נישט חומשדיק, ווי שוואַרצמאַנס:

„פֿון הײַזער אָרעמע, פֿון שטיקנדיקע וואַרשטאַטן,
פֿון לאַנגע וואָגל־נעכט, פֿון הונגעריקע טעג,
געקומען זײַט איר, ברידער מײַנע, פּילע,
צו ווײַזן דעם פּרײַז פֿון שטילער מי,
דעם ווײ פֿון אײַער לײַב,
דעם אויסגעשריי פֿון דורות און פֿון צײַטן" —

ער אָטעמט, דאַכט זיך, מיט עדעלשטאָטן און מיט רייזענען, מיט דורות אָרעמע לייט, מיט קולבאַקס אָרעמאַן „וואָס איז אומעטום איבעריק פֿאַראַן" — און ער איז דאָך שפּאָגל נײַ. אָדער:

ביניש שטיימאַן — אומגעקומען נאָך ייִנגער ווי אשר שוואַרצמאַן — וואָס שפּאַרט זיך אָן אין זײַנע קורצע דראַמאַטישע פּאָעמעס אויף די אַלו־זיעס פֿון אַלט־ייִדישע גאולה־חלומות. ער ניצט אויס טויזנטעריאָריקע האָ־פֿענונגען און דערוואַרטונגען אויף גאולה, כּדי צו באַרעכטיקן און פֿאַר־שטיין דעם איצט. זײַנע געשעענישן קומען פֿאָר אין אַ שטיקנדיקער מיטל־עלטערלעכער אַטמאָספֿערע, אין וועלכער דאָס פֿאָלק האָט געלעבט אין משך פֿון יאָרהונדערטער. ניט בלויז די אַטמאָספֿערע, נאָר אויך דעם ביטחון אין אויסלייז שעפּט ער פֿון אַלט־פֿאָלקישע ברונעמס. ער אָטעמט מיט פּרעציזע וויזיעס אין יעדער שורה, אין יעדן סימבאָל.

די אַלטע פּרוי, אין גאָדינבערס מענטש מיט דער ביקס (1929), הערט אין דעם אָפּקלאַנג פֿון די מאַרשירנדיקע אַרמייען, בעתן בירגער־קריג, דעם גאַנג פֿון „משיחס חייל". עס טויכן אויף אין איר משיח־דערוואַרטונגען און זעאונגען פֿון דור־דורות, אַפֿילו שבתי־צבֿי־וויזיעס.

ווען קושניראָוו דאַרף אַ העלד, כּדי צו געבן יחוס דעם איצטיקן העַ־ראָיזם, גייט ער צוריק צום ווילנער שוסטער־ייִנגל פֿון 1902, צו הירש לעקערטן.

מענדל, אין מאַרקישעס „דור־אויס, דור־איין" (1929) פּאַסט אויף די אי־בערקערעניש מיט זײַן נאַציאָנאַל־היסטאָרישן חוש: ווײַל די אַלטע וועלט איז אַ טמאדיקע, זי ברענגט אום זײַן פֿאָלק, דעריבער בענטשט ער זײַן זון עזרא, וואָס איז אַ טייל פֿון דער רעוואָלוציע, מחמת זי, די רעוואָלו־ציע, האָט זיך פֿאַרמאָסטן אויף דער וועלט פֿון טומאה און רישעות. מענדל

זעט עזראַן ווי אַ המשך פֿון זיך און פֿון די דורות פֿון וועלכע ער, מענדל, איז אַרויסגעוואַקסן.*

לעבן דעם בוים, אויף וועלכן די פּאָגראָמשטשיקעס האָבן אויפֿגעהאָנגען מענדלען, געפֿינט עזרא דעם פֿרומען טאַטנס צוואה, אין וועלכער דער טראַדיציאָנעלער טאַטע וועבט אַריין דעם זון אין דער מאַטעריע פֿון זיינע דורות:

„...אַז גאָט האָט געטאָן באַווילִיקן, ס'זאָל פֿון מײַן גזע אַרויסקומען אַזאַ ווי די וואָס שטאַרבן על קידוש־השם פֿאַר אָרעמע און יתומים, באַדאַרף איך זיך שטעלן פֿאַר דעם בית־דין־של־מעלה ווי זײַנער אַ טאַטע... אַז רבי עקיבֿא אַליין איז דאָך אויך אַרומגעפֿאָרן און געפּריידיקט קעגן מלכות, קעגן רוים...

„...דעריבער, טײַערער זון מײַנער, גיי מיט דעם וועג וואָס דו האָסט פֿאַר זיך אויסגעטראָטן... נאָר די געלײַטערטע מענטשלעכע איידלקייט... זאָל זײַן אויסגעקריצט אויפֿן טאָוול פֿון דײַן האַרצן און זי זאָל דיך פֿירן אין די שטעגן פֿון רעכטפֿאַרטיקייט אַלע טעג פֿון דײַן באַשערטער צײַט אויף דער וועלט... דאָס זײַנען די לעצטע ווערטער פֿון דײַן פֿאָטער".

נאָך דעם זײַנען געקומען די אומגליקלעכע 30ער יאָרן, ווען עס האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז די ליטעראַטור האָט אָנגעהויבן פֿאַרלירן איר נאַציאָנאַל פּנים — די צעשטערנדיקע עפּאָכע פֿון דער טויטער האַנט פֿון סאָציאַליסטישן רעאַליזם (ווען מען האָט בײַ אַ שרײַבער־צוזאַמענפֿאָר, אין 1934, געפֿרעגט בײַ איסאַק באַבעל, הלמאַי ער שרײַבט ניט לעצטנס, איז זײַן ענטפֿער געווען: „איך שרײַב אין זשאַנער פֿון שווײַגן").

די קריטיק איז געוואָרן קרענקלעך סעקטאַנטיש. זי האָט געשטויסן די ליטעראַטור אויף אַ־נאַציאָנאַלע הינטערגעסלעך. עס איז גענוג צו דערמאָנען א. ראָזנצווײַגס אומגליקלעכע אַרבעט וועגן פּרצן „דער ראַדיקאַלער פּעריאָד פֿון פּרצעס שאַפֿן", ליטוואַקאָווס טעזיסן וועגן פּרצן, די אַטאַקעס אויף שלום אַשן, טייל פֿון פֿעפֿערס פּאָלעמישע לידער און אַן אַ שיעור אַנדערע. אַפֿילו דער זעלטן פֿײַקער מאיר ווינער האָט אָנגעשריבן אַן אומגעלומפּערטע אַרבעט וועגן שלום עליכמען פֿון וועלכער ער האָט זיך עטלעכע יאָר שפּעטער אָפּגעטרייסלט; מאַקס עריק — אַ ניט־אָנשטענדיקע אַרבעט וועגן פּרצן אין טשערנאָוויץ א. א. וו., א. א. וו.

עס איז באמת אַ ווונדער, אַז די ליטעראַטור האָט אויסגעהאַלטן דעם אָנפֿאַל פֿון דער „גרילצנדיקער דעקלאַראַטיווקייט" (ווי סערעבריאַני האָט

---

* „דור־אויס, דור־אײַן" איז אַרויס אין 1929. פֿינף יאָר שפּעטער, אין 1934, אַטאַקירט א. האַלדעס דאָס ווערק, צוליב „די נאַציאָנאַליסטישע מאָמענטן" און דעם פֿאַקט וואָס ער שילדערט די מענטשן פֿון אָפּגייענדיקן קלאַס „ווי פֿאַראורטיילטע נבֿיאים און פֿילאָסאָפֿן". אַפֿילו דער וווּנדערלעכער מאיר ווינער דערמאָנט, אַז „מאַרקיש האָט ליב געהאַט קאָקעטירן מיט נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען".

זיך אויסגעדריקט שפּעטער) איך וויל זאָגן, אַז דאָס אויסהאַלטן גופא איז אַ בולטער באַווײַז אויף דעם אינערלעכן כּוח פון דער ליטעראַטור. עס איז ניט געווען קיין איינער פון די, וועמעס ירושה מיר ווילן אָפּהיטן, וואָס זאָל אין יענער צײַט ניט האָבן געווען אויסגעשטעלט צו פּאַרטיליקנדיקער קריטיק. געשטרויכלט געוואָרן זײַנען טייל דאָ און דאָרט — יאָ, געשטעלט געוואָרן אויף די קני — צײַטנווײַז יאָ, געבראָכן — ניט. ניט אַז ייִדישע ליטעראַטור איז ניט געווען גרייט אויף סאָציאַליזם, זי איז אָבער ניט גע־ווען גרייט אויף אַנטנאַציאָנאַליזירט ווערן.

דער פּאָדעם פון נאַציאָנאַלער אינהאַלטלעכקייט האָט זיך בפירוש ניט איבערגעריסן, די פּאָלקישע וואָרצלען — ניט איבערגעהאַקט. אַ סימן: — דאָס וואָס איז געשאַפן געוואָרן דווקא אין די 30ער יאָרן. אָט איז אַ שנע־לער חשבון פון טייל ווערק, אין וועלכע עס האָט געקלאַפּט אַ שטאַרקער נאַציאָנאַלער אָדער, ווערק וואָס האָבן בפירוש געצויגן זייער יניקה פון דורותדיקער ייִדישער שעפערישקייט.

נסתּר האָט אָנגעשריבן דעם ערשטן באַנד „משפּחה מאַשבער״ — אָנגעהויבן אין 1934, אַרויס אין 1939 — אַ ווערק פון גאָלער, טיפער אהבת־הפאָלק. דאַכט זיך, אין קיין שום אַנדער ווערק אין דער ייִדישער ליטעראַטור וואַקסט ניט אַרויס די ייִדישע שטאָט באַרדיטשעוו, אַלע שיכטן פון פאָלק, מיט אַזוי פיל ליבשאַפט און וואַרעמקייט, טיף נאַציאָנאַל, דין, סענסיטיוו, דער אַמאָל געשילדערט מיט אַזוי פיל צאַרטער פאַרשטענדע־ניש, דעם פרומען לוזיס רעליגיעזער עקסטאַז — מיט אַזוי פיל טיפער פּרצישער צאַרטקייט און סענסיטיווקייט, די ייִדשע אָרעמקייט מיט אַזוי פיל רחמימדיקייט. (ש. ניגער זאָגט: „ער זעט דאָס ליכט, ניט בלויז שאָטנס פונעם פאַרצײַטיקן ייִדישן לעבן״).

משה קולבאַקס „בויטרע גזלן״ (1937), ווו ער זוכט דעם וואָרצל פון דער פאָלקישער העלדישקייט און יושר־געפיל אין דער פאַרגאַנגענהייט [1], קולבאַקס זעלטן קלוג און סענסיטיוו ווערק „זעלמעניאַנער״, ווו דער אַלטער דור ווערט געשילדערט מיט וואַרעמער אײַנזעעניש און טיפער ליבשאַפט.

שמואל האַלקינס „בר־כּוכבא״, ווו ער גראָבט טיף אין דער פאַרגאַנ־גענהייט צו געפינען וואָרצלען פון דערהויבנקייט און קידוש־הפאָלק, איז דעמאָלט דערשינען.

(אין די זעלבע יאָרן איז האַלקין אויסגעשטאַנען בגישות פון אַלע זײַטן. דאָברושין האָט אים פאַרמישפּט: „ש. האַלקין איז געגאַנגען מיטן אַלטן און פאַרעלטערטן נאַציאָנאַלן און נאַציאָנאַליסטישן קולטור־וועג, מיט אַ ירושה־אָנלאָדונג פון דער אַלטער קולטור־סיסטעם, וואָס איז פאַר־

---

[1] מע דערציילט, אַז לאַזאַר קאַגאַנאָוויטשן איז ניט געפעלן „בויטרע״, מחמת קולבאַק באַווײַזט אַלטע פאַרשמווידערטע ייִדן אין קאַפּאָטעס.

בונדן מיט דעם גײַסטיק־עטישן תוך און עצם פֿון דעם פֿאַרגאַנגענעם בײַ אונדז בירגערלעכן וועלט־סדר").

אין די 30ער יאָרן האָט בערגעלסאָן אָנגעשריבן זײַן 2טן טייל „פּע־נעק"; מאַרקיש — „ברידער"; אַבֿרהם קאַהאַן — די דראַמע „אהרן לי־בערמאַן"; מ. דאַניעל — אַ דראַמאַטיש ווערק „שלמה מימון", און אַ גרוי־סע צאָל אַנדערע.

דאָס, וואָס איז געשען אין די 40ער יאָרן, באַשטעטיקט פֿון דאָס נײַ, אַז אַפֿילו אין די שווערע 30ער יאָרן האָט דער פֿאָדעם פֿון נאַציאָנאַלן מהות און באַטײַט זיך ניט איבערגעריסן. דער נאַציאָנאַלער אָדער האָט ניט אויפֿגעהערט קלאַפּן. מער נאָך: דאָס וואָס איז געשען אין די פֿער־ציקער יאָרן, וואָלט ניט מעגלעך געווען, אויב די טיף נאַציאָנאַלע וואָרצ־לען וואָלטן פֿאַרטריקנט געוואָרן אין די 30ער יאָרן.

ד.

אין די 40ער יאָרן, ווען דאָס לעבן פֿון פֿאָלק איז געלעגן אויף דער שאָל פֿון דער וואָג, האָט די סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראַטור אָן אָטעם גע־טאָן מיט זעלטענער גײַסטיקער גבֿורה, געצויגן יניקה פֿון יעדן אויפֿבליץ פֿון העלדישקייט אין אַלע עפּאָכעס פֿון אונדזער לאַנגער געשיכטע, זיך אײַנגעגראָבן אין די טיפֿענישן פֿון פֿאָלקס לעבן — דאָרט, ווו עס שלאָגן די שטאַרקסטע און דויערנדיקסטע קוואַלן — ביז די אוראַלטע חומש־מעשׂות, ביז שמעון און לוים נקמה פֿאַר זייער פֿאַרשוועכטער שוועסטער (מאַרקיש), ביז דער לעגענדע פֿון חנה און אירע 7 זין (באַשטשעוואַצקי). אמת, אַז דאָס אומקערן זיך צום עבֿר איז אויך געווען אין קורס פֿון דער רוסישער ליטעראַטור אין יענער צײַט. אָבער קיין פֿאַרגלײַך איז ניטאָ. ווי אַלע שליוזן וואָלטן זיך געעפֿנט. ניט סתּם היסטאָרישע אַלוזיעס, נאָר בפֿירוש המשך־ריינגען — „פֿון ניט פֿאַרוועלקנדיקן אוראַלט איך פֿאַרנעם, / ווי אַ צוואה, דעם געדריש פֿון שלאַכטן", שרײַבט מאַרקיש. די אוראַלטע שלאַכטן טראָגן אין זיך אַקטועלע, הײַנטצײַטיקע אָנזאָגן.

ווען דער העלד פֿון מאַרקישעס „מלחמה", גור־אריה, קריכט אַרויס פֿון באַרג באַבי־יאַר־הרוגים און שלאָפֿט אײַן, זעט דער ייִדישער דאָק־טער, וואָס וואַכט איבער אים, „אין דעם אײַנגעשלאָפֿענעם אַן אַלטע טויזנט־יאָריקע מגילה".

מיט טראַגיק און פּאַטאָס דערהייבט פּרץ מאַרקיש דעם יונגן הירש גליק, דעם מחבר פֿון „זאָג ניט קיין מאָל", צו אַ נאַציאָנאַלן סימבאָל. ער פֿאַרוועבט אים אין דער אייביקער יצירה פֿון פֿאָלק. אַפֿילו דער שיכּורער נאַצי, וואָס יאָגט זיך נאָך דעם יונגן הירש גליק, שרײַט צו אים:

„נו, גיב זיך אונטער, יודע מאַקאַבעי".

ווען דער יונגער גליק דערנענטערט זיך צום שטײַער, וואָס דאַרף

זײַנען די ברענענדיקע ווילנע, אויף וועלכן ער „וועט אַליין זיך געבן אַן עליה״, דערזעט ער:

„געוועזן דער שפּײַטער איז מיט דורות אָנגעהויפֿנט,
קיין וועג האָט ווײַטער גליק אין ערגעץ ניט געהאַט.
דאָ איז דער אָנהייב, מער ניטאָ איז ווו צו לויפֿן.
ס׳האָבן פֿון פֿײַער זיך געגעבן אַ פֿאַרמאַך

בײַ גליקן אויף אַן אויגנבליק די אויגן:
געקאַרטשעט האָבן זיך די בלעטער פֿון תנ״ך,
די טעקסטן האָבן זיך ווי פֿאַנצערס מעשענע געבויגן
און אין דעם ווינטיק־בושעוודיקן פֿלאַם זיך הערט

ס׳געוויין פֿון איובֿן מיט זײַנע לעסטערדיקע פֿראַגעס...
און אַלע ווײַל גיט זיך דער רויך אַ דריי,
און אַלעמאָל גיט זיך דאָס פֿײַער אַ פֿאַרקאַטשע,
נאָר אין דעם טלײַענדיקן אַש, גלײַך ווי אַ בינטל היי,

דאָס פֿײַער מעלה־גרהט מענדעלעס פֿאַריאָגטע קליאַטשע...
און מיט אַ קריעה־אויפֿגעריסענעם געהיל,
געקרייציקט אויף די סווישטשענדיקע קוילן,
שלום עליכם קוקט אין פֿלאַם איבער דער בריל

און וואַרגט זיך מיט אַ טרער: „אַך טי, ריבונו של עולם״.
ניטאָ קיין הימל מער! אַ פֿינצטער העמד,
אין דעם אַ האַלבע וועלט, אַ הוילע, אָנגעטאָן איז,
און צווישן פֿײַערדיקע לייטערס, אָפּגעשטויסן, פֿרעמד,
איבער דעם כאַאָס בלאָנדזשען פּרצעס מתנות...

דאָ זײַנען אַלע, ביז די אָבֿות פֿון דער וועלט.
דאָס פֿײַער וויקלט זיך — אַ וואַליק אויף אַ וואַליק,
און ס׳קלאַפּט נאָך אַלץ צום כסא־הכּבֿודס שוועל
די „שחיטה־שטאָט״ פֿון חיים נחמן ביאַליק...״

דער אָנשפּאַר אויף דער געשיכטע איז געווען אַן אוניווערסאַלער. די גאַנצע קולטור פֿון פֿאָלק איז ווי צו הילף געקומען, פֿעדעם האָבן זיך געצויגן הונדערטער און טויזנטער יאָר צוריק. נאַציאָנאַלע זכרונות האָבן אויפֿגעטויכט. די סימבאָליק פֿון פֿאָלק איז באַנײַט געוואָרן און האָט אײַנ־ספּירירט די שלאַכטן פֿון איצט.

אין יענע יאָרן איז געשאַפן געוואָרן מאַרקישעס „מלחמה" און פּע־פּערס „שאָטנס פון דער וואַרשעווער געטאָ", וואָס ענדיקט זיך מיט דעם ייִדישן ייִנגל, וואָס — אַן אײַנגעוויקלטער אין דער געטאָ־פאָן — פאַלט קיין מאָל ניט אַרונטער, און כאַשטשעוואַצקיס „דאָס פאָלק איז אויפגע־שטאַנען", און בערגעלסאָנס „לא אָמות כי אחיה", און מאַרקישעס „געטאָ־גראַד", און פּעפּערס „באַלאַדע פון בערלינער קונצנמאַכער" און „איך בין אַ ייִד", און מאַרקישעס „צו אַ ייִדישער טענצערין" און „צום ייִדישן שלאַכטמאַן", ווו ער דערקלערט, אַז: „וועסט, ייִדישער סאָלדאַט, זיך ניט צעשיידן מיט דער ביקס, ווי ס'האָבן דײַנע זיידעס ניט צעשיידט זיך מיטן ספר". (דער אַלטער „סיפא וספרא" — די שווערד און דאָס בוך).

שמואל האַלקין שרײַבט זײַנע עקספּלאָסיווע איכה־שורות:

„איר מיינט, אַז שטיינער וויינען ניט?
איר מיינט אַז ברעגן הערן ניט?
כ'האָב אויך אַזוי געמיינט.
כ'האָב געזען אַ שטיין אין וואַסער,
ניט פון וואַסער אַ נאַסער —
ס'האָט דער שטיין געוויינט".

(„דער גוטער ווינט")

און אין זײַן בוך לידער „פון שלאַכטפעלד" (מאָסקווע, „דער עמעס", 1943) — אפשר מיט אַן אָנווונק אויף דעם וואָס ס'איז געקומען שפּע־טער — גיט עזרא פינינבערג אָפּ „מײַן באַריכט", ווען ער קומט אַהיים אויף אורלויב:

„מײַן פאָלק, מײַן ייִדיש פאָלק... דו האָסט דאָך מיר דעם גלי,
די פּײַן, די שײַן, דעם טיפן מוט געגעבן.
„בדמיך חיי... בדמיך חיי..."
„אין דײַן בלוט זאָלסטו לעבן... אין דײַן בלוט זאָלסטו לעבן..."
ביסט אַלע, אַלע נאַכט, ביסט אַלע, אַלע פרי
מיט מיר, אַרמייער, מיטגעגאַנגען נאָענט, נעבן.
ניט דו ביסט אומריין, פאָלק, דײַן פײַנט איז קויט און ברוד.
ביסט ריין, מײַן ייִדיש פאָלק, און הייליק איז דײַן בלוט!...

און ווער עס זאָגט, אַז איך, איך בין דאָ פרעמד,
ווער ס'קוקט אַף מיר מיט גאַל און גיפטיק און פאַרביסן —
דער ווילסטער רוח אים ווייסט, דער ווילסטער רוח אים נעמט, —
ניט מײַן נאַגאַן — מײַן חברס ביקס וועט אים צעשיסן.
מײַן פאָלק, מײַן ייִדיש פאָלק אין זײַדן, אין פאַרבלוטיקט העמד,
פון ווײַטסטער צוקונפט די פעלקער דיך באַגריסן.

כ׳בין שטאָלץ, איך זאָג עס איבער אַלע, אַלע שחיטות:
ס׳איז מײַן געזיכט און ס׳איז מײַן גאַנג און ס׳איז מײַן האַרץ — סעמיטיש״.

גיט צו צו דעם נסתּרס „קרבנות״, בערגעלסאָנס „געווען איז נאַכט און געוואָרן טאָג״ — און דער עיקר, מאַרקישעס „טראָט פֿון דורות״ (געשריבן אין 1947־1948, דערשינען אין 1966). ס׳איז סימבאָליש, אַז מאַרקישעס שעפֿערישקייט זאָל זיך ענדיקן מיטן „טראָט פֿון דורות״. מאַרקיש הייבט אַרויס די גורלדיקע פֿאַרשטענדעניש פֿון טאַטן (שײַע רײַנגאָלד), אַז „פֿון אַלע פֿעלקער ווילן זיי מאַכן קנעכט, פֿון אונדז ייִדן ווילן זיי מאַכן זייף״ און די דערהויבענע העלדישקייט פֿון זון, וואָס שטאַרבט מיט שטאָלץ פֿאַרן כּבֿוד פֿון פֿאָלק.

און אין נסתּרס „פֿלאָרא״, „פֿאַרקנסט״ דער טאַטע, דער דאָקטאָר, זײַן טאָכטער צו „דער פֿאַרגאַנגענהייט״ מיט אַ ירושה־פֿינגערל פֿון היסטאָרישן יחוס. אָט ווי די טאָכטער, פֿלאָרא, געדענקט דעם פֿאָטערס רייד:

„— דאָס האָב איך פֿאַר דיר אויסגעהיט... ס׳איז אַ ירושה־פֿינגערל פֿון מײַן מאַמען, פֿון מײַן באָבען, ביז אַרויף אין יענע צײַטן, וועלכע איך געדענקט שוין נישט... דאָס איז, אגבֿ, — האָסטו צוגעגעבן, — אַ געשאַנק, וואָס ס׳האָט באַקומען דײַנער אַן עלטער־עלטער־זיידע, אויך אַ דאָקטער, נאָך פֿון די צײַטן פֿון אַ רבֿ מנשה בן ישׂראל; אַליין געבוירן אין פּאַדוא, וואָס אין איטאַליע, האָט ער דערנאָך איבערגעוואַנדערט קיין ענגלאַנד, פֿון דאָרט, ווידער, דורך האָלאַנד און דײַטשלאַנד — קיין פּוילן, וווּ ער איז אָנגעקומען אַלס לײַבדאָקטער אין קיניגלעכן הויף... ער האָט געלאָזט נאָך זיך, — האָסטו ווידער געזאָגט, — אַ געשיכטלעכן שם מיט זײַנעם אַ „ספֿר הרפֿואות״ און אין זײַן משפּחה — אַ געדעכעניש פֿון אַ הויך־זיטלעכן מענטשן. ער האָט זיך גרויס חן און אַכטונג דערוואָרבן, איז פֿיל באַשאָנקען געוואָרן. און איינע פֿון די מתּנות איז אָט דאָס רינגעלע, ספּעציעל, ווײַזט אויס, בײַ אַ ייִדישן גאָלדמיד באַשטעלט.

— ס׳איז אפֿשר אַ ביסל ראָמאַנטיש, — האָסטו געזאָגט פֿאַרלעגן שמייכלענדיק, — אָבער ס׳מאַכט ניט... נעם עס, טראָג עס געזונט און מיט ווירדע, ווי דײַנע באָבעס, עלטערבאָבעס ביז יענע צײַטן, וועלכע איך געדענק שוין ניט, האָבן עס געטראָגן.

— דערמיט, — האָסטו ווײַטער געזאָגט און דערבײַ האָט דײַן שטים שוין עטוואָס פֿײַערלעך געקלונגען, — פֿאַרקנס איך דיך, אַזוי צו זאָגן, צו דײַן פֿאַרגאַנגענהייט, און צו דער צוקונפֿט, קינד, וועט דיך שוין אַן אַנדערער פֿאַרקנסן.״

(דער נסתּר, „ווידערוווּקס״, מאָסקווע, 1969, ז. 102).

אמת, בלויז אַ קאַטאַקליזם, אַ פֿאָלק־קאַטאַסטראָפֿע האָט געקאָנט אַרויסרופֿן אַזאַ מין איבער־די־ברעגן־כוואַליענדיקע שעפֿערישקייט. קיין מאָל אָבער האָט אַ גאַנצע ליטעראַטור אַזוי ניט אַרומגענומען אַ פֿאָלק, אים געווישט די טרער, באַוויינט זײַנע טויטע, געטרייסט מיט האָפֿענונג, געוועקט זײַן צאָרן און געמונטערט צום קאַמף, ווי די סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראַטור אין יענע יאָרן.

יאָ, עס זײַנען געווען היסטאָרישע סיבות פֿאַר דעם: אַלע אַנדערע ייִדישע ליטעראַטורן, ווי אידענטיפֿיצירט מיטן חורבן זיי זאָלן ניט האָבן געווען, זײַנען פֿאָרט געווען פֿון ווײַטן, די פּויליש־ייִדישע ליטעראַטור איז געלעגן אַ חרובֿע, די סאָוועטישע אָבער איז געשטאַנען אין סאַמע האַרץ פֿון פֿלאַם און געראַנגל. זי איז געשטעלט געוואָרן צו דער פּראָבע ווי אַ נאַציאָנאַלער כּוח אויף וועלכן דאָס פֿאָלק זאָל זיך קאָנען אָנשפּאַרן.

זי האָט די פּראָבע אויסגעהאַלטן — מיט כּבֿוד, מיט סענסיטיווער שעפֿערישקייט, און מיט דער אַנטשלאָסנקייט צו פֿאַרהיטן דאָס פֿאָלק.

די ווערק וואָס זײַנען געשאַפֿן געוואָרן שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ נאַציאָנאַל פֿאַרמעג אויף עולמות. ווי גײַסטיק אָרעמער מיר וואָלטן געווען ווי אַ פֿאָלק, ווען מיר האָבן ניט פֿאַר זיך די פּנקסים פֿון העלדישקייט, מסירת־נפֿש, שינאה צום שונא און געלײַטערטער ליבשאַפֿט צום פֿאָלק, וואָס די סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראַטור האָט דעמאָלט געשאַפֿן.

* * *

די ערשטע יאָרן, ווען „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט זיך באַוויזן, נאָך דעם חורבן און דער אויסמאָרדונג, האָט אַ פֿלייץ געטאָן אַזוי פֿיל זעלטענע שאַפֿערישקייט, אַזוי פֿיל טאַלאַנט און דערהויבענע קוואַליטעט, אַז מיר האָבן געמעגט מיינען און האָפֿן, אַז די סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראַטור קאָן ווידער אָנהייבן פֿאַרנעמען אַ צענטראַל אָרט אין דער קרעאַטיווקייט אויף ייִדיש. ס'איז גענוג צו דערמאָנען האַלקינס לעצטע לידער וואָס ער האָט געשריבן אין די 50ער יאָרן; עלי שעכטמאַנס „ערבֿ". משה טײַפֿס לידער און זײַן איבערדיכטונג פֿון „שיר השירים"; די לידער פֿון שלמה רויטמאַן, און דאָס באמת מאָנומענטאַלע ווערק פֿון נאָטאַן זאַבאַרע וועגן ייִדישן לעבן אין דער פּראָווינץ, אַן עפּאָפּייע וואָס האָט געזאָלט אַרומנעמען אַ האַלב יאָרטויזנט, אויב ניט מער, פֿון ייִדישן לעבן אין מערבֿ און מזרח־אייראָפּע; איציק קיפּניסעס טאָגביכער א. א. ווי טראַגיש, וואָס אויך דאָס איז אונדז צעשטערט געוואָרן און וואָס „סאָוועטיש היימלאַנד" איז רעדוצירט געוואָרן צו זײַן טרויעריקן אַנטיפֿאָלקישן מצבֿ די לעצטע יאָרן. אַ שטיק גליק וואָס אַ צאָל פֿון די שרײַבערס שאַפֿן נאָך איצט אין ישׂראל.

געבליבן איז אַ ליטעראַטור — הונדערטער ווערק, קלענערע און גרע־

סערע — אין פּראָזע און אין פּערז. געבליבן אויך אַ פּאַרמעג פאַרשע־רישער אַרבעט אין שפּראַך און ליטעראַטור.

דער יוצא לנו איז נאָך אַלץ אַ צוויי־רעלסיקער: ראשית, אַ געזעל־שאַפטלעכער — מיר טאָרן ניט אויפגעבן דעם געראַנגל צו פאָדערן דעם צוריקשטעל פון דער סאָוועטיש־ייִדישער קולטור, מחמת די נשמה פון אַ צוויי־און־אַ־האַלב־מיליאָניקן ייִדישן ישוב ליגט אויף דער וואָגשאָל. און שנית, מיר דאַרפן איבערשליסן אַ רײַכע ירושה — אַרויסגעבן ביכער און אַנטאָלאָגיעס, הן אין ייִדיש און הן אין ענגליש. אין ענגליש פאַרמאָגן מיר בלויז ברעקלעך און פּיצלעך. איך מיין, אַז מיר פאַראָרעמען זיך אַליין, אויב מיר לאָזן דאָס פאַרמעג אין דרויסן. אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן דיאַלאָג וואָס די ייִדישע ליטעראַטור פּירט אין משך פון יאָרהונדערטער געהערט אויך אַן אָפּקלײַב פון דעם וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין סאָוועטן־פאַר־באַנד.

ה

איציק מאַנגער — „סינטעז פֿון וויזיע און מוזיק"

א.

עס וועלן מסתמא אַוועק יאָרן, אויב ניט יאָרצענדלינגער, ביז מיר וועלן זײַן בכוח אָפּצושאַצן איציק מאַנגערן אין זײַן פֿולער גרייס. בלויז דער היסטאָרישער האָריזאָנט וועט קאָנען ווערן דער הינטערגרונט אויף וועלכן מיר זאָלן בולט און גענוי דערזען די גאָלדענע פּאַווע, וואָס האָט זיך געטראָגן איבער די פֿאַרכמאַרעטע הימלען פֿון ייִדישן לעבן אין משך פֿון אַ קנאַפּן האַלבן יאָרהונדערט מיט אַ טרייסט-בריוועלע פֿאַר דעם פֿאָלק אין שנאָבל.

פֿאַרגלײַכן? סײַדן, אין נאַציאָנאַלן פֿאַרנעם, מיט שלום עליכמען. ניט קיין אויטאָמאַטישע, מעכאַנישע, אין־יעדן־פּרט פֿאַרגלײַכן, נאָר דינגע, סובטעלע, כּוללדיקע פֿאַרגלײַכן. שלום עליכם האָט דורך הומאָר פֿאַר־צייכנט דעם טרויער, די פּקחות און דעם סקעפּסיס פֿון אַ פֿריִערדיקער עפּאָכע. מאַנגער האָט מיט אַ סך טרויער און מיטן דינסטן געלעכטער אויפֿגעכאַפּט די טראַגיק פֿון אונדזער עפּאָכע. בײַ ביידן איז פֿאַרשוווּנדן די מחיצה צווישן דער טרער און דעם געלעכטער. בײַ ביידן איז דאָס געלעכטער געווען אײַנגעראַמט אין אַ טרער ווי וואַסער אין אַ לאָגל. בײַ ביידן איז דער שמייכל געווען דער שאָטן פֿון דער טרער און די טרער דאָס אָפּבילד פֿון שמייכל. דער עיקר: ביידע האָבן געוווּסט ווי צו־צוקומען צום סאַמע ראַנד פֿון יאוש — און זיך כאַפּן צוריק, און אָפּ־טרעטן אויף דער דינסטער סטעזשקע פֿון גלויבן און ליבשאַפֿט.

אין דעם כאַפּן זיך צוריק פֿון ראַנד איז געלעגן דער נאַציאָנאַלער זין פֿון ביידנס שאַפֿן.

שלום־עליכם האָט אַמאָל געזאָגט, אַז עמערסאָן האָט געהאַלטן, אַז די קונסט דאַרף אַלע מאָל אַרויסגעפֿינען דאָס אויסערגעוויינטלעכע אין געוויינטלעכן און ער, שלום־עליכם, האַלט, אַז דער ציל פֿון דער קונסט איז אַרויסצושיילן דאָס געוויינטלעכע אין אויסערגעוויינטלעכן. גייענדיק מיט דעם גאַנג, האָט שלום־עליכמס קונסט דערגרייכט די העכסטע מדרגה פֿון סובטעלקייט, ווײַל ער האָט כּסדר פֿאַרגעוויינטלעכט דאָס אויסערגעוויינט־לעכע אין ייִדישן לעבן און אַזוי אַרום געהאָלפֿן אויפֿלייזן די קנופּן פֿון אַ פֿאַרפּלאָנטערט און קאָמפּליצירט לעבן. שלום־עליכם האָט דיס־טילירט דעם פֿאָלקס טראַכטן, זײַן פֿילן, זײַן אופֿן פֿון רעאַגירן אויף גע־שעענישן, זײַן פֿייאיקייט אָפּט צו סימפּליפֿיצירן עקספּלאָסיווע סיטואַציעס, כּדי זיי בײַצוקומען. ער איז ניט סתּם געגאַנגען אין פֿאָלק, ער האָט זיך אײַנגעוואָרצלט אין אים און פֿון דאָרט, פֿון אינעווייניק, אַרויסגערעדט.

אויף שלום־עליכמס וועגן, אין ברייטן, פיגוראַטיוון קאָנטעקסט, גייט מאַנגער.

מאַנגער איז אַוועק מיט די אויגן, מיטן האַרץ און מיט די האַרצווייטיקן פון אַ היינטיקן מענטש צו די סאַמע אורקוואַלן פון פאָלקס לעבן, צו זיין מיטאָס, צו זיין בראשית. ער איז ניט אַנטרונגען געוואָרן צום אַמאָל, ער האָט אים, דעם אַמאָל, גיכער פאַרבעטן צו זיך און מיט אים גערעדט היינטיקע רייד. ער האָט אָפּגעווישט וועלכן עס איז צייט־שטח. ער האָט דעם אַמאָל ניט נאָר פאַרהיינטיקט, נאָר אויך פאַרהיימישט. אין דעם פּראָצעס איז פאָרגעקומען אַ דיסטילירונג פון ווערטן, אַן אָפּקלייב פון דעם דויערנדיקן — אי דעם נאַציאָנאַלן און אי דעם אַלמענטשלעכן. מאַנגער האָט ניט בלויז פאַרפאָלקישט דעם חומש, ווי די צאינה וראינה האָט עס געטאָן, און אים געמאַכט פאַרשטענדלעך פאַרן איצטיקן מענטשן — ער האָט אים פאַרהיינטיקט, און דורך דער פאַראיצטיקונג — אוניווערסאַליזירט. די חומש־מעשיות זיינען ניט קיין סימבאָלן פאַרן איצטיקן מענטשן. ס'איז גיכער דער איצטיקער מענטש אין קאָנטעקסט פון זיינע פּראָבלעמען, געזען אין דער טיף — ווי ער איז געווען אין משך פון דורות.

ס'איז ריכטיק אָנגענומען, אַז מאַנגערס אַברהם און שׂרה זיינען אין דער אמתן אַ יידיש פאַרפאָלק פון אַ פּויליש אָדער גאַליציש שטעטל פון נעכטן, אָדער גאָר פון אַ דייטש־יידישער שטאָט אין מיטלאַלטער מיט הונדערטער יאָרן צוריק, אָדער פון אַ דאָרף ערגעץ אין בבל מיט 2,000 יאָר צוריק, אָדער — אויב איר ווילט — דאָס אָריגינעלע חומש־פּאָרל אין אור כשׂדים אָדער אין חרן. משמע, אַן אייביק יידיש פּאָרל. די עקזאָטישע, ווייטע לאַנדשאַפט און די גרויסע דימענסיע פון די פּאַטריאַרכאַלע פיגורן פאַרשווינדן טאַקע, דערפאַר מאַכט די סלאַווישע לאַנדשאַפט און די נאַטירלעכע דימענסיע פון די פּערסאָנאַזשן זיי אייגענער, שטוביקער און אַלטאַגיקער — ווייניקער סימבאָליש און מער מענטשלעך, מער יידיש, מער קרוביש. אמת, דער היפּערבאָלישער טאָן פון דעם געצאַמטן ביבל־טעקסט פאַרשווינדט ביי מאַנגערן. אָבער דערפאַר מאַכט דאָס וואַרעמע באַרעדעוודיקע יידיש די געשעעניש היימישער, נעענטער און מער באַגלייבט. אין ספר שמואל, ווען אַבשלום קומט אום, נאָכדעם ווי ער האָט געפּרוווט פאַרכאַפּן דעם פאָטערס מלוכה, באַקלאָגט אים דוד המלך מיט דעם רעטאָרישן אויסבראַך: „בני, בני אבשלום" — מיין זון, מיין זון אַבשלום. ווערטער וואָס זיינען דורך די דורות געוואָרן סימבאָלן. ביי מאַנגערן אָבער ווענדט זיך דוד צום טויטן אַבשלומען, ווי אַ ראַדאָמער אָדער לעמבערגער ייד וואָלט זיך געווענדט צו זיין זון, וואָס איז אויסגעאַנגען לתרבות רעה, מיט אַ שטילן פירוואָרף און ווייטיק: „אַבשלומקע, צו וואָס האָסטו דאָס געטאָן?" און דאָס געשריי, אין אונדזערע אויערן, אַן דער רעטאָריק פון דער ביבל, עכאָט אָפּ נעענטער און אַן אַ שיעור האַרצברעכנדיקער.

אין דעם אַספּעקט האָט מאַנגער געטאָן דאָס וואָס אַ סך גרויסע

מאָדערנע קינסטלער האָבן געטאָן — ער איז אַוועק צום שורש, צוריק־געגאַנגען צו די אורקוואַלן. פּרץ האָט, דורך סימבאָל און אַלעגאָריע, געטאָן דאָס זעלבע. בײַ פּרצן איז אָבער בלויז די סימבאָליק אַ הײַנטיקע, די פּערסאָנאַזשן האָט ער ניט פֿאַרהײַנטיקט. ענלעכער איז גיכער אין דעם פּרט שאַגאַל אין זײַנע ביבל־אילוסטראַציעס. פּיקאַסאָ האָט אַמאָל געזאָגט, אַז די אמתע וואָרצלען פֿון זײַן קונסט האָט ער, דער אולטראַ־מאָדערנער קינסטלער, געפֿונען בײַ די ערשטע פּרימיטיווע איבערישע (שפּאַנישע) מאָלערס און בײַ די פֿריִע נעגריטאַנישע מאָלערס אין אַפֿריקע. בײַ זיי האָט ער זיך געלערנט מאָלן, בײַ זיי האָט ער געפֿונען דעם שורש פֿאַר זײַן קונסט, זײַן אויפֿפֿאַסונג און זײַן קריטיק פֿון דער מאָדערנער וועלט — אַפֿילו פֿאַר זײַן גוערניקאַ.

רעדנדיק וועגן זײַנע לידער, זאָגט מאַנגער אין דעם אַרײַנפֿיר צום בוך „דעמערונג אין שפּיגל": „אויפֿן פֿאָן פֿון ייִדישן פֿאָלקס־ליד און פֿאָלקס־עפּאָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט די ליריש־עפּישע שטײַגערונגען...".

און געטאָן האָט עס מאַנגער באַוווסטזיניק. ער זעט בכלל ניט דעם חילוק צווישן פֿאָלקישער און נאַציאָנאַלער קונסט, ניט בײַ ייִדן און ניט בײַ אַנדערע פֿעלקער. מאַנגער האַלט, אַז די פֿאָלקישע קונסט און די נאַציאָנאַלע קונסט בײַ ייִדן איז איינע און די זעלבע.

אין אַרײַנפֿיר צום „האָצמאַך שפּיל", אַ באַאַרבעטע גאָלדפֿאַדעניאַדע, זאָגט ער עס זייער קלאָר: „די ייִדישע פֿאָלקס־בינע... איז במילא די ייִדיש־נאַציאָנאַלע בינע".

און אין זײַן אַרײַנפֿיר צום בוך „פֿעלקער זינגען" (וואַרשע, 1936), אַן איבערדיכטונג פֿון פֿאָלקס־לידער פֿון דרײַצן פֿעלקער, זאָגט ער:

„דאָס דאָזיקע בוך ווידמע איך די יונגע ייִדישע פּאָעטן. מײַן כּוונה דערבײַ איז, אַז די שיינקייטן פֿון די פֿרעמדע פֿאָלקס־לידער זאָלן גורם זײַן פֿאַר זיי די אַנטפּלעקונג פֿון די שיינקייטן אין אונדזער ייִדישן פֿאָלקס־ליד.

„דער עמבלעם פֿון ייִדישן פֿאָלקס־ליד ,די גאָלדענע פּאַווע' וועט אפֿשר אַזוי אַרוס ווערן דער עמבלעם פֿון ייִדישן קונסט־ליד" (**אונטערגעשטראָכן פֿון אונדז — א. ג.**).

ב.

דער שליסל צו מאַנגערס שאַפֿן ליגט מסתּמא אין דער־אָ ווידמונג, וואָס מיר האָבן ציטירט: אויף די פֿליגל פֿון דער פֿאָלקישער „גאָלדענער פּאַווע" טראָגט ער זיך צו דער קינסטלערישער געלײַטערטקייט און דער־הייבונג, צו דער דיכטערישער עסענץ.

כּדי דאָס דערגרייכן, באַוועגט ער זיך אויפֿן אייביקן שטראָם פֿון אומ־צאָליקע דורות. קיינער אין דער ייִדישער פּאָעזיע פֿירט ניט מיט מיט זיך אַזוי פֿיל זיידעשע באַגלייטערס ווי איציק מאַנגער. דורות זיידע־באָבעס זײַ־נען די אונטערפֿירערס זײַנע. זיי רעדן פֿון אים אַרויס און ער איז זייער

פּירשפּרעכער. ניטאָ, ווי געזאָגט, קיין סימן פון אַנטלויפן צוריקצוווּעגס אויס מורא פאַרן הײַנט. ער לויפט גאַרנישט ריקווערטס, מאַנגער. פאַרקערט, זיי, די דורות, קומען גאָר צו אים, טוען אים אָן די ירושה־און יחוס־קייט און — ס'אָ ווונדער צו דערציילן, פון דער קייט ווערן זעלטענע, דורכזיכטיקע, לויטערע, פאָלקישע, דויערנדיקע און — אין מאַנגערס גוסט — בלויע פליגל. און ווען ער טראָגט זיך אויף די פליגל, ווערט שווער צו וויסן, ווו דורות הערן אויף און ווו מאַנגער הייבט זיך אָן. אפשר האָט ער עס אַליין אויך ניט געוווּסט.

מיט עטלעכע וואָכן צוריק* איז פאָרגעקומען אין אַ ישׂראל־שפּיטאָל די טראַגישע און האַרצווייטיקדיקע חתימה פון „מדרש איציק". מיט דעם נאָמען האָט מאַנגער באַצייכנט זײַן זאַמלונג לידער פון חומש, די רות־לידער און די מגילה־לידער. מיר נעמען אַרײַן אין חשבון דעם גאַנצן מדרש איציק — זײַן גאַנץ שאַפן. דורות פאָלק־חכמה, פאָלק־פּײַן, פאָלק־חלום זײַנען דאָרט אײַנגעזאַמלט און אײַנגעשלאָסן געוואָרן.

ווען מיר, און דורות נאָך אונדז, וועלן עפענען דעם „מדרש איציק", וועלן פון דאָרט אַרויסשפּאַצירן ניט נאָר די אָבות, ניט נאָר רות און נעמי, ניט בלויז די העלדן פון דער מגילה, נאָר אויך דער אַלטער איובֿ און אבן גבירול און משה אבן עזרא און אליהו הנבֿיא און דער בעש"ט און דער באַרדיטשעווער לוי יצחק און אייזיק וואַליך, דער ייִדישער מינע־זינגער פון סוף 16טן יאָרהונדערט, און בערל בראָדער און וועלוול זבאַרזשער און דער גילגול פון הונדערטער אָן־נאָמיקע ייִדישע טרובאַדורן און מינע־זינגערס און „נאַרן" און „ורויליכי יודן" (פרײלעכע ייִדן) און פּורים־שפּילערס פון אַלע דורות און פון אַלע צײַטן.

פון זיי אַלעמען וואַקסט ער אַרויס, ער, וואָס כאַראַקטעריזירט זיך: „איציק מאַנגער איז ער געגאַנגט, אײַן חייט אויס וואַלאַכיש לאַנד...". אַלע פעדעם זייערע טראָגט ער מיט זיך, און וועבט זיי כסדר איבער און כישופט פון זיי אַרויס ניגונים, וואָס זײַנען אי אַלט און אי נײַ, אי נעכטיקע און אי מאָרגנדיקע.

ער שרײַבט דעריבער אין אַלע פאָלקישע נוסחאות — אין ביבל־נוסח און אין צאנה וראינה־נוסח, אין בבֿא־בוך־נוסח און אין נוסח פון חסידישע מעשׂה־ביכלעך, אין אַ נאָכגעמאַכטן שמ"ר־נוסח און אין גאָלדפאַדען־נוסח. ער שרײַבט אין אַלט־ייִדיש, מיטל־ייִדיש און נײַ ייִדיש, און אין אַלע דרײַ צוזאַמען. ער ניצט דעם גאַנצן רעקוויזיט פון דער ביבל, פון פּורים־שפּיל און פון די פאָלקלידער פון אַלע פעלקער. זײַנע באַלאַדעס זײַנען אָנגעפילט מיט פרינצן, בת־מלכות, כלה־מיידלעך, ייִדן אויפן יאַריד, פּויערים, ציגײַנער, שנײַדער־יונגען, טאַטעס, שטאַרבנדיקע מאַמעס, קינדער, רויבערס, צדיקים, שיכורים און איבער אַלעם — אומגליקלעכע, פאַרלוירענע, גאָט זוכנדיקע און זיכזוכנדיקע מענטשן.

---

* די אַרבעט איז געשריבן געוואָרן אין מערץ, 1969, וואָכן נאָך מאַנגערס טויט.

און מיט זיי אַלעמען גייט מיט דער טרובאַדור און שניידער־יונג איציק מאַנגער אַליין. ער איז ניט נאָר אידענטיפֿיצירט מיטן ליד, ווי יעדער דיכטער איז, ער איז אַ העלד, אַ פֿיגור אין זייער אַ סך לידער — כּמעט אַ באַזונדער אויסגעטיילטע און אויסגעשיילטע פּערזענלעכקייט. ער איז ניט פֿון דרויסן פֿון ליד — ער איז אינעווייניק, ניט בלויז אַלעגאָריש אָדער אידעיִש, אָדער מיטן געפֿיל, נאָר בפּועל ממש. עס איז ווי שלום־עליכם, וואָס מישט זיך פּלוצעם אַריין אין אַ מעשׂה זײַנער אין דער ערשטער פּערזאָן, ווען דער וועג ווערט צו שווער און דער גאַנג צו טרויע־ריק.

צום סוף פֿון אַן אויפֿרײַסעריש און שטורמיש ליד רײַסט זיך בײַ מאַנגערן אַרויס: "Quo vadis Manger?" („וווּהין גייסטו, מאַנגער?") און אַ באַלאַדע וועגן שעקספּירס „אָפֿעליאַ" ענדיקט ער מיט די שורות:

און איציק מאַנגער שלאָפֿט אויפֿן דיל
פֿון אַלע חלומות אויסגעטאָן.

און צום סוף פֿון ליד וועגן רבינו תּם שטעלט ער די פֿראַגע: „ווער־זשע האָט דאָס ליד געמאַכט?" און לאָזט אונדז וויסן, אַז „אַ שניידער־יונג האָט דאָס ליד געמאַכט להכעיס דעם רבינו תּם". און דאָס עלעגישע ליד וועגן „האַרבסט" דערגייט צום אָפּגרונט פֿון טרויער, ווען „דער האַרבסט מיט באַנדאַזשירטע פֿיס זינגט מאַנגערס טרויעריקע באַלאַדעס". איינע פֿון זײַנע דינסטע באַלאַדעס, „די באַלאַדע פֿון חנהלע די יתומה", ענדיקט ער מיטן פֿערז:

איך האָב דאָס ליד געזונגען
שטאָט זמירות פֿרײַטיק־צונאַכטס,
און כ'האָב מײַן מוזע געגעבן
אַ לעפֿעלע אײַנגעמאַכטס
פֿאַר דער דאַזיקער שיינער באַלאַדע.

אמת, דער נוסח איז דער פֿון מיטלאַלטערלעכן ייִדישן זינגער, וואָס פֿלעגט זיך אידענטיפֿיצירן, זיך פֿאָרשטעלן פֿאַרן לייענער צום סוף פֿון ליד, אים לאָזן וויסן ווער עס האָט „דאָס ליד געמאַכט". אָבער בײַ מאַנגערן איז דאָס אַ סך מער. ער שאַפֿט אַן איציק מאַנגער פֿיגור וואָס איז אַן אינעווייניקסדיקער פּערסאָנאַזש אין ליד, כּמעט ווי ש. י. אַב־ראַמאָוויטש האָט געשאַפֿן אַ מענדעלע־פֿיגור.

ער פֿאַרגעסט קיין מאָל ניט, און וויל ניט, אַז דער לייענער זאָל פֿאַרגעסן, זײַן דירעקטן יחוס:

און אָט בין איך, דאָס אייניקל פֿון אונדזערע „אַלטע נאָרן",
ר' אײַזיק וואַליך ווירמייזן און ר' שלמה פֿון פּראָג,

פונקט ווי דיי האָב איך געטאָן מײַן זינגען און זאָגן
פון ייִדישע צערן צווישן גרײַשע האַרן און געפּאַרן.

כ׳האָב אײַנגעשפּאַנט דעם „באַפּליגלטן לאַשעק״ פאַר עטוואַ צוואַנציק יאָרן.
פונקט ווי מײַן זיידע האָט געשפּאַנט זײַנע קאַשטאַנס אין סטאַפּעשעט.
און רײַטנדיק גאַלאָפּ בין איך פאַרפאָרן העט, העט, העט.

(„איך אַליין״)

צום נאָענטסטן זײַנען אים די „בראָדער זינגער". מיט זייער וואָגן פאָרט ער מיט און מיט זיי האָט ער ליב זיך טראָגן פון קרעטשמע צו קרעטשמע, כּדי אַרויסצורופן בײַ „פּראָסטע ייִדן״ אַ זיפץ און אַ לאַך:

כ׳בין אַרויפגעשפּרונגען אויפן וואָגן פון די „בראָדער זינגער״
און בין מיט זיי אַ מהלך וועגס אָפּגעפאָרן,
דורך שטעט און שטעטלעך, דורך זינגענדיקע יאָרן,
דורך וואָגל, דורך הפקר און דורך הונגער.

דעם אמת געזאָגט, ס׳איז מיר געווען גרינגער
מיט אָט די ערשטע פריילעכע ייִדישע אַקטיאָרן,
פאַר די פעלדער זינגען פייגל, די גריל — פאַרן קאָרן
און פאַר די ייִדן זינגען מיר — די „בראָדער זינגער״.

אין ייִדישע אַכסניות, אין קרעטשמעס בײַ די וועגן,
האַרבסט־צײַט, ווען אין די לאָדנס פּויקט דער רעגן,
שטעלן מיר זיך אָפּ כּדי צו זינגען און צו זאָגן.

בײַ לאַנגע הילצערנע טישן זיצן פּראָסטע ייִדן און זיי הערן,
אָט זיפצן זיי פאַרזאָרגטע און אָט לאַכן זיי מיט טרערן.
אין דרויסן אויפן רעגן וואַרט אויף אונדז דער וואָגן.

(„בראָדער זינגער״)

— דעריבער

צוויי זײַנען זיי אײַגנטלעך: דער איציק מאַנגער, וואָס שרײַבט דאָס ליד און דער וואָס זיצט אינעווייניק אין ליד, מחמת אינעווייניק איז זיכערער און היימישער, און עס גייט אָן אַ כּסדרדיקער דיאַלאָג צווישן די צוויי, אַ כּסדרדיקע שאלות־ותשובֿות צווישן די צוויי, און זיי האַלטן אָן אויג איינער אויפן אַנדערן און משפּטן אָפּט איינער דעם אַנדערן, ווײַל דאָרט ווו דיכטונג איז אַ שליחות, מוז דער זעלבסט־משפּט זײַן אַ שאַר־פער און אַן אַנרחמנותדיקער. אַ טרייסטוואָרט וואָס מען האָט דיר אַנ־

געטרויט געהערט אייגנטלעך ניט צו דיר — עס איז בלויז אַ פּיקדון, וואָס דו דאַרפֿסט איבערגעבן צו אַנדערע:

כ׳בין דער נבֿיא, וואָס האָט פֿאַרלוירן
דאָס וואָרט פֿון גאָט אויפֿן וועג צו אײַך.
איצט שטיי איך אַ פֿאַרשעמטער אויפֿן שליאַך,
און וויקל מײַן גוף אין זיבן טרויערן.

זאָל איך אַנקלאַפּן און רחמים בעטן,
ווײַל כ׳בין געקומען אָן אַ טראָפּן טרייסט?
צי זאָל איך וואָגלען ווי אַ פֿויגל אָן אַ נעסט
ביז די מיטן־נאַכט וועט מיך צעטרעטן.

(„דער נבֿיא״)

ג.

דער ניגון פֿון מאַנגערס ליד איז ליבשאַפֿט און די פֿאַרב פֿון זײַן ליד איז בלוי, און דער גאַנג פֿון זײַן דיכטונג איז, אין זײַן אידיאָם, „פֿון גראָ ביז בלאָ״. אַפֿילו איצט, אין רגעס פֿון טרויער נאָך זײַן טויט, הענגט דער תּכלית פֿון זײַן ליד איבער אונדז, ווי דער מאַמעס אַ ירושה־שאַל, וואָס וואַרעמט און וועמעס ריח איז טרערן און שוץ און ליבשאַפֿט.

ריבונו של עולם: מעק די גראָקייט אָפּ
פֿון אַלע מײַנע וועגן. און זאָל
מײַן וואָגל און וואַנדער איבער דער וועלט
זײַן ליכטיק און אויפֿגעהעלט.

שפּינט דער חלום אַ וועג — און דער וועג איז בלאָ,
דער שטעקן איז בלאָ און די טאָרבע איז בלאָ.

און די בלאָקייט ווערט מורמל און שטאָמל און פֿלי,
פֿליסטער און רויש און געזאַנג פֿון נישט־הי.

(„די באַלאַדע פֿון דעם ייִד, וואָס איז געגאַנגען
פֿון גראָ ביז בלאָ״)

דער איינזאַמסטער פֿון אַלע וועגן אויף דער וועלט איז דעם דיכטערס וועג. מען האָט אים אָנגעטרויט די נשמה פֿון דעם אוניווערז — דאָס ליד, און דאָס ליד איז גאָלע טרער. גאַנץ מאַנגער, דאַכט זיך אָפֿט, איז דאָס געוויין פֿון דער וועלטס יתומדיקייט, פֿון איר אָפּגעפֿרעמדקייט, פֿון איר רײַסן זיך צו גאולה. און קאָן מען די וועלט ניט אויסלייזן, קאָן מען זי מיט דעם ליד און דורך דעם ליד כאָטש נעענטער ברענגען צו דער גאולה,

כּאָטש „אָפּווישן מיט שיינקייט אַלע צערן", און מחמת דעם וויל אַלץ ווערן ליד, געלײַטערט און אויסגעלײַטערט ווערן דורך ליד.

איך עפֿן אויף דאָס פֿענצטער שטיל
און זע — אַ פֿויגל פֿליט —
איך וויס, דער פֿויגל צו דער זון
וויל ווערן הײַנט אַ ליד.

איך הויב די אויגן אויף און זע
אַ זילבער וואָלקן ציט —
איך וויס, דער וואָלקן בײַ דער זון
וויל ווערן הײַנט אַ ליד.

און אַלץ וואָס אָטעמט, לאַכט און בליט,
דער פֿויגל און דער ווינט,
דער בלינדער בעטלער אויפֿן ראָג,
די מאַמע און דאָס קינד,

דער קוימענקערער אויפֿן דאַך,
דער אַלטער מילעך־ייִד,
דאָס בלומען מיידל אויפֿן מאַרק
— זיי ווילן ווערן ליד.

(„ס'האָט, מלכּלע, דער קאַרשנבוים")

און דער עול פֿון ליד איז פֿײַנלעך און טראָגן אים מוז מען, כאָטש אָפּט ראַנגלט זיך דער דיכטער — ווי דער אַמאָליקער נביא קעגן גאָטס שליחות — קעגן דעם וואָרט וואָס גליט אין אים, ער ראַנגלט זיך קעגן דעם „פֿיליסטער מיטן פֿליך", וואָס ווערט אָפּט דער בעל־טובֿה, וועמען מען דאַרף געפֿעלן, און ער בעט זיך:

גאָט, מײַן גאָט צו וואָס האָסטו געזאָלבט
מײַן גוף מיט לידער און מײַן קאָפּ מיט פֿרייד?
צו וואָס האָסטו מיר געגעבן דעם בעטלער זאַק,
די אויסגעקרימטע שיך און דאָס הפֿקר קלייד?

כּדי איך זאָל קומען אין אָט דער טראַכט
און פֿאַרוואַנדלען דײַן חלום אין געוויין?
כּדי איך זאָל זאָגן צו אַלע ווינטן: נאַכט,
און נישט האָבן קיין היים, וווּ אַהיימצוגיין?

(„איך דער פּרינץ")

מאַנגער — דאָס איז פּרצעס בדחן פון „בײַנאַכט אויפן אַלטן מאַרק״. נאָר בעת דער בדחן איז שאַרף־ליניק און שטראָפנדיק, איז מאַנגער צאַרט, רונדליניק, ווייך, פּליסנדיק און טרייסטנדיק. ער באַוועגט זיך אין אַ קאַש־מאַרישער וועלט צווישן די לעבעדיקע און די טויטע און ווייסט אָפט ניט דעם גבול צווישן די צוויי. ווי דער בדחן האָט ער וויטיקדיק ליב דאָס לעבן און פּרוווט לייקענען אין טויט. מיט אַ שאַרפן אָבער לירישן חוזק שנײַדט ער דורך ווי מיט אַ בליץ דעם קאָשמאַר און אַנטפּלעקט, דעקט אָנפּניותדיק אויף דאָס אומגליק פון דער וועלט — אַ וועלט ווו „מעסערס בליצן שאַרף... [און] ווערטער קלינגען פאַלש״. פון דעם שרעקבילד שיילן זיך אַרויס: דאָס בעטלער־קינד, דער טרויער פון די פאַרלוירענע וועגן, די הונגעריקע מאַמעס און די בעטלער־טאָרבעס, און דאָס ליד פון פאָלק, וואָס נאָגט און מאָנט. און פאַר זיי אַלע דאַרף דאָס ליד זיך אײַנ־שטעלן.

אין מיטן פון דעם טראַנס טראָגט זיך דער שאַרפער חוזק פון דיכ־טער וואָס פּרוווט דעם טומאַן צעשטרײַען און אָפט הערט זיך דאָס העלע געלעכטער פון קינד, און אָפטער נאָך דאָס געלעכטער־געוויין פון קינד. און די וועלט די גאַנצע דאַרף אַ טרייסט. ניט נאָר דער מענטש, נאָר די נאַטור גופא דאַרף געהאָלפן ווערן. זי ווערט דערטרונקען אין דער גרויסער קאָסמישער טרער, וואָס דראָט אַלץ צו פאַרפלייצן. דער בעש״ט לאָזט זיך גיין אין האַלבער נאַכט אַוועקצוטרײַבן די כמאַרע פון אַ שטערן וואָס וויינט, מחמת:

„דאָס געוויין פון אַ ווערעמל און פון אַ גראָז,
דאָס געוויין פון אַ שטערנדל און פון אַ האָז
קען טרייסלען און צעטרייסלען אַ וועלט פון רו.
באַהיט און באַשיץ זיי, טאַטע, דו״.

(„סאָנעט בעשט״)

און דער האַלצהאַקער הערט דאָס געוויין פון די סאָסנעס און דעמבעס און קאָן זיי דעריבער ניט האַקן „און ער בעט בײַ זיי מחילה מיט אַ ביטער געוויין״. און הערשעלע אָסטראָפּאָליער נעמט אַ טרער, וואָס הענגט אויף אַ ווערבע, און טראָגט זי אַהיים שטאָט אַ טאָלער אויף שבת.

אַפילו גאָט אַליין איז גרויס מיט דעם וואָס ער קאָן פאַרגיסן טרערן. און דער דיכטער איז גרויס דערמיט וואָס אין אים קאָן אויפגיין און זיך צעבליִען גאָטס טרער —

גאָט כּבֿיכול איז גרויס,
הײַנט פּונקט ווי אַמאָל.
נישט ווײַל ער דונערט אין הימל,
נאָר ווײַל ער כליפּעט אין טאָל.

אַז ווייל איז צו דעם
וואָס האָט דאָס כליפּען דערהערט.
דיר איז אַזאַ הערונג
געווען באַשערט.

און אַ טרער איז געפֿאַלן
אין דײַן געמיט.
און מיט וווּנד און מיט ווונדער
זיך צעבליט אין דײַן ליד.

(„די רייד פֿונעם שנײַדער־געזעלן
נטע מאַנגער צום פּאָעט")

ד.

אמת, פֿון אַלץ ווערט ליד בײַ מאַנגערן, אָבער מער ווי אַלץ איז די טעמע פֿון זײַן ליד דער פּשוטער מענטש און די אָרעמקייט, וואָס בליט ווי אַ קראַנקע רויז אויפֿן האַרצן פֿון מענטשן.

ער, וואָס טראָגט זיך כּסדר אויף די סוררעאַליסטישע פֿליגל פֿון דער פֿאַנטאַזיע, בײַ וועמען די אויסטערלישקייט איז דער נאַטירלעכער אידיאָם פֿון ליד, און בײַ וועמען עס אַנטפּלעקן זיך ניט־געוואָנטע פֿאַנטאַסטישע חזיונות און ניט־געדאַכטע פֿאַרבן כּמעט אין יעדן פֿערז — דווקא ער הייבט אָן אַ באַנד געקליבענע לידער, „ליד און באַלאַדע" (ניו־יאָרק, 1952), מיט:

לאָמיר־זשע זינגען פּשוט און פּראָסט
פֿון אַלץ, וואָס איז היימיש, ליב און טײַער:
פֿון אַלטע בעטלער, וואָס שעלטן דעם פֿראָסט
און מאַמעס וואָס בענטשן דאָס פֿײַער.

(„לאָמיר־זשע זינגען")

ניין, ניט די אָרעמשאַפֿט האָט זיך צעליגט אין זײַנע לידער, נאָר ער אַליין ליגט אַ צונויפֿגעקנוילטער אין סאַמע האַרצן פֿון דער אָרעמשאַפֿט און זינגט פֿאַר די דלות־און צער־קינדער דאָס ליד פֿון נויט.

ווען הערשעלע אָסטראָפּאָליער גייט אַרויס אויפֿן וועג זעט ער:

אויפֿן שייד־וועג שטייט די נאַכט
און בעטלט שטילערהייט אַ גראָשן

פֿאַר אָרעמע און קראַנקע לײַט,
פֿאַר קינדער אין די נאַכט־אַזילן,
פֿאַר די, וואָס בלאָנקען זיך אַרום
אויף וועגן קעגן זייער ווילן.

סעפּטעמבער, אָרעמע קינדער אין גאַס
שפּילן זיך מיט האַרבסטיקע פֿאַרבן
און ווייסן נישט, אַז מאַמעס אין שטוב
קענען אַיעדע רגע שטאַרבן.

(Pomona)

און איבער די וועגן פֿון דער וועלט וואַנדערן די מאַמעס און שטרעקן די „פֿאַרלאַטעטע הענט" צו דעם אויסגעחלומטן און שרעקלעך ווײַטן גואל — דעם ווײַסן ברויט:

שטייען מאַמעס אין צעריסענע שאַלן
אויף טונקעלע אָונטיקע שוועלן.

בלייכע געזיכטער ,פֿאַרלאָשענע פֿינגער.
דרײַצן אַפּאָסטאַלן פֿון דעם הונגער.

צינדט דער אָוונט איבער זייערע קעפּ
די לבֿנה אָן, ווי אַ ברויט אַ ווײַס.

שטרעקן די מאַמעס פֿאַרלאַטעטע הענט
טרויעריק צום ווײַסן ברויט געווענדט:

הייליק ברויט, פֿאַל אין אונדזער שויס!
הייליק ווייצן־ברויט, לייז אונדז אויס!

(„די באַלאַדע פֿון ווײַסן ברויט")

דאָס ליד אָטעמט מיט דער אייביקער טראַגיק פֿון באַוואולהטן מענטש וואָס טוליעט זיך צו דער אילוזיע, צו דער אויסדאַכטעניש פֿון זעט. דער אימאַזש איז אַ רעליגיעזע פּראָצעסיע וואָס ציט זיך דורך די דורות, געכאַפּט אין דער בעץ פֿון דער האַלוצינאַציע — די פּאַטעטישע תּפֿילה צום אָפּבילד פֿון ברויט וואָס דאַרף ראַטעווען זייערע קינדער.

פּונקט אַזוי אויפֿרײַסנדיק איז דאָס בילד פֿון „די מאַמעס מיט די בלויע קריגלעך אין די מידע הענט", וואָס זוכן „דאָס גאָלדענע מזל".

מיט בלויע קריגלעך אין די מידע הענט
שוועבן ווײַסע מאַמעס צו צום ברונעם:
אפֿשר וועלן זיי דאָס גאָלדענע מזל
אין זײַן טונקעלער טיף געפֿינען —
נאָר ס׳ציטערן די קריגלעך אין די מידע הענט.

אומזיסט, אומנישט דאָס זוכן. דאָס „גאָלדענע מזל" איז אין ערגעץ נישט צו געפֿינען און די קריגלעך פֿאַלן מידע פֿון די מאַמעס הענט —

די לבֿנה גייט אויף... פֿאַרגייט... דער מאָרגן־שטערן
צייטיקט אַ נײַ און בלוי באַגינען.
און די ווײַסע מאַמעס, וואָס שלאָפֿן מיד,
ווערן ווי רויך מיט דער נאַכט צערונען —
און ס'ווײַנען די קריגלעך אין די מידע הענט.

(„די באַלאַדע פֿון די בלויע קריגלעך")

דאָס רישעות פֿון דער וועלט ברענגט אום דעם אָרעמען מענטש.

שפּינוועב און טרויער הילן אײַן די כאַטעס —
ווײַט אין די אָקאָפּעס בלוטיקן די טאַטעס.

און די מאַמעס הורן אין די שטאָלן מיטן טויט
פֿאַר אַ היטל צוקער און אַ לאַבן ברויט.

שטייען קינדער בײַ די פֿענצטער און זיי זעען:
בערדיקע סאָלדאַטן צו די פֿראָנטן גייען.

„וויקטאָריאַ, וויקטאָריאַ" און דאָס ליד
נעמט די פֿרייד פֿון אַלע דערפֿער מיט.

(„מלחמה באַלאַדע")

וואָס־זשע איז דער ענטפֿער אויף דעם רישעות?

די ליבשאַפֿט איז דער ענטפֿער און רחמים איז דער ענטפֿער און דאָס וואַכנדיקע אויג, דאָס שיצנדיקע אויג פֿון די מאַמעס, אַפֿילו די טויטע מאַמעס — זיי שפּרייטן טיכער פֿון ליבשאַפֿט און באַשירעמען דעם מענטש.

מײַן מאַמע איז שוין זינט יאָרן טויט,
נאָר איר ליבשאַפֿט גייט אַרום אין רויש
מיט אָפֿענע אָרעמס פֿאַרן ווינט.

זי שלעפֿערט אײַן דעם אומרו פֿון די שטראָזן,
שפּרעכט אָפּ אַ „גוט אויג" די קליינע האָזן
און דאָס מינדסטע ווערעמל רופֿט זי „קינד".
די ליבשאַפֿט לאָזט די נישט אין קבֿר רוען.

און ווען חנהלע די יתומה קאָן נעבעך נישט קריגן קיין חתן, בלײַבט איר בלויז טאָן איינס: פֿאַרגיסן „טרערן זיבן" אויף דער מאַמעס קבֿר און ס'וועט אויסוואַקסן אַ חתן, אַ גאָלד, וואָס מען דאַרף אים בלויז מיט

אַ שערעלע אָפּשניידן און אים צו דער חופּה פירן. אין אַ נויט באַווײַזט זיך אליהו הנביא — דער טאַטע פון פאָלק — און העלפט אַרויס. ער לייזט אַפילו אויס „דער מאַמעס סאַמעטן קלייד פון דעם לאָמבאַרד".

די ליבע, די וווּנדערלעכע שוץ פאַרן מענטשן און די מאַמעשע גוטס־קייט זײַנען די מוזיק, דער טרייסטנדיקער, תּחנונימדיקער ניגון פון אַלע זײַנע לידער. אַפילו ווען די גאָלדענע פּאַווע געווינט אַ געוועט מיטן קייזער, בעט זי בײַ אים בלויז איין זאַך — אַ פּאַטענט צו מעגן פאַר־שפּרייטן ליבע איבער דער וועלט.

זאָגט זי: „אדוני קייזער,
דו גיב מיר אַ פּאַטענט
און שרײַב עס תּיכּף אונטער
מיט דײַנע אייגענע הענט.

„אַז איך, די גאָלדענע פּאַווע,
מעג פליִען איבערן לאַנד
און טראָגן די ליבע־גרוסן
פרײַ פון קאַנט צו קאַנט".

(„דער שנײַדער־געזעלן נאָטע מאַנגער
זינגט פון דער גאָלדענער פּאַווע")

ה.

אין די יאָרן פון חורבן האָט מאַנגער — ווי מאַרקיש, ווי פעפער, ווי לייוויק — מיט אַ געפיל פון פאַרשאַרפטער נאַציאָנאַלער אחריות, אײַנ־געזאַמלט די געשיכטע, די סימבאָלן פון פאָלק קעגן דעם רשעות פון נאַ־ציזם. מיט האַרצווייטיק פרעגט ער אין „מײַן שנאה־ליד": „איז מיר באַשערט צו זײַן דער לעצטער זינגער פון אַן אויסגעסמטער עדה?", און שטייענדיק בײַ דער „גרויסער יידישער עקדה", בעט ער:

צעטייל מיך, גאָט, אויף טויזנטער קאַשמאַרן,
אַז איך זאָל דאָס לײַב און דעם חלום פרעסן
פון די בלאָנדע קינ׳ס, די בלאָ־אויגיקע נאַרן,
ביז אין זייערע לעצטע פאַרשאָלטענע מעת־לעתן.

(„מײַן שנאה־ליד")

אָבער ניט ער אַליין שטייט אַן אויפגעצאָרנטער קעגן דעם אומגליק און דעם בראָך וואָס האָבן דערשלאָגן זײַן פאָלק. די דורות פריִער זײַנען אײַנגעזאַמלט, אַפילו קעגן גאָט אײַנגעזאַמלט, ווײַל ער האָט דערלאָזט אַז די ממשלה פון שלעכטס זאָל זיך אויסשפּרייטן. אַפילו דער אַלטער לוי

יצחק שטייט אָן אויפֿגעצאָרנטער, אין טלית און תּפֿילין, און וויל ניט דאַווענען, ער איז אַ צעקריגטער מיט דעם ריבונו של עולם —

ער זעט אין זײַן דמיון די בילדער פֿון געטאָ,
די גסיסה, דעם צער, און דעם שפּאָט.
ער שווײַגט פֿאַרעקשנט. דער אַלטער איז ברוגז
מיט זײַן אַלטן גאָט.

(„ברוגז")

און די גאַליציאַנער רביים, ר' משה לייב פֿון סאַסאָוו, ר' וואָלף פֿון זבאַראַזש און ר' מאירל פֿון פּרעמישלאַן שטייען בײַם טויטנלאַגער פֿון בעלזשעץ, פֿאַרציטערטע און פֿאַרצערטע, און דער עלטסטער פֿון זיי, ר' מאירל פֿון פּרעמישלאַן, שליסט אויס דעם ריבונו של עולם פֿון דער עדה:

רבותי, לאָמיר זאָגן אַלע אויף אַ קול:
באַשאַפֿער פֿון די וועלטן, דו ביסט מאַכטיק, מוראדיק
און גרויס,
נאָר מיר די גאַליציאַנער מעקן דיך אויף אויף תּמיד אויס
פֿון דער עדה אמתע „אוהבֿי ישׂראל".

(„די 'אוהבֿי־ישׂראל' בײַם טויטנלאַגער בעלזשעץ")

ביידע נאַציאָנאַלע סימבאָלן מאַנגערס — דאָס קלאָר ווײַסע ציגעלע און די גאָלדענע פּאַווע טיילן דעם גורל פֿון פֿאָלק, גייען מיט מיט אים אויף אומקום און שטעלן זיך אײַן פֿאַר אים. דאָס ווײַסע ציגעלע ליגט אַ פֿיבערדיקס אין געטאָ, בעת די גאָלדענע פּאַווע לאָזט זיך קיין ניו־יאָרק בעטן „רחמים בײַם הארץ פֿון דער וועלט", אָבער עס העלפֿט ניט — „אפֿשר דערפֿאַר ווײַל זי טענהט אויף ייִדיש / פֿאַרשטייען ניט די מושלים פֿון דער וועלט". דאָס ציגעלע גייט אויס און ווערט באַגראָבן אין אַ מאַסן־קבֿר מיט ייִדישע קינדער און איבערן קבֿר וויגט זיך און וועט זיך תּמיד וויגן יאַנקעלעס לידיקע וויג —

און די וויג וועט קומען דער וועלט צו חלום,
נאַכט־אײַן, נאַכט־אויס, יאָר־אײַן, יאָר־אויס,
ביז זי וועט נישט ריכטן, און וועט נישט פֿאַרניכטן,
דאָס דײַטשע מערדער־און משוגעים־הויז.

(„דער סוף פֿונעם קלאָר־ווײַסן ציגעלע")

בײַ מאַנגערן, ווי בײַ יעדן ייִדישן דיכטער אין צײַט פֿון חורבן, האָט געגליט די שׂנאה, דער דאָרשט נאָך נקמה פֿאַר די קינדער, פֿאַר דעם ציגעלע און פֿאַר דער פּאַווע.

און דאָך, און דאָך לאָזט ער זיי לעבן, די צוויי סימבאָלן פֿון פֿאָלקס־געזאַנג. אין מיטן טרויער און אומגליק, דורך אַלע מדורות פֿון נאַציִשן גיהינום לאָזט ער זיי לעבן (דאָס פֿאָלק וועט זיי שפּעטער דאַרפֿן!) —

דער עיקר די ווונד פֿון דער גאָלדענער פּאַווע,
וואָס קוקט מיט פֿאַרחידושטע אויגן.
זי איז געבליבן, נאָר דער שנייַדער־געזעל
איז אויף תּמיד אַוועקגעפֿלויגן.

(„מיַין שוועסטער")

און עס ענדיקט זיך מאַנגערס עלעגישער „אַלבאָם פֿאַר מײַן שוועסטער שיינדעלע", מיט זײַן „קדיש נאָך דער אומה":

די גאָלדענע פּאַווע און דאָס קלאָר־וויַיסע ציגעלע
וויגן די ליידיקע וויגן:
נישטאָ מער דאָס הייליקע יאַנקעלע,
טאָ וויגט מען אָן אַ ניגון.

דאָס גאָלד פֿון דער פּאַווע איז אומעטיק גאָלד,
און דאָס ציגעלע דאָס פֿרומע —
בלענדט ווי טרויעריקער שניי — די צוויי
יתומים פֿון מיַין אומה.

(„יתומים")

ז.

אַז מען פּרוּווט אָנצייכענען איציק מאַנגערס אָרט אין דער ייִדישער דיכטונג, ווערט קלאָר, אַז מיט זײַן גאַנצער אייגנאַרטיקייט און אָריגינאַליטעט, איז ער געבונדן ניט נאָר מיט די פֿריִערדיקע דורות, נאָר אויך מיט די איצטיקע: זײַן שפּילעוודיקייט ווינקט זיך איבער מיט משה בראָדערזאָנען, זײַן לירישער טרויער פֿאַרהילט אין אַ געלעכטער־בלעטל — מיט משה נאַדירן, זײַן וויזיאָנערישקייט און בונטאַרישקייט מיט משה לייב האַלפּערן, זײַן שטילע לירישקייט — מיט רייזענען און ראָלניקן, זײַנע סוררעאַליסטישע בילדער, — דאַכט זיך — בלויז מיט שלום עליכמען.

די מאַנגערישע אימאַזשן, וויזיעס אייגנטלעך, האָבן ניט קיין פֿאַרגלײַך צו זיך. זיי זייַנען ניט בלויז אָריגינעל און ניט־דערוואַרט, נאָר אויפֿרײַסעריש, דערשיטערנדיק עקספּלאָזיוו: „דאָס מיידלשע האַרץ ווי אַ לבֿנה העגגט אויפֿן בוים"; צוויי בעטלער גייען נאָך נאַכן דריטן און „טרינקען זײַן שווײַגן וואָס פֿאַלט ווי שניי"; אַ קאַרשנבוים דיקטירט אַ בריוו: „אויפֿן מאַרק־פּלאַץ שטייט אַ הויקער / שמייכלט צו די דעכער: / ויהי ערבֿ ויהי בקר"; „דער בלויער סאָלדאַט און דער שוואַרצער מאָנאַך / וואַרגן די נאַכט אויפֿן איינזאַמען שליאַך"; פֿונעם אַש פֿון דעם פֿאַר־

ברענטן מיידל וואַקסן אויס זיבן שבת־ליכט; „די נאַכט בעטלט גראַשנס פֿאַר די אָרעמע קינדער" — און אַזוי כּסדר ליד־אײַן און ליד־אויס, זײַטל־אײַן און זײַטל־אויס. יעדער אימאַזש, יעדער חיזיון, פֿאַרכאַפּט דאָס אויג און דאָס אויער, די פֿאַנטאַזיע און דאָס האַרץ, און יעדער האָט זײַן מע־לאָדיע, און אַלע צוזאַמען זײַנען באַגלייט מיט אַ כּסדרדיקן ניגון ווי דער טראָפּ אין תּנ"ך, ווי דער ניגון פֿון דער מגילה אָדער דער ניגון פֿון תּיקון ליל שבֿועות.

און ווידער האָבן מיר צו טאָן מיט אַ באַוווּסטזיניקן קרעאַטיוון פּראָ־צעס. יעדעס ליד, יעדע באַלאַדע, יעדע וויזיע האָט געמוזט האָבן זײַן אייגענע, איר אייגענע נגינה. מאַנגער פֿאַרשטייט עס זייער גוט. אין דעם נאָכוואָרט צו זײַן „ליד און באַלאַדע" שרײַבט ער: „דער געראַנגל מיט די שאָטנס פֿון געמיט איז געווען שווער, און נאָך שווערער איז געווען דאָס געפֿינען די מוזיקאַלישע באַגלייטונג, דעם סינטעז פֿון מוזיק און וויזיע".

זײַן גאַנץ שאַפֿן איז איין ווונדערלעכער סינטעז פֿון די ביידע — פֿון דער מוזיק און פֿון דער וויזיע.

צו מאַנגערס אייגנאַרטיקן שאַפֿן דאַרף מען צורעכענען נאָך איין שטריך: דווקא אין די שטורמישע יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין די יאָרן פֿון מאָדערניסטישע עקספּערימענטן אין פּאָעטיק, אין די יאָרן פֿון „אינזיך" אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, די „כאַליאַסטרע" אין וואַרשע, מאָ־דערניסטישע פּרוּוון אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד (אשר שוואַרצמאַן, דוד האָפֿ־שטיין, ל. קוויטקאָ און אַנדערע) — דווקא דאַמאָלט האָט ער אויפֿגעהויבן די „אַלטמאָדישע" גאָלדענע פּאַווע פֿון פֿאָלקסליד, איר אויסגעהיילט די פֿאַרווונדעטע פֿליגל און זי פֿאַרוואַנדלט, אין מאַנגערס לשון, אין דעם „באַפֿליגלטן לאָשעק", וואָס זאָל אים טראָגן צו די הויכן פֿון ריינער, גע־לײַטערטער נאַציאָנאַלער דיכטונג.

ז.

וואָס־זשע איז פֿאַרט דער מהות פֿון איציק מאַנגער? אַלץ איז דער מהות פֿון איציק מאַנגער, און געזעכט — אָדער האַלב געזעכט — וועט זײַן יעדער עפּיטעט און יעדער מעטאַפֿאָר וואָס מיר וועלן איצט, יעדער אויף זײַן אופֿן, פֿאָראַבלטע, אויסקלײַבן, כּדי אים צו באַצייכענען.

יאָ, ער איז באַשטימט געווען די גאָלדענע פּאַווע פֿון דער יִדישער פּאָעזיע די לעצטע 40 יאָר, אָבער אפֿשר גיכער — די פֿאַרלוירענע פֿעדער פֿון דער פּאַווע וואָס האָט אַראָפּגעפֿלאַטערט צו אונדז און שימערירט אַ בלוי־גאָלדענע אין משך פֿון קנאַפּע צוויי דורות.

יאָ, ער איז באַשטימט געווען דאָס ווײַסע ציגעלע וואָס איז געלעגן אונטערן פֿאָלקס וויגעלע און אַ טרויעריקס אויפֿגעכאַפּט יעדן קרעכץ און יעדן ווידוי־אַכץ פֿון אַ פֿאָלק אין צײַט פֿון אומגליק און האַרצנס־בראָך.

און אפֿשר גיכער — דער טראַגישער „מע" פֿון אָט דעם ציגעלע. אַ סימן — ער אַליין זאָגט אונדז:

ווער בין איך? און וואָס מער
ווי אַן אייניקל פֿון ליאָקעם בדחן,
פֿון יאַנקל לערער דעם שדכן,
אַ מעשׂה, אַ ליד און אַ יידישע טרער.

און אפֿשר ס'קען זײַן פֿאַרקערט,
כ'בין דאָס גילדענע ציגעלע
אונטער יאַנקעלעס וויגעלע,
אַ „מע" וואָס פֿאַרבינדט דעם הימל מיט דער ערד.

(„ליד")

און אין דעם „מע" האָט אָפּגעקלונגען דאָס געוויין און דאָס שטילע האַרציקע געלעכטער, דאָס געזאַנג און דער געיאָמער, דער איכה און דער שיר־השירים וואָס האָבן זיך געריסן בײַ אַ פֿאָלק צו די הימלען.

ער איז אַוועק פֿון אונדז. אמת, ניט ווי די ביבל זאָגט וועגן אליהו הנביא — און ווי ביאַליק האָט געזאָגט נאָך דעם טויט פֿון יצחק לייבוש פּרץ — עלה בסערה — ער איז אַרויפֿגעגאַנגען, אַוועקגעטראָגן געוואָרן אויף די פֿליגל פֿון אַ שטורעמווינט.

די לעצטע יאָרן איז ער געלעגן אַ פֿאַרשטומטער, אַ געליימטער פֿויגל וואָס האָט מער קיין פֿליגל ניט געהאַט אויף וועלכע זיך אויפֿצוהייבן.

אין אַ ליד מיט יאָרן צוריק האָט מאַנגער געזונגען:

האַלב אין וואַך און האַלב אין דרימל
פּלאַפּל איך דאָס לעצטע ליד,
זע, אַ גרויסער פֿויגל פֿליט
פֿון דער ערד אַרויף צום הימל,
האַלב אין וואַך און האַלב אין דרימל
פּלאַפּל איך דאָס לעצטע ליד.

אָט דער פֿויגל, וואָס טראָגט זיך איבער די שטענדיקע הימלען פֿון פֿאָלק־שאַפֿן, איז ער.

און נאָך עפּעס מעג מען צוגעבן — דער פֿויגל וועט זיך טראָגן, ניט קוקנדיק אויף אַ שווער און אָפּט קאַשמאַריש לעבן, וואָס ער האָט געהאַט, אויף פֿליגל פֿון פֿרייד. די פֿליגל וועט שוין דאָס פֿאָלק באַזאָרגן.

אין זײַן ליד „איך בין דער וועג קיין מערבֿ" האָט מאַנגער אַמאָל געשריבן:

מײַן פֿרייד — אַ רעגנבויגן,
וואָס שימערט אין זונענגאָלד
און איז תּמיד גרייט צו שטאַרבן,
ווײַבאַלד מען האָט זי האָלד.

דאָס פֿאָלק וועט אים תּמיד האָלד האָבן.

איציק מאַנגערס „דאָס בוך פֿון גן־עדן" אָדער „מלכותא דרקיע כּמלכותא דארעא"

א.

איציק מאַנגער איז אַ וווּנדערלעך אייגנאַרטיק און אַ פֿול־שטענדיק אײַנגעפֿעדעמט אין דער אַלגעמיינער קאַנווע פֿון דער דורותדי־קער ייִדישער ליטעראַטור. ער איז אַ פֿאָדעם פֿון אייגנמיניקן גלאַנץ און גלײַכצײַטיק אַ האַרמאָנישער טייל פֿון גאַנצן געוועב.

ניטאָ קיין איין ייִדישער שרײַבער פֿון פֿאַרנעם און דויער וואָס מ'זאָל וועגן אים קענען זאָגן, אַז ער וואָלט פּונקט אַזוי גוט געקאָנט שרײַבן אין אַן אַנדער שפּראַך. יעדער ייִדישער דיכטער אָדער פּראָזאַיִקער פֿון באַוווּסטזײַן און קוואַליטעט — האָט, אין לעצטן סך־הכּל, ממשיך געווען אַ טראַדיציע, אַ נוסח פֿון פֿריִער. דער אוניווערסאַליזם, וואָס כאַראַקטע־ריזירט די מאָדערנע ייִדישע ליטעראַטור, וואַקסט אַרויס פֿון די טיף נאַציאָנאַלע פֿעדעם וואָס די איינצל־קינסטלער האָבן געפֿונען, פֿון די נאַציאָנאַלע וואָרצלען וואָס האָבן זיי געשפּײַזט. אונדזער איינציקע מאָס פֿאַר אַ גרויסן ייִדישן קינסטלער, אין וועלכן ערד־ווינקל ער זאָל ניט האָבן געשאַפֿן, איז דעריבער: אויף וויפֿל שלאָגט אין אים דער הויפּט־אָדער פֿון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס איז אין זיך אַליין אַ דיס־טילירונג פֿון נאַציאָנאַלע ווערטן פֿון דורות: אויף וויפֿל אָטעמט זײַן שאַפֿן מיט אהבֿת הפֿאָלק ואהבֿת המענטש; אויף וויפֿל רעדן דורות אַרויס פֿון אים; אויף וויפֿל טויכן אויף די זכרונות פֿון פֿאָלק אין זײַן שאַפֿן; אויף וויפֿל איז ער פֿאַרוועבט אין דעם פֿאָלקס רײַסן זיך פֿאָרויס.

וואָס זײַנען די קלאַסישע אידעיִשע און עטישע שטריכן פֿון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס זײַנען געווען — בײַ וועמען מער און בײַ וועמען ווייניקער — כאַראַקטעריסטיש פֿאַר מיינסטע ייִדישע

שאַפֿערס פֿון מענדעלען ביז מאַרקישן, פֿון פּרצן ביז אָפּאַטאָשון, און פֿאַר די אַנדערע, וואָס זײַנען געקומען נאָך זיי?

ברייט, און בלויז אויבנאויפֿיק, וואָלט מען געקאָנט אָנמערקן אָט די גרונט־שטריכן:

רחמנות און רחמים, און דאָס אײַנשטעלן זיך פֿאַרן מענטשן; טרייסט און אַ ליריש קלוג געלעכטער, וואָס דאַרף פֿאַרהיטן פֿון טרערן — ד. ה. אַ שטילע רעזיגנאַציע וואָס ראַטעוועט זיך דורך אַ שמייכל; אַ פֿאַר־טיפֿטער געזעלשאַפֿטלעכער באַוווסטזײַן — דאָס באַטראַכטן די ליטעראַ־טור ווי אַ שליחות, ווי אַן אינסטרומענט וואָס דאַרף קריטיקירן דעם סדר־עולם; די סאַטירע ווי אַ שעפֿערישער אינסטרומענט — דאָס אַרויסשטעלן די וועלט אין אַ קרומען שפּיגל, כּדי דורך גוזמא און לעכערלעכקייט פּרוּוון זי גלײַכשטעלן; אַ באַשטימטע חכמה, אַ סאָפֿיסטיקאַציע וואָס גליטשט זיך קיין מאָל ניט אַרײַן אין ציניזם; אַ שאַרפֿער מאָראַלישער משפּט און זעלבסט־משפּט; אַ קריגערישקייט וואָס קוואַלט אַרויס פֿון ביטחון, פֿון גלויבן אין מענטשן און אין זײַן מאָראַלישער פּאַטענץ. דאָס אַלץ גייט צוזאַמען מיט אַן אינטימקייט, אַ נאָענטקייט צום לייענער, וואָס האָט ניט קיין גלײַכן צו זיך אין קיין שום אַנדערער ליטעראַטור, ניט נאָר משפּט דער שרײַבער די וועלט און זיך אַליין, נאָר ער שפּירט דעם שטענדיקן משפּט פֿון לייענער איבער זיך. דער „ודע לפֿני מי אתּה עומד" (ווייס פֿאַר וועמען דו שטייסט) איז דאָס שאַרפֿע אויג וואָס דער גרויסער יידישער קינסטלער שפּירט אַלעמאָל אויף זיך — ווי מער גע־לערנט און סאָפֿיסטיצירט דער שרײַבער זאָל ניט זײַן פֿון זײַן לייענער.

די אַלע אַלגעמיינע שטריכן זײַנען אָנגעמאָסטן אויף איציק מאַנגערן. אמת, מיר האָבן זיי אַקוראַט אַזוי געקאָנט אַרויסשיילן פֿון מאַנגערס שאַפֿן און זיי אָנווענדן אויף דער יידישער ליטעראַטור, דאָס הייסט, גיין פֿון פּרט צום כּלל, ווי פֿאַרקערט — פֿון דער ליטעראַטור צום יחיד. צוריק גערעדט, זײַנען מיר גאָרניט אַזוי זיכער אויף וואָסער וועג מיר זײַנען געגאַנגען, און — אפֿשר איז עס גאָר קיין נפֿקא מינה ניט.

צוליב דעם זאָגן מיר: מיט זײַן גאַנצער אייגנאַרטיקייט, אַפֿילו אויסטערלישקייט, איז מאַנגער דורכויס און אין גאַנצן אַ פּאָדעם פֿון אונדזער מאָדערנעם שעפֿערישן געוועב. און אפֿשר — דווקא צוליב דער אויסטערלישקייט ווערן טייל כּוללדיקע שטריכן פֿון אונדזער מאָ־דערנער ליטעראַטור נאָך בולטער און שאַרפֿער בײַ אים. אין אַ באַשטימטן זין, ווערט ער אַ מין זעיר אַנפּין, אַ טראָפּן וואָס שפּיגלט אין זיך אָפּ דעם ים, — אַ מיקראָקאָסם פֿון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.

ב.

אין אַ יידיש לעבן, וואָס האָט זיך אַזוי משונה בליציק געענדערט, איז אויסגעקומען אַ סך פֿון אונדזערע שרײַבערס צו פֿאַרסך־הכּלען פֿרי־ערדיקע עפּאָכעס, פֿאַררונדלען אָפּגעגאַנגענע תּקופֿות און אָנהייבן נײַע.

מאַנגער — ער מיט זײַן זעלטענער חכמה און סאָפיסטיקאַציע — איז בײַ אונדז דער סוף פסוק, דער אָפּשטעל־צייכן אויפֿן ייִדישן פֿאָלקס־ליד.

בלויז מ. מ. וואַרשאַווסקי און מרדכי געבירטיג האָבן ממשיך געווען דאָס ייִדישע פֿאָלקס־ליד אין 20־טן יאָרהונדערט.* יעדער אויף זײַן שטייגער האָט געצויגן דעם פֿאָדעם פֿון פֿאָלקס־ליד — האַרציק, קלוג, טרויעריק, פֿאַרחלומט. אָבער ביידע האָבן פּשוט פֿאַרגעזעצט, ביידע זײַנען נאָך געווען פֿאָלקס־ליד.

מאַנגער האָט שוין דיסטילירט, אָפּ־און אויסגעקליבן. מאַנגער איז שוין ניט פֿאָלקס־ליד. מאַנגערס איז שוין די געלײַטערטע נשמה פֿון פֿאָלקס־ליד, זײַן עסענץ און דיסטילאַט. ער פֿירט שוין דורך אַ פּראָצעס, וואָס האָט אַ גרויסע קולטור־ממשות פֿאַר אונדז: מחמת דיסטילירט באַקומט זיך אַ געזאַנג וואָס איז, דאַכט זיך, וווּנדערלעך באַקאַנט פֿון פֿריִער און דאָך זעלטן נײַ. עס באַקומט זיך, ווי די געשיכטע וואָלט געשפּירט, אַז מיר וועלן שוין מער קיין פֿאָלקס־לידער ניט שאַפֿן אויף ייִדיש און עס איז דעריבער נייטיק זיי אָפּקלײַבן, צונויפֿנעמען, נייטיק זיי קינסטלעריש איבערזינגען, נייטיק דעם נוסח צו פֿאַרהיטן.

נאָך מער: עס זײַנען געבליבן מי יודע וויפֿל ניט־אַרויסגעזונגענע, ניט־דערזונגענע פֿאָלקס־לידער, וואָס מ׳דאַרף זיי ניט נאָר פֿאַרהיטן, נאָר העלפֿן געבוירן ווערן, דערזינגען זיי, מחמת די וואָס האָבן זיי „באַדאַרפֿט״ דערזינגען זײַנען פֿאַרטיליקט געוואָרן.

מחמת דעם איז מאַנגער אַזוי זעלטן פּשוט און אַקוראַט אַזוי קאָמפּליצירט; אַזוי זעלטן באַקאַנט און אַקוראַט אַזוי אויסערגעוויינטלעך נײַ; אַזוי זעלטן דורכזיכטיק און אַקוראַט אַזוי פֿאַרטונקלט; אַזוי זעלטן רעאַליסטיש און אַקוראַט אַזוי אויסטערליש, סורעאַליסטיש; אַזוי זעלטן וואַך און אַקוראַט אַזוי טרוימעריש, גאָלע חלום, אָפּט — אומדערטרעגלעך קאָשמאַריש.

אָבער — לאָמיר אים ניט סימפּליפֿיצירן. אויב די שפּראַך פֿון ליד איז דאָס בילד, און דער געדאַנק פֿון ליד איז די אַלעגאָריע און דער סימבאָל, און דער מוסר השׂכל איז אָפֿט אַנגעטאָן אין אַ בילדלעך קליידל און מען דאַרף דעם מוסר־השׂכל דערפֿילן און דערגרונטעווען — לאָמיר לייענען איציק מאַנגערן אין דער טיף, זיך ניט צופֿרידנשטעלן בלויז מיטן פּירוש המילות, וואָס אָפֿט זײַנען זיי ניט מער ווי אַ טיר צום געפֿיל, צום געדאַנק פֿון ליד.

ג.

אַחוץ זײַן בוך עסייען וועגן ליטעראַטור („נאָענטע געשטאַלטן״, וואַרשע, 1938), האָט מאַנגער אָנגעשריבן בלויז איין איינציק פּראָזע־ווערק,

---

* נאָר אין אַ קורצינקן פּעריאָד און אונטער די אומגליקלעכסטע תּנאָים האָט דאָס פֿאָלקס־ליד „אויפֿגעבליט״ אין די געטאָס און לאַגערן.

„דאָס בוך פֿון גן־עדן", וואָס איז דערשינען אין װאַרשע, אין בזשאָזע־פֿאַרלאַג, אין יאָר 1939.

אין אַרײַנפֿיר צום בוך (געשריבן אין פּאַריז, ווו ער האָט זיך דאַמאָלט געפֿונען), טײַט מאַנגער אָן אַז „דאָס בוך פֿון גן־עדן" איז „דער ערשטער טייל פֿון אַ פֿאַרטראַכטער טרילאָגיע". 'דאָס בוך פֿון דער ערד' און 'דאָס בוך פֿון עולם התוהו' וועלן אפֿשר אָנגעשריבן ווערן". אפֿשר? ניין, זיי זײַנען קיין מאָל ניט אָנגעשריבן געוואָרן. די שפּעטערדיקע גלות־יאָרן — יאָרן פֿון וואַנדער — אין פּאַריז, אין לאָנדאָן, אין ניו־יאָרק — האָבן שוין דעם דיכטער ניט געגעבן גענוג רו און ישוב־הדעת אָנצושרײַבן אַ לענגער פּראָזע־ווערק.

„דאָס בוך פֿון גן־עדן" איז, ווי דער נאָמען טײַט אָן, אַ בוך וואָס באַשרייבט דאָס לעבן אין גן־עדן. כאָטש אין דעם אַרײַנפֿיר באַצייכנט מאַנגער דאָס ווערק ווי אַ „הפֿקרדיק פֿריילעך בוך", איז אין דעם ניטאָ קיין סימן פֿון הפֿקרות (ווי ס'איז ניטאָ אין מאַנגערס גאַנצן שאַפֿן!). פֿריילעך איז עס, אָבער — עס איז די טיפּישע — טרויעריקע, טרערנדיקע, האַרצברעכנדיקע, קלוגע — פֿריילעכקייט פֿון דער גאַנצער ייִדישער ליטעראַטור.

מאַנגער וויקלט פֿונאַנדער אַ הימלישן יעהופּעץ, אָדער כּתרילעווקע, אָדער לעמבעריג. עס וואַקסט אַרויס אַ קלוגע, שאַרפֿע, אָנפּניותדיקע סאַטירע — ניט אַזוי אויף יענער וועלט, ווי אויף דער וועלט. וואָס טוט זיך אין גן־עדן? אייגנטלעך, גענוי דאָס וואָס ס'טוט זיך אויף דער ערד — „עס איז ניטאָ קיין יושר". מאַנגער וויל באַווײַזן, ניט אַז „מלכותא דארעא כּמלכותא דרקיע" (די ערדישע הערשאַפֿט איז ווי די הימלישע הערשאַפֿט), נאָר פֿאַרקערט, אַז די הימלישע פּאַראַנדקעס זײַנען אַקוראַט און גענוי ווי די ערדישע פּאַראַנדקעס.

דערציילן דערציילט אונדז די מעשׂה וועגן גן־עדן דער קלייניקער, נאָר־וואָס געבוירענער, שמואל אבא אַבערוואָ (דאָס בוך הייסט טאַקע „די וווּנדערלעכע לעבנס־באַשרײַבונג פֿון שמואל אבא אַבערוואָ"). דער מלאך, וואָס גיט געוויינלעך אַ שנעל אונטער דער נאָז פֿאַרן געבוירן ווערן, כּדי מ'זאָל פֿאַרגעסן אַלץ וואָס טוט זיך אויף יענער וועלט, איז גראָד געווען שיכּור (און שמואל אבא האָט זיך אויך באַוואָרנט מיט אַ ביסל לײַם) אַזוי, אַז שמואל אבא געדענקט אַלצדינג, וואָס מיט אים איז פֿאָרגעקומען אין גן־עדן, איידער ער איז געבוירן געוואָרן, און ווי ער און זײַן חבֿר פּישערל, אויך אַ מלאכל ווי ער, האָבן זיך אַרומגעשלעפּט אויף יענער וועלט און זיך צוגעקוקט צום דרך פֿון עולם האמת.

אינטערעסאַנט, אַז אויך אין דעם פּרט גייט מאַנגער נאָך אַ באַשטימטע טראַדיציע אין אונדזער ליטעראַטור — דאָס באַווײַזן די וועלט דורך די אויגן פֿון קינד. דאָס קינד זעט פֿרישער, די בעלמעס פֿון פֿאַר־אורטל און צביעות פֿאַרשטעלן ווייניקער זײַן ראיה. שמואל אבא און

פישערל — דאָס זײַנען אײגנטלעך צווײ הימלישע מאָטל פּײסיס אָדער פּענעקס.

ווי געזאָגט, וואַקסט אויס בײַ מאַנגערן אַ שאַרפֿע סאַטירע איבער דער וועלט פֿון מלאכים, אַ סאַטירע וואָס שאַנעוועט קײנעם ניט — ניט די אָבֿות, ניט דוד המלך, ניט שלמה המלך, אַפֿילו ניט דעם גוטן אליהו הנביא. דורך דעם וואָס מאַנגער מאַכט פֿון די אָבֿות און פֿון די ביבל־העלדן פּשוטע גן־עדן אײַנוווינער, דאָס הײסט מלאכים, דורך דעם וואָס ער פֿאַרמלאכימט זײ — פֿאַרמענטשלעכט ער זײ [דוד המלך טשעפּעט זיך אַפֿילו צו זײַן אײגענער שנור און זי בעט זיך בײַ אים, אַז ער זאָל „ניט פֿאַרשעמען זײַן תּהילים"].

דער לײט־מאָטיוו פֿון דעם גאַנצן בוך איז טאַקע, אין פּישערלס ווערטער: „עס איז נישטאָ קײן יושר אין גן־עדן".

און שמואל אבא ענטפֿערט:

„ביסט גערעכט, פּישערל, ס'איז טאַקע נישטאָ קײן יושר אין גן־עדן. דער רײַכער פּעטער, וואָס איז געזונט, ווי אַ בער, האָט אַ ציג, וואָס גיט מילך, כאָטש ער דאַרף די מילך אויף סים סאָט כּפּרות. און דער אָרעמער פּעטער, וואָס איז קראַנק אויף סוכאָטע, האָט אַ פֿײג, נישט קײן מילך, כאָטש ער דאַרף די מילך אין לעבן אַרײַן".

און פּישערל שעלט די מלאכטע, יענטל די נגידית:

„אַז ס'זאָל איר נאָר פֿאַרשטערט ווערן. זי נעמט און צעטרענצלט אַ פֿאַרמעגן אויף מאָדעס אין דער צײַט וואָס די מומע רבֿקה, דעם פּעטער יואל דעם אײַנבינדערס, קאָן זיך אַפֿילו ניט פֿאַרגינען איבערצוניצעווען אירע אַלטע פֿליגל, וואָס זײַנען שוין אַזוי אָפּגעריבן, אַז ווער ס'זעט זי מײנט, אַז זי איז אַ בעטלערקע און וויל איר שענקען אַ נדבֿה".

ווײַזט אויס, אַז ס'איז טאַקע נישט גוט אין גן־עדן, און אַז „דער־וויַל... איז נישט פֿאַר יעדן דער גן־עדן אַ גן־עדן". דער עיקר, זעט מען די אָרעמקײט אויף דעם בעל שם־טובֿ־געסל: „...דאָ אין דעם געסל האָבן געוווינט די סאַמע אָרעמסטע מלאכים, וואו יעדעס הויזגעזינד האָט נאָר פֿאַרמאָגט אײן פּאָר פֿליגל. אויב אײנער פֿון דער משפּחה איז אַרויס־געפֿלויגן אין גאַס, האָבן די אַנדערע געמוזט זיצן אין דער הײם און וואַרטן ביז יענער וועט צוריקקומען און אויסטאָן די פֿליגל און זײ איי־בערגעבן אַ צווײטן".

עס איז „אַ וועלט מיט קידער־ווידער, מיט רשעות און גנבֿות".

צום ערגסטן שנײַדט בײַ מאַנגערן אָפּ טאַקע דוד המלך אַלײן. ער דרײט זיך אַרום אויף זײַן פּלאַנטאַציע, אין זײַנע גיטער, וווּ די יונגע מלאכטעס, וואָס וואַשן דאָס גרעט, זינגען:

וואָס איר מאַכט קוויטיק,
מאַכן מיר רײן.

וואָס איר מאַכט בלאַטיק,
מאַכן מיר שיין".

כדי די מלאכטעס זאָלן ניט איבעררײַסן די אַרבעט, האָט דוד המלך אַפילו געדונגען אַן אַם — ברענגען די גן־עדן אַם, וואָס פליט אַרום פון שטוב צו שטוב און זויגט אַן די קליינע מלאכימלעך. און ווען שמואל אבא פרעגט זײַן פרײַנט פישערל, ווי זי נעמט אַזויפיל מילך, דערקלערט אים יענער: „זי גיסט אונטער וואַסער".

ניין, עס איז ניטאָ קיין יושר אין גן־עדן, און צוויי יונגע מלאכים, שנײַדער־יונגען, ווילן אַפילו אַנטלויפן אויף דער ערד, ווײַל „מען האָרע־וועט דעם גאַנצן טאָג און מ'האָט אַפילו ניט צו עסן צו דער זעט... מ'באַהאַנדלט אונדז ווי חיות און ניט ווי מלאכים".

דער מצב פון דער וועלט איז אַזוי שלעכט, אַז אַפילו אליהו הנביא האָט זיך „מייאש געווען", ווײַל „די אָרעמקייט אויף דער ערד האָט אויפ־געהערט צו גלויבן אין זײַן הילף. זיי האָבן באַשלאָסן זיך אַליין צו העלפן, „זאָלן זיי", זאָגט מיט ביטול אליהו הנביא, „זאָלן זיי זיך אַליין העלפן, ווי הייסן זיי דאָרט... די ציצעליסטן".

שמואל אבא ווערט פאַרוואָרפן אין גויאישן גן־עדן ווו מען רופט אים „פאַרכאַטי זשידעק" און ער טענהט זיך אויס מיט גאָט: „שיין זײַנען דײַנע וועלטן, ריבונו של עולם, איך קאָן נאָר נישט פאַרשטיין צו וואָס האָבן דיר געטויגט דרײַ גן־עדנס? צי וואָלט דען נישט געווען בעסער, ווען ס'איז דאָ איין גן־עדן פאַר אַלעמען — אַן פעסער, אַן וויזעס און אַן קידער־ווידער? ווו איז יושר?" —

ענטפערט אים אויף דעם פישערל: „כל זמן די רײַכע פעטערס לאָזן נישט און די אָרעמע פעטערס ווילן נישט, וועט נישט זײַן קיין יושר אין גן־עדן".

עס איז אַ זעלטן קלוג בוך — הוילע פאַנטאַזיע און קערנדיקער רעאַ־ליזם, דינער חלום און טרויעריקע וואָר, ניט סתם אַן אַלעגאָריע, נאָר אַ מעשה פון דער וועלט, וואָס ווערט נאָך שאַרפער און בולטער, ווײַל זי איז אַרײַנגעפּאַסט אין אַ פאַנטאַסטישער ראַם פון יענער וועלט. איבערן בוך הענגט אַ קלוגער טרויעריקער שלייער פון לײַדן, האָפענונגען, ניט גע־שטילטע ליבע און דאָס מענטשלעכע רײַסן זיך צו גאולה.

דער הומאָר איז אַן אײַנגעהאַלטענער, „אַ צונג אין באַק"־הומאָר": ייִדישע מלאכים האָבן מורא פאַר גוייִשע מלאכים, רעדן צו זיי אין אַ צעבראָכענעם אוקראַיניש־רוסיש, ווי סענדערל די ייִדענע צום פויער אין מענדעלעס „מסעות"; אין גוייִשן גן־עדן מאַדליעט מען זיך און מען רופט די ייִדן „פאַרכאַטע זשידקעס"; שלמה המלך, ווען ער ווערט אין כעס, שרײַט צו די ייִדן: „סמירנאָ!", כדי אָנצוואַרפן אַ מורא אויף זיי.

איבערן בוך שוועבט אַ טרויער — צו מאָל שטיל, אָפטער געשפּענס־טיק־קאָשמאַריש; פערעלע די מלאכטע וואָס ווערט משוגע צוליב אַן אומ־

גליקלעכער ליבע; צוויי פאַרליבטע יונגע שנײַדער־מלאכים וואָס בענקען נאָכן טויט; צוויי נישט־געבוירענע קינדער וואָס ווילן נישט געבוירן ווערן; אַ שטערן וואָס טוט תּפילה צום מלאך המות, ער זאָל נישט איבער־רײַסן דאָס ציטערדיקע לעבן פון ערדישן כלה־מיידל; אָדם און חוה וואָס האָבן חרטה אויף זייערע זינד (ער רופט זי „עוואַ" און זי רופט אים „אַדאַם", און ווען זיי גייען אַוועק, געפינען די יינגלעך אין דעם האַנט־טאַש, וואָס חוה האָט איבערגעלאָזט, אַ ליבע־בריוועלע, אונטער־געשריבן „דײַן דיך ליבענדער מאַקס"); בת שבע, וואָס איז מיאוס גע־וואָרן און וואָס דוד האָט זיך פון איר אָפּגעקערט, גלויבט דער מכשפה וואָס זאָגט איר צו, אַז זי וועט צוריק יונג ווערן, און — „דער גלויבן מאַכט זי שיין"; דער דובנער מגיד וואָס גייט דורך אַלע זײַנע גן־עדן־יאָרן מיט אַ גרייטן משל אויף די ליפּן, און — קאָן נעבעך צום וואָרט נישט קומען.

עס איז אַ קלוגע, ווונדערלעכע מעשׂה, פול מיט זינגענדיקער, צאַר־טער, אָפּט טרויעריקער ליבע („דער זינגענדיקער אומזין פון אַן אַנטויש־טער גן־עדן ליבע"). אָבער דער עיקר ציט זיך מאַנגערס ליבע צו די אָרעמע שטיבעלעך אין גן־עדן, פון דאָרט שפּינט ער זײַן כּישוף־ניגון.

עס איז דאָס דינע דעקטוך פון וואַרעמער ליבע, וואָס מאַנגער שפּרייט אויס איבער דעם בוך, וואָס דערהייבט און פאַרטיפט עס. אַ זעלטענער ניגון ברומט דורך דעם גאַנצן בוך, און דער ניגון איז צער, און דער ניגון איז בענקשאַפט, און דער ניגון איז ליבשאַפט —

און דער ניגון איז מאַנגער.

איציק מאַנגערס „מגילה" אין טעאַטער *

דער יידישער פאָלקס־מענטש איז אין משך פון דורות געווען היימיש נאָענט מיטן חומש, געהאַט אַ פּערזענלעכע שײַכות מיט די ביבל־העלדן. דאָס יינגל אין חדר, די יידישע פרוי בײַ דער צאינה וראינה פלעגן באַוויינען די ביטערע דאָליע פון יוסף הצדיק, אָדער דער מוטער רחלס פּריצײַטיקן טויט, ווי די אומגליקן וואָלטן ערשט נעכטן געשען. דאָס יידישע יינגל אין פּוילן איז געווען מער באַהאַוונט אין דער געאָגראַפיע פון דער אַנטיקער פּאַלעסטינע, ווי פון זײַן געבוירנלאַנד. די אָבות זײַנען געווען היימישע, אייגענע, פּשוטע יידן, שכנים, פאַר וועמען מ'האָט טאַקע

* דאָס איז אַ טייל פון אַ רעצענזיע וועגן דער פאָרשטעלונג וואָס איז געשפּילט געוואָרן אין ניו־יאָרק.

דורך אַרץ געהאַט, אָבער ניט פֿאַרשוויגן זייערע באַגאַנגענע עוולות.

אַפֿילו גאָט אַליין איז בפֿירוש ניט געווען די איבערערדישע, איבער־מענטשלעכע געשטאַלט, צו וועמען ס'איז שווער צוצוקומען. פֿאַרקערט, דער פֿאָלקסמענטש דוצט גאָט און פֿאַרציט אים אויף גאַטעניו. לוי יצחק דער באַרדיטשעווער רופֿט אים צו אַ דין־תּורה. טבֿיה דער מילכי־קער רעדט צו גאָט ווי צו אַ ליבלעכן קרובֿ אָדער אַ שכן. ביי שאַגאַלן זעט גאָט (אָדער אַ מלאך זיינער) אויס ווי אַ קליין דערשראָקן ייִדל מיט אַן אויסגעקראָכן גרוי בערדל, מאַטע אויגן און אַ מיד קול. און ביידע, דאָס קול און די אויגן, בעטן זיך: „ייִדן, לאָזט צורו, העלפֿט זיך אַליין. איך קאָן אַפֿילו זיך אַליין ניט אויסלייזן. קרעכצן צוזאַמען — דאָס יאָ". ווען אַבֿרהם דערזעט גאָט, אין שאַגאַלס בילד, זעען זיי ביידע אויס, אי גאָט און אי אַבֿרהם, ווי צוויי אויסגעמאַטערטע „איך־האָב־אַזוי־ניש־קיין־כּוח"־ייִדעלעך.

דאָס פֿאָלק האָט אויסגעטאָן דעם חומש פֿון דער הויכער פּראָזע, פֿון דער היפּערבאָלישקייט, אים פּשוטער געמאַכט, היימישער געמאַכט, אייגענער געמאַכט.

נאָך אַ שטריך האָט פֿאַרמאָגט די פֿאָלק־מעשׂה — זי האָט אַלע מאָל געפּרוּווט גוטמאַכן די עוולות וואָס דער חומש איז באַגאַנגען. פֿאַרוואָס זאָל טאַקע יעקבֿ — ווי דער חומש דערציילט — באַגראָבן זיין באַליבט וויב, רחל, אין מיטן וועג, זי אַפֿילו ניט ברענגען צו קבֿורה אין אפֿרת? דער ענטפֿער איז אַ פּשוטער: כּדי די מוטער רחל זאָל קאָנען באַווייגען און טרייסטן דאָס פֿאָלק, ווען ס'וועט גיין אין גלות אַריין — „רחל מבֿכּה על בניה" (רחל טוט באַוויינען אירע קינדער). פֿאַרריכט אַן עוולה. ס'איז, הייסט עס, אַ טיפֿע כּוונה דערביי געווען.

אָט די געלייטערטע און מאָראַלישע מידה פֿון איבערדערציילן, איבערשאַפֿן און — אויב נייטיק — „גלייכשטעלן" דעם תּנ"ך, קריגט דעם בולטסטן אויסדרוק ביי די גאָר גרויסע קינסטלערס אונדזערע. שאַגאַל האָט עס באַוויזן אין זיינע תּנך־בילדער, שלום עליכמס טבֿיה באַווייזט עס מיט זיין טייטשן, אַריינטייטשן און אַרויסטייטשן דעם הייליקן טעקסט לויט דער נויט פֿון איצט. אפֿשר צום לויטערסטן און שפּילעוודיקסטן באַווייזט עס איציק מאַנגער אין זיינע תּנ"ך־איבערדיכטונגען. זיין זעל־טענע שפּירונג פֿאַר דעם פֿאָלקישן, זיין ראַפֿינירטע פּייאיקייט אַנצוקליידן דעם טיפֿסטן געדאַנק אין די פּשוטסטע ווערטער, אויסוועבן פֿון טאָג־טעגלעכע ווערטער מעטאַפֿאָרן ווי קאָלירטע וואָלן, און אָנטאָן געדאַנקען אין אַלעגאָריעס געשפּונען פֿון דינסטע פֿעדעם — זיינען אים וווּנדערלעך ביי געשטאַנען.

מאַנגערס מגילה־לידער, פּונקט ווי זיינע חומש־לידער, פּרוּוון „גלייכ־שטעלן" די מגילה, זי פֿאַרהייטנטיקן, און פֿאַרענטפֿערן אַ סך פֿראַגעס וואָס זי לאָזט איבער ניט פֿאַרענטפֿערט: וואָס האָט טאַקע אסתּר געטאָן איידער זי איז געוואָרן אַ מלכּה? פֿון דער מגילה ווייסן מיר, אַז זי איז

געווען אַ יתומה, אָבער יתומהשאַפט איז ניט קיין פּראָפעסיע. אַן אָרעם מיידל דאַרף עפּעס טאָן. זעט איר אסתּר ווי אַ שנײַדער־מיידל, וואָס שפּילט אַ ליבע מיט אַ שנײַדער־געזעלן — דאָס איז אַ שׂכלדיקער ענין. פֿאַר־וואָס האָט מרדכי פֿאַרשאַכערט זײַן אייגענע פּלימעניצע, אַ יונג שיין קינד, צו אַן אַלטן שיכּור, אַ ווײַב־מערדער? וואָס גייט עס טאַקע מרדכין אין לעבן, אַז ער זאָל דווקא אָפּראַטעווען דעם מלך טיפּש, אחשורושן, פֿון דער קאָנספּיראַציע פֿון בגתן און תּרש? וואָס וואָלט אים, מרדכין, געאַרט, אַז זיי וואָלטן יאָ פֿאַרסמט אחשורושן?

פֿראַגעס — פֿראַגעס — פֿראַגעס, און זיי אַלע פּרווט מאַנגער פֿאַר־ענטפֿערן און די עוולות פּרווט ער פֿאַרריכטן.

„דער מחבר פֿון די מגילה־לידער האָט זיך פֿלײַסיק באַמיט אויס־צוגעפֿינען די פֿאַרשוויגענע געשטאַלטן. ער האָט יאָרן לאַנג געפֿאָרשט אין פֿאַרשידענע אַרכיוון, ביז ס'איז אים געלונגען זיך צו באַגעגענען מיטן שנײַדער־געזעלן פֿאַסטריגתאַ און מיט זײַן אַלטן מײַסטער פֿאַנפֿתאַ" — אַזוי דערציילט אונדז מאַנגער אין זײַן הקדמה צו די מגילה־לידער. און אויף דער פֿראַגע וואָס ער שטעלט זיך אַליין: „צי די מי האָט זיך געלוינט?", ענטפֿערט מאַנגער: „דעם מחבר דאַכט זיך, אַז יאָ. ערשטנס, האָט ער פֿאַרריכט די עוולה, וואָס די אַמאָליקע כראָניקאָרן זײַנען באַ־גאַנגען אַנטקעגן די צוויי ריטער פֿון דער חבֿרה ׳נאָדל און שער׳...".

און אַזוי פֿאַרציט מאַנגער אַן אייגענעם מגילה־ניגון פֿון די אַלטע קלאַסישע מגילת־אסתּר טענער.

און דער סך־הכּל: אַ געוועב פֿון געלײַטערטע פֿאָלק־לידער, אַ מאַ־זאַיִק פֿון פֿאָלקלאָריסטיק וואָס באַוועגט זיך אויף צוויי פּלאַנען: די פּורים־מגילה, ווי זי איז פֿאַרצייכנט אין תּנ"ך, און די שנײַדער־געזעלן וואָס וועבן אַרײַן די מגילה־עפּיזאָדן אין זייער אייגן לעבן, ציִען זייער איי־גענעם מוסר־השׂכּל און ווענדן אָן זייערע עטישע מאָסן צו די געשעענישן. די אינטימע שנײַדער־געזעלן רעדט גיט צו דער מגילה־פֿאַבולע מער היי־מישקייט און מער באַגלויבטקייט.

מרדכי קומט אַרויס בײַ מאַנגערן אַ שתּדלן, אַ דרייער, אַ שאַכער־מאַכער. אין תּוך — אַן אומסימפּאַטישע פֿיגור, אַן אַלץ־וויסער. איני־טערעסאַנט, אַז אַפֿילו די נעגאַטיווע מרדכי־פּערזענלעכקייט איז ניט אין גאַנצן קעגן נוסח. די אַלטע פּורים־שפּילן פֿלעגן אָפֿט פֿאַרשטעלן מרדכין ווי אַן אַנטיפּאַטישן פּאַרשוין, אָדער אַרײַנפֿירן צוויי מרדכי־פֿיגורן: מרדכי דער צדיק, געטרײַ צו דער מגילה, און מאַנדריש — אַ מין קאָמישער ווערטל־זאָגער און פֿריילעך־מאַכער, וואָס פֿלעגט אָפֿט שיטן מיט צווייטײַטשיקע וויצן און ניט זײַן געהיט פֿון ניבול־פּה. מאַנ־גער גיט אַן אָנצוהערעניש אויף דעם, ווען ער שילדערט אסתּרס פֿעטער

מרדכי — „דער פֿעטער האָט אַ הויקער און אַן אָפּגעברענטע ברעם".*

אסתּר אַליין שנײַדט ניט אָפּ צו גוט. די שנײַדער־געזעלן קאָנען איר ניט מוחל זײַן, וואָס זי פֿאַרראַט פֿאַסטריגתאָן, „אַ שנײַדער יינגעלע אַ גאָלד", וועמען זי האָט געשווירן אייביקע ליבע און צוגעזאָגט „אַנטלויפֿן קיין וויין" מיט אים. פֿאַסטריגתאָס לויטערער ליבע, וואָס קאָסט אים זײַן לעבן, שטעלן זיי אַנטקעגן אסתּרס אומגעטרײַשאַפֿט, ווילנלאָזיקייט און אונטערטעניקייט צום פֿעטער, מרדכי.

מאַנגער שאַפֿט אַ פֿאָלקס־קאָמעדיע, געוועבט פֿון די אײדלסטע פֿעדעם. אַלטע ווערטן קריגן אַ נײַעם זין, אַ נײַע שפּילעוודיקייט. עס באַקומט זיך סײַ די מגילה און סײַ עפּעס מער ווי די מגילה. דער חוזק איז דין. די זאַך שפּרודלט מיט פֿאָלק־חכמה. אי דער דרך־ארץ פֿאַר דער טראַדיציע און אי דאָס קלוגע אָפּלאַכן פֿון איר רײַסן זיך דורך. די סאַטירע איז ראַפֿינירט און שאַרף — גלײַכצײַטיק, פֿאַרשפּיצט קלוג און פֿאָלקיש נאַאיוו.

ניטאָ קיין איין גראָבער טאָן אין מאַנגערס „מגילה", כאָטש דער סטיל איז אַן ערדישער, אַ געזונטער. עס זײַנען גאָלע פֿינקלדיקע קאָלירטע פֿעדערן, וואָס „די גאָלדענע פּאַווע" לאָזט פֿלאַטערן איבער אונדז. און וואָס מער פֿעדערן זי פֿאַרלירט אַלץ פֿאַרביקער און שימערירנדיקער ווערט איר פּוך, אַלץ מער גאָלדענע פֿעדערן האָט זי פֿאַר אונדז.

עס באַקומט זיך מגילת־אסתּר מיט דער לירישקייט פֿון שיר־השירים און דעם קלוגן טרויער פֿון קהלת, עס באַקומט זיך אַ מאָדערנער פּורים־שפּיל, וואָס איז אי פּרימיטיוו און אי ראַפֿינירט, עס באַקומט זיך אַ געלײַטערטער גאָלדפֿאַדן — עס באַקומט זיך איציק מאַנגער.

---

* אינטערעסאַנט איז אַ קאָמענטאַר פֿון דר. יצחק שיפּער וועגן די רדיפֿות וואָס אַן „אחשורוש־שפּיל" איז אויסגעשטאַנען אין פֿראַנקפֿורטער געטאָ, אין אָנהייב 18טן יאָרהונדערט:

„ס'האָבן אָבער אויך נישט געפֿעלט אין געטאָ קיין קעגנער פֿון די וואַנדער־טעאַטערן. ווי געוויינלעך, זײַנען געשטאַנען בראש פֿון דער אָפּאָזיציע — די אָרטאָדאָקסן. די מיטלען, מיט וועלכע זיי האָבן געפֿירט דעם ,הייליקן' קאַמף דערמאָנען צו מאָל די כלי־זיין פֿון דער אינקוויזיציע.

דעם גרעסטן צאָרן האָבן זיי אויסגעלאָזט צו דעם „אחשורוש־שפּיל". אַממערסטן האָט זיי געאַרט די קאָמישע פֿיגור פֿון מרדכי, אין וועלכנס מויל ס'זײַנען אַרײַנגעלייגט געוואָרן דבֿרי־הוללות (שפּאָטישע, הפֿקרדיקע רייד). מרדכי, דער פֿרומער שליח פֿון גאָט — אַ הויפֿנאַר, אַ גאָט־לעסטערער? די קאָנצעפּציע איז געווען צו ווילד־יונגעריש, דער פֿרומער געטאָ־מענטש זאָל נישט האָבן אַרויס פֿון די כלים...

„אַ פֿאַרבינדעטן האָט ער געפֿונען אין דער יידישער פּלוטאָקראַטיע. אויך איר איז געשטאַנען דאָס אחשורוש־שפּיל ווי אַ ביין אין האַלדז. אין דער פּיעסע זײַנען פֿאַראַן אַ סך שפּיציקע ווערטער, מיט וועלכע דער פֿאָלק־הומאָר האָט געגאַרבט די גבֿירים...".

(דר. יצחק שיפּער, „געשיכטע פֿון יידישער טעאַטער־קונסט און דראַמע", ערשטער באַנד, ז"ז 204־205. וואַרשע, 1923)

זישע ווײַנפּער

(געשריבן צו זײַן 15טער יאָרצײַט)

א.

15 יאָר נאָך זײַן טויט, בעת די שורות ווערן געשריבן, האָבן מיר דאָס געפֿיל, אַז ניט ווײַנפּער דער פּאָעט, נאָר ווײַנפּער דער חבֿר אונדזערער לייענט און הערט יעדעס וואָרט און שמייכלט גוטמוטיק ווי מיר באַמיִען זיך און ראַנגלען זיך אים צו פֿאַרשטיין און אויסצוטײַטשן. זאָל זײַן אַזוי.

די תאווה צו דער פּען

עס איז פֿאַר אונדז קלאָר, אַז עס איז ניט צום פֿונאַנדערטיילן דעם מענטש זישע פֿון ווײַנפּער דעם דיכטער. עס גייען אויף, ווי אויף אַ קינאָ־טאַשמע, בילדער ווײַט פֿאַרשווונדענע, דאַכט זיך זיי געהערן צום ווײַטן אַמאָל, דאַכט זיך צום נעכטן ערשט. איך כאַפּ אויף עטלעכע בליץ־בילדער פֿון דער טאַשמע. אין מיטן הו־האַ, אין איקוף־ביוראָ, אין מיטן דער פֿאַרנומענקייט און דעם טומל — מענטשן גייען, טעלעפֿאָנען קלינגען — זיצט זישע און שרײַבט אַ ליד. זיך אַרומגערינגלט מיט אַ שוק־הײַטל און שרײַבט. איך טראַכט קוקנדיק אויף אים: ער איז דאַכט זיך דאָ און דאַכט זיך ערגעץ ווײַט. ווײַזט אויס, אַ מענטש קאָן יאָ זײַן אין צוויי ערטער מיט אַ מאָל.

די טאַשמע באַוועגט זיך: מיר האָבן אַ באַגעגעניש שפּעט בײַנאַכט אין אַ שיקאַגער האָטעל. ער קומט פֿון איין זיצונג, פֿון איין עק־שטאָט, איך — פֿון אַ צווייטער זיצונג, פֿון צווייטן עק־שטאָט. איך טרעף אים שוין אין דעם פּאָיע פֿון זײַן האָטעל. ער זיצט אין אַ ווײַטן ווינקל, דעם קאָפּ געבויגן, די אויגן פֿאַרטראָגן, אויף די קני דאָס אייביקע בייגעלע פּאַפּיר, און מיט זײַן דריבנעם כתבֿ, וואָס זעט אויס ווי אַ ריזלדיק טײַכל וואָס אײַלט זיך באַרג אַראָפּ — זיצט ער און שרײַבט אַ ליד. ער האָט דעמאָלט געאַרבעט אויף די נבֿיאים־פּאָעמעס, געדענק איך.

ניין, ניט בלויז דער טיש אין דער היים איז געווען זײַן שרײַבטיש, נאָר — דער אומעטום פֿון זײַן לעבן איז געווען זײַן שרײַבטיש. ווען אַ ליד האָט באַדאַרפֿט אויסגעלאָדן ווערן — איז ניט געווען שייך וואַרטן אויף דער רו פֿון היימישן שרײַבטיש.

שרײַבערײַ איז ניט געווען קיין זאַך פֿון געלעגנהייט בײַ אים. דאָס

שרײַבן איז געווען די מלאכה פֿון זײַן לעבן. זי האָט באַלעבאַטעוועט איבער אים. ער איז, נאָך אַלעמען, געווען ניט מער ווי דער אינסטרו־מענט פֿאַרן ליד.

דער ערשטער שטריך פֿון ז. ווײַנפערס שאַפֿן איז, דעריבער, די קאָמ־פולסיווע צעזונגענקייט זײַנע. שוין ש. ניגער, אין אַ פֿרײַער קריטיק איבער ווײַנפערס לידער, כאַפּט אויף דעם שטריך פֿון באַרעדעוודיקייט, און פֿאַרגלײַכט ווײַנפערן צו טעוויע דעם מילכיקן. ס'אַ קלוגער פֿאַרגלײַך. ווײַנפער האָט בטבֿע ניט געקענט שווײַגן. אין איינעם פֿון די „גרענד קעניאָן"־לידער פֿרעגט ער זיך אַליין:

פֿאַרוואָס איז דאָ מײַן האַרץ אַזוי צערעדט ?

(ג. ק., ז. 79)

ווײַנפערס גאַנץ שאַפֿן איז איין גרויסער מאָנאָלאָג, איין תּמידיק צע־רעדט האַרץ, איין גרויסער אויסגוס פֿון האַרץ און נשמה, איין גרויס אויס־טענהן זיך מיט וועלט, מיט מענטש, מיט גאָט און — דער עיקר — מיט זיך אַליין.

ער האָט אַזוי פֿיל צו זינגען, און נאָך מער צו זאָגן און ווילן וויל ער בלויז איינס: מע זאָל אים הערן, מע זאָל אים פֿאַרשטיין, מע זאָל זען דאָס וואָס ער זעט.

פֿאַראַן אַ באַשטימטער נוסח אין דער ייִדישער ליטעראַטור: דאָס רעדן פּנים אל פּנים צום לייענער. י. באַשעוויס־זינגער האָט אַמאָל, אין אַן ענגלישן אינטערוויו, קריטיקירט שלום־עליכמען, הלמאַי ער האָט זיך געווענדט כּסדר, דירעקט צום לייענער — „ליבער לעזער". באַשעוויס האָט עס באַטראַכט ווי אַ פּרימיטיוו־פּאָלקישן נוסח אין שרײַבן. ער — באַשעוויס — טוט עס ניט. ער זעט ניט דעם לייענער בעתן שרײַבן. אָבער באַשעוויס איז ניט די מאָס פֿאַר דער ייִדישער ליטעראַטור.

ווײַנפערס באַליבטסטע ווענדונג איז — „זע, זע", „הער, הער". עס גייט אים אין לעבן פּשוט, אַז דער לייענער זאָל אים הערן, זאָל זען וואָס ער זעט. ער רעדט דאָך צו אים, ער פֿאַרשותּפֿט אים מיט זיך. אין סאַמע תּוך, אַן עקסטראָווערטע פּערזענלעכקייט, האָט ער געוואָלט, אַז די וועלט זאָל אים דערהערן דורכן ליד. אין סאַמע תּוך, אַ פֿײַנלעך פֿאַרליבטער אין וועלט און אין מענטש, האָט ער אָנגערירט די וועלט און אָנגערירט דעם מענטש, ווי אַ געליבטע, דורך די פֿינגער פֿון ליד.

קאָמפּולסיוו — ווי אַ בײַטש זאָל אים טרײַבן צום געזאַנג. און אַ צעזונגענער — האָט ער זיך אָפּט ניט געקאָנט אָפּשטעלן.

ער — אַליין די בײַטש, אַליין דאָס געטריבענע פֿערד, אַליין דער רײַטער, וואָס האָט זיך געריסן צו ווײַטקייטן און נײַקייטן, דער עיקר — צו די פֿאַרהוילענע ווײַטקייטן אין זיך, און דורך זיך צום מענטש.

בײַ די גריכן דאַרף דער פּאָעט האָבן זײַן פּעגאַסוס — דעם געפֿליגלטן

לאָשיק, ווי מאַנגער רופֿט אים — ער זאָל אים טראָגן צו דער מוזע. בײַ אונדז ייִדן איז דער דיכטער אַליין דאָס לאָשיקל און אַליין דער רײַטער.

ניטאָ נאָך אַ דיכטער בײַ אונדז, דאַכט זיך, וואָס זאָל האָבן געשריבן אַזוי פֿיל לידער וועגן ליד, ווי ז. ווײַנפּער. ניטאָ נאָך אימיצער, וואָס זאָל האָבן געשריבן אַזוי פֿיל לידער וועגן דיכטונג און דיכטער ווי ווײַנפּער.

עס רײַסט זיך בײַ אים די ליבשאַפֿט צום ליד ווי די ליבשאַפֿט צו דער פֿרוי:

די ווײַסקייט פֿון ניט באַשריבענעם פּאַפּיר בײַם לאָמפּשײַן
איז פֿרויען־לײַב, וואָס וואַרט אין פֿריידיק־צאַפּלענדיקער פּײַן
אויף דעם באַגערטן מאַנס באַריר.

(„די ווײַסקייט פֿון נישט באַשריבענעם פּאַפּיר",
„ליד און פֿרייד", ז. 183)

און פֿאַרוואָס מוז ער געפֿינען דאָס ליד? מחמת בלויז דאָס ליד קאָן אים באַפֿרײַען, בלויז דאָס ליד. אין אמתן, איז שווער וויסן — ווער וועמען עס האַלט געפֿאַנגען:

פּאָעט איז אָדלער אין שטײַג, וואָס רײַסט זיך צו באַנײַאונג,
און ווייל איז דעם פּאַר וועמען ווײַסקייט פֿון פּאַפּיר
איז געפּראַלטע טיר
צום שײַער פֿון זײַן אייגענעם פֿאַרמעגן.

(„די ווײַסקייט פֿון נישט באַשריבענעם פּאַפּיר", 184)

כּדי דאָס ליד זאָל זײַן אַ „צעפּראַלטע טיר", מוז עס וויסן וווהין עס גייט. ס'איז, הייסט עס, איינס געוועבדט אין אַנדערן: דאָס ליד מוז וויסן, און דורך דעם ליד געפֿינט דער דיכטער אויס וווהין ער דאַרף גיין:

אַזאַ נעפּלדיקע כמאַריקייט איז דאָ אַרום, — זע, זע, ווי גרוי.
געבענטשט זאָל זײַן דאָס ליד, וואָס ווייסט גענוי
פֿון וואַנען און וווהין און אויך צו וואָס.
אַזוינס איז נישט קיין ווינט־געבלאָז,
וואָס יאָגט זיך הין־און הער.

(„געבענטשט זאָל זײַן דאָס ליד, וואָס ווייס גענוי",
ווײַנפּער־בוך, ז. 185)

הייסט עס, אַז ניט נאָר רײַסט עס זיך, דאָס ליד, נאָר עס טראָגט אין זיך די טרייסט, עס איז דער אַנקער און דאָס ליכט:

און וואָס איז מיר געבליבן? — אַ, ליד, מײַן ליד,
נישט צאַפּל און נישט ציטער!

אין צײַט פֿון שטורעמדיק געוויטער
ביסטו מײַן אײנציקער לאַמטערן.

(„מײַן ליד — מײַן לאַמטערן", ווײַנפּער־בוך, ז. 187)

ניט נאָר לאַמטערן, נאָר דער זינגער אַליין:

ווײַל יעדע שורה פֿון מײַנס אַ ליד
איז אַ טראָט פֿון מײַנע טריט, —
געזאַנג
פֿון מײַן גאַנג.

(„מײַנע לידער", ווײַנפּער־בוך, ז. 184)

אָבער לידער דערהויבן זיך בלויז דעמאָלט ווען דו זינגסט זיי, ניט אַליין, נאָר מיטן כּלל, נאָר בציבור. און ווײַנפּער איז פּײַנלעך באַוווסטזיניק, אַז זײַן גאַנץ געזאַנג איז אַ בציבורדיק געזאַנג, אַ געזאַנג מיט און פֿאַר דעם מענטש. ווי אַ תּפֿילה איז ער מתפּלל צו די ווערטער וואָס דערהייבן אים, צו דער דיכטונג־טיר וואָס פֿירט אים אַרײַן אין קהל:

אָ, זײַט געבענטשט, איר ווערטער, העל־צעשײַטערטע
אין מיר איצט, זישע הקטן!
פֿון אײַער שײַן אַנטלויפֿט פֿון מיר דער שאָטן,
און איך בין אין כּסדרדיקער, ליכטיקער עליה.
הערט, הערט, עס זינגט אין מיר אַזאַ צעלויכטענע די זכיה,
וואָס ווי דער שחרית מײַנער איז געווען בציבור
איז אויך מײַן מנחה־מעריב־תּפֿילה נישט אַריבער
צו ביחידות.

(„כּל דור ודור מיט זײַן שיר־חדש", ווײַנפּער־בוך, ז. 182)

הייסט עס: דער תּוך פֿון דער דיכטונג איז בציבור — מיט און פֿאַר מענטשן.

און דער גורל־וועג פֿון דיכטער איז דער, וואָס פֿירט דורך שײנקייט צום אמת. דער דיכטער מוז, ווי אַ קינד צו דער מאַמען, צום אמת זיך טוליען, די „וואָרהייט" פֿון זיך אַרויסזינגען, אַרויסשרײַען —

פֿון שטענדיק אָן איז מיר דערווידער דאָס געקראַקעריי פֿון ראָבן,
אַזוי דערווידער איז מיר אויך דאָס אויגנגלאַצעניש פֿון למד־וואָוון,
פּאָעט, מײַנט אמת זײַן און זיך אַליין דורך וועלט דערקענען.
פּאָעט, מײַנט זיך אַליין אין פֿײַער־פֿאַנען ברענען,

און ער, — דער כישוף־מאַכער פֿון געפֿײַלטע און צעגליטע ווערטער,
דײַן גורל צווישן אונדז איז דײַן — אַ נישט־דערהערטער.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַז ווײַל איז דעם, וואָס זינגט די וואָרהייט אויס בײַם טויער.

(„רייד מיט משה לייבן", ווײַנפּער־בוך, ז. 88־89)

הייסט עס: ניט בלויז דאָס געפֿיל, נאָר אויך „די וואָרהייט" פֿירט מיט דער דיכטערישער פּען.

די פּען איז די אַקס פֿון דײַן לעבן און די סאַמע עובֿדה פֿון שרײַבן איז די תאווה און דער פּולס פֿון דײַן לעבן. זאָגט ווײַנפּער:

„אמתע שרײַבער זײַנען שטענדיק אָנגעלאָדענע. מהאי טעמא איז דאָס אויסלאָדן זיך אַ גרויסע פֿרייד, אַפֿילו ווען דאָס אויסלאָדעניש איז די טיפֿסטע פּײַן וואָס מען טראָגט אַ מאָל אין דעם אייגענעם געמיט. אַזעלכע שרײַבער זײַנען בטבֿע גרויסע בעל־תאווהניקעס צו דער פּען איבער ווײַסן פּאַפּיר, און דער פּראָצעס פֿון שרײַבן איז דער סאַמע עצם פֿון זייער לעבן".

(„שרײַבער און קינסטלער", ז. 184).

ב.

מיטן קול פֿון דער עדה

אויסגעמישטע זײַנען ביידע,
איינס דאָס אַנדערע דערגאַנצט —
יחיד רעדט מיט קול פֿון עדה,
עדה אין קול פֿון יחיד איז צעגלאַנצט.

(„אַלץ איז הייליק", ז. 97, „גרענד קעניאָן")

עס איז באמת שווער, און אפֿשר ניט מיגלעך, צו קלאַסיפֿיצירן זישע ווײַנפּערן אין דעם אַלגעמיינעם סך־הכּל פֿון דער אַמעריקאַנער ייִדישער ליטעראַטור. און אפֿשר דאַרף מען גאָרניט פּרוּוון קלאַסיפֿיצירן. ער פֿאַרנעמט זײַן אייגן און אייגנאַרטיק אָרט.

ער שרײַבט ניט ווי קיינער פֿון די „יונגע", ניט ווי קיינער פֿון דער „אינזיך"־גרופּע און ניט ווי די וואָס זײַנען געקומען נאָך זיי — די פּראָלעטפּען־שרײַבערס. און דאָך האָט ער זיך באַוועגט מיט זיי אַלעמען און דורך זיי אַלעמען.

שרײַבנדיק וועגן ווײַנפּערן, האָט זשיטלאָווסקי איין מאָל געזאָגט: „זײַנע לידער זײַנען אַזוי נאַטירלעך, ווי אַ בריוו צו אַן אינטימען פֿרײַנט.

ווי טאָגבוך־בלעטלעך אין אַ שמועס מיט זיך אַליין". איז אמת, אַז יעדע דיכטונג איז, אין לעצטן סך־הכּל, אַ „שמועס מיט זיך אַליין", אַ שמועס מיט דער וועלט דורך זיך אַליין. דער אמתער פּאָעט זעט, פֿילט, איז אַרומ־געדינגלט פֿון דעם ניט־געזעענעם לייענער, וואָס איז מיט אים, אַפֿילו אין רגעס פֿון דער גרעסטער אײנזאַמקייט. אָבער אינטערעסאַנט איז זשיט־לאָווסקיס זאָג „אַזוי נאַטירלעך".

בײַ ווײַנפּערן פֿליסן די לידער פֿון אים אַרויס ווי פֿון זיך אַליין, ווי ניט באַמערקט. אָפֿט רעדט ער לידער, זאָגט זיי. איינער פֿון די שליסלען צו ווײַנפּערס דיכטונג ליגט טאַקע אין זײַן זאָגערײַ. דאָס טיילט אים אויס אין אונדזער פּאָעזיע. ער איז דער פּאָעטישער זאָגער. פֿון דעם האָט זיך אָפֿט געננומען דער פֿאַלשער אײַנדרוק, אַז ווײַנפּער אימפּראָוויזירט, אַז ער איז אַ „לײַכטער" שרײַבער. טייל פֿון אונדז האָבן אַפֿילו פֿאַרזען, אַז ער האָט אָפֿט געריסן לידער מיט אַ שטיק האַרץ פֿון זיך, טייל מאָל אויסגע־בראָכן מיט אַ שטיק לעבן פֿון זיך. און ווען ווײַנפּער אַליין האָט אונדז געזאָגט: „איך לעב דורך אין די לידער מײַנע דאָס שאַרפֿסטע פֿון מײַן לעבן" — האָבן אים טייל ניט פֿאַרשטאַנען.

מיר טראַכטן אַ מאָל, אַז דווקא דאָס פּאָפּולערסטע ליד זישע ווײַנ־פּערס, וואָס אַלע מיינען אַז דאָס איז ער טאַקע — זײַן ליד „טויבן", האָט געקענט קומען פֿון אברהם רייזענס פּען, פֿון יוסף ראָלניקס, פֿון מאַני לייבס, אַפֿילו פֿון איזי כאַריקס. אין דעם ליד שפּירט זיך, אמת, די שטי־מונג פֿון דער צײַט, דער לירישער טרויער פֿון דער צײַט, די איינזאַמ־קייט פֿון דער צײַט. ס'איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַ פּעריאָד. אָבער: צי איז עס כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אים, אַפֿילו פֿאַרן יונגן זישע ווײַנפּער?

זײַן שטימונג, זײַן רײַסן זיך נאָך פֿרייד, זײַן פֿאַרעקשנטער גלויבן אין לעבן, זײַן פֿײַנלעכער פֿאַרלאַנג, אַז מע זאָל אים הערן, יאָ — זײַן עקסטראַווערטע מידה — די אַלע האָבן געזוכט און געמוזט געפֿינען פֿאַר זיך אַן אַנדערע פֿורעם, אַן אַנדער טאָן.

ניט דער דיסציפּלינירטער געגראַמטער פֿערז פֿון יחידישן טרויער, אַנגעזאַפּט מיט אַ לירישער שטימונג, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר די „יונגע" אין דער צײַט; ניט דער נײַער, אינטעלעקטועלער, אָפֿט אויסגעמוחטער, אימאַזש פֿון די „אינזיכיסטן", זייער פֿרײַע אַסאָציאַציע, ניט די סאָציאַלע, אָפֿט אומפּערזענלעכע, דעקלאַראַטיווקייט פֿון די „פּראָלעט־פּען"־פּאָעטן — האָבן אים געקאָנט געבן אויסדרוק.

ער איז געווען אוממיטלבאַר פֿאַרבונדן מיטן לייענער, בעסער גע־זאָגט, דעם צוהערער — צו אים האָט ער גערעדט. ער האָט דעריבער געזוכט און געפֿונען פֿאַר זיך אַ מין שמועס־שפּראַך אין דער פּאָעזיע, שיר ניט אַ דיכטערישע מעשׂה־שפּראַך. בעת די אַנדערע דיכטערס האָבן פֿאַרהוילן — און איך זאָג עס ניט לגנאי, מחמת דאָס לשון פֿון ליד, דער סימבאָל, די אַלעגאָריע, דער אימאַזש פֿאַרהוילן אָפֿט — האָט זישע ווײַנ־

פֿער מגלה געווען, אַנטפּלעקט. אויב ער איז געווען דעקלאַראַטיוו אין לידער, און ער איז עס אָפּט געווען, איז ער געווען פֿערזענלעך דעקלאַ־ראַטיוו. נאָך אַלץ זיך אַליין אויפֿגעדעקט. דער סאָציאַלער דיכטער שיל־דערט אָפּט דאָס געזעלשאַפֿטלעכע ווי אַ דרויסנדיקער, ווי אַ צוקוקער. זײַן געוואַלט־געשריי איז נאָך אַלץ אַן אויפֿרודערנדיקס, אַ ווירקנדיקס. ער אַליין אָבער שפּירט זיך אָפּט ניט אין ליד. ווײַנפּער האָט זיך כּסדר געמישט, אַרײַנגעמישט. פֿאַקטיש, ניט געקאָנט האַלטן זיך פֿון דרויסן. אין דעם ליגט אָפּט זײַן אייגנאַרטיקייט אין דער ייִדישער פּאָעזיע. אויב איך זוך אײַנפֿלוסן און ענלעכקייטן וואָלט איך זיי גיכער געפֿונען, דאַכט זיך, אין דער פּראָזע, אין דער ייִדישער קלאַסיק, ווי אין דער פּאָעזיע. זישע ווײַנפּער האָט זעלטן ליב געהאַט אַבֿרהם רייזענען. אָבער, דאַכט זיך, אַז אים האָט גיכער משפּיע געווען רייזען דער דערציילער ווי רייזען דער דיכטער.

אפֿשר האָט דאָס זשיטלאָווסקי געמיינט מיט זײַן „ווי אַ בריוו צו אַן אינטימען פֿרײַנט". ניט צופֿעליק האָב איך דערמאָנט רייזענען. פֿאַראַן אַ מאַמעדיקער נוסח אין דער ייִדישער ליטעראַטור. דער נוסח פֿון רחמנות און ליבשאַפֿט און טרייסטן. אַבֿרהם רייזען געהערט צו דעם נוסח. שלום עליכם, יוסף ראָלניק, יעקבֿ דינעזאָן — מאַמעדיק און ווייך און דערוואַ־רעמענדיק, אַפֿילו ווען אין כּעס. ווײַנפּער האָט זיך אײַנגעפֿעדעמט אין דעם מאַמע־נוסח. ער האָט אַזויפֿיל טרייסטן באַדאַרפֿט, אַז ס'איז סופֿלאָז געווען זײַן ליבשאַפֿט. ער האָט אַזויפֿיל צו זאָגן געהאַט, אַז ער האָט מורא געהאַט — אפֿשר דערזאָגט ער ניט גענוג.

דעם טריסקער חזנס ייִנגל איז געוואָרן אַ בעל־תּפֿילה אין דער ייִדי־שער דיכטונג. און צו פּאַראַפֿראַזירן פּרצן: ווער עס האָט אַמאָל געהערט אַן אמתן בעל־תּפֿילה, דער ווייס וויפֿל צער, וויפֿל יסורים פֿאַר כּל־ישׂראל, פֿאַר כּל בני־אָדם, וויפֿל צעבראָכן געמיט עס שטעקט אין יעדן קרעכץ זײַנעם, אין יעדער תּפֿילה זײַנער, אַפֿילו אין אַ וואָכעדיקער מנחה.

ליב־ליב־ליב

און גענומען האָט זיך דאָס אַלץ פֿון ליבשאַפֿט און פֿון גלויבן אין דעם זעלטענעם וווּנדער פֿון לעבן. ער האָט געטראָגן אין זיך אַ פֿאַר־ליבטשאַפֿט און באַוווּנדערונג פֿאַרן לעבן ווי אַ קינד. יעדער טאָג איז בײַ אים אַ נײַער נס געווען, יעדער זון־אויפֿגאַנג — אַ נײַער וווּנדער. און ווי אַ קינד האָט ער דערשפּירט דעם גרויסן וווּנדער פֿון פּשוטקייט, דאָס אויסערגעוויינטלעכע אין דעם געוויינטלעכן:

גאָט פֿירט מיט ליבע און מיט רחמים אונדזער וועלט.
אין שטאָט האָט דורך דער גאַנצער נאַכט געשנייט, געשנייט,

און איצטער זינגט אַ ליד אין לופֿטן אויס די פֿרייד —
דאָס גרויסקייט פֿון דער וועלט האָט זיך צעהעלט, צעהעלט!

(„אַ שנייִקער פֿרימאָרגן", ווײַנפּער־בוך, ז. 60)

בײַ וועמען אין ליד עס דאַרפֿן שפּילן אויסערגעוויינטלעכע פֿאַרבן, בײַ זישע ווײַנפּערן איז גענוג דער פֿרימאָרגן, יעדער פֿרימאָרגן —

נאָך אַלעמען איז גאָרניט אַזוי שלעכט צו לעבן.
שטייסט אויף אין פֿרימאָרגן דערפֿילסטו ווען אָפּצוגעבן
אַ לויב דערפֿאַר, וואָס דורך די שויבן
שיקט ווער דיר אַזאַ ליכטיקייט פֿון אויבן.
און מאַכט זיך ווען ניט ווען
אַ טאָג פֿאַרוואָלקנט אין טומאַנען —
איז אויך אין דעם קיין אומגליק ניט פֿאַראַנען.

(„נאָך אַלעמען", ז. 47, ווײַנפּער־בוך)

און ניט נאָר דער טאָג, נאָר יעטוועדע שעה טראָגט מיט זיך, אויב ניט קיין גוטס, איז דעם אָנזאָג אויף גוטס. מען דאַרף זײַן סענסיטיוו גענוג און פֿאַרליבט גענוג די גוטסקייט צו דערשפּירן —

אין יעדער שעה איז עפּעס דאָ פֿאַר מיר צום גוטן
און אַז קומט אַמאָל אַ שעה, אַ טריבע,
דערוואָרעם איך זי מיט מײַן ליבע
און ליכטיק ווערט און גוט.

(„צו אַלדי גוטע יאָר!", ז. 69, ווײַנפּער־בוך)

און נעמען נעמט זיך דאָס אַלץ, ווי געזאָגט, פֿון פֿאַרליבטקייט און פֿון דער פֿעיִקייט זיך אַליין אַנטקעגנצוטראָגן.

איך בין אַ מענטש, וואָס איז פֿאַרליבט אין אַלץ ביז גאָר
און לעב זיך אָט אַזוי צו אַלדי גוטע יאָר.
איך גיי זיך מיר מײַן וועג, און טרעפֿט אַ גרוב, שפּרינג איך איבער,
דאָס נעכטיקע איז קיין מאָל מיר פֿון הײַנט ניט ליבער.
איך האָב מײַן מאַמעס בלויע, ווייכע אויגן פֿול מיט זאָרג,
וואָס זאָגן פֿרײַנטלעך יעדערן: גוטמאָרגן.

(„צו אַלדי גוטע יאָר!", ז. 68, ווײַנפּער־בוך)

קיינער אין דער ייִדישער דיכטונג, אָדער אין פּראָזע, האָט אַזויפֿיל מאָל און אַזוי קאָמפּולסיוו ניט געניצט דאָס וואָרט ליב און ליבשאַפֿט, ווי זישע ווײַנפּער:

ליבשאַפּט, ליבשאַפּט, ביסט אַלץ נאָך דאָ אין מיר?
זאָג, אָ זאָג, אַ סימן גיב!
ליב!
ליב!
ליב!
ליב!
ליבשאַפּט איז נאָך אַלץ אין מיר,
ליבשאַפּט, ליבשאַפּט, לאָז נישט איבער,
גאָרנישט איז אין מיר

(„ליבשאַפּט", זז. 63־64, „גרענד קעניאָן")

און געבומען האָט זיך דאָס, ניט קוקנדיק אויף אַלע פֿינצטערנישן און רשעותן און פּאַרווירטקייטן אין לעבן, פֿון דעם גרויסן גלויבן, אַז עס וועט מוזן בעסער ווערן, און אפֿשר קען מען מיטן ליד אַליין אַ ביסל צעשטרײַען די שווערקייט און די כמאַרעס אין וואָס דאָס לעבן וויקלט זיך אײַן:

זינג, זינג מײַן האַרץ.
וואָס שוואַרץ
וועט ווערן בלוי,
וואָס שווער
וועט ווערן גרינג.

(„זינג מײַן האַרץ", ז. 86, „גרענד קעניאָן")

בפֿירוש, שווער צו פֿאַרשטיין די צעלויכטנקייט פֿון דעם גלויבן, וואָס ער האָט געטראָגן אין זיך. ווי אַ צעזונגענער אליהו הנביא איז ער דורכגעגאַנגען צווישן אונדז מיט אַ פֿולן זאַק שבת־אויבס און געטיילט און געטיילט:

דאָס לעבן איז הייליק!
דאָס איז דײַן קדושה!
מיר וועלן דאָס ביסל ירושה
פֿון בזיון און יסורים
פֿאַרוואַנדלען אין אַ נײַעם טורעם.
מיר וועלן אויף פֿאַרבליבענעם שטיין
זיך אײַנעסן מיט נעגל און פּיַין, —
מיר וועלן אין ברוכוואַרג זיך ראַיען
און נאָך אַ מאָל בויען און בויען
אויף אונדזערע רואינען,
דער עבר, דער הוה זיך מוזן אין עתיד געפֿינען!

(„על חטא שחטאנו", ז. 59, „גרענד קעניאָן")

יאָ, אָבער פֿון וואַנען דער גלויבן, פֿון וואַנען די זוניקייט? פֿון צוויי קוואַלן: פֿון דער ליטעראַטור-טראַדיציע אונדזערער און פֿון די טיפֿע פֿאָלק-קוואַלן וואָס האָבן אים גענערט.

„דאָס זוניקע היטעלע"

נאָך אין 1933, שרײַבנדיק „וועגן זיך", האָט ווײַנפּער געזאָגט: „די ייִדישע דיכטונג האָט זיך, אַפּנים, געניײטיקט אין אַן אָפּטימיסט, האָט מען אויף מיר אָנגעטאָן דאָס זוניקע היטעלע".

איז אמת, אַז די ייִדישע ליטעראַטור האָט זיך געניײטיקט אין אַן אָפּטימיסט, מיטן לעבן געניײטיקט. און ס'איז אויך אמת אַז מען האָט ווײַנפּערן באַצייכנט ווי דעם גלויביקן, און ס'איז אויך אמת, אַז דאָס „היטעלע" האָט אים מלא חניק געפּאַסט. אָבער ניט קוקנדיק אויף די אַלע אמתן, דאַרף מען דאָס אויבן געזאָגטע נאָך אַלץ קוואַליפֿיצירן. די קוואַליפֿיקאַציע איז וויכטיק, מחמת ס'וועט אַ דאַנק איר קלאָרער אי דער אַלגעמיינער כאַראַקטער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור און אי זישע ווײַנפּערס אָרט אין איר.

דער אויבנאויפֿיקער אײַנדרוק איז, אַז די ייִדישע ליטעראַטור איז „בטבֿע" געווען אַ טרויעריקע ליטעראַטור, ווייל דאָס לעבן וואָס זי האָט געשילדערט איז — נאָך אַ מאָל „בטבֿע" — געווען אַ טרויעריקס. אָבער דאָס איז בלויז אויבנאויפֿיק. דער טיפֿער אמת איז, אַז דער סאַמע ווײַטאָלסטער אָדער, וואָס האָט געקלאַפּט אין דער ייִדישער ליטעראַטור, איז געווען אָפּטימיזם און גלויבן. אַן דעם וואָלט איר השפּעה אויפֿן פֿאָלק געווען אַן אַ שיר קנאַפּער.

דאָס „היטעלע" האָט קיינער ניט אָנגעטאָן אויף זישע ווײַנפּערן — ער האָט עס זיך אַליין אָנגעטאָן. און איצט, אין רעטראָספּעקט, דערזעען מיר, אַז עס איז געווען אַ ירושה-היטעלע, אַזאַ וואָס די אָבֿות פֿון אונדזער ליטעראַטור האָבן עס געטראָגן און וואָס פֿעדעמט ווײַנפּערן אײַן אין דעם הויפּט-שטראָם פֿון דער ליטעראַטור, וואָס שליסט אים אײַן אין דעם ציבור פֿון ייִדישער שעפֿערישקייט.

די מאָדערנע ייִדישע ליטעראַטור איז בכלל אַן אַפֿירמאַטיווע, אַזאַ וואָס באַיאָט דאָס לעבן. אייגנטלעך, איז דאָס געווען איר היסטאָרישע אויפֿגאַבע, איר מאָראַלישע גבורה: זאָגן יאָ צו אַ לעבן וואָס זאָגט כּסדר ניין, אַפֿירמירן אין אָנבליק פֿון נעגאַציע.

מער נאָך: אויב מען קוקט זיך נאָענט צו, איז די גאַנצע ייִדישע געשיכטע אַ קייט פֿון להכעיסדיקן, שיר ניט חוצפּהדיקן, שאָקלען מיטן קאָפּ אויף „יאָ", בעת אַלע, אַזוי גערופֿענע, היסטאָרישע באַדינגען טײַטן אָן אויף „ניין"; ענטפֿערן „מיר לעבן", בעת אַלע געשיכטלעכע תּנאָים שרײַען: „גייט אונטער".

דורך זישע ווײַנפּערס גאַנץ שאַפֿן גייט דורך אָט די עקשנות צום

לעבן ווי אַ ניגון. פֿון דער עקשנות שיילט ער אַרויס ניט בלויז אָפּטימיזם נאָר די געלייטערטע פֿרייד פֿון לעבן.

אָבער דאָס אַלץ איז אַ ביסל צו פּשוט. מען דאַרף אַרויסשפּירן עט־לעכע גרונט־עלעמענטן, וואָס גיבן צו די פֿאַרב און טראָגן צו דעם ניגון פֿון ווײַנפּערס שעפֿערישקייט.

דער דויערנדיקער טאָן אין ווײַנפּערס געזאַנג איז דער ניגון פֿון המשך, געפּאָרט מיט דעם באַוווסטזײַן פֿון המשך.

ניט בלויז דעם טריסקער חזנס ייִנגל איז ער, נאָר ער איז אָנגעפּילט מיט דעם שיר־ניט פֿײַנלעכן געפֿיל פֿון אַליין־ באַוווסטקייט, פֿון פֿעדעם וואָס ציִען דורך אים און וואָס ער דאַרף זיי ציִען ווײַטער —

איז וואָס זשע וועט זײַן
מיט אונדזער פּײַן
און שײַן
פֿאַר די קומענדיקע דורות?

(„על חטא שחטאנו", ז. 58)

כּדי דערגרייכן דעם ציטער פֿון המשך, דאַרפֿסטו זיך אַליין דער־שפּירן ווי אַ טייל פֿון פֿאָלקישן גאַנג.

דו מוזסט גלויבן אַז עס איז דאָ וואָס צו היטן פֿון פֿריִער, און גלויבן גלײַכצײַטיק, אַז דו ביסט די כּלי דורך וועמען דער נעכטן רינט אַריבער צום מאָרגן, און זײַן זיכער, אַז ניט קוקנדיק אויף אַלע פֿינצטערנישן וועט זײַן אַ מאָרגן:

אין לויטערן שיין פֿונעם אַלטן
דערזע איך דאָס נײַקייט פֿאַרבאָרגן,
איך קלײַב אויף בלויז דאָס, וואָס באַהאַלטן
האָט נעכטיקער טאָג פֿאַרן מאָרגן.

(„דורות", ז. 81, ווײַנפּער־בוך)

אָט דער חוט המשולש, דער דרײַיִקער פֿאָדעם, איז אייגנטלעך דער גרונט־טאָן פֿון ווײַנפּערס שאַפֿן — פֿון דעם טאָן וואַקסט אַרויס די אחריות. און די אחריות איז אויך אַ דרײַפֿאָדעמדיקע — צום פֿריִער, צום איצט און צום שפּעטער. דאָס פֿאָדעמט אים אײַן אין דורות ייִדיש שאַפֿן און לאָדט אים גלײַכצײַטיק אָן מיטן געפֿיל פֿון אייגענער וואָר־טיקייט אין זײַן דיכטערישער עבודה:

ווער ביסטו? און ווער בין איך?
מיר זײַנען די המשכים אין דער אייביקייט,

וואָס צײַען, ווי אַ מעשׂה זיך דורך צער און פרייד
פון ערגעצווו ביז ערגעצוו.

(„גרענד קעניאָן", ז. 131)

און —

אַ ייד!
אַ זון פון יענעם פאָלק, וואָס האָט זײַן שײַער
פאַרברענט אין פלאַם פון סיני־פײַער
און דערבײַ צום אַש זײַן קאָפּ געבויגן.
די צײַט האָט אונדזער בלוט געזויגן
און דאָס פאַרוואַנדלט אין אויל פאַר שײַנענדיקע מנורות
פאַר אַלע דורות.

(„באַהעפטקייט", ז. 65, „גרענד קעניאָן")

זײַן לייטמאָטיוו — מנורות פאַר דורות.

געזעלשאַפטלעך אַזוי און פערזענלעך אַזוי. אין ליד צו „מײַן טאָכ־טער נחמהלע" לייגט ווײַנפּער אַרויף אויף די דאַמאָלט קינדערשע פּליי־צעס פון זײַן טאָכטער דעם עול פון דורות:

אָבות מײַנע — זיי לעבן אין מײַן יעדן קער און ריר,
שטראַליקע, בלענדיקע — זיי לעשן זיך נישט אויס.
הער דאָס וואָרט מײַנס, עס איז אין צאַפּלדיקן ברויז,
הײַנט איז דאָס געווענדט צו דיר,
טאָכטער מײַנע, המשך פון מײַן זין און זײַן.

(„ווײַנפּער־בוך", ז. 194)

פאַרשיכּורט פון ווײַן פון המשך, אַראָפּגעוויגן פון עול פון המשך איז ער.

איז ווער־זשע וועט צײַען אָט דעם ווײַטעריקן המשך? די — ווי פּרץ וואָלט געזאָגט — „בערלס און שמערלס" פון פאָלק וועלן צײַען דעם המשך — די באָרוועסע ברידער, די חייטניקעס אונדזערע.

אוןווידער וועבט זיך ווײַנפּער אײַן אין איינער פון די באַזישע עיקרים פון אונדזער ליטעראַטור — אין איר פאָלקישן תּוך, אין די שאָ־פערס אירע וואָס האָבן געגלויבט, אַז די גאולה פון און פאַרן פאָלק וועט קומען פון אירע סאַמע אונטערשטע וואָרצלען.

צו די שלושים נאָך ווײַנפּערס טויט האָבן מיר געזאָגט:

„ווײַנפּער האָט ניט נאָר געפילט אחריות צו דעם גרויסן געוועב פון פאָלקס לעבן, נאָר ער האָט געזוכט די גרויסקייט און די דערהויבנ־קייט בײַ די פשוטע פעדעם פון אָט דעם געוועב. דורכויס אין נוסח פון אונדזער פאָלק־טראַדיציע, וואָס דערהויבט דעם טאָג־טעגלעכן מענטש,

וואָס דערציילט אונדז, אַז אליהו הנביא פֿאַרשטעלט זיך פֿאַר אַ בעטלער, און אַז דער נביא עמוס איז געווען אַ טאָג־אַרבעטער, הויבט ווײַנפּער אָן, אין 1932, זײַנע 'געזאַמלטע לידער' מיטן געזאַנגט פֿון באַרוועסן ברודער:

גענקומען איז דער באָרוועסער און קומען וועט ער נאָך אַ מאָל,
איך ווייס, אַז הערן וועל איך ווידער דורך די טעג און נעכט זײַן קול.

„אַזוי אין 1932. און זײַן בוך 'פּאָעמעס וועגן די נביאים' מיט קנאַפּע צוואַנציק יאָר שפּעטער, ענדיקט ער מיט אַ קאַפּיטל, וואָס הייסט: „יחיאל בער, דער חייטניק".

„אַרויפֿפֿלייגן אויף די חייטניקעס, די שנײַדערס, דעם מאַנטל פֿון די נביאים, קאָן בלויז דער, וואָס האָט זײַן לעבן מיט זיי פֿאַרבונדן, וואָס האָבן גלויבן אין זיי, וואָס דערשפּירט די באַהאַלטענע יכולת פֿון די חייט־ניקעס און שוסטערניקעס און אַלע אַנדערע צו דערלייזן די וועלט".

(א. גאָלדבערג, ווײַנפּער־בוך, זז. 361־362)

בײַם צעבראָכענעם טויער

על חטא שחטאנו —
איך שטיי ווי אַן עני
בײַם צעבראָכענעם טויער
און זוך נישט צו געפֿינען
קיין טרייסט אויף די רואינען.
פֿאַרסמט אין מיר איז דער באַגער.
אוי, ווער־זשע, ווער
וועט אָנצינדן אַ קנויט
נאָך אונדזער טויט!

די גאַנצע יידישע ליטעראַטור האָט זיך געקאַרטשעט פֿון ווייען, ווען דער גוף פֿון פֿאָלק איז געלעגן אויף דער באַצישער עקדה. ווי האָט עס אַנדערש געקאָנט זײַן: די ליטעראַטור איז געווען אַזוי נאָענט צום לײַב־און־לעבן פֿון פֿאָלק, אַז זי האָט זיך געמוזט פֿאַרגיין אין אַ געהייל פֿון וויטיק, בעת דאָס פֿאָלק האָט געברענט. יעדער אויף זײַן אופֿן האָט געזאָגט קינות, פֿון יעדנס גוף און פֿען האָבן צער און בלוט געטריפֿט. טייל האָבן פֿאַרהאַקט די טיר צו דער וועלט, ווי גלאַטשטיין, און געזוכט כוח און אויסהאַלט אין זיך אַליין, אין די דורות פֿון פֿאָלקישן דויער. אַנדערע האָבן, ווי לייוויק, דערקלערט אַז „נאָך דאַכאַו, מוז מען זאָגן יאָ צום לעבן". אַנדערע האָבן אַרויסגעשלעפּט פֿון ברודער־קבֿר און אונדז אַנטקעגנגעטראָגן, ווי פּרץ מאַרקיש, איין איינציקן העלד, גור אריה, וואָס זאָל זײַן די „אויפֿגעוויקלטע מגילה" פֿון אונדזער בראָך.

אַנדערע האָבן אונדז צוגעזאָגט, אַז מיר וועלן נאָך „אויף היטלערס קבֿר טאַנצן", ווי איציק פֿעפֿער.

ווי אַן אַלטער איכה, ווי אַ יערעמיאַדע, וואָס קײַקלט זיך דורך די דורות, ווי אַ קינה וואָס הערט ניט אויף צו קלאָגן, ווי אַ קינד וואָס האָט זיך צעהעשעט און קאָן ניט קומען צו זיך, קלינגט ווײַנפּערס געוויין אויפֿן חורבן פֿון ייִדישן לעבן דורך די נאַצישע הענט. דער גאַנצער טאָן איז: ווי ניט בלויז ער אַליין, נאָר דער טאַטע זײַנער, דער טריסקער חזן, מיטן טלית איבערן קאָפּ, פֿאַרגייט זיך און הינטער אים און מיט אים די גאַנצע עדה טריסק, און אַלע אונדזערע קהילות קדושות, אַלע טריסקס פֿון גאַנץ מזרח־אייראָפּע.

ער האָט ניט געקענט מוחל זײַן דעם שונא —

זײַ פֿאַרשאָלטן ביזן סוף פֿון די דורות פֿאַר דער שׂנאה אין מיר,
וואָס דו האָסט אָנגעצונדן מיט דײַן רשעות.

(„פֿאַר דער שׂנאה אין מיר!", ז. 147)

די צײַט פֿון בענטשן איז אַריבער. סובטעל דין כאַפּט ער אויף די ענדערונג אין זיך און שטרײַכט אונטער, אַז ניט בלויז אידעאָלאָגיש אָדער פּאָליטיש זײַנען מיר געוועזן פֿאַרוויקלט אין גערangל קעגן נאַ־ציזם נאָר, אַז אויך פּסיכאָלאָגיש איז פֿאָרגעקומען אין יעדן איינציקן פֿון אונדז אַן אינערלעכער איבערבראָך —

דאָס האַרץ מײַנס וואָס פֿלעגט וואַכיק זײַן צו טענער בלויז דינע / איז איצט דינאַמיש אויף אויפֿצורײַסן אַלצדינג, וואָס איז דײַטשיש / אַ קללה אויפֿן קאָפּ פֿון פֿאָלק.

באַנאַנד מיט דער שׂנאה גייט אויף די וווּנדערלעך געלײַטערטע ליבּ־שאַפֿט צו די וואָס זײַנען אומגעקומען:

קדושים אונדזערע, — מיר שטייען אויף די קני
געפּלעפּטע פֿון דעם הערלעכסטן און שענסטן גלי,
וואָס אײַער בלוט פֿאַרגאָסנס שטראַלט אַרויס פֿון זיך.
מיר בייגן אײַן די קעפּ און טוען אויס די שיך
פֿאַר אײַער הייליקייט, וואָס אַזאַ איז נישט געווען,
פֿאַר אײַער לויטערקייט, וואָס אַזאַ האָט מען נישט געזען!

(„פֿאַר אײַער הייליקייט און לויטערקייט",
ז. 151, ווײַנפּער־בוך)

איז ווו זשע געפֿינט מען די טרייסט, ווו געפֿינט זיך דער אָנשפּאַר, כּדי אין אַ וועלט פֿון רשעות און משוגעת אַליין ניט אַראָפּ פֿון זין,

אַליין פֿאַרהיטן אין זיך די מיושבדיקייט, אַפֿילו דעם גלויבן, אַז די ביינער וועלן צוריק אויפֿלעבן, אַז פֿון די הייליקע קבֿרים קאָן אויפֿגיין אַ נײַ געבורט, אַז ערגעץ אויף די אָפּט פֿאַרהוילענע וועגן פֿון דער משוגע געוואָרענער געשיכטע, קאָן אויך אָט דער סוף טראָגן אַ בראשית אין זיך.

ווײַנפּער, דער באַטייליקטער און פֿאַרוואָרצלטער ייִד, לויפֿט אַוועק צו דער געשיכטע פֿון פֿאָלק, אין איר זוכט ער אַ טרייסט, אין איר אַן אָנווונק אויף נצח ישׂראל, צו איר שטעלט ער פֿאָדערונגען, וויל ענטפֿערס אויף דעם געשריי וואָס עס טראָגט זיך פֿון דער בלוט פֿאַרגאָסענער ערד, ווײַל שווײַגן קאָן אַ מענטש ניט בעת „עס שרײַען די לעבעדיקע באַגראָבענע פֿון אונטער די הייליקע קבֿרים".

און ער געפֿינט דעם אָנווונק אין דער געשיכטע:

אַז מען האָט געקעמט דאָס לײַב פֿון רבי עקיבֿאן האָבן געווײנט די אותיות
פֿון דער תּורה.
רבי חנינא בן תּרדיון איז אויסגעגאַנגען אין די פֿלאַמען אינגאַנצן אַן מורא,
נאָר געקלאָגט האָבן אונטער זײַן לײַב אינעם שײַטער די פֿלאַמיקע צווײַגן.
אויפֿן מאָרד פֿון די קדושים האָבן געווײנט די חיות אין די רוימישע שטײַגן.

יצחק איז נישט געווען דער אײנציקער, וואָס איז געגאַנגען אויף דער עקדה,
עס גייען אַנדערע אויך, און גיין וועט מען ביז מען וועט באַדאַרפֿן!

אָ, רבי חנינא בן הכינאי; רבי ישׂכר הסופֿר! און דו, רבי יהודה בן דמה!
אַז מיר טוען זיך טאָן אַ דערמאָן, צעגייט פֿון צער אין אונדז די נשמה,
אָ, לעמבערג און קערטש! טריסק און בריסק, בערדיטשעוו, זשיטאָמיר!

(„אלה אזכרה — אַז איך טו זיך טאָן דערמאָנען",
ז. 146, ווײַנפּער־בוך)

און אַפֿילו נאָך דעם, ווען עס איז געקומען דער שרעקלעכער בראָך פֿון די געשעענישן אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד און פֿון דאָס נײַ האָט זיך זישע ווײַנפּערס גוף און נשמה, ווי אַלע אונדזערע גופֿים און נשמות, געקאָרטשעט פֿון אוממענטשלעכע יסורים און דער גלויבן, אַן אונטערגעבראָכן ביימל — האָט זיך קוים קוים געהאַלטן בײַ איין דינעם וואָרצל, אַפֿילו דעמאָלט, ווען אַלץ איז געגאַנגען קעגן דיר, אַפֿילו דעמאָלט, מיט טרערן אויף די באַקן, האָט ער געוועקט און געמאָנט ניט נאָר גלויבן, נאָר פֿאַרוואַנדלען דעם גלויבן אין מעשׂים.

אין אַן אַרײַנפֿיר צו אַ בוך זאָגט ער:

„ווי און ווינד איז אונדז, די איבערגעבליבענע אינעם לעבן, נאָך אַזאַ מוראדיקן שטורעם צו טרעטן איבער די חורבות. ניט איין מאָל ציטערן בײַ אונדז די קניען פֿונעם געוויין אין די טריט, דאָך טרעטן מיר, און

אין אונדזער עקשנות זײַנען אונדזערע הענט אײַנגעקלאַמערט אויף די אַקער־אײַזנס איבער דער חרובֿער ערד פֿאַר װײַטערדיקן פֿאַרזיי. מיר אַקערן און פֿאַרזייען אין אונדזער טיפֿסטער לייד מיט דער האָפֿענונג אויף פֿרייד. און אַט די האָפֿענונג בלאָזן מיר פֿונאַנדער מיט דעם גאַנצן אָטעם אונדזערן אין אַ גלויבן, װאָס שטעלט זיך אַנטקעגן יעדער בוכהאַלטערישער לאָגיק.

(„מײַן טיפֿסטן דאַנק", זז. 19־18)

דאַכט זיך: דאָס אײנציקע מאָל װאָס עס דינט אים ניט דער גלויבן. װאָס זשע טוט מען? מען צעבלאָזט די האָפֿענונג אין אַ גלויבן און דעם גלויבן פֿאַרװאַנדלט מען אין מעשׂים.

ער, װי גרויס איז געװען די בראָך, אַז ער, דאָס „זוניקע היטעלע", האָט זיך אַזוי געקאָנט פֿאַרגײן אין טרערן. ס'איז צו באַװונדערן: פֿון װאַנען די אמונה? װי האָט ער נאָך געקענט זינגען דאָס ליד פֿון גלויביקן? פֿון װאַנען האָט זיך גענומען כּוח צו אים?

דער קולטור־שליח

ער האָט אַלע מאָל פֿאַרבונדן ליד מיט מעשׂים. זישע לאַנדוי, אײנער פֿון די טעאָרעטישע באַגרינדער פֿון די „יונגע" האָט צו־להכעיסדיק אַקצענטירט די ניט־שײַכות פֿון פּאָעזיע מיטן לעבן: „איך זע די לײַט פֿון מעשׂים, איך בין דער מאַן פֿון ליד". זישע װײַנפּער איז פֿון זײַן ערשטן טראָט אָן געװען בײדע — אי דער מאַן פֿון ליד און אי דער מאַן פֿון מעשׂים. זײַן ליד אַלײן איז בײַ אים געװען טאַט, די טאַט פֿון אָנרירן דעם מענטש.

אין 1918 רעדאַקטירט ער „דער אָנהויב", אין 1919 — „בײַם פֿײַער", אין 1922 — „אָטעם", אין 1924 — „די פֿעדער", אין 1930 — „אויפֿקום", פֿון 1938 ביז זײַן לעצטן טאָג — איז ער מיטגליד פֿון דער רעדאַקציע־קאָלעגיע פֿון „ייִדישע קולטור".

אַחוץ רעדאַקטאָרישע אַרבעטן איז ער פֿאַרנומען מיט טעגלעכער קולטור־בויערישער אַרבעט. אַ סך יאָרן איז ער געװען אַ לערער אין די שלום־עליכם שולן. אין דעם פּרט איז ער ניט קײן אויסנאַם, מחמת ס'רובֿ אַמעריקאַנער ייִדישע שרײַבערס זײַנען, אויף אײן אופֿן אָדער אַן אַנדערן, געװען פֿאַרבונדן מיט דער ייִדישער שול אין אַמעריקע. עס האָט זיי, װײַזט אויס, געצויגן ניט נאָר דער באַריר מיטן קינד, נאָר — דורכן קינד — דער באַריר מיטן מאָרגן.

בײַ קײן שום פֿאָלק, דאַכט זיך, האָט דער שרײַבער אַזוי באַװוסטזיניק ניט געשטרעבט צוצוגרייטן פֿאַר זיך דורות לייענערס, װי בײַ אונדז ייִדן. אַ שאָד, װאָס עס איז אים אַזוי װײניק געלונגען.

פֿון זײַן לערערישער עפּאָכע האָט די ייִדישע קינדער־ליטעראַטור אָפּגעשפּאָרט אַ צאָל לויטערע און צעליכטיקטע „גילדענע הענער", װאָס זישע װײַנפּער האָט אַרײַנגעלאָזן אין דער ייִדישער ליטעראַטור. [„דער

גילדענער האָן" האָט געהייסן זײַן זאַמלונג קינדער־לידער, אַרויס אין יאָר 1927].

זײַנע קינדער־לידער צייכענען זיך אויס מיט די מעלות פֿון זײַנע אַנדערע דיכטערישע שאַפֿונגען: פּשטות, פֿאַנטאַזיע, ליבשאַפֿט און די־רעקטקייט. ער רעדט קיין מאָל ניט אַראָפּ צום קינד. ער הייבט עס אויף צו זיך און צוזאַמען לאָזט מען זיך אויף אַ שפּאַציר — אויף דער ערד צי אויף אַ וואָלקן, עס מאַכט באמת ניט אויס. אויך די קינדער־לידער זײַנען ס'רובֿ געשריבן בלשון אני: אַנשטאָט רעדן פֿאַרן קינד, לאָזט ער דאָס קינד רעדן פֿאַר זיך אַליין, רעדן דורך אים, דעם דיכטער. דאָס קינד רעדט אַרײַן — און ער זאָגט בלויז איבער דאָס וואָס דאָס קינד הייסט אים זאָגן.

אין 1937סטן יאָר הייבט זיך אָן אַ נײַע, און מסתמא די וויכטיקסטע, עפּאָכע אין זישע ווײַנפּערס קולטור־בויערײַ — די עפּאָכע פֿון קולטור־שליח. ווידער אַ מאָל, ווי דער טאַטע זײַנער, ווערט ער אַ שליח־ציבור. די רייד זײַנען אַנדערע, מחמת די צײַט איז אַן אַנדערע. די כּוונה בלײַבט, אין תּוך, די זעלבע: זיך אײַנשטעלן פֿאַרן כּלל ישׂראל, ניט לאָזן ס'זאָל פֿאַרשטילט ווערן אַ ניגון.

אָן אַנדער וואָלט געווען אַ קולטור־טוער, אַ קולטור־פֿירער, אַ קול־טור־אַקטיוויסט. זישע ווײַנפּער איז געוואָרן אַ קולטור־שליח. ווידער — אַ באַוווסטזיניקער אַקט פֿון אײַננורען זיך אין די וואָרצלען, פֿון פֿאַראייניקן זיך און געפֿינען די פֿעדעם וואָס האָבן אים צום פֿאָלק געבונדן. ער שטרײַכט כּסדר אונטער די שײַכותן וואָס ער האָט, די פֿעדעם וואָס פֿאַר־בינדן אים.

אין 1940, אין אַ יובילײ־רעדע, זאָגט ער, אַז ער איז „אַ פֿעדעמל אינעם גרויסן געוועב, וואָס הייסט ייִדיש פֿאָלק־לעבן". און גלײַך נאָך דעם — „מײַן וואָרט ווערט איצט דערהערט, ווײַל עס איז דאָס וואָרט פֿון פֿאָלק צוריק אין פֿאָלק אַרײַן".

און צום 60סטן געבוירנטאָג, אין 1953, שרײַבט ער אָבער אַמאָל: „די אָדערן פֿון דעם כּלל זײַנען צונויפֿגעוועבט מיט מײַנע . . . די שליחות וואָס איך טראָג דורכן וואָרט איז ניט בלויז מײַן פּערזענלעכע, נאָר איז די שליחות פֿונעם כּלל, פֿונעם ציבור".

אָט דאָס שליחות־באַוווסטזײַן דרינגט דורך זײַן גאַנצע איקוף־פֿאַרבינ־דונג. מען האָט אים אָנפֿאַרטרויט, אין אַ שווערער פֿינצטערער צײַט, אַ פֿאָלק־פֿאַרמעגן — די וועלטלעכע קולטור, וואָס אויף איר לויערט פֿון איין זײַט דער פֿאַרצוקנדיקער נאַציזם, און פֿון דער צווייטער זײַט — פֿון אינעווייניק, די אַפּאַטיע און די זעלבלייקענונג. ער דאַרף דעם אוצר טראָגן און דערטראָגן. און דער וועג איז אָן אומגליקלעך שווערער, אָפֿט אַ מאוימדיקער, אָפֿט ברענט די ערד אונטער די פֿיס און אָפֿט צאַפּלט זיך דער גלויבן ווי אַ געקוילעטע טויב (פּרצעס טויב פֿון „די גאָלדענע קייט"? ווײַנפּערס טויב פֿון די יונגע יאָרן?). ווי זשע האָלט מען אויס?

ווידער — דער אַלטער ביטחון: „בלויז דער טיפֿער גלויבן אין דער שליחות וואָס דו טראָגסט אין זיך, גיט דיר כּוחות ניט אָנידערצופֿאַלן אין מיטן וועג".

און געווען איז דאָס ניט בלויז אַ פּאַסיווער גלויבן, נאָר אַן אני מאמין, אַ טיפֿע אמונה פֿאַר וועלכער מען דאַרף זיך ראַנגלען און אײַנשטעלן. און זאָל קיינעם חלילה ניט אײַנפֿאַלן, אַז די צוואַנציק איקוף־יאָרן זײַנען לײַכטע יאָרן פֿאַר אים געווען. עס זײַנען געווען יאָרן פֿון געראַנגל, פֿון אָנגריף און פֿאַרטיידיקן, פֿון אויסשטיין שוועריקייטן און באַליידיקט ווערן. פֿון געראַנגל פֿאַר ביידע אידייען — פֿאַרן גלויבן אין נצח ישׂראל און אין דעם צעמוטשעטן מענטש. און ווידער ליגט דער ענטפֿער אין דער געלייטערטער ליבשאַפֿט זײַנער און ווידער אין דעם גלויבן זײַנעם:

„בלויז אונדזער טיפֿע ליבע צום ייִדישן שאַפֿן און דער קלאָרער באַוווסטזײַן, אַז אויפֿגעבן די אויפֿהאַלטונג און ווײַטערדיקע בויאונג פֿון אונדזער ייִדישער קולטור פֿאַרן פֿאָלק, וועט מיינען נאָך אַ קבֿר אין אונדזער גרויסן חורבן, האָט אונדז געגעבן כּוח און מוט זיך נישט צו פֿאַרלירן, און די אַרבעט איז אָנגעגאַנגען להכעיס דעם פֿאַרמעסט פֿונעם נאַציזם אָפּצווישן אונדז פֿון דער ערד". — יאָ, גיב איך צו איצט, להכעיס אַלע פֿאַרמעסטן.

(1972)

בער גרינס „איביק גרין"

א.

די פּאָעזיע איז געווען דער גרעסטער צושטײַער, וואָס די אַמע־ריקאַנער ייִדישע ליטעראַטור האָט צוגעטראָגן צו דער ייִדישער וועלט־ליטעראַטור. אין די פּאַראייניקטע שטאַטן האָט די ייִדישע דיכטונג דער־גרייכט איר הויכפּונקט און איר השלמה. אין די יאָרן 1890—1920 האָט די ייִדישע פּאָעזיע אין אַמעריקע פֿאַרנומען דאָס צענטראַלע אָרט אין דער ייִדישער דיכטונג איבער דער וועלט. ס'רובֿ דיכטער האָבן דאָ אָנגעהויבן שרײַבן, אַנדערע האָבן דערגרייכט זייער קינסטלערישע רײַפֿקייט אויפֿן אַמעריקאַנער באָדן. אַפֿילו אַבֿרהם רייזען, שוין אַ כּלי שלימה בעת זײַן קומען קיין אַמעריקע — זײַנע לידער האָבן דערצויגן אַ גאַנצן דור אין אייראָפּע — האָט דאָ מסתּמא אָנגעשריבן מיינסטע לידער זײַנע. שוין אָפּ־געדעט פֿון יהואָשן און ליעסינען, און אַוודאי פֿון די „יונגע" און די וואָס זײַנען געקומען נאָך זיי.

די סיבות זײַנען, דאַכט זיך, פֿאַרשטענדלעכע: די פּאָעזיע איז געווען מער מסוגל אויסצודריקן דעם צאַפּל פֿון איבערגאַנג און פֿון ווערן, אויפֿ־כאַפּן די פֿײַנפֿולע רגעס פֿון געבוירן ווערן, פֿון מעשׂי־בראשית. ניט ביז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, און בעיקר נאָך דער גרויסער היסטאָ־רישער איבערקערעניש אין אַלטן רוסלאַנד, האָט די ייִדישע פּאָעזיע אין אייראָפּע אָנגעהויבן פֿאַרנעמען איר אָרט אין דער ייִדישער וועלט־ליטע־ראַטור. די סאָוועטיש־ייִדישע דיכטונג האָט זיך צעזונגען מיט אַ זעלטע־נער רײַכער פּילקוליקייט און שעפֿערישקייט. אויך דאָ האָבן די דיכטער באַדאַרפֿט אָנכאַפּן דעם צאַפּל פֿון גענעזע, פֿון בראשית, די ווייען פֿון אונטערגאַנג און אויפֿגאַנג, די קאָרטשעניש פֿון אַ נײַער וועלט, וואָס האָט געהאַלטן בײַם געבוירן ווערן.

ב.

דער גאַנג פֿון דער אַמעריקאַנער ייִדישער דיכטונג איז געווען אַ זיג־זאַגישער — פֿון פֿאַרשאַרפֿט געזעלשאַפֿטלעכן צום יחידישן און צוריק צום געזעלשאַפֿטלעכן. מען טאָר עס ניט אויפֿפֿאַסן מעכאַניש און ווי אַ גלײַכמעסיקע דערשײַנונג. ס'איז בייטיק פֿון דאָס נײַ איבערצוווועגן אונדזער צוגאַנג צו די „יונגע". די אָנגענומענע מיינונג, בײַ אַ סך פֿון אונדז, אַז די „יונגע" האָבן אָנטגעזעלשאַפֿטלעכט די פּאָעזיע איז צו סטערעאָטיפּיש, אַ צו שנעלע גענעראַליזאַציע, וואָס דער אַמעריקאַנער ייִדישער לינקס

האָט געמאַכט. מיטן אויסנעם פֿון טייל, ווי זישע לאַנדוי, ראובֿן אײַזלאַנד, זײַנען די מײנסטע פֿון די „יונגע" נישט געווען קיין יחידישע שרײַבער, אין זין פֿון בעגירן די וועלט און דעם מענטש. אַפֿילו זייער פֿאַרלוירנקייט און עסקייפּיזם האָט געוואָרצלט אין סאָציאַלע תּנאים. זישע לאַנדויס „הײַזער, גאַסן, מענטשן, גיי איך סתּם פֿאַרבײַ" קאָן מען בשום אופֿן ניט אָנמעסטן ניט אויף ה. לייוויקן אָדער משה־לייב האַלפּערן, אָדער משה נאַדירן, אָדער מאַני לייבן. אַפֿילו דאָס נעגירן אַמעריקע איז געווען אַ געזעלשאַפֿטלעכע רעאַקציע.

דער שטראָם פֿון סאָציאַלער דיכטונג, סאָציאַל אין דעם ברייטסטן באַנעם פֿון וואָרט, האָט בפּירוש קיין מאָל ניט אויפֿגעהערט — געגנוג אויסצורעכענען די פֿיר אַרבעטער־דיכטערס, אַבֿרהם ליעסין, אַפֿילו יהואָש, מײנסטע יונגע; דער יונגער ל. מילער, ז. ווײַנפּער און אַ סך אַנדערע. דאָס פֿולשטענדיקע אַנטגעזעלשאַפֿטלעכן די דיכטונג איז געקומען אין די יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה ביז אָנהייב צוואַנציקער. ס'איז געווען דער „אינזיך", וואָס האָט זיך אויסגעדרייט אויף אינעווייניק, אַנטסאָציאַליזירט דאָס ליד, פֿאַרלוירן דעם לייענער פֿון אויג, אויב ניט באַוווסטזיניק אים נעגירט.*

אָבער דער אַלטער שטראָם וואָס האָט כּסדר באַגלייט דעם דרך־המלך וווּ מענטשן גייען האָט קיין מאָל ניט אויפֿגעהערט. דער ווינטשעווסקי־נוסח איז צוריק באַנײַט געוואָרן, בעת דער זיידע האָט נאָך געלעבט, כאָטש ער, דער זיידע, האָט שוין דיכטעריש ניט געווירקט; בעת מאָריס ראָזענפֿעלד האָט נאָך געלעבט, כאָטש, שוין ניט מער ווי אַ שאָטן קינסטלעריש. אונטערן אָנפֿאַל פֿון אויפֿטרייסלענדיקע וועלט־געשעענישן האָט זיך באַוויזן די נײַע פּראָלעטאַרישע ריכטונג אין דער יידישער פּאָעזיע, דער „פּראָלעטפּען". די ראשונים האָבן דורך זיי צוריק אויפֿגעלעבט. די שאָד — אפֿשר איז עס היסטאָריש דעמאָלט ניט מעגלעך געווען — וואָס בעת די נײַע ריכטונג האָט איבערגענומען די אידייאישע אַנגעזעטיקייט און דעם געזעלשאַפֿטלעכן אָנרעג פֿון די ערשטע, האָבן זיי אין אַ גרויסער מאָס אויך איבערגענומען זייער פֿורעם, זייערע קונסט־מכשירים, וואָס זײַנען געווען ווירקנדיק, אַפֿילו פֿיאַנעריש, בײַם סוף יאָרהונדערט, אָבער וואָס זײַנען אָפּט געווען כּמעט פּרימיטיוו און נאָכמאַכעריש אין די צוואַנציקער יאָרן. צו ווייניק האָט די פּראָלעטישע דיכטונג געלערנט פֿורעם פֿון די „יונגע" (און פֿון „אינזיך"), כאָטש דער נײַער שטראָם האָט באַווירקט — אויף אַ צײַט — און מיטגעטראָגן מיט זיך טייל פֿון די טאַלאַנטפֿולסטע פֿון די יונגע (ה. לייוויק, מ. ל. האַלפּערן, משה נאַדיר און אַנדערע).

---

* איך לאָז דאָס איבער ווי געשריבן אין 1966, כּדי איך זאָל קענען אָפֿן און עפֿנטלעך זיך אָפּזאָגן פֿון דעם אָפּשאַץ פֿון די אינזיכיסטן — אַן אָפּשאַץ, וואָס איך באַטראַכט איצט ווי צו פֿאַראַקיאַל און ניט אין הסכּם מיט דער פֿילאָסאָפֿיע פֿון אינזיכיזם. א. ג.

ווי יעדע נײַע דיכטונג האָט די פּראָלעטישע ערשט מיט די יאָרן באַדאַרפֿט זיך אַרויסגעשטאָלטן פֿון דער הילפֿלאָזיקייט, אָפּטיילן די פֿולע פֿון די פּוסטע זאַנגען, דעם ווייץ פֿון דער סעטשקע. אין דער ריכטונג, אין דער צײַט ווען מ׳האָט ערשט באַדאַרפֿט אויסקריסטאַליזירן אַ קוואַליטעט, שאַפֿן אַ יש, אָפּוואַרפֿן פּסולת, העלפֿן אַנטאַן אידייעס און עמאָציעס אין דיכטערישער השלמה — האָט בער גרין, און אַ צאָל אַנדערע מיט אים, שוין אָנגעהויבן שפּילן אַ קרעאַטיווע, אַ פּיאָנערישע ראָלע.

ג.

פֿון וואַנען הייבט זיך אָן אַ ליד?

שווער צו זאָגן — פֿון געדאַנק? פֿון געמיט? פֿון בילד?

אַקוראַט ווי אַ ליד קאָן ניט זײַן אָן געדאַנק, קאָן עס ניט זײַן אָן בילד און אָן מוזיק. דאָס בילד איז די שפּראַך פֿון ליד, די מוזיק — זײַן פֿאַרב. אַ געדאַנק אין יאַמבען און אין גראַמען איז נאָך קיין ליד ניט.

ס׳איז אָבער נאָך אַלץ ניט גענוג, מחמת דאָס ליד באַוועגט זיך אויף אַ צאָל פֿלאַכן — אויפֿן געדאַנק, אויפֿן בילד, אויף דער עמאָציע, אויף דער מוזיק. נאָך דעם קומט ערשט דער וויכטיקסטער, אָפֿט ניט געזעענער, פֿלאַך — דער סימבאָל אָדער די אַלעגאָריע. דער סימבאָל איז דער פֿאַראַלגעמיינטער געדאַנק — דאָס האָקל פֿון דויער אויף וועלכן מען הענגט אויף דאָס ליד. דאָס וואָס מען רופֿט אָפֿט די אייביקע ווערט פֿון ליד.

אַ קליין 16־20 שורהדיק ליד פֿון גאַרסיאַ לאָרקאַ וועגן טויט פֿון איין מענטש אין דעם שפּאַנישן בירגערקריג כאַפּט־אויף גאָר דעם גרויל, גאָר דעם טרויער, גאָר דעם האַרצבראַך און צאָרן און שטעלט זיי אַרײַן אין אַ רעמל אויף תּמיד, אויף דורות. די וועלט אויפֿן בראַכשטול ווערט געפֿאַנגען אין איין צערפֿולן שטראַל וואָס פֿאַרלעשט זיך ניט. (ער ווערט דויערנדיקער און באַגלויביקער, ווי אַלע גוואַלד־געשרייען). דאָס איז דער אוניווערסאַלער געדאַנק, די אַלעגאָריע פֿון לאָרקאָס ליד.

וואָלט מאָריס ראָזענפֿעלד סתּם געוויינט מיט טרערן אויפֿן גורל פֿון אַן אָרעמען טאַטן, וואָלט זײַן טרער שוין פֿון לאַנג געווען אַן אויסגעוועפּטע, אַ פֿאַרטריקנטע. אָבער איבער מאָריס ראָזענפֿעלדס טאַטע־ייִנגעלע הענגט אַ טרויער, וואָס איז די טרער פֿון דער וועלט, אַ טרער וואָס בלײַבט הענגען איבער אַלע טאַטע־ייִנגעלעך אויף דורות, כּל־זמן רישעות וואָרגט די ערד. עס איז ניט סתּם קיין פּרט, נאָר אַן אוניווערסאַליזירטער פּרט, וואָס ווערט אַ סימבאָל: און דער סימבאָל איז דער דויער־עכאָ פֿון ליד.

ווען משה לייב האַלפּערנס זרחי וויינט בײַם ברעג פֿון ים אין קוני אײַלאַנד ערגעץ — גייט־אויף דאָס געוויין פֿון פֿאַרלוירענעם מענטש בײַ אַלע ברעגן פֿון אַלע ימען, אויב ניט וואָלט דאָס ליד מיט זרחין און מיט משה לייבן שוין פֿון לאַנג געווען פֿאַרלוירן אין ווינט. דאָס בילד ווערט פֿאַראַלגעמיינערט, דאָס געוויין לאָזט זיך ניט אײַנשטילן. די אַלעגאָריע ווערט די דויערנדיקע מאָנונג פֿון ליד.

הייסט עס: דאָס ליד מוז מען שפּירן, ניט בלויז הערן; דערפילן, ניט בלויז פאַרשטיין, און דער עיקר — מען מוז עס זען. דער אימאַזש איז די שפּראַך פון ליד. איצט, ווען מיר זײַנען צוגעוווינט צו מער סאָפּיסטי־צירטער דיכטונג, איז אברהם רייזענס „אַ געזינד זאַלבע אַכט" — אַ פּשוט, שיר ניט פּראָסט, שיר ניט פּרימיטיוו ליד. עס דערציילט, דאַכט זיך, אַלצדינג, צופיל, און לאָזט גאָרניט צו דער פאַנטאַזיע. וואָס דער־הייבט דאָס ליד — און אין דעם ליגט רייזענס געוויינטלעכע גבורה — איז די זעיִקייט: אַ בילד — פּשוט, לויטער, באַשײַמפּערלעך, כאָטש מיטן פינגער אָנצורירן. געכאַפּט אַ שטיקל הארצוויי און אים אַרײַנגעפּאַסט אין אַ ציטער־שפּילקע אויף דורות.

איך געדענק ווי מיך האָט, ווי אַ ייִנגל, געמאַטערט דאָס בילד פון לייוויקס שוך־בענדל, וואָס ער האָט פאַרלוירן „אויף די וועגן סיבירער". די שרעקנדיקע ווײַטקייט, די דויערנדיקע ענדלאָזיקייט פון שניי, פון מענטשלעכן גאַנג אויף דער ערד, דאָס פאַרלוירענע שוך־בענדל אין דער סאַמע מיט פון אַ שטח וואָס האָט בטבע קיין מיט ניט. ווען לייוויק האָט געזאָגט „אויף וועגן סיבירער קאָן אימיצער נאָך איצטער געפינען" — האָב איך, אַן אײַנגעבויגענער, אַ פאַרצאַפּלטער, אין דעם אין־סופיקן שניי געפונען די פאַרלוירענע שוואַרצע שנורעוואַדלע.

ווען מען רעדט וועגן בילד, מיינט עס ניט — געזען און פאַרשריבן, בשום אופן ניט. דאָס אינערלעכע, אָדער עמאָציאָנעלע בילד, וואָס דער קינסטלער באַנוצט, באַשטייט פון מי יודע וויפל געזעענע בילדער, וויפל געטראַכטע געדאַנקען, געאַנטע אַנונגען, זכרונות און איבערבלײַבענישן פון זכרונות — פּערזענלעכע, נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע. איין בילד האָט אָפּט מאָל אַ גאַנצע קולטור פון אַ פאָלק הינטער זיך, ווי ווען בער גרין זינגט, רעדנדיק וועגן די נאַצי־רציחות:

„ווי די עלטערן מײַנע בײַ די טײַכן פון בבל..."

דאָס דיכטערישע בילד איז אָפּט דער קאָנצענטראַט, די עסענץ פון אַ שטיק לעבן פאַרשלאָסן אין איין ליניע, אין איין וואָרט.

דאָס בילד, אויב אָרנטלעך און אייגנאַרטיק געצייכנט, ווערט אויך דער דויער־עכאָ פון ליד, וואָס קלינגט־אָפּ איבער צײַט און איבער אָרט.

אָט דאָס דאַרף מען זוכן אין ליד. ניט אַלע מאָל טראָגט עס דאָס ליד אַנטקעגן, מען דאַרף עס פון ליד אַרויסגעפינען. אויב נאָכן פיפטן מאָל לייענען, געפינט מען עס נאָך אַלץ ניט — מעג מען ספקן אין ליד. אָבער ניט פריִער.

בער גרין האָט פריִער פון אַלץ געדאַנק — אָן אים שרײַבט ער ניט.

בער גרינס ליד אָטעמט מיט אַלע מעגלעכע גאַמעס פון עמאָציע, כאָטש טייל מאָל צאַמט ער זי צו פיל און לאָזט זי ניט פרײַ גענוג.

בער גרין האָט זײַן אייגענע מוזיק אין ליד — אַ מאָל רעטאָריש, צו

שטאַרק פֿאַר מײַן אויער, אָפֿטער — חיותדיק פֿאָלקיש, גאָר אָפֿט — נוסחדיק־בענקענדיק, ווי תּיקון ליל־שבֿועות.

בער גרין האָט ביילד — שנעל אויפֿגעכאַפּט, עטלעכע שטריכן, ניט מער. די געלינגענסטע בילדער זײַנען זײַנע מיניאַטורן, אַפֿאָריזמיש, געפֿאַנגענע שנעלע מעדאַליאָנען. זיי געפֿעלן מיר צום בעסטן.

דער עיקר האָט בער גרין דעם באַוווסטזײַן פֿון דעם צווייטן מיין, די אַלעגאָריע, דעם מאי קאָ משמע לן — ער דערגרייכט דעם ציל טייל מאָל מער מיטן געדאַנק ווי מיטן בילד. דאַמאָלט איז מיר אַ שאָד.

מערסטע בער גרינס לידער זײַנען גאַנצע שלימותדיקע לידער, רײַפֿע, געדאַנק־עמאָציע־אימאַזש צונויפֿגעוועבטע לידער.

ד.

אַוודאי איז דאָס דיכטן אַ יחידישער פּראָצעס, אָפֿט אַן איינזאַמער, אַ ציטעריק־אַליינער. אָבער די פֿעדעם, וואָס דער דיכטער ברענגט מיט זיך אין דער פֿאַרבאָרגנסטער אַליינקייט זײַנען כּללישע פֿעדעם. זיי ציִען זיך צום דרויסן, צום מענטש, צו דער וועלט. אַפֿילו ווען ס׳זײַנען חושך־פֿעדעם איז ליכטיק מיט זיי. אין דעם ליד רײַסן זיך אַרײַן, גייען מיט, גייען אויף און פֿאַרגייען זיך אייביקע קלאַנגען, אָפּקלאַנגען און ווידערקלאַנגען פֿון מענטשן, פֿון דורות — איצטיקע און פֿריִערדיקע, פֿון משוררים — נעכטיקע, הײַנטיקע, אַפֿילו מאָרגנדיקע. עס איז ניטאָ קיין דיכטונג, וואָס האָט ניט אירע פֿעדעם, אירע וואָרצלען אין מענטש.

בער גרין איז אַ געזעלשאַפֿטלעך אײַנגעפֿעדעמטער דיכטער. די אַלטע יידישע אָנזאָגן: מנין באת — פֿון וואַנען קומסטו? און לפֿני מי אתּה עומד — פֿאַר וועמען שטייסטו? זײַנען די וועגווײַזערס און דאָס געוויסן פֿון זײַן ליד.

ער פֿעדעמט זיך אײַן, וויקלט זיך אײַן אין דער גרויס־פֿאָלקישער טראַדיציע פֿון דער יידישער דיכטונג. ער היט געטרײַ און באַוווסטזיניק אָט די טראַדיציע און געפֿינט אין איר אָנהאַלט און זין. ער טראָגט אונדז אַנטקעגן זײַן יחוס־בריוו:

ניין, איך בין נישט אַליין:
איך טראָג אין מײַן געביין
דעם זיידנס פּירות, דעם טאַטנס צוויט
און דעם מאָרגנס ליד.

ישעיהס זעאונג און דבֿורהס געזאַנג
באַגלייטן מיך אויף מײַן לעבנס־גאַנג,
און וואָלט מאַן און באַוושאָווער שפּאַנען מיט זיי מיט.

די ערשטע, און אפֿשר די איינציקע, טעמע פֿון זײַן ליד איז דער

מענטש. ער, דער מענטש, וואָס בער גרין דערקלערט אים ווי דאָס אויי־בערשטע פֿון לעבן, קומט בײַ אים כּסדר אַרויס בכּי טובֿ, אַ געדעכט־פֿאַרטיקטער. זײַן גאַנצע דיכטונג — איין גרויסער מזמור שיר ל׳מענטש. און קעגן דער טבֿע זײַנען אים, גרינען, די דיכטער, וואָס „נאָר טויב בלײַבט איר צום געוויין פֿון מענטשן אויף דער ערד / — דעם צער פֿון מענטש ניט איר באַנעמט, ניט איר הערט".

ווי כּמעט אַלע שרײַבערס פֿון דער געזעלשאַפֿטלעך־אָריענטירטער ייִדישער ליטעראַטור איז פֿאַראַן אַ פּײַנלעכער, כּמעט קאָמפּולסיווער פֿאַר־לאַנג (און נויטווענדיקייט) זיך צו אידענטיפֿיצירן מיטן לייענער. רעדן צו אים פֿער דו און זיך מיט אים מתיחד זײַן אויף עולמות. שלום־עליכם אַזוי, רייזען אַזוי, י. ל. פּרץ אַזוי. עס דערגייט צו מאָל ביז אַליין־פֿאַרליי־קענונג ווי בײַ עדעלשטאַט, ביז פֿולשטענדיקער צונויפֿפֿליסונג ווי בײַ באָווּשאָווער: „די פֿידל בין איך, די סטרונעס זײַט איר". ס׳איז דער אַמאָ־ליקער באַגריף פֿון נבֿיא, וואָס האָט זיך געזען ווי בלויז אַן אינסטרומענט פֿון גאָט, אין אַ נײַעם אידיאָם. ניטאָ קיין אָנשטעל אָדער חניפֿה אין באָווּשאָווערס זאָג: „נאָר איר קאָנט דעם קלאַנג ערוועקן אין מיר". בלויז אין דעם צונויפֿוועב מיטן מענטש קאָן זיך דער דיכטער געפֿינען.

אָט דער שטריך איז וויטיקדיק שאַרף בײַ בער גרינען:

פֿון מענטש צו מענטש עס פֿירט מײַן וועג —
כ׳וועל שפּורלאָז פֿון דער ערד נישט אַוועק.
עס איז אײַער דער פֿאַרמעג
פֿון מײַנע לעבנס־טעג.

אין יעדן וווּנדער פֿון מײַן ליד
זע איך צייכנס פֿון אײַערע טריט,
אײַער ווי אין מײַנעם האָב איך אַנטפּלעקט —
כ׳ווייס: לעבן מײַנס וועט נישט זײַן פֿאַרמעקט.

אָט די וויטיקלעך־התלהבֿותדיקע קאָמפּולסיווקייט זיך אויפֿצולייזן אין מענטש, אין דער וועלט, גייט דורך ווי אַן עיקר־מאָטיוו דורך אומצאָליקע לידער בער גרינס — ווי קיין אַנדער זין און קיין אַנדער מענטשלעכע אַליין־אַנטפּלעקונג איז ניטאָ. דער מענטש איז דער עיקר, ער פֿלייצט דורך אַלץ און אַלעמען. דער פּאַן־הומאַניזם איז די נשמה פֿון בער גרינס ליד:

זע דעם שפּאַן פֿון מײַן פֿערד —
פֿון מײַן האַרץ צום האַרץ פֿון אוניווערס.

דרינג אַרײַן
אין דער בענקשאַפֿט פֿון מײַנע לידער

צו ווערן איינס
מיט מײַנע שוועסטער, מיט מײַנע ברידער.

פֿון דער זעלבער צעלויכטענער פֿאַרליבטקייט אין מענטש קוואַלט אויף דער פֿאַרלאַנג אים בײַצושטיין, זיך שטעלן קעגן יעדער עוולה, וואָס ווערט אים באַגאַנגען. צוליב דעם זײַנען „די ראָזענבערגס", „מאַרטאַן סאַ־בעל", „יידן אין איראָפּע", „ווילי מעקגי", „דער נעגער אין אַמעריקע", „דער דערהרגעטער פּלימעניק פֿרעד", „דער דזשעניטאָר דאָמיניק" — ניט קיין סתם טעמעס פֿאַר לידער בײַ גרינען, נאָר ווידעראָמאַליקע אַפֿירמאַציעס, אַז מען מוז זיך אײַנשטעלן פֿאַרן מענטש, אים אַרומנעמען און שרײַען גוואַלד פֿון זײַנעטוועגן. בער גרינס לידער זײַנען אָפֿט דאָס וואָס פּעטער ווײַס וואָלט אָנגערופֿן קאָנפֿראָנטאַציע־לידער, לידער וואָס שטעלן אַוועק דעם לייענער פּנים־אל־פּנים מיטן רישעות פֿון דער וועלט און לאָזן אים ניט רוען ביז וואַנען ער נעמט אַ שטעלונג, אָדער קלאָרט כאָטש אויס פֿאַר זיך, אַז ער דאַרף נעמען אַ שטעלונג, ווען ניט ווערט ער אַ שותּף צום רישעות. פֿאַרוואָס זשע זוכט ער אַזוי שטאַרק, בער גרין, זיך צונויפֿצוּוועבן מיטן פֿאָלק? מחמת בלויז דאָס פֿאָלק איז דער קוואַל פֿון שיינקייט, פֿון ליבע, יאָ, פֿון פּײַן.

אַ רויטע, בלוט־רויטע רויז,
איז דאָס האַרץ פֿון פֿאָלק.

אַ קוואַל, אייביק שטראָמיקער ליבע־קוואַל
איז דאָס האַרץ פֿון פֿאָלק.

אַ רויטע, טיפֿע, טריפֿנדיקע וווּנד
איז דאָס האַרץ פֿון פֿאָלק.

אין דעם ליד איז שוין אָנגעטייט אַ געדאַנק, וואָס קוואַלט־אַרויס אין אַ סך פֿון גרינס לידער — די עסטעטיק פֿון מאָראַלישקייט:

שיינקייט איז דער שטייניקער, שטויביקער שטעג
צו מיר, צו דיר, צום מענטש, צום מאָרגן, צום אמת;
ס'איז דער רוף: „דײַנס איז דאָס לעבן —
נישט פֿאַרשעם עס!"

און ווײַטער אין זעלבן ליד:

ס'איז דער מענטש אין בויען בײַ ווערקשטאַטן
און מאַשינען,
ס'איז דער מענטש, וואָס בלוטיקט אין געראַנגל
פֿאַרן אמת.

און ווײַטער:

> שײנקייט — דער, וואָס אויך אין תּפֿיסה און
> אין וווּנדן
> זינגט ער צו דער וועלט זײַן פֿרײַהייט־ליד.

דער באַגריף שטעלט אָן דעם טאָן, וואָס קלינגט אָפּ אַזוי אָפֿט בײַ גרינען — דער מענטש און די נאַטור, דער מענטש און דאָס קאָסמישע.

„די גראָזן שלאָפֿן / מײַן האַרץ איז אָפֿן / צו די דריזן / פֿון די גראָזן“. אָט דער פֿאַרלאַנג צו ווערן דאָס האַרץ פֿון קאָסמאָס ווערט לײַטמאָטיוועריש אין זײַן שאַפֿן. בער גרין איז פֿײַנלעך פֿאַרליבט אין דער נאַטור. ער האָט זי זעלטן שטיל ליב, נאָר עפּעס אַרט אים, עפּעס שטערט אים זיך מתיחד זײַן מיט איר. עס דערמאָנט זייער שטאַרק ווי דער יונגער באָוושאָווער בעט זיך בײַ דער נאַטור: „אָ, לאָז מיך נאַטור, מײַן געליבטע, מײַן זיסע / באַדעק, אָ, דײַן הימלישע ברוסט“. ער האָט מורא, באָוושאָווער, די נאַטור זאָל ניט אָפּטעמפּן אין אים דעם חוש פֿאַר דעם מענטש און פֿאַר זײַן קאַמף. גרין זעט עס אָן אַ שיר דערוואַקסענער, אָן אַ שיר רײַפֿער, אַ בולטער סימן ווי אונדזער סאָציאַלע דיכטונג איז דורך דער צײַט אויסגעוואַקסן. ער איז פֿאַרליבט אין דער נאַטור: „ווידער שטיי איך פֿאַר דיר פֿאַרגאַפֿט, אָ, נאַטור...“. אָבער דאָ איז שוין ניטאָ די מורא, אַז די ליבע צו דער נאַטור קאָן אָפּפֿרעמדן דעם חוש פֿאַרן מענטש, אָדער ווערן אַ פּאַליאַטיוו פֿאַר זײַנע לײַדן: „ווידער באַהעפֿט איך זיך מיט דיר און דערשפּיר / איך מענטש בין אַ טייל פֿון דיר“. און עס קומט די שאַרפֿע דערקענטעניש, די פֿאַרטיפֿטע פֿאַרשטענדעניש, וואָס דער יונגער באָוושאָווער — סײַ צוליב זײַן יונגשאַפֿט און סײַ צוליב דער צײַט, כאָטש ער האָט פֿאַרמאָגט אַזאַ מין זעלטענע אינטואיטיווע שפּירונג — האָט ניט געקענט פֿאַרשטיין: די נאַטור, איר וווּנדער, איר שײנקייט ווערט נאָר דעמאָלט וווּנדערלעכער און שענער, ווען דער מענטש לײַטערט זי דורך דורך זײַן פּריזם, דורך זײַן סענסיטיווער נשמה. זי איז באמת ניט צום אָפּטיילן פֿון מענטשלעכן געראַנגל פֿאַר השלמה. אין איינעם פֿון די פֿילבאַרסטע לידער אין בוך, „שיין זײַנען די ביימער“, זינגט בער גרין אַזוי:

> שיין זײַנען די ביימער אויך אָן מיר —
> דורך מײַנע אויגן
> טויזנט מאָל נאָך שענער.
>
> זיס איז די מוזיק פֿון דעם זעפֿיר —
> דורך מײַנע אויערן,
> דורך מײַן פֿינגער־באַריר,
> דורך מיר,
> זיסער נאָך פֿון די שענסטע טענער.

אָבער דער עיקר פֿון אַלע עיקרים איז נאָך אַלץ דער מענטש. און ענטפֿערנדיק אויף אַ זאָג פֿון זעליג קאַלמאַנאָוויטשן אין דעם ווילנער געטאָ, וואָס סוצקעווער האָט ציטירט, אַז דער עיקר איז געווען לעבעדיק צו האַלטן די ספֿרים, מחמת „ווען אַ זעלטענער ספֿר ווערט פֿאַרלאָרן, איז עס אויף אייביק", זאָגט בער גרין:

נאָט אײַך הונדערט ספֿרים
פֿאַר איין לעבעדיקן ייִדן.
אָן ייִדן — וואָס טויגן ספֿרים.
אַ ייִד איז הייליקער פֿון ספֿרים,
אַ מענטש איז אייביקער פֿון ספֿרים.

ב. גרין, פּונקט ווי ער איז טיף־מענטשלעך, אַקוראַט אַזוי איז ער טיף־ייִדיש. און טיף־ייִדיש מיינט זיך אײַנגעורעצן אין פֿאָלק, שפּירן ווי עס רינט אין דײַנע דיכטערישע אָדערן דער קרעכץ און דאָס געזאַנג פֿון די דורות, זיך צונויפֿוועבן מיט דעם פֿאָלקסווייי און צונויפֿשרײַען זיך מיט זײַן גוואַלד. אין 1942, שרײַבט גרין דאָס ליד פֿון נקמה. תשעה באָב, 1942, שרײַבט ער עס און ער זאָגט, אַזוי־צו־זאָגן:

ווי אור־עלטערן מײַנע בײַ די טײַכן פֿון בבֿל,
זיץ איך און וויין ווי אַן אָבֿל.

און ווײַטער:

אַ, איר פֿינצטערע מעת־לעתן,
איך וועל אײַך קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן.

פֿאַרפּײַניקטע טאַטעס און מאַמעס,
געשענדטע זין און טעכטער,
זויגלינגען געקוילעטע, הייליקע קינדער,
ביינער און אַש, ביינער אין פֿלאַמען,
לעבנס פֿון פֿייער געגעסן.

קדיש זאָגט ער, קלאָגן קלאָגט ער, ווי דורות עלטער־זיידעס האָבן מקונן געווען די הרוגי־טולטשין, די הרוגי־נעמעראָוו, נאָך ת״ח ות״ט.

ניט אַלץ איז גלאַט אויפֿן וועג צו דיכטערישער גאַנצקייט. בער גרין איז „בטבֿע" אַן אידייען־דיכטער, אַן אינטעלעקטועלער דיכטער. איז עס גוט. טוט מען אָן אויף אים אַ באַנדעראָל „אינטעלעקטועלער דיכטער" און פֿאַרטיק. איז עס אָבער ווייט ניט אַזוי. אין סאַמע תוך איז גרין אַ לירישער פּאָעט, גייט בײַ אים אָן אַ כּסדרדיקער געראַנגל צווישן דעם דעקלאַראַטיוון און דעם לירישן, דעם דיך־סענסיטיוון.

ה.

איך האָב ליב דעם געראַנגל אין גרינען און שטילערהייט מונטער איך, טייל מאָל העץ איך אונטער, דאָס לירישע, דאָס סענסיטיווע. איך פריי זיך ווען עס זיגט, מחמת פון דעם קאַמף קומט אַרויס אַ בעסער ליד. עס פאַרדריסט מיך אָפּט ווען דאָס דעקלאַראַטיווע, די „שטאַרקע פּראָזע", איז מנצח. איך בעט זיך, אין האַרצן, בײַ בער גרינען: „לא בזעם ה'". ווען בײַ גרינען כאַפּט זיך אַרויס „ווערטער, ווי פלאַמיקע פאָנען צעבערע־נען דעם שקר" — אַרט עס מיך, איך בענק נאָך דעם פשוטערן, שטי־לערן ליד. ווען בער גרין לאָזט דעם מײַנער אין זײַן לעצטן בריוו שרײַבן, אַז ער איז „אַ קרבן פון מאָרד" — אַרט עס מיך ווידער. איך זוך דאָס פשוטע, אײַנגעהאַלטענע בילד וואָס איז מער ווירקנדיק ווי די „שטאַרקע" פּראָזע, אין ליד — אויך מער אמתדיק.

איך האָב ליבער בער גרינען פון דעם שטילן ליד, אפילו פון קלע־נערן ליד. איך באַמערק, קוקנדיק אויף די דאַטעס פון די לידער, אַז דאָס לירישע נעמט די איבערהאַנט די לעצטע יאָרן און עס איז גוט אַזוי. דאָס קליינע ליד, מעגלעך צוליבן צימצום טאָקע, אַנטפּלעקט זיך שנע־לער, גאַנצער, ריינער, עכטער, ווי אַ סאַזשלקע אין די בערג. דאָס בילד טראָגט דעם געדאַנק, דער צימצום פאַררונדלט אים, מאַכט אים גאַנצער, ווירקזאַמער, באַגלויביקער. פון גאַנצן האַרצן ווינטש איך בער גרינען, אַז ער זאָל לאָזן דאָס ווייכע, דאָס לירישע אין אים זיך ברייטער צעפּליסן און באַוואָסערן זײַן דיכטונג. מען טאָר עס ניט צוריקהאַלטן.

אָט וואָס בער גרין קאָן טאָן מיט אַ שטימונג. ער סיליעט אָן דרײַ גאַנצע, זיך דערגאַנצנדיקע בילדער, קיין איין וואָרט איז ניט איבעריק, קיין איין וואָרט אויסער אָרט. דאָס בילד איז גאַנץ, דאָס ליד איז גאַנץ:

איינזאַם
ווי אַ קליינער קוימען
אויף אַ גרויסן
דאַך.

איינזאַם
ווי אַ ייִד
אין אַ פרעמדן לאַנד
און אַ שפּראַך.

עלנט
ווי אַ וואָגלער
וואָס שפּאַרט אָן זיין קאָפּ
אויף פרעמדע שוועלן.

בער גרין — דער קריטיקער

א.

אין בער גרינס אַרבעט ווי אַ קריטיקער שלאָגט דער אָדער פֿון המשך. ער באַוועגט זיך כסדר אין די דימענסיעס פֿון נעכטן, היינט און מאָרגן. און ס'איז אַ מאווימדיקע משאַ אָט די דרייגאָרנדיקע דימענסיע.

בער גרינס נײַ בוך (צוזאַמען מיטן פֿריִערדיקן עסייען־בוך) נעמט אַרום די גאַנצע ייִדישע ליטעראַטור. ער הייבט אָן מיט די וואָס ער רופֿט „ערבֿ קלאַסיק" — מיט מענדל סאַטאַנאָווער, אָדער מענדל לעפֿין, גייט דורך די קלאַסיקער, פֿאַרפֿעלט ניט די סובּ־קלאַסיקער ווי י. י. לינעצקי, מרדכי ספּעקטאָר, יעקבֿ דינעזאָן, יהודה שטיינבערג, אַבֿרהם גאָלדפֿאַדען א. א. וו., א. א. וו., די פּראָלעטאַרישע קלאַסיקער, נאָך דעם דעם צווייטן דור (רייזען, בערגעלסאָן, אַש), נאָך דעם די „יונגע" אין אַמעריקע, ווײַטער: דער איצטיקער דור — די גרעסערע און די קלענערע פֿון דער ליטעראַטור.

עס באַקומט זיך אַ פּאַנאָראַמע, אַ קיבוץ פֿון אַ 75 ייִדישע וואָרט־שאַפֿערס.

און עס איז דורכויס ריכטיק אַזוי: כּדי פֿאַרזיכערן אַ צוקונפֿט איז נייטיק אַרויסהייבן און באַשטעטיקן דעם היינט און דעם נעכטן פֿון דער ליטעראַטור. עס איז נייטיק אונטערצושטרייכן דעם דויער און דעם המשך פֿון דער ליטעראַטור, כּדי פֿאָדערן פֿאַר איר קיום־רעכט.

בער גרין באַווײַזט, אַז די ליטעראַטור וואָס ער פֿלעגט און היט אָפּ, פֿון וועלכער ער אַליין איז אַ חשובֿער גליד, ווינקט זיך איבער און וואַקסט אַרויס פֿון דורות ליטעראַרישע טראַדיציעס. און דאָס אַליין איז, ווען אונטערגעקאָוועט מיט ממשותדיקע באַווײַזן, פּערזענלעכקייטן און זייערע שאַפֿונגען, ניט נאָר אַ רעגיסטער, נאָר אַ היסטאָרישע מאָנונג און אויפֿפֿאָדערונג: אָט וואָס מיר פֿאַרמאָגן, אָט וואָס מען טאָר ניט פֿאַרלירן, אָט וואָס מען מוז ממשיך זײַן.

איינער פֿון בער גרינס הויפּט שטריכן אין זײַן דיכטונג ווי אין דער עסייאיסטיק, איז דאָס גריבלען זיך אין פֿאָלק־יחוס, דאָס אַרויס־געפֿינען פֿעדעם פֿון דויער, וואָס ציִען זיך, געשטאַלטן זיך איבער אין יעדן פּעריאָד און לעבן ווידער אויף.

דאָס טאָר מען ניט מינדערשאַצן, מחמת ס'האָט אונדז גענומען אַ האַלבער דור צײַט אַרויסצוקריכן פֿון דער קינדער־חולאת פֿון פֿאַר־לייקענען דעם עבֿר און ניט דערזען, אַז המשך־פֿעדעם זײַנען די קאַנאַטן

וואָס האַלטן אויף די בריק, איבער וועלכער אַ פֿאָלק מוז דורכגיין אויף זײַן וועג פֿון דור צו דור.

און עס איז אַ גרויסער ענין אַט דאָס צוזען וויִטער, שפּינען און אָפּהיטן פֿעדעם. בער גרין איז מער ווי אַן אינפֿאָרמאַציע־אויסטיילער, כאָטש אינפֿאָרמאַציע איז זייער וויכטיק. ער איז אַפֿילו מער ווי אַן אויסטײַטשער, כאָטש אויסטײַטשערײַ איז, אין אַ באַשטימטער מאָס, די אויפֿגאַבע פֿון דער קריטיק.

ער איז אַן אָפּהיטער, אַן אויפֿמאַנער, אַן אויגהאַלטער, אַן אייפֿערי־קער שומר. ער האָט אַזוי מורא, אַז פֿעדעם זאָלן ניט פֿאַרגעסן ווערן, אַז ער שלעפּט אויף זיך אַרויף די אחריות אָפּצוהיטן ווערטן און פֿער־זענלעכקייטן און זיי אָפּרייניקן פֿון שטויב פֿון דער צײַט.

אויף זײַט 184, רעדנדיק וועגן דעם זייער ווייניק באַקאַנטן ס. לאַפּוכאָוו־קאַרמען, זאָגט בער גרין: „יעדע געלעגנהייט מוז אויסגענוצט ווערן אויפֿצוהאַלטן בײַם לעבן, דערמאָנען די נעמען פֿון אונדזערע פֿאַר־שטאָרבענע ייִדישע שרײַבער, וועמען די מערדערלעכע צײַט זוכט צו פֿאַרמישפּטן צו פֿאַרגעסנקייט".

און איזן איז עס ניט סתּם אַ פּראָצעס פֿון אַרומגיין מיט אַ היס־טאָרישן פֿלעדערוויש, און אָפּשטויבן מצבֿות, נאָר אַרויסגעפֿינען אין די, וועגן וועמען ער שרײַבט, פֿעדעם לעבעדיקע, שטריכן צאַפּלדיקע, גע־דאַנקען אָטעמדיקע, אָדער אימאַזשן וואָס זײַנען גוט פֿאַרן אויג און פֿאַרן גומען — ניט בלויז ווי אַ ליטעראַרישע ירושה, נאָר ווי אַ געוועב פֿון המשך, ווי אַן אָנזאָג פֿאַר וועלכן מיר זײַנען אַלע ביז הײַנט פֿאַר־אַנטוואָרטלעך, אַן וועלכן אונדזער ליטעראַטור וואָלט ניט געווען דאָס וואָס זי איז. [און ירושה־פֿעדעם קאָנען צו מאָל קומען פֿון קלענסטן, אַקוראַט ווי פֿון גרעסטן.]

ב.

וואָס־זשע זײַנען די שטריכן פֿון בער גרינס מעטאָד אין ליטע־ראַטור־קריטיק (און דאָס איז חל, אין אַ באַשטימטער מאָס, אויף זײַן גאַנצער זשורנאַליסטיק)?

א) אַרנטלעכע, פֿאַרזיכטיק־קאָנטראָלירטע אינפֿאָרמאַציע, עקזאַקטע פֿאַקטן און נייטיקע ידיעות, וואָס דער לייענער דאַרף וויסן. און דאָס איז ניט קיין קלייניקייט, ווען מען נעמט אין באַטראַכט דעם שלאַבער (און אָפֿט עם־הארצות) מיט וואָס פּשוטע פֿאַקטן ווערן אָפֿט צוגע־טראָגן צום לייענער.

ב) דידאַקטיק. ער איז דורכויס און אַלע מאָל דער לערער, דער אײַנקנעלער, דער וואָס וויל — נייִן, ער מוז, עס איז אַ קאָמפּולסיווער שטריך — זיך טיילן מיט זײַן וויסן.

ג) דער דריטער שטריך איז — און אויך דאָס איז, לויט אים, זייער

וויכטיק — ניטאָ קיין ליטעראַטור לשמה, פאַר זיך אַליין, לשם ליטעראַטור. ליטעראַטור האָט בלויז דעמאָלט אַ ממשות, ווען זי דינט, ווען זי העלפט דעם מענטשן, ווען זי האָט אין זיך דעם סאָציאַלן אָדער דעם נאַציאָנאַלן עלעמענט (אָדער, נאָך בעסער: ביידע עלעמענטן), וואָס העלפט דעם מענטש פאַרשטיין דעם אַרום און פירט אים ווײַטער. דאָס איז טראַדיציע, אייגנטלעך די גרויס־טראַדיציע פון אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור, פון מענדעלען און ווינטשעווסקין אָן, פון פרצן און רייזענען אָן (און פון פריער נאָך, אַ סך פריער נאָך).

די ליטעראַטור מוז, ווי זי האָט עס בײַ אונדז געטאָן, וואָרצלען אין די סאַמע טיפענישן פון פאָלק. „אויב דו ווילסט וויסן פון וואַנען איך האָב געירשנט מײַן ליד" — זאָגט אונדז חיים נחמן ביאַליק — און פירט אונדז צוריק צו דעם „אוי", צו דעם קרעכץ פון דער פאַרצערטער מאַמען זײַנער, בעת זי איז אויפגעשטאַנען באַקן דאָס אָרעמע ברויט פאַר דער משפחה אין גרויען פאַרטאָג. און מענדעלע זאָגט אַזוי און שלום עליכם טענהט, אַז דאָס פאָלק דאַרף „ברויט און ניט קיין זײַדן גאַרטעלע". ניט בלויז דער אָנהייב פון אונדזער ליטעראַטור איז געווען אַזאַ, אין 19טן יאָרהונדערט, נאָר אונדזער גאַנצע ליטעראַטור האָט פאַרהיט, אין גאַנצן און גרויסן גענומען, אָט דעם שטריך — אָפּאַטאָשו אַזוי און מאַרקיש אַזוי, און רייזען אַזוי און לייוויק אַזוי.

אָבער, גיבן מיר צו, כּדי ליטעראַטור זאָל באמת דינען, מוז זי פריער פון אַלעם זײַן ליטעראַטור. פאַרהיטן איר אייגענעם כּישוף — געדאַנק אַליין איז נאָך ניט גענוג און גוטע כּוונה אַליין איז ניט גענוג און די גרעסטע סאָציאַלע אָדער נאַציאָנאַלע אידייע איז נאָך ניט ליטעראַטור.

ג.

ליטעראַטור, זאָגט בער גרין, איז המשך, מער נאָך — ליטעראַטור איז בעצם גרויסער יחוס. און ער נעמט אויף זיך דעם יחוס צוריקצושטעלן.

דאָס אָפּזוכן דעם יחוס אין דער יידישער ליטעראַטור איז ניט קיין פּשוטער אויספלוג אין דער פאַרגאַנגענהייט. אַ סך מער ווי וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג שטייט אין קאָן. אונדזער טוליען זיך צו די אָבות פון דער מאָדערנער ליטעראַטור איז ניט אַזוי אַן אויספאָרש אין דעם עבר ווי אין דעם מאָרגן. עס גייט ניט אַזוי אין זכות אבות ווי אין זכות בנים. פאַראַן אַ שטראָם אין דער יידישער ליטעראַטור וואָס איז איר עיקרדיקער דערקען־צייכן — דער שטראָם פון אהבת־המענטש. אַן

דעם שטראָם האָט אונדזער ליטעראַטור ניט קיין זכות־הקיום.* דער אורקוואַל פֿון דעם שטראָם זײַנען די קלאַסיקער אויף ביידע זײַטן ים, בעיקר די אייראָפּעיִשע קלאַסיקער, מחמת זייער פֿאַרנעם און זייער דויער איז אָן אַן ערך גרעסער. אין פֿאַרשיידענע צײַטן האָט מען גע־פּרוּווט אָפּווענדן די ליטעראַטור פֿון דעם שטראָם און עס איז דעריבער נייטיק געווען — עס איז נאָך אפֿילו איצט נייטיק — אַרויסצוהייבן די אבֿות און זיי פֿאַרטיידיקן.

די אויפֿגאַבע פֿירט בער גרין דורך מיט אַ סך היסטאָרישער אחריות און אַ סך ערודיציע. פֿערציק פֿון די 416 זײַטן פֿון בוך גיט ער אָפּ צו די קלאַסיקער און ס'איז אינטערעסאַנט וואָס גרין געפֿינט אַרויס בײַ זיי, ווײַל דאָס שטעלט אייגנטלעך מיט זיך פֿאָר זײַן אייגענע אָנשוי־אונג.

בײַ מענדעלען געפֿינט בער גרין דעם זיידנס באַרימטן זאָג: „אַ ליטעראַטור וואָס האָט קיין שײַכות ניט צום פֿאָלק און צו זײַנע נויטן... קאָן ניט זײַן קיין ווירקנדיקער פֿאַקטאָר...” און — „איך האָב געוואָלט מיטן גאַנצן האַרצן, אַז די שרײַבער און דיכטער זאָלן ניט קלעטערן אין די הימלען מיט פּוסטע פֿאַנטאַזיעס... נאָר זאָלן זיך אַרונטערלאָזן אויף דער ערד, זיך צוקוקן צום לעבן פֿון פֿאָלק”.

און גרין דערמאָנט אונדז, אַז פּרץ האָט אָנגעזאָגט: „מיר ווילן די אַלגעמיין מענטשלעכע פֿאָן ניט אַרויסלאָזן פֿון דער האַנט און ניט זייען קיין שאָוויניסטיש ווילדקרויט”.

און בער גרין לאָזט אונדז ניט פֿאַרגעסן, רעדנדיק וועגן שלום עליכמען: „ליטעראַטור, האָט ער געהאַלטן און אויפֿגעקלערט אַנדערע, דאַרף דערהייבן, דערציִען, קרעפֿטיקן דאָס פֿאָלק. ניט נאָר דאַרף דער אמתער שרײַבער זײַן פֿאַרבונדן מיט דער פֿאָלקמאַסע, נאָר עס דאַרף אים אַרן, עס דאַרף אים אָנגיין, עס דאַרף אים טיף און שטאַרק נוגע זײַן אַלץ וואָס דאָס פֿאָלק לעבט איבער”. און ברענגענדיק אַ ציטאַטע פֿון שלום עליכמען, שטרײַכט בער גרין אונטער: „באַמערקט, זײַט אַזוי גוט, די צוויי פֿראַזן [דאָס הייסט בײַ שלום עליכמען] ׳צוגעניגלעך פֿאַרן פֿאָלק׳ און ׳דאָס בעסטע׳, צוויי וויכטיקע פֿאָדערונגען”. און ער ענדיקט דעם

---

* און אהבֿת־המענטש איז ניט סתם קיין זאָג, מחמת מיר לעבן אין דורות, וואָס האָבן געלייקנט אין מענטש, וואָס האָבן לויז געלאָזט דעם אַנטי־מענטש, וואָס האָבן אָנגעפֿילט די ליטעראַטור מיט די אַזוי גערופֿענע אַנטי־העלדן, און — מיט גראָ־טעסקע, פּנימלאָזע, אַליענירטע ברוכוואַרג־מענטשן.

ניין, עס איז ניט גרינג געווען פֿאַר מענדעלען צו שילדערן בנימין השלישי און אים ליב צו האָבן, אָדער פּרצן — באָנטשע, אָדער שלום־עליכמען — מנחם־מענדלען, אָבער: זיי איז בײַגעשטאַנען די טיפֿע, אָנסופֿיקע אהבֿת־המענטש, וואָס האָט זיי דורכגענומען.

אַרטיקל וועגן שלום עליכמען: „לאָמיר לערנען פֿון זײַן באַציאונג צו ליטעראַטור".

און דאָס לערנען פֿון שלום-עליכמס באַציאונג צו ליטעראַטור איז געווען אַן עיקר אין אונדזער ליטעראַטור, מחמת מען טאָר ניט סימפּלי־פֿיצירן דעם גערעאַנגל צו האַלטן די ליטעראַטור אויפֿן רעלס פֿון אהבת־המענטש און דאָס אײַנשטעלן זיך פֿאַר אים. ווי וואָלט אונדזער פֿאָלק געווען די לעצטע הונדערט יאָר אָן דעם זעלטענעם גײַסטיקן דערציִעריִשן כּוח פֿון אונדזער פֿאָלק־ליטעראַטור, וואָס איז אונדז בײַגעשטאַנען — אַפֿילו אין די חושך־און בראָך־יאָרן פֿון נאַציזם.

ד.

און נאָך אַ שטריך פֿאַרמאָגט ער.

בער גרין איז אַ מענטש פֿון גוואַלדיק ברייטע ידיעות. און אויך דאָס איז אַ זעלטענע מידה. כּדי לערנען יענעם, דאַרף מען אַליין וויסן און וויסן אין דער טיף. גרינס אַ צײַטונג־אַרטיקל שלאָגט אַרויס פֿון אַ טיפֿן ברונעם וויסן, צוליב דעם איז יעדע קוואַרט וואַסער וואָס ער שעפּט אָן און דערלאַנגט דעם לייענער אַזוי קלאָר, אַזוי ריין און אַזוי באַטעמט. און אײַנגעוווּרעט איז ער בעיקר אין ביידע קולטורן אונדזערע — אין דער ייִדישער און אין דער העברעיִשער. און, נאָך אַ מאָל, אויך דאָס איז וויכטיק, מחמת קולטור איז המשך און מען מוז זי שעפּן פֿון אַלע קוואַלן פֿון אונדזער טויזנטער יאָריקער שאַפֿונג. דער שרײַבער מוז אין ליד ווי אין אַרטיקל, זיך אָנשפּאַרן אויף היסטאָרישע זכרונות, אויף געשיכטלעכע אַלוזיעס, אָנווונקן, אָנטײַטן.

בער גרין איז דער קריטיקער וואָס זוכט דער עיקר דאָס געזעל־שאַפֿטלעכע, דעם מענטש אין דער ליטעראַטור, דער קריטיקער וואָס זוכט די טראַדיציע אין דער ליטעראַטור, דער קריטיקער וואָס זוכט דעם המשך אין דער ליטעראַטור, די שײַכות פֿון שרײַבער צו זײַן צײַט.

פֿאַראַן אָבער נאָך איין שטריך וואָס איז קערנדיק אין אים. בער גרין איז אַ קריטיקער, וואָס האָט אַ טיפֿע ליבשאַפֿט צום שאַפֿער. ער פֿאַרגייט זיך פּשוט פֿון ליבשאַפֿט, אַ קריטיקער וועמען עס אַרט דאָס געשאַפֿענע און עס גייט אים אין לעבן, אין לעבן פּשוט, אַז סײַ דעם שאַפֿער און סײַ דאָס געשאַפֿענע זאָל געראָטן. איך האָב טייל מאָל דאָס געפֿיל, אַז גרין איז אפֿשר ביט הארב גענוג, אַז ער ווענדט ניט אָן גענוג די מידת־הדין, די מאָס פֿון געזעץ. אָבער וואָס זאָל ער טאָן, אַז די מידת־הרחמים איז אים פֿאַרט נעענטער. (צי דאָס איז אין גאַנצן לטובֿת דעם קריטיקירטן בין איך בפֿירוש נישט זיכער. צי דער קריטי־קירטער לערנט פֿון דעם, בין איך אויך מסופּק).

ער איז דעריבער דער קריטיקער, דער בעל־רחמים, דער מזג־טובֿ. נאָך אַ מאָל: עס נעמט זיך פֿון דער אינערלעכער באַציאונג צו יעדן שרײַבער. איך שפּיר אַ מאָל, אַז ער קאָן זיך ניט אָפּוווּנדערן פֿון

די וועמען ער שאַצט. בער גרין שפּילט זיך מיט אַדיעקטיוון ווי אַ קינד מיט אַ בײַטשל קרעלן. ווען מען קוקט זיך צו צו זיי, זעען דאָס ס'רוב אַדיעקטיוון וואָס ליגן אויף דער שאָל פון דער וואָג, ווי מען לייגט דאָס גוטע, אויף דער שאָל וואָס איז דן לכף זכות דעם מענטשן.

שרײַבנדיק וועגן יהודה שטיינבערגן, ניצט בער גרין אויף איין בלעטל די אַדיעקטיוון: ווונדערלעכער, איידעלער, שעפערישער, טאַלאַנט־פולער, רײַכער, סענסיטיווער גײַסט, נאָבעלע נשמה, האַרץ פול מיט רחמים און מיטלייד, אַ נשמה פול מיט נגינה א. א. וו.

אין דעם איז פאַראַן מער ווי דאָס לויבן שטיינבערגן. ניט נאָר האָט ער אַליין ליב שטיינבערגן, נאָר עס גייט אים אין לעבן, אַז אויך דער לייענער זאָל אים פאַרשטיין און ליב קריגן און האָבן שׂכל גענוג אים אָפּצושאַצן.

ער איז דער אייביקער לערנער און לערער, בער גרין. אָבער אַ לערער מיט האַרץ און מיט אַ געפיל פון היסטאָרישער אחריות. אָט מיט די מידות האָט ער דורות לייענערס געלערנט און דערצויגן.

אָבער — טראַכטן מיר:

ליטעראַטור, ווי קונסט בכלל, מוז מיט זיך טראָגן איר אייגענעם, קינסטלערישן יש בכאן — זי מוז רעדן אין דער שפּראַך פון עמאָציע, אין דער שפּראַך פון פאַרב און קלאַנג, און דער עיקר אין דער שפּראַך פון בילד. ערשט די עלעמענטן הייבן זיך אויף איבער דעם פאַרבײַגייענ־דיקן און טוען איר אָן די בגדים פון דויער. די איינציקע מאָסן פאַר איר זעענען די מאָס פון דויער און די פעיִקייט צו זײַן טראַנסצענדענ־טאַל, אַריבערשטײַגן צײַט און אָרט און אָנשלאָגן דאָס אוניווערסאַלע, דאָס וואָס איז בשותּפותדיק פאַר אַלע מענטשן. בער גרין ווייסט עס זייער גוט, אַ סימן — זײַנע אייגענע לידער טראָגן אין זיך אָט דעם כּישוף. ער פרייט זיך, בער גרין, ווען ער טרעפט זיך אָן אויף די שטריכן אין אַ שרײַבער, כאָטש איך בין ניט זיכער, צי ער פאָדערט זיי אַלע מאָל פון די וועגן וועמען ער שרײַבט. איך האָב טייל מאָל דאָס געפיל, אַז ער פרייט זיך ווען עס איז גוט, אָבער ווען עס איז ניט אַזוי גוט — טוט אים טאַקע וויי, אָבער ניט אַלע מאָל זאָגט ער אויס. בלויז אַ רשע וועט זאָגן אַ בייז וואָרט.

*

בער גרין האָט די גרויסע מעלה פון קענען וואַקסן, זיכערער ווערן. מיטן וווּקס האָט געריפט זײַן קריטישער עסיי — טיפער און באַ־זאַכטער געוואָרן.

די מידות פון וווּקס האָט ער אַלע מאָל פאַרמאָגט. און אפשר ניט אַלע מאָל.

ס'האָט אונדז פאַראינטערעסירט וואָס מ. אַלגין האָט אַרויסגעפו־נען אין בער גרינען, אין אַ רעדע וואָס ער האָט געהאַלטן דעם 19טן

נאָוועמבער, 1939 (עטלעכע טעג פֿאַר זײַן טויט). אמת, ס'איז די מאָס פֿון 32 יאָר צוריק, אָבער די מעלות וואָס מ. אָלגין כאַפּט אויף זײַנען מיט דער צײַט דווקא פֿאַרטושט געוואָרן. ער רעדט וועגן בער גרינס „גרויסשטאָטישע אימאַזשן", וועגן זײַן „אַנטי־סימבאָלישקייט", וועגן זײַן „דירעקט לשון". איז מיט דירעקט לשון זײַנען מיר אפֿשר מסכּים — דאָס איז דער אײביקער לערער אין בער גרין. אָבער — די אַנדערע? מיר געפֿינען צאַרטע נאַטור און היימישע אימאַזשן און אַ סך סימבאָלישקייט און אַלעגאָריע (ווי קענען גאָר לידער זײַן אָן זיי?)

דער עיקר, דאַכט זיך אונדז, האָט אָלגין ניט דערמאָנט דעם טיף ייִדישן אָדער אין בער גרינען, וואָס איז דער תּמצית און די מעלאָדיע פֿון זײַן שאַפֿן.

*

און אַזוי ציט ער זיך דער יאַרוגער ניגון אונדזערער, אַ ניגון — אַ פֿרינץ, אַן אייביק גרינער, בער גרינער ניגון.

גייט ער, דער ניגון, מיט שווערע טריט — אַ סעריאָזנער אַזאַ, מיט אַ באַנד דאָבראָליובאָוו, אָדער גאָר עדמאָנד ווילסאָן, אונטערן אָרעם — און פּלוצעם צעשמייכלט ער זיך דער ניגון ווי אַ פֿענעצל זון וואָס שפּילט זיך מיט אַ גראָז־בלעטל.

ווי אַ קינד אײגנטלעך.

און וועלכע טענער הערט מען אַלץ אין דעם ניגון?

דאַכט זיך אַן אַלטער גמרא־ניגון, וואָס פֿאַרגילגולט זיך פּלוצעם אין „ברידער, מיר האָבן געשלאָסן אויף לעבן און טויט אַ פֿאַרבאַנד" —

דאַכט זיך אַן אַלט זיידעשער אני מאמין באמונה שלימה־ניגון, וואָס גליטשט זיך אַריין אין פּרצעס „גלויב. ניט ווײַט איז שוין..." —

דאַכט זיך אַן על נהרות בבֿל שם ישבֿנו־ניגון, וואָס שאַפֿט זיך איבער אין פּעפּערס „טײַכן", און אין לענגסטאָן יוזס I've Known Rivers –

דאַכט זיך מענדעלע, דאַכט זיך ווינטשעווסקי, דאַכט זיך עמוס, דאַכט זיך נעקראַסאָוו און אפֿילו טאָמאַס הוד אָדער קאַרל סאַנדבורג —

דאַכט זיך — בער גרין. ס'איז באמת אַ נאַרישקייט צו פּרוּוון צעגעמען אַ ניגון — ספּעציעל אַ ליכטיקן, גרינעם ניגון אויף שטיקלעך.

דער עיקר: ער ברומט מיט אהבֿת מענטש, אהבֿת פֿאָלק, אהבֿה צו דיר און מיר.

(1971)

קלאָרקייט, עכטקייט און פּשטות

(וועגן כאַווער־פּאַוועריס דרך אין דער ייִדישער ליטעראַטור)

פֿאַראַן קינסטלער, וואָס בלײַבן אייביקע וווּנדערקינדער. ס'בלײַבט הענגען איבער זיי אַ בינטל יונגשאַפֿט, ווי אַ כּלה־שלייער, וואָס דערלאָזט ניט, אַז די יאָרן זאָלן שליטהווען איבער זיי. פּאַוועריס, שוין, ביז 120 אַ בן־ששים, איז נאָך אַלץ דער יונגער שרײַבער אין אונדזער ליטעראַטור.

פֿאַרשיידן זײַנען די יצירה־וועגן בײַ קינסטלער. אַ קינסטלער גייט אָפֿט דורך אַ לעבן און זוכט זײַן אויסדרוק, טייל מאָל געפֿינט ער אים ניט, ניט זיכער אַפֿילו וואָס ער האָט געזוכט. דער פּראָצעס פֿון זוכן גופֿא לאָזט איבער בײַם עכטן קינסטלער אַ סליאַד פֿון זעלטענער שעפֿערישקייט.

אַ קינסטלער איז אַ מאָל אַ ברייטער טײַך מיט פֿיל זײַטיקע שטראָמען. אַן אַנדערש מאָל גייט די אַנטוויקלונג דורכויס אין דער טיף — אַנגעשלאָגן אַ טאָן, טראָגט אים טיפֿער.

פּאַוועריס האָט כּמעט גלײַך פֿון אָנהייב געשטעלט פֿאַר זיך אַ טאָן, אָנגעשלאָגן זײַן נוסח.

וואָס איז דאָס פֿאַר אַ טאָן און וואָס איז דאָס פֿאַר אַ נוסח?

פּאַוועריס געהערט צו די זאָגערס, די בעל־פּה־לײַט, אין דער ייִדישער ליטעראַטור — די וואָס זײַנען אַזוי אינטים מיטן לייענער, אַז מ'הערט זיי כּמעט מער, ווי מ'לייענט זיי. דער ניט־געניטער לייענער פֿאַרגעסט טייל מאָל, אַז ער לייענט ליטעראַטור. אין אַ באַשטימטן זין זײַנען די שרײַבערס ממשיך אַן אַלט־ייִדישע טראַדיציע פֿון מעשׂה־דערציילערס, וואָס געפֿינען זיך כּסדר אין דער מסיבה פֿון צוהערערס, ווערן פֿון זיי באַווירקט און אינספּירירט.

(ניט צופֿעליק האָט שלום־עליכם געשריבן אַזוי פֿיל מאָנאָלאָגן, און גאַנץ טוביה, מנחם־מענדל און מאָטל פּייסיס זײַנען אין דער ערשטער פּערזאָן).

עס איז די זעלטענע אינטימקייט מיטן לייענער, וואָס צייכנט אויס פּאַווערן פֿונעם ערשטן בלעטל וואָס ער האָט אָנגעשריבן. אָבער דאָס איז בלויז איין טייל פֿון פּאַווערישן דרך, — דאָס פֿאַרבעטן דעם לייענער צו זיך אין חדר אַרײַן און אים כּמעט אויפֿן אויער דערציילן די מעשׂה שהיה וועגן די וווּנדיירים פֿון דעם אָרעמען מין מענטש.

פֿון אַ רעדע, געהאַלטן בײַ אַ פֿײַערונג לכּבֿוד כאַווער־פּאַוועריס אין לאָס אַנדזשעלעס, פֿעברואַר, 1964.

פֿאַראַן נאָך אַ שטריך, וואָס מען דאַרף פֿאַרצייכענען: ס׳איז נישט לײַכט צו בלײַבן קלאָר ווי אַ טײַכל אין צײַטן, ווען מען צעבויטעט די וואַסערן פֿון דער קונסט, ווען שוים און זאַמד ווערן די מאָס פֿון דער גרויסקייט פֿון דער קונסט. די מאָס פֿון ניט־פֿאַרשטענדלעכקייט ווערט אָפֿט דער סטאַנדאַרט פֿון גרויסער קונסט. אין דער אַ צײַט איז כּאַווער־פֿאַווער געווען קלאָר ווי אַ מעשׂה פֿון חומש, אָדער ווי אַ ליד בײַ עדעל־שטאַטן.

שפּעטער האָט מען בײַ אונדז אַרויסגעצויגן די פֿאָן פֿון פֿאַרמיאוסן דעם מענטש און אים אָפּזאָגן ס׳ביסל לעבן. אָבער פֿאַווער איז אַרומגע־גאַנגען מיט אַ יינגלשער פֿאַרליבטקייט און פֿאַרגלויבטקייט אין מענטש און אים ניט געלאָזט פֿאַרמיאוסן, מחמת ער האָט אים ליב געהאַט סכּנות.

פֿאַראַן נאָך אַ נוסח, צו וועלכן פֿאַווער געהערט. פֿאַראַן אין אונדזער ליטעראַטור, ווי אין מייסטע ליטעראַטורן, אַ ספּעציעלער נוסח פֿון שרײַבן — אַ מאַמעדיקער, אַ פֿעמינינער. וואָס איז דאָס פֿאַר אַ נוסח? ס׳איז דער טאָן פֿון רחמים, פֿון דערבאַרעמונג איבערן מענטש, פֿון קלוגן מיטלאַכן מיט די שוועריקייטן פֿון די בני־אדם און דער גרייטקייט זיי מוחל זײַן פֿאַר אַלע זייערע פֿאַרווירונגען און שוואַכ־קייטן, אָבער ניט פֿאַר זייער רישעות.

ס׳איז ניט נאָר דער שעקספּירישער „וואָס פֿולס דהיס מאָרטעלס בי״ (וואָסערע נאַראָנים די שטערבלעכע זײַנען) — ס׳איז „וואָסערע ליבע נאַ־ראָנים די שטערבלעכע זײַנען״. אָדער נאָך מער: ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די שטערבלעכע זײַנען אַזעלכע נאַראָנים, בלײַבן זיי נאָך אַלץ דאָס אויבערשטע פֿון שטייסל.

מענדעלע, פּרץ, ווינטשעווסקי, בערגעלסאָן, נאָמבערג, לייוויק, מ. ל. האַלפּערן, אָפּאַטאָשו — כּמעט אָפּט פֿול מיט רחמים, געהערן ניט צום נוסח מאַמעדיקע שרײַבערס. די ערשטע סימנים זעען זיך בײַ שלום־עליכם, יעקבֿ דינעזאָן געהערט צו דעם שבֿט, א. רייזען, א. ראַבאָי, י. ראָלניק, מ. קולבאַק, אי. כּאַריק.

פֿאַווער איז אַ טייל, אַן אייגנאַרטיקער, אַ וויכטיקער פֿון אָט דעם נוסח. פֿאַווער וויקלט זיך אײַן אין מענטש, ווי אין דער מאַמעס טוך אין אַ בערשאַדער פֿראָסט. ער שרײַבט דורכויס פֿון אינעווייניק. דער וואָס שרײַבט פֿון דרויסן — אָבסערווירט, פּסיכאָלאָגיזירט, קוקט קליניש אויף זײַן העלד; פֿאַווער קלײַבט זיך אַרײַן אין זײַן העלד ווי אין אַ דירה. אַרײַנגעקליבן זיך, שילדערט ער אים פֿון אינעווייניק. ער איז אַ בן־בית בײַ זײַנע העלדן, און, ווי אַן אינעווייניקסטער, איז טייל מאָל שווער צו שטראָפֿן. אָבער דערפֿאַר קאָן מען זיי וווּנדערלעך ליב האָבן און גלײַכצײַ־טיק, אויב נייטיק, אַ ביסל מאַמעדיקן מוסר זאָגן, אָבער — אָן כּעס, אָן סאַטירע. ס׳איז גיכער דער שטילער הומאָר, פֿון וועלכן דער באַלאַכטער מוז אַליין מיטלאַכן, אַפֿילו אין מיטן די צרות. פֿאַווער שרײַבט נישט, ער

קלאָגט בלויז אָן דורך רחמנות: זע, וועלט, וואָס דו טוסט צו דיינע קינדער! פֿע, וועלט, ס׳פּאַסט ניט!

ווי אַ בן־בית, באַנעמט פּאָווער זיינע העלדן מיט אַלע זיינע חושים, אָבער — פֿון אַלע זיינע קינסטלערישע חושים איז ביי פּאָווערן פֿאַרשאַרפֿט דער חוש־השמיעה, דאָס געהער.

פּאָווערס אויער איז אַ סענסיטיווע אַנטענע, אַנגעצילט אויפֿן מענטש. פּאָווער הערט, ווו מיר וואָלטן ניט דערהערט, ווי קינדער וויינען, ווי זקנים קרעכצן, ווי יונגע מענטשן פֿאַרגייען זיך אין פֿרייד צי אין צער, ווי דער מענטש לאָזט, אַז ס׳זאָל פֿון אים פֿליסן ניין מאָס רייד, מחמת דאָס לעבן איז אַזוי נישט־יושרדיק צו אים געווען. פּאָווער הערט אָפֿט דאָס וואָרט, נאָך איידער ס׳האָט זיך פֿון די ליפּן אָפּגעריסן, ווען ס׳קנוילט זיך נאָך אינעווייניק.

ווער איז פּאָווערס העלד? דאָס פֿאָלק, דאָס אָרעמע, דאָס וואָס בעט זיך מ׳זאָל טענהן פֿאַר דעם, גייט דורך פּאָווערס מעשׂיות, פּאָווערס נאָוועלן.

מיר האָבן פֿאַר זיך ייִדן אָרעמע, דערשלאָגענע ייִדן, וואָס ראַנגלען זיך בייצוקומען די סטיכיע און די נייקייט פֿון אַמעריקע; ייִדן פֿון בערשאַד און פֿון קלינטאָן סטריט, אַרבעטער און אַרבעטער־מיידלעך, פֿאָלקס־מענטשן און קינדער; ייִדן, אָפֿט צעטראָטענע און באַוואָלטע, אָבער אין יעדן טליעט דער פֿונק פֿון יום־טובֿ, דער פֿונק פֿון גלויבן, אַז דער מאָרגן וועט אַ מער געראָטענער זיין, אַז דעם מענטש קאָנסטו בייגן, צעטומלען און צעווייטיקן, אָבער — ניט איבערברעכן און ניט צעטרעטן, מחמת ער טראָגט די פֿונקען פֿון דער אייגענער גאולה אין זיך.

פּאָווער, ווי אַבֿרהם רייזען, איז דער זינגער פֿון די פּשוטע, וואָכעדיקע ייִדן, מיט זיי אידענטיפֿיצירט ער זיך אינטים און פּאַניע־בראַטיש. ער רעדט פֿאַר זיי און לאָזט זיי רעדן דורך אים. ער גייט מיט מיט זיי, טרייסט זיי און זוכט שיינקייט ביי זיי — מחמת ער ווייסט אויף געוויס, פּאָווער, אַז ס׳איז דאָ שיינקייט און גרויסקייט אין זיי און אַז בלויז מיט ליבע קאָן מען עס פֿון זיי אַרויסכּישופֿן.

פּאָווער האָט גלויבן אין זיינע מענטשן. ניט נאָר ליבע האָט ער פֿאַר זיי, ניט נאָר רחמנות, נאָר צעלויכטענעם בטחון. אין דעם פּרט ווינקט זיך פּאָווער איבער מיט דעם נוסח פֿון דער ייִדישער קלאַסיק, מיטן שלום עליכמשן „וואָרפֿט זיך ניט מיט קיין מענטשן" און מיטן פּרצישן „ס׳גייט דער נייער מענטש".

דער צעלויכטענער ייִדישער הומאַניזם פֿון דער קלאַסיק איז פּאָווערס פֿאָדעם, ווי דער פֿאָדעם פֿון יעדן פֿאַרגעשריטענעם ייִדישן פֿאָלקס־קינסטלער.

פּאָווער איז דאָס ייִנגל פֿון בערשאַד, וואָס האָט די פֿאַרבינדונג מיט בערשאַד ניט איבערגעריסן, און דער בחור פֿון ניו־יאָרק, וואָס האָט זיך איינגעגנורעט אין דאָזיקן ייִדישן לעבן און געהאָלפֿן אונדז זיך אַליין דערקענען.

פֿאַווערס פּראָזע פֿאַרמאָגט אייגנאַרטיקן נוסח, וואָס קיינער האָט אים ניט נאָכגעמאַכט און קיינער האָט פֿאַר אים קיין דוגמא ניט געלאָזן. ס'איז דער נוסח פֿון דער פֿאָלקס־מעשׂה. פֿאַראַן אַ ספּעציעלער ריטם אין פֿאַווערס שרײַבן. בײַ פֿאַווערן פֿילט זיך אַן אינערלעכע מעלאָדישקייט, אַ ניגונדל לויפֿט נאָך זײַן פּראָזע, ווי אַ פּיאַנאָ־באַגלייטונג, אָדער ווי אַ פֿריילעך לאָשעקל, אָער ווי אַ זינגעוודיק קינד. פֿאַראַן בײַ אים אַ פּראָגע־און־ענטפֿער־נוסח, אַן אָנהייבן אין דער מיט, ווי ס'וואָלט געווען אַ מעשׂה, וואָס ציט זיך און ציט זיך.

און אַלץ אַן אָנשטעל און אַן הויכע רייד, און אַן „שיינע" ווערטער, און דעם לייענער קאָן זיך נאָך דאַכטן, אַז ס'איז אַ שרײַבן וואָס קומט אַן דעם שרייבער אַן מי און אַן צער. ניין. ס'אַ ראַפֿינירטער נוסח פֿון אייגנאַרטיקן שרײַבן. פֿאַווערס לויטערע פּשטות קאָן פֿאַרפֿירן דעם ניט־געניטן לייענער, אים אָפּנאַרן, ער זאָל מיינען ס'גיסט זיך לײַכט, פֿון זיך אַליין.

ס'איז — ווי יעדער שאַפֿונג־פּראָצעס — אַ געמאָסטענער און דורכגעטראַכטער, אַ געלײַטערטער נוסח, ווײַל פּשטות איז ניט פּראָסטקייט.

קלאָרקייט, עכטקייט, פּשטות, זײַנען דער פֿאַווערישער דרך. אָבער דאָס איז ניט בלויז פֿורעם — עס איז די אינערלעכע, סאָציאַל־אָנגעלאָדענע נייטיקייט אָפּצוהיטן די קרובֿהשאַפֿט מיטן לייענער, די שײַכותן מיט אים, און דער עיקר — בלײַבן פֿאַרשטענדלעך.

אויך אָט די אינטימקייט מיטן לייענער איז אַ וויכטיקער גרונטשטריך אין אונדזער פֿאָלקס־ליטעראַטור.

(1964)

*

כאַווער־פּאַווער — דער קינדער־שרײַבער

פֿאַווער איז געווען און וועט בלײַבן דער קינדער־דערציילער פֿאַר עקסעלענץ אין דער ייִדישער ליטעראַטור. קיינער קאָן זיך צו אים ניט פֿאַרגלײַכן, באַשטימט ניט אין דער פּראָזע. אין פֿערז האָבן מיר די מײַסטערשאַפֿט פֿון קוויטקאָס קינדער־לידער און מאַני לייבס באַלאַדעס, אין דער פּראָזע שטייט פֿאַווער איינציק. דער סוד פֿון זײַן שרײַבן פֿאַר קינדער איז, דאַכט זיך, געלעגן אין זײַן אַלגעמיינעם קינסטלערישן מהות. ער האָט ניט געשאַפֿן קיין באַזונדערן סטיל פֿאַר קינדער, ער האָט בלויז גענומען די זעלבע אוממיטלבאַרקייט, די זעלבע ליבע, די זעלבע וואַרעמקייט און דער עיקר די זעלבע דינע פֿיאיקייט צו שפּינען אַ מעשׂה — און זי אָנגעמאָסטן אויפֿן קינד. פֿאַווער רעדט צום דערוואַקסענעם לייענער, ווי ער וואָלט מיט אים געזעסן בײַם טיש. דאָס קינד זעצט ער אוועק צו זיך אויף די קני און שושקעט אים אין אויער אַרײַן די מעשׂה שהיה, וואָס איז געוויינטלעך פֿול מיט פּלאי־פּלאים וועגן דעם גרעסטן וווּנדער אויף דער וועלט — דעם מענטש. און רעדן רעדט ער ווי צו אַ גלײַכן, מיט אַן אָרנטלעכן דרך־ארץ צום קינד, מיט פֿאַנטאַזיע און מיט באַגלויבט־

קייט. וואָס פּאָווער זאָל נישט דערציילן, גלויבט אים דאָס קינד, ווי עס גלויבט דער מאַמען. פּאָווער רעדט ניט אַראָפּ. בלויז פון אַנהויב האָט ער צופיל געניצט די דימינוטיוון — שרהלע, ציגעלע, הינטעלע, קעצעלע. ער האָט זיך אָבער שנעל באַפרײַט פון זיי און אָנגעהויבן רעדן אין אַן עכטן, אין אַ דערוואַקסענעם לשון, ווי מען רעדט צו אַן אייגענעם — האָט שוין דאָס קינד קיין ברירה ניט געהאַט און אים געמוזט גלייבן.

פּאָווער שילדערט ווי אַן אינעווייניקסטער די קינדער־וועלט, וווּ נישט נאָר פאַנטאַזיע און ווירקלעכקייט מישן זיך, נאָר וווּ עס הערשט אַן אייגענע לאָגיק מיט אייגענע געזעצן, וווּ די פאַנטאַזיע איז באַגלויבט, און האָט די מעלה פון אַ העכערער ווירקלעכקייט, וואָס בלויז דאָס קינד קאָן באַנעמען. גלײַכצײַטיק וואַרצלט די פאַנטאַסטיק אין דער רעאַליטעט און די מעשׂה — יעדע מעשׂה — האָט אַ מוסר השׂכל, פון וועלכן דאָס קינד דאַרף באַקומען אַ נײַעם באַגריף פון לעבן אַרום.

אַנדערע שרײַבן אַ מעשׂה, פּאָווער דערציילט זי. ער פאַרלויפט זיך אַליין דעם וועג, ער צעזינגט זיך אין דער מיט אין גראַם, ער ווענדט זיך צום לייענער און ציט אים אַרײַן, ער וועבט אַרויס אַ מעשׂה, טענצלט זי טיילמאָל אויס. עס איז כמעט ניט צו דערקענען די רעשטאָוואַניעס פון זײַנער אַ קינדער־מעשׂה, עס באַקומט זיך דער אײַנדרוק פון כסדרדיקער אימפּראָוויזאַציע, ווי ער וואָלט אַליין ניט געוווּסט וואָס עס וועט קומען שפּעטער. פון דעם אַלעם פליסט אַרויס אַ געבענטשטע שותּפותדיקייט מיטן לייענער — בײדע, אי דער שרײַבער און אי דער לייענער, זײַנען ווי ניט זיכער וואָס דאָ וועט געשען. בײדע זײַנען נײַגעריק, און בײדע האָפן, אַז צוזאַמען וועלן זיי זיך ווי־ניט־איז דערטראַכטן אָדער דער־רעדן צו אַ לײַטישן סוף, דאָס מיינט אַ גוטן סוף, וווּ גוטסקייט זיגט איבער רישעות, די לײַטישע מענטשן פון דער וועלט איבער די ניט־לײַטישע און שלעכטע.

פּאָווער איז אַ פאַרכאַפּנדיקער מעשׂה־דערציילער. עס טוט זיך אין זײַנע מעשׂות. זיי זײַנען אָנגעפּיקעוועט מיט געשעענישן און פּאַסירונגען. בעלי־חי רעדן, פייגל זאָגן „גוט מאָרגן", חיות מישפּטן, ציגן גייען אין קינדערגאָרטן, הינט הייסן שמעיה און קאָנען דעם אלף־בית. און ניט נאָר טוט זיך סתּם, נאָר די געשעענישן זײַנען באַווירקט פון פאַרשפּיצטן חוש פאַר יושר און גערעכטיקייט: מע מישפּט אַ קאַץ, הלמאַי זי איז פויל און וויל ניט אַרבעטן; פייגל מאַכן „אַך" און זיפצן, הלמאַי חיימלס מאַמע דערציילט אים קיין מעשׂה ניט; אַן „אַרעמאַן", וואָס איז אַמאָל געווען אַ שנײַדער, קומט נייען הייזעלעך פאַר חיימלען, ווײַל די מאַמע זײַנע קאָן די אויגן ניט האַלטן אָפן און דאַרף נעבעך גיין צו דער אַרבעט — אַ מין פּראָלעטאַרישער אליהו הנביא.

די צוויי הויפּט־שטריכן פון פּאָווערס קינדער־מעשׂות זײַנען שפּאַנענדיקייט און דאָס געפיל פון עטישקייט. מען דאַרף, און מען קאָן, די וועלט באַקערן צום גוטן. אַן אַדלער כאַפּט אַ הינדעלע און וויל עס אויפ־

עסן, אָבער דאָס הינדעלע איז נעבעך אַ יתומה און די לאָגיק פֿון דער סיטואַציע, סײַ דעם קינדס און סײַ פֿאָוערס, פֿירט צום „נאַטירלעכן" שלוס: דער אָדלער ווערט דעם הינדעלע אַ מאַמע, מחמת, כּדי די וועלט זאָל זײַן וועלט, דאַרף מען אַ יתומה ניט לאָזן אַליין. (שוין אָפּגערעדט, פֿון עסן יתומות!). דער הונגעריקער וואָלף וויל אַפֿילו ניט אויפֿעסן שׂרהלען, ער וויל בלויז אויסכאַפּן די שיסל מיט באָרשט, ווײַל ער איז הונגעריק, און ווען ער כאַפּט שוין צו שׂרהלעס ציגעלע, קאָן ער ממש ניט אויס־האַלטן די בײַטש פֿון שׂרהלעס שטראָף־רייד און ער גייט גערן אײַן אויף אַ קאָמפּראָמיס — קומען יעדן פֿאַרנאַכט עסן אַ שיסל באָרשט. אוטאָ־פּיזם? דיקענס האָט געמעגט, טאָמאַס הוד האָט געמעגט? דעם קינדס יושר־געפֿיל פֿאַרלאַנגט עס. דער עיקר איז נאָך אַלץ: די גאַנצע פֿאַנטאַס־טיק וואָרצלט, און וואָרצלט געזונט, אין דער ווירקלעכקייט, פֿון וועלכער פֿאָוער גייט קיין מאָל ניט אַוועק.

לאָמיר זיך אָפּשטעלן אויף דעם קרוין־ווערק פֿון פֿאָוערס קינדער־ליטעראַטור, אויף „לאַבזיק".

ראשית, בעת זיך אַ פֿאַרגלײַך צווישן לאַבזיק און אַן אַנדערער קלאַ־סישער, הינטישער פֿיגור פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור — שלום עליכמס ראַבטשיק. בעת ראַבטשיק איז אַן אַלעגאָריע, איז לאַבזיק — אַ הונט. ראַב־טשיק איז אַ משל, לאַבזיק איז אַ נימשל. ראַבטשיק איז פּאַסיוו, ער בײַסט כּמעט ניט, שטעלט זיך ניט אַנטקעגן, לאַבזיק איז אַ „מאַן פֿון טאַט". ראַבטשיק איז צופֿרידן, אַז מ'לאָזט אים צו רו, לאַבזיק מישט זיך. ראַבטשיק באַגעניגנט זיך מיט דעם וואָס מען וואַרפֿט אים צו, לאַבזיק פֿאָדערט, פּראָטעסטירט. ראַבטשיקן שלאָגן מער אייגענע: אייזיק, ברײַנע די קעכין, פֿאַראַסקע די וועשערין, דאַרפֿישע הינט, לאַבזיקן שלאָגן בלויז זײַנע „קלאַסן־שונאים" — דער פּאָליציאַנט, די סקעבס (סטרײַקברעכערס). ראַבטשיק טענהט טאַקע: „ווו איז יושר? ווו איז הינטלעכקייט"? לאַבזיק ראַנגלט זיך פֿאַר יושר און פֿאַר הינטלעכקייט, אַפֿילו פֿאַר מענטשלעכקייט.

יעדער דור מיט זײַנע העלדן און יעדער דור מיט זײַנע הינט. „לאַב־זיק" איז אַ מענטשלעכער הונט, וואָס בלײַבט נאָך אַלץ הונט. אויב מיר מעגן ניצן די פֿאַראַפֿראַזע: וואָס מער הונט ער איז, אַלץ מער מענטש. ער האָט אַזוי פֿיל מעלות און חסרונות, להבֿדיל, ווי יעדער איינער פֿון אונדז. עס פֿאַלט מיר אַ מאָל אײַן, אַז לאַבזיקס אַלע מעלות זײַנען הינ־טישע, זײַנע חסרונות — מענטשלעכע, אַפֿילו זײַן „ווײַסער שאָוויניזם".

דאָס גאַנצע אָרעמע ייִדישע לעבן אין די דרײַסיקער יאָרן שפּיגלט זיך אָפּ דורך אַט־אָ־דעם קלוגן קריזיס־הינטעלע, אַ געפֿונענער נעבעך אויף דער דזשעקסאָן עוועניו סטאַנציע פֿון בראָנקס עקספּרעס. וועגן זײַן טאַטע־מאַמע ווייסן מיר ווייניק, אַזוי אַז עס איז שווער צו רעדן וועגן ירושה־שטריכן. ער איז אין גאַנצן אַ קינד פֿון דער סבֿיבֿה. אַ קינד פֿון דער צײַט, איז ער אַ קרבן פֿון קלאַסן־קאַמף, אַפֿילו זײַן אָרעם הינטיש האַרץ ווערט צעבראָכן פֿון דער ניט־יושרדיקער קלאַסן־צעטיילונג, ווען

די רײַכע באַלעבאָסטע נעמט פֿון אים צו זײַן געליבטע מוסי, וואָס לאַבזיקס האַרץ איז געווען אָנגעקניפּט אין איר האַרץ.

פֿאַרוואָס האָט לאַבזיק זיך אײַנגעבאַקן אין די הערצער פֿון טויזנטער קינדער אין משך פֿון קנאַפּע צוויי דורות? ווײַל זיי האָבן געהאַט רחמנות אויף אים? ווײַל ער איז נעבעך אַן אָרעם הינטעלע? ניין. ער האָט צוגעצויגן די קינדער, מחמת ער איז געווען אַ „מאַן" פֿון יושר און טאַט, אַלע מאָל אויפֿן צד פֿון די באַעוולטע, דערפֿאַר וואָס ער איז געווען פֿעיִק אויף שוואַכקייטן און אויף חסרונות, אַפֿילו אויף סעקטאַנטישקייט, וואָס איז אין יענע יאָרן געווען אַזוי שטאַרק אין דער מאָדע.

לאָמיר אים אָפּמאָלן: לאַבזיק איז אַ צוגעלאָזענער, אַ נוח לבריות, מיט אַ שאַרפֿן מאָראַלישן חוש. אַ קאַפּיטשקע אַ חונף, נאָר מיט אַ געפֿיל פֿון אַליין־ווערדע; אַ שטיקל גרויסהאַלטער, אַן עקסהיביציאָניסט, אַ ביסעלע אַ בלאָפֿער, נאָר מיט פֿאַנטאַזיע. אַ מענטש, איך מיין אַ הונט, מיט אַ שאַרפֿן אינטערעס אין לעבן און מיט אַ געפֿיל, אַז פֿון יעדן איינעם קאָן מען לערנען און אַז מ׳קאָן דערגיין דעם כאַראַקטער פֿון באָרדער, למשל, ווען מען זעט ווי ער צעפּאַקט און צעלייגט זײַנע זאַכן.

בטבֿע איז ער אַן איידעלער הונט: „ווען לאַבזיק זעט משהלען, וואָס שפּײַט אין דער לופֿטן, טראַכט ער: פֿע, ער איז אַ גראָבער יונג". לאַבזיק איז דער טיפּישער, גוט־מיינענדיקער שלימזל, דער שלומיאל פֿון דער געשיכטע, וואָס די השגה פֿאַרפֿירט אים און דער פֿאַרלאַנג צו טאָן גוטס פֿאַרשאַפֿט אים צרות. ווען מען שטראָפֿט אים, איז ער זעלבסט־קריטיש, האָט טענות צו זיך אַליין, מישפּט זיך, און וויל אַנטלויפֿן קיין פֿילאַדעלפֿיע, מחמת ער „קען דאָס שוין מער ניט איבערטראָגן". אַ סענטימענטאַלער באַשעפֿעניש, אָבער די צרות דערדריקן אים ניט.

ער איז אַ דענקענדיקער הונט, אַ ביסל ענלעך אויף פֿאַווערס בערשאַדער לאַנדסלײַט, זאָלן זיי מיר מוחל זײַן דעם פֿאַרגלײַך, וואָס האָבן ליב צו באַטראַכטן די וועלט און, לויט זייערע כּוחות, זי אַ ביסל אויסבעסערן. און מיט דער גאַנצער פֿאַרנומענקייט מיט דער וועלט, פֿאַרלירן זיי ניט, די בערשאַדער און די לאַבזיקס, די פֿייִקייט זיך צו פֿרייען מיטן לעבן און פֿון דעם הנאה צו האָבן.

די גאַנצע שטורמישע ווירקלעכקייט פֿון די 30ער יאָרן איז פֿאַר די קינדער בולטער געוואָרן דורך די לאַבזיק־מעשׂות — דער קריזיס, דער טעראָר פֿון דער פּאָליציי, די הונגער־מאַרשן, די קלאַסן־צעטיילונג, די עוולה, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן קעגן דעם אָרעמען מענטש, די ווערדע פֿון אַנטקעגנשטעלן זיך — אויף דעם אַלעם האָט לאַבזיק און דורך אים די קינדער, רעאַגירט. מיט זײַן באַגרענעצטן וואָקאַבולאַר, וואָס באַשטייט פֿון „האַו־האַו" און „או־או־אי" און „אי־אי", רעאַגירט לאַבזיק אויף אַלע געשעענישן אַרום אים. ער גייט דורך די שבֿעה מדורי גיהנום פֿון אַ ייִדישן אַרבעטער אין יענע יאָרן. ער גייט דורך דעם אָנוווקס

פֿון פֿאַרשטענדעניש, פֿון שטאָלץ, פֿון פֿאָדערן, פֿון גערעאַנגל פֿאַר יושר — פֿון אַ שווערער פּעריאָדע, וואָס האָט געביטן דאָס פּנים פֿון אַמעריקע.

אויב לאַבזיק שפּיגלט אָפּ אַ באַשטימטן קריגערישן פּעריאָד אין אונדזער לעבן, רעפֿלעקטירט וואַוויק, לאַבזיקס קדיש, די ענדערונגען וואָס זײַנען פֿאָרגעקומען מיט אַ האַלבן דור שפּעטער. לאַבזיק איז געווען אַן אַרבעטער־הונט, וואַוויק איז שוין אַ ביסל פֿאַרבאַלעבעסלט, ער מאַכט שוין שלום מיט דער פֿאַרקלייַנבירגערלעכונג פֿון ייִדישן לעבן. דעם טאַטנס רעוואָלוציאָנערישקייט איז שוין אַ היפּש ביסל אויסגעוועפּט בײַם זון. יעדער דור — זײַנע העלדן, יעדער דור — זײַנע הינט. בעת לאַבזיק איז אַ סאָציאַלע דראַמע, איז וואַוויק שוין אַ פּערזענלעכע דראַמע, די קאָנפֿליקטן ליגן שוין אויף אַן אַנדער פֿלאַך. אַפֿילו דער „סאָציאַלער רעאַליזם״ טרעט אָפּ דאָס אָרט פֿאַר אַ מין קליינבירגערלעכן פֿלעטבוש־ראָמאַנטיזם. די טראַגעדיעס זײַנען שוין קלענערע און די גערעאַנגלען פֿאַרפּערזענלעכטע. וואַוויק איז שוין פֿאַרטאָן מער מיט זיך, די גרויסע סאָציאַלע קאַנווע איז שוין פֿאַרשמעלערט געוואָרן, די טראַגעדיעס זײַנען היימישע, קליינע, כאָטש ער פֿאַרהיט נאָך אַלץ אין זיך די שטריכן פֿון טאַטן און זיין געזעלשאַפֿטלעכן באַוווסטזײַן. נאָר בעת לאַבזיק איז אַ סאָציאַלער קעמפֿער, איז וואַוויק מער אַ מין ליבעראַלער רעפֿאָרמער, אַזוי צו זאָגן, אויף קיין דעמאָנסטראַציעס גייט ער שוין ניט און קיין הונגער־מאַרש־פּלאַקאַטן טראָגט ער שוין ניט. געטריי צו די ענדערונגען אין אונדזער לעבן, ענדיקט זיך וואַוויק ראָמאַנטיש — מיט אַ לבנה־חלום. אמת, דער חלום וואָרצלט נאָך אין דערווירקלעכקייט און די לבנה פֿירט וואַוויקן קיין קוני־אײַלאַנד, מחמת דאָרט קריגט מען וווּרשטלעך לרובֿ. אָבער פֿאָרט אַ באַלעבעסלדיקער חלום פֿון אַ וועלט וואָס איז כּולה ווורשטלעך.

*

צוויי ספּעציעלע קינדער־שרײַבערס האָט די ייִדישע שול אין אַמעריקע אַרויסגעגעבן, צוויי שרײַבערס, וואָס פֿאַרנעמען זייער אייגן אָרט אין דער ייִדישער ליטעראַטור — לעאָן עלבע און כּאַווער־פּאַווער. זיי האָבן אָנגעהויבן כּמעט גלײַכצײַטיק, כאָטש פּאַווערס ביכער זײַנען דערשינען אין פֿאַרלאַג „מתּנות״, אין 1925, פֿיר יאָר פֿריִער ווי לעאָן עלבעס „ייִנגעלע רינגעלע״. אין יענעם פּעריאָד זײַנען זיי געווען שטאַרק ענלעך, אַפֿילו אין נוסח ענלעך, אַפֿילו אין דער נטיה אַרײַנצופֿאַלן אין גראַמען ענלעך, אַפֿילו אין דער טענדענץ צו ווענדן זיך צום גאָר יונגן קינד ענלעך, ביידע זײַנען געווען גוטע מעשׂה־דערציילערס.

אין אַ באַשטימטן זין איז עלבע געווען מער סאָציאַל־אַנגעלאָדן ווי פּאַווער אין יענע יאָרן. עלבע איז אָבער ווײַטער ווי „ייִנגעלע־רינגעלע״ ניט געגאַנגען. ער האָט אָפּגעזאָגט זײַן וואָרט. בײַ פּאַווערן איז „שׂרהלע מיטן ציגעלע״ און די אַנדערע דערציילונגען פֿון יענעם פּעריאָד געווען ניט מער ווי אין עטאַפּ פֿון זײַן שרײַבן פֿאַר קינדער. (אַגבֿ, האָט ער זיך

מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער, אין „יונגוואַרג",* פון ציַיט־צו־ציַיט צוריקגע־קערט צו דעם „שׂרהלע מיטן ציגעלע"־נוסח). נאָך דעם איז ביַי פאַ־ווערן געקומען די פאַרכאַפּנדיקע דערציילונג פון בירגער־קריג, „פון יע־נער ציַיט טיַיך", וואָס דורות קינדער האָבן זי געהערט און געלייענט מיט אַן איַינגעהאַלטענעם אָטעם. שפּעטער — די „לאַבזיק"־און „וואָוויק"־מעשׂות, און ניט ווייניקער ווי אַ צוויי־צענדליק מעשׂות אין „יונגוואַרג", וואָס זיַינען קיין מאָל אין בוכפאָרם ניט דערשינען. אַ חוץ דעם, האָט פאַ־ווער אָנגעשריבן אַן ערך צוויי־צענדליק קינדער־שפּילן — איינער חנעוודי־קער פון דעם אַנדערן. זעלטן אַ לערער, וואָס האָט ניט אויסגעפּרוווט זיַינע רעזשיסערישע כּוחות אויף פאַווערס אַ שפּיל — פון „משפּט אי־בער דער קאַץ" ביז „דאָס לאַכנדיקע יִינגל".

איך טראַכט אַ מאָל: ניין, מיר האָבן אים בפירוש ניט גענוג אָפּגע־שאַצט, פאַווערן, ניט גענוג באַנומען די אייגנאַרטיקייט און די פילפאַר־ביקייט פון זיַין טאַלאַנט. אַפילו מיר וואָס זיַינען אַזוי נאָענט געווען צו אים; שוין אָפּגערעדט פון די אַנדערע טיילן פון יִידישן לעבן, וואָס האָבן זיך אין גאַנצן פון אים אָוועקגעקערט.

דער עטישער זין פון פאַווערס קינדער־מעשׂיות איז געוויינטלעך אַ פּשוטער: דאָס שלעכטע איז בישט שיין, און דאָס שיינע איז אייגנטלעך דאָס גוטע. אויב ס'איז דאָ אַ געראַנגל צווישן גוטן און בייזן — ווייסן מיר קלאָר ווער ס'וועט אַרויס דער זיגער.

די יִידישע שול אין אַמעריקע וואָלט געווען דלותדיק און בלוט־אָרעם אָן אים. עס האָט קיינער זיך אַזוי בישט אַריַינגעקליבן אין קלאַסצימער אַריַין ווי אַ בן־בית, ווי פאַווער, און דורכן קלאַסצימער אין האַרץ פון די קינדער. עס האָט, דאַכט זיך, קיינער אַזוי ניט ליב געהאַט דאָס קינד ווי ער. אָן ליבע וואָלט ער ניט געקאָנט שפּינען דאָס כּישוף־געוועב פון מעשׂיות, מעשׂיות וואָס האָבן די קינדער דערוואַרעמט און דערפרייט, געלערנט דרך־ארץ פאַר זיידע־באָבע זייערע, געלערנט ליב האָבן דעם שפּינער פון די מעשׂיות — דעם בערשאַדער־ניו־יאָרקער־לאָס־אַנדזשעלעסער לאַנדסמאַן אונדזערן, דעם אייביק האַלב־פאַרשעמטן, האַלב־פאַרלוירענעם יונגן בחור, וואָס האָט געוווסט ווי אַזוי, מיט סענ־סיטיווקייט און פאַרשטענדעניש, אַרויסצוזינגען די נשמה פון דעם אָרע־מען און באַעוולטן פאַלקסמענטש אונדזערן, און ווי אַזוי זיך אַריַינצו־כּישופן אין דער נשמה פון קינד — כּאַוער־פאַווער.

---

* „יונגוואַרג", חודש־זשורנאַל פאַר קינדער (אַרויסגעגעבן פון די אַרדן־שולן), וואָס מיר האָבן רעדאַגירט במשך אַלע 14 יאָר פון זיַין קיום, 1937—1951. פאַווער איז געווען איינער פון אונדזערע שטענדיקע מיטאַרבעטערס.

ל. מילער — דער דיכטער וואָס זינגט „שירה צו דעם לעבן"

(געשריבן צו זײַן 75טן געבוירן־טאָג)

א.

לאָמיך אָנהייבן מיט אַ בינטל זכרונות־גרעזלעך — מטושטשע, וווּנדערלעך־דינע, אומפֿאַרשעמט־יונגע, כאָטש ניט מי יודע ווי לאַנג צוריק.

פֿריִער איז געווען דאָס ליד, נאָך דעם איז געקומען דער מענטש, ערשט נאָך דעם זײַנען מענטש און ליד איינס געוואָרן.

עס איז געווען ערגעץ אין די צוואַנציקער יאָרן. אין די שטעט פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע האָט זיך אַרומגעדרייט אַן ערשט־אַריבערגעקומענע, פֿון יענער זײַט ים, יוגנט — יינגלעך און מיידלעך נאָך, וואָס האָט אַ ניט־זיכערע, אַ האַלב־פֿאַרלוירענע, געזוכט פֿאַר זיך וואָרצלען אין דער נײַער היים. פֿריִער איז מען געווען פֿאַרלייקנדיק־גרויסהאַל־טעריש: „וואָס קאָן דיר אַמעריקע, מ'שטיינסגעזאָגט, געבן?", נאָך דעם — האַלב־נײַגעריק, זיך אײַנגעהערט פֿון דער זײַט: „אפֿשר פֿאָרט?" שוין געהאַט געהערט אין דער אַלטער היים וועגן אַפּאַטאַשון.

פּלוצעם האָט, כּמעט אומגעריכט און ניט דערוואַרט, אַ פֿלייץ געטאָן אויף זיי דאָס געזאַנג וואָס איז געווען אַמעריקע, וואָס האָט גערעדט צו זייער געמיט, געזונגען מינאָר ווי זייער אייגענע שטימונג, אָדער אַרויס־רופֿעריש־טראָציק, וואָס איז אויך געווען אין טאָן פֿון די אייגענע סטרו־נעס. עס האָבן אָנגעהויבן וואָרקען אַרום זיי לידער ווי טויבן (אָדער: קנאַפּערע ראָמאַנטישע פֿייגל): משה לייב האַלפּערנס „דער גאַסן־פּויקער" האָט געמאַניעט מיט זײַן טראָציקייט; מאַני לייבס „בלינדער" איז גע־שטאַנען בײַם טויער „וואָס איז געווען צו" און אַרײַנגעווייִנט אין דער נאַכט אַרײַן; פֿון לייוויקס „סיבירער לידער" האָט זיך געטראָגן אַ שניי־איקער, שנײַדנדיקער אומעט, וואָס האָט זיי צוגעטראָפֿן צום געמיט. ראַל־ניק, זישע לאַנדוי, י. י. שוואַרץ — יונגע ייִנגלעך און מיידלעך האָבן געהאַלטן אין איין אַנטדעקן אַ געזאַנג, וואָס איז זיי מסתּמא נעענטער גע־ווען, ווי די היימישע „כאַליאַסטרע"־פּאָעטן, מיט וועלכע זיי האָבן זיך קוים, קוים געהאַט באַקענט אין וואַרשע, אין ביאַליסטאָק און אין ווילנע.

אין אָט דער רעם, אויבנאויפֿיק און שנעל סקיצירט, געהערט אונ־דזער ערשטע באַקאַנטשאַפֿט מיט דעם ליד פֿון ל. מילער.

אין דעם אָ כאַר האָט זיך דערהערט מילערס „אַלע גייען מיר אַהין", זײַנע „טעניס" און אַנדערע לידער (געשריבן מיט אַ צענדליק יאָר פֿריִער). אין תוך זײַנען דאָס געווען לידער געשריבן אין די מינאָרע טענער פֿון דער דעמאָלטיקער אַמעריקאַנער יידישער פּאָעזיע. אָבער שוין דעמאָלט, און גלײַך בײַם אָנהייב, האָט אַן אָטעם געטאָן פֿון זיי מיט אַ לויטערקייט און צעלויכטענער פּשטות. אַפֿילו „דאָס גיין אַהין", וווּהין „מיר אַלע גייען", איז פֿאַר דעם יונגן לייענער־עולם ניט געווען אַזוי סטראַשנע. מילער האָט, דאַכט זיך, יאָ געזונגען ווי די „יונגע" און ניט געזונגען ווי זיי — עס האָט פֿון אים זיך געריסן אַ וויטאַלקייט און פֿרייִדיקייט, וואָס האָבן זיך אָפֿט ניט געלאָזט באַהאַלטן אונטער די אומעט־שלייערן, אין וועלכע די דיכטונג פֿון דער צײַט האָט זיך געוויקלט. דער אײַנדרוק, אַז מילערן האָבן דער עיקר אויסגעטיילט פֿון די „יונגע" זײַנע „טעניס־לידער", וואָס האָבן געאָטעמט מיט יונגשאַפֿט און לעבנלוסטיקייט, וואָס איז געווען אַזוי זעלטן צו געפֿינען בײַ די אַנדערע, — דער אײַנדרוק פֿאַרשמעלערט אונ־דזער באַנעם פֿון יונגן דיכטער. ניט בלויז אין די „טעניס־לידער", נאָר אין אַלע אַנדערע פֿון זײַן ערשטער זאַמלונג („אויף גאָטס וועלט", 1919) האָט זיך געטראָגן אַ זעלטענע לעבנפֿרייד, אַ לויטערע פֿאַרליבטקייט אין לעבן — שטריכן, וואָס זײַנען געבליבן אייגנאַרטיק זײַן גאַנץ שאַפֿן, עד היום הזה.

בעת די אַנדערע „יונגע" האָבן לײַכט און גראַציעז געטראָגן אויף זיך די טאָגעס פֿון טרויער און פֿאַרצווייפֿלונג, אומעט און בין השמשותדיקער פֿאַרלוירנקייט, האָט זיך ל. מילער, אַפֿילו ווען ער איז אַרײַנגעפֿאַלן אין דעם טאָן, כּסדר געראַנגלט מיט דער פֿאַרלוירנקייט, ווי מיט אַ קליפּה, און געלאָזט די פֿרייד און די פֿאַרגלויבטקייט אין לעבן דורכגליִען זײַנע לידער, אַפֿילו ווען די שטימונג איז בײַ אים געווען אַ טונקעלע און דער טאָן אַ געפֿאַלענער. מילערן האָט שוין דעמאָלט אויסגעטיילט פֿון די יונגע די אינערלעכע קאָמפּולסיווקייט צו באַיאָען דאָס לעבן. בעת אַנדערע האָבן געהאַלטן אין שאָקלען דעם קאָפּ אויף ניין, האָט ער — אַפֿילו ווען ער האָט געשאָקלט אויף ניין, געהאַלטן אין איין שעפּטשען — דערווײַל שעפּ־טשען בלויז, ניט שרײַען — יאָ און יאָ און יאָ.

עס איז געווען אָט די אַפֿירמאַציע פֿון לעבן — געאָנט מער ווי באַ־גריפֿן — וואָס האָט מיך (און „אַזוינע ווי איך") צוגעצויגן צו ל. מי־לערס ליד נאָך אין יענע סאַמע ערשטע, פֿריִע, יונגלשע יאָרן. אַ מענטש האָט געזאָגט יאָ אין אַ צײַט ווען עס איז בפֿירוש געווען אין דער מאָדע צו זאָגן ניין. זײַן ליד האָט באַשטעטיקט, בעת אַנדערע האָבן געלייקנט. דעמאָלט האָב איך עס גיכער דערשפּירט. איצט, אין רעטראָספּעקט, ווערט עס פֿאַר מיר קלאָרער און זיכערער.

ב.

נאָך דעם איז געקומען דער מענטש.

נאָך אַ מאָל אין די 20־ער יאָרן. ל. מילער איז געקומען קיין טאָ־ראָנטאָ (דאַכט זיך, אין די אינטערעסן פֿון דעם זשורנאַל „קולטור", וואָס ער האָט דעמאָלט אָנגעהויבן אַרויסגעבן אין שיקאַגאָ). איך געדענק אים: אַ זיכערער טראָט, יוגנטלעכע אויגן, אַ שנעלער, שאַרער נישט מיידלשער שמייכל — האַלב פֿאַרשעמט, אָבער מיט אַן אונטערזוים פֿון מילדן, גוט־מוטיקן חוזק, זיכער אין זיך, וווּנדערלעך פֿאַרגלייבט אין דער אידייע און אין דעם דערפֿאָלג פֿון דעם נײַעם זשורנאַל, וואָס ער הייבט אָן אַרויס־געבן. ער האָט געברענט און אָנגעצונדן אַנדערע. ער איז געווען וואַרעם, צוגעלאָזן, און דערמוטיקנדיק. עס איז געווען זייער לײַכט צו ווערן חבֿר מיט אים (איך — אַ ייִנגל נאָך). איך געדענק מײַן כּמעט לירישע פֿאַר־גלייבטקייט אין אים, שעמעוודיק צוגעצויגן צו דעם ברען, צו דעם גלויבן, צו דער קולטור־מיסיאָנערישקייט וואָס ער האָט געטראָגן אין זיך.

נאָך דעם: צימערלעך הינטער אַ קראָם אין דעטראָיט, צווישן דער קראָם און דער דירה, מילערס דירה — עטלעכע טרעפּלעך אַרויפֿצוגיין (אמתע טרעפּלעך, צי ערשט איצט צוגעטראַכטע, מחמת דעם געפֿיל פֿון גיין אַרויף — ווער קאָן וויסן?). איך געדענק, דאַכט זיך, אַ קײַלעכדיקן עסטיש, באַדעקט מיט אַ גלאָז, און אונטערן גלאָז משפּחה־בילדער און בילדער פֿון קאָלעגן־שרײַבערס און — אויב דער זיכּרון נאַרט ניט — אַ בילד פֿון זײַן טאַטן, דעם רבֿ.

וואָס איך געדענק אָבער קלאָר און באַשטימט איז די וואַרעמקייט און די נאָענטקייט, וואָס ס'האָט זיך געטראָגן פֿון ל. מילערן — אַן ענטוז־זיאַסטישע באַהאַרצטקייט. ער האָט געשווינבלט מיט ליטעראַרישע פּלענער, מיט נײַע פֿאַרמעסטן. דער זשורנאַל „קולטור" האָט זיך לאַנג ניט גע־האַלטן — אַפֿילו מילערס שפּרודלדיקע ענערגיע און עקשנותדיקע באַ־מיונגען האָבן ניט געהאָלפֿן. עס איז ניט לײַכט געווען צו דערהאַלטן אַ ייִדישן זשורנאַל בײַם לעבן.

דער באַזוך איז פֿאַרגעקומען אין אַ פֿאַרנאַכטיקער שעה. שאָטנס האָבן אָנגעפֿילט דאָס הויז. די געדעכעניש פֿון באַזוך איז געבליבן אַ צעלויכ־טענע, אַ פּרימאַרגנדיקע, אַ העלע — אַן אָנהייב פֿון אַ נאָענטקייט אויפֿן גאַנצן לעבן.

נאָך דעם זײַנען געקומען יאָרן פֿון נאָענטער מיטאַרבעט. סאָלידע רינגלעך אין אַ קייט פֿון געראַנגלען, חלומות, אַרבעטן, שלאָגן זיך מיט פֿאַרגרעבטקייט און אַסימילאַציע אין ייִדישן לעבן, זיצונגען, באַראַטונגען, שעפֿערישע אַרבעטן צוזאַמען.

ל. מילער איז געווען אַ לערער אין די ייִדיש־וועלטלעכע שולן

אין אַמעריקע. ער האָט געאַרבעט מיט אונדז אין דער זומער־קאָלאָניע „קינדערלאַנד״, מיטגעאַרבעט און געשריבן אַ צאָל סענסיטיווע און קלוגע קינדער־לידער אין דעם קינדער־זשורנאַל „יונגוואַרג״, וואָס איך האָב אַ סך יאָרן רעדאַגירט.

אין משך פון דער גאַנצער צייט און צו יעדער אַרבעט האָט ער צו־געטראָגן דאָס, וואָס איז אייגנטלעך דער סינטעז פון זײַן פּערזענלעכקייט — אַ פאַרחלומטקייט געמישט מיט לעבנס־חכמה, פאַנטאַזיע געפּאָרט מיט אַ דערוואַקסענער סאָפיסטיצירטקייט, אַן אינערלעכער ברען געפּאָרט מיט אַ ניכטערער פּראַקטישקייט, אַ פאַרגלויבטקייט אין דער אידייע און אַ פאַרשאַרפט געפיל פאַר גערעכטיקייט, אַ נויטווענדיקייט צו זאָגן דעם אמת אין די אויגן אַרײַן, און — אויב נייטיק — זיך דורכקריגן, אַפילו מיט אַן אייגענעם.

אַחוץ זײַן דיכטערישער אַרבעט איז ל. מילער אַלע מאָל געווען אַ פּראַקטישער קולטור־טוער. ער האָט אַ סך צוגעטראָגן צום געראַנגל פאַר אונדזער ייִדיש־וועלטלעכער קולטור אין אַמעריקע — ווי אַ פאַרלע־גער, ווי אַ רעדאַקטאָר, ווי אַ לערער, ווי אַ קולטור־טוער.

ג.

נאָך דעם, נאָך יאָרן פון צוזאַמענאַרבעט און צוזאַמענלעבן זײַנען דער מענטש און דאָס ליד געוואָרן איינס. קיינער פון אונדז האָט נאָך ניט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט ל. מילערס דיכטערישן וועג. מיר וועלן פּרוּוון אין קורצן אָנטײַטן עטלעכע שטריכן, וואָס פאַר אונדז זײַנען זיי דער מהות פון ל. מילערס דיכטונג אין משך פון מער ווי 50 יאָר.

ל. מילער איז אַ טייל פון דער נײַער דיכטונג אין אַמעריקע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די „יונגע״, מיט מער ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק. זײַן קול האָט זיך אַלעמאָל געהערט אין אונדזער פּאָעזיע. ער איז, אים צו לאַנגע יאָר, איינער פון די לעצטע פון די ראשונים אין דער נײַער דיכטונג. ער איז, ווי יעדער דיכטער, באַאײַנפלוסט געוואָרן פון צײַט און סביבה (בעסער: פון צײַטן און סביבות) און ער האָט כסדר גע־שטרעבט, דורך זײַן ליד, ניט נאָר אָפּשפּיגלען — אָפּשפּיגלען אַליין איז שרעקלעך ניט גענוג אין דער קונסט! — די צײַט און דעם אַרום, אין וועלכן ער האָט זיך באַוועגט — נאָר זיי פאַרשטיין, אויסטײַטשן, דער־שפּירן, לײַטערן דורך זײַן אייגנאַרטיק בילד און אימאַזש, זיי אָנקליידן אין זײַן שטימונג, און העלפן דעם לייענער דערפילן, פאַרשטיין און דער־זען זיך אַליין ווי אַ טייל פון פאַרפלאָנטערטע טעג און געשעענישן.

אָבער, ווי יעדער דיכטער, און אפשר מער ווי אַנדערע, איז מילער אַלע מאָל געבליבן אייגנאַרטיק און געזונגען זיין אייגן געזאַנג. איינער פון די „יונגע״ (און די יונגע אַליין זײַנען געווען שטאַרק דיפערענצירט, אַנדערש איינער פון אַנדערן. טייל מאָל, האָבן זיי בלויז פאַרבונדן צײַט־

שײַכותן און די הילעס פֿון די זשורנאַלן און זאַמלביכער אין וועלכע זיי האָבן זיך געדרוקט), איז ער אָבער יאָ און ניט מיטגעגאַנגען מיט זיי. ניט זײַן טאָן און זיכער ניט זײַן פֿאַרשטענדעניש פֿאַרן געזעלשאַפֿטלעכן באַטײַט פֿון ליד, שוין אָפּגערעדט פֿון זײַן פֿאַרליבטקייט אין לעבן — האָבן אים פֿאַרבונדן מיט די „יונגע". שפּעטער, ווען ער איז געוואָרן אַן אינערלעכער און וויכטיקער גליד פֿון דער פּראָלעטאַרישער דיכטונג אין אַמעריקע, וואָס איז צום וואָרט געקומען בײַם אָנהייב פֿון די 20־ער יאָרן, איז ער נאָך אַלץ און דאָ אויך געבליבן אַן אַנדערשדיקער, אַן אייגנאַר־טיקער. ער איז קיין מאָל ניט אַרײַנגעפֿאַלן אין טאָן פֿון דעקלאַראַטיוון ליד, פֿון אומבאַהאָלפֿענער דידאַקטיק און שאַבלאָן — פֿון ליד וואָס האָט מסתמא געוווּסט וואָס עס וויל זאָגן, אָבער ניט געווען פֿייאיק אויף דעם ווי אַזוי פֿון דיכטונג. ער איז קיין מאָל ניט געוואָרן שרײַענדיק אָדער פּראָקלאַמירנדיק, מחמת ער האָט גוט געוווּסט, אַז ניט דאָס געשריי און ניט די דעקלאַראַציע קאָנען פֿאַרנעמען דאָס אָרט פֿון ליד.

מילערס ערשטער דיכטערישער שטריך איז קינסטלערישע אָרנטלעכ־קייט און השלמה. ניט געווען בײַ אים דער פֿאַלשער טאָן, וואָס קאָן אַזוי אָפּט מאַכן פֿון ליד אויס־ליד, אָדער אַפֿילו אַנטי־ליד.

אָבער דאָס איז נאָך ווײַט ניט אַלץ. דער עיקר בײַ ל. מילערן, אין דעם גרויסן צי אין דעם קליינעם ליד, איז דאָס בילד, דער אימאַזש, די דיכטערישע זעאונג. ניט נאָר אַ גראַפֿישער, נאָר אויך אַ דראַמאַטישער חוש פֿאַר סיטואַציע און בילד זאָגט אים כּסדר אונטער אין זײַן שאַפֿן. ניט נאָר דער געדאַנק טראָגט דאָס בילד, נאָר דאָס בילד דראַמאַטיזירט דעם געדאַנק. אַ קליינער פּרעציזער אימאַזש, אַ פֿאַראייניצלטער מאָמענט, וואָס האָט דורך דיכטערישן קלאַנג און פֿאַרב געזוכט צו פֿאַרגאַנצן אַ שטימונג אָדער אַן אידייע, פֿאַנגען דורך פּרט דעם כּלל. ער איז כּמעט קאַרג אויף ווערטער (ווי שטאַרק ער זאָל ניט האַלטן דעם באַרעדעווודיקן וואָלט וויטמאַנען ווי דעם רבין זײַנעם), אָפֿט קאַרג אויף בילדער. אָט די עקאָנאָמיע פֿון וואָרט און בילד שאַפֿט אַ קינסטלערישן צימצום, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דעם יונגן און פֿאַר דעם שפּעטערדיקן ל. מילערן. אַפֿילו אַ גרויס ליד באַשטייט אָפֿט פֿון אַ סעריע פֿאַראייניצלטע אימאַזשן, וואָס דערגאַנצן און דערזאָגן איינס דאָס אַנדערע — ווי אַ בײַטשל געקליבענע קרעלן, וואָס איז סײַ באַזונדער און סײַ צוזאַמען.

מילערן האָט אויסגעצייכנט אין ליד אַ געמיש פֿון פּשטות און חכמה. ער איז דורכויס דערוואַקסן, לעבנס־קלוג, צו מאָל סאָפֿיסטיצירט, אַלע מאָל אַנטי־בטלניש, אָפֿט — עלעגאַנט, אין זײַן שרײַבן. זײַן ליד פֿאַר־רעדט זיך כּמעט קיין מאָל נישט, נאָר רעדט באַזאַכט און „צום פּונקט", איין בילד כאַפּט אָן דעם סאַמע קנופּ פֿון געדאַנק, וואָס דער דיכטער וויל אונדז מסביר זײַן, אָדער די שטימונג וואָס ער וויל אָנהויכן אויף אונדז. אים איז בטבֿע פֿרעמד באַרעדעוודיקייט און ער זוכט כּסדר אַ דורכזיכ־טיקע פּשוטקייט, אַפֿילו אין אַ קאָמפּליצירט ליד („פּשוטקייט" — ניט

פּראָסטקייט, כאָטש מילער האָט אַ צאָל לידער זײַנע אָנגערופֿן „פּראָסטע לידער"). פֿון אָט דעם אינערלעכן פֿאַרלאַנג פֿאַר דיכטערישער קלאָרקייט, געפּאָרט נאַטירלעך מיט זײַן געזעלשאַפֿטלעכן קינסטלערישן באַוווּסטזײַן, קוואַלט אַרויס די אידייאישקייט אין מילערס ליד. אַפֿילו די שטימונג־לידער זײַנע זײַנען כמעט קיין מאָל ניט אָן אַן אידייע, אָן אַ געדאַנק. אָבער דער געדאַנק איז אָנגעטאָן אין בילד, מחמת דאָס בילד איז די שפּראַך פֿון דער דיכטונג. ער איז בלויז טייל מאָל געשטרויכלט געוואָרן און פֿאַרביטן דידאַקטיק אויף פּאָעזיע. ער האָט זיך אָבער שנעל געכאַפּט, מחמת קיין דיכטעריש פֿאַלשמינץ האָט ער ניט געקאָנט פֿאַרטראָגן. ער איז פּייאיק געווען אויף פֿאַרטיפֿטער, ריינער עמאָציע, קיין מאָל נישט אויף פֿאַרזיסטער סענטימענטאַלישקייט, וואָס גילט אָפֿט — אָדער דאַרף גילטן — ווי פֿילבאַרקייט.

מילערס פֿאַרליבטקייט אין לעבן און זײַן פֿאַרגלויבטקייט אין מענטשן גייען דורך זײַן דיכטונג ווי אַ זעלטן דינע שנור, אויף וועלכער ער האָט אָנגעהאָנגען און אָנגעצונדן זײַנע לידער־לאָמטערנדלעך. פֿריִער — נאַאיוו, אוממיטלבאַר, כמעט איסטינקטיוו, שפּעטער — באַוווּסטזיניק און געזעלשאַפֿטלעך באַזיניקט, פֿאַרטיפֿט, כאַראַקטעריזירט אָט דער שטריך זײַן גאַנצע שאַפֿונג. דער סאָציאַלער טאָן אין זײַן שאַפֿן ציט זײַן יניקה פֿון אָט דער ליבע צום מענטש און דער פֿאַרגלויבטקייט אין דער וועלט. ער האָט, דאַכט זיך, קיין מאָל אַנדערש ניט געשריבן — פֿון זײַן ליד וועגן טרײַענגל־פֿײַער אין 1911, און זײַן ליד „אין שאַפּ" (געשריבן צווישן 1913 און 1919, אײַנגעשלאָסן אין זײַן בוך). אַלע מאָל פֿילט זיך דער ברום, אָפֿט די טרער, צו מאָל דאָס געשריי פֿון דעם ליידנדיקן מענטש, פֿון דעם פֿאַרשעמטן מענטש און דעם דיכטערס פֿאַרלאַנג, טייל מאָל — זײַן פֿאַרשעמט געבעט, זיך צו אידענטיפֿיצירן מיט אים. די טרערן פֿון מיידל וואָס וויינט („אין שאַפּ") ווערן אַלעמענס טרערן און אַלע גייען יענעם טאָג אַרויס פֿון שאַפּ „מיט פֿאַרוויינטע אויגן". אַ וועלט האָט פֿאַרוויינטע אויגן, מחמת איין מענטש האָט הײַנט געוויינט.

דער גרונט־שטריך פֿון ל. מילערס דיכטונג איז נאָך אַלץ דער געלײַטערטער „כּי טובֿ", וואָס ער זאָגט אויפֿן לעבן. ער איז דער התלהבות־דיקסטער כּי טובֿניק אין דער יידישער פּאָעזיע. ווי צעשטיפֿטע קינדער לויפֿן מילערס לידער אַרום, מיט שטיקלעך זון אין די פֿאַרבענקטע אויגן, און טראָגן אַרויס זייער מישפּט איבער מענטש און וועלט: כּי טובֿ, כּי טובֿ, ווי גוט און שיין דו ביסט.

ל. מילער איז אַ מאמין, וואָס גלייבט בטבֿע אין מענטש — „בטבֿע איז ער גוט — דער מענטש", ניט קוקנדיק אויפֿן רישעות מיט וואָס דאָס לעבן איז פֿול, אין פּנים פֿון סאָציאַלן בייז פֿון באַליידיקונג און אונטערדריקונג און דערנידערונג פֿון מענטש — גייט עס ל. מילערס ליד ממש אין לעבן אַרויסצוגעפֿינען פֿאַר אונדז דאָס ערלעכע און דאָס גוטע. „ווו

מיר קערן זיך און ווענדן קומט דאָס גוטע אונדז אַנטקעגן", זאָגט ער, און — „איך זינג דאָס ערלעכע און גוטע".

מילערס ליבע צום לעבן שוימט איבער די ברעגן. ער איז פֿײַנלעך פֿאַרליבט אין דעם „קריגל לעבן" (דער נאָמען פֿון זײַנס אַ ליד) און זײַנע לידער האַלטן אין איין דערקלערן זייער ליבע צו דער וועלט: „ס'איז די וועלט די ליכטיקע, מיר זייער געפֿעלן" און „דאָס לעבן אייביק זײַנען מיר", און „דור־דורות — זײַנען מיר איינס צוס אַנדערן געגאַנגען" — אַ שכלדיקע גוטסקייט, וואָס פֿילט אָן דעם מענטש און די וועלט און וואָס שוימט אַפֿילו אַריבער פֿון דור צו דור.

מענטש, לעבן — כּי טובֿ!

דורך אַלע לידער גייט דורך אַן אוניווערסאַלער, כּמעט אַ פֿאַנטעאיס־טישער אָטעם — דער דיכטער פֿליסט זיך צונויף מיט דעם מענטש, מיט דער נאַטור אַרום. ניט צופֿעליק האָט מילער איבערגעזעצט, אָפּט איבער־געדיכט, וואָלט וווהיטמאַנען אויף ייִדיש. דער סך־הכּל פֿון מילערס דיכ־טונג איז אַ לויב־געזאַנג דעם לעבן — „צו דעם לעבן זינג איך שירה". זײַן ליד ציט זיך מיט פֿאַרבענקטע אויגן און אָרעמס צו דער צײַט פֿון ווײַסן יום־טובֿ (זײַן אויסדרוק) ווען אַ „בלינדע וועלט וועט ליכט דערזען".

אַזאַ געזאַנג פֿון דורכוויסיקער — סײַ עמאָציאָנעלער און סײַ אינטע־לעקטועלער — פֿאַרליבטקייט קאָן זיך בלויז אויסגיסן אין מאַיאָרע טע־נער און אין די סאַמע העלסטע פֿאַרבן. די זײַנען בטבֿע דער טאָן און די פֿאַרב פֿון מילערס ליד. אָט די העלקייט האָט פֿאַרפֿלייצט און פֿאַרזוניקט זײַן דיכטונג אין משך פֿון מער ווי אַ האַלב יאָרהונדערט. די באַשטעטי־קונג פֿון מענטש, דאָס יאָ־זאָגן אויף דעם מענטש, האָט געברומט ווי אַ צעליכטיקטער אָנזאָג אין יעדער שורה פֿון זײַן דיכטונג פֿון יענע פֿריִע יאָרן, ווען מילער האָט געשטעלט זײַנע ערשטע ניט־זיכערע טריט אין דער ייִדישער ליטעראַטור, ביז הײַנטיקן טאָג, ווען ער איז מיר־ניט־דיר־ניט־איך־ווייס־ניט־ווי־אַזוי — געוואָרן אַ בן שבֿעים־וחמש, אַ פֿינף־און־זיבע־ציקער.

(אָרום 1964)

מאַרטין בירנבוימס „לידער פֿון הײנט און נעכטן"

א.

„לידער פֿון הײנט און נעכטן" — אין לעצטן סך־הכּל טראָגן אַלע לידער פֿון הײנט אין זיך די נשמות פֿון די נעכטיקע לידער און ווי װײַט אַ מענטש זאָל ניט אַוועקוואַקסן פֿונעם נעכטן, גייט דער נעכטן מיט אים מיט, לויפֿט אים נאָך מיטן סטאַנדל אין דרויסן: „נעם מיך מיט אויף דער פֿור". אין לעצטן סך־הכּל זײַנען דאָס צוויי רינגלעך פֿון דער זעלבער המשך־קייט וואָס איז דער מענטש, אָדער — צוויי טענער פֿון זעלבן ניגון, וואָס איז ווידער און אָבער דער מענטש.

שלעכט איז ווען אַ מענטש זינגט זיך אַליין איבער, אָבער דאָס טרעפֿט זעלטן מיט אַן אמתן קינסטלער, כאָטש אַ מאָל קאָן זיך דאַכטן, אַז דער זעלבער ניגון חזרט זיך יאָ איבער. אין דער אמתן, איז עס בלויז וואַריאַציעס אויף אַ טעמע און אין יעדער וואַריאַציע איז פֿאַראַן עפּעס נײַעס, ניט נאָר פֿאַרן לייענער, נאָר אַפֿילו פֿאַרן שרײַבער גופֿא, ניט נאָר פֿאַרן צוקוקער נאָר פֿאַר דעם מאָלער גופֿא, אָבער אין יעדער וואַריאַציע — ברומט דער אַלטער ניגון, צי מיר הערן אים אָדער ניט.

ב.

פֿריִער פֿון אַלץ און איבער אַלץ איז מאַרטין בירנבוים דער גרויסער בעל־ביטחון, דער גרויסער מאמין. כאַראַקטעריסטיש ייִדיש, גלייבט ער „אַף על פּי שיתמהמה... אני מאמין". אַפֿילו ווען טויזנטער בייזע כּוחות לאָזן אים ניט גלייבן, קלאַמערט ער זיך אין ביטחון ווי אַ קינד אין טאַטן:

„ווי זאָל איך רו געפֿינען,
ווען אַלץ,
וואָס האָט געהאַט אַ זינען
און אַ גלויבן אַזאַ פֿעסטן,
און אַ צוזאָג
פֿול מיט שטראַלן —
איז פֿון אַלע ריינע הימלען
אין די בלאָטעס
אין די זומפּן
אַזוי שווער אַראָפּגעפֿאַלן.

נײַן, ניט פֿריילעך,
ניט דערהויבן.
ס'הענגט אַ נעפּל אויף די שויבן.
אפֿשר לאַכט די זון —
איך זע ניט!
אפֿשר לאַכט זי ווו, פֿאַרבאָרגן...
כ'זאָג ניט:
גוטע נאַכט, בטחון...
נאָר איך זאָג אויך ניט: גוט מאָרגן".

(ז. 189)

די לעצטע שורה איז בפּירוש ניט קיין לאָגישע אין הסכּם מיטן ליד — „נאָר איך זאָג אויך ניט: גוט מאָרגן". זי איז אָבער אַ פּסיכאָ־לאָגישע אין הסכּם מיטן דיכטער — דאָס איז דאָס ווײַטסטע וואָס ער דערלויבט זיך אָוועקגיין פֿון בטחון.

אַפֿילו אין פּנים פֿון טויט, אין אַ ליד „בײַ אַ פֿרישן קבֿר", דער־לאָזט ער זיך אַ זינג טאָן זײַן פֿאַרסך־הכּל:

„פֿון פֿײַן דער פֿאַרשטיקטער געשריי
איז אויך אַ סימפֿאָנישער קלאַנג;
און אַז זײַן אויף דער וועלט מיינט — זײַן!
און די לעצטע רגע בלויז — שטאַרבן..."

(ז' 26)

סאַראַ העלע צעזונגענקייט, וויפֿל האַראַדענקער ביטחון פֿילט אים אַן. אין זײַנע צאַרטע „לידער פֿון פּײַן" רעדט ער וועגן דעם, אַז „נאָר קומען וועט דער טאָג / איך ווייס / די דערלייזנדיקע שעה וועט קומען / און ווי דער ווונדערפֿויגל פֿעניקס, פֿונעם זשאַר / וועלן זיי זיך שטאָלץ און פֿרײַ / וועלן זיי צום לעבן / ווידער זיך דערהייבן".

דער „זיי" זײַנען די לידער זײַנע און די זיכערקייט, אַז זיי וועלן זיך דערהייבן נעמט זיך פֿון דער אומצעשטערטער ליבשאַפֿט צום לעבן — אַנדערש איז דער גלויבן ניט פֿאַרשטענדלעך.

אַפֿילו דער כּעס וואָס רינט דורך די לידער — אַט ווי אַ שטראָמעלע און אַט מיט געפּילדער — נעמט זיך נאָך אַלץ פֿון דעם גלויביקן וואָס לאָזט זיך ניט באַראַבעווען פֿון גלויבן, פֿון דעם גרויסן מאמין וואָס מע האָט בײַ אים די אמונה צוגעגזלט. אַפֿילו ווען עס זײַנען, דאַכט זיך, אויס־געלאָשן אַלע האָפֿענונגען, גלייבט ער נאָך, אַז ער גייט:

„צו אַ צײַט,
ביז איצט נאָך נישט דערגרייכטע

וואָס אפֿשר וועט זי
די נאַכטיקע,
די בלוטיקע,
די שוידער־שאָטנס
פֿון אָפּגעגנאַרטן גאַנג צו איך
מיט אַ טרייסטנדיקן שטראַל דערפֿרישן
און אויפֿלויכטן, אפֿשר, וועט אַ טאָג אַזאַ
וואָס וועט אַלע גרויל־פֿאַרפֿולטע נעכטנס
פֿאַרשווענקען און אָפּווישן".

(ז. 103)

אַט דער טאָן, דער אַלט־פּרצישער „האָף און גלויב", איז דער גרונט־טאָן פֿון בירנבוימס גאַנץ שאַפֿן. און ווי יעדער טיפֿער גלויבן איז ער אָפֿט אַן אַרויסרוף צו דער רעאַליטעט, צו די פֿאַקטן פֿון לעבן. עס איז בפֿירוש ניט לײַכט אַ זינג צו טאָן: „אַז אַ וועלט וואָס איז קראַנק און צעריסן / וועט אויפֿגיין געזונט און צעבליט" (ז. 137). אָדער:

„און מיט זייער געזאַנג פֿון בטחון,
מיט זייער דיכטערישן ברויז
וועל איך זעעוודיק גיין צום נצחון
פֿון אַלמענטשלעכן, גרויסן פֿאָרויס".

(ז. 141)

איך באַוווּנדער מאַרטין בירנבוימס אויסגעהאַלטענעם גלויבן.

מיט וואָכן צוריק, לייענענדיק דאָס נײַע בוך לידער, האָב איך מאַר־טינען פֿירגעוואָרפֿן, אַז איך בין חושד, אַז זײַן סופּער־אָפּטימיזם איז אַן איבערבלײַב פֿון די אַלטע פּראָלעטישע יאָרן, ווען דער מאַיאָרער טאָן און די אָפּטימיסטישע פֿראַזע איז געווען אַן אײַנגעמויערטער דע־ריגער קאָמ־פּאָנענט פֿון „פּראָלעטאַרישקייט" און סאָציאַליסטישן רעאַליזם. מ'האָט זיך געוויקלט אין אָפּטימיזם, ווי אין אַ באַשליק.

זײַן ענטפֿער:

— ווייסט, פֿאַרוואָס איך בין אַן אָפּטימיסט? מחמת איך גלייב נאָך אַלץ, אַז דער סאָציאַליזם קאָן און וועט גלײַכשטעלן און גוטמאַכן.

פֿון וואַנען אָט דער גאַנצער דיאַפּאַזאָן פֿון — אָפֿט ניט צום פֿאַר־שטיין — אמונה און גלויבן? פֿון אײן־איינציקן קוואַל: אָן אמונה איז ניטאָ קיין פֿרייד און אָן פֿרייד איז ניטאָ קיין געזאַנג און אָן געזאַנג איז ניטאָ קיין לעבן:

„דאָס פֿריידיקע ליד
איז ווי טוי פֿאַרן זינגער —

עס נערט אים,
עס שטאַרקט אים,
ווי רעגן דעם בוים
אַזוי גיט עס אים קראַפט:
עס בינדט אים צום לעבן,
עס בינדט אים צום מענטשן —
און צינדט אָן זײַן טרויער אַפילו
מיט פערל,
מיט טויִקע פונקען,
וואָס בליצן
ווי פלעמלעך פון האָפענונג און גלויבן
און צעלויכטן
פון אומעט די גרויקייט,
פון טרויער
די פראָסטיקע נאַכט״.

(ז. 172)

אָבער — פאַראַן אַ חזקה בײַ אונדז אין דער ליטעראַטור: די פרייד פון לעבן טאָר קיין מאָל ניט פאַרשטעלן די גרוילן וואָס דאָס לעבן וואַרפט אָן אויף אונדז, אַקוראַט ווי דאָס העלע געלעכטער בײַ שלום עליכמען פאַרדעקט ניט די טרער און באַהאַלט ניט דעם צער און דאָס רשעות.

מאַרטין בירנבוים האָט אויפגעכאַפּט דעם גאַנצן צאַפּל־גרויל פון אונדזער צײַט — די צײַט פון געשענדטן גלויבן און די באַליידיקטע פּאַנען. אין אַלע זײַנע לידער וואָס האָבן צו טאָן מיט די געשעענישן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד — וויי־געשרייען ניט קיין לידער, אַכצן און קרעכצן פון אַ משוגע־געוואָרענער צײַט — גייט נאָך אַלץ אויף די יללה פון דעם באַליידיקטן גלויביקן:

„מ'האָט צו פיל פאַנען שוין באַליידיקט
און פון זיי די פאַרב געשיילט,
צעטראָטן זיי
און אויסגעליידיקט,
געלאָזן זיי
אין בלוט און בלאָטע
און די וווּנדן ניט פאַרהיילט״.

(ז. 29)

אַנדערש ווי מיט צאָרן קאָן מען ניט אויסשרײַען דעם ווייטיק פון אָפּגענאַרט ווערן —

„עס קאַרטשעט זיך דאָס האַרץ
פֿון די נעכטיקע
גלויביק־שטאָלצע פֿאָנען־טרעגער
די מאַרשירער,
די מאַרטירער,
די איבער ערד־קײַלעך צעזייטע מיליאָנען...״
(ז. 40)

דאָס איז דאָס באַליידיקטע צעבראָכענע האַרץ וואָס האָט געזונגען לידער צום מאָרגן. און דער ווייטיק ווערט גרעסער, מחמת „דער גלויבן וואָס האָט יענע לידער געבוירן / גרויס איז געווען דאָן און שיין / אין בלוט טיף פֿאַרוואָרצלט / און אַריבערגעיוירן / אַ זמר דער צוקונפֿט / ערלעך און ריין״.

דער מענטש פֿון אונדזער צײַט איז אַ מענטש פֿון בראָכן, אַ מענטש וואָס מען האָט אים פֿאַרבעטן צו אַ — צו פֿאַראַפּראַזירן מאַרטינס ליד — „וויסטער פֿינצטערער חתונה״, צו פֿאַראַפּראַזירן אונדזער אַלעמענס גע־מיט — צו אַ שוואַרץ־חגא: „פֿון אַלע וויסטע חתונות / וואָס האָט דער־לעבט דער ייִד / מיר פֿון אַלע ווייטיקן / אָט דער ווייטיק בריט״.

דער מענטש פֿון אונדזער צײַט זיצט שבֿעה נאָך זיך אַליין — איובֿ־דיק, מיט שאַרבלעך קראַצט ער די ווונדן פֿון דער נשמה.

און ווי איוב — ווייל מאַרטין אַלץ ניט שעלטן גאָט — טראַכט איך מיר. אָבער דעם טאָג פֿון געבוירן — ווילט זיך אָפּט פֿאַרשעלטן.

ג.

איך טראַכט נאָך אַ מאָל — „לידער פֿון הײַנט און נעכטן״. דער ערשטער אײַנדרוק קאָן זײַן, אַז די לידער פֿון הײַנט זײַנען מסתּמא גע־וואָרן מער פֿאַרפֿערזענלעכט, אַז די נעכטיקע לידער זײַנען געווען מער סאָציאַל, מער געזעלשאַפֿטלעך. „שוין נישט דער זעלבער בירנבוים וואָס אַ מאָל...״ זאָגן זיי.

דאָס איז אין סאַמע תּוך פֿאַלש און קרום געטראַכט. מאַרטין איז גע־ווען און געבליבן אַ קינד פֿון זײַן צײַט, אַ קינד פֿון זײַן דור. ער האָט בלויז אויסגעביטן אַ ניט־קריטישן, ניט פֿרעגנדיקן, ניט אָפּפֿרעגנדיקן גלויבן אויף אַ קריטישן, מער דערוואַקסענעם, מער ריַיפֿן גלויבן. דאָס אַלץ. אין סאַמע תּוך איז ער כּמעט טראַדיציאָנעל — טראַדיציאָנעל ווי ער איז געווען אין יענע יונגע פּראָלעטאַרישע יאָרן און טראַדיציאָנעל האַראָדענקיש. אין תּוך איז ער המשך. אין תּוך מיינט עס — אויסוואַקסן, און ניט אָוועקוואַקסן. ווען מאַרטין זאָגט אין זײַן ליד: „מײַן נעכטן מײַן הײַנט״ — „איך האָב ניט קיין האָפֿט / אָן דיר / אָן מײַן דור...״ און אַ ביסל שפּעטער אין זעלבן ליד: „ווײַל כ׳האָב אין דײַן פּולס / מײַן אייגן געזאַנג...״ דערמאָנט עס מיך אין גאַנצן אין באָושאָווערס פּראָק־

לאַמירן „די פֿידל בין איך, די סטרונעס זײַט איר". אַט דער לייטמאָטיוו פֿון אידענטיפֿיקאַציע גייט דורך כּסדר — „וועלט, מײַן האַרציקע מײַן הייס געליבטע / דײַן אָטעם טראָגט זיך שטענדיק צווישן מײַנע לידער" (ז. 112). און אויף אַן אַנדער אָרט: „איך זינג מײַן ליד / צו אַלע זינ־גער / פֿון פֿאַרברידערונג־געזאַנגען / וואָס מיט זיי צו זינגען / איז אויך מיר באַשערט". דאָס זײַנען „הימנטיקע" לידער, וואָס קלינגען ווי „נעכ־טיקע".

זייער קלאָר, ניט נאָר וואָס ער רוקט זיך ניט אָוועק פֿון זײַן פֿראַ־לעטישן עבֿר נאָר ער טראָגט אים מיט זיך, ער איז פֿון אים אַרויסגע־וואַקסן. די וועלט האָט זיך בלויז געביטן און דער נאַיווער אינפֿאַנטילער פּרימיטיוויזם פֿון יענע יונגע פּראָלעטישע יאָרן האָט געמוזט אָפּטרעטן. דער דיכטער איז געוואָרן מער פֿאַרטיפֿט, מער קאָמפּליצירט, מער קרי־טיש, מער דערוואַקסן.

מאַרטין בירנבוימס טאָן און סטיל זײַנען אין סאַמע תּוך — קלאָר, אָפֿן, דירעקט, צו מאָל שיִער ניט פּראָזאַיִש. זייער אָפֿט איז ער אין זײַן פֿורעם איצט גיכער דער זאָגער ווי דער זינגער. דער גראַם קומט בלויז דעמאָלט ווען ער קומט פֿון זיך אַליין. דער עיקר ווערט דאָס ליד דיק־טירט פֿון פֿאַרלאַנג געהערט צו ווערן, פֿאַרשטאַנען צו ווערן, פֿון פֿאַרלאַנג עס אַרויסצושרײַען. בלויז אין אַ ליד „שטימונגען", קאָן זיך מאַרטין פֿאַרגינען אַ זאָג טאָן: „זינג איך זעלטענער מײַן ליד / און אינעם טונקל / כּ׳פֿיל אַלץ אָפֿטער / אַז איך זינג פֿאַר זיך אַליין".

ניין, ניט אמת, בפֿירוש בלויז אַ שטימונג, ניט מער — אַ פֿאַרגיי־יִקע שטימונג — אַזאַ וואָס איז בפֿירוש ניט אין כּאַראַקטער און ניט אין טאָן, אַ סימן, אַז 20 זײַטן פֿריִער זינגט ער:

„און ווען ס׳פֿאַרציִען נעפּלען
אַלע שטערן
און עס זעט זיך ניט קיין ווײַט —
זינג איך,
אינעם נעפּל־נעץ געפֿאַנגען,
דאָס ליד פֿון בענקשאַפֿט
נאָך דער פֿרייד פֿון מאָרגן,
אַז דאָס ליד פֿון יום־טובֿ
זאָל נאָך קומען אין מײַן צײַט!

(ז. 132)

און בכּלל רײַסט זיך דער אומאויפֿהערלעכער גלויבן „אין ליכט פֿון יום־טובֿ און אַ לחיים צום לעבן".

אַ געמיש פֿון הײַנע און עדעלשטאַט, אַ געמיש פֿון טראַדיציע און אינאָוואַציע, פֿון אַלט און נײַ, פֿון נעכטן און הײַנט.

ער איז אין סאַמע תּוך געווען און געבליבן דער געזעלשאַפֿטלעך באַטייליקטער קינסטלער, פֿאַרנומען מיט דער וועלט, וואָס ער לאָזט דורך דורך זײַן פּריזמע.

מאַרטינס טאָן? דער טאָן פֿון אונדזער אין מענטש פֿאַרוויקלטער, צום מענטש פּינגער פֿון ליבשאַפֿט אויסשטרעקנדיקער ליטעראַטור — פֿאַראַן אַ טראַדיציע בײַ אונדז: דער מענטש, דאָס וואָס אַ שרײַבער האָט אָנגערופֿן "The main human enterprise".

ד.

אין סאַמע תּוך שפּירט זיך אין בירנבוימס לידער דער טאָן פֿון שליחות — דאָס ליד ווי אַ מיסיע, דאָס ליד ווי אַ נביאיש וואָרט. אויפֿן קלאָרסטן אופֿן האָט עס אויפֿגעכאַפּט אין דער מאָדערנער ייִדישער פּאָעזיע איציק מאַנגער: „איך האָב דאָך געטאָן דײַן שליחות, געטראָגן דײַן געטלעך ליד...", זינגט ער. דאָס ליד איז בײַ מאַרטינען דער וועקער פֿון געוויסן. אָבער ער גייט ווײַטער פֿון דעם, דאָס ליד קומט בײַ אים כּמעט אין אַ טראַנס, דאָס ליד איז אַנטפּלעקעריש, התגלותדיק, עפּיפֿאַניש. די נאַכט „רוימט מיר אין אויער אַרײַן אירע לידער" (ז. 115), דערקלערט ער אונדז. און די לידער קומען צו אים „אומדערוואַרט" (ז. 77), „כאַטש זיי ברענגען פֿײַן אַ סך און קלאָרקייטן אַזעלכע וואָס דערשרעקן און אויך דאָס פּלוצימדיקע, דאָס ניט דערוואַרטע ליד" (ז. 76). דאָס ליד, הייסט עס, איז וויזיע, עקספּלאָסיוו און רײַסט זיך אַרויס פֿון די סאַמע אורטיפֿענישן פֿון געמיט און שטימונג, אָפֿט — ניט דערוואַרט און ניט געבעטן.

אָבער דאָס ליד קאָן ניט זײַן בלויז אינסטינקט און עקספּלאָסיווע שפּירונג, מחמת ער ווייס אַז לידער זײַנען „ברויט און סם און ווײַן" (ז. 78) און „מיטן ליד / קומט אויך די טרייסט / און דער ריינער קלאַנג / דער נאַכטיק צאַרטער גלאָק / וואָס הערט ניט אויף/ וואָס מוז / דאָס אייגענע געוויסן וועקן". (ז. 76).

משמע, אַז די אַזוי גערופֿענע „ניט דערוואַרטע" און „פּלוצימדיקע" לידער שטייען זיך אויס מי יודע ווי לאַנג אין די סאַמע טיפֿסטע צערן אָדער פֿרייד־אײַנגעוויידן פֿונעם דיכטער, זיי יערן און ברײַען זיך אויס, זיי געסטירן אין אונטערבאַוווּסטזײַן ווער ווייסט וויפֿל יאָרן (אויב ניט דורות). בלויז זייער אויפֿטויכן צו דער אויבערפֿלאַך איז פּלוצימדיק און ניט דערוואַרט. אין דער אמתן, בלײַען זיי, ווי טונקעלע בלומען, אין די טיפֿסטע ממעמקימס פֿון באַוווּסטזײַן און אונטערבאַוווּסטזײַן.

דאָס ליד ווערט געשריבן אין דער שרעקלעכסטער איינזאַמקייט, אין אַ רגע פֿון אויפֿגערודערטער שטימונג, פֿאַר אַ לייענער וואָס ווערט עס לייענען אין וווּנדערלעכער אַליינקייט און ווערט דאַרפֿן דאָס ליד דעשיפֿרירן און עס צוריק צונויפֿשטעלן, ווי דער טעלעוויזאָר טוט עס מיטן בילד וואָס

טראָגט זיך אַ ניט געזעענס אויף לופֿט־כוואַליעס. בכלל, מוז אַ ליד אויס־געבלוטיקט ווערן, — דער „בדמיך חיי״ גילט גאָר שטאַרק פֿאַרן ליד: „אין דײַן בלוט זאָלסטו לעבן״.

דעם דערציילער איז גרינגער: ער שאַפֿט זײַנע העלדן און לעבט מיט זיי, הערט זיך צו צו זיי — מחמת אָפֿט לעבן זיי מיט זייער אייגן לעבן.

אָבער אין דער גאַנצער אַליינקייט טאָר דער דיכטער ניט — קאָן ניט — פֿאַרגעסן, אָדער ניט זען, דעם לייענערס אויערן, געמיט און האַרץ. בירנבוים, האָב איך דאָס געפֿיל, זעט אַלע מאָל זײַן לייענער, איז וווּנ־דערלעך פֿאַרטאָן מיט אים און וויל אים דערגרייכן.

* *
*

דער אימאַזש איז דאָס לשון פֿון ליד. דער ריטם איז דער ניגון פֿון ליד. די נשמה פֿון ליד איז די אַלעגאָריע, דער סימבאָל, דער משל.

איינס אָן אַנדערן איז ניט דענקלעך, אפֿשר אַפֿילו ניט ליד. אַפֿילו דאָס ריינע שטימונג־ליד איז אין סאַמע תוך אַ סימבאָל אָדער משל אײַנ־געהילט אין אימאַזשן־קליידלעך, וואָס דעקן צו דעם געדאַנק אָדער דעקן אים אויף.

עס גייט געוויינטלעך ניט בלויז אין ווערטער, נאָר אין נשמות פֿון ווערטער. אַפֿילו די אימאַזשיסטן וואָס האָבן זיך געסטאַרעט צו באַניצן מיט וואָס פשוטערע טאָג־טעגלעכע ווערטער, אַפֿילו זיי האָבן פֿאַרשטאַנען און געזוכט דעם סימבאָל פֿון וואָרט, די קעלערשטוב פֿון וואָרט.

דער אימאַזש טראָגט אַלע מאָל אידייע אין זיך. טייל מאָל עקספּלאָ־סיווע אויפֿרײַסנדיקע אידייע. דער יאַפּאַנעזישער פּאָעט בוסאָן שאַפֿט אַזאַ אימאַזש: „בעפֿאָר די ווײַט קריסאַנטימום / די סיזאָרס העסיטייט / פֿאַר אַן אינסטאַנט״, וואָס וואָלט זיך איבערגעזעצט אויף ייִדיש: „פֿאַר דער ווײַסער כריזאַנטעמע גיט זיך דאָס שערל אַ וואַקל אויף אַ רגע״, אָדער אַפֿילו: „פֿאַר דער ווײַסער כריזאַנטעמע פֿאַרהאַלט דאָס שערל אויף אַ רגע דעם אָטעם״.

דער אימאַזש איז אַזוי אויפֿרײַסנדיק, אַז קאָמענטירנדיק אויף אים, שרײַבט דער שפּאַנישער פּאָעט אָקטאַוויאָ פּאַז: „דהעט אינסטענט רעווילס די יוניטי אָוו ביאינג. אָל איז סטיל ענד אָל איז מאָשן. דעטה איז נאָט ע טהינג אַפּאַרט; איט איז, אין ען אינעקספּרעסעבל ווײ, לײַף״.

(„די־אַ רגע אַנטפּלעקט פֿאַר אונדז די איינהייט פֿון זײַן. אַלץ איז באַוועגלאָז און אַלץ איז באַוועגונג. דער טויט איז ניט קיין זאַך פֿאַר זיך; ער איז, אין אַן אופֿן וואָס לאָזט זיך ניט אויסדריקן, לעבן״.)

ניט שייך — און אפֿשר איז יאָ שייך — אַרײַנגיין אין דער שײַכות צווישן ליד און געזעלשאַפֿטלעכקייט. די שייכדיקייט איז אַ תּמידיקע. ליד איז לעבן, האָט געזאָגט, דאַכט זיך, לעצטנס, גווענדעלין בענעט, די גרויסע נעגרישע דיכטערין. אָבער די שייכדיקייט פֿון ליד און לעבן מוז

ליגן אין דער טיף. דעקלאַראַציע איז קיין מאָל ניט געווען ליד. זיי האָבן פֿאַרגוואַלדיקט דאָס ליד, די וואָס האָבן געמיינט, אַז פּראָסטקייט איז ליד אָדער הורא איז ליד און דרדקי־פֿלאַפּלערײַ — איז ליד.

דער פֿאַקט איז, אַז לויטערקייט און אמת פֿון ליד מאַכט פֿון דעם במילא אַ געזעלשאַפֿטלעך ליד, ווײַל ליטעראַטור און געזעלשאַפֿט זײַנען ווונדערלעך און תּמידיק פֿאַרבונדן. אָבער קודם־כּל און איבער־כּל — מוז ליד זײַן ליד!

* *

*

לאָמיר ציטירן די רייד פֿון אַ ייִדישן שרײַבער וועגן ליטעראַטור:

„עס זײַנען געווען אייראָפּעיִשע שרײַבערס אין 19טן יאָרהונדערט, וואָס וואָלטן קיין מאָל ניט אויפֿגעגעבן די שײַכות צווישן ליטעראַטור און דעם מענטשנס שטרעבן צו טאָן. דער בלויזער געדאַנק וואָלט שאָקירט טאָל־סטאָיען און דאָסטאָיעווסקין...״

און קריטיקירנדיק די מאָדערנע ליטעראַטור, זאָגט ער: „אָבער אין מערבֿ איז פֿאָרגעקומען אַ פֿונאַנדערשייד צווישן גרויסע קינסטלער און דעם אַלגעמיינעם לייענער־עולם. זיי [די שרײַבער] האָבן אַנטוויקלט אַ קענטיקן ביטול צום דורכשניטלעכן לייענער... אַ באַשטימטע טראַגישע שוואַכקייט וואָס האָט ניט דערלאָזט אַז זיי זאָלן זײַן אי פּשוט און אי אמתדיק...״

און ער פֿאַרענדיקט:

„...דאָס אַלץ ברענגט מיך צום באַנײַטן גלויבן, אַז דאָס גוטע צו וועלכן מיר קלאַמערן זיך אַזוי פֿאַרעקשנט — אין פּנים פֿון רשעות, אַזוי אײַנגעשפּאַרט — איז ניט קיין אילוזיע״.

— זייער שיין. ווער האָט עס געזאָגט?

— אַ נאָבעל פּריז־געווינער אין ליטעראַטור.

— ווו האָט ער עס געזאָגט?

— אין אָסלאָ.

— ה־ם. אַ ייִד?

— אַ ייִד.

— אין 1978?

— משוגע. אין 1976.

— אַ. ניט באַשעוויס־זינגער?

— מײַנע שונאים... סאָל בעלאָו.

ה.

האָראָדענקאָ דאָס איז דאָס תּמידיק בלײַענדיקע שוואַרצבלימל אין האַרצן פֿון בירנבוימען, ווי נאָרייעוו איז געווען משה נאַדירס „קרוינשטאָט פֿון מײַן לעבן״.

בלויז דער משחית, דער נאַצי האָט געקאָנט מיינען, אַז מיטן אומ־

ברענגען די טויזנטער יידישע שטעטלעך, רײַסט ער זיי אַרויס פֿון אונ־דזערע הערצער. די שטעטלעך זײַנען מער ניטאָ, האָבן מיר איבערגע־טראָגן די אויסגעריסענע וואָרצלען אין דער פּרוכטיקער ערד פֿון פֿאָלקס־זכּרון, פֿון אונדזער אייגענעם זכּרון און געשאַפֿן פֿאַר זיך שטעטלעך של מעלה. יעדעס שטעטל איז אַ נר־תּמיד וואָס ברענט אין האַרצן און לאָזט אַרויס אַ קרעכץ מיט יעדן צאַפּל פֿון דער קנויט, און די קנויט צאַפּלט זיך תּמיד.

מאַרטין לויפֿט כּסדר צוריק צו האָראָדענקאָ. ער איז זייער דער־וואַקסן און בלײַבט זייער דאָס קינד וואָס לויפֿט צוריק אַהיים און האָ־ראָדענקאָ מיינט דער טאַטע. ער זעט דעם טאַטן אויף צוויי פּלאַכן: אין מאַסן קבר מיט די האָראָדענקער („און גלײַכצײַטיק זע איך אויפֿלויכטן מײַן טאַטנס אומעטיקע ברוינע אויגן", ז. 72). ער זעט אים „ווי בײַם לעצטן אָפּשייד / מיט שמייכלענדיקן אומעט / אויפֿן האָראָדענקאָ באַנהויף שטיין" (ז. 133), אָבער דעם טאַטנס ניט באַוווסטער יאָרצײַט ווערט האָ־ראָדענקאָס יאָרצײַט־דאַטע. און דער קדיש נאָכן טאַטן ווערט אַ קדיש נאָך האָראָדענקאָ, דאָס שטעטעלע פֿון וואַנען ער האָט זיך אַוועק־געריסן בלײַבט, ווי בײַ יעדן פֿון אונדז, די קינדהייט פֿון וועלכער מיר רײַסן זיך אַוועק, בלויז כּדי תּמיד צוריקצוקומען צו איר.

טראַכט איך: אַ לעבן לאַנג לויפֿן מיר אַוועק פֿון זיי, פֿון די טאַטעס — אָדער מאַמעס — לויפֿן אַוועק אַזוי לאַנג ביז מיר ווערן אַליין זיי — די טאַטעס, די מאַמעס, אונדזערע.

ד ע ר ס ך־ה כּ ל:

בירנבוים איז קאָמפּליצירט — בירנבוים איז פּשוט, שיער ניט סימ־פּליסטיש.

מ. בירנבוים איז פֿאַרטונקלט — נאַכטיק, מ. בירנבוים איז דורכ־זעיִק ווי אַ וואַסערל, אָפֿט — בונט ווי אַ זומער־נאָכמיטאָג אויף די גאַלי־צישע לאָנקעס.

מאַרטין איז סאָפֿיסטיצירט, אורבאַניסטיש — מאַרטין איז האָראָ־דענקיש, קליינשטעטלדיק.

ער שרײַבט דאַכט זיך לײַכט, אָבער ס'איז בזעת אַפּך — מיטן שווייס פֿון דער נשמה.

בירנבוים איז באַרעדעוודיק, מרבה־דבֿרימדיק — בירנבוים איז גע־צאַמט, זשאַלעוועט אַ וואָרט.

מאַרטין איז גלויביק, אמונהדיק — מאַרטין איז אָפֿט פֿאַרצווייפֿלט יאושדיק, קיין מאָל ניט ציניש.

מאַרטין איז סענסועל און דין סענסיטיוו.

מאַרטין איז ניכטער — מאַרטין איז פֿאַרשיכּורט.

ער איז דידאַקטיש, טײַטשט אויס און אָפֿט שקאַצעוואַטע צעשפּילט.

ער איז רעאַליסטיש — ער איז צעחלומט סוררעאַליסטיש.

ער איז אייגנאַרטיק — ער איז אין גאַנצן נוסח; ער איז הײַנטיק — און אין גאַנצן טראַדיציע, ער איז פֿאַר זיך אַליין — און אין גאַנצן אין טאָן פֿון אַ ליטעראַטור, פֿון אַ גרויס פֿאָלקישער ליטעראַטור.

ער איז אַ קינד פֿון אַ דור און אַ צײַט — און ער רירט אָן מיט זײַנע לידער, ווי פֿינגער, דעם מאָרגנדיקן טאָג. דער עיקר איז ער פֿאַרליבט אין מענטשן ווי אין אַ זון־אויפֿגאַנג.

ער זינגט — ווי פּאַבלאָ נערודאָ האָט אַ טייל פֿון זײַנע לידער באַ־צייכנט „קאַנטאָס דע ווידאַ אי עספּעראַנסאַ", לידער פֿון לעבן און האָפֿע־נונג — די גורל־לידער פֿון אונדזער דור.

מיט איין וואָרט: ער איז מאָטל פֿון האָראָדענקאַ און ניו יאָרק.

חיים סלאָוועס

א.

חיים סלאָוועס איז פֿון די געציילטע — און אין טעאַטער דער איינציקער — וואָס האָט זיך באַוויזן אין דער ייִדישער ליטעראַטור ערשט נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין די פֿערציקער יאָרן. אַ געפּרוּווטער פֿון די יסורים און דעם אויף־לעבן־און־טויט גערעאַנגל פֿון אונדזער פֿאָלק, האָט ער גלײַך, טיפּיש ייִדיש, טראַציק פֿונאַנדערגעוויקלט אין „המנס מפּלה״ די טעזע, אַז די מפּלה וועט זײַן היטלערס, אַז דאָס פֿאָלק וועט איבערלעבן זײַנע שונאים. די פּיעסע האָט ח. סלאָוועס פֿאַרענדיקט, ווי ער דערציילט, „ווען די היטלער־אַרמייען זײַנען געשטאַנען שוין הינטער פּאַריז, און מיט דער לעצטער פּאָסט אַוועקגעשיקט אַן עקזעמפּליאַר צו מײַן פֿרײַנט ג. בוכוואַלד אין ניו־יאָרק״. דאָס איז געווען אין 1939טן יאָר.

פּאַריז איז באַלאַגערט, היטלערס חיילות פֿאַרפֿלייצן אייראָפּע, דער גורל פֿון פֿאָלק איז פֿאַרחתמעט, און אַ יונגער, קוים 34־יאָריקער ייִדישער שרײַבער, אין מיטן פֿון דער גרוילִיקסטער טראַגעדיע, שאַפֿט דווקא אַ קאָמעדיע. אין פּנים פֿון גיהנום און אונטערגאַנג וואַרפֿט ער דער גלײַכגילטיקער וועלט אין פּנים אַרײַן דווקא דעם דויער און דעם כּוח־הקיום פֿון פֿאָלק. איז דאָס נאָך ניט גענוג: גייט ער בכּיוון צוריק צו דער אורשפּרינגלעכער פֿורעם פֿון דער ייִדישער דראַמאַטורגיע, צו דעם טראַדיציאָנעלן פּורים־שפּיל. מחמת וואָס טוט ער דאָס? כּדי, פֿון איין זײַט, זיך אײַננורען אין דער טראַדיציע, וואָס איז אין אַ סכּנה זי זאָל אויסגעלאָשן ווערן, און גלײַכצײַטיק אָנטײַטן, אַז פּונקט ווי דער פּורים־שפּיל איז געווען אַ בראשית, וועלן מיר איצט, נאָכן חורבן, אַפֿילו אויב בלויז געציילטע פֿון אונדז וועלן בלײַבן, שאַפֿן אַ נײַעם בראשית. ניט וויכטיק באמת, צי סלאָוועס האָט עס אַזוי געזען אין דעם באַלאַגערטן פּאַריז, אין 1939טן יאָר. וויכטיק איז, ווי מיר זעען דאָס איצט, וואָס די געשיכטע האָט מיט דעם געטאָן — די ערשטע פּיעסע, אין דער מיט און נאָך דעם חורבן, איז געווען: אין פֿורעם — פֿיל־וויִציק, אַ פּורים־שפּיל, אין אינהאַלט — אַן עם ישׂראל חי־דעקלאַראַציע, אין טאָן טראַציק, קאָמעדיש און הײַטער.

טראַציק? קאָן זײַן. גיכער: עס קשה עורפֿדיק. אַבסורדאַל? קאָן זײַן.

טיילן פֿון דער רעדע, געלייענט בײַם אָוונט צו פֿאַרצייכענען דאָס דערשײַנען פֿון חיים סלאָוועסעס „אין און אַרום״, ניו־יאָרק, דעצעמבער, 1970.

אָבער לאָמיר זיך ניט וואַרפֿן מיטן אַבסורד. אָפּט, אין אַ משוגע געוואָרענער וועלט, איז ער די איינציקע מאָס פֿון לאָגיק, פֿון שׂכל הישר, דער אמתער (קרומער) שפּיגל פֿון דער (קרומער) וועלט.

אַ קלאַסישער בײַשפּיל איז נאָך אַלץ שלום עליכם. מי יודע וויפֿיל צענדליגער יאָרהונדערטער יידן שטייען שמונה עשׂרה. אָבער ווען שלום עליכם דערציילט, אין זײַן איינציקער דערציילונג פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה, „טויזנט און איין נאַכט", ווי די דײַטשן הענגען אויף דעם רבֿ, און דער קערפּער הענגט איבער נאַכט און ווערט פֿאַרפֿרוירן, זאָגט ער, שלום עליכם, אַז „דער רבי הענגט שמונה עשׂרה".

אין אַ וועלט, פֿאַרפֿלייצט פֿון רשעותדיקן שיגעון, איז מער לאָגיש אַ רבי, וואָס הענגט שמונה עשׂרה, ווי ער זאָל שטיין שמונה־עשׂרה. אין אַ היטלער־וועלט איז לאָגישער צו נעגירן די ברוטאַליטעט מיט אַן אַל־טער פּורים־שפּיל קאָמעדיע.

אָבער פֿון וואַנען האָט חיים סלאָוועס גענומען דעם כּוח פֿאַר אָט דער סטירדישקייט און די חכמה פֿון אַ פּורים־שפּילער־מיצל אין מיטן קאַטאַ־סטראָפֿע? פֿון דעם איינציקן קוואַל פֿון שעפֿערישקייט וואָס ער האָט גע־קאָנט — פֿון פֿאָלק. אַ סימן: צען יאָר שפּעטער, אין 1949, ווען „המנס מפּלה איז אַרויס אין בוך־פֿאָרעם, שרײַבט חיים סלאָוועס אין אַרײַנפֿיר־וואָרט:

„אומגעעענדערט איז געבליבן — און פֿילפֿאַכיק נאָך פֿאַרטיפֿט — די ליבע צום פֿאָלק־שאַפֿן, דער ציטער פֿון דרך־ארץ און באַוווּנדערונג פֿאַר די אומבאַזיגבאַרע לעבנס־כּוחות און פֿאַרן וווּנדערלעכן אָפּטימיזם פֿון אונדזער פֿאָלק.

„מער נאָך ווי תּמיד איז דאָס פֿאָלק הײַנט ווי די שוואַרצערד, וואָס גיט יניקה, און, גלײַכצײַטיק, ווי די ליכטיקע זון, צו וועמען עס ציט זיך יעדע לעבעדיקע פֿלאַנץ פֿון עכטער קונסט".

אויב איר ווילט, איז דאָס דער שליסל צו חיים סלאָוועסעס גאַנץ שאַפֿן.

ב.

ס'רובֿ, אייגנטלעך אַלע, סלאָוועסעס דראַמעס זײַנען אויף היסטאָרישע טעמעס. אין פֿורעם איז ער בפֿירוש ניט געבליבן בײַ דער פּורים־שפּיל טראַדיציע. פֿאַרקערט, ער האָט זיך געראַנגלט, ווי יעדער קינסטלער ראַנגלט זיך, צו געפֿינען די בייטיקע פֿורעם פֿאַר יעדער נײַער דראַמע. „ברוך פֿון אַמסטערדאַם" איז אַפֿילו געשריבן אין פֿרײַען פֿערז. נאָך אַלעמען, איז דער סטיל בײַ יעדן קינסטלער ניט מער ווי דאָס געשטאַלט פֿון זײַן געדאַנק און געפֿיל, די פֿאַרבילדלעכטע אידייע פֿון זײַן שאַפֿן. דער אינערלעכער געראַנגל פֿאַר דער געשטאַלטונג גייט כּסדר אָן. די אידייע אַליין ראַנגלט זיך צו געפֿינען פֿאַר זיך די פּאַסיקסטע געשטאַלטונג.

איך מיין, אַז חיים סלאָוועס האָט געפֿונען זײַן אויסדרוק אין דער דראַמע, ניט בלויז מחמת דער נייגונג צום טעאַטער וואָס ער האָט געהאַט,

ווי ער שרײַבט, נאָך פֿון די קינדער־יאָרן, נאָר גיכער אפֿשר, מחמת די דראַמע איז מער מסוגל צו געבן פֿורעם צו די קאָנפֿליקטן, דעם געראַנגל פֿון כּוחות און קאָנפֿראָנטאַציע פֿון אידעעס וואָס זײַנען די עיקרדיקע דער־קען־סימנים פֿון אונדזער צײַט.

דעם מענטשנס אייביקער געראַנגל, זײַן תּמידיק זוכן זיך און די וועלט, ווי דאָס האָט זיך מאַניפֿעסטירט אין ייִדישן לעבן — איז די צענטראַלע טעמע פֿון חיים סלאָוועסעס אַלע דראַמעס.

עטלעכע מאָל — אי אין די אַרײַנפֿירווערטער צו די דראַמעס און אי אין זײַנע עסייען — פּרוּווט סלאָוועס מסביר זײַן דעם לייענער דעם זין פֿון אַ היסטאָרישער דראַמע, אים באַווײַזן, אַז אַן אמתע היסטאָרישע דראַ־מע איז בעצם אַ הײַנטצײַטיקע:

„היסטאָרישע דראַמע, אויב זי איז נאָר דראַמע און נישט היסטאָריאָ־גראַפֿיע, מוז אָטעמען מיט דער עפּאָכע פֿון מחבר. מער נאָך, זי קאָן אַמאָל, מחמת איר געשיכטלעכער פֿאַרגאַנצטקייט און ענדגילטיקער אויסקריסטאַ־ליזירונג, זײַן מער „אַקטועל" ווי פֿיל אַקטועלע, אָבער נישט בעצם כאַ־ראַקטעריסטישע צײַט־פּיעסעס" („וועגן זיך און מײַן שאַפֿן").

און אין דעם אַרײַנפֿיר צו „די מלחמה מיט גאָט" גיט ער צו:

„ווי ווײַט און טיף דער שריפֿטשטעלער זאָל גראָבן אין דער פֿאַר־גאַנגענהייט, זוכט ער תּמיד און געפֿינט בלויז אַן אָפּבילד צו זײַנע אייגענע טעג און פֿון זיך אַליין. ווען נישט, איז ער בלויז היסטאָריקער, אָבער ניט קינסטלער. און דווקא דער הײַנט ברענגט טיילמאָל דעם שליסל צו דעם, וואָס האָט אויסגעזען אַזוי משונהדיק אומפֿאַרשטענדלעך אין דעם נעכטן".

זוכן ענטפֿערס אויף פֿראַגעס וואָס פּלאָגן דעם מענטשן איז דער זין פֿון חיים סלאָוועסעס שאַפֿן. אייגנטלעך, דער זין פֿון יעדער שאַפֿונג אין אַלע צײַטן. די היסטאָרישע דראַמע איז צום בעסטן מסוגל אונדז העלפֿן געפֿינען ענטפֿערס. ערגעץ מוז דאָך דער אמת ליגן — אויב ניט אין הײַנט, איז אין נעכטן.

די דראַמאַטישע פֿורעם פֿאַרשפּיצט די קאָליזיעס, פּרוּווט זיי אויס־קלאָרן. אינטערעסאַנט, אַז דאָס איינציקע ווערק אין דער ביבל, וואָס וואַרפֿט אַרויסרופֿן צום דרך־עולם און פֿרעגט אָפּ דעם גאַנג און שׂכל פֿון דער וועלט איז, גלײַכצײַטיק, דאָס איינציקע ביבל־ווערק, וואָס קומט צום נאָ־ענטסטן צו דער דראַמאַטישער פֿורעם — דער ספֿר איובֿ.

אָבער — פֿאַרוואָס היסטאָרישע דראַמע? מחמת אין דער צײַט פֿון טראַגישן איבערגאַנג אין וועלכער מיר לעבן, ווען דער קיום פֿון פֿאָלק איז געהאַנגען, און הענגט אייגנטלעך עד־היום, אויף עטלעכע היסטאָרישע פֿעדעם, האָט מען געמוזט אָנקומען צום היסטאָרישן זכּרון פֿון פֿאָלק — ניט בלויז לשם יחוס, נאָר גיכער לשם גלויבן און ביטחון אין אויסדויער, ניט בלויז כּדי באַווײַזן, אַז די פּראָבלעמען זײַנען אין תּוך ניט נײַ, נאָר גיכער כּדי אונטערשטרײַכן, אַז דער געראַנגל פֿאַר דעם מענטשן — זײַן

ווערדע און זײַן זיכערקייט, איז אין תּוך אַ דויערנדיקער, אַן אָנגייענ־דיקער — אַ ירושה־אָנזאָג, אַ ירושה־חובֿ פֿון דור דורות.

די טראַגישע משוגעת, וואָס האָט אין דער צײַט פֿון דעד שבתי־צבֿי־באַוועגונג אַרומגעכאַפּט גרויסע פֿאָלקטיילן, געזען אין ליכט פֿון אונדזער טאָג, ווי סלאָוועס פֿאַסט עס אויף, איז אין תּוך ניט מער ווי — אין זײַנע ווערטער: „דער גערענגל פֿאַר מענטשלעכקייט אויף גאָר דער ערד". און די צעלויכטענע פֿיגור פֿון ברוך שפּינאָזאַ, וואָס שנײַדט זיך שאַרף אויפֿן טונקעלן הינטערגרונט פֿון רדיפֿות און אָבסקוראַנטיזם, איז אין תּוך ניט מער ווי די טראַגיק און די דערהויבנקייט פֿון די פֿליגל וואָס טראָגן דעם מענטשלעכן געדאַנק פֿאָרויס, וואָס רײַסן פּענטעס און — ווערן די פֿאָר־גייער פֿאַרן מאָדערנעם וועלטלעכן ייִדן, פֿאַר אונדז.

בײַ די לעצטע צען ייִדן אין דער וואַרשעווער געטאָ שפּירט סלאָוועס אַרויס, ווי ער שטרײַכט אונטער, ניט ווייניקער ווי פֿיר נאַציאָנאַלע טע־מעס: דער ייִדל מיטן פֿידל מאָטיוו, דער איובֿ־וויכּוח מיט גאָט און וועלט, דער שיר־השירים־מאָטיוו און דער „דערשיטערנדיקער אויסגעשריי פֿון געטאָ־אויפֿשטאַנד":

„דער ייִדל־מיטן־פֿידל־מאָטיוו — אַ מערקווירדיקער ניגון, דער מערקווירדיקסטער אפֿשר פֿון אונדזער הײַנטצײַטיקער פֿאָלקסטימלעכקייט;

„דער איובֿ־וויכּוח מיט גאָט און וועלט — איינער פֿון די גרונט־טענער פֿון אונדזער פֿיל־טויזנט־יאָריקייט;

„שיר־השירים — דאָס ווונדערלעכע געזאַנג וועגן ליבע, האָפֿענונג און לעבן;

„און די פֿערטע טעמע, די צענטראַלע און עיקרדיקע, מיט וועלכער די ערשטע דרײַ פֿלעכטן זיך איבער כּסדר אין אומצאָליקע וואַריאַציעס — דער דערשיטערנדיקער אויסגעשריי פֿון געטאָ־אויפֿשטאַנד.

„די געטאָ־אויפֿשטאַנד־עפּאָפּייע איז ווי אַ באַרג־שפּיץ־פֿײַער, וואָס רופֿט זיך איבער מיט אַן אַ שיר אַנדערע באַרג־שפּיץ־פֿײַערן. זי איז: געזאַנג־און־געוויין פֿון אַ דור, אײַנגעהאָפּטן אין געזאַנג־און־געוויין פֿון אומצאָליקע דורות" (פֿון אַרײַנפֿיר צו „צען ברידער זײַנען מיר געווען").

הייסט עס: אַלע ניגונים פֿון פֿריִער — און אַפֿילו פֿון שפּעטער — אין דעם איינציקן אויפֿבליץ פֿון אַ טראַגיש־העראָישער רגע אין לעבן פֿון אַ פֿאָלק. סלאָוועס וויל, אַז דער געטאָ־מאָמענט זאָל געזען ווערן ווי דאָס „געזאַנג־און־געוויין פֿון אַ דור, אײַנגעהאָפּטן אין געזאַנג און געוויין פֿון אומצאָליקע דורות".

הייסט עס: יעדעס בינע־וואָרט איז דער אָפּקלאַנג פֿון דורות ווער־טער, וואָס האָבן זיך אויסגעבריט, אָפֿט ניט אַרטיקולירט, אין מויל און האַרץ פֿון פֿאָלק אין משך פֿון מי יודע וויפֿל צײַטן און תּקופֿות. דאָס גיט יעדן וואָרט און יעדער אידייע ניט נאָר די דימענסיע פֿון נעכטן, וואָס דאָס איז וויכטיק, און ניט נאָר די דימענסיע פֿון הײַנט, וואָס דאָס איז

נאָך וויכטיקער, נאָר אויך די פֿאַרב און דעם טאָן פֿון מאָרגן, וואָס דאָס איז אַפֿשר צום וויכטיקסטן.

און דאָס אַלץ לשם דעם מענטשן און לשם דער מענטשלעכקייט, מחמת דער מענטש איז די איינציקע טעמע פֿון סלאָוועסעס שאַפֿן. בלויז ער גייט אים אָן, נאָר ער און זײַן ווערדיקער קיום אויף דער ערד איז אים נוגע, בלויז פֿאַר אים שטעלט ער זיך אײַן, בלויז אים וויל ער דער־הייבן. און עס איז ניט לײַכט, ניין, עס איז טייל מאָל אומגליקלעך טראַגיש און שווער צו אַפֿירמירן, אַז דאָס פֿאָלק וועט לעבן בלײַבן. עס פֿאָדערט זיך אומגעהייערע ליבשאַפֿט און רחמימדיקייט צו באַווײַזן, אין מיטן פֿון אומקום און פֿאַרצוקנדיקע פֿלאַמען, אַז „גראַד דער באַזיגטער, איבער וועמעס קאָפּ עס לאָזט אַראָפּ זיך אומברחמנותדיק די האַק, איז אָפּט דערווירקלעכער זיגער". אָדער, אַז „דאָס לעצטע טראַגישע געזאַנג פֿון געטאָ־אויפֿשטאַנד איז געווען לויטער אמונה: גלויבן אין מענטש, אין פֿאָלק און אין וועלט" (פֿון אַרײַנפֿיר צו „צען ברידער זײַנען מיר געווען").

אין דעם זין איז חיים סלאָוועס ממשיך דעם גרונט־מאָטיוו פֿון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור — מתקן צו זײַן די וועלט און ברענגען אַ תּיקון צו דעם מענטשן. אין דעם פּרט האָט זיך ח. סלאָוועס אַרײַנגע־וועבט אין דער טראַדיציע פֿון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס האָט זיך מרחם געווען אויף דער וועלט און דעם מענטשן, דעם באַליי־דיקטן, באַעוולטן, אָפּגענאַרטן, ליידנדיקן — צעלויכטענעם בן אָדם. פֿון דער טראַדיציע נעמט סלאָוועס די גאַמע פֿון זײַנע פֿאַרבן: רחמים, ליב־שאַפֿט און גלויבן. ניט צופֿעליק טוליעט ער זיך, ווי מיר אַלע, צו די אָבֿות פֿון אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור.

ג.

„אין און אַרום" איז די מגילה פֿון פּראָגרעסיוון ייִדן אין אַ צײַט פֿון הרת־עולם, אין אַ צײַט וואָס איז ניט נאָר, אין זיידע ווינטשעווסקיס ווער־טער „געווען אויף דער צײַט", נאָר איז בפֿועל ממש געלעגן געוואָרן און געבוירן — ניט איינס, נאָר מי יודע וויפֿל פּאַנדאָראַ־קעסטעלעך פֿון שלעק און פּורעניותן און אויפֿטרייסלונגען און שאָקס און טראַומאַס.

„אין און אַרום" גיט אפֿשר ניט אַלע ענטפֿערס, דערפֿאַר אָבער, שטעלט דאָס בוך אַלע פֿראַגעס. און שטעלן אַ פֿראַגע איז ניט בלויז אַ האַלבער ענטפֿער, נאָר אָפֿט, אין אונדזער צײַט, אַ גאַנצער האַרצווייטיק.

אין תּוך האָט ח. סלאָוועס קלוג געטאָן, וואָס ער האָט געעפֿנט דאָס בוך מיט דעם אָפּטייל „בײַ די אָבֿות". ער האָט עס געטאָן ניט בלויז צו באַווײַזן דעם זכות אָבֿות און יחוס פֿון דער מאָדערנער ייִדישער ליטע־ראַטור, נאָר — דער עיקר — כּדי אַרויסצוגעפֿינען בײַ דער קלאַסיק דעם אָנזאָג וואָס גילט עד היום פֿאַר יעדן שרײַבער, וואָס וויל ווערן אַ דויערנדיקער יבֿוא בקהל אין דער ייִדישער ליטעראַטור. די טראַדיציע פֿון אונדזער קלאַסיק — פֿון מענדעלע, שלום־עליכם און פּרץ, איז אויס־

געוועבט פון אַט־די פעדעם: תיקון־עולם, ביטחון, דין־וחשבון פאַר רשעות, דער גלויבן אין מענטשן, וואָס גייט נאָך אַלץ — אַפילו אויף די קרימסטע וועגן — צו גאולה, און דער גלויבן אין פאָלק — אין פשוטן, רויערדישן פאָלק. דער עיקר ירושה, וואָס סלאָוועס געפינט ביים זיידן מענדעלע, איז „אַז ליטעראַטור איז שליחות, גרויסע פאָלק־שליחות, וואָס פאָדערט אחריות און יראת־הכבוד" און פון דעם וואַקסט שוין אַרויס דער פשוטער פועל יוצא, אַז דאָס פאָלק האָט אַ רעכט צו פאָדערן חשבון פון שרייבער, מחמת „דער שרייבער איז דער שליח־ציבור, וואָס רעדט אין נאָמען פון פאָלק" (ז. 21). דאָס מיינט פשוט, אַז ליטעראַטור איז סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע אַנלאָדונג און אחריות.

אָט ווי חיים סלאָוועס פאַסט אויף דעם דויער פון מענדעלעס טאָן־שטעלונג פאַר דער יידישער ליטעראַטור:

„די שאלות, וואָס דער זיידע, דער גרויסער בעל־אחריות, האָט מיט העכער הונדערט יאָר צוריק פאַרגעבן — און קודם־כל: 'וואָס קומט אַרויס דעם שרייבער פון זיין גאַנצער אַרבעט און פון זיין דענקען, אויב ער ברענגט דערמיט נישט קיין נוצן זיין פאָלק?' — אָט די שאלות זיינען אַלץ נאָך אונדזערע אייגענע שאלות. און די וועגן, וואָס ער האָט אָנגע־צייכנט פאַר דער יידישער ליטעראַטור, זיינען עד היום נאָך אונדזערע וועגן. געוויס האָבן געקאָנט זיך ענדערן טראָט און ריטם און פאַרנעם און האָריזאָנט, אָבער דער דרך־המלך איז פאַרבליבן" (ז"ז 16־17).

דער זיידע, זאָגט סלאָוועס, איז אָבער אַ סך מער — ער איז דער פלאַם פון ליבשאַפט ביי וועלכן מיר „וואַרעמען זיך מיט בענקשאַפט און טרייסט נאָך היינט".

ביי פרצן האָט סלאָוועס דערהערט „דאָס אומשטערבלעכע געזאַנג וועגן ליבע צום מענטש, צום פאָלק און צו וועלט, דאָס אומשטערבלעכע געזאַנג פון האָפענונג און פון גלויבן". און שלום עליכם, זאָגט ער אונדז, האָט דערגרייכט „די העכסטע בחינה פון אַ קינסטלער [וואָס] איז זוכה צו אַנטפּלעקן די פאַרבאָרגענע אוצרות פון דער נשמה פון זיין פאָלק... דאָס פירט אים צו אוניווערסאַלקייט און אייביקייט" (מיין קורסיוו — א. ג.).

די דריי עסייען פירן דורך אַ היסטאָרישע אויפגאַבע: זיי אַנטפּלעקן דעם הומאַניסטישן יסוד, באַווייזן די נאַציאָנאַלע וואָרצלען פון דער מאָ־דערנער יידישער ליטעראַטור, שיילן אַרויס דעם נאַטירלעכן צונויפגוס פון יידישקייט און הומאַניזם, — באַלייכטן דער אורקוואַל און זיינען מחייב צו פאַרהיטן דעם שטראָם, און צוליב דויער און קיום — אויך אַנטרינ־קען אונדזערע קינדער מיט אים. נאָך אַ מאָל: עס גייט ניט בלויז אין זכות אָבות, און אין דערהויבענעם יחוס פון דער היינטצייטיקער יידישער ליטעראַטור. עס גייען די רייד וועגן געדענקען פרצעס זאָג, אַז דער לעצ־טער שבלעצטער צווישן אונדז „דרייט דאָס ראָד וואָס דער זיידע מענדעלע

האָט פֿאַר אונדז אַנטדעקט״. היסטאָריש גערעדט, ליגט עס אויף אונדז אַרויף אַ נאַציאָנאַלן חוב, וואָס ווער ווייסט צי מיר האָבן די כּוחות אים אָפּצוצאָלן.

אין סלאָוועסעס בוך פֿירט דורך דער ערשטער אָפּטייל, און טיילווײַז דער צווייטער וועגן טעאַטער, באַוווסטזיניק אָדער ניט, נאָך אַן אויפֿגאַבע: ער העלפֿט אונדז פֿאַרטראָגן דעם אָפּטייל „דערשיטערונג״. אין בלויז דרײַ עסייען פֿירט חיים סלאָוועס דורך פֿאַר אונדז אַ היסטאָרישע, הגם אַ טראַגישע און האַרץ־און־געמיט־צעברעכנדיקע, מיסיע. דער ווייטיק פֿון אונדזער דור, און בעיקר פֿון פּראָגרעסיוון ייִדן אין אונדזער דור — אייגנטלעך, פֿון יעדן פֿון אונדז — זיפּט זיך דורך די טעלעכע עסייען. זיי האָבן אויפֿגעכאַפּט דעם געראַנגל פֿון אַ דור וואָס איז געלעגן אויפֿן בראָכשטול פֿון דער געשיכטע. חיים סלאָוועס גייט נאָך פֿוסטריט אַלע צווייפֿלען, ראַנגלט זיך מיט אַלע ספֿקות, פּרוווט אויספּלאָנטערן טויזנט ניט אויספּלאָנטערלעכע פּלאָנטערס און גובֿר זײַן אַלע תּיקוס, וואָס לאָזן זיך ניט גובֿר זײַן. די דרײַ עסייען, געשריבן אין די יאָרן 1956־1966, אַרום דער פֿראַגע פֿון די טראַגישע געשעענישן אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד אַרום דער ייִדישער קולטור, דעקן אויף די וווּנדן, דעם בראָך און דעם האַרצווייטיק פֿון אַן עפּאָכע און אַ דור. זיי כאַפּן אַן דעם תּמצית פֿון דער טראַגיק פֿון אונדזער צײַט: דאָס וועלן גלייבן, דאָס דאַרפֿן גלייבן, דאָס ניט לאָזן זיך בלײַבן שטיין הויל און נאַקעט אַן אַ פֿאָדעם פֿון גלויבן.

אַליענאַציע, אַט דאָס אָפּט שלעכט־באַניצטע וואָרט פֿון אונדזער עפּאָכע, אָפּפֿרעמדונג — איז דער שליסל צו דעם צער פֿון אונדזער צײַט. דער גרעסטער צער איז די אַליענאַציע פֿון גלויבן, מחמת וואָס בלײַבט נאָך דעם? דער יאוש? די פֿאַרצווייפֿלונג דאָס אויסדרייען זיך מיטן רוקן צום מענטשן? אַלץ אַזעלכע שקעלעטן־געשטאַלטן, וואָס אָטעמען מיט געזעלשאַפֿטלעכן און נאַציאָנאַלן בית־עולם. אָבער די קאָנפֿראָנטאַציע מיטן אמת, ווי ווייטיקדיק זי זאָל ניט זײַן, און דער פּײַן פֿון דערוואַכונג, ווי יסורימדיק ער זאָל ניט זײַן, זײַנען ניט צום אויסמײַדן.

שוין אין 1956 שרײַבט ער:

„מיר זײַנען שולדיק אַ תּשובֿה. קודם — זיך אַליין. ווײַל ס׳איז נישט מעגלעך מער אָנצוגיין מיט דער געוויינלעכער ביז־איצטיקער טאָג־טעגלעכקייט, צו שטאַרק איז די אויפֿטרייסלונג, ס׳מוז קומען חשבון־הנפֿש. דערנאָך — אונדזערע לייענער, די אַלע ערלעכע ייִדישע פֿאָלקס־מענטשן, וואָס שענקען אונדז זייער צוטרוי, וואָס הערן זיך צו צו אונדזער וואָרט און וואַרטן אויף אונדזער וואָרט. מיר זײַנען אויך שולדיק אַ תּשובֿה דער גאַנצער ערלעכער ייִדישער שרײַבער־משפּחה, וואָס איז דערשיטערט און צעוויייטיקט — אפֿשר נישט אַזוי טיף ווי מיר — אָבער זיכער נישט ווייניקער אויפֿריכטיק״ (ז. 111).

ח. סלאָוועס, אויב ער גיט ניט אַלע ענטפֿערס, שטעלט ער אָבער

אַלע פֿראַגעס און האָט ניט קיין מורא זיי צו שטעלן. ער, ווי דער דור אונדזערער, פֿאַרגייט זיך אָפֿט ווי אַ קינד, פֿאַלט און שטייט אויף נאָך אַ מאָל.

די פֿראַגע וואָס איז געשטאַנען און וואָס שטייט עד היום פֿאַר אונדז איז: ווי צו שאַפֿן אין זיך דעם סינטעז פֿון ספֿקות און גלויבן, ווי, אין צײַט פֿון דער גרעסטער צערודערונג, ניט פֿאַרלירן ניט דעם שׂכל הישר און ניט דעם בטחון.

אין אַ באַשטימטן זין, נאָך דעם ווי דער קריזיס פֿון דער קראַנקייט גייט אַריבער, קאָן דער גוף אַרויס אַ געשטאַרקטער. דער איינציקער קוואַל פֿון כּוח איז געזונטער קריטיציזם פּלוס גלויבן — אָן אַ שיר העכער און דערוואַקסענער ווי טעמפּער, ניט־קריט־ישער „קדוש, קדוש, קדוש", וואָס וויל ניט זען (פֿאַרלירט אָפֿט די פֿיאיקייט צו זען!) עוולות און פֿאַרברעכנס. דער עיקר איז וואַכזאַמקייט. סלאָוועס פֿאָדערט אונדז אַלעמען אויף צו ערלעכן חשבון־הנפֿש אַרום די געשעענישן, וואָס רירן אָן די ייִדישע קולטור אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, ער רעדט וועגן דער טראַגעדיע, וואָס איז געווען „באַזונדערס די טראַגעדיע פֿון אַלע פּראָגרעסיווע ייִדישע שרײַבער, פֿון אַ גאַנצן דור פּראָגרעסיווע ייִדן, וואָס האָבן בלב ונפֿש מיט אַלע זייערע חושים געגלייבט אַז אַזוינס איז אוממעגלעך".

אָבער ווען דאָס אוממעגלעכע איז יאָ געשען, און ווען דער אמת, ווי צעשמעטערנדיק און טראַומאַטיש ער זאָל ניט האָבן געווען, איז יאָ אַרויסגעקומען, טאָרן מיר אים מער ניט פֿאַרלייקענען, כאָטש מען טאָר זיך ניט לאָזן באַוועלטיקן פֿון יאוש און פֿאַרשווענקען פֿון צער. קיין צוריקטריט איז אָבער מער ניטאָ.

ווי מיר אַלע, איז חיים סלאָוועס, שוין ניט דער זעלבער ווי פֿריִער, קלענער פֿון אונדז איז שוין מער ניט — און וועט שוין מער קיין מאָל ניט זײַן — דער זעלבער ווי פֿריִער. ער איז אַרויסגעקומען מיט אַן אייביקן צער אין האַרצן, אָבער נאָך אַלץ אַ גלייביקער, מחמת אַליענאַציע פֿון גלויבן מיינט, אין לעצטן סך־הכּל, אָפּפֿרעמדונג פֿון זיך אַליין.

עס איז שווין, דאַכט זיך, איצט נישט געננג צו זאָגן, אַז אונדזער גלויבן אין סאָציאַליזם איז געבליבן דער זעלבער. רעדנדיק פֿאַר זיך אַליין, וויל איך זאָגן, אַז געבליבן איז דער איינציקער גלויבן אין דעם אומפֿאַר־מײַדלעכן סינטעז פֿון סאָציאַליזם מיט הומאַניזם, פֿון אַ סאָציאַליזם וואָס פֿאַרזיכערט דעם קיום און דעם מאָרגן פֿון אַלע פֿעלקער אויף דער וועלט, און — אומבאַדינגט און אָן שום תּנאַי און אָן דעם קלענסטן קאָמ־פּראָמיס! — אויך פֿון מײַן פֿאָלק; פֿון אַ סאָציאַליזם וואָס באַשיצט, באַ־שירעמט און שאַצט יעדן מענטשן, ניט בלויז די מענטשהייט. איך האָב דאָס ניט בלויז אַרײַנגעלייענט, נאָר בפֿירוש אַרויסגעלייענט פֿון סלאָוועסעס צעווייטיקטע עסייען — דאָס געשריי, דאָס „געוויין־געזאַנג" פֿון אונדזער דור.

* * *

ער האָט געהאָלפֿן אונדז אַרויסאָנטפּלעקן דעם זייער קאָמפּליצירטן אמת, געהאָלפֿן מאַכן דעם אומפֿאַרמײַדלעכן חשבון־הנפֿש, געהאָלפֿן גאַנץ בלײַבן אין אַ צײַט ווען פֿון מענטשן איז געוואָרן שערבלעך.

און אָט אַזוי גייען מיר, פּרצעס שבת־יום־טובֿ ייִדן, נאָך אַלץ, אָבער אָפֿט מיט שווערע געמיטער און שווערע הערצער. אָפֿט פֿילן מיר ווי מיר וואָלטן געווען די לעצטע בני־מסדה פֿון ייִדישן וואָרט, אָבער אַקוראַט ווי זיי, פֿילן מיר, אַז ניט וויכטיק איז, צי מיר אַליין וועלן גובֿר זײַן. די מעשׂים אונדזערע אין געראַנגל פֿאַר וועלט און פֿאָלק האָבן גובֿר געווען, אונדזער ייִדיש וואָרט האָט גובֿר געווען, וועט שוין ניט לאָזן דאָס פֿאָלק צוריק ווערן ווי ס׳איז געווען, איידער מענדעלע האָט מיט 106 יאָר צוריק אָנגעשריבן „דאָס קליינע מענטשעלע".

חיים סלאָוועס האָלט ערשט אין מיטן פֿון זײַן שאַפֿן. זײַנער איז גע־ווען אַ שווערער און אַ פּײַנפֿולער וועג פֿון שאַפֿן, צו מישן אַ יודעאָ־קריסטלעכן מעטאַפֿאָר, אין גײַסט פֿון עקומעניזם, אַ וויאַ דאָלאָראָסאַ פֿון יצירה — אָבער אַ כּסדרדיקער באַרג־אַרויף.

די לעצטע שורות פֿון „אין און אַרום" לייענען זיך: „יעדע שאַפֿע־רישע טאָט איז — קאַמף. קאַמף מיט זיך, אין זיך און אַרום זיך. די שווערסטע שלאַכט איז די, וואָס דאַרף נאָך ערשט אויסגעשפּילט ווערן. דאָס וויכטיקסטע ווערק, פֿאַרן שרײַבער, איז דאָס, וואָס דאַרף נאָך ערשט ווערן געבוירן".

ווי שווער עס זאָל ניט זײַן דער געראַנגל מיט זיך און אַרום זיך — און דער שרײַבער איז בטבֿע פֿאַרשאָלטן, אָדער געבענטשט, מיט אַ בדמיך חיי — ווינטשן מיר חיים סלאָוועסן, און דערוואַרטן פֿון אים, נאָך אַ סך „וויכטיקסטע" ווערק, איינס „וויכטיקסטער" פֿונעם אַנדערן.

* * *

שרײַבנדיק וועגן דעם ערשטן בוך לידער פֿון נעלי זאַקס — „אָ, די קוימענס" — האָט סטיפֿען ספּענדער, דער ענגלישער פּאָעט און קריטיקער, געזאָגט:

„איך הייס דעם לייענער לייענען דאָס בוך, מחמת עס לערנט אונדז דאָס וואָס — מער פֿון אַלע אַנדערע עלעמענטן אין דער מאָדערנער גע־שיכטע — מיר מוזן פֿאַרשטיין: דעם קאָשמאַר און דאָס ווידערגעבורט".

די געטאָ־טעמע אין דער ייִדישער פֿאָלק־שאַפֿונג

מיר פֿאַרמעסטן זיך ניט אויף אַן אויסשעפּלעכער אַרבעט. מיר ווילן בלויז נעמען דעם לייענער אויף אַ שפּאַציר — אין אַ שאָטן־אויסגעבעטן וואַלד, ווי פּרץ וואָלט געזאָגט — אויף אַן אומהיימלעכן שפּאַציר. זאָלן מיר זיך פֿילן שולדיק? דאַכט זיך, אַז ניין.

רוטע פּופּס הייבט אָן איר זאַמלונג „דאָס ליד פֿון געטאָ" („ייִדיש בוך", וואַרשע, 1962) מיט אַ ליד פֿון שבֿע גלאַז־ראָזנבלום (פֿון ראַדאָשיץ, געווען אין לאָדזשער געטאָ, שפּעטער אין אוישוויץ — און אין שטוטהאָף־לאַגער. אַ שאָד, וואָס ר. פּופּס דערציילט אונדז ניט וועגן גורל פֿון שבֿע גלאַז־ראָזנבלום). אין דעם ליד „נישט מײַן שולד די טרויער־לידער" שרײַבט די דיכטערין:

נישט מײַן שולד די טרויער־לידער,
נישט מיר איז ליב אַזוי צו שרײַבן.
איך לייג אַוועק דעם קאָפּ אַ מידע,
אַנגעלאָדן פֿול מיט לײַדן.
— — — — — — — — — — —
דאָס וויין־געזאַנג איז נישט מײַנס,
ס'האָט אַ צײַט געזאַנג געבוירן,
גרויע, שוואַרצע, טויבע טענער
האָבן דורכגעקרעכצט דורך לאַגער־מויערן...

א. אָ. וו.

פֿונדעסטוועגן, איז אונדזער שפּאַציר גאָרנישט אַזאַ אומהיימלעכער: אַז מען קוקט זיך אָפּגעהיט אַרום — זעט מען ליכטפּאַסן צווישן די שאָטנס; אַז מ'הערט זיך זאָרגעוודיק צו — הערט מען דעם ברום פֿון האָפֿענונג צווישן טרויער; אַז מ'אָטעמט פֿאָרזיכטיק אײַן דעם אַרום — דערשפּירט מען ווי צווישן די שקלעטן און שבֿרי־מענטש גייט אויף דער גאַנצער מענטש.

דער סך־הכּל: אַן אָנקלאָג קעגן דער רישעות און אַ טיפֿער גלויבן אין מענטשן. פֿאַרקערט: ס'קאָן זיך באַקומען אַ שפּאַציר, וואָס פֿון אים גייט אויף אַן אָטעם פֿון שטאָלץ פֿאַר דער קדושה און פֿאַר דער גבֿורה פֿון פֿאָלק.

אייגנטלעך, איז דאָס די כּוונה פֿון אונדזער שרײַבן: מיר ווילן באַ־

ווײַזן ווי די ליטעראַטור האָט דעם פֿאָלקמענטש געטרייסט, גערעדט צו זײַן געמיט, אים געוועקט צו העלדישקייט, צו ווידערשטאַנד און נקמה.

א.

די געטאָ־טעמע אין דער ייִדישער ליטעראַטור האָלט ערשט בײַם אָנהייב. ניט קוקנדיק אויף דער רײַכער געטאָ־ליטעראַטור, וואָס איז שוין ביז איצט געשאַפֿן געוואָרן, שטייען מיר נאָך אָלץ בײַם אָנהייב. עס איז ריכטיק און אומפֿאַרמײַדלעך אַזוי. דער פֿאַרנעם פֿון חורבן איז אַזאַ אומגעהייערער, אַז זײַן עכאָ וועט זיך קייקלען איבער דורות ייִדיש לעבן און שאַפֿן. ווען דאָס גאָר גרויסע ווערק וועט געבוירן ווערן, קען קיינער ניט וויסן. אפֿשר וועט דאָס גאָר גרויסע ווערק גאָר זײַן דער קאָלעקטיווער סך־הכּל, וואָס וועט זיך באַקומען פֿון דורות שעפֿערישקייט, ערשט מיט מי־יודע וויפֿל יאָרן, אָדער אַפֿילו דורות, שפּעטער.

טייל טראַכטן, אַז באַגלויבט שרײַבן וועגן חורבן קענען בלויז די וואָס האָבן אים דורכגעמאַכט, בלויז די, וואָס האָבן אויף זייער אייגן לײַב און נשמה געפֿילט די נגישות און די עינויים פֿון געטאָ און קאָנצענטראַציע־לאַגערן. אמת, אַז מיר וואָס זײַנען „אין טרעבלינקע ניט געווען" קענען בלויז מיט דרך־ארץ, באַשיידנקייט און מיט אַ געפֿיל פֿון אַ נאַציאָנאַלן יראת־הכּבֿוד לייענען, און זיך צאַפּלען בעתן לייענען, די ווערק פֿון די וואָס זײַנען דאָרט יאָ געווען — קאַצענעלסאָנען, רינגעלבלומען, די טאָגביכער, שײַעוויטשן, ירחמיאל בריקס, מרדכי געבירטיג און אַזוי פֿיל אַנדערע. אָבער מיר קאָנען דאָך באַין אופֿן ניט אָננעמען די מאָס, אַז נאָר די, וואָס זײַנען געווען אין געטאָ קענען אָרנטלעך און איבערצײַגנדיק וועגן דעם שרײַבן. יאָ, מיר האָבן גענוג באַרעכטיקטע טענות צו דער ייִדישער ליטעראַטור איבער דער וועלט, אַז זי האָט אפֿשר ניט גענוג, בעיקר אין די 40ער יאָרן, רעאַגירט אויפֿן חורבן (און אפֿשר באַציט זיך דאָס, דער עיקרשט, צו דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, די איינציקע, וואָס איז פֿיזיש ניט געווען אין מיטן חורבן). אָבער — די גאַנצע ייִדישע ליטעראַטור איבער דער וועלט האָט זיך געקאָרטשעט פֿון ווייען, פֿון פּײַן און יסורים, ווען דער היטלעריזם האָט געשניטן אבֿרים פֿון דעם פֿאָלקס גוף אין דער נאַצי־פֿאַרפֿלייצטער אייראָפּע.

אָננעמען דעם צוגאַנג מיינט, ביז אַ באַשטימטן גראַד, לייקענען אין אַ תּוכיקן שטריך פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור במשך אַלע אירע מדרגות פֿון אַנטוויקלונג — איר אַלוועלטלעכן, איר אינטערלענדישן כאַראַקטער. דאָס וואָלט געמיינט אָפּלייגן אַ היסטאָרישן פֿאַקט, וואָס איז אייגנטימלעך דער ליטעראַטור — דאָס איבעררופֿן זיך, דער כּסדרדיקער הין־און־צוריק דיאַלאָג, וואָס איז אָנגעגאַנגען און גייט אָן, צווישן די ייִדישע ליטעראַטורן אין פֿאַרשיידענע לענדער. דאָס מיינט ניט מינימיזירן די שרײַבערס וואָס זײַנען געווען עדי־ראיה פֿון דעם חורבן. עס

האָט קיינער ניט געקענט אַזוי אויפֿרײַסן ווי קאַצענעלסאָן האָט דאָס געטאָן אין זײַן „ליד פֿון אויסגעהרגעטן ייִדישן פֿאָלק". אָבער קאַצענעלסאָנס יערעמיאַדע, זײַן שנײַדנדיקער איכה, וועט זיך קייקלען ווי אַן אײַביקע טרער דורך דעם ייִדישן פֿאָלקס־שאַפֿן, וועט באַווירקן יעדן איינעם וואָס וועט ווען עס איז שילדערן דעם חורבן, און קען — מיר זאָגן, קען — אַ געלײַטערטע, אַ דיסטילירטע דערגרייכן נאָך מער קינסטלערישע השלמה אין דער פּען פֿון אַ ייִדישן קינסטלער אַ דור־צוויי שפּעטער.

אמת: קיי,נער, קיינער „פֿון דרויסן" קאָן ניט דערגראָבן זיך צום תּהום יסורים פֿון אונטערגאַנג און ניט דערהייבן זיך צום געלײַטערטן גלויבן אין איבערלעבן און אויפֿגאַנג, ווי אברהם סוצקעווער אין „די פּעסטונג" און „געהיימשטאָט" (— אַזויפֿיל אורליכט אין תּהו ובֿהו חושך פֿון סוף!). אָבער דווקא פֿון סוצקעווערס „פּײַן וואָס מוז פֿאַרוואַנדלען זיך אין שײַן" גייט אויף דער רוף צום „מאָרגנקינד" אַריבערצושפּרײַזן דעם „שטח וואָס פֿאַראייניקט" וואָס „טיילט אונדז אָפּ".

ווער ווייסט, וואָס דאָס „מאָרגנקינד", אַ דור צי צוויי שפּעטער, וועט אויף סוצקעווערס חושך־ליכטיקער „געהיימשטאָט"־ערד באַשאַפֿן.

ב.

ווען מיר פּרווון מאַכן אַ סך־הכּל וועגן דער חורבן־ליטעראַטור אין ייִדיש, שיילט זיך אַרויס איין בולטער פֿאַקט: דער סכום פֿון ליטעראַרישע שאַפֿונגען וועגן דעם חורבן אין ייִדיש איז גרעסער ווי דער סכום פֿון אַלץ, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן וועגן דער היטלער־קאַטאַסטראָפֿע אין אַלע שפּראַכן צוזאַמענגענומען, העברעיִש אַרײַנגערעכנט. דער פּשוטער ענטפֿער קאָן זײַן, אַז דאָס האָט זיך גענומען פֿון דעם וואָס דער ייִדיש־רעדנדיקער טייל פֿון פֿאָלק איז געווען דער, וואָס האָט צום מייסטן געליטן פֿון חורבן און ער איז געווען דער שעפֿערישסטער, דער אַרטיקולירנדיקסטער טייל פֿון פֿאָלק.

דער פֿאַקט באַשטעטיקט אָבער פֿון דאָס נײַ, אויב אַזאַ ווידערבאַשטעטיקונג איז בכּלל נייטיק, די זעלטענע וויטאַליטעט און די פֿאָלקנאָענטקייט פֿון דער ייִדיש־ייִדישער ליטעראַטור. אין אַ צײַט ווען דעם פֿאָלקס לעבן איז געלעגן אויף דער וואָגשאָל, ווען אַ טרייסט איז געווען נייטיק, ווען מען האָט באַדאַרפֿט מאָביליזירן דעם פֿאָלקס כּוח אין קאַמף קעגן פֿאַשיזם — איז אים די געטרײַסטע פֿון זײַנע געטרײַע, די „פֿירשפּרעכערין" אין משך פֿון די לעצטע הונדערטער יאָרן, די ייִדישע ליטעראַטור, מאַמעדיק און „זאָג ניט קיין מאָל"דיק בײַגעשטאַנען און אַנטקעגנגעקומען, געווישט די טרער, מיטגעגאַנגען אין קאַלך־אויוון און גערופֿן צום ווידערשטאַנד.

ג.

אַ גאַנץ פֿאָלק האָט געשריבן.

עמנואל רינגלבלום קאָן זיך ניט אָפּוווּנדערן פֿון דעם דראַנג, פֿון דער אינערלעכער באַדערפֿעניש וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די פֿאָלקמענטשן צו שרײַבן, ווי זיי וואָלטן געוואָלט איבערלאָזן פֿאַר די דורות דעם צער און דעם ווייטיק און דעם פֿאַרלאַנג נאָך נקמה, וואָס האָט זיי אַרומגענומען, ווי זיי וואָלטן זיך אַליין געוואָלט אַרײַנוועבן אין די מאָרגנדיקע דורות אַרײַן.

איליאַ ערענבורג האָט פֿאַרצייכנט אויפֿשריפֿטן אויף תּפֿיסה־ווענט, וואָס קלינגען ווי צוואות אויף דורות, ווי לעצטמינוטיקע עכאָס וואָס וויברירן און ווערן ניט שטיל, ווי לעצטע קליין־קאַליבערדיקע קוילן געצילט אין שונא. שרײַבט הענעך האָפֿמאַן (ביאַליסטאָקער תּפֿיסה, יולי 18, 1943): „איך בין דער לעצטער ייִד אין טורמע. איך וועל באַגעגענען דעם טויט מיט אַן אויפֿגעהויבענעם קאָפּ. זײַט זיך נוקם פֿאַר מיר". און יהודה שעכטער (לאָדזשער טורמע, אויגוסט 28, 1943): „איר, וואָס קומט נאָך אונדז, פֿאַרגעסט אונדז ניט. זיי האָבן פֿאַרגאָסן אונדזער בלוט און דאָס בלוט פֿון אונדזערע קינדער. נעמט נקמה פֿאַר אונדז".

שרײַבנדיק וועגן די פֿאָלקמענטשן, וואָס האָבן מיט אים מיטגעאַרבעט בײַם זאַמלען מאַטעריאַלן פֿון געטאָ־לעבן (אין דער פֿאַרשטעלטער „עונג־שבת"־גרופּע וואָס ער האָט געשאַפֿן), כאַראַקטעריזירט זיי עמנואל רינגלבלום מיט די ווערטער: „אַלע האָבן געהאַט די פֿאַרשטענדעניש פֿאַר דער וויכטיקייט פֿון דער אַרבעט. מען האָט פֿאַרשטאַנען ווי וויכטיק עס איז פֿאַר די צוקונפֿטיקע דורות עס זאָל פֿאַרבלײַבן אַ שפּור פֿון דער טראַגעדיע פֿון די פּוילישע ייִדן..." (ז. 223, „נאָטיצן") און: „אָפֿט מאָל באַוווּנדערט מען ווי אַזוי די שרײַבער גיבן איבער מיט אַן עפּישער רואיקייט די טראַגישסטע פֿאַקטן פֿון זייער שטעטל. דאָס איז אַ רואיקייט פֿון בית־עולם. אַ רואיקייט, וואָס נעמט זיך פֿון שווערע לײַדן און רעזיגנאַציע נאָך די דאָזיקע לײַדן. אַזוי רואיק קענען שרײַבן מענטשן, וואָס ווייסן, אַז פֿון אַ דײַטש קען מען אַלץ דערוואַרטן. עס איז זיך גאָרנישט צו וווּנדערן איבער די אָפּגעטויטע גוואַלדטאַטן" („נאָטיצן", ז. 330).

אַזוי פֿיל איז געשריבן געוואָרן אין די געטאָס, אַז לערקע ראָזענבלום פֿון קאָוונער געטאָ דערקלערט אין אַ ליד „לכּבֿוד דער גראַמען־פֿאַבריקאַציע אין געטאָ": „אַ טומל, אַ האַרמידער — / יעדער שרײַבט אין געטאָ לידער, / פֿון באַגינען ביז גאָר שפּעט / יעדער מיינט ער איז פּאָעט". צום סוף פֿון איר ליד בעט זיך לערקע ראָזענבלום: „זעט, רבותי, כ'וועל אײַך בעטן, / זאָגט די שרײַבער און פּאָעטן: / קאַליקעס האָבן מיר אַ סך — / קלײַבט זיך אויס אַן אַנדער פֿאַך".

אין זײַן נאָכבאַמערק צו דעם ליד, שרײַבט שמערקע קאַטשערגינסקי (פֿון וועמעס זאַמלונג מיר האָבן דאָס ליד ציטירט) „אין די געטאָס (באַ־

זונדערס, לויט אונדזער מיינונג, אין ליטע) האָבן ייִדן זייער אַ סך געשריבן. ניט געגלייבט, אַז זיי וועלן אַליין דערלעבן, האָבן די ייִדן געוואָלט כאָטש לאָזן וויסן דער וועלט, וואָס מיט זיי איז פּאַרגעקומען. לײַדער זײַנען צו אונדז דערגאַנגען בלויז קליינע שפּליטערס פֿון דעם, וואָס עס איז אין די געטאָס געשאַפֿן געוואָרן".

פֿון רינגעלבלומס „נאָטיצן", פֿון בער מאַרקס כּתבֿים און פֿון אַנדערע קוואַלן וויסן מיר, אַז דער פֿאַרלאַנג — אַ קאָמפּולסיוועך פֿאַרלאַנג! — צו שרײַבן און צו פֿאַרצייכענען איז בשום אופֿן ניט געווען באַגרענעצט, ווי ש. קאַטשערגינסקי מיינט, בלויז צו דער ליטע.

זייער סענסיטיוו האָבן די שוועסטער העניע און אילע קאַרמעל (אין דעם לאַגער האַסאַג אין לײַפּציג, 1944) רעאַגירט אויף דעם נאָמען פּראַקסיע דימיטרוק, וואָס אַן אַרעסטירטע רוסישע מיידל, וואָס איז געזעסן אין צעל פֿאַר זיי, האָט מיט איר פֿאַרשריבן די ווענט. אין אַ ליד „אַ שפּור אויף דער וואַנט" (איבערגעזעצט פֿון פּויליש — דוד ספֿאַרד) שרײַבן זיי:

פּראַקסיע דימיטרוק, פּראַקסיע, פּראַקסיע!
האָסט פֿאַרשריבן מיט דײַן נאָמען אַלע ווענט.
צי טוט דיר ווי, וואָס דו וועסט סתּם אַזוי פֿאַרבלײַען
און ווילסט דורך עמעצן כאָטש זײַן אַמאָל דערקענט?

דו ווערסט זיך, עס זאָלן נישט פֿאַריבער דײַנע יאָר
אין גאַנצן אָן אַן עכאָ, אַזעלכע איבעריקע און אַזעלכע פּוסטע,
און ווילסט, עס זאָל נאָך דיר פֿאַרבלײַבן כאָטש אַ שפּור —
פּראַקסיע דימיטרוק, פּראַקסיע, פּראַקסיע...

ווי גוט כ'פֿאַרשטיי דיך, רוסיש מיידל מײַן
מיט דעם שמעקנדיק־גראַציעזן נאָמען פֿון אַ ליליע.
ווי גוט איך קען דיך, ווי נאָענט כ'פֿיל דײַן פּײַן —
פּראַקסיע דימיטרוק, פּראַקסיע, פּראַקסיע...

(פֿון דער רויטע פּופּס זאַמלונג)

ווײַזט אויס, אַז דעם פֿולן סכום פֿון דעם וואָס איז פֿאַרשריבן געוואָרן האָבן מיר ניט און וועלן מסתּמא קיין מאָל ניט האָבן. ס'רובֿ מאַנוסקריפּטן זײַנען פֿאַרפֿאַלן געוואָרן. אָבער אַפֿילו פֿון דעם וואָס איז פֿאַרבליבן גייט אויף די לײַדנדיקע און געלײַטערטע נשמה פֿון פֿאָלק, וואָס צאַפּלט זיך, פֿאַרגייט זיך אין יסורים, פֿאַרצייכנט ניכטער און מיט טרוקענע אויגן, שילט, וואַרט אויף אַ ישועה, לאָזט ניט דורך די געלעגנהייט אָפּצוחוזקן פֿון שונא, האָפֿט אויף נקמה און גלייבט אין דערליי־

זונג אין די סאַמע שווערסטע, אוממעגלעכסטע, פּינצטערסטע רגעס. עס באַקומט זיך, אפשר קלאָרער ווי ווען עס איז פריִער, מחמת דער הינטער־גרונט, די היסטאָרישע ציקלאָראַמע, איז אַזאַ פּינצטערע, געזען אין שײַן פון אַ בליץ, די קווינטעסענץ פון דעם פאָלקס פּסיכיק — דער אַלט־יידישער סינטעז פון ביטערניש און בטחון, פאַרלוירנקייט און פאַרגלויבט־קייט, יאוש און דאָס קענען אויסלאַכן דעם יאוש, „ראַטעוועט" און „אני־מאמין".

ד.

ווען מע בלעטערט די פאַרשיידענע זאַמלונגען פון געטאָ־לידער (און מיר וועלן בעיקר זיך אָפּשטעלן אויף די לידער, און אויך דאָס בלויז שנעל); בינעם העלער — „דאָס ליד איז געבליבן"; רוטע פּופּס — „לי־דער פון געטאָ"; שמערקע קאַטשערגינסקי — „לידער פון געטאָס און לאַגערן", און אַנדערע, וואָס שליסן אײַן אי פאָלקלידער פון אומבאַוווּס־טע מחברים, אי לידער וועמעס מחברים זײַנען באַקאַנט, און אָפט לידער פון דיכטערס וואָס האָבן אַ נאָמען אין דער יידישער ליטעראַטור — שיילן זיך אַרויס עטלעכע כּוללדיקע שטריכן.

אין דעם אַרײַנפיר צו זײַן זאַמלונג שטעלט שמערקע קאַטשערגינסקי די פראַגע, צי מע האָט באַדאַרפט אַלץ צונויפזאַמלען, אַלץ פאַרצייכע־נען, און קומט צום ריכטיקן ענטפער, אַז אַלץ וואָס איז געשאַפן געוואָרן, ווי נאָכמאַכעריש עס זאָל ניט האָבן געווען, איז ווערט געווען צו פאַר־היטן. די מאָס איז אַ ריכטיקע, מחמת יעדעס ליד, אַפילו דאָס פּרימי־טיווסטע, דעקט אויף און פאַרהיט פאַר אונדז אַ ווינקל, אַן אויסדרוק, אַן אָפּקלאַנג פון אַ קרעכץ, אַן אָפּשפּריץ פון אַ געדאַנק אין שאָטן פון אונטערגאַנג און אויסגאַנגלאָזיקייט.

אַ גרויס אָרט פאַרנעמען די פּאַראָדיעס. אַ סך אַלטע פאָלקלידער זײַנען פּאַראָדירט געוואָרן און צוגעפּאַסט געוואָרן צו נײַע געשעענישן. אָבער פאָלקלידער אין פאַרשיידענע נוסחאות זײַנען געווײנטלעך ניט קיין זעלטנקייט — זיי גייען איבער בעל־פה פון דור צו דור און פון געגנט צו געגנט, און נעמען געווײנטלעך אָן דעם קאָלאָריט פון אָרט און פון צײַט. וויכטיקער זײַנען פאַר אונדז די קינסטלערישע לידער וואָס מע האָט אויף זיי געשאַפן פּאַראָדיעס. וואַרשאַווסקיס „אויפן פּריפּעטשיק" האָט זיך באַוויזן אין קאָוונער געטאָ (לויט רוטע פּופּס איז דער מחבר געווען אַבֿרהם אַקסעלראָד, לויט קאַטשערגינסקין — וויסנעצעסקי). ניט נאָר איז דער נײַער טעקסט געשריבן געוואָרן צו דער מעלאָדיע פון אַלטן ליד, נאָר דער ריטם פון וואַרשאַווסקיס שורות איז פאַרהיט גע־וואָרן, כאָטש די טעמע איז אין גאַנצן אַן אַנדערע. דער געטאָ־דיכטער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף דער פּאָפּולערקייט פון וואַרשאַווסקיס ליד, זיך באַניצט מיט דער רעם און דעם ריטם פון ליד:

בײַם געטאָ מויערל ברענט אַ פֿײַערל
און די שרעק איז גרויס,
עס גייען ייִדעלעך פֿון די בריגאַדעלעך,
פֿון יעדן גיסט זיך שווייס.

אַוודאי איז דאָס ליד אַנדערש, אַפֿילו די אינעווייניקסטע גראַמען זײַנען נישטאָ בײַ וואַרשאַווסקין. וואָס האָט געפֿירט דעם שרײַבער גיכער פֿון אַלץ איז די פֿאַמיליאַריטעט פֿון דער אַלטער כּלי אין וועלכער ער האָט אַרײַנגעגאָסן דעם נײַעם צער.

אַנדערש, אין גאַנצן, איז דאָס ליד „אַ מאַשין" פֿון רויזע ווײַנריב, פֿון דער לאָדזשער געטאָ. רוטע פּופּס, פֿון וועמעס זאַמלונג מיר ציטירן דאָס ליד, דערמאָנט אין איר נאָכבאַמערק, אַז „דאָס ליד 'אַ מאַשין' — [איז] זייער נאָענט צו מאָריס ראָזענפֿעלדס 'אַ מאַשין'"... דאָס ליד איז מער ווי זייער נאָענט. די שרײַבערין האָט געניצט דעם גאַנצן ראָזענפֿעלד־טעקסט (מסתּמא פֿון אויסנווייניק). דאָס ליד לייענט זיך אין גאַנצן ווי בײַ ראָזענפֿעלדן, מיטן אויסנעם פֿון דעם וואָס די שורות זײַנען געבראָכענע און קירצערע.

בײַ ראָזענפֿעלדן („סוועט שאָפּ" און ניט „אַ מאַשין" ווי רויזע ווײַנריב האָט געדענקט):

עס רוישן אין שאָפּ אַזוי ווילד די מאַשינען,
אַז אָפֿט מאָל פֿאַרגעס איך אין רויש אַז איך בין.

בײַ רויזע ווײַנריב:

עס רוישט אַזוי ווילד
אין „רעסאָרט" די מאַשין,
אַז אָפֿט מאָל פֿאַרגעס איך,
פֿאַרגעס ווער איך בין.

דאָ און דאָרט בײַט זי אַ וואָרט: אַנשטאָט „פֿאַרוואָס און פֿאַר וועמען" — „פֿאַרוואָס און פֿאַר וועלכן". נאָר אין מיטן ליד גיט זי פּלוצעם אַרײַן אַן אייגענעם פֿערז:

איך בין אַ מאַשין, אַ מאַשין, אַ מאַשין,
איך קלאַפּ מיט דעם האַמער,
איך שטעך מיט דער אָל.
היי שנעל, היי שנעל און אָטעם,
און רו,

אָהער און אַהין,
אַהין און אַהער מיט דעם אײַזן,
מיט דער שער,
אָן קלער, אָן קלער.

פֿאַרשטייט זיך, אַז דער פֿערז האָט שוין ניט דעם ראָזענפֿעלדישן אָטעם און ריטם. ס'איז אויך אינטערעסאַנט, אַז די שרײַבערין באַניצט זיך מיט די מכשירים פֿון צוויי פֿאַכן — שוסטערײַ (האַמער, אָל) און שנײַדערײַ (אײַזן, שער). משמעות, אַז אין דעם „רעסאָרט" (פֿאַבריק אין לאָדזשער געטאָ) האָבן די דײַטשן געצוווּנגען אַרבעטן אי ייִדישע שנײַדערס און אי שוסטערס.

ח.

די טעמע פֿון די פֿאָלקלידער איז, נאַטירלעך, דאָס טעגלעכע לעבן אין געטאָ. די לידער, ווי פֿאָלקלידער בכלל, רעפֿלעקטירן און רעאַגירן אויף די געשעענישן געטרײַ, אוממיטלבאַר און דירעקט — צו מאָל זײַנען דאָס טאָג־טעגלעכע געשעענישן, אָפֿטער הערט זיך דער אַלגעמיינער טרויער, דער צערפֿולער קרעכץ פֿון כּלל. עס וואַרפֿט זיך אָבער אין אויג דער פֿאַקט, אַז אין די לידער איז ניטאָ קיין סימן פֿון דער דעגראַדאַציע, פֿון דער אַנטמענטשלעכונג צו וועלכע דאָס געטאָ־לעבן האָט זיי אויסגעשטעלט.

עס פֿילט זיך די זאָרג און די שטילע רעזיגנאַציע, אַפֿילו אין די לידער געשריבן פֿון קינדער:

בײַ אונדז אין געטאָ איז גענוג ביטער,
פֿון יעדן וואָס מען דערלאַנגט אַ ציטער,
פּאַסטנס שטייען בײַ אַלע געטאָ־קאַנטן,
ווי מיר וואָלטן געווען די גרעסטע אַרעסטאַנטן —

אַזוי זינגט עטע גורוויטש, עלף יאָר אַלט, אין דער קאָוונער געטאָ. און בעלאַ גורוויטש (אַ שוועסטער?), 15 יאָר, אויך פֿון קאָוונע, כאַפּט אויף די זעלבע שטימונג, שוין מיט אַ טאָן פֿון פּראָטעסט:

קאַלאַנעס, קאַלאַנעס
אָן ריי, אָן אַן עק,
ניט מענטשן, נאָר חיות
פֿאַרפּלייצן דעם וועג.

ווי חיות באַהאַנדלט,
אין חיות פֿאַרוואַנדלט,
נאָר ניט קיין פֿרײַע —
אין אייזלען און פֿערד.

און ס'גייען און גייען
אומענדלעכע רייען
פֿון ברואים, וואָס ווערן
ווי מערדער באַוואַכט.

די 12־יאָריקע קיילע עפּראַן, פֿון דער ווילנער געטאָ, באַקלאָגט צאַרט און צעוויייטיקט איר ווילנע:

קלאָגט דער ווילנער אַלטער שולהויף,
פֿאַריתומט שטייט סטראַשונאַ גאַס,
און דאָס שיינדל — ווילנער קינדער —
ווערן ווייניק, דאַר און בלאַס.

זומפּ און בלאָטע, ווילנער ייִדן,
ווילנער קינדער — נויט און פּייַן.
און די שרעק זי נאָגט אין האַרץ מיר —
וועט נאָך לעבן פֿאַר אונדז זייַן?

די קליינע קיילע גענעראַליזירט דעם צער און דעם טרויער. זי דערמאָנט קיין איין מאָל ניט אין ליד דאָס וואָרט „איך". זי זעט בלויז דעם צער פֿון כּלל — פֿון איר ווילנע. אַנדערש איז דאָס ליד פֿון 13־יאָריקן יצחק פֿליישער, אין ראָזשישטש, בײַ לוצק. ער האָט, ווײַזט אויס, איבערגעלעבט דעם גרויל פֿון דער שחיטה, ליגנדיק אויפֿן בוידעם:

ליג איך אויף דעם קאַלטן בוידעם,
ליג איך שפּעט בייַנאַכט,
נישט געגעסן, נישט געטרונקען —
ליג איך פֿאַרטראַכט.

די ברידער דערשאָסן, די שוועסטער פֿאַרלוירן,
אָרעם בין איך ווי די נאַכט;
דעם טאַטן פֿאַרנומען האָט די געסטאַפּאָ —
דרייַ פּאָגראָמען שוין געמאַכט.

אוי, אוי, ברידערלעך! אוי, אוי, שוועסטערלעך!
ווּ איז אייַער געביין?
ס'איז קאַלט צו ליגן; ס'איז שווער צו לעבן,
ליג איך און איך וויין.

„ס'איז שווער צו לעבן" — דער עכאָ גייט דורך אַ גרויסע צאָל פֿון די לידער. ק. ברענער פֿון קאָוונער געטאָ (אַ דערוואַקסענער, ניט קיין קינד) איז מסכּים מיטן קליינעם יצחקל פֿון ראָזשישטש:

צו גרויזאַם, צו שווער
ביסטו לעבן, פֿאַר מיר.

איך פֿיל, אַז איך זינק
אין אָפּגרונט פֿון דיר.

און פֿון ביאַליסטאָקער געטאָ גייט אויף, אין עטלעכע נוסחאות, דאָס געשריי — „וואָס וועט פֿון אונדז ווערן ?":

אין ביאַליסטאָקער געטאָ אַ געשריי,
אין ביאַליסטאָקער געטאָ, ווי דאָס האַרץ טוט מיר וויי.
מיר זיצן און קלערן, וואָס וועט פֿון אונדז ווערן,
מען שלאָגט און מען פּלאָגט אויף דער גאַס
מיט אַ לאַטע אויפֿן לאַץ.

(מחבר אומבאַקאַנט)

אָבער צוזאַמען מיט דעם לעבן פֿון אוממענטשלעכן צער און האַרצווייִ, אין מיטן מעסערדיקן טרויער, פֿילט זיך אין די לידער אַ זעלטענע לי־רישקייט, דער דינער הויך פֿון געלײַטערטער פֿײַנפֿולער מענטשלעכקייט. דער עיקר איז די בענקעניש נאָך די אומגעבראַכטע — דאָס געפֿיל פֿון אומדערטרעגלעכער איינזאַמקייט און אַליינקייט:

אָ, זאָגט מיר, ווו זײַט איר געבליבן,
איר טײַערסטע, וואָס מיר האָבן פֿאַרמאָגט ?
אין אַ ווינטערדיקן מאָרגן, אַ טריבן
האָט מען אײַך גרויזאַם פֿאַריאָגט
איבער פֿעלדער, איבער וועגן,
אין גרויזאַמען עלנט און נויט,
דאָס טײַערסטע וואָס מיר פֿאַרמאָגן,
געיאָגט אויף אַ שרעקלעכן טויט.

(מ. לייבאָוויטש, ריגער געטאָ)

מיט זעלטענער צאַרטקייט זינגט אויס אַן אומבאַקאַנטער דיכטער אין אַשוויענטשים, 1943, זײַן בענקעניש, אין אַ ליד „קום צו מיר". די דינע, לויטערע פֿעדעם פֿון וועלכע דאָס ליד איז אויסגעוועבט, פֿאַרשאַרפֿן נאָך מער די טראַגיק:

כ'בענק נאָך דיר,
בײַטאָג און בײַנאַכט חלום איך פֿון דיר,
קום צו מיר,
כ'בענק ווען כ'זע בלומען בליִען,
ווען ס'שמעקט דער בעז,

קליינע פייגל פליען
אַרום דער נעסט.
ס׳לויפט די צײַט בליץ־שנעל,
מײַן געדאַנק — פול מיט באַנג,
און מײַן טרויס דאָך הער —
הער מיך דו: קום צו מיר,
כ׳בענק נאָך דיר.

צוזאַמען מיט דער בענקעניש, רײַסט זיך דורך דאָס געפיל פון שולד, מחמת מען איז אַליין לעבן געבליבן. אין אַ ליד, וואָס ווערט צוגעשריבן צו מ. שענקער, אַ קאָמפּאָזיטאָר פון וואַרשע, „כ׳שעם זיך״, שרײַבט ער:

איך שעם זיך פאַר דיר,
ס׳איז פינצטער מײַן שעה.
כ׳האָב דיך געשיקט צום טויט
און איך בין געבליבן דאָ.

כ׳שעם זיך פאַר די ביימער
בײַם בערגל וואָס שטייען,
די וואָס האָבן געהערט
דײַנע לעצטע געשרייען.

(דאָס ציטירטע ליד פון מ. שענקער, געפינט זיך אי אין דער זאַמלונג פון ש. קאַטשערגינסקי (אַרײַנגעגעבן דורך ה. לייוויק) און אי אין דער זאַמלונג פון רויטע פּוֹפס. ה. לייוויק ציטירט, אין זײַן אַרײַנפיר צו דער קאַטשערגינסקי־זאַמלונג, וואָס לייוויק האָט רעדאַקטירט, די אויבנדיקע צוויי פערזן. ער ברענגט זיי ווי אַ בײַשפיל פון שולד־געפיל בײַם מחבר. לויט די עלף פערזן פון דעם ליד, וואָס ה. לייוויק שליסט אײַן אין דער זאַמלונג, איז זײַן אָפּשאַץ, מסתמא, אַ ריכטיקער. אין דער רויטע פּוֹפּס־זאַמלונג האָט דאָס ליד זעכצן פערזן. אין די לעצטע פינף פערזן הערט זיך שוין, ניט נאָר די שולד, נאָר אויך די קנאה, וואָס דער שרײַבער דריקט אויס — „ס׳איז דיר שוין בעסער פאַר מיר...״, „איך בין דיר מקנא, ס׳איז דיר שוין גוט...״. די פינף פערזן ברענגען אַרויס אַלע גאַמעס פון דעם דיכטערס צעבראָכענעם געמיט: זעלברחמנות, איינזאַמקייט, רעזיגנאַציע. ס׳איז אונדז אַ וווּנדער, צי ה. לייוויקן זײַנען באַקאַנט געווען די לעצטע פינף פערזן פון ליד. מסתמא ניט. ס׳איז ניטאָ קיין שום סיבה צו טראַכטן, אַז ער זאָל זיי האָבן מיט אַ כיוון אַרויסגעלאָזט. מער נאָך: ווען מע לייענט פאַרזיכטיק די לעצטע פינף פערזן פון דער ווערסיע אין דער רויטע פּוֹפּס־זאַמלונג, לאָזן זיי טייל מאָל דעם אײַנדרוק, ווי זיי וואָלטן געווען צוגעשריבענע — אפשר ניט פון זעלבן מחבר.

מיר האָבן באמת ניט קיין שום גרונט פֿאַר דער אויבערשטער השערה, אחוץ אַ געפֿיל ביים לייענען).

ו.

אין מיטן פֿון דעם גרויל איז דעם פֿאָלק בייגעשטאַנען דער אַלט יידישער זעלבחוזק, די פֿייאיקייט צו לאַכן פֿון די צרות און צו לאַכן פֿון זיך אַליין. אַן אומבאַקאַנטער לאָדזשער מחבר חוזקט אָפּ פֿון דעם ברויט וואָס מען מוז עסן: „עסט מען ברויט, טרוקן טייג, / ס׳איז טאַקע פֿיין, ס׳איז טאַקע שיין, / ס׳איז ווי אַ מיידל אויסגעפּאַשעט, / נאָר עס פֿעלט איר אַ ביסל חן". די שאַרפֿסטע פֿיילן פֿון דער סאַטירע גייען נאָך טירלעך אויפֿן חשבון פֿון דעם יודענראַט, פֿון די קהלשע פּאַרזאָרגערס.

וויכטיקער נאָך פֿון די חוזק־לידער זיינען די לידער פֿון שטילן, לירישן געלעכטער — דער הומאָר ווי אַ שוץ פֿון די צרות, ווי אַ בליץ־אַפּלייטער פֿון אומגליק. דזשעק גאָרדאָן פֿון ביאַליסטאָקער געטאָ דער־ציילט ווי זיי האָבן „ביים טראָגן די קלעצער פֿון איינעם אַ מאָדנעם געלאַכט" און ער שטעלט די פֿראַגע: „מיר האָבן געלאַכט און פֿאַרוואָס?" ער פּרוווט ענטפֿערן:

מיר האָבן אַליין פֿון זיך געלאַכט
און חוזק געמאַכט
ניט צו דערהערן אין האַרץ דאָס געוויין...

און ריקעלע גלעזער, גיט אונדז צו פֿאַרשטיין, סענסיטיוו און ראַפֿינירט, דעם זין פֿון געלעכטער. אין אַ ליד „דער יידישער געלעכטער", געשריבן אין 1943, אין ווילנער געטאָ, דערציילט זי אונדז:

אויף יעדן טריט איז דאָ געפֿאַר,
אויף יעדן טריט אונדז דראָט פּאַנאַר,
און מיר, מיר לאַכן אים —
דעם טויט אין אויג אַריין.

און אין דעם צוזינג צום ליד, דערקלערט זי:

דער יידישער געלעכטער
האָט אין זיך אַזויפֿיל פּיין.
ווען ווינען קאָן ניט העלפֿן,
לאַכט מען וויפֿל ס׳גייט אַריין.
כאָטש ס׳וויינט מיט וויטיק פֿול דאָס האַרץ,
דער פּנים אויסגעקרימט און שוואַרץ!
און מיר, מיר לאַכן,
כל זמן אונדז איז נאָך באַשערט.

און כדי נאָך מער פּאַרטיפֿן און באַזיניקן דעם באַטײַט פֿון געלעכטער, בײַט די דיכטערין דעם רעפרען צום סוף פֿון ליד:

טאָ לאַכט־זשע, לאַכט־זשע, ברידער,
כּל זמן עס קלאַפּט אַ גליד.
דערשטיקט אין זיך דעם ווייטיק,
כאַטש עס ברענט און בריט.
זאָל אײַער לאַכן קלינגען ווײַט —
פֿאַרהאָפֿט ס׳וועט קומען נאָך אַ צײַט,
ווען איר וועט לאַכן פֿונעם
טיפֿסטן האַרץ אַרויס!

ז.

דער צער און די פֿאַרצווייפֿלונג זײַנען אָבער בלויז אַ טייל — אפֿשר, דער קלענערער טייל — פֿון דעם גײַסט און טאָן, וואָס דריגגען דורך די לידער. די מחברים פֿון די לידער — אי די אָנערקענטע דיכטער און אי די פֿאָלקזינגערס — האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אויף דער געשיכטע פֿון פֿאָלק און פֿון איר געלערנט, אַז ווי שווער די צײַט זאָל ניט זײַן, רײַסט זיך דאָס פֿאָלק דורך און בלײַבט לעבן. די רשעים וואָס האָבן שלעכטס געטאָן דעם פֿאָלק, דער עיקר — המן, ווערן אומצאָליקע מאָל דערמאָנט. גלײַכצײַטיק האָבן זיי זיך, אין מיטן חושך, געצויגן צו דעם מאָרגן, געזוכט זיך אין אים אײַנפֿעדעמען, געגלויבט אין אים. זיי האָבן דעריבער געטראַכט — און געזונגען — אין נאַציאָנאַלע קאַטעגאָריעס, ניט יחידישע, מחמת אַ סך פֿון זיי האָבן געוווּסט, אַז זיי אַליין וועלן ניט איבערלעבן.

עס באַקומט זיך, דעריבער, אַז דער טאָן פֿון האָפֿענונג דאָמינירט אַ סך לידער, און דער רוף צו נקמה און ווידערשטאַנד הערט זיך אין אַ גרויסער צאָל פֿון די געטאָ־שאַפֿונגען. ניט שייך זוכן די באַוווּסטזיני־קייט פֿון אַ נאַציאָנאַלער אחריות אין יעדן ליד, אָבער די פֿאַרשטענדע־ניש אַז מען טראָגט אויף זיך אַ התחײַבֿות צום פֿאָלק — אומבאַוווּסטזי־ניק אָדער אונטערבאַוווּסטזיניק — גייט דורך דורך מײנסטע לידער.

דער רוף „ייִדן, זײַט זיך ניט מייאש״ רײַסט זיך כּסדר דורך. כּתריאל ברוידאָס „משה, האַלט זיך״ —

משה, האַלט זיך, משה, האַלט זיך,
ניט צעפֿאַל זיך.
האַלט זיך, משה, פֿעסטער.
משה, האַלט אויס,
געדענק — מען דאַרף אַרויס.

— קלינגט אָפּ אין קאַטשערגינסקיס „יוגנט־הימן" און אין געבירטיגס „ייִדן, זאָל זײַן פֿריילעך, מיר האָבן זיי אין דר'ערד" („מינוטן פֿון בטחון"), און אין אַ ליד פֿון אַן אומבאַקאַנטן מחבר אין וואַרשעווער געטאָ, געזונגען צום ניגון פֿון זמירות:

מע האָט זיי אין דר'ערד,
מע האָט זיי אין דר'ערד,
מע האָט זיי אין דר'ערד,
מע האָט זיי אין דר'ערד,
מע וועט זיי איבערלעבן,
מע וועט נאָך דערלעבן.

די עטלעכע דערמאָנטע לידער קומען פֿון דרײַ ווינקלען — ווילנע (כּתריאל ברודאָ און שמערקע קאַטשערגינסקי), קראָקע (מרדכי געבירטיג), וואַרשע (דאָס לעצטע ליד).

אַזוי קײַקלט זיך דער ניגון פֿון האָפֿענונג פֿון געטאָ ביז געטאָ. די בעטלערס פֿון וואַרשעווער געטאָ האָבן געזונגען דאָס ליד „די „באָנע" —

„אוי, די באָנע, יאַ ניעכצע אָדדאַטש באָנע".*

און ווײַטער:

ייִנגל, האַלט זיך, האַלט זיך דאָס גאַנצע לעבן.
זע, דו זאָלסט די באָנע ניט אָוועקגעבן.
יאָך וויל נישט אָוועקגעבן די באָנע,
יאָך וויל נאָך עפּעס גיטס דערלעבן.

(„אָפּגעבן די באָנע", דאָס שפּײַזקאַרטל, האָט געמיינט — שטאַרבן, ווײַל די משפּחות האָבן געמוזט אָוועקגעבן די שפּײַזקאַרטלעך פֿון די געשטאָרבענע).

אָט דער „יאָך וויל נישט אָוועקגעבן די באָנע" איז געווען דער פּאַראָל וואָס האָט זיך געטראָגן מיט עקשנות און מיט סטירדעס איבער אַלע געטאָס, אַפֿילו איבער די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. די האָפֿענונג, אַז מ'וועט איבערלעבן האָט דורכגעשניטן דעם אוממענטשלעכן חושך פֿון ייִדישן לעבן אונטער די נאַציס. אין צענדליקער פֿאַרשיידענע ווערסיעס — ליריש, אויפֿפֿאָדערנדיק, עפּיש, סימבאָליש האָט זיך די האָפֿענונג, ווי אַ זילבערנער פֿויגל, געטראָגן איבער די וואָלקנס און רויכן פֿון די געטאָס.

אין אַ ליד צו דער מאַמען, בעט זיך פּרץ חיט, פֿון קאָוונער געטאָ —

---

* פּויליש: „איך וויל ניט אָפּגעבן די באָנע".

„מאַמעלע, / מאַמע, האָב מוט. / עס וועט נאָך זײַן גוט". און דרײַ שוועס־טער אין דינאַווערק־לאַגער, אין לעטלאַנד, טרייסטן:

נאָר, ייִדן, זײַט מוטיק, פֿאַרלירט ניט די האָפֿענונג,
ס'וועט פֿאַר אײַך נאָך די זון אויך ווען געבן אַ שײַן,
ס'וועט נאָך פֿאַר אונדז ווען אַמאָל ליכטיק זײַן.

און דער סענסיטיווער דיכטער כּתריאל ברוידאָ פֿון ווילנער געטאָ, אין אַ ליד וואָס איז זעלטן דיק, לאָזט אַ קינד זינגען וועגן דעם צווײַגל פֿון וועלכן „עס וועט זיך צעבליִען אַ בוים":

אַוועק איז דער טאַטע
אין שטאָט אויף דער אַרבעט,
ער מוז אַזוי ווײַט נעבעך גיין,
ער וועט מיר הײַנט ברענגען
אַ פרישינקן צווײַגל
מיט בלעטעלעך גרינינקע שיין.
נו, וועט עס אין ריינינקן וואַסערל שטיין
און ס'וועט זיך פֿון צווײַגל צעבליִען אַ בוים.

און אַן אומבאַקאַנטער מחבר אין דער קאָוונער געטאָ, פֿאַרזיכערט אונדז:

אָבער גאָט וועט געבן, מיר וועלן דערלעבן
צו קומען אין די אַלטע היימען;
יעדער צו זײַן קאַמער, מאַשין און האַמער
און צו זײַן קיך און קוימען.

אַ ליד, אויך פֿון אַן אומבאַקאַנטן מחבר, וואָס איז געזונגען געוואָרן אין אַ סך לאַגערן, דערציילט אונדז, וואָס די זונען־שטראַלן זאָגן אַן:

„איר וועט לעבן" — זאָגן אונדז די שטראַלן —
„איר וועט לעבן, ניט פֿאַרלירט דעם מוט,
מיט דעם פֿרילינג קומען נײַע קוואַלן,
הערט מײַן רוף — עס וועט אַ מאָל זײַן גוט!"

און פעסיע מאַיעווסקאַ (אַ פּאַרטיזאַנערין, מיר ווייסן ניט פֿון וואַנען) טײַטשט אויס דעם זין פֿון איר ליד:

אונדזער קול וואָס קומט פֿון לײַדן,
אונדזער רוף וואָס קלינגט דורך פּײַן:

פאַר די קומענדיקע דורות
זאָל אַ שענער לעבן זײַן.

כּסדר דערמאָנען אונדז די לידער, אַז דאָס רשעות איז ניט אויף אײ־ביק. א. ציפּקין, פון קאָוונער געטאָ, בעט זיך:

נאָר האַלט זיך, נאָר שטאַרק זיך, דו, אײביקער ייִד,
פאַרליר ניט דײַן האָפנונג און גלויבן,
ניט אײביק איז שלעכט און ניט אײביק איז קנעכט,
ניט אײביק װעלן זײַן דײַנע לײַדן.

אויף דעם ענגפּערט חנה הײַטין פון דער שאַװלער געטאָ:

דעריבער, פרײלעך און מוטיק
געגאַנגען, ניט געקלערט פון קײן זאַך!
װײַל ניט אײביק װעט זײַן פאַר אונדז פינצטער,
און ניט אײביק װעט זײַן פאַר אונדז נאַכט.

און אַ װאַרשעװער ייִד מאַכט עס נאָך קאָנקרעטער, ער אַנטיציפּירט איציק פעפערס „איך װעל נאָך אויף היטלערס קבֿר טאַנצן":

לאָמיר זיך טרײסטן, די צרות פאַרגעסן,
עס װעלן די װערעם נאָך היטלערן פרעסן,
בירי־בי, באַם, באַם, באַם,
בירי־בי, באַם, באַם. באַם.

די שׂונאים, װאָס פירן אונדז דאָרט קײן טרעבלינקע,
זײ װעלן נאָך װערן אין דער ערד אײַנגעזונקען,
בירי־בי באַם...

מיר װעלן צוזאַמען נאָך אָרעם בײַ אָרעם
אם ירצה השם טאַנצן אויף דײַטשע קבֿרים,
בירי־בי באַם...

דער טראַציקער „בירי־בי־באַם, באַם, באַם" האָט טויזנט חנען. אפשר שטאַרקער נאָך, װי דער טעקסט אַלײן, פאַרזיכערט ער אונדז, אַז „מע װעט זײ איבערלעבן".

מערער נאָך און שטאַרקער זײַנען די לידער װאָס רופן צו װידער־שטאַנד און צו נקמה.

ח.

אויב עס איז געווען, און עס איז געווען, אַ טענדענץ צו הכנעה, צום שטילן, אונטערטעניקן איבערוואַרטן און איבערלעבן די קאַטאַסטראָפע — האָט זי אין דער ליטעראַטור כמעט קיין אויסדרוק ניט געפֿונען.

מיר האָבן ביז איצט אונטערגעשטראָכן די עלעמענטן פֿון פּײַן, צער, האַרצווייטיק, צו מאָל — פֿאַרצווייפֿלונג, אָבער הכנעה איז אין ערגעץ ניט קענטיק. פֿאַרקערט, דער גרונט־טאָן פֿון די פֿאָלקלידער איז, צוזאַמען מיטן צער, דער פּראָטעסט און דער גלויבן, אַז דאָס אומגליק וועט אַריבער. אַפֿילו די לידער פֿון רעזיגנאַציע האָבן אַן אונטערטאָן פֿון בטחון. די טרער און דער וויגעשריי טראָגן אין זיך דעם אויפֿטרייסלערישן פּראָטעסט און גוואַלד־געשריי קעגן דעם רשעות.

גרויס איז צאָל זײַנען די לידער, וואָס רופֿן צו נקמה און צו ווידערשטאַנד. די נקמה־לידער פֿאַרמאָגן אַ ספּעציעלע קוואַליטעט — ניט די פּערזענלעכע נקמה אין שונא, נאָר גיכער די שטראָף פֿאַרן מאָראַלישן פֿאַרברעך, פֿאַרן פֿאַרגאָסענעם בלוט, דעם אומפֿאַרמײַדלעכן משפּט וואָס דאָס געוויסן מוז אַרויסטראָגן איבערן בייז.

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט זיך אַן אַמעריקאַנער ראַבײַ געקלאָגט, הלמאי מיר שטרײַכן אונטער דאָס „ניט פֿאַרגעבן" לגבי די נאַציס. ער האָט, דאַכט זיך, אונטערגענומען אַ פּערזענלעכן מחילה־אויספֿלוג קיין דײַטשלאַנד. ביז אַ געוויסן גראַד האָט אויך ה. לייוויק, מיט זײַן פּרווו אַנטקעגנצושטעלן קדושה צו העלדישקייט, און מיט זײַן באַוווּסטן אַרטיקל וועגן „שאַבלאָן פֿון גבֿורה" נעגירט דעם מאָראַלן באַטײַט פֿון נקמה און ווידערשטאַנד (אגבֿ, ה. לייוויק האָט אויך קינסטלעריש אַפֿירמירט דעם זעלבן פּרינציפּ, ווען ער האָט אַנטקעגנגעשטעלט די מכּביער צו די עשׂרה הרוגי מלכות און דערקלערט, אַז די לעצטע זײַנען אים נאָענטער).

ס'איז היסטאָריש פֿאַלש, און אומגייטיק, צו פּרוּוון באַווײַזן, אַז דער פֿאַרלאַנג זיך נוקם צו זײַן איז פֿרעמד דער נאַציאָנאַלער פּסיכיק פֿון ייִדישן פֿאָלק. דער מאָטיוו פֿון נקמה פֿאַר רשעות גייט דורך דער פֿריִער און דער שפּעטערדיקער ייִדישער ליטעראַטור ווי אַן עטישער פּסק־דין.

די ייִדישע דיכטונג אין מיטלעלטער — קינות און סליחות (צווישן זיי סליחות, וואָס ווערן געזאָגט פֿון פֿרומע ייִדן ביזן הײַנטיקן טאָג) און אַנדערע רעליגיעזע לידער זײַנען פֿול מיטן רוף צו נקמה, מיט דער תּפֿילה צו גאָט, אַז ער זאָל ניט מוחל זײַן די שונאים פֿאַר דעם פֿאַרגאָסענעם בלוט.

עס איז כּדאַי זיך אָפּשטעלן אויף עטלעכע פֿון די סליחות און קינות, פּשוט כּדי אָפּצוּוואַרפֿן די טעזע וואָס „מע" פּרוּווט אַנטוויקלען, ווער לגנאַי און ווער לשבֿח, אַז אונטערטעניקייט, הכנעה און מחילה זײַנען „באַטירלעכע" (מיסטישע ?) באַשטאַנדטיילן פֿון דער ייִדישער פֿאָלקפּסיכיק, אַז לײַדן און גלאָריפֿיקאַציע פֿון יסורים זײַנען אַן אויסדרוק פֿון

דער „ייִדישער נשמה". דער פֿאַקט איז, אַז ניט די פֿאָלק־טראַדיציעס פֿאַר־היטן און ניט די ליטעראַטורן — ניט די וועלטלעכע און ניט די רעליגיעזע — פֿריידיקן מחילה, אונטערטעניקייט און הכנעה. דער עיקר לגבי די שונאים פֿון פֿאָלק. הכנעה צו גאָט איז דאָ זייער אַ סך, אָבער זי קומט דאָ ניט אין באַטראַכט.

דער פּייטן דוד בן משולם האָט געלעבט אין דער צייט פֿון ערשטן קרייצצוג. אין אַ רירנדיק געזאַנג (די באַרימטע סליחה „אלהים אל דמי לדמי"), בעט ער זיך: „גאָט דער אַלמעכטיקער! ניט פֿאַרשוויגן זאָל ווערן מיין פֿאַרגאָסן בלוט! פֿאַרגעס עס ניט מיינע מערדער, פֿאָדער עס פֿון מיינע פֿאַרוויסטער. זאָל די ערד ניט צודעקן דאָס בלוט פֿון מיינע קינדער, זאָל עס רינען און שפּריצן און זידן פֿאַר דיינע אויגן".

און נאָך דעם, ווי ער רעכנט אויס פּרטימדיק די גרויליקע מעשׂים פֿון די מערדערס, די עינויים וואָס זיי האָבן אָנגעטאָן דעם פֿאָלק, פֿאַר־ענדיקט ער די סליחה מיט אַן אויפֿפֿאָדערונג צום רבונו של עולם: „און דו זעסט דאָס און דו שווייגסט, דו גרויסער, דו שטאַרקער, דו גאָט פֿון נקמה?!" דער פּייטן קלונימוס בן יהודה (וואָס האָט געלעבט אין דייטש־לאַנד, אין צייט פֿון ערשטן קרייצצוג, 1096, אין דער סליחה „מי יתן ראשי מים", וואָס ווערט געזאָגט תשעה באָב) וואַרפֿט אַן אַרויסרוף צו גאָט: „אוי, גאָט, דו אַלמעכטיקער! אמת, גרויס איז דיין געדולדיקייט... ווי קאָנסטו אָבער אויך איצט רויִק שווייגן און ניט אויסברעכן אין צאָרן, בעת יענע שפּאָטן און לאַכן. איז ער אַ גאָט — זאָל ער זיין שטאַרקייט באַווייזן!" און אַן אַנדער זינגער בעט זיך: „אַ צאַרט בלימעלע האָט מען אין דער מוטערס שויס דערשטיקט, דאָס קינד מיט דער מוטער אומגע־בראַכט — באַצאָל־זשע זיי פֿאַר זייער ווילדן רשעות, באַצאָל זיי כּפֿל כּפֿלים". און אַן אַנדערע קינה מאָנט: „דו שטרענגער, אַלמעכטיקער קעניג איבער אַלע וועלטן! באַצאָל זיי וואָס גיכער, שנעל שיק זיי דעם בראָך. קער זיי אום צו סדום און עמורה".

אין אַ סליחה וואָס ווערט געזאָגט עשׂרה בטבֿת, בעט זיך דער באַ־וווסטער פּייטן אין דייטשלאַנד, אפֿרים בר יצחק, נאָך דעם ווי ער רעכנט אויס די רדיפֿות און די נגישות: „אָ, גאָט! דו, גאָט פֿון נקמה, באַצאָל זיי פֿאַר זייערע מעשׂים, צעשטער זייערע האָפֿענונגען, צעברעך זייער שטיץ — אומגעהייער זאָל זיין זייער בראָך".

און נאָך איינער פֿון די דייטשישע בעלי־פּיוט, וואָס האָט דורכגעלעבט דעם צווייטן קרייצצוג, 1146, משה בן אליעזר הכהן, פֿאָדערט אויף (אין זיין קינה „אַ קלאָג־ליד אויפֿן חורבן פֿון די ייִדישע קהילות אין דייטש־לאַנד") זיין גאָט:

„...נאָר מיט דיין גרויסער האַנט
זאָלסטו אויסגיסן אויף זיי האַס און גרימצאָרן און שאַנד.

דערפֿאַר און דערפֿאַר, ווײַל צו גרויס איז זייער פֿאַרברעכן,
דערפֿאַר און דערפֿאַר, ווײַל זיי האָבן מיך געטאָן שטעכן און ברעכן,
משפט און נקמה זאָלסטו פֿאַר מיר, גאָט פֿון נקמה, נעמען
און דעם צער פֿון יעקבֿס פֿאַרברענטע און געשענדטע זאָלסטו פֿאַרנעמען,
זייער לײַב זאָל זײַן אָנגעלייגט, ווי אַ קרבן אין דײַן האַנט —
און דאָס גאַנצע הויז פֿון ישׂראל זאָל באַווייִנען דעם בראַנד!"

(ייִדיש פֿון י. י. שוואַרץ, „העברייאישע פּאָעזיע" —
אַנטאָלאָגיע, זײַט 145)

פֿון דעם געזאָגטן דרינגט אַרויס, אַז דער עטישער אונטערטאָן און די מאָראַלישע באַזע פֿון דעם רוף נאָך נקמה איז: דאָס רשעות פֿון דער וועלט טאָר ניט בלײַבן אומבאַשטראָפֿט. מער נאָך: עס איז די אויפֿפֿאָדערונג צו גאָט אַליין, וועמען דער פֿרומער ייִד זעט ווי אַן אל רחום וחנון, אַז אין נאָמען פֿון זײַן רחמימדיקייט און דער געזעצמעסיקייט פֿון דער וועלט וואָס ער האָט באַשאַפֿן, מוז ער נקמה נעמען אין די וואָס פֿאַרטיליקן די וועלט און ברענגען אום דעם מענטש.

פֿאַר אונדזער איצטיקער אַרבעט איז אינטערעסאַנט ווי, מיט הונדערטער יאָרן שפּעטער, אין טייל פֿאַלן — מיט קנאַפּע 1,000 יאָר שפּעטער, גייט דורך דער זעלבער מאָטיוו. אין די אויערן און אין די הערצער פֿון די ייִדן וואָס האָבן געלאָזט זייערע אויפֿשריפֿטן אויף די תּפֿיסה־ווענט און אין די לידער אין די געטאָס האָט אָפּגעקלונגען דער היסטאָרישער עכאָ ניט נאָר פֿון די יסורים פֿון אַמאָל, נאָר אויך פֿון דעם נקמה־רוף פֿון דורות. דער רוף איז איצט, דער עיקר, געווענדט צום מענטש, געווענדט צו זיך אַליין, מער אַגרעסיוו, אַדרעסירט אָפֿט צו דער ביקס, צום אַקטיוון ווידערשטאַנד.

ט.

הייסט עס:

דער רוף צו נקמה, ווי אויסגעדריקט אין די געטאָ־לידער און אין דער געטאָ־ליטעראַטור בכלל, קוואַלט אַרויס פֿון דעם פֿאָלקס טיפֿן גלויבן אין יושר, אין דעם מאָראַלישן זין פֿון לעבן, וואָס טאָר ניט דערלאָזן, אַז דאָס בייז פֿון דער וועלט זאָל בלײַבן ניט באַשטראָפֿט. עס איז דער עטישער דין־וחשבון פֿון לעבן — דאָס געפֿיל פֿון געזעציקייט, דער אַלטער גלויבן, אַז עס קאָן ניט האָבן קיין קיום אַ וועלט פֿון לית דין ולית דיין.

אין די געטאָ־לידער איז דער אָנזאָג צו נעמען נקמה די צוואה וואָס

די, וואָס זײַנען פֿאַרטיליקט געוואָרן, האָבן איבערגעלאָזט פֿאַר די לעבעדיקע. אין אַ ליד, „מײַן ברודער" פֿון אַן אומבאַקאַנטן מחבר אין דעם לאַגער אין קלאָגע, עסטלאַנד, לייענען מיר:

דו לעבסט ניט מער, מײַן האַרץ, מײַן טרייסט,
מײַן לעבן און נחמה,
נאָר ס'שוועבט פֿאַר מיר דײַן הייליק גײַסט,
דײַן בלוט, וואָס רופֿט: נקמה.

אין אַן אַנדער ליד, אויך פֿון אַן אומבאַקאַנטן מחבר, און אויך אין זעלבן לאַגער (זאָל עס זײַן פֿון זעלבן דיכטער? דאַכט זיך, אַז ניין) הערן מיר אַן אָפּקלאַנג פֿון נקמה־רוף:

יאָ, אומגליקלעכע שוועסטער, ברידער,
איר ליגט שוין שטום און רעדט ניט מער...
שוין ציטערן בײַ אײַך קיין גלידער,
שוין רינט בײַ אײַך פֿון אויג קיין טרער...

נאָר ס'קוקן אויגן צווײ אַרויס
פֿון יעדער איינציקער נשמה:
פֿאַרגלאָצט פֿון פּײַן און ווייטיק גרויס,
וואָס רופֿט און מאָנט: נקמה.

און אַ פֿרומער ייִד, ישׂראל שעכטער, פֿון באַרשטשיוו (געדרוקט אין ספֿר־באָרשטשיוו, רעדאַקטירט פֿון נחמן בלומענטאַל, תל אָבֿיבֿ, 1960) בעט זיך בײַם רבונו של עולם:

באַצאָל זיי פֿאַר די טײַכן בלוט,
ווײַל מען האָט געטראָגן דעם נאָמען ייִד.

און ווײַטער:

ווייז דײַן גבֿורה, דײַן קראַפֿט, דײַן כּוח,
מאַך אונדזערע שׂונאים צו אַש און רויך.
שטעל שוין אָפּ דאָס שעכטן און מאָרדן...
א. אַז. וו.

און אַן אומבאַקאַנטער מחבר אין קאָוונער געטאָ לאָזט איבער דעם אָנזאָג צו נעמען נקמה צו זײַן קליינעם זון. אין אַ אַ ליד, „שלאָף, מײַן זון, מײַן קליינער", בעט זיך דער טאַטע:

אַוועקגיין וועלן יאָרן,
וועסט ווערן שטאַרק און גרויס.
נקמה זאָלסטו נעמען
פֿאַר אונדזער בלוט און שוויס.
ליו־ליו־ליו.

דער רוף צו נעמען נקמה, ווי אַ טייל פֿון דעם חשבון מיטן שונא, קײַקלט זיך איבער אַלע געטאָס, רופֿט אויף צום קאַמף און ווידערשטאַנד. די נקמה טראָגט אין זיך אַ פֿאַרנײַנונג פֿון דער מורא פֿאַרן טויט, אַ באַשטעטיקונג פֿון לעבן, אַן אַפֿירמאַציע פֿון זעלבוווערט:

געווען שוין צו ציטערן איבערן לעבן דעם ביטערן,
וואָס איז ערגער צען מאָל פֿאַרן טויט,
גענוג זיך שוין קלאָמערן אין דעם לעבן פֿון יאָמערן,
פֿון שפּלות, פֿון גײַסטיקן קויט.

זאָל קאָכן און זידן אויך דאָס האַרץ פֿון דעם ייִדן,
פֿאַר רחמנות איז מער ניט קיין צײַט,
אַנשטאָט זיפֿצן און קרעכצן, נאָך נקמה צו לעכצן,
נקמה פֿאַר נאָענט און פֿאַר ווײַט.

אַזוי זינגט דער פּאָעט דיסקאַנט פֿון דער קאָוונער געטאָ. און פֿון פּשעמישל (נאָוו., 43׳) ענטפֿערט ריינהאַרץ איססעל:

הערט! הערט! קולות, שטימען פֿון קינדער,
אַוועקגעלייגט ווי סטאַדעס רינדער,
בלוט אַרום און אומעטום.
עס קאָכט, עס זידט, עס רופֿט!
נקמה! נקמה! נקמה!

אויף אַ מער ראַפֿינירטן אופֿן כאַפּט אויף דעם רוף שמערקע קאַטשערגינסקי (אין ווילנע):

מיר וועלן געדענקען דעם וויי און דעם מוט,
עס פֿיבערט אין גליי די נשמה.
קריץ אויס זיך אין האַרצן דרײַ ווערטער פֿון בלוט:
נקמה! נקמה! נקמה!

[אינטערעסאַנט, און נאַטירלעך, ווי נאָענט דער פּשוטער פֿאָלק־מענטש קומט צום זעלבן געפֿיל און כמעט צום זעלבן אָפּקלײַב פֿון ווערטער און אימאַזשן, ווי דער ראַפֿינירטער קינסטלער.]

אין די אַלע אויבנדערמאָנטע אילוסטראַציעס איז פֿאַראַן אימפּלי־קאַציע פֿון קאַמף און ווידערשטאַנד. אַ גרויסע צאָל לידער פֿאַרבינדן אָפֿן די מאָמענטן פֿון נקמה און ווידערשטאַנד. די נקמה ווערט אין די לידער די עמאָציאָנעלע, אָפּט — די היסטאָרישע, מאָטיווירונג פֿאַרן קאַמף קעגן שׂונא. דוד פֿאָגעלמאַן, פֿון דער וואַרשעווער געטאָ, דערקלערט אונדז:

נאָר איין זאַך, וואָס די דײַטשן האָבן זיך נישט געטאָן ריכטן,
זיי האָבן פֿאַרגעסן, אַז די ייִדן קאָן מען נישט פֿאַרניכטן.
נקמה נעמען פֿאַר די אומשולדיקע קרבנות
און פֿאַר די אַלע אָנגעמאַכטע חורבנות.
די צײַט וועט קומען. זײַט גרייט צום קאַמף —
יעדער וואָס קאָן האַלטן געווער אין דער האַנט.

און אין אַ ליד, וואָס ווערט צוגעשריבן צו אליהו קושעלעוויטש (אין וועלכן געטאָ?), זינגט ער:

נאָר דאַך האָבן זיך געפֿונען העלדן בײַ ייִדן,
וועלכע פֿאַר זייער אומשולדיק בלוט האָבן ניט געשוויגן,
אין די ערשטע פּאַרטיזאַנישע רייען, ניט רוענדיק קיין מינוט
נקמה נעמען פֿאַר אונדזער אומשולדיק בלוט.

און אַן אומבאַקאַנטער מחבר אין דינאַווערקער לאַגער עכאָט אָפּ („לאַ־גער־ליד"):

און בלוט פֿאַרגאָסענע,
פֿון לעבנס יונג פֿאַרלאָשענע
זיי רופֿן פֿון דער ערד.
אָ, ברודער, הייב די שווערד
און נעם נקמה
פֿאַר יעדערנס נשמה,
וואָס האָט זײַן לעבן
דעם שׂונא אָפּגעגעבן.

אַ סך ראַפֿינירטער דריקט זיך אויס ריקל גלעזער, פֿון ווילנער געטאָ, אין איר ליד: „איך בין פֿרײַ". זי שאַצט אָפּ דעם היסטאָרישן באַטײַט פֿון דער פּאַרטיזאַנער־ביקס, וואָס זי דריקט צום האַרצן:

נקמה נעמען פֿאַר מײַן היים,
נקמה נעמען פֿאַרן בלוט.
די ביקס וועט מײַן באַהעלפֿער זײַן,
מיט איר צו גיין אין וועג איז גוט.

איך דריק די ביקס מײַנע צום האַרץ,
זי איז געווען מיר שטענדיק טרײַ,
אין יעדער רגע פון געפאַר
האָט זי געבראַכט פאַר מיר די פרײַ.

די ייִדן און ניט־ייִדן — וואָס באַשולדיקן אונדזער פאָלק, אַז אונטערן נאַצישן קנאַפּל האָט עס ניט אַרויסגעוויזן גענוג העלדישקייט און קאַמף־גרייטקייט, האָבן מסתּמא קיין מאָל ניט געלייענט די שורות פון לאה סווירסקי פון וואַרשעווער געטאָ, אין וועלכע זי רופט צום קאַמף קעגן שׂונא. די זעלבע לייקענערס אין דער גבֿורה פון אונדזער פאָלק וועלן אַפילו ניט דערשפירן אין אירע שורות — פון וואַנען זאָלן זיי דערשפירן? — דעם עכאָ פון ערשטע ייִדישע אַרבעטער־לידער, וואָס האָבן מסתּמא געשפּײַזט די דיכטערין, אויף וועלכע זי האָט זיך מסתּמא דערצויגן:

דרײַסט, אָן מורא, פאָרויס לאָמיר גיין,
אין געטאָ ניטאָ וואָס צו זיצן.
מיר מוזן אין שלאַכט באַקעמפן די מאַכט,
דאָס בלוט פון דעם שׂונא זאָל שפריצן.

אַזוי ווי לאה סווירסקי, כאַפּט אויך אויף חנה ברענער (אין קאָוונער געטאָ) דעם אָפּקלאַנג פון אַלטע שלאַכטן און דעם אָפּהילך פון אַלטע רופן צו „מוט און אַנטשלאָסנקייט". עכאָס פון אַמאָליקע מיטינגען און אַרבעטער־דעמאָנסטראַציעס קלינגען אָפּ אין איר ליד, „ברעכן די קייטן". דער אָפּשײַן פון האַלב־פאַרגעסענע אַלטע אַרבעטער־לידער פון סוף יאָרהונדערט העלט אויף אין אירע שורות:

נאָר לאָמיר צוזאַמען
דעם מוט ניט פאַרלירן,
עס וועט נאָך די וועלט
פאַר אונדז עפענען די טירן.

מיר וועלן ברעכן די קייטן
און ברעכן די צאַמען
מיט מוט און אַנטשלאָסנקייט —
מיר אַלע צוזאַמען.

און ווער קאָן נאָכשפּירן דעם אַנזאַמל פון אַלטע טענער, בילדער, שטרעבונגען, האַלב־געדענקטע אימאַזשן — אַ גאַנצער קאָמפּלעקס פון נאַציאָנאַלע שפּירונגען און זכרונות — וואָס טויכן אויף אין די שורות פון יהושע צענדאָרף, אין דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער פּעטיוויע, אין

פראַנקרײַך. אין אַ ליד „אונדזער מוט איז ניט געבראָכן", פאַרזיכערט ער זיך, זײַנע מיט־אַסירים אין לאַגער, און אונדז מיט אַ דור שפּעטער:

זע, די וועלט זי בלײַט שוין ווידער,
ווי יעדעס יאָר — ווי יעדן מײַ,
ייִד און מענטש, אָ, זײַנען ברידער,
ס'מוז די וועלט דאָך ווערן פרײַ.

העכער, העכער פון באַראַקן
הייבן זאָל זיך אונדזער ליד,
פאַר אַלע ווערט דאָס פעלד צעאַקערט
און פאַר אַלע דער קאָרן בליט.

אַ שאָד, וואָס מיר האָבן ניט קיין כראָנאָלאָגישע אינפאָרמאַציע, ווען ס'רובֿ לידער פון נקמה און ווידערשטאַנד זײַנען געשריבן געוואָרן. מיר קאָנען זיך בלויז משער זײַן, אַז אין די שפּעטערדיקע יאָרן, נאָך דעם ווי עס זײַנען פאַרשוווּנדן אַלע אילוזיעס פון קאָנען איבערלעבן די דײַטשע אָקופּאַציע, נאָך דעם ווי עס האָט געפּלאַצט די שווידערלעכע „פּערפידיע פון די דײַטשן" (דער אויסדרוק איז עמנואל רינגעלבלומס), די נעץ פון אַלע נאַצישע ליגנס, אַז מ'פירט די ייִדן צו אַרבעט און ניט צום טויט. עס איז קלאָר, און די געטאָ־אויפרופן צום קאַמף מאַכן עס נאָך קלאָרער, אַז אַזוי שנעל ווי דער דײַטשער פּלאַן פון טאָטאַלן אויסראָט איז באַוווּסט געוואָרן צו די ייִדישע מאַסן אין אייראָפּע, זײַנען נאָך מער געוואַקסן די שטימונגען פון ווידערשטאַנד און עס האָבן זיך געמערט די צוגרייטונגען צו באַוואָפנטער רעזיסטאַנץ. דער אָנוווּקס פון קאַמף־גרייטקייט איז געווען אַן אימפּעטיקער, אַן אַרומנעמענדיקער.

די לידער וואָס האָבן גערופן צום קאַמף, אַקוראַט ווי די אויפרופן צום ווידערשטאַנד, טראָגן אַ זעלטענע ענלעכקייט איינס צום אַנדערן, ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס עס איז כמעט נישט געווען קיין קאָנטאַקט צווישן די שטעט — ווילנע איז געווען אָפּגעריסן פון לאָדזש און וואַרשע פון ביאַליסטאָק און זיי אַלע פון פראַנקרײַך. עס איז ניט גענוג צו זאָגן, אַז דאָס האָט זיך גענומען פון דעם וואָס דער שונא איז געווען דער זעלבער, דער שוידער — פון זעלבן מין, און דער קאַמף — אַ בשותפותדיקער. [אינטערעסאַנט, אַז דער באַוווּסטער גרינדער פון דער חכמת היהדות, דער וויסנשאַפט וועגן ייִדנטום, לעאָפּאָלד צונץ, געפינט ענלעכקייט צווישן די קינות און רעליגיעזע לידער וואָס ייִדן האָבן געשאַפן אין פאַרשיידענע לענדער (אויסער שפּאַניע) אין מיטלאַלטער, מחמת „די געטינס פון שרעק און אומגליק האָבן זיי צו דעם באַגײַסטערט..."]. אַ דעצידירנדיקער פאַקטאָר איז געווען דער אורקוואַל פון דער טראַדיציע פון וועלכער די פאַרשיידענע דיכטערס האָבן געצויגן זייער חיונה, זייער גײַסטיקן

אַנשפּאַר און זייער אינספּיראַציע — עס איז געווען טיילוויז דער תנ״כי־שער קוואַל, מער אָבער די מאָדערנע ליטעראַטור פון פּראָטעסט און ווידערשטאַנד, און די קאַמף־טראַדיציעס פון דער מאָדערנער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג. אַ גרויסע ראָלע האָט, נאַטירלעך, געשפּילט דאָס ייִדישע לשון און דער גאַנצער קולטור־אַנזאַמל, דער קולטור־קאָנצענטראַט פון פאָלקס־דערפאַרונג, אויסדרוק, וואָרט, בילד, קאָליר, וואָס איז אין דעם לשון פאַרקערפּערט. אויפרופן אין פאַרשיידענע שטעט מאַכן טייל מאָל דעם איינדרוק ווי ס׳וואָלט זיי איין האַנט געשריבן, לידער — ווי ס׳וואָלט זיי איין קול געזונגען. אין לעצטן סך־הכל, האָט זיי איין האַנט געשריבן און איין קול געזונגען — די האַנט און דאָס קול פון ליידנדיקן, קעמפנדיקן און צום לעבן זיך ריַיסנדיקן פאָלק.

* * *

מיר האָבן ביז איצט זיך אָפּגעשטעלט נאָר אויף דעם פאָלקליד. מיר ווילן איצט דערמאָנען בלויז עטלעכע קינסטלערישע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן אויפגעכאַפּט, פאַרכוללט און פאַרצייכנט „מיט בלוט און ניט מיט בליַי״ דעם ווייטיק, דאָס אומגליק און דעם ווידערשטאַנד אויף דורות — יצחק קאַצענעלסאָן, מרדכי געבירטיג און הירש גליק. (מיר רירן אָן זייער שעפערישקייט בלויז אין דעם פּעריאָד פון דער נאַצישער נאַכט).

י.

דער ירמיהו פון געטאָ

„דאָס ליד פון אויסגעהרגעטן ייִדישן פאָלק״ פון יצחק קאַצענעלסאָן איז געבליבן, און וועט אויף תמיד בליַיבן, דער איכה פון דער גרויליקער צייַט פון די ימי־היטלער.

י. קאַצענעלסאָנס איכה איז גרעסער פון ירמיהוס, מחמת דער חורבן איז געווען אומגעהייער גרעסער. אַוודאי פאַרמאָגט ניט קאַצענעלסאָן דעם זעלטענעם צמצום פון דעם ביבלישן מקונן, אָבער דערפאַר פליצט פון אים דער מענה־לשון פון צער און האַרצנסבראָך, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש אי פאַרן פאָלק און אי פאַר דער אינטימער באַרעדעוודיקייט פון ייִדישן לשון. קאַצענעלסאָנס ברייטע שורות, די אומגעצאַמטע נייַן מאָס רייד פון אומגליק, וואָס קאָנען זיך נישט, לאָזן זיך נישט, אָפּשטעלן, וואָס ציִען יניקה פון דורותדיקע באַבעס, בעת זיי פלעגן באַקלאָגן אַ געשטאָרבענעם, און וואָס זייַנען דאָך גלייַכצייַטיק דיכטעריש דיסציפּלינירט און געצאַמט — טרייסלען אויף דעם לייענער מיט זייער עקספּלאָזיוון טראַגיזם, וואָס איז ניט צום איבערטראָגן.

ווי דער אַלטער נביא שטעלט ער זיך קעגן דער שליחות וואָס דער גורל לייגט אַרויף אויף אים —

וי קאָן איך זינגען — אַז ס׳איז די וועלט מיר וויסט?
וי קאָן איך שפּילן מיט פאַרבראָכענע הענט?

אָבער זינגען מוז ער. ניט ירמיהו, ניט משה, ניט יונה האָבן געקאָנט אַנטלויפן פון גאָטס וואָרט — קאַצענעלסאָן קאָן אויך ניט אַנטלויפן. אַ שליח־ציבור אַנטלויפט ניט. ער באַהאַלט ניט די טרער. פאַרקערט, ער לאָזט זי זיך קײַקלען ביז זי רײַסט אויף און אויפרײַסנדיק פאַרפלייצט זי אים און אונדז.

ער איז דאַכט זיך מער זאָגער ווי זינגער, מחמת קינות זאָגט מען בײַ ייִדן, און מע זאָגט זיי זיצנדיק נידעריק, האַרט בײַ דער ערד —

איך שפּיל. איך האָב געזעצט זיך נידעריק אויף דר׳ערד,
איך האָב געשפּילט און אומעטיק געזונגען, אָ, מײַן פאָלק!
מיליאָנען ייִדן זײַנען אַרום מיר געשטאַנען און געהערט.
מיליאָנען אויסגעהרגעטע זײַנען געשטאַנען, זיך צוגעהערט
— אַ גרויס געפאָלק!

עס רײַסט זיך פון אים דער לעצטער קרעכץ פון לעצטן ייִד. אָבער עס איז אַ קרעכץ וואָס רײַסט זיך פון דורות מקוננים, וועמעס קלאָג ברומט אין אים, ווי זי האָט געברומט אין האַרצן פון פאָלק אין קנאַפּע צוויי טויזנט תשעה באָבֿ און יום־כּיפּורס. אָבער אַפילו בײַ די דורות קאָן ער קיין טרייסט ניט געפינען. ער איז אומגעדולדיק מיט זיי. ניט יחזקאל, ניט ירמיהו קענען אים העלפן:

יחזקאלן, אים, ניין, ירמיהון... אים אויך, איך דאַרף אים ניט!
איך האָב גערופן זיי: אָ, העלפט מיר, העלפט אַרויס!
נאָר כ׳וועל אויף זיי ניט וואַרטן מיט מײַן לעצטן ליד —
זיי מיט נבֿיאות און איך אין ווייטיקן אין מײַנע גרויס.

אָבער דאָך הערט ניט אויף דאָס אחריות צום פאָלק, אַפילו דער פּרווו צו באַשיצן די „איבערבלײַבעכצן אויף יענע זײַטן ים" —

...ווייל ייִדן אײַך, אָ, ווייל אײַך, ווייל,
ווייל אײַך עלנטע, אײַך איבערבלײַבעכצן אויף יענע זײַטן ים,
וואָס איר ווייסט עס ניט. אַך, ווען עס עפֿענען מײַנע ווייטיקן
אַ מויל,
זיי וואָלטן אײַך דאָס לעבן אײַערס, אײַך די וועלט פאַר־
פינצטערט און פאַרסמט.

דורך דעם גאַנצן האַרצצעברעכנדיקן צער, דורך דעם יאָמער וואָס ניט צום אַריבערטראָגן גליט און וואַרעמט און מאַכט אַפילו דעם ווייטיק

לינדער די געלײַטערטקייט פֿון קאַצענעלסאָנס ליבשאַפֿט צום פֿאָלק. זעלטן ווען און זעלטן וווּ אין אונדזער ליטעראַטור האָט אַ קינסטלער מיט אַזוי־פֿיל פֿײַנלעכער און טיפֿערער וואַרעמקייט געטוליעט דאָס פֿאָלק אין ליב־שאַפֿט צו זיך. און ניט סענטימענטאַל דווקא, נאָר מיט חכמהדיקער באַ־וווּנדערונג אין מיטן פֿון האַרצנבראַך און וויי. געלײַטערטער נאָך ווערט די ליבשאַפֿט ווען ער באַזינגט — באַוויינט — די קינדער, די ייִדישע. דווקא זייער חכמה, דווקא זייער געטרײַשאַפֿט איינס צום אַנדערן, דווקא זייער קלוגשאַפֿט זיך בײַם לעבן צו דערהאַלטן דעם שונא אויף צו להכעיס פֿאַרכאַפּן אים, טריקענען אַפֿילו אויס די טרערן אין מיטן פֿון גרויל:

וויין ניט... איך האָב געזען אַ מיידעלע פֿון אַ יאָר פֿינף
אין יענעם „פּונקט",
זי האָט אַ ווײנענדיקן ברודערל, אַ קלענערן אַ סך פֿון איר,
אַ לײַדנדן געגערט...
זי האָט פֿאַרדאַרטע ברויט אין אַ מאַרמעלאַד אַ שיטערן געטונקט
און קונציק אים אין מײַלעכל אַרײַנגעשמוגלט... מיר איז
געווען באַשערט
צו זען עס, זען דער מאַמען, זען דער מאַמען דער פֿינפֿיעריקער,
ווי זי שפּײַזט אים, אירע רייד
צו אים געהערט. מײַן מאַמע, איינע אין דער וועלט, איז ניט
דערפֿינדעריש אַזוי געווען!
זי האָט אַ טרער אים אָפּגעווישט מיט אַ געלעכטער, אַרײַנ־
געערדט אין אים אַ פֿרייד,
ס׳ייִדיש מיידעלע! שלום־עליכם האָט עס בעסער ניט געקענט.
איך האָב׳ס געזען!

און אַ ביסל ווײַטער זעט ער ווי אָרום אַ קאָקס־אויוון טוליעט זיך אַ הײפֿל האַלב־נאַקעטע קינדער און איינס „אַ שוואַרץ־אויגיק, אַ בלאַס ייִנגעלע נאָך גאָר יונגס, ער האָט דערציילט אַ מעשהלע", אָבער דער דיכטער פֿאַרכאַפּט זיך —

... ניין, ניט אַ מעשהלע — ער האָט געבראָוזט, ער איז
געווען אויפֿגערעגט —
ישעיהו, דו, האָסט ניט געפֿלאַמט ווי ער, האָסט ניט געהאַט
אַזאַ ייִדישע צונג.

אָבער אויך בײַ קאַצענעלסאָן, אין מיטן געיאָמער, דיקטירט דאָס געפֿיל פֿון פֿאָלקישער פֿאַראַנטוואָרטונג די אויפֿפֿאָדערונג צו חשבון און נקמה — אויפֿצומאָנען בײַם שונא פֿאַר דעם צער און דעם אומגליק און

מאָנען מוז מען אין דער היסטאָרישער טיף, אין דער טיף פון מאָרגן, אַפילו פאַר די נאָך ניט געבוירענע קינדער. ער ציט אונטער דעם סך־הכל פון בראָך און לאָזט איבער צו אונדז די נאַציאָנאַלע אַחריות, אַז דאָס טאָר ניט געשענקט ווערן, אַז געווין אַליין איז ניט גענוג, אַז אַ פאָלק טראָגט די אַחריות ניט נאָר פאַר זיך, נאָר פאַר די דורות פריער און די דורות שפּעטער —

אַזוי האָט מען אונדז אומגעבראַכט, פון גריכנלאַנד, ביז אין
נאָרוועגן און ביז פאַר מאָסקווע — ביי זיבן מיליאָן.
ניט רעכנדיק קינדער יידישע אין בייכער, אַליין די שוואַנגערע,
די ערב־מאַמעס קומען אין באַטראַכט,
און בלייבט אַ ייד ווייט אין אַמעריקע, אין ארץ־ישׂראל נאָענט
— מאָן אויך די, די קינדער ביי דער וועלט, מאָן, מאָן,
די ניט־געבוירענע נאָך און דערהרגעטע, מאָן די דערשטיקטע
מיט דער מאַמען אין דער מאַמעס טראַכט.

„אני הגבר ראה עני“,* קלאָגט דער בעל־מקונן אין איכה —

אני הגבר, איך בין דער מאַן, וואָס האָט זיך צוגעקוקט, וואָס האָט געזען
ווי מען האָט די קינדער מיינע, מיינע פרויען, מיינע יונגע און מיינע אַלטע לייט
אין וועגענער געוואָרפן, ווי שטיינער זיי אַריינגעשליידערט דאָרטן...—

איכהט אָפּ יצחק קאַצענעלסאָן. ווי בלאָס איז דער ביבלישער קינה־זאָגער אין פאַרגלייך מיטן וואַרשעווער בעל־מקונן. ווען קאַצענעלסאָן צעוויגט זיך אין ניט באַשרייבלעכן צער — „קוק זיך צו און ווער דול!“ קוויקלט זיך אַ געשריי, אַ געוואַלד, אַן אָנקלאָג אויף דור־דורות.

כּלם ננעלו, רק שערי דמעות לא ננעלו — אַלע טויערן זיינען פאַר־שלאָסן, נאָר די טויערן פון טרערן זיינען ניט פאַרשלאָסן.

דורך די איינציק אָפן געבליבענע טויערן האָט דער דיכטער, דער קדוש, יצחק קאַצענעלסאָן, אויפגעכאַפּט די פאָלקטרער, זי אָפּגעהיט — זי ניט געלאָזט אויסגעוועפּט און פאַרטריקנט ווערן, זי איינגעטריפט אין האַרצן פון פאָלק אויף תמיד.

* אַני האַגעווער ראָאָ אָני — איך בין דער מאַן וואָס האָט אָנגעזען פּיין.

יא.

„עס ברענט"

אַן אייגן אָרט אין דער געטאָ־ליטעראַטור פֿאַרנעמט מרדכי געבירטיג מיט זײַנע לידער, בלויז געציילטע, געשריבן אין די יאָרן 1939־1942, אין קראָקע און אין לאַגער לאַגעווניקי, לעבן קראָקע (פֿון אַן ערך 90 לידער, וואָס געבירטיג האָט געשריבן, געהערן בלויז 16 צו די מלחמה־ און געטאָ־יאָרן). דער עיקר האָט געבירטיג זיך קונה שם געווען מיט זײַן אַלאַרם־ליד „עס ברענט" — געשריבן עטלעכע יאָר, איידער די נאַ־ציס האָבן פֿאַרנומען פּוילן. „עס ברענט" איז געשריבן געוואָרן אין 1939, נאָכן פּאָגראָם אין פּשיטיק.

בלויז געבירטיגס נאָענטקייט צום פֿאָלק און די אוממיטלבאַרע פֿיל־באַרקייט זײַנע, וואָס האָט סיסמאָגראַפֿיש אויפֿגעכאַפּט יעדן ציטער פֿון דעם פֿאָלקס לײַדן, יעדן קאָרטשע פֿון יסורים, האָט געקענט פֿאַרויס־שפּירן דעם בראַך, האָט געקענט אַרויסברענגען אַ ליד, געשריבן אונ־טערן איינדרוק פֿון איין פֿאַרהעלטעניסמעסיק קליינעם אומגליק, וואָס זאָל ווערן דער טרעוואָגע־סיגנאַל פֿאַר אַ גרויסער קאַטאַסטראָפֿע.

„עס ברענט" איז געוואָרן דאָס יאָמער־געשריי אין דעם חושך פֿון דער נאַצישער „נאַכט פֿון גרויסן מעסער", וואָס האָט געקוילעט דאָס פֿאָלק.

ערשט אין געטאָ האָט דאָס ליד געקראָגן זײַן נאַציאָנאַלן תּיקון. געבירטיג האָט געקלונגען אין די פֿייער־גלעקער, איידער די שׂריפֿה האָט אויסגעבראָכן און פֿאַרצוקט דאָס פֿאָלק.

— ייִדן, ראַטעוועט, „לעשט מיט אײַער אייגן בלוט", האָט זיך גע־טראָגן איבער דער ייִדישער וועלט, ווענעס אויער — צו אונדזער צער און אומגליק — האָט דאָס געשריי ניט פֿאַרנומען:

עס האָבן שוין די פֿײַער צונגען
ס'גאַנצע שטעטל אײַנגעשלונגען

— — — — — — — — — — —

און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך
מיט פֿאַרלייגטע הענט
און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך —
אונדזער שטעטל ברענט.

געבירטיג האָט דערהויבן דאָס שטעטל צום סימבאָל פֿון ייִדישן לעבן, די שׂריפֿה — צום סימבאָל פֿון דער פֿאַרצוקונג און פֿאַרלענדונג, וואָס האָט אַ דריטל פֿון אונדז אומגעבראַכט.

דווקא די פּשוטע רייד, דווקא די כּמעט פּראָסטע ווערטער, אין נוסח פון געבירטיגס שאַפן אין אַלגעמיין, גיבן צו אַן אויפטרייסלערישקייט צום ליד, וואָס איז ניט־צום־אַריבערטראָגן. דאָס שטעטל, די פייער־צונגען, דער גלײַכגילט פון די פאַרלייגטע הענט, די צוקוקער — דער־הייבן דאָס ליד צו אַ טראַגישן פּאַטאָס. פאַראַן אַ ביבלישע עקספּלאָ־זיוקייט אין דער פּשטות. די קאָלירן זײַנען שוואַרץ און פלאַם־רויט — די פײַער־מצבֿה אויף אונדזער שטעטל.

מיר האָבן דאָס ליד ניט פאַרנומען. ערשט די אַסירים אין די געטאָס, געציילטע יאָר שפּעטער, האָבן דערשפּירט די טרעוואָגע־טענער פון ליד, די הילפגעשרייען פון פאַרצווייפלונג, די וואָרענונג, וואָס מען האָט דער־הערט צו שפּעט, דעם „ראַטעוועט" געוואַלד.

אינטערעסאַנט און כאַראַקטעריסטיש פאַר געבירטיגן איז, אַז אין די לידער וואָס ער האָט געשריבן אין געטאָ גופא און אין לאַגער לאַ־געווניקי, לעבן קראָקע, ווו געבירטיג איז געזעסן פון יאַנואַר 1941, ביז פרילינג 1942, אין דער צײַט ווען די נאַציִשע רייך האָט אַרומגע־נומען און געשטיקט דאָס לעבן פון פאָלק — איז דער טאָן פון זײַנע לידער אַן אַרויסרופערישער און אַ טרייסטנדיקער. דער היסטערישער טרעוואָגע־טאָן פון „עס ברענט" ווערט פאַרביטן אויף אַ טאָן פון שטילע לײַדן, ברויזנדיקן צאָרן, רוף צו ווידערשטאַנד און נקמה. געבירטיג ראַנגלט זיך מיטן יאוש און פון לאַגער אַרויס רייסן זיך זײַנע שורות:

אָון איך זאָג אײַך, ברידער, געדענקט, וואָס איך זאָג,\
די איינציקע טרייסט און נחמה.\
ס'וועט קומען, איר הערט? ס'וועט קומען אַ טאָג,\
וואָס וועט פאַר אונדז נעמען נקמה.

ס'וועט קומען דער טאָג, יאָ, איך האָף און גלויב,\
איך זע, ברידער, זײַן אָנקום פון ווײַטן.\
און ברענגען וועט ער אונדז, ווי נחס אַ טויב,\
אַ בשׂורה פון פרידלעכע צײַטן.

און ווידער אַ מאָל, ווי דער עכטער פאָלקזינגער, פאַרקערפּערט ער אין זיך די זעלטענע שטריכן פון כּוח און אויסדויער אין מיטן פון גרויל און הילפלאָזיקייט, וואָס בלויז דאָס פאָלק איז אויף זיי פעיִק, ווען ער לאָזט אַרויסקוואַלן פון זיך זײַן געזאַנג פון גלויבן — זײַן „מינוטן פון בטחון" —

ייִדן, זאָל זײַן פריילעך!\
שוין ניט לאַנג איך האָף —

ס׳עקט באַלד די מלחמה,
עס קומט באַלד זייער סוף.
— — — — — — — —
טרײַבט אונדז פון די דירות,
שנײַדט אונדז אָפּ די בערד,
ייִדן, זאָל זײַן פריילעך,
מיר האָבן זיי אין דר׳ערד.

יב.

„געשריבן מיט בלוט", אָדער דאָס ייִנגל מיטן מאַסטעטנעם פּנים

אין יעדער עפּאָכע אין דער ייִדישער ליטעראַטור האָט זיך געפֿונען אַ ייִנגלינג וואָס האָט איבערגעלאָזט סימנים אויף דורות: עדעלשטאַט איז אַוועק צו 26 יאָר, באַוושאָווער — האָט אויפֿגעהערט שרײַבן צו 27, אָשר שוואַרצמאַן — צו קנאַפּע 30 יאָר. דער הימן פֿון געטאָ איז אויסגעפֿאַלן אויפֿן גורל פֿון אַ 26־יאָריק סאַמעט־פּנימדיק ייִנגל.

הירש גליקס „לעצטער וועג" איז ניט באַוווסט. מיר ווייסן יאָ, אַז אין 1942, אָדער 1943, איז גליק, דעמאָלט 26־27 יאָר אַלט, פֿאַרשלעפּט געוואָרן אין אַ לאַגער לעבן ווילנע און דאָרט אומגעבראַכט געוואָרן.

געבליבן איז אונדז אַ „מיידל מיט אַ סאַמעטן פּנים", וואָס פּאַרטיליקט אַ „פֿולן אויטאָ מיט וואָפֿן" פֿון שונא — אַ ליד, וואָס איז ליריש, ווייך, וואָס באַזינגט אַ „קלייניקן נצחון" און בלײַבט דאָך אַ ליבע־ליד. דער יונגער דיכטער פֿאַרפֿעלט ניט, מיט קנאַפּע ווערטער, אויסצומאָלן די ווײַבלעכע שטריכן פֿון דער יונגער פּאַרטיזאַנקע. דאָס פּנים, דאָס סאַמעטענע, דער בערעט, דאָס פּעלצל — דאָס אַלץ זאָגט עדות, אַז דער יונגער פּאָעט באַמערקט און באַוווּנדערט איר פֿרוילעכקייט, ער וויל אַז מיר זאָלן זי אַזאַ געדענקען.

דער געטאָ־הימן, וואָס גליק האָט אָנגעשריבן — ביז איצט שוין איבערגעזעצט אויף צענדליקער שפּראַכן — איז געבליבן אַ געזאַנג אויף דורות. עס וועט אים קיינער ניט קענען אָפּמעקן אָדער אויסשליסן פֿון אוצר פֿון אונדזער פֿאָלק־געזאַנג.

פֿאַרוואָס? ווײַל ס׳איז אַ געזאַנג פֿון מוט, פֿון קאַמף, פֿון האָפֿענונג? יאָ, אַוודאי.

ס׳איז אָבער אַ סך מער ווי דאָס. ווײַל ס׳איז גרויסע דויערנדיקע פּאָעזיע? ניט דווקא. ס׳איז מער רעטאָריק, „שטאַרקע רייד", ווי אמת לויטערע דיכטונג.

דער עיקר אין „זאָג ניט קיין מאָל" איז דער היסטאָרישער עם ישׂראל חי־מאָטיוו, וואָס גליק האָט מיט אַזוי פֿיל ייִנגלשער טראָציקייט געוואָרפֿן דעם שונא אין פּנים אַרײַן. די אייביקע פֿאָלקישע אײַנגעשפּאַרטקייט און

איינגעקלאַמערטקייט אין לעבן, וואָס פּולסירן אין ליד, דערהייבן עס צו דער מדרגה פֿון אַ הימן און גיבן דעם ליד דויער.

עס איז דער נאַציאָנאַל־היסטאָרישער עכאָ, וואָס קלינגט אָפּ אין ליד און וואָס רופֿט זיך איבער מיט דורותדיקער עקשנות, מיט דער קשה־עורפּדיקייט פֿון אַ פֿאָלק, וואָס האָט אין די מאוימדיקסטע רגעס אין זײַן געשיכטע, ווען לויט אַלע אָנגענומענע געשיכטלעכע תּנאים האָט עס באַדאַרפֿט אונטערגיין, געענטפֿערט מיט „כּי אחיה" — „מיר זײַנען דאָ".

עס איז דער ברום פֿון האָפֿענונג אין דער מיט פֿון חושך, דאָס פּראָקלאַמירן די דערהויבנקייט פֿון לעבן („די מצווה צו לעבן", ווי שלום אַש האָט עס באַצייכנט) אין דער מיט פֿון חורבן און אונטערגאַנג, דער תּהילימשער „גם כּי אלך בגיא צלמות" — אַפֿילו אין טאָל פֿון שאָטן פֿון נאַצישן טויט — „מיר זײַנען דאָ".

עס איז ניט סתּם ייִנגלשע טראָציקייט, נאָר טיף דורכגעטראַכטע און דורכגעפֿילטע נאַציאָנאַלע אַנטשלאָסנקייט לעבן צו בלײַבן, פֿאַרלייקענען דעם טויט, בעת ער קוקט דיר אין פּנים אַרײַן, מחמת אַ פֿאָלק טאָר ניט אונטערגיין, אַ פֿאָלק מוז דערקלערן „מיר זײַנען דאָ".

עס איז אין דער זעלבער צײַט דער מענטשלעכער ענטפֿער צום נאַצישן מאָרד־פֿאַרמעסט אויף דער וועלט. הירש גליק ווינקט זיך ניט בלויז איבער מיט פֿריִערדיקע דורות — ער גלידערט זיך אײַן אין זיי, ער וואַקסט אַרויס פֿון זיי. ער ווינקט זיך נישט בלויז איבער מיט די פֿריִערדיקע דורות, ער הילט זיך אײַן אין זיי. דורות גוואַלד־געשרייען קעגן רשעות, דורות בטחון אין מענטשן האָבן אים צוגעגרייט, האָבן אים געגערט — דעם יונגן הירש גליק.

צום סענסיטיווסטן האָט עס פּרץ מאַרקיש דערשפּירט אין זײַן גרויסער עפּאָפּייע „מלחמה". כּדי זיך ראַטעווען פֿון די נאַציס וואָס יאָגן אים נאָך, שילדערט מאַרקיש, ווי הירש גליק „רופֿט זיך אַליין אויף", גיט זיך אַן עליה און וואַרפֿט זיך אויפֿן שײַטער, ווו עס ברענט די ייִדישע ווילנע. אָבער אויפֿן זעלבן שײַטער, אין די זעלבע פֿלאַמען — דערציילט מאַרקיש — צוזאַמען מיט גליקן ברענט אויך דער אַלטער איוב, מענדעלעס „קליאַטשע", שלום עליכמס „טעוויע", פּרצעס „דרײַ מתּנות", חיים נחמן ביאַליקס „שחיטה שטאָט".

> דאָס האָט אַ פֿאָלק, צווישן פֿאַלנדיקע ווענט,
> דאָס ליד געזונגען מיט נאַגאַנעס אין די הענט.

הירש גליקס „זאָג ניט קיין מאָל" איז געוואָרן אַ פֿאָלק־הימן אויף דורות, ווײַל דער יונגער פּאָעט־קדוש איז געשטאַנען אויף די אַקסלען פֿון די פֿריִערדיקע דורות, זיי האָבן ניט בלויז אַרײַנגעזונגען אין אים — זיי האָבן פֿון אים אַרויסגעזונגען.

٢

משה שיפֿריס

(וועגן זײַן בוך „פֿויגל קאַנאַריק און אַנדערע מעשׂיות")

.1

משה שיפֿריס איז פֿאַרבונדן מיט דער ייִדישער קולטור אין אַמע־ריקע און מיט דעם אָנשטרענג זי אָפּצוהיטן. אַ חשובֿער מיטשאַפֿער פֿון אָט דער קולטור, האָט ער פֿאַר זיך אויסגעקליבן דאָס שווערסטע פֿון אַלע קולטור־געביטן, — דאָס געביט פֿון באַדינען דאָס ייִדישע קינד.

ער האָט ניט נאָר געשריבן דאָס ליד אָדער דאָס מעשׂהלע פֿאַרן קינד, נאָר ער האָט אויך מיט אייגענע ליפּן געהאָלפֿן איבערגעבן דאָס ליד אָדער דאָס מעשׂהלע צו דעם שילער אויף דער שולבאַנק, אָדער צום קינד אויף דעם גראָז לעבן טײַך אין זומער־לאַגער.

משה שיפֿריס איז דער לערער, דער וועלטלעכער דערציִער פֿון אַ דור קינדער אין די ייִדישע שולן אין אַמעריקע. זײַן אַרבעט מיט די קינ־דער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זײַן אומגעהייערער ליבע צום קינד, און — די ליבע פֿון קינד צו אים.

מ. שיפֿריס האָט אויך צונויפֿגעשטעלט טעקסט־ביכער פֿאַר די ייִדישע שולן, געשריבן שפּילן פֿאַר דער שול, מיטגעאַרבעט אין קינדער־זשורנאַלן אין אַמעריקע אין משך פֿון די לעצטע 25 יאָר, און דער עיקר אין קינדער־זשורנאַל „יונגוואַרג", מיט וועלכן ער איז געווען פֿאַרבונדן במשך דעם זשורנאַלס קיום, 1937־1951.

.2

פֿאַראַן קרומע פֿאָרשטעלונגען וועגן דעם, וואָס ליטעראַטור פֿאַר קינ־דער דאַרף זײַן. די אַלע פֿאָרשטעלונגען ווערן געווײנלעך פֿאַרשפּיצט צו צוויי עקסטרעמען: פֿון איין זײַט דער געדאַנק, אַז קינדער־ליטעראַטור איז זייער לײַכט, עס איז דאָך נאָך אַלעמען ניט מער ווי פֿאַר קינדער, און — „וואָס ווייסט אַ קינד?" דער צווייטער עקסטרעם האַלט געווײנטלעך, אַז קינדער־ליטעראַטור איז אַ מין מיסטעריעז־אויסטערלישע שאַפֿונג, וואָס מען טאָר זיך צו דעם ניט צורירן.

די ערשטע ווערן געווײנטלעך שטאַרק־פּראָדוקטיווע שרײַבערס, וואָס ליפֿערן פֿאַרן קינד די באַרימטע פּאָעזיע פֿון „מאַמעלע־גראַמעלע". די

צווייטע — ווייכן פֿון דער קינדער־ליטעראַטור. עס באַקומט זיך אַ מין פּאַראַדאָקסאַלע דערשיינונג — פֿון איין זייט האָבן זיך ווייניק ייִדישע קולטור־שאַפֿערס צוגערירט צו דער קינדער־ליטעראַטור; פֿון דער אַנדער זייט איז קיין שום צווייג פֿון אונדזער ליטעראַטור אַזוי ניט פֿאַרפֿלייצט געוואָרן מיט ווערטלאָזער, ניט־קינסטלערישער סחורה ווי אָט דאָס געביט.

וואָס אייגנטלעך דאַרף מען האָבן אין ליטעראַטור פֿאַרן קינד? גענוי דאָס זעלבע וואָס מע דאַרף האָבן אין ליטעראַטור פֿאַר דערוואַקסענע: אַ ליטעראַטור, וואָס זאָל העלפֿן באַזיניקן און פֿאַרשטיין דאָס לעבן; אַ ליטעראַטור וואָס זאָל ניט נאָר ווײַזן, נאָר אויסטײַטשן די וועלט אַרום; אַ ליטעראַטור, וואָס זאָל פֿאַרשאַפֿן פֿרייד, ברענגען שיינקייט, אָטעמען מיט ליבשאַפֿט.

די ליטעראַטור פֿאַרן קינד דאַרף צום אַלעם ערשטן האָבן אַ טיפֿע סענסיטיווע פֿאַרשטענדעניש פֿאַרן קינד. די ליטעראַטור פֿאַרן קינד דאַרף טראָגן אין זיך דעם ליכטיקן הומאָר, וואָס דאָס אָרעמע פֿאָלק טראָגט אין זיך, ווי שווער עס זאָלן ניט זײַן זײַנע טעג. די ליטעראַטור דאַרף זיך טראָגן מיט דער געזונטער פֿאַנטאַזיע פֿון קינד, ניט די אויס־געטראַכטע לאַקרעץ־זיסע־פּוסט־און־פּאַס פֿאַנטאַזיע, נאָר די לויטערע פֿאַנ־טאַזיע, וואָס טראָגט זיך אויף די שענסטע און העלסטע פֿליגל און וואָס האָט נאָך אַלץ אירע וואָרצלען אין דער רעאַליטעט, אין דעם לעבן.

דאָס קינד איז צום אַלעם ערשטן פֿריש און ערלעך, געטרוילעך און אוממיטלבאַר, סענסיטיוו און פֿאַרשטענדיק, ווי אַן אמתער חכם, און דער־בײַ טראָגט עס אין זיך אַ זעלטן־נאַאיווע רירנדיקע פּשטות.

פּונקט ווי דער נאַאיווער פֿאָלק־מענטש שיידט אָפֿט ניט אָפּ די פֿאַנ־טאַזיע פֿון דערווירקלעכקייט, אַזוי טוט עס דאָס קינד. אָבער פּונקט ווי דער פֿאָלק־מענטש, אַזוי פֿאַרלירט דאָס קינד קיין מאָל ניט זײַנע וואָרצ־לען, וואָס שטעקן אין רעאַלן לעבן. אין אָט דער ניט־הסכּמה פֿון פֿאַנ־טאַזיע און ווירקלעכקייט בײַם קינד ליגן אוצרות הומאָר, וואָס דער סענ־סיטיווער שרײַבער הייבט זיי אַרויס און באַהויכט זיי מיט זײַן שאַפֿונג. דאָס קינד באַוועגט זיך לויט זײַן אייגענעם גאַנג און שאַפֿט פֿאַר זיך אַ געזעצמעסיקייט, וואָס בלויז דער סענסיטיווער לערער אָדער שרײַבער וועט עס פֿאַרשטיין און רעספּעקטירן.

3.

וואָס זײַנען די ערשטע כאַראַקטער־שטריכן פֿון משה שיפֿריס ווי אַ שרײַבער פֿאַר קינדער?

צום אַלעם ערשטן קומט ליבע, וואָס אָן איר איז בכלל קיין שאַפֿונג ניט מעגלעך, און מיט דעם — די טיפֿע פֿאַרשטענדעניש פֿאַרן קינד. נאָך דעם — די נאַטירלעכע, כּמעט אינסטינקטיווע, פֿייאיקייט צו ווערן

אַן אינעווייניקסטער אין קינדס וועלטל, זיך פולשטענדיק אידענטיפיצירן און צונויפגיסן מיטן קינד.

מ. שיפריס רעדט קיין מאָל ניט אַראָפּ צום קינד. ער „ציגעלע־מי־גנעלעט" פאַר אים כמעט קיין מאָל ניט. שיפריס רעדט כסדר פאַרן קינד בלשון „איך". די וועלט פון קינד איז פאַר אים אַזוי נאַטירלעך ווי די וועלט פון די דערוואַקסענע פאַר די גרויסע.

ער כאַפּט אויף די אינערלעכע לאָגיק, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן קינד און פאַר זײַן וועלט, און פאַר זײַן אופן פון אויפנעמען און פאַרשטיין זאַכן.

צוזאַמען מיט דער לאָגיק פון קינדער־לעבן גייט די פאַנטאַסטיק, די לאָגישקייט פון אומלאָגישן, דער פּרווו צוזאַמענצורעכענען, וויפל עס איז „אַ לאַך פון אַ בייגל און אַ סקריפּ פון אַ טויער, אַ קוק פון אַן אייגל און אַ לשון פון אַ מויער."

אָדער די לאָגישקייט פון דער מעשה „וואָס איז קיין מאָל ניט געווען און איז איצטער ניטאָ" און וואָס שיפריס דערציילט זי אַזוי ערנסט אין „בערעלע פּערעלע".

שיפריסעס קינדער־לידער פאַרמאָגן פיל פרייד און אויך אַ שטיל, אײַנגעהאַלטן געלעכטער.

שיפריס שפּירט די אינערלעכע סענסיטיוויקייט פון קינד, און דער־פאַר קוועלן בײַ אים אַרויס אַזוי פיל פריילעכע נאַטור־לידער: ער אי־דענטיפיצירט זיך מיטן ווינטער, מיט די שטערן, מיט די פאַלנדיקע בלע־טער, מיטן גאָרטן און מיט די צווײַגן. שיפריסעס נאַטור־לידער זײַנען — אין הסכם מיט דער יידישער דיכטונג־טראַדיציע — שטאַרק פאַר־מענטשלעכט. זײַנע שטערן און זײַן ווינט פירן זיך אַלע מאָל אויף ווי מענטשן, אמת, שטיפעריש, אָבער נאָך אַלץ לײַטיש.

זײַנע קינדער־שאַפונגען האָבן אין זיך אַ וואַרעמען הומאָר, אַ הומאָר, וואָס נעמט זיך פון דעם, וואָס די קינדער שטעלן זיך העכער פון דער ווירקלעכקייט, און ווײַל זיי קאָנען שאַפן פאַר זיך אַ פאַנטאַסטיש לעבן, וואָס אַנטשפּרעכט טאַקע ניט די ווירקלעכקייט, אָבער דערפאַר איז עס אַזוי שיין און האָט זײַנע אייגענע געזעצן, זײַנע אייגענע האָריזאָנטן, זײַנע אייגענע הימלען.

ווי זאָגט לואיס קעראָל וועגן זײַן עליס אין „עליס אין וואָנדערלענד":

> “Alice moving under skies,
> Never seen by waking eyes.” *

צוזאַמען מיט דער סענסיטיוויטעט און דעם הומאָר קומט אַ האַרציקע לירישקייט, אַ געלײַטערטע נשמהדיקייט, וואָס קלוגע דערוואַקסענע וואָלטן זיך מסתמא געשעמט מיט איר.

---

* עליס באַוועגט זיך אונטער הימלען,
וואָס אַ וואַך אויג האָט קיין מאָל ניט געזען.

דאָס אַלץ אָבער וואָלט ניט געווען גאַנץ, ווען ניט די אידייען, מיט וועלכע ער זעטיקט אָן זײַנע לידער און דערציילונגען פֿאַרן קינד. יעדע קינדער־ליטעראַטור אינדאָקטרינירט — עס ווענדט זיך בלויז מיט וואָסערע אידייען. שיפֿריס וועקט אין דעם קינד ליבע פֿאַר יושר, צו דעם חלום פֿון פֿרײַע מענטשן. און וואָס קאָן דען זײַן לאָגישער פֿאַרן קינד ווי דער פּשוטער געדאַנק, אַז „ווער עס אַרבעט ניט, דער עסט ניט".

און וואָס קען דען זײַן באַשײַמפּערלעכער ווי דער פּשוטער זאָג, אַז „אַ לעבן אָן אַ זון — ווי קאָן מען זײַן פֿריילעך דערפֿון".

4.

שיפֿריסעס נײַ ביכל האָט אין זיך די מעלות פֿון זײַנע פֿריִערדיקע, און דערצו נאָך — געלײַטערטקייט און געצאַמטקייט, וואָס שטאַמט פֿון וואַקסן און פֿון אַרבעטן אויף זיך. פֿון דער ערשטער דערציילונג ביז דער לעצטער זײַנען קאָנטיק די עלעמענטן, וואָס זײַנען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אים. די פֿאַנטאַסטישע מעשׂהלעך, ווי „די הינער וואָס ווילן זיך לערנען ייִדיש", און „דער אלף־בית וואָס איז ברוגז", און „פֿויגל קאַנאַריק", צייכענען זיך אויס מיט זייער שפּילעוודיקן הומאָר און מיט דער דיגער מאָראַל וואָס זיי פּריידיקן. מיר האָבן אין בוך אויך דאָס געשריי קעגן דער עוולה, וואָס ווערט באַגאַנגען קעגן דעם אָרעמען ייִנגל אין די „צוויי סוכּות", דעם ייִנגל וואָס „האָט געבויט און איז געבליבן מיט גאָרניט".

דער נײַער עלעמענט אין בוך איז גראָד די דערציילונגען פֿון קינדערשע לײַדן און קינדערשע העלדנטאַטן. פֿון דעם ווײ־געשריי „פֿאַרוואָס קומט עס אונדז?" פֿון ייִדישן קינד וואָס ווערט געכאַפּט אין קיינעמס לאַנד אין דער לעצטער וועלט־מלחמה, ביז דעם געבײַלטן פּויסטל אין „ווען איך וועל גרויס ווערן" [אַ ייִדישע משפּחה אונטער די נאַציס], ביז דער אַקטיווער העלדישקייט פֿון קינד אין „וואַרשעווער געטאָ" אָדער אין „דער קליינער יהונתן".

דאָ האָבן מיר שוין פֿאַר זיך דאָס קינד, וואָס איז אין דער טראַגישער צײַט פֿון אויסראָט איבער נאַכט אויסגעוואַקסן צו גרויסע מעשׂים. אין שיפֿריסעס דערציילונגען האָבן מיר גלויבן און העלדישקייט, זיי זוכן צו פֿאַרבינדן דעם קליינעם יהונתן פֿון דער צײַט פֿון מאַקאַבייער־קאַמף מיטן צען־יאָריקן ישׂראל, וואָס ווערט אָן אַקטיווער מיטקעמפֿער אין די טעג פֿון וואַרשעווער געטאָ.

עס איז גוט אַזוי. אָט אַזוי איז איצט נייטיק צו רעדן צום קינד.

מיר דאַרפֿן איבערגעבן דעם קינד דעם תּמצית פֿון פֿאָלקס־שיינקייט, דעם גלויבן, די האָפֿענונג און די העלדישקייט.

(1950)

ישׂראל בער ביילין — איינער פֿון די לעצטע פּראָלעטאַרישע משׂכּילים

(„אַלץ אין איין לעבן", י. ב. ביילין, 400 זײַטן, אַרויסגעגעבן פֿון י. ב. ביילין בוך־קאָמיטעט, ניו־יאָרק)

א.

איך האָב אַ מאָל געזאָגט, אַז י. ב. ביילין איז געווען איינער פֿון די לעצטע פּראָלעטאַרישע משׂכּילים אין ייִדישן לעבן. אמת, איך האָב עס אויך געזאָגט וועגן קלמן מרמר. איך וואָלט עס געקאָנט זאָגן וועגן אַ צאָל אַנדערע. דאָס האָט ניט צו טאָן דווקא מיט ביילינס עלטער, ווײַל איך וואָלט עס ניט געזאָגט וועגן חיים זשיטלאָווסקי, וועגן משה אָלגין, — זיי זײַנען שוין קיין משׂכּילים ניט געווען, כאָטש זיי זײַנען ביידע געווען אויפֿקלערערס.

עס איז באמת ניט געווען קיין גרויסער מהלך פֿון דעם בירגערלעכן משׂכּיל — ניט אין צײַט און ניט אין פּסיכאָלאָגיע — ביז דעם פּראָלעטאַרישן משׂכּיל. שוין אין דער השׂכּלה איז געווען אַ לינקער פֿליגל, וואָס האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט דעמאָקראַטיש־פֿאָלקישע אײַנשטעלונגען, וואָס זײַנען געקומען זייער נאָענט צו דעם אָנהייב פֿון סאָציאַליסטישע אידייען בײַ ייִדן. שוין דער לינקער פֿליגל אין דער השׂכּלה האָט גערעדט פֿאַר אַ קלאַס וואָס איז געשטאַנען אויף דער שוועל פֿון פּראָלעטאַריזאַציע. נאָך אַלעמען, זײַנען אהרון ליבערמאַן און מאָריס ווינטשעווסקי אַרויסגעוואַקסן פֿון דער אויפֿקלערונג־באַוועגונג בײַ ייִדן.

י. ב. ביילין פֿאַרמאָגט אין זיך דעם פֿולן אײַפֿער פֿון דעם ליכטפֿאַרשפּרייטער, דעם אויפֿקלערער, דעם בילדונג־ברענגער, דעם לערער. ווי ער זאָל ניט האָבן געווען, פֿון די יונגע יאָרן אָן, פֿאַרוויקלט אין פּראַקטישער אַרבעט, און ער איז עס געווען — ווי דער אָרגאַניזאַטאָר פֿון די פּריקאַזשטשיקעס אָדער פֿון „בונד" — איז ער נאָך אַלץ, אפֿשר איבער אַלץ, דער אויפֿקלערער, דער וואָס וויל לערנען און מדריך זײַן. דער

טיילן פֿון אַ רעדע בײַ אַן אָוונט וואָס האָט פֿאַרצייכנט די דערשײַנונג פֿון י. ב. ביילינס אויטאָביאָגראַפֿיע. איך דרוק זי דאָ, כאָטש זי שפּיגלט אָפּ בלויז אַ פֿראַגמענט פֿון זײַן לעבן, אין זיכּרון פֿון אַ חבֿר און ידיד. א. ג.

משכּילישער דרך־ארץ פֿאַר וויסן, פֿאַר בילדונג און דער אינערלעכער ברי, אַ קאָמפּולסיווער פֿאַרלאַנג, זיך צו טיילן מיטן געלערנטן, מיט דעם וויסן וואָס מען האָט אַליין אָנגעזאַמלט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַרביילינען — איז גאַרניט אַזוי ווײַט פֿון יצחק בער לעווינזאָן אָדער פֿון פּרץ סמאָלענסקין.

פֿון דעם דראַנג צו לערנען איז אַרויסגעוואַקסן דער סטיל פֿון לער־נען: די טענדענץ איבערצוקנעלן, מסביר צו זײַן אַן עניו, שרײַבן מיט פּרטים, לויטער, פּשוט, כּדי דער לייענער זאָל פֿאַרשטיין. שרײַבן בעל פּה, אַזוי צו זאָגן — אַ „מינדלעכער" סטיל.

ער איז מסתּמא געווען איינער פֿון די לעצטע אמתע פֿאָלקלעררערס וואָס מיר האָבן פֿאַרמאָגט, כאָטש ער גיט אַ זאָג ערגעץ אין דער אויטאָ־ביאָגראַפֿיע, אַז קיין צו פֿיל געלט פֿון לערערײַ האָט ער קיין מאָל ניט פֿאַרדינט.

ס'איז די הויכע מדרגה פֿון וויסן. דאָס וויסן כּדי צו העלפֿן און דער־הייבן יענעם, דאָס וויסן צוליב דעם מענטשן. אַ לעבן האָט י. ב. ביילין אָוועקגעגעבן, כּדי לערן־ייִנגלעך און לערן־מיידלעך זאָלן ווערן שותּפֿים צו זײַן וויסן, צו זײַן תּורה, כּדי זיי צו דערהייבן צו דער דערקענטעניש פֿון זייער ראָלע און זייער אייגענער ווערטיקייט.

ער איז געבליבן געטרײַ דעם שטענדיקן, שווערן באַרגאַרויף פֿון ייִדישן אַרבעטער און פֿאָלקמענטש, פֿון דער נידער צו דער הייך. ער איז גלײַכ־צײַטיק געווען איינער פֿון די צוימען־ברעכערס, איינער פֿון די וועגלייגערס פֿונעם פּראָגרעסיוון ייִד, — דעם, וואָס האָט וואָרצלען אין דער וועלט געהאַט, אָבער קיין מאָל ניט פֿאַרלוירן די וואָרצלען אין זײַן אייגענעם פֿאָלק, אין די הינטערגעסלעך פֿון ייִדישן דלות, וואָס האָבן אים גענערט און דערצויגן. ער איז איינער פֿון די אמתע ראשונים אין ייִדישן מאָדער־נעם קולטור־בוי אין אַמעריקע געווען.

ביילין האָט געהערט צום דור, וואָס האָט זיך באַמיט צו באַווײַזן, אַז די ייִדישע אַרבעטער־קולטור, אַז די ייִדישע פֿאַרגעשריטענע וועלטלעכע קולטור איז געווען אַזוי טיף ייִדיש, ווי טיף מענטשלעך זי איז געווען, אַז זי וואָלט געווען ווייניקער מענטשלעך, ווען זי איז ווייניקער ייִדיש, אַז אירע וואָרצלען האָבן געשטעקט אין די טיפֿענישן פֿון דעם פֿאָלקס טראַ־דיציע און געשיכטע.

ב.

עס איז מיר געווען אינטערעסאַנט, בײַם לייענען די אויטאָביאָגראַ־פֿיע, צו פֿאַרגלײַכן אין געדאַנק דעם ישׂראל בער ביילין וואָס איך האָב געקאָנט און וועמען איך האָב ליב געהאַט, מיט דער פֿיגור וואָס שיילט זיך אַרויס פֿון דעם בוך. איך האָב געזוכט דעם פֿאַרגלײַך צוליב צוויי טעמים: איינס, צוליבן פֿאַרגלײַך גופֿא, און צוויי, כּדי צו שאַצן דאָס אַליינבילד

וואָס דער מחבר צייכנט פֿאַר דעם לייענער, ד. ה., ווי ער וויל, אַז דער לייענער זאָל אים זען און געדענקען.

עטלעכע אײַנדרוקן:

ראשית־כּל וואַקסט אַרויס די ריינע פּערזענלעכקייט פֿון שרײַבער. ער שרײַבט ווי אַ מזג־טובֿ וועגן אַלעמען, זוכט און געדענקט די מידות טובֿות פֿון יעדן — אַחוץ די קלאַסן־שונאים, באַטירלעך. דאָ איז די מאָס אַ מידת־הדיניקע, אַ האַרבע. לויט אונדזער הייַנטיקן צוגאַנג, אַ ביסל אַ נאַיווע און אַן איינזאַניקע: אַלע בורזשויען זײַנען שלעכטע און בייזע, אַפֿילו ווי מענטשן, ניט נאָר ווי קלאַסן־קעגנער, בעת אַלע פּראָלעטאַריער זיינען געוויינלעך גוטע און וואוילע. אָבער אין קאָנטעקסט פֿון דער אויטאָביאָגראַפֿיע איז דאָס אין גאַנצן ריכטיק: אַזוי האָט זיי דאָס יונגע לאָדזשער ייִנגל דעמאָלט געזען, און דער זכרונות־שרײַבער זעט זיי מיט זײַנע אַמאָליקע אויגן.

וואָס עס וואַקסט, דער עיקר, אַרויס פֿון דעם ווערק איז דער זעלטן ריינער אידעאַליזם פֿון דעם יונגן פּראָלעטאַרישן קלאַס, זײַן מוטיקייט, זײַן אויסגעהאַלטנקייט, זײַן עטישע געלײַטערטקייט. אויסגעשטעלט צו פֿאַרפֿאָלגונגען, רדיפֿות, טורמעס איז דער גאַנצער קאַמף זײַנער אַ געראַנגל קעגן דעהומאַניזאַציע, קעגן לאָזן זיך אַנטמענטשלעכן.

דער אינטערעסאַנטסטער עפּיזאָד אין גאַנצן בוך, וואָס וואָלט זייער לײַכט פֿאַרשטאַנען געוואָרן פֿון אונדזער הײַנטיקער יוגנט און מיט וועלכן זיי וואָלטן זיך גלײַך אידענטיפֿיצירט, איז דער הונגער־סטרײַק אין טורמע קעגן דעם „בלומען־מערדער".

אַ סאַדיסטישער טורמע־וועכטער, כּדי זיך נוקם זײַן אין די אַרעסטירטע, וואָס פֿלעגן זיך אָפּשטעלן אויף זייער טעגלעכן 15־מינוטיקן שפּאַציר אין הויף פֿון טורמע, צו באַוווּנדערן און שמעקן די שיינע בלומען — צעגראַמירט מיט זײַן שווערד דאָס בלומען־גערטנדל, מיט רציחה האַקט ער אָפּ די קעפּ בײַ אַלע בלומען. דער הונגער־סטרײַק וואָס קומט ווי אַ רעזולטאַט צווינגט דעם טורמע־נאַטשאַלניק אַוועקצושיקן דעם וועכטער.

פֿאַרפֿאָלגטע, פֿאַרפּײַניקטע יונגע ייִנגלעך שטעלן זיך אין קאַמף, ריזיקירן מיט ערנסטע, שאַרפֿע שטראָפֿן, כּדי זיך נוקם זײַן פֿאַר די געקעפּטע בלומען.

דאָ גייט ניט אין ראָמאַנטיזירן: עס ליגט אין דער לאָגיק פֿון געראַנגל פֿאַרן מענטש, אַז דו שטעלסט זיך אײַן פֿאַר זײַן רעכט אויף שיינקייט, אויף דעם קאַרגן ביסל ליכטיקייט פֿון לעבן, וואָס מען ראַבעוועט בײַ אים אַוועק.

אינטערעסאַנט, אַז מערסטע טורמע־סטרייקס זײַנען קעגן אָט דעם פּראָצעס פֿון אַנטמענטשלעכונג. די אַרעסטאַנטן ווילן מער ביכער, מער צײַטונגען, שאָך־שפּיל און דער יונגער יאַנקל קאַציק (דער וויל באַקאַנ־

טער פּעטערסאָנער יאַנקל קאַציק) פירט אַ סטרייק פאַר זײַן רעכט צו זיצן אין טורמע־הויף ביז די זון פאַרגייט.

נאַיוו? ניין, בשום אופן ניט. קוקט זיך צו צו אונדזערע יוגנטלעכע הײַנט צו טאָג — זייער קאַמף קעגן דער שטאַט, קעגן דער מאַטעריאַליסטישער וווּלגאַריזאַציע, קעגן די כּוחות וואָס פּרוּוון זיי אַנטמענטשלעכן.

עס האָט געאָטעמט אויף מיר בײַם לייענען ביילינס זעלטענע פאַרליבטקייט אין דער מאָראַלישער גאַנצקייט פון די יונגע אַרבעטער־פירער. ניט ווילנדיק — און אפשר יאָ ווילנדיק — האָב איך זיי במחשבה פאַרגליכן צו אַ סך פירערס פון הײַנטצײַטיקן אַרבעטער־קלאַס...

ווי אַן אַמאָליקער משׂכּיל, אָבער פון אייגענער דערפאַרונג, שטעלט ביילין אַרויס די געזונטקייט, די מאָראַלישע געפאַלנקייט פון די ייִדישע וועבער־פאַבריקאַנטן, אָבער ער שטעלט זיי שוין אַנטקעגן אַ קלאַס וואָס איז פּאָזיטיוו, מיט וועלכן ער אידענטיפיצירט זיך. אויף זײַט 184 זאָגט ער: „אין דעם פּראָצעס האָב איך געזען דעם גוואַלדיקן קאָנטראַסט צווישן דער בירגערלעכער פאַרדאַרבענער אַטמאָספערע פון זאַטקייט, הפקר־דיקייט און אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט, און פון דער צווייטער זײַט, די ריינקייט, ציכטיקייט און גאַנצקייט פון די אַרבעטער־פירער". עס איז אויך קיין האָר ניט איבערטריבן פאַר דער צײַט. ספּעציעל נאָך, ווען ביילין שפּאַרט עס אונטער מיט פאַקטן, וואָס באַווײַזן ייִדישע פאַבריקאַנטן וואָס פרייען זיך מיט די פּראָפיטן פון דער יאַפּאַנישער מלחמה, מיטן אויסרייד צו באַנוצן דעם קישינעווער פּאָגראָם פאַר אַ באַנקראָט, אָדער מיט דעם אוממענטשלעכן אופן ווי זיי האָבן באַהאַנדלט און עקספּלואַטירט זייערע אָנגעשטעלטע. (אין אונדזערע מאָדערנע אויערן גיט עס אַ גרילץ מיט נאַיוון פּרימיטיוויזם).

ג.

דער אָנוווּקס פון פאַרשטענדעניש און קלאַסן־באַוווּסטזיניקייט אין דעם יונגן לאָדזשער בחורל איז די אייגנטלעכע טעמע פון דער אויטאָביאָגראַפיע. אַ גרויסער שאָד וואָס זי האַקט זיך אָפּ אַזוי פּלוצעם. עס איז אַ לאַנגע סאַגאַ פון געהיימע פאַרזאַמלונגען, פון אַגיטאַציע, פון טורמע נאָך טורמע. און דער געראַנגל איז ניט בלויז קעגן דעם קלאַס וואָס אונטערדריקט, נאָר אויך קעגן דער טראַדיציע וואָס שלעפּט צוריק, קעגן דער געטרײַער מאַמען וואָס שרעקט זיך פאַר די נײַע גדאַנקען און פאַר די נײַע וועגן אויף וועלכע איר געראָטענער ישׂראל בער, פון רבנישן יחוס, פאַרנעמט זיך. עס גייט אַזוי ווײַט, אַז דער יונגער ישׂראל בער סטראַשעט אַפילו די אָרעמע מאַמע מיט זעלבסטמאָרד. דאַכט זיך, ניט אין כאַראַקטער פון דעם י. ב. ביילין וואָס מיר האָבן געקאַנט, אָבער דורכויס אין כאַראַקטער פון דער צײַט ווען דער געראַנגל פון „האָבות והבנים", צווישן עלטערן און קינדער, איז געווען אַ טייל פון פּראָצעס פון אויסוואַקסן.

אַבי מיר מיינען, אַז דעם „ריס צווישן דורות" האָבן אונדזערע קינ־דער אויסגעטראַכט.

דאָס בוך, כאָטש פּסיכאָלאָגיש ניט פּאַרטיפּט, איז געשריבן אָרנטלעך און אָן באַפּוצונגען. ביילין באַהאַלט ניט זײַנע אייגענע נעגאַטיווע שטריכן, דער עיקר זײַן אײַנגעבוירענע פּחדנות. ווײַזט אויס, אַז דאָס איז געווען אַ שטריך פֿון וועלכן אים איז געווען שווער זיך צו באַפֿרײַען, אַ סימן — עטלעכע מאָל באַצייכנט ער זיך אַליין ווי אַ טרוס אין בוך. ער פּרוווט אַפֿילו פֿאַרשרײַען די מורא מיט „אידעאָלאָגיע": „מיר טאָרן נישט מורא האָבן. דאָס איז אַ שרעקלעך וואָרט פֿאַר אונדז. מיר דאַרפֿן דאָס אויסמעקן, אָפּוואַשן פֿון אונדזער צונג...". שיין, הויך־קלינגענדיק און דורכויס אין דער רעטאָריק פֿון דער צײַט. נאָר — ער גיט גלײַך צו: „אָבער מורא האָב איך. דאָס איז נאָך איינע פֿון מײַנע שוואַכקייטן וואָס זײַנען מיר געבליבן...".

אָט די אָרנטלעכקייט, די ריינקייט, גייט דורך דעם גאַנצן בוך — אָפּט נאַיִווּ, אָבער אָן באַפּוצונגען. אַפֿילו ווען ער „ראַטעוועט זיך אַרויס" פֿון די אָרעמס פֿון דעם גאַסן־מיידל וואָס קריכט צו אים אין בעט אַרײַן, גיט ער צו, אַז עס איז מער אויס מורא פֿאַר ווענערישע קראַנקייטן, ווי צוליב מאָראַלישע סיבות.

ווען דער פֿריקאַזשטשיקעס־פֿאַראיין צאָלט אים 40 רובל אַ חודש פֿאַר זײַן אַרבעט, גיט ער צוריק דעם „בונד" די 30 רובל אַ חודש וואָס דער „בונד" צאָלט אים, כאָטש די אָרגאַניזאַציע וויל בשום אופֿן ניט נעמען דאָס געלט. די 40 רובל גיט ער אַוועק, נאַטירלעך, דער מאַמען. און דאָס ווערט דערציילט פּשוט, אָן זעלבלויב — בלויז קאָנסטאַטירט אַ פֿאַקט.

עס פֿאַרכאַפּט דער לערערישער אינסטינקט וואָס מאַניפֿעסטירט זיך דורך דעם גאַנצן בוך. אויף זײַט 186 דערציילט ער, אַז „אין 1902 פֿיר איך שוין צוריק אָן מיט מײַן קלאַס אויף זגערזשער גאַס און איך פֿיר שוין אָן מיט צוויי קרײַזלעך — איינער פֿון די זייגערמאַכערס און איינער פֿון די מאַליאַרעס". אויף זײַט 199 שרײַבט ער: „דערווײַל הייב איך ווי־דער אָן מײַן קלאַס סוף־זומער מיט דער פֿריִערדיקער גרופּע אַרבעטער". און אויף זײַט 230, שוין אין טורמע, שרײַבט ער: „נאָך דעם ווי איך פֿאַרמיר אַ קלאַס פֿאַר דײַטש, הויב איך אויך אָן זוכן קאַנדידאַטן פֿאַר רוסיש און העברייאיש..." און דורך דער גאַנצער צײַט, ווי אַן אמתער אינסטינקטיווער לערער, פֿאַרגעסט ער ניט אונטערצושטרײַכן וויפֿל ער אַליין האָט געלערנט פֿון זײַנע תּלמידים.

דאָס בוך האָט אַ צאָל זייער אינטערעסאַנטע קולטור־היסטאָרישע אַנט־פּלעקונגען. למשל, אין סלאָנים זײַנען די ייִדישע פּריזיוניקעס געווען אָרגאַניזירט אין אַ פֿאַראיין און באַשטאַנען, אַז „אַלע רײַכערע פּריזיוו־ניקעס דאַרפֿן צאָלן אַ געוויסע סומע געלט פֿאַר די וועלכע גייען דינען. די, וועלכע האָבן אמתע לעגאַטעס און זיי זײַנען אָרעם, דאַרפֿן גאָרניט צאָלן. בלויז די וואָס זײַנען אָנגעשטאָפּט מיט געלט און ווילן, אַז מיר די

אָרעמע זאַלן דינען, און זיי זאָלן הולטײַעווען — זיי דאַרפֿן צאָלן היפּשע סומעס און דאָס געלט גייט פֿאַר די וועלכע גייען דינען, אַז עס זאָל זיי ניט זײַן אַזוי שווער".

ד.

עס איז אַ וואַרעם בוך, עס אָטעמט מיט די יונגע יאָרן פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג. עס טרייסט בײַם לייענען דער נאַיִווער — געבענטשט זאָל ער זײַן! — אידעאַליזם פֿון אַ דור ייִדישער אינטע־ליגענץ וואָס האָט זיך אַליין דערצויגן, וואָס איז געקומען פֿון דער ישיבֿה און דער פֿאַבריקע און זיך פֿאַרמאָסטן איבערצובויען די וועלט. באמת, אַ זעלטענער דור, באַשריבן פֿון איינעם וואָס איז אי געווען אַ טייל פֿון אים און אי אים געהאָלפֿן דערצײַען — אַ גלויביקער דור, אויף קרבנות־גרייטער, אָן־מינסטן־דראַמאַטישן־אָנשטעל דור. כאָטש ער רעדט אָפֿט הויכע רעטאָרישע רייד, טוט ער מיט ליבשאַפֿט די קלענסטע, די מיזאַמ־סטע אַרבעט לשם דעם מענטש און דעם יושר. ער איז אַ דור וואָס האָט באַדאַרפֿט אַוועקוואַקסן פֿון אַלטן, זיך באַפֿרײַען פֿון פּענטעס וואָס האָבן אים צוריקגעהאַלטן, זיך אָנטרינקען מיט וויסן — און דער דאָרשט נאָך וויסן איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר ישראל בער ביילין זײַן גאַנץ לעבן. וויסן לשם וואָס? כּדי מיט וויסן און מיט ברען ענדערן צום גוטן דעם סדר־עולם.

איך טראַכט, אַז עס איז אַ זעלטענע מתּנה פֿאַר אייניקלעך. ניט בלויז כּדי זיי זאָלן זען ווי שווער די זיידעס האָבן זיך געראַנגלט, נאָר דער עיקר — ווי נאָענט די זיידעס זײַנען אייגנטלעך געווען צו זיי און זיי צו די זיידעס און, אַז אין דעם געראַנגל וואָס זיי פֿירן איצט צײַען זיי אַ פֿאַ־דעם פֿון המשך וואָס לאָדזשער ייִנגלעך פֿון באַלוט האָבן אָנגעהויבן וועבן פֿאַר זיי.

ניט נאָר גוטע געוואַנט־וועבער זײַנען זיי געווען, די לאָדזשער, נאָר אויך וווּנדערלעכע חלומות־וועבער. אַ גרויסע מדרגה. אַ חלום, ספּעציעל אַ חלום פֿון יושר און ווערדע, איז אָפֿט וואַרעמער ווי אַ שטיקל גע־וואַנט, און לעבט לענגער אויך.

משה סטרוגאַטש

משה סטרוגאַטש האָט אַ נאָמען געגעבן זײַן לעצט בוך „לעצטע טריט". אין נאָמען גופא איז פאַרוועבט דער עיקר־שטריך פון זײַן גאַנץ שאַפן: אויפריכטיקייט און אמתדיקייט, ווי ווייטיקדיק דער אמת זאָל אָפּט ניט זײַן. במשך קנאַפּע 50 יאָר, זינט ער האָט דעביוטירט מיט אַ ליד אין דער צײַטונג „דאָס פאָלק" (וואַרשע, 1917), האָט ער קיין איין פאַלשע שורה — ניט אין פּראָזע און ניט אין ליד — אָנגעשריבן. דאָס ליד איז בײַ אים געווען, בעיקר, דאָס קריגעלע פון אמת און גלויבן, וואָס ער האָט אַ גאַנץ לעבן מיטגעטראָגן מיט זיך.

„אַזוי פיל גלויבן איז אין מיר געווען,
„מײַן גאַנץ לעבן אויף אים אײַנגעשטעלט".

(„די שפּין אויף דער וואַנט")

זאָגט ער, אָן באַרימערײַ און אָן זעלבלויב, ווי אַ פּשוטע, פון יעדן פאַר־שטאַנענע דעקלאַראַציע פון זײַן שרײַבערישן אני־מאמין.

משה סטרוגאַטש איז געגאַנגען זײַן אייגענעם גאַנג אין דער ייִדישער ליטעראַטור. זײַן נוסח: בלײַבן געטרײַ זיך אַליין. ער איז אָפּט כמעט „אַלטמאָדיש", אָבער אָרנטלעך, בתּכלית האָרנטלעכקייט. ער האָט קיין מאָל ניט געמאַכט קיין קניקסל צום מאָדערניזם, און זיך ניט געחנדלט מיטן פרײַען פערז, אָדער אַנדערע — פאַר אים — דיכטערישע עקסטראַוואַ־גאַנצן. ער היט פאָרזיכטיק אי דעם ריטם און אי דעם גראַם. ער איז גע־ווען איינער פון די לעצטע, אויב ניט דער סאַמע לעצטער, פון אָט דעם דור דיכטערס אין דער ייִדישער ליטעראַטור, בײַ וועמען דאָס ליד האָט אוממיטלבאַר אָנגעכאַפּט און אויסגעדריקט די שטימונג, כמעט אָן אַלע־גאָריעס, אָן סימבאָלן, דערציילעריש און דירעקט.

קיין צופאַל דעריבער, וואָס די פאַבל און די באַלאַדע זײַנען די דיכ־טערישע פאָרמעס מיט וועלכע ער באַניצט זיך אַזוי אָפּט.

* * *

ער איז געבוירן געוואָרן דעם 25סטן יולי, 1894, אין סלוצק, ווײַס־רוסלאַנד, געלערנט אין דער סלוצקער ישיבֿה, שפּעטער אין דער אָדעסער גימנאַזיע. אין 1915 איז ער אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע, וווּ ער איז גע־ווען אַ סטודענט אויף דעם היסטאָריש־פילאָסאָפישן פאַקולטעט פון דעם וואַרשעווער אוניווערסיטעט.

שוין אין וואַרשע האָבן זיך אָנגעהויבן זײַנע לערערישע און שרײַ־בערישע קאַריערעס. ער איז געווען דער לערער פון ייִדיש און פון ייִדי־

שער ליטעראַטור אויף די אוּונטקורסן פֿון די פּועלי־ציון. גליכצײַטיק, האָט ער אָנגעהויבן שרײַבן לידער און זיך געדרוקט אין „דאָס פֿאָלק" און אין דער בונדישער „פֿאָלקס־צײַטונג".

אין 1920 איז ער געקומען קיין אַמעריקע. דאָ איז ער געוואָרן אַ לערער אין די אַרבעטער־רינג שולן, שפּעטער — אין די אומפּאַרטייאישע שולן, נאָך דעם — אין די אָרדן־שולן, און צום סוף — אין די פּראָגרעסיוו־וועלטלעכע שולן. גלײַכצײַטיק, האָט ער געשריבן לידער און דערציילונגען און זיי געדרוקט אין דער „פֿרײַהייט" (שפּעטער — „מאָרגן פֿרײַהייט"), אין „זאַמלונגען", אין קינדער־זשורנאַל „יונגוואַרג", און אין אַנדערע זשורנאַלן.

זײַן לויטערקייט און פּשטות — יאָ, אַפֿט זײַן סענטימענטאַלישקייט — זײַנען אים בײַגעשטאַנען אין קינדערליד ווי אין ליד פֿאַר דערוואַקסענע. ער איז געווען אַ גוטער מעשׂה־דערציילער — דירעקט און פֿאַרכאַפּנדיק. דעריבער, איז ער תּמיד געווען אַן אָנגעלייגטער גאַסט בײַ דעם יונגן לייענער.

* * *

דאָס איצטיקע בוך, כאָטש מ. סטרוגאַטש איז שוין עטלעכע יאָר טויט (געשטאָרבן דעם 15טן יאַנואַר 1973) טאָר ניט באַטראַכט ווערן ווי אַן אַחרי־מות־ספֿר נאָך אַ מחבר. עס דאַרף גיכער גענומען ווערן ווי אַ רינג אין דער קייט, צוזאַמען מיט די אַנדערע זיבן ביכער וואָס מ. סטרוגאַטש האָט אַרויסגעגעבן, ווי אַ בויגן אין דעם קרײַז פֿון זײַן שאַפֿן. און אַ קרײַז האָט ניט קיין אָנהייב און ניט קיין סוף. דאָ און דאָרט רײַסן זיך דורך שטימונגען פֿון טרויער, אָבער ניט פֿון לעצטקייט אָדער פֿאַטאַליזם. און דער עיקר: אויך אין די לידער ווערט אויף קיין האָר ניט געמינערט ניט דער גלויבן און ניט די ליבשאַפֿט, וואָס צאַפּלען זיך ווי אַ לעבעדיקער אָטעם אין זײַן גאַנץ שאַפֿן.

און ליבשאַפֿט איז געווען און געבליבן דער ניגון פֿון סטרוגאַטשעס שאַפֿן — הן אין פּראָזע און הן אין פּערז, ליבשאַפֿט צום פּשוטן, בידנעם און באַוואָלטן מענטש, וואָס וועט סוף־כּל־סוף אויפֿגעריכט ווערן. און ווײַל סטרוגאַטשעס טאָן איז בטבֿע אַ דירעקטער, איז ער דעריבער אַ טרייסטבּדיקער, אַן אמונהדיקער, איז ער דעריבער אַ באַגלויבטער בײַם לייענער.

ס'אַ מעשׂה מיט אַ ייִדן פֿון סלוצק וואָס איז געוואָרן אַ לערער און אַ סופֿר בײַ ייִדן און וואָס האָט אַ גאַנץ לעבן בלויז געוואָלט „אָפּשרײַבן מײַן קליינעם פֿאַרמעג פֿאַר קהלשער נויט" („מײַן ירושה").

„און איצט מײַן ירושה באַשטייט
ניט פֿון גאָלד, צי פֿון זײַדענע טיכער, —
איך ווייס, אַז מײַן לעבן פֿאַרגייט,
נאָר בלייבן נאָך מיר וועלן ביכער..."

און, ווי אַלע ירושות — דאַרף מען זי ווערט זײַן.

(טייל פֿון דער הקדמה צו דײַן לעצט בוך)

שׂרה באַרקאַן

אַ זעלטענער מענטש איז זי געווען, שׂרה באַרקאַן, און אַן אייגנאַרטיק אָרט האָט זי פֿאַרנומען אין אונדזער דיכטונג. זי איז געווען איינע פֿון די לעצטע אוממיטלבאַרע פֿאָלק־זינגערינס בײַ אונדז. עס וואָלט געווען נאַיִוו צו גלייבן, אַז עס קאָנען נאָך קומען דיכטערס פֿון דעם מין אין ייִדישן לעבן — אין אַמעריקע אָדער ערגעץ אַנדערש ווו. אַזאַ נאַטירלעכער פֿאָלקס־טאַלאַנט ווי עס איז געווען שׂרה באַרקאַן קאָן מער ניט אויסוואַקסן — די געזעלשאַפֿטלעכע און היסטאָרישע תּנאים וואָס האָבן זי געשטאַלטיקט זײַנען שוין מער נישטאָ.

מע דאַרף ניט מאַכן קיין טוגנט פֿון פּשטות און פֿאָלקסטימלעכקייט אין דער פּאָעזיע, כּדי אָפּצושאַצן איר צושטייער צו אונדזער ליד אין אַמעריקע. זי האָט געשריבן אין אַ טאָן, וואָס איז געווען איינער פֿון די הויפּט־נוסחאות פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, — דער לויטערער פֿאָלקס (פֿאָלקסטימלעכער?) ניגון, וואָס האָט כּמעט קיין מאָל ניט אויפֿגעהערט אין אונדזער פּאָעזיע. ווי אַנטוויקלט און ראַפֿינירט אונדזער פּאָעזיע איז נישט געוואָרן — האָט דער פֿאָלק־נוסח זיך קיין מאָל ניט איבערגעריסן. צוזאַמען מיטן אינטעלעקטואַליזם פֿון פּרצן איז געפֿלאָסן דער פֿאָלקישער רייזען־נוסח, באַנאַנד מיט דער ראַפֿינירטקייט פֿון משה לייב האַלפּערן — די לירישע פּשטות פֿון ראָלניקן, באַגלייך מיט דער עפּישער מײַסטערשאַפֿט פֿון מאַרקישן, דער לויטערער פֿאָלקס טאָן פֿון כאַריקן, און אין אונדזער ייִדישער דיכטונג אין אַמעריקע — צוזאַמען מיט דעם רײַכן בילד־און־געדאַנק אָנגעזעטיקטן ליד פֿון אַזוי פֿיל פֿון אונדזערע דיכטערס — דער כּמעט „אַלטמאָדישער" טאָן פֿון שׂרה באַרקאַן.

שׂרה באַרקאַנס ערשטער שטריך איז געווען לויטערקייט און פּשטות, זי איז געווען אַזוי עכט און נאַטירלעך, אַז זי האָט אַפֿילו ניט געוווּסט, אַז זי שאַפֿט ליטעראַטור, שוין אָפּגערעדט פֿון טראַכטן, אַז פּשטות און נאַיִווקייט זײַנען שוין בפֿירוש ניט „אין דער ליטעראַרישער מאָדע". זי דערציילט אין „מײַן ערשטער ליד" („וועגן זיך און אײַך", זײַטל 10), אַז ווען ה. ציטראָן, ווען איר מוטער האָט געוויזן שׂרהס ערשטע ליד, האָט איר אין אַ בריוו געשריבן: „איך זע אין דיר דײַן פֿאָטערס נשמה, דײַן פֿאָטערס פֿײַער, — שרײַב!" — האָט זי ניט גענוי געוווּסט וואָס ער וויל פֿון איר. „איך האָב ניט געקאָנט פֿאַרשטיין, וואָס ער מיינט מיטן וואָרט 'שרײַב'". אין דעם דאָזיקן זאָג איז ניטאָ קיין סימן פֿון אָנשטעל, חלילה. זי האָט פּשוט ניט געוווּסט.

פאַרוואָס שרײַבט זי? ווײַל „עס רופֿט און בעט דאָס קלאָרע פּאַפּיר — שיק צו דער וועלט אַ ליד דורך מיר". די וועלט האָט בײַ איר „געמאָנט" און זי האָט איר געענטפֿערט. אַ מאָל איז עס געווען דער לערער ה. ציטראָן, און אַ מאָל איז עס געווען גאָר דער באָרדער, וואָס האָט גע־ווינט אין הויז בײַ איר אין נוארק, וועלכער האָט זיך אונטערגעהערט, ווי זי דערציילט מעשׂהלעך איר טעכטערל, און אין איינעם אַ פֿרי־מאָרגן איר איבערגעלאָזט אַ צעטעלע אויפֿן טיש: „מיסעס, אײַערע קינדער־מעשׂהלעך זײַנען אויסגעצייכנט, שרײַבט זיי אָן". און אַ מאָל גאָר דער נעגערשער אײַזמאַן, ווען זי האָט געלייענט איר „פֿוירסט פּאָעם", אין יידיש, נאַטירלעך, און וועלכער איז געווען איר ערשטער קריטיקער מיט זײַן ספּעציעלער מבֿינות: „איך פֿאַרשטיי ניט דײַן שפּראַך, מיסעס, אָבער עס קלינגט גוט". אָט די וועלט האָט עס פֿאַר־לאַנגט אַ ליד בײַ איר.

איר טעמאַטיק: דאָס פּשוטע טאָגטעגלעכע לעבן פֿון קליינעם מענטש פֿון אַ גאַנץ יאָר. ניטאָ קיין טעמע, וואָס איז איר צו־קליין און ניטאָ קיין געשעעניש וואָס איז ניט ווערט קיין ליד. אין דעם פּרט האָט איר „דיכטערלוסט" פֿיין־פֿילנדיק אַרויסגעשיילט דאָס געזאַנג פֿון יעדן קעגנ־שטאַנד, בעל־חי, מענטש אָדער געשעעניש. בלויז שׂרה באַרקאַן האָט זיך געקאָנט פֿאַרגינען זינגען „אַ לויב דעם בעזעם און אַ ליד דעם קריגל", אָדער דערציילן אַזוי היימיש וועגן איר „שאַפֿונג־פּראָצעס": „פֿון שרײַב־טיש אין קיך אַ לויף און אַ כאַפּ", אָדער זיך פֿאַרקלאָגן אַזוי היימיש פֿאַר אונדז: „אָט פֿאַרוואָס איך זע אויס אַזוי בלאַס, ווײַל איך האָב ניט קיין צײַט אַרויסגיין אין גאַס". דער רעזולטאַט: אַן אוצר פֿון אינטימע אַריינבליקן אין לעבן פֿון שטילע מענטשן, אַ שלל לידער און מעשׂיות „וועגן זיך און אײַך".

איר דיכטערישער טאַלאַנט העלפֿט איר אוניווערסאַליזירן די איינצל־רגעס — רגעלעך? — וואָס זי כאַפּט אָן, פֿאַראַלגעמיינערן די קליינע פּרטים, וואָס זי שיילט אַרויס. זי לאָזט אונדז דערפֿילן דעם תּוך, דאָס צווייענדיקע אין דעם קליינעם צופֿעליקן דעטאַל. ווען ניט אָט די פּיאַי־קייט איר, איר עכטער טאַלאַנט, — וואָלטן זיי געבליבן קליינע מאָ־מענט־פֿאָטאָגראַפֿיעס; זי גיט זיי דיכטערישן דויער.

זי לאָזט זיך פֿאַרשיכּורן פֿון ליד, איז פֿאַרליבט אין דעם ליד ביז גאָר. דער זין פֿון ליד? צעיום־טובֿן און צעפֿריידיקן דאָס לעבן, צעשטרײַען די טעגלעכע גרויקייט:

„עס ווערט מיר לעבן ניט דערווידער,
ווען איך פֿיל עס אויס אין לידער.
מיט מײַנע גליקלעכע געפֿילן
וואָש איך טעפּ, קער איך דילן".

אַט די פֿאַרשטענדעניש, אַז די לידער דאַרפֿן העלפֿן בײַקומען דעם „דערווידער״ פֿון לעבן, האָט אַנגעפֿילט יעדע שורה, וואָס זי האָט געשריבן, האָט דערהויבן דאָס ליד אירס צו יום־טובֿ און די דיכטונג צו פֿרייד: זי לאָזט זיך איבערוועלטיקן פֿון אירע שורות, אַפֿילו די לבֿנה און די שטערן זײַנען עדות:

„מיט מײַן גליק דעם אָפּגעשפּאַרטן
ווערט מײַן צימערל אַ גאָרטן,
די לבֿנה און די שטערן
ציילן מײַנע שורות גערן״.

די דיכטונג באַהערשט זי, זי רעאַגירט אויף וועלט און געשעענישן נאָר דורך ליד, אָפֿט קעגן איר ווילן:

„לידער, לידער מיך שלעפּן בײַם קלייד —
לידער פֿון אומעט און לידער פֿון פֿרייד״.

זי פּרוווט זיך פֿאַרטרײַבן פֿון זיך, אָבער

„נאָר לידער ווי קינדער ווילן ניט פֿאַרשטיין,
די וועקן און מאָנען און קומען אַליין״.

איר פּשטות איז דערפֿרישנדיק, קיין מאָל ניט פּראָסט: איר אומ־מיטלבאַרקייט — אָפֿט נאַאיוו, קיין מאָל ניט אומסענסיטיוו. פֿאַרקערט, זי ווײַזט אַרויס אַ דינע סענסיטיווקייט, אירע שורות פֿליסן מיט זעלטענער לויטערקייט, עכט ווי דער ניט געקינצלטער שאָרך פֿון אַ בלאַט אָדער דער שמייכל בײַ אַ קינד:

„מײַן חבֿרס הענט צערטלען מיט זון,
ווי לײַכט ס׳איז דאָס לעבן אין צווייען.
די זומער־וועלט בעט זיך בײַ אונדז:
מיר זאָלן דאָ ליבשאַפֿט פֿאַרזייען.״

אָפֿט פֿילט זיך אַ באַרעדעוודיקייט אין אירע שורות, אַ מין לירישע אינטימע קאָמפּולסיווקייט ניט צו שפּאָרן קיין ווערטער, נאָר צו דערציילן אַלץ ווי זי זעט עס, ווי זי באַנעמט עס. אָבער אָפֿט בליצט זי אויף מיט אַ קינסטלערישער שפּאָרזאַמקייט און מיט אַ דיכטערישן צימצום, וואָס זאָגט עדות אויף איר עכטן אינערלעכן פּאָעטישן חוש:

„פֿאַראַנען נאָך וועגן פֿון קיינעם באַטראָטן,

און בונטן מיט פרייד אויף די ימען צעשאָטן,
און זון אַזוי פיל וואָס וואַרעמט ניט קיינעם,
פאַרשלאָסענע טירן און הינטער זיי שכנים...״

אָדער אויף אַן אַנדער אַרט גיט זי אַ גלאַנץ אויף מיט אַ ליכטיקער לירישקייט און הומאָר. אין אַ ליד „אַ בילד אין סאָבוויי״, דערציילט זי אונדז:

„נאָר דער יונגינקער מאַטראָזל,
קושט זײַן מיידל אין שפּיץ נעזל,
אַז מען ליבט זיך איז אַ סימן —
ביידע הענגען אויף איין רימען.״

אָדער גאָר אַזאַ פינגפילנדיקער זאַג, וואָס אָטעמט מיט פּאַטעטישער פאַרטיפונג: אין אַ ליד, אין וועלכן זי רעכנט אויס די מתנות וואָס זי גיט צו אַ יונגער פּאָר:

„איך נעם אַ ווערטל פון מײַן באָבען
און גיב דער יונגער מוטער מיט,
זי וועט עס זיכער דאַרפן האָבן —
אין שעה פון שווערן געמיט.״

דער הויפּט־שטריך פון אַלע אירע שטריכן איז אָבער נאָך אַלץ דאָס, וואָס שׂרה באַרקאַן האָט גוט געקאָנט און שטאַרק ליב געהאָט די מענטשן, פאַר וועמען זי האָט אירע פּשוטע געזאַנגען געזונגען, און דאָס וואָס זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס ליד האָט נאָר דעמאָלט אַ ווערט ווען עס העלפט דעם מענטש — צי עס ברענגט אים יום־טובֿ אָדער עס מאָנט אָפּ־צומעקן דאָס בייז, וואָס ווערט באַגאַנגען קעגן מענטשן. זי האָט רעאַ־גירט אויף אַלע געזעלשאַפטלעכע געשעענישן אַרום זיך און אירע לידער „פון אַלע טעג״, אירע „לידער ווי קינדער״ האָבן געקלאָגט אויף די הקדשדיקע ווינונגען פון די אָרעמעלײַט („סלאָמס״) און געוויינט „ווען מען ליינטשט אַ נעגער״, אָדער זיך אָנגענומען די קריוודע פון דער אָרע־מער מאַמע־ערד, וואָס וויינט ווײַל מלחמות פּאַלמעסן זי:

„אוי, קינדער מײַנע, קינדער מײַנע,
ווי לאַנג וועט מען זיך שלאָגן?
איך טרינק זיך ביזן האַלדז אין בלוט
און קאָן שוין ניט פאַרטראָגן.״

(„די ערד וויינט״)

שׂרה באַרקאַנס לידער האָבן זיך אײַנגעשטעלט פאַר דער אָרעמער

ערד, און געשריִען געוואַלט: „מיר ווילן פֿרידן", און מיטגעצאַפּלט זיך אין פּײַן מיט דער מאַמען. זי קוקט אויף איר זון, וואָס האָט זיך אומגעקערט פֿון דער מלחמה:

„צוויי און צוואַנציק יאָר מײַן קריגער איז געוואָרן —
וויפֿל קנייטשן אויף זײַן פּנים,
אוי ווי צו מײַנע יאָרן.
אין די אויגן שרעק און גרויע האָר אין לאָקן —
אָ, וועלט, האַלט אָטעם אײַן, רוען לאָז מײַן זקן".
(„אַ מאַמע רעדט")

אָט אַזוי האָט זי פֿאַרפֿערזונלעכט דאָס סאָציאַלע — די מלחמה, דעם הונגער, דעם קאַמף פֿאַר אַ בעסערן מאָרגן, און אַזוי האָט זי פֿאַרגעזעלשאַפֿטלעכט דאָס אינטימע, דאָס פּערזענלעכע — דעם קינדס לאָקן, די קיך, דאָס טעפּל און דעם בעזעם. און צו דעם אַלעם האָט זי אַ ווונדערלעכע ליבע געטראָגן און דורך אַלעם איז אויפֿגעגאַנגען אַ צעהעלטער אָפּטימיזם און גלויבן בײַ איר:

„ס'האָט מײַן צער מיך ניט פֿאַרטיליקט,
איך האָב דערלעבט צו זען דעם פֿרילינג"

אָדער אויף אַן אַנדער אָרט:

„דורכגעליכטיקט איז מײַן אומעט,
איך נעם די גאַנצע וועלט אַרומעט,
אין מײַנע שפּעטע שעהן
צי איך זיך צום טאָג דעם בלאָען".

אַ באַזונדער אָרט אין שׂרה באַרקאַנס דיכטונג פֿאַרנעמען אירע קינדער־לידער. איבער דרײַ צענדליק יאָר האָבן טויזנטער קינדער אין די ייִדישע קינדער־שולן פֿון לאַנד געלייענט אירע שורות און רעציטירט אירע פֿערזן. ניט געווען קיין טעקסט־ביכל פֿון דער פּראָגרעסיווער ייִדישער שול אין אַמעריקע, וווּ זי זאָל ניט זײַן פֿאַרטראָטן (און אויב אירע לידער האָבן געפֿעלט אין טעקסט־ביכער פֿון אַנדערע שול־וועזנס, איז עס געווען צום היזק פֿון די קינדער און אַ רעזולטאַט פֿון אומגליקלעכע אײַנשטעלונגען און חשבונות אין ייִדישן לעבן אין אַמעריקע).

דורות קינדער האָבן געלייענט איר נאַיִווע — אָבער דורכויס באַגלייבטע און הערצאישע פּאָעמע פֿון לעבן פֿון דער יונגער ייִדישער אַרבעטער באַוועגונג אין דער אַלטער היים — „דער שטומאַק", אָדער מיט האַרצוויייטיק זיך צוגעהערט צו דער עוולה, וואָס ווערט באַגאַנגען קעגן

די קוילנגרעבערס, ווײַל די וועלט איז אַ ביסל קרום אױעקגעשטעלט, וואָס שייך

„ווער עס טוט די קוילן האָבן
און ווער עס טוט די קוילן גראָבן".

אירע קינדער־לידער אָטעמען מיט עכטקייט און באַגלויבטקייט, גלײַכ־צײַטיק פאַרמאָגן זיי אַ זעלטענע שפּילעוודיקייט און זײַנען זייער נאָענט צום קינד.

די לויטערקייט פון איר גאַנצער דיכטונג ווערט אין קינדער־ליד כּמעט דורכזעיִק, אַפילו דער פּרימיטיווער שאַבלאָן, וואָס כאַפּט זיך צו מאָל אַרײַן (ווי — דער רײַכער וואָס זיצט און ציילט זײַן געלט) ווערט פאַרגיטיקט דורך דער אַלגעמיינער וואַרהאַפטיקייט, וואָס דרינגט דורך אַלע אירע פּערזן.

זי רעדט בפירוש ניט אַראָפּ צום קינד, אַפילו „דער לץ מיט די קעץ" איז אַ באַגלויבטער פאַרשוין, און ס'לייגט זיך אויפן שׂכל די ליבע צווישן דעם הינטל און דעם קעצל, שוין אָפּגערעדט פון אַזאַ ערלעך און פאַנטאַסטיש אויסגעהאַלטן בילד, ווי דאָס ייִנגל דער עקשן, וואָס וויל ניט שלאָפן און וואַרט אַזש איבער מיט זײַן וואך זײַן — דעם שלאָף גופא.

בײַ דעם ייִנגלס בעטעלע
וואַרט דער שלאָף און וואַרט,
ביז דער שלאָף האָט זיך אַליין
אויפן בעטל צוגעשפּאַרט.

די גאַנצע נאַכט אין בעטעלע
איז דער שלאָף געשלאָפן,
און דאָס ייִנגעלע איז געלעגן
מיט די אייגעלעך אָפן.

ניין, זי האָט קיין מאָל ניט אַראָפּגערעדט צום קינד, פאַרקערט: אים געטרויט און אַרויסגעוויזן אַ סך עכטע ליבשאַפט.

„איך וואָלט דאָ שטיין שעהען, איך ווער גאָרניט מיד,
ווען אויף קינדערשע ליפּן דערקען איך מײַן ליד".

זיי האָבן זיך דערקענט — שׂרה באַרקאַן און אונדזער קינד, זיי האָבן זיך קעגנזײַטיק שטאַרק ליב געהאַט: די שול איז אַדאַנק שׂרהן שפּעדיקער געוואָרן, דאָס קינד — רײַכער.

געבליבן איז אַ בינטל הימישע, האַרציקע, געראָטענע, לויטערע פאָלק־לידער און קינדער־לידער, — אַ ירושה, וואָס פאַרבלענדט אפשר ניט די אויגן, אָבער זי גליט מיט איר אייגענער ליכטיקער וואַרעמקייט.

ש. דייקסל — צו זײַנע 85 יאָר

אַרומגענומען פֿון אַ סך געפֿילן, וואָס איך וויל ניט באַהאַלטן און ניט צודעקן, רעד איך הײַנט: פֿרייד, ליבשאַפֿט און חידוש: טאַקע 85? שמונים וחמש? עיטי־פֿײַף? קיין בייז אויג אים ניט.

עד, ווי די צײַט לויפֿט. לויפֿט? גאַלאָפּירט, יאָגט זיך, שטעלט רגלים, הענדעם־פּענדעמעוועס, ווי אַ ייד וואָס יאָגט זיך כאַפּן אַ פּאָר־שפּעטיקטע מנחה.

איז דער חשבון אַזאַ: מיט 85 יאָר צוריק, אין 1886, האָט ער זיך באַוויזן אין קישינעוו, אונדזער שין דייקסל. צו פֿיר יאָר — אַ האַלבער יתום, צו 10 יאָר — אַ קײַלעכיקער יתום, האָט ער מיט די לאַנגע פֿיס און מיט וווּנדערלעך גלויביקע אויגן אַרומגעוואַנדערט איבער דער וועלט. געזוכט, געזוכט. וועמען? ווער ווייסט — דעם טאַטן וואָס ער האָט ניט געדענקט אפֿילו, די מאַמע וואָס ער האָט קוים געדענקט. גיכער — זיך אַליין און דעם מענטש אַרום זיך. און אפֿשר — אפֿשר אַלע צוזאַמען.

אין 1912 האָט אברהם ליעסין אָפּגעדרוקט אין דער „צוקונפֿט" דייקסלס ערשטע דערציילונג אין יידיש, „צוויי שיף־שוועסטער".

און אָט אַזוי, אין משך פֿון 59 יאָר, שפּאַצירט ער מיט די לאַנגע רגלים און גלויביקע אויגן אין דער יידישער ליטעראַטור, גייט אַ ביסל אין דער זײַט, אויף זײַן אייגן סטעזשקעלע.

מיט אַ קנאַפּן האַלבן יאָרהונדערט צוריק האָט ש. דייקסל באַטראַטן די שוועל פֿון דער יידישער שול, באַטראַטן אויף אַ ווײַל און אין איר געבליבן פֿיר־צענדליגנג יאָר.

אין דעם פּרט, איז ער קיין אויסנעם ניט געווען, מחמת ס'איז ניטאָ קיין יידישער לערער וואָס זאָל ניט האָבן בשעתו געשריבן, אָדער געוואָלט שרײַבן. און דאָס זעלבע פֿאַרקערט: זיך צו באַניצן מיט אַן ענגלישן אידיאָם — קלאַפּ אַן בײַ אַ יידישן שרײַבער און ס'וועט דיר ענטפֿערן אַ יידישער לערער. אַן גוזמא וואָלט איך געזאָגט, אַז אַרום 70־80 פּראָצענט יידישע שרײַבער האָבן, אין איין צײַט אָדער אין אַן אַנדערער, אויף איין אופֿן אָדער אַן אַנדערן, געהאַט צו טאָן מיט דער יידישער שול אין אַמעריקע.

(צו דערמאָנען בלויז עטלעכע: יוסף אָפּאַטאָשו, ב. ב. מינקאָוו,

פֿון מײַן רעדע צו ש. דייקסלס 85־יאָריקן יובילײ, אין 1976.

ז. ווײַנפּער, יעקבֿ גלאַטשטיין, נ. בוכוואַלד, משה כּץ, מ. אָלגין, נ. ב. ביאַלאָסטאָצקי, מ. בירנבוים, נ. גראָס, י. גרינשפּאַן, ז. זשיטלאָווסקי, יהואָש, כאַוווער־פּאַוווער, ל. מילער, י. א. ראָנטש, מ. א. סול, א. פּלאַט־נער, חיים שוואַרץ, מ. שיפּריס, מנחם באָרײַשאָ, ש. ניגער, א. לעיעלעס־גלאַנץ, ב. צ. גאָלדבערג. און לאָמיר אויך דערמאָנען: א. מייזעל, נ. ווייס־מאַן, ב. פרידמאַן, כאַשמאַל .. און ...).

עס איז מסתּמא געווען נאַטירלעך, אַז די ייִדישע שול, דאָס ייִנגסטע קינד פון דער ייִדיש־וועלטלעכער קולטור, זאָל האָבן צוגעצויגן צו זיך די ייִדישע שרײַבערס, וואָס האָבן אין איר געזען דעם המשך פון זייערע באַמיונגען און פון זייער אַרבעט, די בריק וואָס זיי האָבן געפּרוווט און געשטרעבט פאַרוואָרפן פאַר זיך צו דעם מאָרגן.

וואָסער לערער איז ש. דייסקל געווען?

ער איז געווען דער סוביעקטיווער לערער, דער וואָס האָט זיך אַנטקעגן געטראָגן דעם קינד, דער מעשׂה־דערציילער פאַר עקסעלאַנץ, וואָס האָט אַליין געגלויבט אין די מעשׂיות וואָס ער האָט דערציילט. דייקסל האָט קיינעם פון זײַנע קינדער ניט געהייסן נאָכמאַכן די אינדיאַנער, ער איז בלויז אַליין געוואָרן אַן אינדיאַנער און די קינדער, די פון זיי, וואָס האָבן געהאַט פאַנטאַזיע און שׂכל — און דאָס מיינט, געוויינטלעך, אַלע קינדער — זײַנען נאַטירלעכווײַז אויך געוואָרן אינדיאַנער מיט אים. דאָס איז ניט געווען שפּיל אָדער טעאַטער, חלילה, נאָר גיכער אַריבערטראָגן די קינדער אויף אַן אַנדערן פּלאַך — אויף דעם פּלאַך ווו פאַנטאַזיע ווערט וואָר, ווו עס ווערט אַ נײַע וואָר געשאַפן.

דייקסל האָט דער שול געבראַכט אַ סך איבערגעגעבנקייט, אַ סך שפּי־לעוודיקייט, דעם קינד אַ סך פאַנטאַזיע און ליבע. דייקסל האָט דער שול געבראַכט זיך אַליין, אָן רעזערוואַציעס, אָן צוריקהאַלט און אָן חניפה. ער איז, אין אַ באַשטימטן זין, געווען גאָלע אינטואיציע בײַם לערנען, ריינע שעפּערישקייט, און לויטערסטע איבערגעגעבנקייט. קנאַפּ זײַנען די קינדער, וואָס קאָנען בײַשטיין אַזאַ מין פראָנטאַלע אַטאַקע פון ליבע, קרובֿהשאַפט און דאָס אָפּשאַפן פון וועלכער עס איז דיסטאַנץ צווישן לע־רער און תּלמיד.

שוין יאָרן ווי ש. דייקסל לערנט ניט אין שול, אָבער די שול גע־דענקט אים מיט ליבשאַפט און בענקשאַפט. ווי דער משולח אין „דיבוק" דרייט זיך אַרום דייקסלס לאַנגער סילועט אין דער שול, מיט אַ פעדער אין די האָר, אין אַן אינדיאַנער קאָלדרע, און מיט אַ מעשׂה וועגן זײַן „פערזענלעכער" אינדיאַנער־מאַמע אויף די ליפּן.

* * *

די דייקסל־פערזענלעכקייט גייט דורך אַלץ וואָס ער האָט געטאָן — הן אין דער שול און הן אין דער ליטעראַטור. און איזן איז דאָס אַ

קאָמפּליצירטע פּערזענלעכקייט. געוויינטלעך איז יעדער פֿון אונדז אַ צווייִקער, אַ דואַליסטישער פֿאַרשוין — אַ קוואַרטיר מיט צוויי לאָקאַטאָרן, מיט צוויי „באָרדערס“. — דייקסל — אַ גאַנצע אַכסניא, וווּ עס הויזן קיין עין־הרע אַזוי פֿיל ייִדן, וואָס ניט אַלע מאָל לעבן זיי בשלום צווישן זיך. סע טוט זיך ב* אים. עס ציט אין פֿאַרשיידענע זײַטן, עס הערן זיך קלאַנגען פֿון אַזיע ביז יאָסעמיטי, פֿון שאָפּ ביזן קלאַסצימער, פֿון פּאַראַשוטיסט ביז דעם ייִדישן קינד, וואָס ער טוליעט צו זיך. אַ צוויי מגינים איכן האָבן זיך צוזאַמענגענומען, שלעפּן אין פֿאַרשיידענע זײַטן, ליאַרעמען, מאַכן קולות — ביז דייקסל שטילט זיי איין, טוט יעדן אָן אַ קאָלירטע קאָלדרע, באַשטעקט זיי מיט פֿאַרביקע פֿעדערן און וויגט זיי אײַן מיט אַ מעשׂה וועגן „זײַן“ אינדיאַנער מאַמע.

אָבער, דער ריינער, גינגאָלדענער אמת איז, אַז פֿון די אַלע פֿאַרשיידענע יחידימלעך און פּערזענלעכקייטן, וואָס ראַנגלען זיך אין דייקסלען, גייט אויף איין געשטאַלט — כּמעט אַ קינדערשע — אַ פֿאַרחלומטע, אַ גלויביקע, אַ געטרויענדיקע און, איבער אַלעם, אַ פֿאַרליבטע אין דער וועלט און אין מענטש. געבליבן אַן אייביקע ייִנגלישקייט אין דייקסלען. וויפֿל פּלאַסטן יאָרן ער זאָל ניט אָנלייגן אויף זיך וועלן זיי דאָס־אָ פֿאַרליבטע ייִנגל ניט צודעקן און ניט קאַליע מאַכן. בײַ אַ טייל קאָן עס הייסן נאַיִווקייט. און אַז נאַיִווקייט איז וואָס? בײַ אַנדערע קאָן עס מיינען: געטרויען מענטשן אויף באָרג — טאָ איז וואָס? אָבער אַ כּלי שלימה, אַ גאַנצער מענטשלעכער אינסטרומענט איז ער?

* * *

אין דער ליטעראַטור האָט ש. דייקסל, אין לעצטן סך־הכּל, פֿאַרמאָגט די זעלבע שטריכן וואָס אין לעבן. טייל זײַנען אים בײַגעשטאַנען, אַנדערע — מסתּמא געווען אַ שטער.

ער איז געבליבן דאָס פֿאַרליבטע, פֿאַרגלויבטע ייִנגל אויך אין דער ליטעראַטור.

פֿאַרליבט אין מענטשן, פֿײַנלעך פֿאַרליבט. פֿאַרגלויבט — ביז טרערן און נאַיִווקייט פֿאַרגלויבט אין דער גוטסקייט פֿון מענטש און וועלט.

מיט זײַן גאַנצער עקזאָטיק, פֿאַרמאָגט ש. דייקסל ניט קיין שפּור סאָפֿיסטיקאַציע. רשעות טוט אים וויי, דעם רשע קען ער ניט פֿאַרטראָגן, דעם מענטש וואָס לײַדט פֿון רשעות וויל ער מיט יעדער שורה טרייסטן, דערהייבן, צעיום־טובֿן.

איך בין ניט זיכער, צי אַ שרײַבער מעג זיך פֿאַרגינען בלײַבן נאַיִוו און לײַכטגלייביק. דער אָנשטעל פֿון נאַיִווקייט איז אַ ראַפֿינירט קונסטמיטל, וואָס פֿאַרדעקט שרײַבערישע חכמה און ברענגט אַרויס מיט כּלומרשטער פּשטות קאָמפּליצירטע געדאַנקען און דינע סענסיטיווקייט. איך טראַכט אַ מאָל, אַז אַ ניט־ייִד קאָן אָנקומען שווער צו פֿאַרשטיין

רייזענס חכמה, אָדער ראַלניקס, אָדער ראַבאַיס פּשוטקייט (מחמת דעם פאַרדאַרבן אָפּט די איבערזעצערס ראַבאַיס פּשטות. פון פּשוט ווערט ביי זיי פּראָסט. זיי פּאַסן אים אויף בוכשטעבלעך — און נישט אַלעגאָריש — און ער ווערט ביי זיי פּרימיטיוו). שלום־עליכמס קינדער־העלדן, בער־געלסאָנס „פּענעק" מאַכן דעם אָנשטעל פון נאַיוקייט — כּלומרשט זיי פאַרשטייען ניט די קאָמפּליצירטקייט פון דרך עולם, די פאַרקרימטקייט פון דער וועלט.

דייקסל שטייט איבערן אָנשטעל. ער איז פּשוטו כּמשמעו גלויביק און נאַיוו. ער איז פּיינלעך אָרנטלעך אין זיין שילדערן מענטשן און גע־שעענישן. אים גייט אָן בלויז איינס: דער בן־אדם, ווי העלפט מען אים, ווי דערהויבט מען אים. אָפּט טוט ער עס אויפן חשבון פון קינסטלערי־שער גאַנצקייט און השלמה. ער ניצט מאָראַלישן קפיצת־הדרך — דער פאַרלאַנג צו העלפן, אויפצוקלערן, צו שרייען גוואַלד פירט אים, פאַר־פירט אים אָפּט.

פון וואַנען נעמט זיך עס? מסתמא פון דעם כּסדרדיקן געראַנגל פון ראָמאַנטיקער און רעאַליסט אין דייקסלען. ערגעץ גייט אים נאָך די ראָמאַנטיק פון די אַזיאַטישע דערציילונגען, און ס'איז גוט אַזוי — עס גיט צו קאָלאָריט, אַן אייגנטימלעכקייט צו זיין גאַנץ שאַפן.

עס איז ניט גענוג זאָגן, אַז ש. דייקסל האָט אַריינגעבראַכט די עק־זאָטישע טעמע, די אַזיאַטישע לאַנדשאַפט, די שטורמישע נעכט מיט יונגע געליבטע מיט געפּאַרבטע ברוסט־אַפּלען — אין דער יידישער לי־טעראַטור. אַוודאי איז דאָס עקזאָטיש לגבי טונעיאַדעווקע און ביאַליסטאָק און מינסקער בלאָטעס. וואָס ער האָט געטאָן איז אַריבערגעטראָגן אָט די אויסטערלישע עמאָציאָנעלע באַאַרבונג, די שטאַרקע ליידנשאַפטן, די פאַנטאַזיע און די ראָמאַנטיק אין זיין היגער, דאָיקער אַמעריקאַנער מיליע.

אמת, אַפילו די עקזאָטיק איז ביי אים פאַרפּשוטעוועט, אַזוי אַז זי ווערט באַגלויבט און הערט אויף זיין בייזוונדער. און נעמען נעמט עס זיך פון דעם, וואָס די הויפּט טעמע און די הויפּט ליידנשאַפט פון זיין שרייבן איז געווען און געבליבן דער מענטש. ער איז אין אים זעלטן שיין פאַר־ליבט, און ווי אַ פאַרליבטער זעט ער אים אָפּט מיט צו געטרויענדיקע אויגן, אפשר אַ ביסל צו צוויי־דימענסיעדיק.

* * *

זיין אייגנאַרטיק אָרט אין דער ליטעראַטור האָט דייקסל פאַרפעס־טיקט מיט זיינע אינדיאַנער דערציילונגען. ניט בלויז צוליב אויסטער־לישקייט, נאָר דער עיקר צוליב אַ באַשטימטן בלויז וואָס ער האָט אויס־געפילט און אַזוי אַרום גאַנצער געמאַכט די אַמעריקאַנער יידישע לי־טעראַטור.

עס איז אָנגעגאַנגען אַ לאַנג־דויערנדיקער פּראָצעס פֿון דערקענען און אידענטיפֿיצירן זיך מיט אַמעריקע. כּדי צו דערקענען, היסטאָריש און געזעלשאַפֿטלעך, באַשטימטע קערנדיקע עלעמענטן פֿון דער אַמעריקאַנער נאַציע, האָט דער ייִדיש־שרײַבער אָפֿט געמוזט אַוועק פֿון ניו־יאָרק, זיך אײַנגראָבן אין דער רויערד (אָפֿט: רויזאַמד און רויזומפּ), ווו די פֿעלקער האָבן געלעבט.

י. י. שוואַרץ איז אַוועק אין דער סאַוט — ער האָט מער געזען דעם ייִד ווי דעם נעגער דאָרט. ער האָט אָבער אויך געזען דעם נעגער — וואַרעם, פֿאָטערלעך, מיט סימפּאַטיע. אָפּאַטאָשון האָט געלאָקט די נעגער־טעמע. אַ סך ייִדישע דיכטער האָבן זי אָנגערירט, אָפֿט אויבנאויפֿיק, אָבער ס׳רובֿ סענסיטיוו, מיט רחמנות. (ברוך גלאַזמאַן האָט אַן אויפֿטרייסלערישע, זעלטענע דערציילונג, „אַ שיף אויף ברייטע וואַסערן", וועגן נעגער־ייִדישע באַציִונגען, וואָס איז ווײַט נאָך ניט אָפּגעשאַצט געוואָרן).

קיינער פֿון די ייִדישע שרײַבערס האָט ניט געלעבט אין אַמעריקאַנער דרום. (דער ניו־אָרלינסער העברעאישער דיכטער אפֿרים ליסיצקי איז אַן אויסנעם).

ראַבאָי איז עטלעכע מאָל אַוועק אין דער וועסט, געפּרוּווט אָנכאַפּן טיילווײַז דעם מהות פֿון אַמעריקאַנער פֿאַרמער־קלאַס. פֿון אָנהייב, אין „הער גאָלדענבאָרג" — ניט צו טיף נאָך, ניט באַנומען נאָך דעם שפּיל פֿון סאָציאַלע כּוחות. ערשט אין „דער ייִדישער קאַובאָי" דערזעט דער רײַפֿער ראַבאָי די סאָציאַלע דיפֿערענציאַציע פֿון אַמעריקאַנער פֿאַרמער־קלאַס, דערשפּירט דעם גורל פֿון דעם דעקלאַסירטן פֿאַרמער.

ש. דייקסל איז אַוועק צו דעם אורטאַטן פֿון אַמעריקאַנער פֿאָלק, צו דעם אינדיאַנער. צו דרײַ סכּנות איז ער געווען אויסגעשטעלט: א) שילדערן אויסטערלישקייט פֿון אינדיאַנער — זײַנע מנהגים, זײַן קולטור, א. א. וו. — ווערן עקזאָטיש. ב) שרײַבן ריין סאָציאָלאָגיש — וועגן דער אונטערדריקונג פֿון אינדיאַנער, זײַן געשיכטע, זײַן עקאָנאָמישן מצבֿ, אָדער ג) ווערן אַן אָביעקטיווער שילדערער, אַ צוקוקער, אַ מין „טראַוועלאָגיסט".

דייקסל מײַדט אויס אַלע דרײַ געפֿאַרן דורך דעם וואָס ער שרײַבט מענטשלעך, נאָענט און, דער עיקר — ווי אַן אינעווייניקסטער. ער האָט אַ שאַרף אויג פֿאַר די סאָציאַלע כּוחות (ער גייט אַפֿילו אַזוי ווײַט ווי לאָזן אַ וווּנדערלעך שיין אינדיאַנער מיידל מיט אַ ייִדישן בחור אונטער אַ נאַכטיקן אַריזאָנאַ־הימל — אָנשטאָט זיך אַרײַנלאָזן אין אַ ליבעשפּיל — פֿאָרטראָגן אַ דיסערטאַציע וועגן אינדיאַנער געשיכטע. אָט די דיגרעסיעס זײַנען אָפֿט אַ שטער אין גאַנג פֿון זײַן דערציילן).

דער עיקר — דייקסל האָט אַרײַנגעפֿירט דעם אינדיאַנער אין דער ייִדישער ליטעראַטור — אָן איבערטריבענעם רחמנות, אָן געפֿיל פֿון בייז־וווּנדער, אָן פֿון־אויבן־אַראָפּ געפֿיל. פּשוט, סענסיטיוו, וואַרעם, קרובֿיש־

נאָענט האָט ער אים געשילדערט. און געטאָן האָט ער דאָס נאָך אײדער עס איז, אַזוי צו זאָגן, „אַרײַן אין דער מאָדע", ווען די נאַציאָנאַלע דערוואַכונג בײַם אינדיאַנער אַליין איז נאָך געווען בראַשיתדיק.

דײקסלס אינדיאַנער דערציילונגען זײַנען חד־במינמדיק אין דער ייִדי־שער ליטעראַטור. זיי האָבן די ליטעראַטור גאַנצער געמאַכט, קאָליריקער און רײַכער געמאַכט.

און דערבײַ גײט אים אין לעבן — ניט נאָר אויפֿצוהייבן זײַן קול קעגן דער אויסראָט־פּאָליטיק לגבי דעם אינדיאַנער, נאָר כּסדר אונטער־שטרײַכן די גורל־שותפֿות פֿון ייִד און אינדיאַנער.

* * *

וועגן דײקסלס סטיל.

ער איז ניט סאָפֿיסטיצירט אין אָפּקלײַב פֿון ליטעראַרישע מיטלען, דורכויס נישט מאָדערניסטיש, אָפֿט אַפֿילו נאַיוו ביז סימפּליציזם בײַם דערציילן אָדער שילדערן. דײקסל זוכט ניט דעם נײַעם, פֿון־קיינעם־ניט־גענוצטן, פֿאַרגלײַך אָדער מעטאַפֿאָר. ער באַגנוגנט זיך מיט פֿאַרגלײַכן און שפּראַכאַרטן גענומען פֿון פֿאָלק און פֿון פֿאָלק־לשון. זײַן דיאַלאָג — כאָטש אַ דינאַמישער, איז אָפֿט אַ ביסל צו פֿאָרסירט, אַפֿילו סימפּליסטיש.

זײַן גרויסע מעלה: אַ גוטער מעשׂה־דערציילער, כּמעט אין אַלטן נוסח פֿון דערציילן, און ניט שרײַבן אַ מעשׂה. זײַן סיפּור־המעשׂה באַוועגט זיך אימפּעטיק און שנעל. כאָטש ער מאַכט דיגרעסיעס און עקסקורסיעס אין דער זײַט, שטעלן זיי אָבער ניט אָפּ דעם פֿלוס פֿון דער „מעשׂה שהיה", דעם לויף פֿון פּאַסירונגען.

צו דעם דאַרף מען צורעכענען — און דאָס איז דער הויפּט אינסטרו־מענט בײַם גוטן מעשׂה־דערציילער — דעם געמיש פֿון פֿאַנטאַזיע און רעאַליטעט. אָפֿט איז שווער צו וויסן ווו איינס הערט אויף און דאָס צווײ־טע הייבט זיך אָן. ער שפּינט די מעשׂה מיט שנעלע, זיכערע פֿינגער, פֿאַרוועבט אַ סך געשעענישן — דעם לייענער זאָל חלילה ניט אומעטיק ווערן. ער פּסיכאָלאָגיזירט ניט, ער דערציילט אונדז פּשוט ווי די העלדן פֿילן — טייל מאָל צו פּשוט און צופֿיל דערציילט, אָנשטאָט באַוויזן. ער זאַמט ניט צופֿיל אויף איין אָרט, פֿאַרהאַלט ניט דעם גאַנג פֿון געשעע־נישן. און ווײַל זײַן פֿאַנטאַזיע האָט אין זיך די עלעמענטן פֿון דער פֿאָלק־פֿאַנטאַזיע, שטערט זי ניט דעם רעאַליסטישן גאַנג פֿון דער דערציילונג, איז כּמעט אַלעמאָל באַגלויבט.

איך וואָלט געזאָגט: אַ רעאַליסטישע פֿאַנטאַזיע, וואָס, אַפֿילו ווען אויס־געטראַכט, טרעט זי ניט אָפּ פֿון אמת. ניט קיין סוררעאַליסטישע פֿאַנטאַ־זיע, וואָס שאַפֿט אַ נײַעווירקלעכקייט און אַ נייעם אמת, וואָס באַלײַכט אָפֿט מיט זײַן נײַקייט דעם אַלטן אמת און גיט אים צו אַ דימענסיע פֿון ליכטיקייט און טיפֿקייט. אין פּשוטע ווערטער: דײקסלס פֿאַנטאַזיע איז

אַ דורכזיכטיקע, אַ באַגלייבטע, כמעט אַ קינדערשע — אָבער זי רײַסט זיך ניט אָפּ פֿון דערווירקלעכקייט.

ער איז איינער פֿון די סאַמע גוטע מעשׂה־וועבער וואָס מיר פֿאַר־מאָגן — מיט אימפּעט און מיט פֿאַרב.

אָבער דאָס אַלץ וואָלט ניט געווען גענוג. דער עיקר איז בײַ דייקס־לען דער מענטש. אים שילדערט ער מיט אַ סך צאַפּל און מיט אַ גרויסער מאָס ניט באַהאַלטענער ליבשאַפֿט און רחמנות. צוליב דער ליבשאַפֿט און דעם רחמנות פֿעלט צו מאָל דער שאָטן, וואָס דאַרף קינסטלעריש מאַכן נאָך בולטער דאָס ביסל העלקייט וואָס יעדער בן־אָדם טראָגט אין זיך. בײַ דייקסלען קומט אַ העלד אָפּט אַרויס מיט צופֿיל העלע פֿאַרבן. בײַ אַן אַנדערן וואָלט אַזאַ מין פֿיגור פֿאַרלוירן געוואָרן טאַקע צוליב דער איבער־שפֿע פֿון העלקייט. דייקסל פֿילט אים אָבער אָן מיט אַזוי פֿיל ליבשאַפֿט, אַז מיר קריגן אים ליב. דייקסל שטעלט זיך אײַן פֿאַר זײַנע מענטשן, מליץ־יושרט פֿאַר זיי, בעט זיך בײַ אונדז: דער פֿאַרשוין איז דאָך אַ זעלטענער צונויפֿוועב פֿון גאָלע גוטסקייט און שיינקייט — ווי קאָן מען אַזאַ ניט ליב האָבן?

דער סטיל וואַקסט אַרויס פֿון שרײַבערס אײַנשטעל און צוגאַנג — זײַן ליבשאַפֿט און רחמנות. פֿון דאַנען — דייקסלס אויסשפּרייטן זײַנע פֿליגל איבער זײַנע העלדן, רעדן און טראַכטן פֿאַר זיי — אַזוי ווײַט, אַז אָפּט האָבן זיי ניט גענוג אייגן לעבן.

ער איז שטאַרק פֿאַרליבט אין דער נאַטור און פֿאַרמאָגט אַ לירישן אונטערטאָן, וואָס גייט דורך יעדעס זײַטל — דינע פּינדזל־שטריכן, וואָס גיבן צו פֿאַרב און טאָן.

* * *

דער סך־הכּל? אַ לעבן פֿון געטרײַשאַפֿט, אַ לעבן פֿון גרייטקייט צו דינען, אַ לעבן פֿון פֿאַרליבטשאַפֿט אין דער קולטור און אין דער ליטע־ראַטור און אין אונדזער דערציאונג. ער האָט זיך אַרײַנגעוועבט אין אונ־דזער ייִדיש לעבן אין אַמעריקע און זיך מיט לײַב און לעבן דעם אָוועק־געגעבן.

„מיט לײַב און לעבן" איז מסתּמא דער הויפּטשטריך דייקסלס.

און אפֿשר בעסער: מיט לײַב און לעבן און גלויבן, מחמת שווער צו געפֿינען אַזאַ מאמין ווי שמואל דייקסל. און גלויבן איז דיר ניט קיין לײַכט פֿערדל הײַנטיקע צײַטן. בײַ אַנדערע, בײַ וועמען דער גלויבן איז אַ מאָל געווען אַ באַפֿליגלט לאַשעקל, און שפּעטער געוואָרן — אַ לאַ־שעקל, וואָס מען קען ניט אָניאָגן — איז ער איצט, דער זעלבער גלויבן, אַן אויסגעמוטשעט מתושלח פֿערדל, וואָס האָט מער ביטחון ווי כּוח.

ניט אַזוי בײַ דייקסלען. בײַ אים איז דער ביטחון נאָך אַלץ דאָס באַפֿליגלטע לאַשעקל, אויף וועלכן ער, צו 85 יאָר, טראָגט זיך.

(1971)

נחום ווײַסמאַן

אפילו אַזוי פּיל יאָרן נאָך זײַן טויט, איז נאָך אַלץ שווער צו רעדן וועגן נחומען אַנדערש ווי אינטים. מיר דאַכט זיך, אַז בלויז מיר, די נאָענטע, קאָנען אים אמתדיק אָפּשאַצן, מחמת די פּערזענלעכקייט זײַנע איז דורכגעגאַנגען יעדע שורה, וואָס ער האָט געשריבן, יעדעס בילד וואָס ער האָט געמאָלן, יעדע לעקציע וואָס ער האָט געלערנט מיט די קינדער. ניט לערערײַ און ניט שרײַבערײַ זײַנען בײַ נחומען געווען פּראָפעסיעס. נחום איז בטבֿע קיין פּראָפעסיאָנאַל ניט געווען.

בטבֿע האָט ער בלויז ליב געהאַט שרײַבן לידער, זינגען מיט קינדער, און בכלל לאָזן די דרויסנדיקע וועלט דורכזיפּן זיך דורך אים און רעאַגירן אויף אַלץ, וואָס דאָס אויג און דאָס אויער האָבן אויפֿגעכאַפּט, ווײַל שווײַגן האָט ער ניט געקאָנט. ער האָט געמוזט שרײַבן, ס'האָט זיך געריסן פֿון אים. און צוליב דעם האָט ער אַזוי פּיל געשריבן און ניט געווען און ניט געקאָנט זײַן קריטיש צו זײַנע לידער. זיי זײַנען אים געווען צו־נאָענט, צו־סוביעקטיוו, אַז ער זאָל זיי קאָנען שאַצן — ער האָט זיי אָפּט אין גאַנצן ניט אָפּגעטיילט פֿון זיך. און גיי דערוואַרט, אַז אַ מענטש זאָל זײַן קריטיש צו די אייגענע ליפּן, צו די אייגענע הענט.

אָט די אוממיטלבאַרקייט זײַנע, אָט דאָס פֿולשטענדיקע צוזאַמענגיסן זיך פֿון דעם אַרום מיט זײַן ליד האָט גורם געווען, אַז ער זאָל אָפּענטפֿערן אויף יעדער געשעעניש פֿון אונדזער לעבן במשך צענדליקער יאָרן. יעדע זאַך האָט אים געאַרט, ווייל ס'לעבן און דער קאַמף אונדזערער האָט אים אַזוי שטאַרק געאַרט, און אַן ענטפֿער האָט ער געהאַט בלויז איינעם — אַ ליד, אָפּגעזען צי דאָס ליד וועט דערזען די ליכטיקע וועלט אָדער ניט, — און אַזוי פּיל האָבן ניט דערזען, — ער, נחום, האָט זײַנס געטאָן, ער האָט געענטפֿערט, געמוזט ענטפֿערן.

„אַ זינגענדיקער גיי איך מיר אַרום אַט־דאָ אַ, צווישן אײַך,
כ'טראָג שטיקער הימל־בלוי פֿון מײַן רומעניש דאָרף אין אויג אַרום...
כ'טראָג אַזוי פּיל פֿרילינג־זון באַהאַלטן אין מײַן האַרץ..."

— — — — — — — — — — — — — — — — —

„זינג מיט מיר דאָס ליד פֿון קומענדיקן פֿרילינג..."

איך טראַכט וועגן נחומען ווי מען טראַכט וועגן אַ קינד — ער איז

געוועזן און פֿאַרבליבן דאָס גרויסע קינד צווישן אונדז — הלוואַי וואָלטן מיר אים פֿאַרשטאַנען, אָנגענומען און ליב געהאַט.

ווי אַ קינד האָט ער ניט אָפּגעטיילט דאָס ליד פֿון לעבן. די פֿאַנטאַזיע און דאָס רעאַלע האָבן בײַ אים ניט געהאַט קיין גרענעץ צווישן זיך.

פּונקט ווי אַ קינד, האָט ער ליב געהאַט די נאַטור און זיך פֿולשטענדיק צוזאַמענגעגאָסן מיט איר —

„איך בין אַ בלום, איך בין אַ בוים און פּראָסטע גרינע גראָז.״

אָבער נחום האָט ניט געזוכט בלויז און ס׳איז ניט גענוג געווען פֿאַר אים אַ ריין־אינטעלעקטועלע פֿאַרבינדונג מיט דער נאַטור. ער האָט זי — ווי אַ קינד — באַדאַרפֿט אָנרירן, נאָענט ווערן מיט איר.

ס׳איז געווען זײַן נאַטור, און ער האָט זי פֿאַרשטאַנען און ליב געהאַט, געפֿלאַנצט אַ גאָרטן, געשפּײַזט טשערעפּאַכעס און געקאָנט די שפּראַך פֿון חיות און פֿייגל, מיטביימער און מיט בלומען אינטים געווען.

צו „20 יאָר קינדערלאַנד״ באַגריסט נחום פֿרײַער פֿון אַלעם די פֿלאַנצן־ און חיות־וועלט פֿון קעמפּ:

„גוט יום־טובֿ אײַך, ציפּרעסן, מײַנע ברידער,
גוט יום־טובֿ אײַך, איר העזעלעך אין טאָל...״

כ׳בין זיך מודה: ערגעץ צאַפּלט זיך אַ מאָדנער געדאַנק — מער ווי צו אונדז אַלעמען איז ער געווען נאָענט צו די ציפּרעסן, זײַנע ברידער.

ערגעץ פֿילסטו: ער וועט זיי אויספֿעלן, די ציפּרעס־ביימער פֿון „קינדערלאַנד״ — זיי האָבן זיך אַזוי זעלטן גוט פֿאַרשטאַנען...

* * *

יאָ, איך טראַכט וועגן נחומען, ווי מען טראַכט וועגן אַ קינד — ווי אַ קינד פֿלעגט ער רעדן וועגן זיך אין דער דריטער פּערזאָן.

ווי אַ קינד, האָט ער אַלץ געוואָלט אַרײַננעמען אין זיך — דאָס וואָרט „מײַן״ פֿילט אָן און גייט דורך זײַנע לידער — מיר האָבן עס קיין מאָל קלאָר ניט פֿאַרשטאַנען. געטראַכט — שטאַמט עס אפֿשר פֿון איינגליבע? איז עס אַ מאַניעריזם אַזאַ? איז עס אַ פֿאַרשאַרפֿט געפֿיל פֿון באַזיץ?

אַלע דרײַ ניט. ווײַל נחום האָט געהאַלטן פֿאַר זײַן, אַזוי פֿיל — אַזוי צו זאָגן — אומנייטיקע און אומנוציקע זאַכן — מײַן הימל, מײַן רעגן, מײַן פֿויער, מײַן פֿאַרנאַכט, און — אומעט מײַנער, בין־השמשות מײַנער, לבֿנה מײַנע.

ניין, ס׳איז גיכער ווי אַלץ דאָס פֿולשטענדיקע אידענטיפֿיצירן זיך,

ווערן איינס, גאַנץ ווערן מיטן אַרום. „בוים מײַנער" — אַוודאי, ווײַל בוים און איך, נחום ווײַסמאַן, זײַנען אייגנטלעך איינס, ער איז מײַנער, איך באַזינג אים...

בלויז אַ קינד, אָדער דער סופער־סענסיטיווער דערוואַקסענער, רעדט אַזוי פּשוט, פֿאַרמאָגט ניט דעם „קלוגן" חוש פֿון אָפּטיילן די אויסער־לעכע וועלט פֿון דער אינערלעכער, וויל אַז יעדע זאַך, וואָס איך האָב ליב זאָל זײַן מײַן. בלויז אַ קינד קאָן זיך אַזוי אוממיטלבאַר אידענטי־פֿיצירן מיט דער אויסערלעכער וועלט.

און ער האָט עס אַליין אויך אַזוי פֿאַרשטאַנען:

„צווישן אַלע קינדער, בין איך אַ קינד דאָ,
צווישן אַלע זאַנגען, אויך אַ זאַנג אין פֿעלד..."

יאָ, ער האָט עס אַליין אויך אַזוי פֿאַרשטאַנען. מער ווי פֿאַרשטאַ־נען — דערשפּירט. נחום איז פֿריער פֿון אַלץ און איבער אַלץ געווען געפֿיל, ריין, לויטער האַרץ.

ווילסט פֿאַרשטיין נחומען, זוך אים אין זײַנע לירישע לידער.

„זינג, מײַן האַרץ", בעט ער זיך בײַ זײַן צאַפּלדיק האַרץ, וואָס איז אין משך פֿון פֿופֿציק יאָר קיין מאָל ניט געזונט געווען.

„איך האָב געזאָגט צום האַרץ מײַנעם אָט־אַזוי:
וואָס ציטערסטו און פֿלאַטערסט נאָכאַנאַנד?
עס שפּאַנט דאָך שוין מײַן פֿרילינג אויף די וועגן,
כ'פֿיל דאָך שוין ווילדע בלימלעך בײַם ראַנד.
נאָר גיי רעד צו אַ האַרץ, וואָס טראָגט דעם ווי פֿון גאָרער וועלט
און צאַפּלט זיך אין דעם ווי אַ פֿלאַטערל אין האַנט..."

זײַן גרעסטער צער איז געווען, ווען ער איז פֿון זיך אַליין געלאָפֿן.

אַזוי שנעל ווי ער איז אַוועק פֿון זיך אַליין, פֿון „מײַן בוים, מײַן אומעט, מײַן פֿעלד־בלימל" — האָט ער פֿאַרלוירן דעם פֿאָדעם, דעם אָנ־האַלט . . . ניט זײַנע סטרונעס געווען . . . אַפֿילו דאָס סאָציאַלע ליד האָט ער אַדורכגעלאָזט דורך זײַן פּערזענלעכער פּריזמע — זײַן האַרץ, זײַן קדשי־קדשים, וווּ ער האָט זײַנע לידער אָן אויפֿהער געשפּונען.

און ער איז געווען אַ טייל פֿון דעם סאָציאַלן גערANGL אין אַמעריקע. די פֿאַרבינדונג מיט דער אידייע פֿון גערAַנגל האָט פֿאַרטיפֿט און באַזי־ניקט זײַן ליבע צום מענטש.

„דערפֿאַר שיק איך מײַן ליד צו בלינדע שטאָרע פֿענצטער,
צו אַלעמען, צו יעדערן, ווו זון קומט נישט אַרײַן..."

און

„דערפֿאַר האָב איך פֿאַר דיר, מײַן וועלט, אַזוי פֿיל קינדערשע פֿרייד
און אַזוי פֿיל טיפֿן אומעט, אויף דער זעלבער שאָל."

און נחום דערציילט אונדז ווי ער איז „פֿון לידער פֿון ראָזעווע פֿאַר־נאַכטן" אַריבער צו

„לידער פֿון נויט און פֿון הונגער, פֿון באָרוועסע פֿיסלעך און הערצלעך
פֿון פּײַן."

ביז

„אַ וועקער געוואָרן, איז צי איך די גלעקער..."

אָבער נחום ווערט נאָך אַלץ עכטער ווען ס׳רײַסן זיך אַרויס די פֿער־זענלעכע שורות אין די לידער . . . ער אידענטיפֿיצירט זיך פֿולשטענדיק מיטן פֿאָטער שמואל לעווין אין דער „באַלאַדע פֿון מאיר לעווין" — שווער צו וויסן צו ווען ער זינגט — צום העלד פֿון זײַן באַלאַדע, צי צו זײַן אייגענעם זון, ווען ער זאָגט:

„באַמאָלן האָט פֿראָסט שוין
מײַן פֿענצטער מיט בלומען;
אַ, זון מײַנער, זאָג מיר —
ווען וועסטו קומען?"

אָדער

„ווײַן ניט, האַרץ, כ׳בין ניט דער ערשטער און אויך ניט דער לעצטער,
וואָס האָט אַזוי זײַן ליפּ צעביסן הײַנט מיט ציטערדיקע ציין..."

* * *

נחום ווײַסמאַן איז אפֿשר איבער אַלעם געווען דער לערער, דער זינגער פֿון דעם קינדער־ליד. — די קינדער האָט ער צום בעסטן און צום נאָענטסטן פֿאַרשטאַנען. און זיי אים — אויך.

זײַנע קינדער־לידער אָטעמען מיט אַ פּשוטער, ניט־געקינצלטער דירעקטקייט און נאַטירלעכקייט — דער עיקר, ווייל נחום האָט זיך ניט געקליגלט צו שרײַבן פֿאַר קינדער. ער האָט ליב געהאַט דאָס קינד און ליב געהאַט פֿאַר דעם צו זינגען. דאָס אַלץ.

זײַן לעבן איז פֿאַרבונדן געווען מיט דער ייִדישער שול. איבער 20

יאָר איז ער געווען אַ ייִדישער לערער און לערערײַ איז אים נאָענט גע־
ווען. ער גרויסט זיך מיט זײַן לערערישן יחוס:

„כ׳האָב קינדער מיט ליבע געלערנט דאָ".

און פונקט אַזוי שטאַרק האָט אים ווײ געטאָן, וואָס

„אין שלאָף הײַנט זיך שרעקן די קינדער,
סע ברענט הײַנט די וועלט אין אַ פלאַם,
מען יאָגט הײַנט פון שטאָט און פון שטעטל,
ס׳ברענט אונדז די ערד און דער ים..."

* * *

ווער ס׳געדענקט ניט נחומען אין „קינדערלאַנד", דער געדענקט ניט
נחומען.

„קינדערלאַנד" — דאָס איז געווען זײַן צווייטע היים, דאָס איז געווען
זײַנס „מײַן קעמפּ, מײַן קינדערלאַנד". מערסטע לידער האָט ער געשריבן
אין קעמפּ, ער פלעגט יעדן זומער אַהיים ברענגען עטלעכע לידער־ביכער.
דאָ איז ער געווען צום שעפערישסטן...

כ׳געדענק אים אויף די סטעזשקעס אין די אויסגעפּרעסטע ווײַסע
הויזן, מיטן שטענדיקן בלימל אין לאַץ, ווי אַ תמידיק שטיקל יום־טוב.

כ׳געדענק אים ווי איצט — אַ פאַרחלומטן אויף דער שוועל פון באַנ־
געלאָ 19, זײַן באַנגעלאָ, זיך טוליען צום פאַרנאַכט, וואַכן איבער זײַנע
שלאָפנדיקע העלדן, שפּינען אַ ליד און שטילערהייט שמועסן מיט די
ציפּאַריסן, וואָס בלויז ער האָט זיי אַזוי גוט פאַרשטאַנען.

* * *

כ׳לייען זײַן לידל „צעריסענע בלומען", וווּ ער קלאָגט זיך:

„דער האַרבסט איז געקומען
צו פרי נאָך — פאַרפרי."

ער אַליין — נחום — אַ צעריסן פעלד־בלימל, אַ קינד, וואָס האָט
אין האַרצן געטראָגן אַ ליד, אַ בילד, אַ סך ליבע — און וואָס דער
האַרבסט זײַנער איז געקומען צו, צו פרי.

איך בלעטער זײַנע פאַרשריבענע העפטן — ביכער האָט ער זיי גע־
רופן — לייען זײַן קלאָרע האַנטשריפט און צאַפּל זיך:

וויפֿל גלויבן, וויפֿל שטילער פּאַטאָס געפֿינען זיך אין אָט די העפֿטן, אין די לידער, וואָס אַזוי ווייניק פֿון זיי האָט ער די זכיה געהאַט צו זען אין דרוק!

מיט וואָס־זשע וועלן מיר אָפּצאָלן פֿאַר דער ליבע און דער געטרײַ־שאַפֿט?

מיט אָפּהיטן דאָס, וואָס ער האָט אונדז איבערגעלאָזט, מיט דעם, וואָס נחום אַליין האָט געוואָלט דערצײַען אַ דור.

„וועלן זיי מיך זיכער דערמאָנען...“

לאָמיר אים דערמאָנען און געדענקען — דעם לערער, דעם שרײַבער, דעם האַרציקן פֿרײַנט און חבר — נחומען.

דאָס איז אַן אַרײַנפֿיר־וואָרט צו נחום ווײַסמאַנס לידער־בוך, געשריבן אין 1950.

אהרן מײַזעל

א.

קודם־כּל, אַ ביסל ביאָגראַפֿישס:

אהרן מײַזעל איז געבוירן געוואָרן אין 1890 (דעם דריטן טאָג חנוכּה), אין בערעזין, מינסקער גובערניע. ער איז געווען דער ייִנגסטער אין אַ משפּחה פֿון זעקס קינדער. דער פֿאָטער זײַנער איז געווען אַ זייגער־מאַכער. צו צוועלף יאָר האָט דער יונגער אהרן אָנגעהויבן זיך לערנען זייגערמאַכערײַ טאַקע בײַם אייגענעם פֿאָטער. ער איז פֿרי געוואָרן אַקטיוו אין דער אַרבעטער־באַוועגונג בײַ זיך אין שטעטל. אין 1910 איז ער צו־גענומען געוואָרן ווי אַ סאָלדאַט אין דער צאַרישער אַרמיי. נאָך עטלעכע חדשים דינען איז ער אַנטלאָפֿן און געקומען קיין אַמעריקע צו אַ רײַכן פֿעטער אין אַטלאַנטאַ, דזשאָרדזשיאַ, דאָס איז געווען אין יאָר 1911. אַ יאָר צײַט האָט ער געטאָן אין אַטלאַנטאַ פֿאַרשיידענע מלאכות, דער עיקר געווען באַשעפֿטיקט בײַ זייגער־מאַכערײַ, דערנאָך איז ער געקומען קיין ניו־יאָרק. ער האָט אָפּגעאַרבעט עטלעכע יאָר אין אַ זייגער־פֿאַבריק אין ניו־דזשוירזי און צוליב קראַנקייט געמוזט אויפֿגעבן די אַרבעט. אין 1914 האָט ער חתונה געהאַט מיט סאָניע האָראָוויץ. ער האָט זיך גענומען פֿאַר פֿאַרשיידענע אַרבעטן, ביז ער האָט אין 1919 גראַדואירט די אַרבעטער־רינג לערער־קורסן און געוואָרן אַ ייִדישער לערער. לערערײַ איז געבליבן זײַן פּראָפֿעסיע ביז זײַן טויט. [געשטאָרבן איז ער דעם 8טן יולי, 1936].

ב.

אהרן מײַזעל איז נישט געווען דער אייגציקער, ווײַל אַ סך ייִדישע אינטעליגענטן, דער עיקר שרײַבערס, זײַנען אין יענע יאָרן געוואָרן לע־רערס אין די נײַ־געגרינדעטע וועלטלעכע שולן. די סיבות זײַנען מסתּמא געווען צווייִקע: בלויז טיילווײַז עקאָנאָמישע. ס'רובֿ שרײַבערס (און פּראָפֿעסיאָנעלע אינטעליגנטן) האָבן זיך גענומען צו לערערײַ, מחמת זיי האָבן באַגריפֿן דעם באַטײַט פֿון דער נײַ־געבוירענער וועלטלעכער שול און האָבן אין איר דערשפּירט דעם וויכטיקסטן אָנשפּאַר און רעזערוו פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. אמת, בײַ אַ טייל ייִדישע שרײַבערס איז די

אַרײַנפֿיר־וואָרט צום בוך „דערציילונגען", איקוף־פֿאַרלאַג, 1953.

שול געװען נישט מער װי אַ פּרנסה־אַנקער ביז מען װעט פֿאַר זיך דערשלאָגן אַן אָרט אין דער ליטעראַטור, אָבער אַ סך זײַנען געבליבן בײַ לערערײַ און געטרײַ געדינט בײדע צװײַגן פֿון דער ייִדישער קולטור — דער דערציִאונג און דער ליטעראַטור. בײַ זײ איז נישט נאָר נישט געװען קײן סתּירה צװישן די צװײ, נאָר פֿאַרקערט — אײנס האָט דאָס אַנדערע דערגאַנצט. אָפֿט איז שװער געװען װיסן, װאָסער פֿון די צװײ קולטור־ספֿערעס איז בײ זײ די עיקרדיקע, און אפֿשר האָבן זײ אַלײן אױך נישט געװוּסט — בײדע געביטן זײַנען בײַ זײ געװען עבֿודה.

א. מײזעל האָט געהערט צו דער לעצטער קאַטעגאָריע. ס׳איז באמת שװער אָפּצוטײלן זײַן לערערײַ פֿון זײַן שרײַבערײַ. ער איז געװאָרן אײנער פֿון די װיכטיקסטע און פֿעיִקסטע ייִדיש־װעלטלעכע לערערס אין אַמעריקע. ער איז געװען פֿון די געצײלטע, אמת געבענטשטע, אינטויִטיװע לערערס. ער האָט פֿאַרמאָגט אין זײַן לערנען, װי אין זײַן שרײַבן, אַן אינטימקײט, װאָס האָט אים געבראַכט טאַטעדיק נאָענט צו די תּלמידים. אין קלאַסצימער איז ער געװען אַ חבֿר צװישן חבֿרים, אײנער פֿון די קינדער, נישט געװען קײן געפֿיל פֿון דיסטאַנץ צװישן לערערטישל און די שילערבענקלעך. זײַנע בעסטע פֿרײַנד זײַנען געװען און געבליבן די טויזנטער תּלמידים, װאָס ער האָט מיט אַזאַ זעלטענער ליבע און האַרציקער װאַרעמקײט דערצויגן. דעם גלויבן זײַנעם, דעם ברען זײַנעם טראָגן זײ מיט זיך.

ער האָט אָפּגעלערנט זעקס יאָר אין ניו־הײװען, צװײ יאָר אין האַרטפֿאָרד, אַכט יאָר אין דער אָרדן־שול נומער אײנס אין די בראָנקס, די גרעסטע ייִדיש־װעלטלעכע שול אין לאַנד. ער האָט געלערנט אין די אָרדן־מיטלשולן אין משך פֿון יאָרן. ער האָט נישט נאָר געלערנט אין קלאַס, נאָר ער האָט אױך געשריבן װעגן דערציִונג און געמאַכט אַ בײַטראָג צו דער ייִדישער שול־ליטעראַטור אין אַמעריקע. צוזאַמען מיט דעם פֿאַרשטאָרבענעם לערער און דיכטער בצלאל פֿרידמאַן, האָט ער אין 1933־1934, צונויפֿגעשטעלט און רעדאַקטירט כרעסטאָמאַטיעס פֿאַרן צװײטן און דריטן לערן־יאָר פֿון דער דעמאָלט יונגער אָרדן־שול. ער האָט אָנגעשריבן אַ צאָל ביאָגראַפֿיעס פֿאַר קינדער װעגן פּערזענלעכקײטן אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע.

זײַן הויפּט־אַרבעט אויפֿן געביט פֿון קינדער־ליטעראַטור איז געװען „די געשיכטע פֿון די ייִדן אין די פֿאַראײניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע“ (אַרויסגעגעבן פֿון די אומפּאַרטײאישע שולן אין יאָר 1929), — אַן אמת פּיאָנערישע אַרבעט אין יענער צײַט. ביז דעמאָלט איז קײן געשיכטע פֿון די ייִדן אין אַמעריקע, געשריבן פֿאַר קינדער, נישט דערשינען אין קײן שום שפּראַך. מײַזעל האָט די אַרבעט געשריבן אויפֿן אויפֿטראָג פֿון דער נײַ־געבוירענער פּראָגרעסיװער שול־באַװעגונג. ער האָט זײַן מיסיע דורכ־

געפֿירט מיט אַ סך פֿלײַס און פֿעיִקייט. אויב עס איז נישט געווען קיין גרינטלעך ווערק, באַזירט אויף אייגענער פֿאָרש־אַרבעט, איז עס אָבער פֿאַר יענער צײַט, ווען די ייִדישע געשיכטע־פֿאָרשונג איז נאָך געווען אין אירע ווינקעלעך, געווען אַ ווערטפֿולער אויפֿטו. דער סטיל איז געווען אַ לײַכטער, שיר נישט אַ בעלעטריסטישער. דאָס בוך האָט די אַמעריקאַ־נער ייִדישע קינדער צום ערשטן מאָל אַרײַנגעפֿירט אין דער רײַכער פֿאַר־גאַנגענהייט פֿון אונדזער לעבן, אין דעם גאַנצן גרויסן פּראָצעס פֿון אונ־דזער אײַנגלידערן זיך און ווערן אַ טייל פֿון אַמעריקע.

ג.

אין דער ליטעראַטור איז א. מײַזעל אַרײַנגעקומען כּמעט אין דער זעלבער צײַט, וואָס אין דער ייִדישער שול, און אויך דאָ איז זײַן צושטײַער געווען אַ דויערנדיקער און זײַנע טריט זײַנען נישט פֿאַרמעקט געוואָרן.

ער האָט דעביוטירט אין יאָר 1921, אין דער „נײַע וועלט־עמעס". און פֿון דעמאָלט אָן איז ער געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין די פּראָגרעסיווע צײַטונגען און זשורנאַלן אין לאַנד. אין 1927 איז דערשינען די ערשטע זאַמלונג פֿון זײַנע דערציילונגען, „דער ווײַסער בער", און אין 1939, (נאָך זײַן טויט) — זײַנע „געקליבענע דערציילונגען" (קאָאָפּע־ראַטיווער פֿאָלקס פֿאַרלאַג פֿון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן). אין 1934 האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט אַ דראַמע „אויף נײַער ערד", און אין 1935 — אַ דראַמע „הוווערוויל". אין כּתבֿ־יד זײַנען געבליבן צענדליקער דער־ציילונגען, פֿון וועלכע די איצטיקע זאַמלונג איז בלויז אַ טייל.

א. מײַזעל געהערט צום נײַעם דור ייִדישע אַרבעטער־שרײַבערס, וואָס זײַנען געקומען אין דער ייִדישער ליטעראַטור אַרום 1920, און געשפּילט אין איר אַזאַ וויכטיקע ראָלע די לעצטע 35 יאָר. ער האָט געהערט צו די ייִדישע שרײַבערס, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום „פּראָלעטפּען". ער האָט געדרוקט זײַנע דערציילונגען און לידער אין דער „פֿרײַהייט", אין זשורנאַל „האַמער" און אין אַ גרויסער צאָל ענלעכע שריפֿטן.

ד.

צווישן די יונגע אַרבעטער־שרײַבערס האָט מײַזעל פֿאַרנומען אָן אייגנ־אַרטיק אָרט. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ געזונטן רעאַליזם, אַ פֿעיִקייט, נישט נאָר צו דערציילן אַ מעשׂה, נאָר צו מאָלן מענטשן מיט עטלעכע געציילטע שטריכן. כאָטש ער האָט אַלע מאָל געשריבן דורכויס

ווי אַן אינעווייניקסטער, מיט אַ באַשטימטער ניט באַהאַלטענער עמאָציאָנעלער אײַנשטעלונג צו זײַנע העלדן — ליבע צו די אונטערדריקטע און האַס צו זייערע אונטערדריקערס, האָט דאָס אים נישט געשטערט צו בלײַבן עכט און אָביעקטיוו אין זײַן שילדערונג פֿון מענטשן און סיטואַציעס. דער עיקר גייט אים אָן דער דערשלאָגענער, אונטערדריקטער מענטש, פֿאַר אים וויל מײַזעל זײַן אַ מליץ־יושר, אים וויל ער אַרויסהייבן און די עוולה וואָס ווערט קעגן אים באַגאַנגען, וויל ער פֿאַרמישפּטן. ער שילדערט דעם האַרבן, כּמעט אומגליקלעכן, צונויפֿשטויס פֿון דעם „גרינעם" מיט דער אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט. און כאָטש דער פּראָצעס פֿון אײַנבירגערן זיך, פֿון באַהערשן די סבֿיבֿה איז אָפֿט אַ ווייטיקדיקער, קומט דער מענטש בײַ מײַזלען אַלע מאָל אַרויס דער וואָס באַזיגט דעם קאָשמאַר פֿון די נײַע תּנאָים און ווערט דער באַלעבאָס איבער זיי. דאָס האָט געגעבן זײַנע דערציילונגען אַ באַשטימטע „אַמעריקאַנישקייט", אַ באַשטימטע דאָאיקייט, ווײַל דער ניצחון איבער די תּנאָים פֿון אַמעריקאַנער לעבן, מיט וועלכע דער נײַ־געקומענער האָט זיך געראַנגלט, האָט אים געגעבן דאָס רעכט און דאָס געפֿיל פֿון אַ מענטש וואָס האָט געשלאָגן וואָרצלען, וואָס איז דורך געראַנגל געוואָרן אַ טייל פֿון לעבן. אָט דאָס געפֿיל האָט געהאָלפֿן אי אָפּשוואַכן די נאָסטאַלגיע נאָך דער אַלטער היים, אי דעם פֿאַטאַליזם פֿון מוזן שלום מאַכן מיט דער אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט — שטריכן, וואָס זײַנען אָפֿט געווען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער ייִדישער ליטעראַטור פֿון 1900—1920. פֿון דעם האָט אויך אַרויסגעשטראַלט אַ באַשטימטער אָפּטימיזם און אַ גלויבן, וואָס כאַראַקטעריזירן זײַן גאַנץ שאַפֿן.

דאָס מיינט ניט, אַז א. מײַזעל האָט נישט געשריבן וועגן דער אַלטער היים, אָבער דאָס איז געווען אַ מין אונטערצי:ען אַ סך־הכּל, אַרײַנפּאַסן אין אַ רעם די פֿרירדיקע יאָרן, כּדי צו קאָנען אָנגיין ווײַטער. מײַזעלס דערציילונגען „נאַקעטע פּיאַטעס" (פֿינף פֿון זיי זײַנען אַרײַן אין דעם באַנד „געקליבענע דערציילונגען", פֿון 1939, און אַכט פֿון זיי — די ערשטע אַכט — גייען אַרײַן אין איצטיקן בוך) שילדערן דאָס לעבן פֿון די קינדער אין דער אַלטער היים. זיי זײַנען געשריבן מיט אַ דינער צאַרטקייט און עס אָטעמט פֿון זיי מיטן טעם פֿון די קינדער־יאָרן אויף די באָרוועסע פּיסלעך, מיט „לוסטעס ברויט מיט געפֿרוירענע עפּל". זיי אָטעמען מיט קינדערשער פֿאַרלוירנקייט, מיט „פֿינטלדיקע אויגן" פֿון קינד, וואָס איז געכאַפּט אין אַ פּאַסטקע פֿון אומשטענדן, וואָס ער שאַפֿט זיי נישט, אין אַן אומגוטער וועלט, וואָס ער פֿאַרשטייט זי נישט. א. מײַזעל איז אפֿשר צום צאַרטסטן דאָ בײַם שילדערן קינדער. אָבער איבער די דערציילונגען, ווי איבער אַלע אַנדערע, איז אויסגעשפּרייט אַ דינער הומאָר, וואָס לאָזט אים נישט ווערן צו סענטימענטאַל און לאָזט אים נישט פֿאַרלירן פֿון אויג דעם ציל פֿון זײַן שאַפֿן — העלפֿן דעם לייענער דערשפּירן די קאָמפּליצירטע סבֿיבֿה און זי גובֿר זײַן.

ער פֿאַרמאָגט מערסטע שריכן, וואָס זײַנען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַ ליטעראַטור, וואָס שטייט נאָענט צום לעבן פֿון פֿאָלק: אַ ליבע צום מענטשן, אַן אַקטיוון הומאַניזם, אַ האָפֿערדיקייט, דאָס אויפֿדעקן די אומ־מאָראַלישקייט פֿון אונטערדריקונג און דעם פּראָטעסט קעגן דער עוולה. וואָלט ער נישט אַזוי יונג געשטאָרבן (קוים פֿופֿצן יאָר פֿון אַקטיוו ליי־טעראַריש שאַפֿן), וואָלט ער די שטריכן מסתמא פֿאַרפֿולקומט און גע־פֿונען פֿאַר זיי אַ נאָך רייפֿערן קינסטלערישן אויסדרוק.

אַפּריל, 1953

ח

יצחק באַשעוויס זינגער און די ייִדישע ליטעראַטור

די כּוונה פֿון אונדזער עסיי, כאָטש מיר רירן אָן כּלאחר־ידיק אַ צאָל אַנדערע עלעמענטן, איז, גענוי ווי אָנגעטײַט אין טיטל: — די שײַכות פֿון יצחק באַשעוויס־זינגער מיט דער ייִדישער ליטעראַטור. דאָס מאָל, אין פּרצעס ווערטער, איז „די שילד (בפּירוש) די קלייט".

עס איז קיין ספֿק ניט, אַז באַשעוויס־זינגער איז אַ גרויסער בעל־לשון, אַ גוטער מעשׂה־דערציילער מיט אַ סך פֿאַנטאַזיע. מיר זאָגן דאָס ניט בלויז לשם צאָלן מס, נאָר מחמת עס וואָלט געמיינט אָפּשוואַכן די מסקנות צו וועלכע מיר ווילן דערפֿירן, אויב מיר זאָלן ניט אָנערקענען באַשעוויס־זינגערס גרויסן דערציילערישן טאַלאַנט. און טאַקע, מהאַי טעמא, ווײַל מיר שאַצן אָפּ זײַנע ליטעראַרישע יכולתן, קריגן אונדזערע אויספֿירן נאָך מער האַפֿט. ניט בלויז ווײַל „נאָבלעס אָבליזש", פּראָמינענץ, אָנגעזעענקייט איז מחייבֿ, נאָר מחמת דער עטישער תּמצית פֿון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור איז נאַציאָנאַלע אַחריות, קולטור־אַחריות, דאָס געפֿיל פֿון קרובֿהשאַפֿט מיט די פֿריִערדיקע און שפּעטערדיקע דורות אין דער קייט פֿון די וואָס האָבן געשאַפֿן און שאַפֿן אין ייִדיש, ד. ה., אַחריות פֿאַרן כּוללדיקן געוועב פֿון דער פֿאָלקישער יצירה, פֿון וועלכער יעדער ייִדישער שרײַבער איז אַ פֿאָדעם.

בלויז דאָס לעצטע ווילן מיר פּרוּוון אַנאַליזירן: איז יצחק באַשעוויס־זינגער אַ פֿאָדעם פֿון פֿאָלקישן געוועב, צי בלויז אַ צויט (אַ טראָלד?) — ווי פֿאַרביק, אייגנמיניק און אָריגינעל דער צויט זאָל ניט זײַן.

א.

פֿאַראַן אַ מידת־הרחמים, אַ מידת־חסד אין דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס איז געוואָרן איינער פֿון די קאָמפּאָנענטן פֿון איר מהות. די מידה גילט אַפֿילו, ווען דער שרײַבער איז קריטיש, שאַרף און פֿול מיט הוזק, אַפֿילו זעלבחוזק. דער חסד הערט ניט אויף אַפֿילו בײַ מענדעלען לגבי בנימין דעם דריטן, בײַ שלום עליכמען לגבי מנחם־מענדל, ביי נאָמבערגן לגבי זײַן פֿליגעלמאַן, בײַ משה לייב האַלפּערן און בײַ נאַדירן לגבי דעם פֿיליסטער, בײַ שלום אַשן לגבי מאָטקע.

שטאַמען שטאַמט עס פֿון דעם, וואָס די שרײַבער שרײַבן אַלע פֿון איַנעווייניק און זעען, דעריבער, דעם גאַנצן מענטשן — אי ווי אַ גורם און אי ווי אַ באַווירקטער. בלויז בײַ אַ טייל משׂכּילים. צו מאָל אפֿשר נאָך בײַ

י. י. לינעצקי, באַקומט זיך — און איזן איז דאָס אַ סימפּטאָם פֿון קינסט־לערישער הילפֿלאָזיקייט און ניט־השלמה (און פֿון פּעריאָד) — אַן עקס־טרעם בילד פֿון גאַלע שוואַרץ אָדער גאַלע ווײַס — ס׳רוב, גאַלע שוואַרץ.
וואָס האָט געראַטעוועט די ייִדישע ליטעראַטור און ניט דערלאָזט (מיט קליינע אויסנעמען), אַז איר חסד זאָל זיך אַרײַנגליטשן אין סענטימענ־טאַליזם, איז געווען דער קריטיציזם אירער און דער פֿאַקט, וואָס זי האָט געזען דעם מענטש אין זײַן טאָטאַליטעט. צום קלאָרסטן האָט עס פֿאַר־שטאַנען מאיר ווינער אין זײַן אָפּשאַץ פֿון מענדעלעס באַצי צו זײַן שלי־מזלדיקן העלד בנימין השלישי: „מענדעלע" — זאָגט ווינער — „שפּאָט פֿון די בנימינס און וויינט איבער זיי".

דער סך־הכּל: די ליטעראַטור שפּיגלט אָפּ דאָס גאַנצע פֿאָלק, אין זײַן יגון און אין זײַן שׂימחה, אין זײַן געפֿאַלנקייט און זײַן דערהויבנקייט, בעסער — אין זײַן ירידה און אין זײַן רײַסן זיך צו עליה. זי זעט דעם מענטשן אין זײַן פֿול ליכט און אין זײַן פֿולן שאָטן — דאָס וואָס, אייגנט־לעך, אַ ליטעראַטור דאַרף זען.

ווען מענדעלע האָט, נאָך אין לעצטן יאָרהונדערט, געשריבן ש. דוב־נאָוון, אַז עס וועט ניט זײַן מיגלעך צו פֿאַרשטיין דאָס ייִדישע לעבן אין נײַנצנטן יאָרהונדערט אָן זײַנע, מענדעלעס, ווערק, האָט ער אייגנטלעך גענומען די מאָס פֿון דער גאַנצער ייִדישער ליטעראַטור אויף דורות, אַרײַנגערעכנט די שרײַבערס וואָס האָבן זיך באַוויזן שוין נאָך 1917, דאָס יאָר ווען מענדעלע האָט זיך אָפּגעשיידט פֿון אונדז.

פֿאַראַן אַ השלמה אין דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור. אויב מע וויל זען דאָס ייִדישע לעבן אין 19טן יאָרהונדערט אין אייראָפּע, דאָס ייִדישע לעבן סוף 19טן יאָרהונדערט אין אַמעריקע, ביידע קאָנטינענטן אין 20סטן יאָרהונדערט (און דאָס איז אויך חל אויף די ישובֿים אין ישׂ־ראל, קאַנאַדע, אַרגענטינע, דרום־אַפֿריקע און כּמעט אַלע אַנדערע); אויב מע וויל זען דאָס פֿאָלק אין זײַן זײַן און אין זײַן ווערן — די עמיגראַציע און אימיגראַציע, דאָס אָפּרײַסן זיך פֿון וואָרצלען און דאָס שלאָגן וואָרצ־לען, דאָס צופּאַסן זיך צו נײַע תּנאים; אויב מע וויל זען דעם ייִדישן מענטש אין אַלע זײַנע סטראַטיפֿיקאַציעס — דעם גבֿיר, דעם אָרעמאַן, דעם בורזשוי און דעם פּראָלעטאַריער, די אינטעליגענץ, דעם ישיבֿה־בחור, דעם אַפּיקורס און דעם פֿרומען, דעם אונטערוועלט־מענטש, די פֿרוי, דאָס קינד; אויב מע וויל נאָכשפּירן די אינערלעכע געראַנגלען און דעם געראַנגל קעגן אַסימילאַציע און פֿאַרלוירנקייט — מוז מען אָנקומען צו דער ייִדישער ליטעראַטור. ס׳איז כּמעט שווער אַרויסצולאָזן אין ייִדישן שרײַבער, אַ קלענערן אָדער אַ גרעסערן, עס זאָל ניט בלײַבן קיין היס־טאָרישער אָדער געזעלשאַפֿטלעכער חלל, אַ ווינקל לעבן זאָל ניט אויספֿעלן אַפֿילו, אויב מען וויל נאָכשפּירן די אויסווירקונגען פֿון פֿאַרשיידענע פֿאַ־

זעס און גײַסטיקע שטרעמונגען פֿון דער ייִדישער געשיכטע אויפֿן הײַנטיקן ייִדישן לעבן, זײַנען די געשיכטע־שרײַבערס אַליין ניט גענוג. מע קאָן זיי אָן פּרצן, אָן שלום אַשן, אָן אָפּאַטאָשון, אָן דוד פּינסקין, אָן לייוויקן — אָן אַזוי פֿיל אַנדערע — ניט באַנעמען. דאָס איז כּולל: חסי־דות, די קבלה, די השׂכּלה, די משיח־בענקעניש, דעם סאָציאַליזם, די פֿאַלשע משיחים, די גזירות ת״ח ות״ט, דאָס ווידערגעבוירן ווערן פֿון ישׂ־ראל, דעם היטלער־חורבן, די אידעאָלאָגישע ווידעראַנאַנדן און קאָנפֿראָנ־טאַציעס אין מאָדערנעם ייִדישן לעבן.

קאָן זיך אימיצער פֿאָרשטעלן די ייִדישע ליטעראַטור אָן דוד בער־געלסאָנען, אָן אַבֿרהם רייזענען, אָן יונה ראָזענפֿעלדן, אָן משה בראָדער־זאָנען, אָן הערש דוד נאָמבערגן, אָן ש. אַנסקין, אָן משה־לייב האַלפּער־נען, אָן מאָריס ראָזענפֿעלדן, אָן פּרץ הירשביינען, אָן י. י. זינגערן, — אָן צענדליגער אַנדערע, מחמת די דערמאָנטע נעמען זײַנען בלויז צופֿע־ליק און דורך ספּאָנטאַנער אַסאָציאַציע פֿאַרצייכנט געוואָרן.

מיר שאַצן ניט אונטער יצחק באַשעוויס זינגערס טאַלאַנט, מיר ווילן אָבער אויסדריקן אַ ווײַטגייענדיקע מסקנא (און דאָס ריין היפּאָטעטיש, נאָר לשם משל, און ניט, חלילה, קיין וואונטשגעדאַנק!): בלויז אַ קליי־נער חלל וואָלט געבליבן, ווען באַשעוויס זינגערס ווערק זאָלן, חס ושלום, פֿאַרשווינדן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. זיי וואָלטן גיכער געפֿעלט דעם אינטערנאַציאָנאַלן ביכערמאַרק, דעם בעסטסעלער־צעטל, ווי דער טאָטאַ־ליטעט פֿון אונדזער נאַציאָנאַלער יצירה אויף ייִדיש. דאָס בילד פֿון אונ־דזער פֿאָלקלעבן, וואָס די ליטעראַטור מאָלט און טײַטשט, וואָלט ניט קנאַ־פּער געוואָרן. מיר זאָגן דאָס אָן דעם קלענסטן חשש פֿון צינישקייט אָדער בייזווילן. מיר גיבן גלײַך צו, אַז מיר וואָלטן אָרעמער געוואָרן, מחמת עס וואָלט אונדז אויסגעפֿעלט אַ זעלטענער בעל־לשון און אַן אויסנעמיקער דערציילער, כאָטש דער סיפּור־המעשׂה, די פֿאַבולע, איז צו־צו אָפֿט די זעלבע — וואַריאַציעס אויף איין טעמע.

מחמת וואָס זאָגן מיר דאָס? מחמת מיר מיינען, אַז, אין לעצטן סך־הכּל, האָט באַשעוויס־זינגער ניט צוגעטראָגן קיין עלעמענטן, וואָס זײַנען תּמציתדיק, אײנדיגעניש אין דער ייִדישער ליטעראַטור. עלי שעכטמאַן האָט די ליטעראַטור גאַנצער געמאַכט, חיים גראַדע האָט זי פֿאַרטיפֿט, אַבֿרהם סוצקעווער — זי דערפֿירט צו דער עיקרדיקער דילעמע פֿון מאָ־דערנעם מענטשן, גלאַטשטיין האָט איר חכמה און דויער געגעבן, מאַרקיש האָט אַ ברייטן קאָסמישן אָטעם אין איר אַרײַנגעבלאָזן. ענלעכס גילט פֿאַר דעם סאַמע גרעסטן און סאַמע קלענסטן אין אונדזער ליטעראַטור — יע־דער אויף זיין (אָדער איר) אופֿן און יעדער לויט זײַן (אָדער איר) שע־פֿערישער פּאָטענץ און קינסטלערישע פֿליגל.

אין תּוך וואָלט אַזאַ געדאַנק קיינעם אַפֿילו ניט אײַנגעפֿאַלן, ניט

געטאָרט איינפּאַלן, ווען יצחק באַשעוויס־זינגער אַליין זאָל ניט באַטאָנען, ביי יעדער געלעגנהייט (און ניט־געלעגנהייט!), אַז ער געהערט ניט — באמת אָדער „בטבֿע" — צו דער טראַדיציע פֿון דער ייִדיש־ייִדישער ליטעראַטור.

אַ מאָדנע אַנאָמאַליע: בעת יעדער, גרעסערער אָדער קלענערער, ייִדישער שרייבער וויל זיך ניט אויספּעדעמען פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור (לאָזט זיך ניט אויספּעדעמען!), שרייבט זיך אַריין כמעט מיט יעדער שורה אין געוועב פֿון דער פֿאָלקישער יצירה — פּראָקלאַמירט יצחק באַשעוויס־זינגער זיין מחוץ־למחנהדיקייט, זיין יוצא־דופנדיקייט, זיין ניט־המשכדיקייט, זיין ניט אַרויסקומען פֿון די לענדן פֿון די גרונטלייגערס פֿון דער ליטעראַטור, פֿון זיינע פֿירגייערס אָדער מיטגייערס.

אַן עפּיגאָן, וואָס וויל ווערן אַ מעשה־בראשית פֿון אַ ליטעראַטור, וואָס ער אָנערקענט זי אַפֿילו ניט.

נאָך אַ מאָל: אונדזער כוונה איז בשום אופֿן ניט צו פֿאַרמינערן באַשעוויסן אָדער ניט דערשאַצן זיין טאַלאַנט. מיר מיינען אָבער יאָ צו זאָגן, אַז אין אַלגעמיינעם אַרומנעם פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור געהערט יצחק באַשעוויס־זינגער ניט צו די עמודים אויף וועלכע עס האַלט זיך דער בנין — אָט די עמודים, וואָס וואָלט זיך איינער פֿון זיי געפֿעלט, וואָלט דער בנין אָנגעוואוירן זיין זיכערקייט, זיין גלייכוויריקייט און גאַנצקייט: קאָן מען אַרויסנעמען איינעם פֿון די ראשונים? קאָן געמאָלט זיין דער צווייטער דור אָן שלום אַשן? די אַמעריקאַנער — אָן לייוויק, מאַני לייבן, אָפּאַטאָשון? די סאָוועטישע — אָן האָפּשטיינען, אָן מאַרקישן? דער איצטיקער דור — אָן אַבֿרהם סוצקעווערן, אָן חיים גראַדען, אָן עלי שעכטמאַנען?

עס גייט אַפֿילו ניט אין טאַלאַנט — עס גייט מער, דער עיקר, אין דער אייגנאַרטיקייט פֿון יעדן פֿאָדעם אין דעם טלית פֿון אונדזער נאַציאָנאַלן געוועב.

פֿאַראַן דער איינדרוק ביי טייל לייענערס, אַז צוויי תּמציתדיקע איינגרעדיענטן וואָלטן זיך געפֿעלט אין דער ייִדישער ליטעראַטור אָן באַשעוויס־זינגער: סעקס און מאָדערניזם. מסכּים, אַז ביידע זיינען תּוכיקע קאָמפּאָנענטן, און אַז די ליטעראַטור וואָלט טאַקע בלאַסער געוואָרן אָן זיי. אָבער: יצחק באַשעוויס־זינגער האָט די ביידע עלעמענטן ניט אַנטפּלעקט פֿאַר אונדז און ניט אַריינגעפֿירט אין דער ייִדישער ליטעראַטור. בפֿירוש, קאַטעגאָריש און היסטאָריש, ניט געווען ניט זייער „אַנטדעקער" און ניט זייער „אַנטפּלעקער". אמת, פֿאַראַן אַ באַשטימטע צניעות אין דער ייִדישער ליטעראַטור, אָבער, אַקוראַט ווי עס איז געווען סעקס פֿאַר פּרוידן, אַזוי איז אויך געווען סעקס אין דער ייִדישער ליטעראַטור פֿאַר באַשעוויס־זינגערן. עס

העלפֿט ניט וואָס באַשעוויס, כּדי צו גרונטפֿעסטיקן זײַן בראשיתדיקייט, מאַכט פֿון שלום אַש אַ מין פּרימיטיוון קליינשטעטלדיקן בטלן, וואָס האָט איין מאָל געזען די זינדיקע גרויסע שטאָט און ער דערציילט אירע וווּנדיירים און סדום־ועמורה־שטיק צו זײַנע היימישע שטעטלדיקע קלויז־ניקעס. דער פּשוטער פֿאַקט איז, אַז שלום אַש האָט זיך קיין מאָל ניט געשראָקן צו מאָלן עראָטישע מאָמענטן. דאָס זעלבע גילט פֿאַר יוסף אָפּאַ־טאָשו, יונה ראָזענפֿעלד, אַלטער קאַציזנע, פֿישל בימקאָ, זלמן שניאור און אַזוי פֿיל אַנדערע, אויך אַ צאָל פּרויען־דיכטערינס, וואָס האָבן דיך, סענסיטיוו — און סענסועל — געמאָלן די ליבע צווישן מאַן און פֿרוי.

אונדז אַרט ניט דער סעקסואַליזם בײַ באַשעוויס־זינגערן. מיר האַלטן אַפֿילו ניט, אַז באַשעוויס איז פּאָרנאָגראַפֿיש. וואָס מיר געפֿינען אין אים איז ניט פּאָרנאָגראַפֿיע, גיכער — אָבסעסיע.

אונדז אַרט גיכער: ראשית, אַ באַשטימטער סעקסיזם אין זיין באַ־ציונג צו דער פֿרוי. פֿאַרשפּעטיקטע, פֿאַרעלטערטע השפּעות פֿון ניטשע און פֿון פּשיבישעווסקי, פֿון וועדעקינד זײַנען ניכּר בײַ אים — די פֿרוי איז בײַ אים נאָך אַלץ דער קוואַל פֿון שלעכטס און פֿון בייז, די „פֿאַרפֿירע־רין", דער קדמונישער חטא. סעקס איז נאָך אַלץ פֿאַרבונדן מיט זינד בײַ באַשעוויסן. סעקס איז די גרויסע אַבעראַציע. מיר שפּירן דעם אונטערוואַקס־לינגס געמיש פֿון געררייצטער קוריאָזיטעט און מורא. ניט די מיסטעריע פֿון סעקס, גיכער די שרעקנדיקע נײַקייט פֿון אייגעם וואָס האָט נאָר וואָס „אַנטדעקט" סעקס, אָדער פֿאַרקערט, די צווייטע זײַט פֿון דער זעלבער מאַ־נעטע, די קרענקלעכע מורא פֿאַר דער „שליטה" פֿון סעקס איבערן מענטשן, אַזוי, אַז באַשעוויס דאַרף אים, דעם סעקס, אַזש דעמאָניזירן. עפּעס טײַוו־לאָנישס און שלעכטס איז פֿאַראַן אין כּמעט יעדער סעקס־באַשרײַבונג זײַ־נער, מחמת יעדער סעקס־אַקט איז אַ גערענגל מיטן שׂטן. ווען באַשעווי־סעס אַ העלד דאַרף איבערצײַגן זײַן פֿרומע בײַשלעפֿערין מיט אַ פּסוק, אַז „אין בעט איז אַלץ מותּר", איז אין דעם אַליין פֿאַראַן דער עלעמענט פֿון סאַטאַניזם, פֿון געראַנגל קעגן דעם פּחד פֿון עובר זײַן אויף אַ לאָו, פֿון באַפֿרײַען זיך פֿון אַן איסור, פֿון באַגיין אַן עבֿרה, פֿון דאַרפֿן קריגן רשות בײַם שׂטן.

סעקס איז ס'רובֿ פֿאַרבונדן מיט גוואַלד בײַ זינגערן, שיִר ניט אַ נקמה־אַקט איבער דער פֿרוי. אַ סימן: באַשעוויס דאַרף אַזש אימפּאָרטירן שדים, וואָס זאָלן מזנה זײַן מיט די בנות־אדם. (אינטערעסאַנט: דאַכט זיך, אַז כּמעט קיין איין שדיכע וואָס זאָל פֿאַרפֿירן אַ מאַן, געפֿינט מען ניט בײַ אים. משמע: די פֿרוי איז פֿאַרפֿירערין גענוג, זי דאַרף ניט אָנקומען צו דער סטרא אחרא נאָך הילף).

אָט זײַנען צוויי דוגמאות,ביידע גענומען פֿון י. באַשעוויסעס בוך אין

ענגליש „אָלד לאָוו“ („אַלטע ליבע“, דערשינען אין 1966) : דאָס בוך עפֿנט זיך מיט אַ דערציילונג „אַ נאַכט אין בראַזיל“, אין וועלכער די פֿרוי וויל פֿאַרפֿירן דעם דערציילער, און ביידע ווערן שרעקלעך צעביסן איבערן גאַנצן לײַב פֿון קאָמאַרן, צעבלוטיקטע לויפֿן זיי אין הויז אַרײַן — דער „געמפּילטער“ סעקס־אַקט האָט געזאָלט פֿאָרקומען אין גאָרטן — און די פֿרוי, די פֿאַרפֿירערין, זאָגט צום דערציילער : „גאָט איז גוט צו אונדז. ער האָט אָנגעשיקט די שטראָף פֿאַר דער זינד“. (ווידער : סעקס ווי אַ זינד, וואָס דאַרף באַשטראָפֿט ווערן !).

און אין דער לעצטער דערציילונג פֿון דעם זעלבן בוך „די באָס“ („דער אָמניבוס“) האָבן מיר ווידער די פֿרוי, די פֿאַרגוואַלדיקערין, וואָס יאָגט זיך נאָך דעם מאַן, דאָס מאָל אין שפּאַניע. זי איז זיך מודה פֿאַרן מאַן, אַז זי האָט ליב צו פֿאַנטאַזירן ווי אַ מאַן ווערט „נאָך אַ נאַכט פֿון פֿאַרגעניגן איר אַרײַנשטעכן אַ מעסער אין ברוסט“ און „אויב די פֿרוי וויל... קאָן דאָס“ [דאָס אַרײַנגעשטאָכענע מעסער] „זײַן אַן אַקט פֿון ליבע“.

קלאַסיש „מאָדערן“ : סעקס און אַ מעסער, סעקס און אַן אַטאַקע פֿון בײַסנדיקע קאָמאַרן וואָס צעבלוטיקן דאָס לײַב ווי אַ שטראָף — אַפֿילו קודם דעם אַקט.

באַשעוויס, מײַן איך, איז, אין תּוך, אַלטמאָדיש : אויב די ייִדישע ליטעראַטור האָט זיך פֿריִער געמאַכט ניט ווויסנדיק וועגן סעקס, גלײַך ווי אַזאַ זאַך וואָלט אויף דער וועלט ניט געווען, האָט באַשעוויס בלויז איבערגעקערט דעם פֿעלץ און דערקלערט, אַז קיין אַנדער זאַך איז אויף דער וועלט ניטאָ. עס נעמט זיך בײַ אים פֿון דעם, וואָס ער זעט בפֿירוש ניט דעם גאַנצן מענטשן. ער לאָזט דעם אײַנדרוק, אַז ער לײַדט פֿון דער ניט־שיינער מידה פֿון וואָיערזם, פֿון אַרײַנקוקן אין דעם שלאָפֿצימער פֿון לעבן דורך אַ שליסללאָך, און דורך אַ שליסללאָך, זעט מען „בטבֿע“ ניט דעם גאַנצן מענטשן, נאָר בלויז זײַנע מיטעלע טיילן — זײַנע געניטאַלן.

ערגעץ דערציילט באַשעוויס־זינגער, אַז זײַנע יונגע יאָרן זײַנען געשטאַלטיקט געוואָרן פֿון צוויי עלעמענטן : דער איסור פֿון דעם טאַטנס בית־דין שטוב, וווּ אַלץ איז געווען „מע טאָר ניט“, און די נאַקעטע מאָדעל־מיידלעך, וואָס ער האָט געזען אין דער אַטעליע פֿון אַ מאָלער, וווּהין זײַן ברודער, י. י. זינגער, האָט אים אַרײַנגעפֿירט.

אין אַט־דער צווישנוועלט פֿון דער ייִנגלשער מורא פֿאַרן איסור פֿון טאַטנס בית־דין שטיבל און דעם רייץ פֿון דעם נאַקעטן פֿרויען־קערפּער באַוועגט זיך זײַן גאַנץ שרײַבן. איז אמת, אַז אַזאַ געראַנגל פֿון די ייִנגל־יאָרן צווישן אַלץ איז געאסרט און דער אַדאָלעסצענטער מורא, אַז סעקס — אַפֿילו סעקס־מחשבֿות — איז אַ שפּיל פֿון דער סטרא אחרא, קאָן טאַקע נאָכגיין אַ גאַנץ לעבן. ער קאָן אָבער ניט ווערן קיין באַזע פֿאַר אַ פֿאַרטיפֿטער פֿאַרשטענדעניש פֿון מאַן־און־פֿרוי באַציִונגען.

צאָלט ער נאָך אַלץ צינדז צום בית־דינס איסור? סעקס בלײַבט דער־ריבער די אייביקע זינד, און דער אייביקער קוואַל פֿון שולד־געפֿיל, פֿון חטא ועונש, פֿאַרברעכן און שטראָף?

קאָן זײַן. דער רעזולטאַט איז אָבער — גיכער ייִנגלשע סעקס־פֿאַנ־טאַזיע ווי סעקס, שיר ניט — אַנטי־סעקס. דער רעזולטאַט איז אויך אַן איינטאָניקייט: די זעלבע מעשׂה דערציילט און איבערדערציילט און איבער־איבערדערציילט.

ג.

קומען מיר צו דער פֿראַגע פֿון מאָדערניזם. דאָס דאַרף, אין דעם קאָנטעקסט מיינען, אַז יצחק באַשעוויס־זינגער האָט דער ערשטער אַרײַנ־געלאָזן אין דער ייִדישער ליטעראַטור דעם רוח־חיים פֿון מאָדערניזם, און אַזוי אַרום צעבויטעט אירע אַלטמאָדישע שטייענדיקע וואַסערן און זי אַרײַנגעפֿירט אין דער שטראָמליניקער איצטיקייט.

אָט דער מיטאָס פֿון מאָדערניזם (וואָס אָט דער חשודער כּל־בוניק זאָל ניט באַטײַטן) זאָל י. באַשעוויס־זינגער אַליין האָבן געהאָלפֿן שאַפֿן דורך זײַן טענדענץ (קאָמפּולסיע?) צו נעגירן די גאַנצע ייִדישע ליטעראַטור, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן ביז אים — זי איז צו פּראָווינציעל, צו פּרי־מיטיוו, צו (רחמנא לצלן) ניט־מאָדערן.

שוין אירוווינג האַו שרײַבט אין זײַן עסיי „אײַ. בי. סינגער" (מיר ציטירן פֿון דעם בוך „קריטיקל וויוס אָוו אייזיק באַשעוויס סינגער", רעדאַגירט פֿון אירווינג מעלין, ניו־יאָרק יוניווערסיטי פּרעס, 1969, ז' 110):

„עס איז ניט קיין סוד פֿאַר קיינעם, אַז אין דער ייִדישער ליטעראַטור־וועלט באַציט מען זיך צו זינגערן מיט אַ באַשטימטן חשד. זײַן כּוח צו באַווירקן דעם לייענער, זײַן פֿעיִקייט ווי אַ סטיליסט ווערן אָנערקענט. דאָך פֿילן זיך אַ סך ייִדישע ליטעראַרישע פּערזענלעכקייטן, אַרײַנגערעכנט די ערנצטע שרײַבערס, אַ ביסל אומרויִק און אומבאַקוועם מיט אים. איין סיבה איז טאַקע אָט דער „מאָדערניזם", וואָס מיינט, לויט ווי די מענטשן קאָנען זינגערן, שטעלן דעם טראָפּ אויף סעקסואַליטעט, זיך אָפּגעבן מיט דעם אומראַציאָנעלן, עקספּרעסיאָניסטישע פֿאַרקרימונג פֿון כאַראַקטער, און אַ באַשטימטער גלײַכגילט צו דער הומאַניסטישער מאָראַל פֿון ייִדי־שיזם — אָט די אַלע קאַטעגאָריעס האָבן זיך קיין מאָל ניט אָנגענומען אַזוי שטאַרק אין דער ייִדישער קולטור ווי אין די קולטורן פֿון ס׳רובֿ מערבֿ־לענדער..."

דאָס אויבן געזאָגטע איז, אין תּוך, ריכטיק, אָבער ס׳פֿעלט נאָך אַלץ אַן עיקר: די נעגאַטיווע באַציִונג פֿון אַ סך שרײַבערס — און אַ שלל

לייענערס — צו באַשעוויס־זינגערן וואַקסט ניט אַרויס דווקא אויס מורא פֿאַר זײַן „שטעלן דעם טראָפּ אויף סעקסואַליטעט" און אַרײַנשלעפּן דאָס „אומראַציאָנעלע" (כאָטש דאָס זײַנען, צום טייל, מסתּמא, צוגאָב־פֿאַקטאָרן), ווי באַשעוויסעס קאָמפּולסיווע טענדענץ ניט צו דערשאַצן די ייִדישע ליטעראַטור און זי מזלזל צו זײַן.

נאָך מיט מער ווי 20 יאָר צוריק, אין 1959, האָט א. טאַבאַטשניק אָנגעוויזן אויף אַ מין אַבסורדאַלער קאָמפּולסיע בײַ יצחק באַשעוויס־זינגער צו דערנידעריקן די ייִדישע ליטעראַטור. אין אַ רעצענזיע וואָס י. באַשעוויס (אונטער זײַן פּסעוודאָנים י. וואַרשאַווסקי) האָט געשריבן וועגן אהרן צײַטלינען, שרײַבט ער (מיר ציטירן פֿון טאַבאַטשניקן): „עס האָט געטראָפֿן אַז אין מיטן גײַסטיקן דלות, דער אוממעבטיקייט פֿון וואָרט און געדאַנק איז אויסגעוואַקסן אַ כּוח אין גאַנצן ניט אין פּראָפּאָרציע צו דער סבֿיבֿה — דאָס איז אהרן צייטלין אין אונדזער באַרג־אַראָפּ. ער שטייט אַליין און האָט ניט קיין שײַכות צו דער ייִדישער פּאָעזיע ווי אַן אינסטיטוציע".

און טאַבאַטשניק פּרוּווט פֿאַרענטפֿערן באַשעוויסן: „אין באַשעוויסן איז בײַם שרײַבן די רעצענזיע אַרײַן איינער פֿון זײַנע לאַפּיטוטן, אָדער שדים, רחמנא לצלן". ער פֿרעגט נאָך דעם: „וואָס מיינט באַשעוויס, ווען ער זאָגט, אַז צייטלין איז אויסגעוואַקסן ווי אַ כּוח אין גאַנצן ניט אין פּראָפּאָרציע צו אונדזער סבֿיבֿה? באַשעוויס מיינט די סבֿיבֿה פֿון דער גאַנץ באַדײַטנדיקער צאָל ערשטקלאַסיקע ייִדישע פּאָעטן וואָס זײַנען נאָך, ברוך השם, דאָ מיט אונדז? און וואָס איז מכּוח די פּאָעטן וואָס זײַנען דאָ ערשט נעכטן נאָך געווען מיט אונדז... זייער אָטעם איז נאָך ניט פֿאַרקילט געוואָרן... און וואָס מיינט באַשעוויס, ווען ער רופֿט די ייִדישע פּאָעזיע „אַן אינסטיטוציע"? וואָס און ועמען וויל ער מבֿטל זיין...?"

נאָך דעם גיט א. טאַבאַטשניק צו: „איך האָב אָפּט דעם אײַנדרוק, אַז ער נעמט בכּלל ניט צו ערנסט דעם ענין פֿון רעצענזירן ביכער. אַוועקגעזעצט זיך, אָנגעכמאַליעט אַן אַרטיקל, אָנגעבראַײַעט, אָנגעלויבט אָדער אַרונטערגעריסן און גיי רוף אים קנאַקניסל". (א. טאַבאַטשניק, „דיכטער און דיכטונג", ז. 486, 487, 488, 491, ניו־יאָרק, 1965).

די יאָרן האָבן באַוויזן, אַז ניט קוקנדיק אויף א. טאַבאַטשניקס גאַנצער שאַרפֿקייט (און זײַן אָפּשאַץ וועגן באַשעוויסעס אומאַחריות בײַם שרײַבן איז דורכויס אַ ריכטיקער), איז ער געווען צו מילד צו באַשעוויס־זינגער. עס איז ניט געווען קיין שדל אין באַשעוויסן, וואָס „האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט", נאָר אַ גאַנצער שד, וואָס האָט זיך באַזעצט אין אים להשתּקע, וואָס קערעוועט אים און באַלעבאַטעוועט איבער אים און זײַן באַצי צו דער ייִדישער ליטעראַטור. עס איז, מסתּמא, מער ווי אַ שד (מיט אַ שד קאָן מען זיך ווי־ניט־ווי אַן עצה געבן. ווען ס'וועדט שוין

גאָר ביטער, פֿאַרשליסט מען אים אויפֿן בוידעם). עס איז אַן אָבסעסיע איבער וועלכער ער האָט ניט — בעסער געזאָגט, וויל ניט האָבן — קיין שום שליטה — מבטל צו זײַן די ייִדישע ליטעראַטור, פֿאַרלייקענען און באַליידיקן זי! און דערקלערן דערקלערט עס זיך, מסתמא, גאַנץ פּשוט: באַוווסטזיניק־אונטערבאַוווסטזיניק דאַרף באַשעוויס־זינגער דערנידעריקן די ייִדישע ליטעראַטור, כּדי זיך צו דערהייבן. און וואָס מער ער ווערט אָנגענומען אין דער ניט־ייִדישער וועלט, אַלץ מער וואַקסט בײַ אים אַליין אַן אַט דער אײַנרעד, די קליינשטעטלדיקע זעלבסט־אָפּנאַרערײַ, אַז מיט אים האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן דער מאָדערניזם אין דער ייִדישער ליטעראַטור, אַז ער האָט דאָס אויפֿגעפּראַלט טיר און טויער פֿאַר דער ייִדישער ליטעראַטור אַרײַנצושפּרײַזן ניט נאָר אין דעם היכל פֿון דער וועלט־ליטעראַטור, נאָר בכלל אין דער עפּאָכע פֿון מאָדערנעם ליטעראַרישן שאַפֿן. וואָלט דאָס אונדז אויך וויניק געאַרט. מיר מיינען, אַז יעדער איינער האָט די פֿולע רעכט אויף זײַנע אידיאָסינקראַטישע אײַנרעדן. אַן סכּנות, מע קאָן לעבן מיט דעם. דאָס אומגליק נעמט זיך אָבער פֿון דעם וואָס, כּדי צו באַווײַזן און איבערצײַגן די „גויִשע" וועלט, אַז ער איז דער איינציקער „מאָדערנער" ייִדישער שרײַבער, מוז באַשעוויס־זינגער, דער עיקר נאָך אויף „גויִש"־לשון — דעניגרירן די ייִדישע ליטעראַטור און פֿעלשן איר געשיכטע.

אַזוי שפּעט ווי אין 1978 שרייבט באַשעוויס־זינגער אַן זײַן קורצע נאָוועלע „ע יאַנג מען אין סוירטש אָוו לאָוו" („אַ יונגערמאַן וואָס זוכט ליבע"). ער באַצייכנט דאָס ווערק ווי אַן אויטאָביאָגראַפֿישע נאָוועלע. און הגם זייער פֿאַרנומען מיט זײַן ליבע־זוכעניש, שטעלט ער זיך עטלעכע מאָל אָפּ, גייט ממש אויסערן וועג, כּדי צו כאַראַקטעריזירן דעם פּראָווינציאַליזם און די צוריקגעשטאַנענקייט פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, ווי די סיבות וואָס האָבן אים געשטערט זיך איז איר אײַנצוגלידערן, און דעריבער האָט ער ניט געקאָנט מיטגיין מיטן דרך־המלך פֿון דער ייִדיש־שעפֿערישקייט און געמוזט פֿאַר זיך אויסלייגן זײַן אייגענעם וועג.

די ווײַטערדיקע עטלעכע ציטאַטן וועלן קאָפּטולירן דעם תּמצית פֿון באַשעוויסעס עוואַלואַציע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור:

„...די טעמעס וואָס די ייִדישע שרײַבער באַניצן זיך מיט זיי, און דאָס שרײַבן גופֿא האָט זיך מיר אויסגעוויזן ווי סענטימענטאַל, פּרימיטיוו, קליינלעך. צו אָפֿט האָט עס געהאַט צו טאָן מיט אַ מיידל, וואָס אירע על־טערן האָבן זי געוואָלט פֿאַרקנסן פֿאַר אַ יונגנמאַן, בעת זי האָט גאָר ליב געהאַט אימיצן אַנדערש... אָפֿט איז דאָס מיידל געקומען פֿון אַ רײַכער משפּחה און דער בחור איז געווען אַ זון פֿון אַ שנײַדער אָדער אַ שוס־טער... די ייִדישע ליטעראַטור איז געבליבן פּראָווינציעל און צוריק־געשטאַנען... די שפּראַך גופֿא איז געוואָרן אָפּשטויסלעך אי צו די גויים

און אי צו אַ סך מאָדערנע ייִדן... אַפּילו מענדעלע, שלום עליכם און פּרץ האָבן גערופֿן ייִדיש זשאַרגאָן"...(!) (זײַטל 7).

און אַ ביסל ווײַטער, אויף זײַטל 10: „די ייִדישע ליטעראַטור, און די העברעיִשע, האָבן אויסגעמיטן די גרויסע געשעענישן אין דער ייִדי־שער געשיכטע, די פֿאַלשע משיחים, די גירושים, דעם געצוווּנגענעם שמד, די עמאַנציפּאַציע און די אַסימילאַציע... די ייִדישע ליטעראַטור האָט איגנאָרירט די ייִדישע אונטערוועלט, די טויזנטער און צענער טויזנ־טער גנבֿים, אַלפֿאָנסן, פּראָסטיטוטקעס און ווײַסע שקלאַפֿן־הענדלער אין בוענאָס־אײַרעס, ריאָ־דע־זשאַניירא און אַפּילו אין וואַרשע. די ייִדישע לי־טעראַטור האָט מיך דערמאָנט אין מײַן טאַטנס בית־דין שטיבל ווו אַלץ איז געווען געאָסרט..." און זאָגנדיק, ווי מיר האָבן דערמאָנט פֿריִער, אַ האַלב גוט וואָרט וועגן שלום אַש, גיט באַשעוויס גלײַך צו: „זײַנע [שלום אַשס — א. ג.] מעשׂות דריקן אויס דעם פּאַטאָס פֿון פּראָווינציאַל, ווע־מען מען האָט צום ערשטן מאָל אין לעבן געוויזן די גרויסע וועלט אײַן ער דערציילט זיך אָן וועגן איר, נאָך דעם ווי ער קערט זיך אום צוריק אין שטעטל פֿון וואַנען ער איז אַוועק... אַזוי האָב איך אים [אַשן — א. ג.] געזען דעמאָלט און אַזאַ זע איך אים איצט..."

קנאַפּע הונדערט זײַטן שפּעטער (אויף זײַט 107), קומט ער ווידער צוריק צו דער טעמע: „די ייִדישע ליטעראַטור איז געבליבן נאַיִוו און פּרימיטיוו... אַפּילו איר ראַדיקאַליזם איז געווען פּראָווינציעל... די ייִדישע ליטעראַטור מיט איר סענטימענטאַליטעט און פּאַמעלעכן טעמפּאָ איז ניט געווען גרייט פֿאַר דער טראַנספֿאָרמאַציע" (באַשעוויס רעדט דאָ וועגן דעם עמאַנציפּירטן ייִדן און זײַן ציִען זיך צו דער דרויסנדיקער וועלט).

נאָך דעם גיט ער צו: „...צווישן די קאָמוניסטישע שרײַבער איז עס געוואָרן פֿאַשיאָנאַבל צו וואַרפֿן בלאָטע אויפֿן שטעטל און צו טענהן, אַז עס גייט אונטער. און אַפּילו דאָס האָבן זיי געטאָן אויף אַ קליינ־שטעטלדיקן אופֿן..."

אַ כראָנאָלאָגישע דיגרעסיע לשם קלאָרקייט:

יצחק באַשעוויס־זינגער איז געבוירן געוואָרן אין 1904. עס האָט אים גענומען אַ צאָל יאָרן זיך אַוועקצורײַסן פֿון פֿאָטערס בית־דין שטיבל און זיך אַרויסלאָזן אויף זײַן ליבע־זוכנדיקער אָדיסייע. גוט. משמע, אַז ער האָט באַדאַרפֿט אַלט זײַן ערגעץ אין די מיטן־צוואַנציקער יאָרן, ווען ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף זײַן עראָס־יאָגד — מיינט עס, אָן ערך, 1927—1930. צו יענער צײַט, דערציילט ער אונדז, איז ער געווען אַן אָפּ־טער אַרײַנגייער אויף טלאָמאַצקע 13, אין ייִדישן ליטעראַטן־פֿאַראיין, האָט געקענט די ייִדישע שרײַבערישע קרײַזן אין וואַרשע, האָט זיכער געהאַט געלייענט (אָדער געזען) די „כאַליאַסטרע" (כאָטש דעם ערשטן נומער וואָס איז אַרויס אין וואַרשע, אין 1922, ווען ער איז אַלט געווען 18 יאָר), האָט מסתּמא געהערט וואָס עס קומט פֿאָר אין קיִעוו, האָט געמוזט הערן

וועגן די „יונגע" און „אינזיכיסטן" אין אַמעריקע. בלײַבט אַ פֿראַגע: וואָס באַוועגט די פּען בײַ אַ ייִדישן שרײַבער — אין 1978 — אויסצומאָלן אַ פּאָרטרעט פֿון אַ פּרימיטיווער שמרשער ייִדישער ליטעראַטור: סענטימענ־טאַל, צוריקגעשטאַנען, קליינשטעטלדיק, וואָס גיט זיך אָפּ מיט מיידלעך וואָס ווילן חתונה האָבן און עלטערן וואָס שטערן די שידוכים א.א.וו. א.א.וו. — אַד נאַוזעאַם, ביז מיגל. איז נייטיק באַווײַזן, אַז עס איז ניטאָ די מינסטע ענלעכקייט צווישן דער ייִדישער ליטעראַטור אין די 20ער יאָרן און דעם הילפֿלאָזן ניט־געשטויגענעם פּרימיטיוו, וואָס באַשעוויס־זינגער מאָלט פֿאַר די „גויים"?

„סענטימענטאַל און פּרימיטיוו"? זײַנען דאָס געווען בערגעלסאָנס ווערק? ווײַסענבערגס? עוזר וואַרשאַווסקיס, אַלטער קאַציזנעס וואָס דאָס וואָרט מאָדערן זאָל ניט מיינען, איז איין בלעטל פֿון יונה ראָזענפֿעלד — אַפֿילו פֿון דעם וואָס ער האָט געשריבן אין ערשטן צענדלינג פֿון הײַנ־טיקן יאָרהונדערט — געווען מער „מאָדערן" ווי דאָס, וואָס באַשעוויס האָט געשריבן צוואַנציק און מער יאָרן שפּעטער! (פֿאַרגלײַכט יונה ראָ־זענפֿעלדס פּאַרטיפּטע פּסיכאָלאָגישע אַרײַנבליקן אין צעפּלאָנטערטן, פֿאַר־לוירענעם בן־אדם, אײַנגעשלאָסן זײַן ראַנגלען זיך מיט די אָפּטע סעקס־אַבעראַציעס).

צווישן 1925 און 1927 האָט דער קלעצקין־פֿאַרלאַג אין ווילנע אַרויס־געגעבן 7 ביכער פֿון ה. לייוויק (!), און צווישן 1929 און 1930 — 12 (יאָ, צוועלף!) בענד פֿון יוסף אָפּאַטאָשו. האָט דער יונגער ליבע־זוכער טאַקע ניט געוווּסט וועגן זיי? אַזוי פֿרי ווי אין 1919 האָבן די „אינזי־כיסטן" (לעיעלעס, מינקאָוו, גלאַטשטיין) אַרויסגעלאָזט זייער ליטעראַרישן מאַניפֿעסט. די סאָוועטישע — שוואַרצמאַן, האָפֿשטיין, און אַנדערע האָבן געשריבן אונטערן אײַנפֿלוס פֿון מאַיאַקאָווסקי און אַלעקסאַנדער בלאָק. משה בראָדערזאָן האָט אַרויסגעגעבן „יונג־ייִדיש" אין לאָדזש, פּרץ מאַרקישעס „די קופּע" איז אַרויס אין 1921, מלך ראַוויטש האָט געשריבן זײַנע „פּרע־היסטאָרישע לאַנדשאַפֿטן", אורי צבֿי גרינבערג — זײַנע עקספּרעסיאָ־ניסטישע לידער, אַרויסגעגעבן זײַן „אַלבאַטראָס" (1922־23) — זײַנען דאָס געווען די סענטימענטאַליסטן און די פּראָווינציאַלן ווען דער יונגער ליבע־דיאַגענעס האָט באַדאַרפֿט קומען און אויסלייזן פֿון פּרי־מיטיוויזם? דעמאָלט זײַנען געהאַט דערשינען „אייגנס" אין קיִעוו, דער „מילגרוים" אין בערלין (מיט בערגעלסאָן און דער נסתּר ווי די רעדאַק־טאָרן), אָדער — דער אָנהייב פֿון „יונג ווילנע", געציילטע יאָרן שפּעטער. פֿון זיי האָט דאָס דער שומר־המאָדערניזם באַדאַרפֿט ניצול ווערן? דאָס זײַנען די נעאַנדערטאַלע סופֿרים צו וועלכע באַשעוויס האָט זיך ניט געקענט משתּתּף זײַן?

מיר מיינען, אַז אַלץ וואָס דער יונגער י. באַשעוויס האָט דעמאָלט געשריבן איז קאָנסערוואַטיוו, ניט דרייסט און בלאָס אין פֿאַרגלײַך מיט

דעם וואָס די אַלע „אַלטמאָדישע״ פּראָווינציאַלן (און ווער ווייס ווי פיל נאָך, וואָס מיר האָבן ניט דערמאָנט) האָבן דעמאָלט געשאַפן.

לשם וואָס מבטל און מבזה זײַן אַ גאַנצע ליטעראַטור? כּדי זיך צו דערהייבן? סתּם „אָנכמאַליען״, ווי טאַבאַטשניק זאָגט, ליטעראַרישע אינטערמעצאָס וואָס דערנידעריקן אַ ליטעראַטור?

דאָס זעלבע — געווי דאָס זעלבע! — איז נוגע דעם זאָג, אַז די ייִדישע ליטעראַטור האָט איגנאָרירט די אונטערוועלט. ווען דער יונגער באַשעוויס האָט ניט געקאָנט אַרונטערשלינגען די צניעות פון דער ייִדי־שער ליטעראַטור, מחמת זי האָט ניט געזען די אונטערוועלט, האָט שלום אַש שוין געהאַט אָנגעשריבן זײַן „גאָט פון נקמה״ (1907), זײַן „מאָטקע גנבֿ״ (1918), און יוסף אָפּאַטאָשו אַ גאַנצן באַנד „אונטערוועלט״, זײַן „ראָמאַן פון אַ פערד־גנבֿ״ (1912); „פּיליפּ און זײַן זון מאָריס״, „פון ניו־יאָרקער געטאָ״ — אַרום 1914; און פישל בימקאָ זײַנע „גנבֿים״ (1919) און אין 1914 — „אויפן ברעג ווײַסל״ (שפּעטער באַקאַנט א. נ. „דעמבעס״), עוזר וואַרשאַווסקי זײַנע „שמוגליאַרעס״ (1920). אַפילו דער זיידע מענדעלע האָט שוין געהאַט געמאָלן אַ גאַנצע ריי אונטערוועלט־מענטשן אין „פישקע דער קרומער״, מיט 30 יאָר פריִער (אין 1869, שפּעטער באַאַרבעט אין 1888), 35 יאָר איידער י. באַשעוויס איז גע־בוירן געוואָרן!

אַקוראַט אַזוי איז ניט געשטויגן, אַז די ייִדישע ליטעראַטור האָט ניט אָפּגעשפּיגלט די נייע אינטעליגענץ. נאָמבערג און בערגעלסאָן גיבן זיך אָפּ מיט די אינטעליגענטן, די אַמעריקאַנער — איגנאַטאָוו, אָפּאַטאָשו, ברוך גלאַזמאַן, כּמעט אַלע „יונגע״ מאָלן זיי.

פונקט אַזוי איז אין גאַנצן קרום די באַהויפּטונג, אַז די „קאָמוניס־טישע״ שרײַבער וואַרפן בלאָטע אויפן שטעטל און פּראָקלאַמירן, אַז עס האַלט בײַם סוף. די גאַנצע ייִדישע ליטעראַטור, פון מענדעלע אָן, איז פאַרנומען מיטן שטעטל, מחמת דאָס שטעטל איז געווען די סבֿיבֿה און דער באָדן פון גאַנצן ייִדישן לעבן, די אָרעמע פון אַ שנעל אַנדערשווערנ־דיק לעבן. מענדעלעס „בנימין״ אַנטלויפט שוין פון טונעיאַדעווקע. גאַנץ שלום עליכם, ניט בלויז „מאָטל״, באַוועגט זיך אַוועק פון שטעטל. ניט צופעליק האָט שלום עליכם אָנגעשריבן אַזוי פיל „אײַזנבאַן־געשיכ־טעס״ — אַ גאַנץ פאָלק איז אין באַוועג. פּרץ מאָרמשפּט דאָס שטעטל אין זײַנע „בילדער פון אַ פּראָווינץ־רײַזע״. בערגעלסאָן טראָגט אַרויס דעם אורטייל אויפן שטעטל, ראַקיטנע, אין „אָפּגאַנג״ (י. ב. זינגער איז אַלט געווען 9 - 10 יאָר, ווען בערגעלסאָן האָט געשריבן „אָפּגאַנג״). א. רייזען באַווייינט דאָס אויסגייענדיקע שטעטל. האָט דער יונגער באַשעוויס־זינגער ניט געשפּירט די ירידה־און גסיסה־אַנגסטן, וואָס זײַנע אייגענע

טישעוויץ און פֿראַמפּל און קראַסניק און בילגאָריי גייען דורך אין גערענגל ניט אונטערצוגיין?

פֿאַרקערט: אויב אימיצער פֿאַרמשפּט דאָס שטעטל צום אונטערגאַנג איז עס י. ב. זינגער מיט זײַנע שדים. ער האַלט, אַז דאָס שטעטל איז שוין אַזוי פֿאַרלוירן, אַזוי פֿאַרזונקען אין טומאה, אַז ער גיט עס אַוועק צו דער טומאה, צו דער ממשלה פֿון שׂטן.

* *

*

דער יוצא לנו פֿון דעם וואָס מיר האָבן געזאָגט: פֿאַר אונדז גילט בפֿירוש און לגמרי ניט די דעקלאַראַציע פֿון דער שוועדישער קאָמיסיע, וואָס האָט צוגעטיילט יצחק באַשעוויס־זינגערן דעם נאָבעל פּריז, מחמת „...זײַנע ווערק שפּיגלען אָפּ דאָס לעבן פֿון די מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן וועלכע האָבן געלעבט אין די פּוילישע שטעט און שטעטלעך אין אָרעמ־קייט און פֿאַרפֿאָלגונג...”

ניין, באַשעוויס־זינגער שפּיגלט ניט אָפּ דאָס פּוילישע ייִדנטום. ער כאַפּט בלויז אַרויס ווינקלדיקע, צופֿעליקע און פּיקאַנטע פּאַרשוינען און סיטואַציעס פֿון דעם לעבן.

י. באַשעוויס־זינגער גיט דאָס, סוף־כּל־סוף, אַליין צו גאַנץ קלאָר און ניט צווייטײַטשיק. אין דעם אַרײַנפֿיר־וואָרט צו זײַן בוך „שאָשאַ” („פֿאַראַר־שטראַוס און זשירן”־פֿאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1978), שרײַבט ער: „די נאָוועלע רעפּרעזענטירט באין אופֿן ניט די ייִדן אין פּוילן אין דער פֿאַר־היטלער עפּאָכע. עס איז ניט מער ווי אַ דערציילונג פֿון עטלעכע אויסנעמיקע כאַראַקטערן אין אויסערגעוויינלעכע באַדינגונגען”.

משמע, אַז דער שרײַבער אַליין האָט אָנגעהויבן פֿילן, אַז זײַנע ווערק קאָנען באין אופֿן ניט פֿאַררעכנט ווערן ווי דער שפּיגל פֿאַר דעם לעבן פֿון איינעם פֿון די רײַכסטע און קאָליר־פֿולסטע קיבוצים אין דער 4,000־יאָריקער געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק — דאָס ייִדישע פּוילן. ער שפּיגלט אָפּ אַ ווינקל — עסאָטעריש, עקזאָטיש, אַפֿילו שפּאַנענדיק, אָבער: ניט מער ווי אַ ווינקל. און דערצו איז דאָס שפּיגלען — אַ קרום שפּיגלען, אָנגעשטעלט אויף אַן אויסטערליש, חצי־רעאַליסטיש — און גאַנץ פֿאַנטאַס־מאַגאָריש! — קעלער־ווינקל פֿון ייִדישן לעבן.

ד.

הגם אירווינג האַו דערמאָנט באַשעוויסעס „גלײַכגילט צו דער הו־

מאַניסטישער מאָראַל פֿון ייִדישיזם״* ווי איינע פֿון די סיבות, פֿאַרוואָס די ייִדישע ליטעראַרישע וועלט באַציט זיך צו אים „מיט אַ באַשטימטן חשד״ — איז עס ביי אים ניט מער ווי אַ מן־הצד־באַמערקונג, אַ מאַרגינאַלער געדאַנק. דער פֿאַקט איז, אַז כאָטש דער גוזמאַדיקער סעקסואַליזם האָט אָפּגעשטויסן אַ סך ייִדיש־שרייבערס און דאָס אַרומשפּילן זיך מיט שדים האָט אַרויסגערופֿן אומגעדולד און ווידערווילן — איז דער תּוך פֿון באַשעוויסעס פֿרעמדקייט און אָפּגעפֿרעמדטקייט פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור געלעגן אין אָט־דעם אַנטי־הומאַניזם זיינעם. דאָ איז געצויגן געוואָרן די באַזישע שיידליניע צווישן באַשעוויס־זינגער און דער גאַנצער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור. אמת, עס זיינען געווען גענוג פֿאַנטאַסמאַגאָרישע מאָמענטן אין דער ייִדישער ליטעראַטור. (אונדזער גאַנץ לעבן איז געווען איין שטיק פֿאַנטאַסמאַגאָריע!) אָבער עס שפּירט זיך תּמיד דער אינערלעכער — אָפֿט ניט מער ווי דורך דער לייכטסטער אימפּליקאַציע — ווידערשטאַנד צו דעם פֿאַנטאַסמאַגאָרישן. אויב עס בושוועט ערגעץ אַ בייזער חלום אין דער ייִדישער ליטעראַטור — ווי ביי שלום עליכמען, ווי ביי מאַנגערן, ווי ביי פּרצן, ווי ביי משה־לייב האַלפּערן, ווי ביי לייוויקן — ווערט אים אַלע מאָל אַנטקעגנגעשטעלט דאָס פּיינלעכע ראַנגלען זיך, כּדי זיך אויפֿצוכאַפּן און זיך אויסטשוכען פֿון קאָשמאַר. ביי באַשעוויסן דערקייקלט זיך דער בייזער חלום צו דער שדים־וועלט און לייזט זיך אויף אין דער וועלט פֿון שׂטן, משמע — ער פֿירט צום עולם התּוהו. ער טוט עס אָפֿט אָפּילו, ווען ניט די קינסטלערישע און ניט די היסטאָרישע לאָגיק פֿון דער זאַך פֿירט צו דעם. הייסט עס, אַז אין סאַמע תּוך האָט ער געלייקנט אין דעם גלויבן אין מענטשן, וואָס איז איינער פֿון די דערקען־סימנים פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַלע אירע אויסשטראַלונגען.

ס׳בעט זיך אַ צוגאָב־הסברה, כּדי אויסקלאָרן דעם ענין: די מאָדערנע ייִדישע ליטעראַטור פֿאַרקערפּערט אין זיך איינעם פֿון די נאַציאָנאַלע גרונט־שטריכן אין דער פּסיכאָלאָגיע פֿון פֿאָלק, אַ שטריך וואָס איז געוואָרן אַ סימן (אַ סימן? אַ פֿאָן!) פֿון ייִדישן קיום: זאָגן יאָ צום לעבן, בעת אַלע היסטאָרישע תּנאים טייטן אָן אויף ניין. ניט קיין אויפֿגעבלאָזענער אָפּטימיזם, וואָס וואַקסט אַרויס פֿון אַנגסט און פֿון יאוש, נאָר אַ פֿאַרוואָרצלטער — אמת, אָפֿט כּמעט ניט קיין ראַציאָנעלער! — גלויבן, אַז מע מוז קאָנען לעבן בלייבן: צי עס איז ה. לייוויקס „חתונה אין פֿערנ־

* ווערטערלעך: „הומאַנעם עטאָס״.

וואַלד״, אָדער הירש גליקס „זאָג ניט קיין מאָל״, אָדער שמעון דובנאָווס אונטערצייען אַ סך־הכל נאָכן אָפּשאַצן דעם אונטערגאַנג פֿון יהודה, אַז מען האָט געמוזט „אײַנהיטן די באַציִע אויף די רואינעס פֿון דער מלוכה״, צי די טאָטאַליטעט פֿון שלום עליכמס שאַפֿן.*

* *
*

אינטערעסאַנט, ווי שמואל ניגער ראַנגלט זיך (אין 1936) און פּרוּווט מיט אַ האַלב האַרץ מצדיק זײַן באַשעוויסעס „דער שטן אין גאָריי״, און לסוף פֿילט ער זיך אָפּגענאַרט פֿון באַשעוויסעס ווערק, מחמת די לייענער, „וואָס פֿילן אַז די אמתע נשמה פֿון אמתער קונסט איז יאָ און ניט ניין, גרויס און ניט קליין, ליכט און ניט פֿינצטערניש — זײַנען געגליכן צו די קינדער פֿון גאָריי וואָס וויינען און רײַסן זיך, הלמאי מען האָט זיי

* בלויז ווי אַ דוגמא, צו אַקצענטירן באַשעוויס־זינגערס דרויסנדיקייט פֿון דעם קלאַסישן און דויערנדיקן גרונט־טאָן פֿון דער יידישער ליטעראַטור, ציטירן מיר עטלעכע פֿערזן פֿון אברהם סוצקעווערס לידער, געשריבן אין דער ווילנער געטאָ, אין דעם יאָר 1943 (!):

„אין לעצטן גורל זעטיק מיך מיט גלויבן,
אַז מאָרגן וועלן זיבן זונען אויפֿגיין אין אַ טרער,
אַז ערגעץ נעמען שפּראָצן שוין אין אויסגעלייזטע שויבן
גבורים־קערנער, מאַכטיקע מיט ווילן און באַגער״.
(מערץ 2, 1943)

און לאָמיר שוין צוגעבן נאָך אַ ציטאַטע פֿון אברהם סוצקעווער (ביידע ציטאַטן זײַנען גענומען פֿון א. סוצקעווערס „די פֿעסטונג״, לידער און פּאָעמעס, פֿאַרלאַג איקוף, 1945):

„און דו וואָס דײַן נאָמען איז פֿאַלק
און דײַן פּנים —
אַ חרובֿע נעסט
אָן פֿייגל,
אָן טענער, —
קלעטער אַרויף אויף די טרעפּ פֿון דער נאַכט,
באַגעגן דעם אויפֿגאַנג
און שרײַ אים אַנטקעגן:
— רייניק מיך, זון, אויף דאָס נײַ
און זײַ מוחל.
אַלץ, וואָס געווען, איז דעם גורלס אַ טעות.

אָפּגענאַרט..." און שמואל ניגער שטעלט די פֿראַגע, צי איז „די גאַנצע וווּנדערלעכע קונסט באַשעוויסעס ניט מעוברת פֿון שׂטן?"

כאָטש אָפּגענאַרט, פּרוּווט ש. ניגער נאָך אַלץ זײַן מילד אין זײַן אָפּשאַץ פֿון דעם דעמאָלט נאָך יונגן קינסטלער. זיבן יאָר שפּעטער, אין 1943, ווען „דער שׂטן אין גאָריי און אַנדערע דערציילונגען" פֿון י. באַשעוויס איז דערשינען (אין פֿאַרלאַג „מתּנות", ניו יאָרק) רעדט שוין ש. ניגער אַנדערע רייד. אויב אין „דער שׂטן פֿון גאָריי" האָט ער נאָך געשפּירט „עפּעס אַ שטומע אַנצוהערעניש אויף דעם ווײַטן וועג פֿון אויסלייזונג, דער וועג פֿון ליכט... (איז) אין די דערציילונגען וואָס י. באַשעוויס האָט געשריבן דאָ אין לאַנד... כּולו חושך... ער (באַשעוויס) שטייט אַ דערשראָקענער פֿאַרן האַר פֿון פֿינצטערניש — אַ דערשראָקענער און אַ פֿאַרציטערטער און — ווער ווייס? — אפֿשר אויך אַ פֿאַרפֿירטער..."

כ'וועל צוגרייטן אמתע טעג אָנשטאָט קבֿרים,
כ'וועל אויסבויען אייגענע שטעט מיט מײַן אָרעם,
און דאָרטן וועט קומען די אייביקייט וווינען,
און טעג וועלן לײַכטן אין גילדענע קרוינען".

אָט ווי אינטענסיוו שמואל ניגער רעאַגירט אין זײַן אָפּשאַץ פֿון דעם בוך „די פֿעסטונג" אויף דעם אויבנדיקן ציטאַט פֿון סוצקעווער (דער עסיי איז געשריבן אין 1946. (זע: ש. ניגער „ייִדישע שרײַבער פֿון 20סטן יאָרהונדערט", באַנד 2, ז. 93, פֿאַרלאַג ייִדישער קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1973):

„און ווייסטו, ברודער לייענער, ווען דער יונגער נבֿיא פֿון יונג־ווילנע, פֿון אייביק־יונג־ווילנע, האָט געזאָגט אָט די נבֿיאות, — דעם 13טן פֿעברואַר, 1943! דאָס איז געווען די צײַט, ווען גאַנץ ווילנע, ווען דאָס גאַנצע פֿאָלק ישׂראל פֿון אייראָפּע איז געשלעפּט געוואָרן איבער די **טרעפּ פֿון דער נאַכט**, אָבער — ניט **אַרויף**, צום **אויפֿגאַנג**, נאָר **אַראָפּ**, צום אומקום, צום ברודער־קבֿר, צו פּאָנאַר, צו די גאַז־קאַמערן, צו די קרעמאַטאָריעס! דאָס איז געווען די ווירקלעכקייט, אָבער דער קרעאַטיווער מענטש הייבט זיך אויף איבער אירע פֿינצטערע און שטיקנדיקע גרענעצן, ער באַפֿרײַט זיך פֿון איר, און ווען זי שלעפּט אים **אַראָפּ** איבער די **טרעפּ פֿון דער נאַכט**, קלעטערט ער איבער די זעלביקע נאַכטיקע טרעפּ **אַרויף**, **אַרויף**, — צום אויפֿגאַנג, צו דער זון, צו דער אייביקייט".

(אַלע אונטערגעשטראָכענע ווערטער זײַנען אַקצענטירט אין ש. ניגערס אָריגינאַל).

און שמואל ניגער ענדיקט זײַן אָפּשאַץ וועגן באַשעוויסן: „ער גייט אויפֿן וועג פֿון י. ל. פּרצעס „פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן", אויפֿן וועג פֿון זײַן ייִדישער ראָמאַנטיק, נאָר אין אַ פֿאַרקערטער ריכטונג: פּרץ האָט אין דער ייִדישער פֿאָלק־מעשׂה אָדער פֿאָלק־פֿאַנטאַזיע געזוכט ליכט; באַשעוויס פֿירט אונדז אַרײַן אין דעם לאַבירינט פֿון אירע טונקלקייטן. פּרץ האָט אונדז געגעבן די ראָמאַנטיק פֿון קדושה... באַשעוויס האָט געוויזן אַז... אויך אין טומאה לויערט אַ תּהום מיט ראָמאַנטיק..." (ש. ניגער, דצ"וו, זז. 299 - 308).

כאָטש מיט דעם רובֿ פֿון די ציטירטע געדאַנקען, וואָס שמואל ניגער ברענגט אַרויס, זײַנען מיר אין גאַנצן מסכּים, איז אונדז בפּירוש ניט צום האַרצן און ניט צום גוסט זײַן פֿאַרגלײַכן באַשעוויסן מיט פּרצן. ראשית, זײַנען מיר גאָרניט זיכער צי באַשעוויס שפּאַרט זיך טאַקע אָן אויף דער ייִדישער מיטאָלאָגיע און ראָמאַנטיק, ווי י. ל. פּרץ. און שנית, פּרץ איז אַוועק צום עבֿר, כּדי אין אים צו געפֿינען אי ליכטיקייט און אי שיינקייט פֿאַרן הײַנט, אַ מין דויער און המשך פֿון פֿאָלקישע מידות טובֿות, אָן אָנטײַט אויף אַ באַהאַלטן ליכט, וואָס גליט דורך די דורות, כּדי ליכטיקער צו מאַכן דעם הײַנט. באַשעוויס וואָלגערט זיך אין אַ כּסדר־דיקער חשכות באַפֿעלקערט מיט לאַפּיטוטן און וואָלקאָלאַקעס, וואָס טראָגן גאָלע רשעות אויף זייערע הערנער, אָדער אין זייערע וואָלפֿציינער, אָדער אין זייערע הינערשע פֿיס.

דער פֿאַרגלײַך גופֿא איז, דאַכט זיך, ניט אין בעסטן טאָן. אַוודאי האָט פּרץ משפּיע געווען די מאָדערנע ייִדישע ליטעראַטור, אָבער דער טלית פֿון זײַן השפּעה איז בפּירוש ניט געווען אויסגעשפּרייט אויף באַ־שעוויסן. באַשעוויס איז אין סאַמע תּוך פֿון זײַן שאַפֿן די אַנטיטעזע פֿון פּרצן.

י. ל. פּרצעס פֿאַנטאַזיע, ווי יעדע פֿאַנטאַזיע, וואָרצלט אין רעאַלן לעבן, באַשעוויסעס אין אומראַציאָנעלן, פּרצעס — אין די ריינע קוואַלן פֿון דעם דרך־המלך פֿון דער דורותדיקער פֿאָלקישער מעשׂהדיקייט, שע־פֿערישקייט און האָפֿערדיקייט, באַשעוויסעס — אין די נאַכטיקע היני־טערגעסלעך פֿון לייקענונג, פּאַראַנאָיע און קרענקלעכן ווירוואַר, וואָס זײַ־נען ס'רובֿ אַפֿילו ניט ייִדיש־פֿאָלקיש אין זייער אָפּשטאַם און בראשית. פּרץ וואַרפֿט אָפּ וועגנוסן און קלײַבט זיך אויס שולמית, באַשעוויס האַליו־בעט זיך מיט דער באַבאַ יאַגאַ ווי מיט אַ פּילגש.

כּדי זײַן יושרדיק צו שמואל ניגערן, זײַנען מיר זיך משער, אַז בלויז דער ווונטש־געדאַנק — און דער פֿאַרלאַנג צו זײַן לײַטזעליק צו אַ יונגן שרײַבער — האָבן אים, אין 1936, דערלאָזט זיך אַרויסכאַפּן מיט דעם אויסדרוק, „ער טראָגט אין זיך מענדעלען און פּרצן און אונדזער גאַנצע קולטור־טראַדיציע..."

דער חוש פֿון קריטיקער איז פֿאָרט בײַגעשטאַנען ש. ניגערן, ווײַל ער

פֿאַרענדיקט דעם זאַץ מיט „לאַכט ער פֿון זיי [ד. ה. פֿון מענדעלען און פּרצן — א. ג.] אויך?" (דצ"וו, ז. 300).

דאָס גאַנצע שפּעטערדיקע שאַפֿן — הן אין בעלעטריסטיק און הן אין פּובליציסטיק — פֿון י. באַשעוויס האָבן באַרעכטיקט ש. ניגערס חשד און אומרו — ער האָט ניט נאָר געלאַכט פֿון זיי, ער האָט זיי מבֿזה גע־ווען — אי מענדעלען, אי פּרצן, אי די גאַנצע ליטעראַטור וואָס דער ערשטער האָט געזיידעט און דער צווייטער געפֿאָטערט.

* *
*

„דער גלײַכגילט צום הומאַנעם עטאָס פֿון ייִדישיזם" איז בײַ באַ־שעוויסן ניט קיין פֿאַרגייִיקע קאַטעגאָריע, נאָר אַ באַוווסטזיניקע און דווי־ערנדיקע שיטה אויף וועלכער עס שפּאַרט זיך אָן הן זײַן באַצי און הן זײַן אָפּשאַץ פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. דעם ייִדישן לייענער איבער דער וועלט, וואָס איז ניט באַקאַנט מיט באַשעוויסעס בעלעטריסטישע און פּובליציסטישע אַרויסזאָגונגען אויף ענגליש, וועלן זיכער זײַן אינטע־רעסאַנט נאָך אַ צאָל געדאַנקען זײַנע בשײַכות מיט דער ליטעראַטור פֿון וועלכער ער איז אַרויסגעוואַקסן.

אין 1973 איז י. באַשעוויס אינטערוויוירט געוואָרן אויף דער ראַדיאָ פֿון דעם יעיל־אוניווערסיטעט אין ניו־הייווען. אין תּוך זײַנען די אי־דעעס, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט אין דעם אינטערוויו, פֿון זעלבן גוס ווי די פֿריִער ציטירטע קריטישע אינטערמעצאָס אין זײַן אויטאָביאָ־גראַפֿישער נאָוועלע „ע יאַנגמאַן אין סורטש אָוו לאַוו". (אַלץ וואָס מיר ציטירן דאָ איז גענומען פֿון אַ באַריכט אין דער „ניו־יאָרק טײַמס", זונ־טיק, אויגוסט 19, 1973).

„דער אמת איז, אַז די ייִדישיסטן באַטראַכטן מיך ניט ווי אַ שרײַ־בער וואָס שרײַבט אין זייער טראַדיציע. איך אַליין האַלט זיך אויך ניט פֿאַר אַ שרײַבער אין זייער טראַדיציע. איך קוק אויף זיך ווי אַ שרײַ־בער אין דער ייִדישער [דאָס ענגלישע וואָרט דזשוּאִיש, געמיינט: ייִדיש־פֿאָלקישער, ייִדיש־נאַציאָנאַלער — א. ג.] טראַדיציע, אָבער ניט געווי אין דער ייִדישער [אין ענגליש יידיש, געמיינט: ייִדיש־שפּראַכלעכער — א. ג.] טראַדיציע".

און כּדי עס זאָל ניט בלײַבן קיין שום ספֿק וועגן דעם וואָס ער איז אויסן, גיט ער צו:

„די ייִדיש־טראַדיציע, כּפֿי דעתּי, איז אַ טראַדיציע פֿון סענטימענ־טאַלישקייט און סאָציאַלער גערעכטיקייט. דאָס זײַנען די צוויי פּילאַרן, אַזוי צו זאָגן, פֿון דעם סאָרט ייִדיש־עמאָציעס. זיי [געמיינט: די ייִדישע

שרײַבערס — א. ג.] זײַנען אַלע מאָל פֿאַר דעם אונטערדריקטן,* כּסדר פֿאַר אים, און זיי זיינען אַלע מאָל סענטימענטאַל. ווען איך האָב אָנגעהויבן שרײַבן, האָב איך גלײַך דערשפּירט, אַז אַזאַ מין טראַדיציע איז ניט אין מײַן כאַראַקטער. איך בין בטבֿע ניט קיין סענטימענטאַלער מענטש. און מיט סענטימענטאַל מיין איך בפּועל ממש סענטימענטאַל. לאָמיר עס אָנרופֿן מיטן אמתן נאָמען — שמאַלץ.** עס ליגט אויך ניט אין מײַן טבֿע זיך צו ראַנגלען פֿאַר סאָציאַלן יושר, כאָטש איך בין פֿאַר סאָציאַלן יושר...״

און כּדי זיך אין גאַנצן אָפּצוגרענעצן פֿון דעם ״יִדישיזם״, גיט באַשעוויס צו:

„דער יִדישיזם איז שטאַרק באַאײַנפֿלוסט געוואָרן פֿון סאָציאַליזם. דער יִדישיזם איז פּראַקטיש זייער אַ יונגע באַוועגונג — ניט מער ווי אַ 70־80 יאָר אַלט. די באַוועגונג איז באַאײַנפֿלוסט געוואָרן פֿון קאַרל מאַרקסן און די אַלע אַנדערע, אַזוי גערופֿענע בעלי־טובֿות...״ ***

דאָס איז, בקיצור, דער תּמצית פֿון י. באַשעוויסעס פּאָסטולאַטן. פֿון זיי דרינגען אַרויס די תּוכיקע קאָמפּאָנענטן און די אַלגעמיינע סכעמע פֿון זײַן געדאַנקען־גאַנג בשײַכות מיט דער יִדישער ליטעראַטור:

א) די יִדישע ליטעראַטור, מיטן אויסנאַם פֿון באַשעוויס זינגער, איז ניט פֿאַרבונדן מיט דער אַלגעמיין פֿאָלקישער יִדישער („דזשואיש״) טראַדיציע.

ב) די יִדישע ליטעראַטור לײַדט פֿון אַ געבורט־פֿעלער, פֿון וועלכער באַשעוויס האָט זיך באַפֿרײַט: זי שטעלט זיך אײַן פֿאַר דעם אונטערדריקטן און זי זוכט סאָציאַלע גערעכטיקייט.

ג) ווי אַ רעזולטאַט פֿון דעם איז די ליטעראַטור אַ סענטימענטאַלע, אַן אײַנגעטונקענע אין „שמאַלץ״.

עס איז כּדאַי צו פּרוּוון (בפּירוש ניט אין דעטאַל, מחמת דאָס וואָלט געמיינט זיך רײַסן אין אַן אָפֿענער טיר, וואָס איז געבליבן אַ פֿאַרמאַכטע בלויז פֿאַר באַשעוויס־זינגערן) אַנאַליזירן די עטלעכע אײַנווענדונגען, געבורט־דעפֿעקטן, וואָס באַשעוויס געפֿינט אין דער יִדישער ליטעראַטור.

(א) י. באַשעוויס־זינגער דערקלערט זיך ווי דער איינציקער וואָס האָט זיך באַפֿרײַט פֿון דער מאָדערנער יִדיש־יִדישער ליטעראַטור־טראַדיציע און האָט אַריבערגעשפּאַנט דעם איצט און ציט זײַן יניקה פֿון דער

---

* באַשעוויס ניצט דעם ענגלישן טערמין „אַנדערדאָג״ — געמיינט: דער הונט וואָס ווערט צום מיינסטן פֿאַרפֿאַלגט, דער געשלאָגנסטער, דער באַעוולטסטער.

** דאָס יִדישע וואָרט 'שמאַלץ' איז אַרײַן אין ענגלישן לשון אין זין פֿון ביליקער סענטימענטאַלקייט — לאַקרעצדיק, ביליק, צעקראָכן, גוזמאדיק.

*** אין ענגליש — „דו גודערס״, ד. ה. „גוטס־טוערס״ (איראָניש).

ביבל, דעם תּלמוד און, בעיקר, פֿון דער קבלה. די אימפּליקאַציע דאַרף זײַן, אַז די ייִדישע ליטעראַטור איז — ווי ווענוס פֿון שוים פֿון ים, אָדער ווי פּרץ זאָגט עס „ווענוס שפּרינגט אַרויס פֿון פּיאַנע״ — געבוירן געוואָרן פֿון זיך אַליין, אָן טראַדיציע און אָן פֿעדעם מיט דער פֿריִערדיקער יצירה פֿון פֿאָלק.

לעכערלעך. די ייִדישע ליטעראַטור איז אײַנגעטונקען אין די טויזנטער־יאָריקער שעפֿערישקייט פֿון פֿאָלק, ביזן סאַמע אָנהייב פֿון דער אומה. די פֿעדעם ציִען זיך צוריק ביזן תּנ״ך, ביזן תּלמוד, ביז דער קבלה, ביז די אוראַלטע לעגענדעס פֿון פֿאָלק, דורך דעם מיטלאַלטער, ביז חסידות, ביז דער השׂכּלה. ווי שטאַרק די ייִדישע ליטעראַטור איז פֿאַרבונדן מיטן איצט, מיט דער ייִדישער מאָדערניטעט איז זי אָנגעלאָדן מיט טראַדיציע, מיט נוסח, טראָגט אויף זיך דעם עול פֿון דורות — ניט ווי אַ משׂא, נאָר ווי אַ פֿאַרבינדשנור — און באַטראַכט זיך ווי דער המשך פֿון אַלץ וואָס דאָס פֿאָלק האָט פֿריִער געשאַפֿן. (הייסט עס: אַלץ וואָס איז „ייִדיש״ איז בטבֿע און בגעשיכטע קנאַקיק־תּוכיק „דזשוּאיש״!).

ניט שייך געבן דוגמאות און דערמאָנען איינעם אָדער אַ צווייטן, אָדער אַ צענטן פֿון אונדזערע וואָרטשאַפֿערס.

(ב) דער חטא פֿון אײַנשטעלן זיך פֿאַר דעם אונטערדריקטן און זוכן סאָציאַלן יושר. דאָ איז באַשעוויס אין גאַנצן גערעכט. אמנם חטאה — זי האָט בפֿירוש געזינדיקט, די ייִדישע ליטעראַטור, און באַשעוויס האָט זייער לײַכט געקאָנט אָנהענגען דעם זעלבן חטא אויף דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור, ניט בלויז אויף דער ייִדישער. בדרך כּלל, אין גאַנג פֿון די דורות, זײַנען ס׳רובֿ גרויסע קינסטלערס פֿון דער וועלט אַלע מאָל געווען אויפֿן צד פֿון דעם אָרעמען מענטשן און זיך אײַנגעשטעלט פֿאַר אים.

אין דער־אָ ניט־שיינער טראַדיציע איז שולדיק ניט קיין אַנדערער, ווי דער זיידע מענדעלע אַליין (און אַ ביסל אויך די משׂכּילים פֿאַר אים, און אַ ביסל די נבֿיאים פֿאַר זיי). מענדעלע האָט מיט אָט דער חולאת אָנגעשטעקט פּרצן און שלום עליכמען און נאָך דעם האָט זיך דער צווייטער דור אָנגענומען פֿון די ערשטע — אברהם רייזען און דוד בערגעלסאָן, און די „יונגע״ אין אַמעריקע — משה לייב האַלפּערן און יוסף אָפּאַטאָשו און ה. לייוויק, און א. ראַבאָי, וגם די ערשטע פּראָלעטאַרישע שרײַבערס און די סאָוועטישע און די „אינזיכיסטן״ מיט גלאַטשטיינען בראש, אַפֿילו באַשעוויס־זינגערס עלטערער ברודער י. י. זינגער — אַן אמתער אונטערגאַנג, אַן עפּידעמיע פֿון סאָציאַלן יושר האָט אַרומגעכאַפּט אַ ליטעראַטור פֿון עטלעכע דורות. צו דער עדה (און זי נעמט אַרום דעם רובֿ מנין פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור!) קאָן מען באַשעוויסן, ווײַזט אויס, ניט צורעכענען.

דעם פּסק־דין אויף אים האָט אַרויסגעטראָגן, מיט קנאַפּע 120 יאָר צוריק, נאָך דער זיידע מענדעלע, דער אַרצי־„טראָבל״־מאַכער פֿון סאָציאַלן

יושריזם אין דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור. אָמר רב מענדעלע, האָט דער אַלטער מוכר־ספֿרים אַזוי געזאָגט, אין זײַן „עין משפּט״:

„...אַ פֿאָלק און זײַן ליטעראַטור פֿאַרבינדן זיך אין איינעם צו זײַן סײַ אַ ווירקונג, סײַ באַווירקט, און זײַענדיק אַ רעזולטאַט, ווערט די ליטעראַטור אויך צוריק אַ ווירקנדיקער פֿאַקטאָר, און דערין ליגט איר קראַפֿט, פֿון זיך אַליין צו ווערן אַ נויטווענדיקייט און אייגנס פֿונעם גאַנצן פֿאָלק. אָבער אַ ליטעראַטור, וואָס האָט ניט קיין שײַכות צום פֿאָלק און צו זײַן נויט און וואָס ווערט פֿון דעם ניט באַווירקט — קאָן אויך קיינעם ניט באַווירקן. זי איז איבעריק אינעם לעבן. דאָס פֿאָלק חידושט זיך, וואָס אַזאַ ליטעראַטור איז נאָך פֿאַראַן, און פֿרעגט: צו וואָס איז זי, וואָס וויל זי, וואָסער הילף ברענגט זי? — וואָס טוט אויף און וואָס נוצט אַזאַ שרײַבער? וואָס טויג אַזאַ סטיליסט, און די דאָזיקע שרײַבער ווערן צעטומלט און וויסן ניט צו ענטפֿערן עפּעס רעכטס...״

און גיי פּאַס אַרײַן באַשעוויס־זינגערן אין אָט דעם סאָציאַלן־יושר־סדום־בעטל, וואָס אַן אַלטמאָדישער ייִד האָט אויסגעמײַסטרעוועט פֿאַר אַ ליטעראַטור.

קומען מיר צו דעם פּונקט (ג) — די מעשׂה מיט סענטימענטאַליזם, און דער עיקר מיט דעם חנעוודיקן שמאַלץ־שילדל וואָס באַשעוויס־זינגער הענגט אָן דער גאַנצער ייִדישער ליטעראַטור:

יצחק לייבוש פּרץ, שלום עליכם און די אַלע גרויסע בעלי־רחמים, וואָס האָבן געשאַפֿן די ייִדישע ליטעראַטור אין משך פֿון לעצטן יאָר־הונדערט, זײַנען דאָס געווען די „שמאַלץ־סוחרים״? משה לייב האַלפּערן, און י. י. זינגער האָבן געהאַנדלט מיט ביליקן סענטימענטאַליזם און שמאַלציקע עמאָציעס?

וואָס מיינט דאָס אַלץ? אָדער ניט פֿאַרשטיין די ייִדישע ליטעראַטור, אָדער — וואָס איז נאָך ערגער — סתּם זי מבֿזה זײַן! (אַגבֿ: באַשעוויס־זינגער האָט דאָס שוין איין מאָל פֿריִער געטאָן — דאַכט זיך אין אַ בריוו אין דער „ניו יאָרק טײַמס״ — ווו ער באַצייכנט שלום עליכמען שיר ניט ווי אַ מין פּרימיטיוון פֿאָלקס־שרײַבער — אַ שטייגער: אַ ייִדישע גרענדמאַ מאָזעס — מחמת יענער האָט זיך כּסדר געווענדט צום לייענער און אים אַדרעסירט: „ליבער לעזער״ — „דיר רידער״ — בעת ער, באַשעוויס־זינגער, זעט ניט פֿאַר זיך דעם לייענער בײַם שרײַבן).

פֿון דעם ערשטן זאָג פֿון זיידן מענדעלע, בעת ער איז אַריבערגעגאַנגען פֿון העברעיִש צו ייִדיש — „ארחם את יהודית״, איך וועל זיך דערבאַרעמען אויף ייִדיש, (מיר טײַטשן יהודית, מיט אַ כּיוון, אי ווי דאָס פֿאָלק און אי ווי דאָס לשון), איז דער טאָן פֿון דערבאַרעמונג, פֿון רחמים, געבליבן דער גרונט־מאָטיוו פֿון דער מאָדערנער ייִדישער ליטע־

ראַטור. אָבער רחמים איז ניט רחמנות און דערבאַרעמקייט מיינט בפירוש ניט סענטימענטאַליזם, שוין אָפּגערעדט פון „שמאַלץ".

ניט דער סאָציאַלער באַוווסטזיין, און ניט די אינטימקייט מיטן פאָלק און אוודאי און אוודאי ניט די סאָציאַלע סאַטירע, וואָס איז געווען אַ הויך־שטריך פון דער יידישער ליטעראַטור, האָבן דערלאָזט סענטימענטאַליזם. די יידישע ליטעראַטור, כמעט אָן אויסנעם, וואָס האָט באַטראַכט ווי איר ציל דאָס אַריבערפירן דאָס פאָלק איבער היסטאָרישע שוועלן — פון איין עפּאָכע אין דער צווייטער, פון איין לאַנד אין דעם צווייטן — האָט זיך קיין מאָל ניט צוריקגעהאַלטן פון שאַרפער קריטיק אויפן השבון פון פאָלק, זיין צוריקגעשטאַנענקייט און זיינע חסרונות. און יעדער בר־דעת ווייס, אַז קריטיק און סאַטירע שליסן אויטאָמאַטיש אויס סענטימענטאַלישקייט (פאַראַן אַזעלכע, און ניט בלויז אין ישראל, וואָס קאָנען עד־היום ניט מוחל זיין דעם זיידן מענדעלע זיין שאַרפע סאַטירע).

פאַראַן נאָך אַ שטריך אין באַשעוויס־זינגערס צוגאַנג צו ליטעראַטור, וואָס איז אויך קעגן דער טבֿע פון דער יידישער ליטעראַטור.

יצחק באַשעוויס־זינגער שטרייכט כסדר אונטער, אַז דער ציל פון ליטעראַטור איז צו אַמוזירן, צו פאַרשאַפן פאַרגעניגן. אין דעם „פאָרווערטס" פון 6טן אָקטאָבער 1978, גלייך נאָך דעם ווי ער איז געוואויר געוואָרן, אַז ער האָט געוווּנען דעם נאָבעל־פּריז און דער רעפּאָרטער פון דער צייטונג, נאָך אַ צאָל אַנדערע פראַגעס, פרעגט אים וואָס ער וועט לערנען זיינע סטודענטן אין דעם קורס פון „קרעאַטיוו שרייבן" אין מיאַמי־אוניווערסיטעט, ענטפערט באַשעוויס:

„איך וועל זיי זאָגן דאָס, וואָס אַנדערע פּראָפעסאָרן זאָגן נישט, אַז די הויפּט־אויפגאַבע פון ליטעראַטור איז צו פאַרשאַפן דעם לייענער פאַרגעניגן. איך גלויב נישט, אַז שרייבער דאַרפן דערפירן דעם לייענער ער זאָל זיך פילן שולדיק. די שרייבער פון 19טן יאָרהונדערט זיינען געווען געערעכט, וואָס זיי האָבן זיך באַמיט צו פאַרוויילן די לייענער, אַזוי ווי טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי, גאָגאָל און פלאָבער".

טשיקאָווע ביז גאָר ווען יצחק באַשעוויס־זינגער איז כולל אין דעם קריין פון שרייבער־אַמוזירער — טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי, פלאָבער, גאָגאָל.

זיין נאָבעל־לעקציע, געהאַלטן אין דער שוועדישער אַקאַדעמיע דעם 8טן דעצעמבער 1978, הייבט באַשעוויס אָן מיט די ווערטער:

„דער דערציילער פון אונדזער צייט, ווי פון אַלע צייטן, מוז זיין און פאַרבלייבן אַ פאַרווילער אין בעסטן זין פון וואָרט, נישט אַ פאַרשפּרייטער פון פּאָליטישע אָדער סאָציאַלע אידעאַלן. ס'איז ניטאָ קיין גן־עדן פאַר פאַרלאַנגווייליקטע לייענערס און קיין שום פאַרענטפערונג פאַר ליטעראַטור

וואָס אינטערעסירט ניט דעם לייענער, דערהייבט ניט זײַן געמיט, גיט אים ניט די פרייד און די פאַרגעסונג (אונדזער קורסיוו) וואָס וואָרע קונסט איז...״

ווידער אַ מאָל — פאַרווײַלער און דער וואָס העלפט פאַרגעסן — און דאָס אַלץ אין אַ ליטעראַטור בײַ וועמען תיקון־עולם און גאולה גייען דורך ווי אירע סאַמע בולטסטע סימנים.

די באַר וואָס דערמאָנטע ווערטער זײַנען געזאָגט געוואָרן אין 1978. לאָמיר אַנטקעגנשטעלן באַשעוויסעס רייד אַ קליינעם ציטאַט, אויך פון אַ נאָבעל־פּריז געווינער, און אויך אַ ייִד, כאָטש ער שרײַבט ניט אין ייִדיש, מיט צוויי יאָר פריִער, אין 1976:

„עס זײַנען געווען אייראָפּעיִשע שרײַבערס אין 19טן יאָרהונדערט, וואָס וואָלטן קיין מאָל ניט אויפגעגעבן די שײַכות צווישן ליטעראַטור און דעם מענטשנס שטרעבן צו טאָן. דער בלויזער געדאַנק וואָלט שאָקירט טאָלסטאָיען און דאָסטאָיעווסקין...״

און קריטיקירנדיק די מאָדערנע ליטעראַטור, זאָגט ער: „אָבער אין מערב איז פאָרגעקומען אַ פונאַנדערשייד צווישן גרויסע קינסטלערס און דעם אַלגעמיינעם לייענער־עולם. זיי (די שרײַבערס) האָבן אַנטוויקלט אַ קענטיקן ביטול צום דורכשניטלעכן לייענער... [זיי האָבן געליטן פון] אַ באַשטימטער טראַגישער שוואַכקייט וואָס האָט ניט דערלאָזט, אַז זיי זאָלן זײַן אי פּשוט און אי אמתדיק...״

און ער פאַרענדיקט, סאָל בעלאָ:

„...דאָס אַלץ ברענגט מיך צום באַנײַטן גלויבן, אַז דאָס גוטע צו וועלכן מיר קלאַמערן זיך אַזוי פאַרעקשנט — אין פּנים פון רשעות, אַזוי אײַנגעשפּאַרט — איז ניט קיין אילוזיע״. (מײַן קורסיוו — א. ג.).

דאַכט זיך, ס׳איז גאָרניט שווער צו משפּטן ווער פון די צוויי נאָבעל־פּריז־געווינערס איז נאָענטער צום גײַסט פון הומאַניזם פון דער גרויסער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס איז געשאַפן געוואָרן במשך די לעצטע הונדערט יאָר — דער אַמעריקאַנער ייִדישער שרײַבער, וואָס שרײַבט אין ענגליש, סאָל בעלאָ, צי יצחק באַשעוויס־זינגער, וואָס שרײַבט אין ייִדיש?